STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03500

YIDISH FAR DERVAKSENE

E. Falkovich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ע. פאלקאָוויטש

יידיש
פאר דערוואקסענע

ערשטער טייל

פאָנעטיק, גראמאטיק און אָרטאָגראפיע

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1936

איז ארופ אפ די ברעטער א קרעפטיקער יונג
(א באריכט פונ דער ארבעט צומ יאָנטעוו),
רעדט ער אונ שלעפט אזא וואָגיקע צונג,
אונ אינמיטנ באריכט — זיכ פארפלאָנטערט.

(כאריק)

פאָרוואָרט

דאָס איז א קורס פאר דערוואקסענע. דאָ ווערט ווידער געמאכט א פרווו צו געבנ דעמ דערוואקסענעמ, וואָס האָט קײנ יידיש (שפּראכ) ספּעציעל ניט געלערנט אָדער ווייניק געלערנט, א לערנביכל אפ שפּראכ.

צוליב באקוועמלעכקײט איז דער קורס אײַנגעטײלט אינ צוויי טײלנ. אינעמ ערשטנ טײל איז געגעבנ מאטעריאל וועגנ פאָנעטיק, וועגנ גראמאטיק (וואָרטבילדונג אונ וואָרט־סטרוקטור, זאצסטרוקטור אונ וואָרטקלאסנ) אונ וועגנ אָרטאָגראפיע. אינעמ צווייטנ טײל איז געגעבנ מאטעריאל וועגנ גראמאטיק (קאָמפּליצירטערע זאצסטרוקטורנ), וועגנ פּונקטואציע אונ וועגנ בוכארבעט. (מאטעריאל וועגנ לעקסיק־סעמאנטיק אונ ביכלאל וועגנ שפּראכ—וועט געגעבנ ווערנ אינ א באזונדערנ טײל, וואָס איז נאָכ דערווײַל צומ דרוק ניט גרייט).

אינעמ לערנביכל ווערנ אָפּט געמאכט די אָדער יענע באמערקונגענ, וואָס ביכלאל מײַדט מענ זיי אויס אינ אזא טיפּ ביכל ווי דאָס דאָזיקע. אהער געהערנ אייניקע היסטאָרישע עקסקורסנ, בײַשפּילנ פונ אנדערע שפּראכנ, ציטאטנ, פוסנאָטיצנ אונ די אָנווײַזנ אפ ליטעראטור. דאָס אלצ איז געגעבנ פאר דעמ מער ערנסטנ קורסאנט, וואָס פאראינטערעסירט זיכ אמאָל מיט דער אָדער יענער פראגע אונ האָט כײשעק זי א ביסל טיפער צו באטראכטנ. דעריבער איז אויסגעקומענ טײלווײַז צו ברעכנ דעמ קאנאָנ פונ א לערנבוכ.

די שווערע טעמעס זײַנענ אינעמ ביכל אונטערגעטראָגנ ווי ווײַט מעגלעכ ברייט אונ פּאָפּולער. דאָס וועט געבנ דעמ לערער די מעגלעכקײט צו אקטיוויזירנ בא א ריי לימודימ די מעטאָדנ פונ דער ארבעט. צוליבנ מאנגל אינ אָרט איז אינעמ ביכל ביז גאָר ווייניק מאטעריאל צומ לייענענ. אזא מאטעריאל וועט דער לערער דארפנ צוקלײַבנ זעלבסט. אייניקע טעמעס אָדער סובטעמעס פונעמ ביכל (באזונדערס פונעמ אָפּטייל „רייד אונ שריפט”) זײַנענ ניט פאר אלע גרופּעס גלײַכ וויכטיק. קעדיי דורכצופירנ מיט די קורסאנטנ די דאָזיקע טעמעס, וועט דער לערער דארפנ ארויסווײַזנ פיל מעטאָדישע אונ אָרגאניזאציאָנעלע איניציאטיוו אפ אוועקצושטעלנ די ארבעט אזוי, אז יעדער אײנער פונ דער גרופּע זאָל לערנענ דאָס, וואָס ער ווייסט ניט, אונ דאָס, וואָס איז פאר אימ וויכטיק.

ווײַטער איז אומבאדינגט נייטיק, אז דער לערער זאָל ניט אָנהייבנ גלײַכ פונ פּראקטישער ארבעט. ער דארפ אינ זײַנע ערשטע מיט דער גרופּע באגעגענישנ פאָר א שמועס טאָג מיט איר וועגנ די צילנ פונעמ שפּראכלימעד. ער דארפ די גרופּע אופמערקזאמ מאכנ אפנ קלאסנקאמפּ, וואָס קומט פאָר ארומ שפּראכפראגעס (אָפּט אפילע ארומ אָרטאָגראפיש־גראפישע מאָמענטנ), אפ דער וויכטיקײט פונ אנ אייגהײַטלעכער ליטערארישער שפּראכ אונ אויסשפּראכ אונ ביכלאל אפ דער קולטור־רעוואָליוציאָנערער נייטיקײט פונ באהערשנ אזא מעכטיק סאָציאל געוועער ווי דאָס וואָרט.

דער לערער דארפ אינ זײַנע ערשטע שמועסנ אויכ באקאנענ די גרופּע מיט די עלעמענטארסטע היגיענישע אונ אָרגאניזאציאָנעלע מאָמענטנ פונ אינטעלעקטועלער ארבעט. וויאזוי אשטייגער צו זיצנ באמ לייענענ אונ שרײַבנ, וויאזוי צו געפינענ א בוכ אינ א קאטאלאָג,

וויאזוי צו געפינענ דעמ נייטיקנ מאטעריאל אינ א בוכ, אינ א צײַטונג; די סיסטעמ פונ פארשרײַבנ פארשיידענע יעדיעס, פונ קאָנספעקטירנ לעקציעס, פונ ארבעטנ לויט באשטימטע פארגעבונגענ אאוו.

ס׳איז אויכ אומבאדינגט נייטיק, אז איידער דער לערער וועט נעמענ ארבעטנ לויטנ דאָזיקנ ביכל, זאָל ער עס פריער דורכלייענענ אינגאנצנ, קעדיי ער זאָל האָבנ א פאָרשטעלונג וועגנ דער קוואליטעט אונ וועגנ דעמ סיידער פונעמ מאטעריאל אונ קעדיי ער זאָל קאָנענ צוגרייטנ צוגאָב־מאטעריאל צומ פאראנענעמ אָדער בעסערנ פונעמ פאראנענעמ, אויב דאָס וועט זיכ פאָדערנ.

דער לערער דארפ אויכ אומבאדינגט פריער דורכשטודירנ אונ אליינ דורכמאכנ די אופגאבעס. דיסקאָנטירנדיק די צוגעפאסטקײַט פונ די אָדער יענע אופגאבעס צו דער קאָנקרעטער אאודיטאָריע אונ די צײַט, וואָס די קאָנקרעטע אאודיטאָריע פארמאָגט פארנ יידישנ לימעד, וועט דער לערער קאָנענ באשטימענ, וועלכע פונ די אופגאבעס זײַנענ פאר דער געגעבענער אאודיטאָריע צו ברייט, צו קנאפ אָדער אינגאנצנ איבעריק.

א גאנצע ריי זייער וויכטיקע מאָמענטנ קומענ ערשט צומ סאָפ קורס. דאָס הייסט אָבער ניט, אז ביז דאנ דארפ דער שילער וועגנ דעמ ניט וויסנ. פארקערט, פונעמ ערשטנ שולטאָג אָנ דארפ דער שילער שוינ זײַנ ארײַנגעצויגנ אינ באנעמענ אזעלכע דערשײַנונגענ ווי די, וואָס זײַנענ געגעבנ צומ סאָפ. אָבער פונעמ ערשטנ טאָג אָנ דארפ עס אימ אונטערגעטראָגנ ווערנ רייִנ פראקטיש, פארבײַגייענדיק, אונ צומ סאָפ קורס וועט עס שוינ זײַנ סיסטעמאטיש אונ ספעציעל.

באמ צונויפשטעלנ דאָס דאָזיקע ביכל האָבנ מיר געהאָלפנ אינ דער ארבעט מיט א ריי אײַצעס אונ אָנווײַזנ די ככ׳ קאצנעלסאָנ, גורעוויטש אונ באזונדערס דער כ׳ זארעצקי. איכ דריק זיי דאָ אויס מײַנ גרעסטנ דאנק.

ע. פ.

I. זאצ

I. זאצ

אונדזער רייד, וואָס דינט (ווי ביכלאל די שפּראכ) אלס דאָס וויכטיקסטע פאַרקער-מיטל צווישנ מענטשנ, באשטייט געוויינטלעכ פונ א ריי קלענערע אונ גרעסערע טיילנ. אשטייגער:

די לאגע פונ אלע אונדזערע קאָלווירטניקעס איז א גוטע.

די שטימונג איז בא אלעמענ זייער א מונטערע. די ארבעט גייט מיטנ פולנ טעמפּ.

אינעם דאָזיקנ פראגמענט (טייל, שטיקל) ווי אינ יעדנ אנדער פראגמענט קאָנ מענ אָנווייַזנ אזעלכע טיילנ ווי ווערטער אונ אזעלכע ווי קלאַנגענ (אונ אויסיעס), וואָס פונ זיי באשטייענ די ווערטער.

אויסער די דאָזיקע טיילנ קאָנ מענ אינ א שטיק רייד זייער אָפט אָנווייַזנ נאָכ אנדערע טיילנ — גרעסערע. אשטייגער אינעם פאָריקנ פראגמענט האָבנ מיר אזעלכע דרייַ גרעסערע טיילנ:

1. די לאגע פונ אלע אונדזערע קאָלווירטניקעס איז א גוטע.
2. די שטימונג איז בא אלעמענ זייער א מונטערע.
3. די ארבעט גייט מיטנ פולנ טעמפּ.

דאָ האָבנ מיר דרייַ גרופּעס ווערטער, וואָס יעדע פונ זיי שטעלט מיט זיכ פאָר א געוויסע פארענדיקטע ארויסזאָגונג, א פארענדיקטנ געדאנק.

א גרופּע ווערטער אָדער א וואָרט, וואָס דריקט אויס א פארענדיקטנ געדאנק, א פארענדיקטע ארויסזאָגונג, הייסט זאצ.

א זאצ קאָנ באשטיינ פונ איינ וואָרט אונ פונ פיל. אשטייגער:

1. פעווראל. אינ דרויסנ בושעווענ ווינטנ (גאָדינער).
2. פארנאכט. עס נעמט א פרעסטעלע (הירשביינ).

דאָ האָבנ מיר אזעלכע זאצנ ווי „פעווראל" אונ „פארנאכט", וואָס באשטייענ פונ איינציקע ווערטער. אָבער אזעלכע פאלנ זייַנענ זעלטנ. געוויינטלעכ איז אינ א זאצ פאראנ א גרעסערע צאָל ווערטער, וואָסריידנ וועגנ א טוער,

וועגנ א טוונג, וועגנ דער זאכ פונ דער טוונג, וועגנ צײַט, אָרט אָדער וועגנ נאָכ פיל פארשיידענע מאָמענטנ. אשטייגער:

דער ראטנ-פארבאנד פילט אויס זיגרײַכ דעמ היסטאָרישנ
באשלוס פונ זעקסטנ ראטנ-צוזאמענפאָר וועגנ דעריאָגנ און
אריבעריאָגנ די פאָרגעשריטענע קאפּיטאליסטישע לענדער.

אינעמ דאָזיקנ זאצ האָבנ מיר אזעלכע ווערטער ווי „דער ראטנ-פארבאנד", וואָס רופנ אָנ דעמ טוער; נאָכדעמ האָבנ מיר דעמ דאָזיקנס טוונג — „פילט אויס"; נאָכ ווײַטער גייט א וואָרט, וואָס ווײַזט, וויאזוי מע טוט — „זיגרײַכ"; דערנאָכ קומענ ווערטער, וואָס דערציילנ, וואָס פילט דער ראטנ-פארבאנד אויס, און אזוי ווײַטער און ווײַטער.

אינ א זאצ ווערנ אָפּט אָנגעוויזנ עטלעכע טוערס, עטלעכע טוונגענ און צו עטלעכע אלערליי אנדערע זאצטיילנ. אשטייגער:

1. מוישע און בערל לייענע צײַטונגענ.
2. מוישע און בערל קויפנ און לייענע צײַטונגענ.
3. מוישע און בערל קויפנ און לייענע צײַטונגענ און זשורנאלנ.

אלזאָ: א זאצ באשטייט געוויינטלעכ פונ א גרעסערער צאָל ווערטער, וואָס גיבנ די מעגלעכקײַט צו מאכנ די ארויסזאָגונג וואָס פולער, קאָנקרעטער און אלזײַטיקער.

2. זאצטיפּנ

זאצנ זײַנענ פאראנ פונ פארשיידענע טיפּנ. די אָפּטערע פונ זיי זײַנענ אזעלכע:

1. אונדזער בריגאדע האָט הײַנט גוט געארבעט.
2. וויאזוי האָט געארבעט אײַער בריגאדע?
3. איר זאָלט מאָרגנ ארבעטנ נאָכ בעסער.
4. א בריגאדע.

אזא זאצ ווי דער ערשטער הייסט דערציילערישער. אזא זאצ ווי דער צווייטער הייסט פרעגיקער. אזא זאצ ווי דער דריטער, וואָס פארלאנגט עפּעס, וואָס סטימולירט, באוועגט צו עפּעס, — הייסט סטימוליריקער. אזא זאצ ווי דער פערטער, וואָס רופט נאָר עפּעס אָנ, הייסט אָנרופיקער.

דערציילערישע, אָנרופיקע און אָפּט אויכ סטימוליריקע זאצנ באצייכנט מענ צומ סאָפ מיט א פּונקט. פרעגיקע זאצ: באצייכנט מענ מיט א פרעגצייכנ (?).

סטימוליריקע זאצנ (און אמאָל אויכ אנדערע) רעדט מענ אָפּט ארויס מיט א העכערנ אָדער מיט אנ אופגערעגטנ טאָנ. באזונדערס איז עס בא לאָזונגענ. אשטייגער:

1. ווארפט אראָפּ די פאשיסטישע דיקטאטור!
2. קעמפט פאר דער אלוועלטלעכער רעוואָליוציע!

אינ אזעלכע פאלנ באצייכנט מענ די זאצנ ניט מיט א פונקט, נאָר מיט אנ אויסרופ־צייכנ (!).

עס טרעפט, אז מע רעדט ארויס א זאצ אי מיט א טאָנ פונ פרעגנ אי מיט א טאָנ פונ אויסרופנ. אינ אזא פאל שטעלט מענ בא אימ א פרעגצייכנ צוזאמענ מיט אנ אויסרופ־צייכנ. אשטייגער: פונוואנענ האָבנ זיכ צו מיר גענומענ אזעלכע ראָצכימ קינדער?! (שאָלעמ־אלייכעמ).

עס טרעפט אויכ, אז מע וויל באזונדערס שטארק באצייכענענ דאָס אויסרופנ. דאנ שטעלט מענ צוויי־דרייַ אויסרופ־צייכנס. אשטייגער: מירל!!! כ'הייס צוגיינ אהער הייס איכ, מירל!!! (בערגעלסאָנ).

ווענ מע רעדט אונ מע רייַסט איבער אינמיטנ, באצייכנט מענ די איבערגעריסנקייַט מיט א דרייַ־פונקט. אשטייגער: גאָרנישט... גלאט אזוי... ס'שמעקט עפּעס ניט גוט... ווי ווערט עס אזוי פלוצלינג א האלב דאָרפ אינ איינ האלבער נאכט פארטיזאנער?.. ס'עפּעס ניט גלאט... אונ... דעריקערשט... צו וועמענ איז דאָס פויערל געפאָרנ קיינ בידאָוויכאטקע? הא? צו וועמענ? (גאָדינער).

די צייכנס בא א זאצ דארפ מענ אומבאדינגט שטעלנ. וואָרעמ ווענ אינ א טעקסט זייַנענ די זאצנ מיט קיינ צייכנס ניט אָפּגעטיילט, איז אימ שווערער צו באנעמענ. אשטייגער:

דער ארבעטער־קלאס אונ אלע האָרעפּאשניקעס פונ ראטנ־פארבאנד בויענ דערפּאָלגרייַכ דעמ סאָציאליזמ עס. אנטוויקלט זיכ אונ עס שטארקט זיכ אונדזער סאָוועטישע אינדוסטריע מיט אלצ שטייַגנדיקע טעמפּנ טרעטנ ארייַנ אינ דער ארבעט די נייַע גיגאנטנ פונ דער גרויסער אינדוסטריע מיליאָנענ מאסנ פונעמ אָרעמענ אונ מיטעלנ פויערטומ גייענ אריבער אפנ וועג פונ קאָלעקטיוויזירנ זייער ווירטשאפט אפ דער באזע פונ דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע ווערט ליקווידירט דער לעצטער קאפּיטאליסטישער קלאס — דאָס באלעגופּנטומ.

דער ארבעטער־קלאס אונ אלע האָרעפּאשניקעס פונ ראטנ־פארבאנד בויענ דערפּאָלגרייַכ דעמ סאָציאליזמ. עס אנטוויקלט זיכ אונ עס שטארקט זיכ אונדזער סאָוועטישע אינדוסטריע. מיט אלצ שטייַגנדיקע טעמפּנ טרעטנ ארייַנ אינ דער ארבעט די נייַע גיגאנטנ פונ דער גרויסער אינדוסטריע. מיליאָנענ מאסנ פונעמ אָרעמענ אונ מיטעלנ פויערטומ גייענ אריבער אפנ וועג פונ קאָלעקטיוויזירנ זייער ווירטשאפט. אפ דער באזע פונ דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע ווערט ליקווידירט דער לעצטער קאפּיטאליסטישער קלאס — דאָס באלעגופּנטומ („דער עמעס").

קלאָר, אז דעמ לינקנ טעקסט, מיט אָפּשטעל־צייכנס צווישנ די זאצנ, איז פיל גרינגער צו לייענענ ווי דעמ רעכטנ.

II. רייד און שריפט

3. קלאנגען און אויסיעס (אלעפבייז)

ווערטער באשטייען אין רייד פון קלאנגען און אין שריפט פון אויסיעס. קלאנגען און אויסיעס זײַנען פארשיידענע זאכן. די ערשטע זײַנען פאראן נאָר אין דער גערעדטער שפּראך, די צווייטע — נאָר אין דער געשריבענער. מיט איין אָס באצייכנט מען אָפט ניט קיין אלציינע קלאנגען. און איינעם און דעם זעלבן קלאנג באצייכנט מען אָפט מיט פאר־שיידענע אויסיעס. אשטייגער:

1. דער פּארבער פארבט. 2. ער פארבט און קלעפּט.

אין „פּארבער" קלינגט דער „ב" ווי א „ב" און אין „פארבט" קלינגט דער זעלבער צייכן ווי א „פּ"; און אין „פארבט" און „קלעפּט" קלינגען די צייכנס „ב" און „פּ" ווי א „פּ". אינעם ערשטן זאץ (דער פּארבער פארבט) האָבן מיר איין אָס פאר ניט קיין אלציינע קלאנגען; אינעם צווייטן זאץ (ער פארבט און קלעפּט) האָבן מיר פארשיידענע אויסיעס פאר איינעם און דעם זעלבן קלאנג.

אינעם סאָוועטישן ייִדיש זײַנען פאראן פאָלגנדיקע אויסיעס:

א אָ ב ג ד ה ו(וּ) וי וו ז זש ט טש י(יִ)
יי ײַ כ ל מ נ ס ע פּ פ צ ק ר ש

מיט די דאָזיקע 28 אויסיעס באצייכנט מען דעם גאנצן סכום קלאנגען פון דער ייִדישער שפּראך.

די שפּראכקלאנגען ווערן אײַנגעטיילט אין צוויי גרונטגרופּעס: אין וואָקאלן און אין קאָנסאָנאנטן. וואָקאלן זײַנען אינעם ליטע־ראַרישן ייִדיש פאראן פינף: „א, אָ, ו, י, ע". אשטייגער: שטאל, שטאָל, שטול, שטיל, שטעל. אלע איבעריקע קלאנגען, אויסער די קלאנגען „וי, יי, ײַ", הייסן קאָנסאָנאנטן.

די קלאנגען „וי, יי, ײַ" (שוין, שיין, שײַן) זײַנען צונויפגעזעצט פון

א וואָקאַל מיט א קאָנסאָנאַנט יוד (אָ+י, ע+י, א+י). זיי הייסן דיפטאָנגען.

אָנמערקונג: צוזאַמען באַקומט זיך ניין און צוואַנציק קלאַנגען און ניט קיין אַכט און צוואַנציק, ווייל א „י" באַצייכנט צוויי פאַרשיידענע קלאַנגען: 1) א וואָקאַל „י". אַשטייגער: טיש, פיש, ליפ; 2) א קאָנסאָנאַנט „י" (יוד). אַשטייגער: יאַם, יאָדער, יוגנט.

ווען די אויסיעס זיינען אויסגעשטעלט אין א באַשטימטן סיידער, רופט מען עס אַלעפבייז (אָדער אַלפאַבעט). אין אַלעפבייזן פון פאַרשיידענע שפּראַכן איז דער סיידער פון די אויסיעס מערסטנס א פאַרשיידענער. דעם אַלעפבייז דאַרף מען קענען אָפּ אויסווייניק. וואָרעם לויט אים ווערן אויסגעשטעלט די ווערטער אין א ווערטערבוך און ווערן געוויינטלעך צונויפגעשטעלט אַלערליי צעטלען.

אין א ריי עלטערע און אין א ריי איצטיקע אויסלענדישע אויסגאַבעס קאָן מען טרעפן אַזעלכע אויסיעס, וואָס זיינען אינעם דאָזיקן קאַפּיטל ניט אָנגעוויזן, אָדער אַזעלכע פאַלן, ווען די דאָ אָנגעוויזענע אויסיעס באַצייכענען גאָר אַנדערע קלאַנגען. אַשטייגער:

איינמאָל, אַזוי דערציילט בנימין (בינימין), איינמאָל, איך געדענק עס ווי היינט, דאָס איז געווען תמוז (טאַמעז) אין א שרעקלעך הייסן טאָג, איז אונדזער רב (ראָוו) מיט איינעם פון זיינע לייט געגאַנגען זיך אָפּטובלען (אָפּטויוולען) אין דעם טייכל, וואָס אונטער דער שטאָט. איך מיט א פּאָר יינגלעך מיינע חברים (כאַווײרים) זיינען מיט גרויס דרך ארץ (דערעכערעץ) נאָכגעגאַנגען פון הינטן און געווען בא זיך זייער זיכער, אַז מיר וועלן ניט האָבן קיין שום שלעכטע באַגעגעניש און אם ירצה השם (אימירצעשעם) קומען צוריק בשלום (בעשאָלעמ) אהיים (מענדעלע).

דאָ זעען מיר, זיינען פאַראַן אַזעלכע ווערטער, וואָס זיינען אויסגעלייגט גאָר אַנדערש ווי אַלע איבעריקע. דאָס זיינען אַלץ אַזוינע ווערטער, וואָס זיינען אין יידיש געקומען פון העברייִש (פון סעמיטישע שפּראַכן בכלל) און וואָס ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט מען זיי בא אונדז געשריבן (און אין דער מערהייט אויסגאַבעס אין אויסלאַנד שרייבט מען זיי נאָך אויך איצט) אַזוי, ווי מע פלעגט זיי שרייבן אין העברייִשע טעקסטן. אָבער איצט שרייבט מען בא אונדז אין ראַטן־פאַרבאַנד (און אין פיל רעוואָליוציאָנערע אויסגאַבעס אויך אין אויסלאַנד) די דאָזיקע ווערטער אַזוי, ווי מע שרייבט אַלע אַנדערע ווערטער אין יידיש.

אינעם סאָוועטישן יידיש איז פון 1932 יאָר אויך אָפּגעשאַפן דער אָנווענד פון די שלאָס־אויסיעס (ך, ם, ן, ף, ץ). די שלאָס־אויסיעס און דער שווערער אויסלייג פון די העברייִזמען אין יידיש האָבן אין א גרויסער מאָס געשטערט צו מאַכן גראַמעטנע וואָס ברייטערע האָרעפּאַשנע מאַסן, דעריבער איז דאָס אַלץ פונעם סאָוועטישן יידיש באַזייטיקט געוואָרן.

לייענען יידישע ווערטער מיט א העברייִשן אויסלייג ווערט ביז גאָר פאַרשווערט ערשטנס איבער דעם, וואָס איין קלאַנג ווערט דאָרט זייער אָפט באַצייכנט מיט עטלעכע אויסיעס און איין אָס באַצייכנט דאָרט זייער אָפט פאַרשיידענע קלאַנגען; צווייטנס איבער דעם, וואָס וואָקאַלן און דיפטאָנגען ווערן דאָרט געוויינטלעך אינגאַנצן ניט באַצייכנט. אַשטייגער:

שכל (סייכל)	חתן (כאָסן)	שכן (שאָכן)
סחורה (סכוירע)	גנבה (גנייווע)	חבר (כאַווער)

נאָך שווערער איז, פאַרשטייט זיך, מיט אַזא אויסלייג, אַז מע דאַרף אַליין עפּעס אָנשרייבן. קעדיי צו זיין דאָ גראַמעטנע, דאַרף מען זיך זייער לאַנג לערנען. און אויב ניט,

געפינט מענ זיכ אינ דער לאגע, אינ וועלכער עס האָט זיכ געפונענ די באַוווסטע ארטיסטב עסטער־ראָכל קאמינסקי, וואָס האָט באמ שרײַבנ דאָס וואָרט „כאָסנ“ געמוזט צוגעבנ, אז זי ווייסט ניט, צי שרײַבט מענ עס מיט א „ס“, מיט א „ת“ צי גאָר מיט א „ש“[1].

אזא אויסלייג פונ די ווערטער אינ דער העברייִשער שפּראכ איז אינ גרונט אײַנגע־שטעלט געוואָרנ מיט טויזנטער יאָרנ צוריק. אונ אויב די דאָזיקע העברייִשע ווערטער אינ יִדיש ווערנ נאָכ אויכ איצט אינעמ ·בורזשואזנ אויסלאנד געווײנטלעכ אויסגעלייגט אזוי ווי אינ דער העברייִשער שפּראכ אמאָל, ווענ עס האָט עפּשער געהאט א געוויסע בארעכטיקונג, איז דאָס דערפאר, ווײַל... אָבער לָצמיר ווענג דעמ בעסער געבנ א וואָרט א פירער פונעמ יִדישיזמ — מ. ווײַנרײַכנ.

אינעמ ארטיקל וועגנ דעמ אויסלייג פונ די העברייִזמענ, וואָס איז געדרוקט געווענ אי־נעמ זאמלבוכ „דער איינהײַטלעכער יִדישער אויסלייג“ (ווילנע 1930), דארשנט מ. ווײַנרײַכ אזוי:

> „די פראגע וועגנ אָפּהיטנ אָדער ניט אָפּהיטנ די העברייִשע שרײַבונג פונ די העברייִזמענ איז די איקער־פראגע פונ יִדישנ אויסלייג“... „די נאטוראליזירונג (יִדי־שער אויסלייג פונ די העברייִזמענ. ע. פ.) איז אנ איניענ, וואָס מע רעדט שוינ וועגנ דעמ לאנג, אונ זינט 1920 איז זי דורכגעפירט אינ ראטנ־פארבאנד דורכ א דעקרעט“.
>
> „ניט פונ לאָגישנ אונ ניט פונ גראמאטישנ שטאנדפּונקט לאָזט זיכ עפּעס זאָגנ קעגנ דער רעפאָרמ. פארקערט, זי האָט אלע לאָגישע מײַלעס אפ איר זײַט“...
>
> „אָבער לאָגיק אונ טעאָרעטישע קאָנסעקווענצ (אויסגעהאלטנקײַט. ע. פ.) גילטנ ניט אלעמאָל אינ לעבנ; אונ ספּעציעל אינ דער פראגע וועגנ יאָ אָדער ניט נאטוראליזירנ די העברייִזמענ קנוילנ זיכ צונויפ עלעמענטנ פונ גאָר אנ אנדער כאראקטער“...
>
> ... „פאר א היפּשנ טייל פונ דער יִדישער אינטעליגענצ מיינט דער נאטורא־ליזירטער אויסלייג, אז מע גייט אויסראָטנ די טראדיציע, אז מע רײַסט אָפּ די יִדישע שפּראכ פונ איר יִדישנ מאָקער. אזא סענטימענט טאָר קיינ שומ אָרטאָגראפישע רע־פאָרמ ניט איגנאָרירנ“.

אונ אז „טראדיציע“ אונ „יִדישער מאָקער“ זײַנענ א גוט מיטל אפּ צו פארדרייענ באמ ארבעטער אונ האָרעפּאשניק דעמ קאָפּ אונ אָפּצוטעמפּנ בא זיי זייערע סאָציאלע פארלאנגענ אונ באגערנ — דאָס ווייסט די בורזשואזיע מיט אלע אירע „סאָציאליסטישע“ אָנגעשטעלטע אויסגעצייכנט.

4. דיאלעקט אונ ליטעראַרישע שפּראכ

צווישנ דער ליטעראַרישער שפּראכ אונ צווישנ די פארשיידענע דיא־לעקטנ פונעמ ליטווישנ, אוקראַיִנישנ אונ פּוילישנ יִדנ איז פאראנ א היפּשער אונטערשייד[2]. אינ דער ליטעראַרישער שפּראכ זאָגט מענ אשטייגער „די מאמע שיקט די שוועסטער אינ שול“, אונ אינ אייניקע דיאלעקטנ זאָגט מענ דאָ אָנשטאָט דעמ צווייטנ „די“ — „דער“.

ווײַטער שיידנ זיכ אונטער די דיאלעקטנ לויטנ וואָרט־באשטאנד. איינעמ אונ דעמ זעלבנ געגנשטאנד רופט מענ אשטייגער אינ אייניקע ער־

1 „בריוו פונ אסתר־רחל קאמינסקי“. ווילנע, 1927, זײַט 60.

2 דיאלעקטנ (אונ אונטערדיאלעקטנ) זײַנענ פאראנ מער ווי די דרײַ, נאָר צוליב קורצקײַט ווערנ דאָ אָנגעוויזנ נאָר די דרײַ יִדישע גרונט־דיאלעקטנ.

טער „דיל" און אין אנדערע — „פּאָדלאָגע, פּאָל" אָדער „בריק"; אין איי־ניקע ערטער זאָגט מען „ענטל" און אין אנדערע „קאטשקע".

אָבער באזונדערס גרויס איז דער אונטערשייד צווישן דער ייִדישער ליטעראַרישער שפּראַך און די דיִאַלעקטן אינעם אַרויסברענגען פון א גאַנצער ריי קלאַנגען און איבערהויפּט אינעם אַרויסברענגען פון די וואָקאַלן און די דיפטאָנגען. אשטייגער אין דער ליטעראַטור איז אָנגענומען צו זאָגן און צו שרייַבן:

1) גאס, נאס, וואסער, טאטע, מאמע, וואלד, קאלט, לאַנג, באנק... — מיט „א";

2) אָוונט, גאָרטן, גראָבן, האָר, וואָגן, וואָס, טאָוול, יאָר, מאָרגן... — מיט „אָ";

3) אונדז, בוך, בולקע, דורך, הוסטן, זומער, מוטער, פוצן, פּרוּוון... — מיט „ו";

4) אויג, אויך, אוילעם, אויפן, אויצער, בויך, בוים, הויף, טויווע... — מיט „וי";

5) ביימער, בעפּיירעש, כאווײרים, סייכל, פּיירעס, פלייש, צייכענען, רייכערן... — מיט „יי";

6) אײַזן, באַטײַט, בלײַבן, געצײַג, גרײַזן, ווײַט, ווײַן, ווײַס, טײַך... — מיט „ײַ";

7) בעזעם, לערער, מעגן, ערד, פרעגן, רעגן, קעז, שטעטל, שפּעט... — מיט „ע";

8) אהין, אהער, בעהיימע, האלדז, האמער, האנאָע, האק, האָניק... — מיט „ה".

אזוי איז אָנגענומען אין דער ליטעראַטור, אָבער ריידן רעדט מען אַרויס די פּאָריקע ווערטער אין אייניקע קאנטן אפ איין אויפן און אין אנדערע קאנטן אפ אן אנדער אויפן. אויך ווערטער מיט „ז — זש, ס — ש, צ — טש" ברענגט מען אָפט אין פיל קאנטן אַרויס ניט אזוי, ווי עס איז אָנגענומען די דאָזיקע ווערטער צו ברענגען אין דער ליטעראַטור. אשטייגער: זעכציק, דרײַסיק, וואשן, קנייטשן, זשאלעווען און אנדערע.

אזעלכע פאַרשיידענע ריידענישן פירן געוויינטלעך צו א גאנצער ריי גרײַזן אין דער געשריבענער שפּראַך.

קעדיי זיך וואָס גיכער צו באַפרײַען פון אזעלכע גרײַזן, דאַרף מען שטודירן די שפּראַך, וואָס מער און אופמערקזאַמער לייענען און וואָס גיכער און אויסגעהאַלטענער אָנהייבן ריידן ליטעראַריש.

עמעס, אָנהייבן ריידן ליטעראַריש איז א גאנץ שווערע אָפּעראַ־ציע, אָבער אן אומבאַדינגט נייטיקע. און וואָס פריִער מע נעמט זיך פאַר איר, וואָס אָנגעשטרענגטער מע מאַכט זי דורך, אלץ גיכער באַפרײַט מען זיך פון די רעשטן פון דער פּעאָדאַלער צעשפּליטערטער

געזעלשאפט — פונ די דיאלעקטאלע ריידענישנ; אלצ גיכער ארבעט זיכ אויס אנ איינהײטלעכע שפּראכ, וואָס גיט די מעגלעכקײט גאָר א גרויסנ קאָלעקטיוו זיכ לײַכטער צונויפרײדנ; אונ אלצ גיכער גרייט מענ צו א באָדנ פאר גאנצע קומענדיקע דוירעס, זיי זאָלנ באהערשנ די ליטעראַרישע שפּראכ פאר גאָר א קלײנעמ מינימומ צײַט אונ ענערגיע.

קימאט אינ אלע איצטיקע שפּראכנ זײַנענ פאראנ פיל דיאלעקטנ, אָבער די דאָזיקע ווערנ ביכלאל אלצ ווייניקער אונ ווייניקער. וואָרעמ פאר דער גאנצער צײַט פונ דער מענטשלעכער אנטוויקלונג קומט קימאט קעסיידער פאָר א פּראָצעס פונ דערנעענטערונג צווישנ פארשיידענע קאָלעקטיוונ אונ צווישנ פארשיידענע שפּראכנ. קלײנע בינטלעכ מענטשנ פארייניקנ זיכ אינ מישפּאָכעס, מישפּאָכעס — אינ שטאממענ, שטאממענ — אינ שוואָטימ, שוואָטימ — אינ פעלקער, אינ נאציעס. צוזאמענ מיט דער דאָזיקער פארייניקונג אונ אויסמישונג קומט אויכ פאָר א פארייניקונג, אויסמישונג אונ איבערקרייצונג פונ באזונדערע רייד־ארטנ, דיאלעקטנ אונ שפּראכנ.

אזא איז אינ טאָכ די גרונט־טענדענצ פונ דער מענטשלעכער אונ שפּראכלעכער אנטוויקלונג. כאָטש גאָר גלאט גייט עס ניט אזוי אינ דער סאָציאל דיפערענצירטער געזעלשאפט. אינ געוויסע עטאפּנ קומענ פאָר פארקערטע דערשײַנונגענ אויכ, ווענ גרעסערע קאָלעקטיוונ ווערנ אופּגעריסנ, צעפאלנ זיכ אפ קלענערע אונ זונדערנ זיכ אָפּ איינע פונ די אנדערע, אינ אזעלכע פאלנ אנטוויקלענ זיכ די שפּראכנ אָדער די דיאלעקטנ פונ די צעפאלענע קאָלעקטיוונ גאנצ פארשיידנ אונ דערווײַטערנ זיכ איינע פונ די אנדערע אלצ מער אונ מער, ביז זיי ווערנ אָפּט ניט נאָר ניט פארשטענדלעכ איינע פאר די אנדערע (פאר די דאָזיקע צעפאלענע קאָלעקטיוונ), נאָר פארלירנ אפילע, ווי עס זאָגט ענגעלס, יעדנ שפּור פונ דער אמאָליקער איינהײַט.

די אויסבילדונג פונ א ליטעראַרישער נאציאָנאלער שפּראכ קומט פאָר, ווי עס ווײַזנ אָנ מארקס אונ ענגעלס, דורכ פארשיידענע וועגנ אונ מאכמעס פארשיידענע אומשטאנדנ: אָדער אדאנק דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פונ א שפּראכ אפ דער באזע פונ גרייטנ מאטעריאל — פונ אנדערע שפּראכנ, אָדער אדאנק דער איבערקרייצונג אונ אויסמישונג פונ נאציעס, אָדער אדאנק דער קאָנצענטראציע פונ דיאלעקטנ אינ אנ איינהײַטלעכער נאציאָנאלער שפּראכ — א קאָנצענטראציע, וואָס איז באדינגט דורכ דער עקאָנאָמישער אונ פּאָליטישער קאָנצענטראציע.

אינ גרונט פונ דער מאָדערנער (איצטיקער) יידישער ליטעראַרישער שפּראכ זײַנענ געלייגט פארשיידענע דיאלעקטנ — די דיאלעקטנ פונ די אוקראיִנישע, פּוילישע אונ ליטוויש־ווײַסרוסלענדישע יידנ. די פ אָ ר מ ע ס פונ די ווערטער זײַנענ דעריקער לויט די דיאלעקטנ פונ די אוקראיִנישע אונ פּוילישע יידנ. אשטייגער עס איז אינ דער ליטעראַטור אָנגענומענ צו זאָגנ „ער רופט מיכ, ער רופט זי" אונ ניט, ווי עס זאָגט דער ליטוויש־ווײַסרוסלענדישער ייד — „ער רופט מיר, ער רופט איר"; עס איז אָנגענומענ צו זאָגנ „דאָס לעבנ, דאָס יינגל, דאָס מיידל" אונ ניט „דער לעבנ, דער יינגל, די מיידל". אָבער די אָ ר ט אָ ג ר א פ י ע די איצטיקע איז ניט לויטנ לויטנ אוקראיִנישנ דיאלעקט אונ ניט לויטנ פּוילישנ, נאָר דעריקער לויטנ ליטווישנ. לויטנ ליטווישנ דיאלעקט (ווילנער) איז אינ דער ליטעראַרישער שפּראכ אויכ אָנגענומענ ארויסצוברענגענ די מערהײַט קלאנגענ. אשטייגער: „קומענ, וואָס, וואסער, שטעטל, הויז, שוסטער" אאוו.

ארומ דער אויסבילדונג פונ א ליטעראַרישער נאציאָנאלער שפּראכ קומט געוויינטלעכ פאָר א היפּשער קאמפ. דער דאָזיקער קאמפ צעפלאקערט זיכ באזונדערס אינ דער צײַט, ווענ דער קאפּיטאליזמ האלט אינ באזיגנ דעמ פעאָדאליזמ אונ ווענ אפנ באָדנ פונעמ דאָזיקנ זיג אנטוויקלענ זיכ נאציאָנאלע באוועגונגענ. „די עקאָנאָמישע באזע פונ די דאָזיקע באוועגונגענ

באשטייט דערין, וואָס פארנ פולשטענדיקנ זיג פונ דער סכוירע־פּראָדוקציע איז נייטיק די דעראָ־ בערונג פונ דעמ אינערלעכנ מארק דורכ דער בורזשואזיע, איז נייטיק די מעלוכישע באהעפ־ טונג פונ די טעריטאָריעס מיט א באפעלקערונג, וואָס רעדט אפ איינ שפּראַכ, באמ באזײַטיקנ אלע שטערונגענ פאר דער אנטוויקלונג פונ דער דאָזיקער שפּראַכ און פאר איר פארפעסטיקונג אינ דער ליטעראטור. די שפּראַכ איז דאָס וויכטיקסטע מיטל פונעמ מענטשלעכנ פארקער; די איינ־ הײַטלעכקײַט פונ דער שפּראַכ און די אומגעשטערטע אנטוויקלונג איז איינע פונ די וויכטיק־ סטע באדינגונגענ פונ א וויִרקלעכ פרײַענ און ברייטנ האנדל־אומזאצ, וואָס אנטשפּרעכט דעמ מאָדערנעמ קאפּיטאליזמ, פונ א פרײַער און ברייטער גרופּירונג פונ דער באפעלקערונג לויט אלע באזונדערע קלאסנ, צולעצט — א באדינג פאר דער ענגער פארבינדונג פונעמ מארק מיט יעדנ און יעטווידנ באלעבאָס אָדער באלעבעסל, פארקויפער און קויפער" 1.

צוליב אזא באהעפטונג האָט אשטייגער די פראנצויזישע בורזשואזיע אינ די ערשטע יאָרנ פונ איר פּאָליטיש־רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט, אינ 1790, זיכ געווענדט דורכ איר נאַ־ ציאָנאלער פארזאמלונג מיט א ספּעציעלנ אופרופ צו די פּראָווינצנ, אינ וועלכנ זי רופט זיי „ארויסצוווארפנ א היליקנ דראנג, אומ קעדיי ארויסצוואָגנ די ריידארטנ — די דאָזיקע לעצטע טראנטעס פונ פעאָדאליזמ און די דענקמעלער פונ שקלאפערײַ" 2.

אָבער די בורזשואזיע, ווי ס'איז באוווסט, קאָנ אפילע אינ איר רעוואָליוציאָנערסטנ פעריאָד ניט פארניכטנ אינגאנצנ די רעשטנ פונ פעאָדאליזמ. פריער אָדער שפּעטער איז זי גענייגט צו מאכנ א שאָלעמ מיטנ פעאָדאל, קעדיי געמיינזאמ צו קעמפנ קעגנ זייער ביידנס אלגעמיינעמ געפערלעכנ סוינע—קעגנ דעמ ארבעטער־קלאס. אָט פארוואָס אויכ אינ געביט פונ שפּראַכ טוט זי אופ ניט גענוג און קאָנ ניט אופטאָנ פיל אפ צו ניוועלירנ אזעלכע רעשטנ פונ פעאָדאליזמ ווי דיאלעקטנ און אפ שאפנ א מאסנדיקע איינהײַטלעכע ליטערארישע שפּראַכ.

איבערהויפּט נאָכ קאָנ עס די בורזשואזיע ניט אופטאָנ, ווײַל דיאלעקטנ זײַנענ פאראנ ניט נאָר טעריטאָריעלע — אפ וועלכע עס ריידנ קאָלעקטיוונ פונ איינע און די זעלבע ראיאָנענ און געגנטנ, — נאָר אויכ סאָציאַלע — אפ וועלכע עס ריידנ קאָלעקטיוונ מיט איינער און דער זעל־ בער ראָליע אינ דער געזעלשאפט, ווי אשטייגער פריצישע דיאלעקטנ און פויערשע, בורזשואזע און פּראָלעטארישע.

שאפנ א מאסנדיקע איינהײַטלעכע ליטערארישע שפּראַכ—דאָס בלײַבט פארנ פּראָלעטאריאט. דער פּראָלעטאריאט, גלײַכ נאָכ זײַנ שטעלנ זיכ בא דער מאכט, הייבט אָנ צו אנטוויקלענ א גראנדיעזע ארבעט אינ אלע געביטנ פונ דער פּראָלעטארישער קולטור — אנ ארבעט, וואָס אינ געביט פונ שפּראַכ פירט זי צו דער אויסבילדונג פונ אנ איינהײַטלעכער ליטערארישער שפּראַכ בא יעדער נאציאָנאליטעט און צו דער צעבליִונג פונ אלע נאציאָנאלע שפּראַכנ, קעדיי דערמיט צוגרייטנ א באָדנ פאר דער אנטוויקלונג פונ איינ אַלגעמיינער קולטור מיט איינ אַלגעמיינער שפּראַכ פונ אלע פעלקער, ווענ „דער פּראָלעטאריאט וועט אָפּ־ האלטנ א ניצאָכנ אינ דער גאנצער וועלט און דער סאָציאליזמ וועט זיכ אײַנפונדעווענ אינ שטייגער" (סטאַלינ).

1 וו. אי. לענינ. ווערק, ב. XVII ז. 428 (רוסיש).
2 ר. שאָר. „שפּראַכ און געזעלשאפט" (רוסיש), זײַט 130.

5. די באצייכענונג פונ די קלאנגענ

א

דאָס אָס „א" קומט אינ צוויי פאלנ:

1) צו באצייכענענ אזא קלאנג, אזא וואָקאל, ווי אינ די ווערטער „וואש, לאכ, מאכט"...;

2) אינ אָנהייב וואָרט (אונ אמאָל אויכ אינמיטנ) פאר די וואָקאלנ „ו" אונ „י" אונ פאר די דיפטאָנגענ (וי, יי, ײַ). אשטייגער: איר אונ אײַערע אייגענע אויכ.

אינ אזא פאל ווי אינעמ צווייטנ, ווענ דער „א" באצייכנט קיינ קלאנג ניט, הייסט ער שטומער „א".

אָנ א שטומענ „א", נאָר מיט א יוד פאר „יִ" דארפ מענ שרײַבנ די ווערטער „ייִד, ייִנגל, ייִנגער,[1] ייִכעס, ייִשעוו, ייִשווניק, ייִעש[2], ייִצכאָק, ייִסראָעל, ייִרמיִע" אונ נאָכ אייניקע. דאָס זײַנענ אלצ ווערטער, וואָס פארנ וואָקאל „יִ" קומט בא זיי א קאָנסאָנאנט „י" — דער זעלבער קאָנסאָנאנט, וואָס אינ די ווערטער „יאמ, יאָדער, יונג, יענטע" אונ אנדערע.

אָנ א שטומענ „א", נאָר מיט א יוד פארנ ערשטנ וואָקאל דארפ מענ, נאטירלעכ, אויכ שרײַבנ אלע ווערטער, וואָס מע בילדעט פונ די פאָריקע. אשטייגער: ייִד — ייִדענע, ייִדנ, ייִדענעס, ייִדיש, ייִדישע אאוו. אָבער די ווערטער „אידיי, אידייענ, אידייִש, אידעאל, אידעאָלאָגיע" אונ אזוי ווײַטער — דארפ מענ שרײַבנ מיט א שטומענ „א": דאָס זײַנענ ווער-טער, וואָס זײַנענ, פארשטייט זיכ, געשאפנ ניט פונ „ייִד".

אָנ א שטומענ „א" דארפ מענ אויכ שרײַבנ די ווערטער „יעסורימ, יעסוימימ, יעסוידעס, יערושע, יאריד, יעשיִע" אונ נאָכ אייניקע.

אינמיטנ וואָרט דארפ מענ ביכלאל קיינ שטומענ „א" ניט שרײַבנ. אשטייגער: ווו, פרווו, צוווקס, פאוטייִש, צווײַלנ...[3] אָבער א שטומער „א" דארפ קומענ אינ אזעלכע פאלנ:

1) נאָכנ צייכנ אפאָסטראָפ: מ'איז, ס'איז, ס'אינטערעסירט...;

2) נאָכ א בינדצייכנ: שלאָג-אופגאבע, מעטאל-אינדוסטריע...;

3) בא אזעלכע ווערטער ווי „אאודיטאָריע, אאודיִענצ, אאול, אאוק-ציִאָנ"... בא אזעלכע ווערטער מוז קומענ דער שטומער „א", וואָרעמ ווענ מע זאָל אימ דאָ ניט שרײַבנ, וואָלט מענ די דאָזיקע ווערטער פאלש גע-לייענט (אודיטאָריע...).

---

[1] ער איז ייִנגער פונ מיר. צָבער: א יונגער באָכער.

[2] ייִעש — אנטוישונג, פארצווייפלונג, אָנ מוט.

[3] ביז די לעצטע יאָרנ האָט מענ די דאָזיקע ווערטער אונ פיל אנדערע געשריבנ מיט א שטומענ „א" (וואו, רואיק...), אונ אזוי שרײַבט מענ זיי אויכ נאָכ איצט אינ א ריי אויסלענדישע אויסגאבעס.

א — אָ

מע דאַרף שטרענג אונטערשיידן אַן „אָ" פֿון אַן „אַ". אין אַלע פֿאַלן, ווען מע שרײַבט אַ וואָרט מיט אַ וואָקאַל, וואָס ווערט אין דער ליטעראַרישער שפּראַך אַרויסגערעדט אַלס אַן „אָ", מוז מען עס באַצייכענען מיט אַ קאָמעץ (אָ). אַשטייגער: באָלשעוויק, וואָראָשילאָוו, מאָלאָטאָוו...

אָבער אין אַזעלכע ווערטער ווי „אַלט, קאַלט, וואַלד, נאַס, גאַס" און אַנדערע דאַרף מען דעם וואָקאַל באַצייכענען נאָר מיט אַן „אַ". קיין קאָמעץ דאַרף דאָ ניט זײַן, ווײַל די דאָזיקע ווערטער דאַרף מען אַרויסריידן מיט אַן „אַ" (*a*); קיין פּאַסיק (—) דאַרף דאָ ניט זײַן, ווײַל אונטער אַן „א" (*a*) קומט ניט קיין פּאַסיק.

י — יִ

אַ יוד באַצייכנט צוויי פֿאַרשײדענע קלאַנגען:

1) אַזאַ וואָקאַל ווי אין די ווערטער „איר, מיר, דיר, גרין, גרינג"...;

2) אַזאַ קאָנסאָנאַנט ווי דער ערשטער קלאַנג אין די ווערטער „יאַט, יאָסל, יונג, יינגל, יענטע"...

דער וואָקאַל „י" ווערט געוויינטלעך באַצייכנט מיט אַ יוד אָן אַ פּינטל. אַשטייגער: פֿלי, פֿיל, שטיל. אָבער אין אייניקע פֿאַלן דאַרף ער באַצייכנט ווערן מיט אַ פּינטל אויך. דאָס איז דאַן, ווען ער געפֿינט זיך:

1) לעבן אַ יוד אַ קאָנסאָנאַנט. אַשטייגער: ייִד, ייִדיש, ייִנגל, ייִכעס, ייִשעוו, לערנייִנגל, אַנטיִאָנקיפּער-קאַמפּאַניע...;

2) לעבן אַ וואָקאַל אָדער אַ דיפֿטאָנג. אַשטייגער: אַוויִאַציע, לעגיִאָן, מעשוגאָיִם, געשריִען[1], קיִעוו, יעדיִע, רויִק, טוייִק, אָפּיִום, באַציִונג, פּרעזידיִום, פּאַרטייִש, נײַיִנקע, בלוייִנקע...

ווען צוויי וואָקאַלן „י" געפֿינען זיך איינע לעבן די אַנדערע, דאַרפֿן זיי ביידע קומען מיט אַ פּינטל. אַשטייגער: פֿריִיִקע, עקספּראָפּריִיִרן, וואַריִיִרן, נעוויִים, נעוויִיִש...

אַ יוד, וואָס איז פֿאַר אַן „ע" באַם סאָף וואָרט, ווערט בכלל ניט געפּינטלט. אַשטייגער: אַריסטאָקראַטיע, ביוראָקראַטיע, בורזשואַזיע, אַוויִאַציע, אָריִענטאַציע און אַנדערע. ווען אָבער דער יוד ווערט אַקצענטירט (אָנגעקוועטשט) און ווערט קלאָר אַרויסגערעדט ווי אַ וואָקאַל, דאַרף מען אים פּינטלען. אַשטייגער: יעדיִע, נעסיִע, זריִע, פֿניִע, מעניִע און אַזוי ווײַטער.

עס זײַנען פֿאַראַן קאָנסאָנאַנטן, וואָס אין געוויסע פֿאַלן רעדט מען זיי אַרויס ווייכער ווי געוויינטלעך. אַשטייגער דעם „ל" און דעם „נ" אין

---

1 ער האָט שטאַרק געשריִען. אָבער: עס הערן זיך געשרייען.

די ווערטער „עליע“ און „מעניע“ ירעדט מען ארויס ווייכער ווי אין די ווערטער „לייבל“ און „מײַנדל“.

אזא פארווייכערונג ווערט אָפט באצייכנט מיט א „י“, אויב נאָכן פאר-ווייכערטן קאָנסאָנאנט איז דאָ א וואָקאל „א, אָ, ו, ע“. אשטייגער:

סענטיאבער ניאָמע רעוואָליוציע מעניע
אָקטיאבער שליאָמע רעזאָליוציע אינזשעניער

אזא פארווייכערונג ווערט אָבער ניט באצייכנט אין פאָלגנדיקע פאלן:

1) פאר א קאָנסאָנאנט: פאלטאָ, קולטור, וואסילקאָוו, רעוואָלווער...;

2) צום סאָף וואָרט: קאזאן, קרעמל, פעווראל, אפרעל, יונ, יול...[1]

די קלאנגען-גרופע „לע“ אין אינטערנאציאָנאלע ווערטער באצייכנט מען אָן א יוד. אשטייגער: לעגאל, עלעמענט, לעקציע, קאָלעגיע, קאָלעקטיוו און אנדערע. אין אזעלכע ווערטער איז די אויסשפּראך פונעם „ל“ ביכלאל גי-כער הארט. אָבער: פעליעטאָן, פעליעטאָנען, פעליעטאָניסט...

קיין יוד דארף אויך ניט ארײַנקומען צווישן א וואָקאל און אן „ע..“ אשטייגער אין אזעלכע פאלן: קיעוו, פליען, פריער, רוען, טאָעס... (ניט קייעוו...).

ו — וּ

דער וואָקאל „ו“ ווערט געוויינטלעך באצייכנט אזוי: „ו“. אשטייגער: גרופּע, קולטור, קונסט... אָבער אין אייניקע פאלן דארף מען אים נאָך באצייכענען מיט „ו“ מיט א פינטל. דאָס טוט מען דאן, ווען דער דאָזיקער וואָקאל קומט:

1) פאר א צווייטן „ו“. אשטייגער: טוונג, אינדיווידוום...;

2) פאר אָדער נאָך א „וו“: אשטייגער: פרווו, ווו, צוווקס...;

3) פאר א יוד א קאָנסאָנאנט. אשטייגער: בורזשוי, אויעזד, מעכויעוו... אָבער פאר א יוד א וואָקאל (פאר א יוד מיט א פינטל) דארף מען דעם „ו“ ניט פינטלען. אשטייגער: רויק, רוינירן, עוואקוירן...;

ע

דאָס אָס „ע“ פאר „נג“ און „נק“ באצייכנט א קלאנג, וואָס ווערט ארויסגערעדט ניט ווי „ע“, נאָר אזוי אָדער קימאט אזוי ווי דער דיפטאָנג „יי“. אשטייגער:

ענג הענגען בענק שווענקען
שטרענג ברענגען שענק קרענקען

אין אלע אנדערע פאלן ווערט דאָס אָס „ע“ ארויסגערעדט ווי „ע“.

אָנמערקונג: דאָס אָס „א“ פאר „נג“ און „נק“ (גאנג, באנק) ווערט אין אייניקע קאנטן ארויסגערעדט ווי דער דיפטאָנג „ײַ“. אָבער אין דער ליטעראַרישער שפּראך ווערט עס ארויסגעבראכט ווי „א“.

[1] די פארווייכערונג פון א קאָנסאָנאנט ווערט ניט באצייכנט אויך פאר א בינדצייכן אשטייגער: יונ-אופרופ, יול-געשעענישן.

וי — יי — ײַ

די דיפטאָנגען פון דער ליטעראַרישער שפּראַך, דאָס הייסט די קלאַנגען „אָי, עי, אי“, ווערן קימאַט שטענדיק באַצייכנט אַזוי: „וי, יי, ײַ“. אַשטייגער:

וויִנ	ווייִנ	ווײַנ
בויקאָט	אַנדריי	מײַ
טאָלסטוי	קעדיי (צוליב)	קעדײַ (עס לוינט).

עס טרעפט אָבער, אַז די דאָזיקע דרײַ קלאַנגען ווערן באַצייכנט מיט אַן „אָי, עי, אי“. דאָס קומט פאָר אין אַזאַ פאַל, ווען נאָכן „אָי, עי, אי“ איז פאַראַן אַ וואָקאַל און מע אַקצענטירט ניט דעם „אָי, עי, אי“, נאָר אַן אַנדער טייל וואָרט. אַשטייגער:

פּאָיע (פּאָ-יע)	מעיאַשעוו (מע-יאַשעוו)	ראַיאָן (רא-יאָן)
פּראָיעקט (פּראָ-יעקט)	מעיוכעס (מע-יוכעס)	ראַיעל (רא-יעל)

אויב קיין וואָקאַל איז נאָך „אָי, עי, אי“ ניט פאַראַן אָדער אויב דער אַקצענט קומט אויף די דאָזיקע קלאַנגען, דאַרף מען זיי באַצייכענען „וי, יי, ײַ“. אַשטייגער: שרײַבן (שרײַ-בן), כײַע (כײַ-ע).

אין די ווערטער „ראַיויספּירקאָם, ראַיִנספּעקטאָר“ און אין אַלע אַנדערע מיט „ראַי“, וואָס איז אַ קירצונג פון „ראַיאָן“, דאַרף מען דעם דיפטאָנג שרײַבן ניט מיט „ײַ“, נאָר מיט „אי“.

מע דאַרף שטרענג אונטערשיידן אַן „ײַ“ פון אַן „יי“. אין אַלע פאַלן, ווען מע שרײַבט אַ וואָרט מיט אַ דיפטאָנג, וואָס ווערט אין דער ליטעראַרישער שפּראַך אַרויסגערעדט אַלס אַן „ײַ“, מוז מען עס באַצייכענען מיט אַ פּאַסיק (ײַ). אַשטייגער:

גייסט	דריי	ווייִנ	ווייס	זייער	לייב	לייג	מייִנ	נייִנ	שייִנ
גײַכט	דרײַ	ווײַנ	ווײַס	זײַער	לײַב	לײַג	מײַנ	נײַנ	שײַנ

ה

עס זײַנען פאַראַן ווערטער, וואָס דאַרפן קומען מיט אַ „ה“, אָבער אין די שפּראַכן, ווו קיין אָס פאַר אַזאַ קלאַנג איז ניטאָ, ווי אין רוסיש אַשטייגער, ווערן זיי געשריבן מיט אַ г (ג) אָדער מיט אַ х (כ), אָדער דער קלאַנג „ה“ ווערט גאָר ניט אַרויסגעבראַכט. די פאַמיליע „האַלפּערין“ אַשטייגער קומט אָפט אין אַ רוסישן טעקסט באַצייכנט ווי „גאַלפּערין“, אָדער „כאַל-פּערין“, אָדער גאָר „אַלפּערין“. אָבער אין יידיש (ווי אין נאָך אַ ריי שפּראַכן) קומען די דאָזיקע ווערטער מיט אַ „ה“. אַשטייגער: האַרמאָ-ניע, האָריזאָנט, העקטאַר, היסטאָריע, טשוהוג.

מיט אַ „ה“ קומען אויך פיל נעמען (און פאַמיליעס) פון פּערזאָנען און

געאָגראַפֿישע פּונקטן, וואָס אין רוסיש ווערן זיי געוויינטלעך באַצייכנט מיט א г (ג). אשטייגער: האמלעט, היינע, העגעל, האמבורג, האָלאנד.

דערפֿון דאַרף מען אָבער ניט דרינגען, אז אַלע ווערטער, וואָס ווערן אין רוסיש געבראַכט מיט א г (ג), מוזן אין יידיש קומען מיט א „ה“. א ריי ווערטער ווערן סײַ אין רוסיש און סײַ אין יידיש געבראַכט מיט א „ג“. אשטייגער: גראַמאַטיק, געאָגראַפֿיע, ענגעלס, גאָרקי, מאָנגאָליע.

זש, טש, שטש

די קלאַנגען „זש, טש, שטש“ (ש+טש) ווערן באַצייכנט אזוי, ווי זיי זײַנען דאָ געגעבן. אשטייגער:

זשיטאָמיר	סאַבאָטאַזש	גליטש	טשוהונ	באָרשטש
זשלאָבינ	עטאַזשערקע	פּאַטש	טשײַניק	בלישטשען
זשורנאַל	בורזשואַזיע	בײַטש	טשעמאָדאַנ	שטשעדרינ

פּ — פֿ

ווען אזא אָס קומט מיט א פּינטל אָדער אָן א פּינטל, באַצייכנט עס גאָר פֿאַרשיידענע קלאַנגען. אשטייגער:

פּאַס	פּאָר	פּאָטער	פּאָלק	פּוטער	פּרעסנ	פּראָסט
פֿאַס	פֿאָר	פֿאָטער	פֿאָלק	פֿוטער	פֿרעסנ	פֿראָסט

דעריבער דאַרף מען אין א „פּ“ (п) אַלעמאָל אומבאַדינגט שטעלן א פּינטל.

איבערטראָגונג

ווען עס קומט אויס איבערצוטראָגן א טייל וואָרט אויף אן אַנדער שורה, קאָן מען עס טאָן גאַנץ פֿרײַ. ווען אָבער דער טייל וואָרט אַנטהאַלט א דיפֿטאָנג אָדער א קאָנסאָנאַנט „וו, זש, טש“, דאַרף מען עס אזוי איבערטראָגן, אז דער דיפֿטאָנג און דער קאָנ-סאָנאַנט זאָלן ניט געשפּאָלטן ווערן. אניט, פֿאַרשווערט עס זייער דאָס לייענען. אשטייגער:

שלעכט איבערגעטראָגן:		גוט איבערגעטראָגן:	
רו-יכיק	שטי־ינערנע	רוי־כיק	שטיי־נערנע
בריו־ועלע	עטאַז-שערקע	ברי-וועלע	עטא-זשערקע

א טייל וואָרט, וואָס באַשטייט פֿון איין אָס, דאַרף מען אין קיין פֿאַל ניט איבערטראָגן. בכלל דאַרף מען געדענקען, אז יעדע איבערטראָגונג פֿאַרשווערט דאָס לייענען, און מע דאַרף צו איר אָנקומען ווי ווײַט מעגלעך וואָס וויניקער.

6. קלאַנגען־אַסימילאַציע

עס זײַנען פֿאַרן קאָנסאָנאַנטן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט מיט איינע און די זעלבע ריידאָרגאַנען (מיט די ליפּן, מיט דער צונג און גומען, מיט

דער צונג און ציינער...) און אפּ איינעם און דעם זעלבן אויפן (מיט א מאָמענטאַלן אופרייס אָדער מיט א דויערהאַפטער רייבונג) און וואָס שיירן זיך אונטער איינע פון די אנדערע נאָר לויט דער הילכיקייט. אזעלכע זיינען די קאָנסאָנאנטן:

ב	ג	ד	וו	ז	זש
פּ	ק	ט	פ	ס	ש

יעדער אונטערשטער קלאנג פון די דאָזיקע זעקס פּאָרלעך קאָנסאָנאנטן קלינגט קימאט אלציינס ווי זיין אייבערשטער (קאָנטראָלירט עס). דער אונ־טערשייד באשטייט נאָר דערין, וואָס די אייבערשטע זעקס זיינען הילכיקע (קלינגענדיקע) און די אונטערשטע זיינען דומפּע (טויבע). אז ס'איז אזוי, קאָן מען זיך לייכט איבערציינגן: צודריקן די הענט צו די אויערן און ארויסריידן יעדן אייבערשטן קלאנג פון די דאָזיקע און דערנאָך זיין אונטערשטן.

ווען עס באגעגענען זיך הילכיקע קאָנסאָנאנטן מיט דומפּע, ווערן די הילכיקע (ב, ג, ד, וו, ז, זש) געוויינטלעך ארויסגערעדט ווי דומפּע (פּ, ק, ט, פ, ס, ש), אָדער די דומפּע ווערן געוויינטלעך ארויסגערעדט ווי הילכיקע. אשטייגער אין „שרייבט, פארבט, שטרעבט" און אין נאָך אנדערע ווערטער מיט אזא ענדונג ווערט דער „ב" ארויסגערעדט ניט ווי א הילכי־קער, נאָר ווי א דומפּער (ווי א „פּ"); און אין „אָפּגיין, אָפּגראָבן, אָפּ־געבן" און אין נאָך א ריי ווערטער מיט „אָפּ" ווערט דער „פּ" ארויס־גערעדט ניט ווי א דומפּער, נאָר ווי א הילכיקער (ווי א „ב").

הערט זיך צו, וויאזוי עס קלינגען די הילכיקע קאָנסאָנאנטן „ג" און „ז" אין די ווערטער „וויגט, וועגט; וויזט, ברויזט"; און ווי עס קלינגען די דומפּע קאָנסאָנאנטן „ט" און „פּ" אין די ווערטער „מיטגלידער, מיט־גיין; אופגיין, ארופגיין".

די פארענלעכונג פון א הילכיקן קלאנג צו א דומפּן און פון א דומפּן צו א הילכיקן ווערט אָנגערופן **אסימיליאציע**.

די אסימיליאציע פון קלאנגען ווערט נאָך שטארקער, ווען עס באגעגנט זיך א „ב" מיט א „פּ", א „ג" מיט א „ק", א „ד" מיט א „ט" אָדער אן אנדער פּאָרל פון די פריער אָנגעוויזענע זעקס הילכיקע און דומפּע קאָנ־סאָנאנטן. אין אזעלכע פאלן ווערט געוויינטלעך דער הילכיקער אָדער דער דומפּער קאָנסאָנאנט גאָר ניט ארויסגערעדט. אשטייגער:

אוועקגיין	אוועקגעבן	אויסזאָגן
שטרענגקייט	יונגקייט	בייזסטער

אין דער ערשטער שורע רעדט מען דאָ ניט ארויס די דומפּע „ק" און „ס"— זיי אסימילירן זיך מיט די הילכיקע „ג" אָדער „ז"; און אין דער צווייטער שורע רעדט מען דאָ ניט ארויס די הילכיקע „ג" און „ז"—זיי אסימילירן זיך מיט די דומפּע „ק" אָדער „ס".

און אזוי איז עס קימאט שטענדיק: ווען נאָך א דומפּן קלאנג גייט א הילכיקער, ווערט דער דומפּער קלאנג פאַרהילכט און ווערט טיילוויַיז אָדער אינגאנצן אסימילירט מיטן וויַיטערדיקן הילכיקן קלאנג. אשטייגער: מיטגלידער, אנטדעקן. און ווען נאָך א הילכיקן קלאנג גייט א דומפּער, ווערט דער הילכיקער קלאנג פאַרדומפּט (פאַרטויבט) און ווערט טיילוויַיז אָדער אינגאנצן אסימילירט מיטן וויַיטערדיקן דומפּן קלאנג. אשטייגער: וועגט, שטרענגקייט.

די דאָזיקע אסימילאציע פון קלאנגען ווערט אָבער אין שריַיבן מערסטנס ניט אָפּגעשפּיגלט. דאָס וואָרט „וועגט" אשטייגער שריַיבט מען מיט א „ג" און ניט מיט א „ק" (כאָטש הערן הערט זיך א „ק"), דאָס וואָרט „שטרענג-קייט" שריַיבט מען אי מיט א „ק" אי מיט א „ג" (כאָטש הערן הערט זיך בלויז א „ק").

קעדיי אויסצומיַידן מעגלעכע גריַיזן באַם שריַיבן ווערטער מיט אסימיליאציע, דאַרף מען געדענקען אָט וואָס: פאַר „ל, נ" און פאַר א וואָקאַל ווערט א הילכיקער קאָנסאָנאַנט ארויסגערעדט הילכיק, דעריבער דאַרף מען א וואָרט מיט אן אסימילירטן קלאנג נעמען אין אזא פאָרמע, אז נאָכן אסימילירטן קלאנג זאָל דאַרפן קומען „ל, נ" אָדער א וואָקאַל. פאַרגליַיכט אשטייגער, ווי עס קלינגען די קאָנסאָנאַנטן „ב" און „ג" אין די וויַיטערדיקע ווערטער:

שריַיבט	שריַיבן	וויגט	וויגן
שריַיבסט	שריַיבער	וויגסט	וויגעלע

אָבער ניט שטענדיק קאָן מען אָפּערירן מיטן ערשטן אָנגעוויזענעם מיטל. עס זיַינען פאַראַן פאַלן, ווען קעדיי אויסצומיַידן גריַיזן באַם שריַיבן ווערטער מיט אסימיליאציע, דאַרף מען וויסן די סטרוקטור פון די ווערטער. אשטייגער ווען מע ווייסט, אז דאָס וואָרט „אופמערקזאמקייט" איז קאָנסטרויִרט (געבילדעט) פון די טיילן „אופ-מערק-זאם-קייט", שריַיבט מען עס אָן ריכטיק, כאָטש דער ערשטער „ק" פונעם דאָזיקן וואָרט קלינגט באַ א טייל יידיש-ריידער ווי א „ג" (ווערט פאַרהילכט פונעם „ז") און באַ אן אנדער טייל יידיש-ריידער ווערט ער אינגאנצן ניט ארויסגערעדט.

אזעלכע ווערטער, וואָס קעדיי צו שריַיבן זיי ריכטיק, דאַרף מען וויסן זייער באַשטאַנד, זיַינען פאַראַן זייער פיל. דעריבער און צוליב נאָך איי-ניקע טעמים וועלן אינגיכן די לימודים טאַקע זיַין וועגן וואָרטסטרוקטור און וואָרטבילדונג.

7. טראַפּ. טראַפּיקע „ל, נ". אקצענט

ווערטער באַשטייען פון קלאנגען, אָבער ריידן ריידן מיר זיי ארויס ניט קלאנגענוויַיז. אשטייגער דאָס וואָרט „טיש" באַשטייט פון דריַי קלאנגען „ט-י-ש", אָבער מיר ריידן דאָס דאָזיקע וואָרט ארויס ניט מיט דריַי

לופטשטויסן, ניט מיט דריַי אויסאָטעמונגען, נאָר מיט איין אויסאָטע-מונג; דאָס וואָרט „צײַטונג" ריידן מיר ארויס מיט צוויי אויסאָטעמונגען — „צײַ־טונג"; דאָס וואָרט „באשטימונגען" ריידן מיר ארויס מיט פיר אויס-אָטעמונגען — באַ־שטי־מונ־גען. אזעלכע אויסאָטעמונגען הייסן טראַפּן.

א טראַפּ קאָן באשטיין פון איין קלאנג און פון מער. אשטייגער: „ע-מע-צער, שרײַבט, שטרעבסט". די צאָל טראַפּן פאלט געוויינטלעך צונויף מיט דער צאָל וואָקאלן אָדער דיפטאָנגען. דאָס איז דערפאר, ווײַל די וואָקאלן (און די דיפטאָנגען) זײַנען די הילכיקסטע קלאַנגען; און אלע איבעריקע קלאַנגען, די קאָנסאָנאנטן, ווערן געוויינטלעך ארויסגעבראכט צו-זאמען מיט זיי.

אויסער די וואָקאלן און די דיפטאָנגען זײַנען אין ייִדיש (ווי אין נאָך אייניקע שפראכן) פאראן אויך טראפיקע קאָנסאָנאנטן. דאָס הייסט אזעלכע קאָנסאָנאנטן, וואָס זײַנען אויך זייער הילכיקע און בילדן א טראַפּ אָן וואָקאלן. אשטייגער: טי־של, טי־שן. דאָס זײַנען הויפטזאכלעך די קאָנסאָנאנטן „ל" און „נ", ווען זיי קומען נאָך אן אנדער קאָנסאָנאנט. אשטייגער:

היטל	וויקל	ייִדן	לויפן	פאלן
שפיגל	טרייסל	קאסטן	קריכן	הייבן

יעדעס פון די דאָזיקע ווערטער ווערט ארויסגערעדט מיט צוויי אויס-אָטעמונגען: הי־טל, ווי־קל, ייִ־דן... אין אזעלכע פאלן הייסן די „ל" און „נ" טראַפּיקע (טראַפּבילדנדיקע) „ל", „נ".

די טראפיקע „ל, נ" קומען געוויינטלעך צום סאָף וואָרט. אָבער זיי קאָנען זײַן אויך אינמיטן וואָרט. אשטייגער:

וויקל — וויקלסט	דעם ייִדן — דעם ייִדנס
טרייסל — טרייסלסט	לויפן — לויפנדיק

ווערטער מיט טראפיקע „ל", „נ" רעדט מען אין א ריי קאנטן ארויס אזוי, ווי פארן „ל" אָדער „נ" וואָלט געווען אן „ו" (אָדער אן „ע"). דאָס דארף מען זען אויסמײַדן. מע דארף אלעמאָל דעם טראפיקן „ל" און „נ" זאָגן און שרײַבן אָן אן „ו" פאר אים.

דאָס הייסט אָבער ניט, אז פאר א „ל" אָדער פאר א „נ" קאָן בכלל קיין „ו" ניט קומען. דאָס וואָרט „אָפּעקון" אשטייגער אָדער די ווערטער „מוסקול, סטימול, סטאמבול" און אייניקע אנדערע דארפן זײַן מיט „ו".

אָנמערקונג: טראפיק זײַנען אין ייִדיש אויך די קאָנסאָנאנטן „מ, ר". אשטייגער: קאָ-מו-ני-זם; קאָנ-טר-(רעוואָליוציע), מע-טר (א לערער, אן אָנפירער).

אין א וואָרט, וואָס באשטייט פון א פּאָר אָדער פון עטלעכע טראַפּן, ווערט געוויינטלעך איינער פון די טראַפּן א ביסל אקצענטירט (אָנגע-קוועטשט). אשטייגער אינעם וואָרט „זומער" רעדט מען ארויס א ביסל שטאר-קער דעם טראַפּ „זו"; אינעם וואָרט „געזעלשאפט" — דעם טראַפּ „זעל"; אינעם וואָרט „קאָמוניסט" — דעם טראַפּ „ניסט".

אויך די טראפֿן, וואָס ווערן ניט אקצענטירט, ווערן ניט אַלע אַלצײַנס ארויסגעבראכט. אשטייגער דער טראַף, וואָס געפינט זיך דירעקט פֿ א ר ן אקצענטירטן טראַף, ווערט אין פארגלײַך מיט אַלע איבעריקע אומאקצענטירטע טראפֿן ארויסגעבראכט א ביסל ש ט א ר ק ע ר. און פארקערט: דער טראַף, וואָס געפינט זיך גלײַך נ אָ כ ן אקצענטירטן, ווערט ארויסגע־בראכט ש וו א כ ע ר פֿון אַלע איבעריקע.

די אקצענטירטקײַט פֿון די טראפֿן און בכלל דער אקצענט שפּילט באַזונדערס אַ גרויסע ראָליע אין דער דיכטונג (אין פּאָעזיע, אין לידער), ווו דער אויסשטעל פֿון ווערטער מיט אקצענטירטע און אומאקצענטירטע טראפֿן אין א געוויסער אָרדענונג שאפֿט אזא אָדער אן אנדער ר י ט ם, וואָס דאָס איז איינע פֿון די הויפּט־אײגנשאפֿטן פֿונעם פּאָעטישן וואָרט. אשטייגער:

1. הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן.
2. קויטיק קוואקען קאַלטע זשאבעס.

יעדע פֿון די דאָזיקע שורעס באשטייט פֿון אכט טראַפֿן — פֿון פיר צווייטראפיקע ווער־טער, וואָס צווישן זיי ווערט קעסיידער אקצענטירט דער ערשטער טראַף און עס ווערט ניט אקצענטירט דער צווייטער (´— — ´— — ´— — ´— —), און דאָס שאפֿט א גע־וויסן ריטם.

און אשטייגער גאָר אן אנדער ריטם, וואָס נעמט זיך פֿון אן אנדער אָרגאניזאציע (אָרדענונג) פֿון אקצענטירטע און אומאקצענטירטע טראפֿן, האָבן מיר אין פֿאָלגנדיקע שורעס:

איך וויג דײַנע וויגעלע
און זינג אין אויערל,
ס'האָט דאָרט א ריגעלע
פֿארמאכט א טויערל (ד. האָפשטיין).

יעדע פֿון די פֿאָריקע שורעס באשטייט פֿון זעקס טראפֿן, וואָס צווישן זיי ווערט קעסיידער אקצענטירט דער צווייטער טראַף און דער פֿערטער און עס ווערן ניט אקצענטירט די איבעריקע (— ´— — ´— —).

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג 1: אָפֿט באשטימט דעם ריטם ניט די צאָל אקצענטן און די צאָל טראפֿן, נאָר בלויז די צאָל אקצענטן אליין. אשטייגער:

די פֿרייד, וואָס דארף קומען, איז טויזנט מאָל ליבער
פֿון דער, וועלכע קומט שוין, פֿון דער, וואָס איז דאָ (כאשטשעוואצקי).

דאָ האָבן מיר אין דער ערשטער שורע צוועלף טראפֿן און אין דער צווייטער — עלף, און דאָך איז דאָ פֿאראן א געוויסער ריטם, און א גאנצע אויסדריקלעכער: אין יעדער שורע זײַנען דאָ פֿאראן פיר אקצענטן, וואָס פֿאלן אפֿן צווייטן, פֿינפֿטן, אכטן און עלפֿטן טראַף.

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג 2: ניט שטענדיק פֿאלט דער וואָרטאקצענט צונויף מיטן ריטם־אקצענט. אשטייגער:

א שטראַל פֿון דער זון האָט א כוואליע געקושט
מיט ליפּן פֿון ריינעם גינגאָלד.
א שפּרונג האָט די כוואליע געטאָן ווי צעמישט
און לעבן שוין מער ניט געוואָלט (אָ. שווארצמאן).

דאָ האָבן מיר א וואָרט „גינגאָלד", וואָס בכלל ווערט עס ארויסגעבראכט מיט אן אקצענט אפֿן ע ר ש ט ן טראַף, אָבער אין דעם געגעבענעם פֿאַל דארף עס ארויסגעבראכט ווערן מיט אן אקצענט אפֿן צ ו ו ײ ט ן טראַף, ווײַל מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א ריטם, וואָס קאָן גראפֿיש פֿאָרגעשטעלט ווערן אפֿ אזא אופֿן:

´— — — ´— — — ´— — — ´— —
´— — — ´— — — ´— —
´— — — ´— — — ´— — — ´— —
´— — — ´— — — ´— —

III. וואָרטסטרוקטור, וואָרטבילדונג אונ אָרטאָגראַפיע

8. זעלבשטענדיקע אונ באהילפיקע ווערטער

ווערטער ווערנ לויטנ באטײַט אײַנגעטײלט אינ זעלבשטענדיקע אונ באהילפיקע. אשטײגער אינעם זאצ „אפ דער באזע פונ דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע איז ליקווידירט דער לעצטער קאפיטאליסטישער קלאס" — זײַנענ די ווערטער „באזע, דורכויסיקער, קאָלעקטיוויזאציע, ליקווידירט, לעצטער, קאפיטאליסטישער, קלאס" — זעלבשטענדיקע; אונ די ווערטער „אפ, דער, פונ, דער, איז, דער" זײַנענ באהילפיקע.

זעלבשטענדיקע זײַנענ אזעלכע ווערטער ווי פאָלגנדיקע:

טיש	קינדער	שווארצ	אונדזער	שרײַבט	צוויי
מענטש	קאָמוניזמ	רויטע	קײנעמ	לייענסט	זעקס
לופט	בלויקײַט	אלטער	יענעמס	עקספלואטירנ	צענ

באהילפיקע זײַנענ געווײנטלעכ אזעלכע ווערטער ווי פאָלגנדיקע:

דער	דעמ	אפ	צו	אונ	וועל
די	א	פונ	בא	אָבער	פלעגסט
דאָס	קײנ	מיט	ביז	אויב	וואָלטנ

די זעלבשטענדיקע ווערטער שײדנ זיכ אונטער פונ די באהילפיקע מיט א גאנצער רײ אײגנשאפטנ (אונ סימאָנימ):

1) די זעלבשטענדיקע ווערטער רופנ אָנ געווײנטלעכ א זאכ, אנ אײגנשאפט, א קוואליפיקאציע, א טוונג, א צושטאנד, א צאָל אאוו.; אָבער די באהילפיקע ניט — זײ האָבנ, ווי מיר וועלנ שפעטער זענ, גאָר אנדערע אופגאבעס אונ גאָר אנדערע באטײַטנ.

2) די זעלבשטענדיקע ווערטער קאָנענ אָפט קומענ אָנ באהילפיקע אויכ. אשטײגער: קאָמיוגיסטנ לײענע צײַטונגענ, פיאָנערנ שרײַבנ מעלדונגענ; אָבער די באהילפיקע ווערטער קאָנענ קומענ אָנ זעלבשטענדיקע אינ זײער

זעלטענע פאלנ — אשטייגער אינ אנ ענטפער אפ א פראגע (— די פאַרסט פונ שטאַט צי אינ שטאַט? — פונ).

3) אינ די זעלבשטענדיקע ווערטער ווערט געוויינטלעכ א געוויסער טראפ אקצענטירט. אשטייגער אינעמ וואָרט „באזע“ אקצענטירט מענ דעמ טראפ „בא“; אינעמ וואָרט „ליקווידירט“ אקצענטירט מענ דעמ טראפ „דירט“ אונ אזוי ווייַטער. אָבער די באהילפיקע ווערטער ווערנ געוויינטלעכ ארויסגערעדט אָנ אנ אקצענט אונ צוזאמענ מיט זייערע שכיינישע זעלבשטענדיקע ווערטער. אשטייגער דעמ פאַריקנ מוסטערזאצ רעדט מענ ארויס אזוי:

אפ דער באזע   פונ דער דורכויסיקער   קאָלעקטיוויזאציע

איז ליקווידירט   דער לעצטער   קאפיטאליסטישער   קלאס

דאָס הייסט, אויב אפילע עס גייענ צוויי באהילפיקע ווערטער נאָכאנאנד, פאַרייניקט מענ זיי אינריידנ מיטנ ווייַטערדיקנ זעלבשטענדיקנ וואָרט.

אָנמערקונג 1: איינס אונ דאָס זעלבע וואָרט קאָנ אינ איינ פאל זייַנ א זעלבשטענדיקס אונ אינ א צווייטנ פאל א באהילפיקס. אשטייגער:

1. ער האָט גוטע פייקייַטנ.
2. ער האָט געהאט א גרויסנ דערפאָלג.

אינעמ ערשטנ זאצ איז „האָט“ א זעלבשטענדיק וואָרט, אינעמ צווייטנ איז עס א באהילפיקס. אונ אויב מיר וועלנ די דאָזיקע צוויי זאצנ איבערזעצנ אינ אזא שפראכ ווי רוסיש אשטייגער, וואָס קומט אָנ צו באהילפיקע ווערטער זעלטענער ווי ייִדיש, וועלנ מיר זענ, אז אינעמ צווייטנ זאצ וועלנ מיר אָנשטאָט די ווערטער „האָט געהאט“ האָבנ איינ זעלבשטענדיק וואָרט — имел.

אָנמערקונג 2: ווענ א באהילפיק וואָרט באשטייט מער ווי פונ איינ טראפ, האָט עס אנ אונ פאר זיכ אפ איינעמ פונ זייַנע טראפנ אנ אקצענט. אשטייגער: לעקאָוועד, צוליב. אָבער ווענ אזא באהילפיק וואָרט קומט אינ זאצ אונ ווערט ארויסגערעדט צוזאמענ מיט א זעלבשטענדיק וואָרט, ווערט דער אקצענטירטער טראפ פונעמ באהילפיקנ וואָרט אינ פארגלייַכ מיטנ אקצענטירטנ טראפ פונעמ זעלבשטענדיקנ וואָרט גאנצ ווייניק באטאָנט. אשטייגער:

לעקאָוועד בערלענ   צוליב מוישענ

אמאָל טרעפט, אז מע רעדט א באהילפיק וואָרט ארויס מיט אנ אקצענט אונ באזונדער. דאָס קומט פאָר דאנ, ווענ מע וויל דאָס דאָזיקע וואָרט אויסטיילנ, באטאָנענ[1]. אשטייגער:

1 אינ דער געשריבענער שפראכ ווערט אינ אזעלכע פאלנ אנ אקצענטירט וואָרט אמאָל געגעבנ מיט אנ אנדער שריפט, שיטערער אָדער מיט א ליניע אונטער דעמ.

ס'א מאָשל, זאָג איך, איך פּאָר פונ בויבעריק, אונ איר
דארפט קיינ בויבעריק (שאָלעמ-אלייכעמ).

דאָ זעענ מיר אזעלכע באהילפיקע ווערטער ווי „פונ” אונ „קיינ”, וואָס ביכלאל ווערנ זיי ארויסגערעדט ניט באזונדער, נאָר צוזאמענ מיט זייערע ווייטערדיקע שכייניששע ווערטער. אָבער דאָ זייַנענ זיי גראָד אקצענטירט, ווייל איינ וואָרט ווערט דאָ קעגנגעשטעלט א צווייטס.

אָבער דאָס זייַנענ זייער זעלטענע פאלנ. געוויינטלעך ווערט א באהילפיק וואָרט ארויסגערעדט צוזאמענ מיט א זעלבשטענדיק וואָרט — אונ דאָס ברענגט אָפט צו אָרטאָגראפישע גרייַזנ. וואָרעמ דאָס, וואָס מע רעדט ארויס צוזאמענ, וויל מענ אויך שרייַבנ צוזאמענ.

איז אָט: קעדיי ניט צו מאכנ אינ שרייַבנ אזעלכע גרייַזנ, דארפ מענ אויסלערנענ א ריי קלאָלימ, וואָס מיר וועלנ שפּעטער געבנ, ווי אויך זיך גוט צוקוקנ צו א געשריבענעמ טעקסט אונ זיך באמיענ איינצוהאלטנ אינ קאָפּ, וואָס שרייַבט מענ אינייגעמ אונ וואָס באזונדער. דערבייַ דארפ מענ געדענקענ אָט וואָס: א (באזונדער) וואָרט איז אזא שטיקל רייד, 1) וואָס האָט א געוויסנ באטייַט; 2) וואָס לאָזט זיך אינ זאצ אָפּטיילנ פונ די איבעריקע אָדער וואָס לאָזט זיך איבערשטעלנ. אשטייגער:

1) אפ דער באזע — אפ א באזע, אפ אזא באזע...
2) פונ דער דורכויסיקער — פונ א דורכויסיקער, פונ אזא דורכויסיקער..
3) איז ליקווידירט — איז שוינ ליקווידירט, איז אפ דער באזע ליקווידירט, איז דער לעצטער קלאס ליקווידירט...
4) דער לעצטער קלאס — דער דאָזיקער לעצטער קלאס אאוו.

אפ אזא אויפנ זעענ מיר, אז די דאָזיקע שטיקלעך רייד (ווערטער), וואָס מיר ריידנ זיי געוויינטלעך ארויס צוזאמענ, לאָזנ זיך איבערשטעלנ — דעריבער דארפ מענ זיי שרייַבנ באזונדער.

עמעס, אמאָל קאָנ טרעפנ, אז א שטיקל רייד (א וואָרט) זאָל זיך ניט לאָזנ אָפּטיילנ, זאָל זיך ניט לאָזנ איבערשטעלנ—אונ דאָך זאָל מענ עס דארפנ שרייַבנ באזונדער. אָבער אזעלכע פאלנ זייַנענ זייער ווייניק, אונ מיר וועלנ מיט דער צייַט אויך זיי שטודירנ. דערווייַל דארפ מענ אָנווענדנ דעמ אָנווייַז, וואָס מיר האָבנ ערשט געגעבנ. אינ דער מערהייַט פאלנ וועט עס אָריענטירנ.

עס זייַנענ דאָ ווערטער, וואָס קאָנענ קומענ אי באזונדער אי אינייגעמ מיט די ווייַטערדיקע. פונ די דאָזיקע וועלנ מיר דערווייַל אָנווייַזנ די ווערטער „מע, עס, סע”. ווענ בא די דאָזיקע לאָזט מענ ארויס דעמ „ע”, קומענ זיי צוזאמענ מיט די ווייַטערדיקע, אונ אָנשטאָט דעמ „ע” קומט אינ שרייַבנ

דער צייכן אפּאָסטראָף ('). אשטייגער: מע גייט — מ'גייט; עס איז — ס'איז; סע קאָכט — ס'קאָכט.

אָנמערקונג: מיט אַ אַפּאָסטראָף שרײַבט מען אויך אַ „כ״, וואָס איז אַ קירצונג פון „כאָווער״. אשטייגער: כ׳ סטאַלין, כ׳ מאָלאָטאָוו. אָבער ביכ-לאַל קירצונגען באַצייכנט מען מיט אַ פּונקט. אשטייגער: נ. לענין, מ. גאָרקי.

9. וואָרט־טיילן. וואָרצל און אַפיקסן

אַז מע פאַרגלײַכט לויטן קלאַנג און באַטײַט די ווערטער

פאַרב פאַרבער פאַרבערל געפאַרבט אָפּפאַרבן
פאַרבט פאַרבערקע פאַרבערײַ פאַרפאַרבט דערפאַרבן

זעט מען, אַז זיי זײַנען צווישן זיך נאָענט: אין זיי אַלע רעדט זיך וועגן אַזוינס, וואָס האָט אַ שײַכעס צו פאַרב; זיי אַלע זײַנען געבילדעט פונעם וואָרט „פאַרב״. אין אַזוינע פאַלן זאָגט מען, אַז די ווערטער האָבן איין וואָרצל — אַ וואָרצל „פאַרב״.

אָבער די פאַריקע צען „פאַרב״־ווערטער באַטײַטן ניט גאָר איינס און דאָס זעלבע: „פאַרבער״ איז ניט דאָס זעלבע, וואָס „פאַרבערקע״; „פאַר־בערל״ איז ניט דאָס זעלבע, וואָס „פאַרבערײַ״ אאוו. דער אונטערשייד אינעם באַטײַט פון די פאַריקע צען ווערטער נעמט זיך דערפון, וואָס אויסער וואָרצל זײַנען קימאַט בײַ זיי אַלעמען פאַראַן נאָך קלאַנגען, נאָך אויסיעס — קלאַנגען (און אויסיעס), וואָס האָבן אויך אַ כיילעק אין אויסבילדן די דאָזיקע ווערטער און זייערע באַטײַטן.

אויף אַזאַ אופן זעען מיר, ערשטנס, אַז אַ וואָרט אַנטהאַלט אָפט מער ווי איין באַטײַטיקן טייל, און צווייטנס, אַז אין באַשטימען דעם באַטײַט פון אַ וואָרט שפּילט אַ ראָליע ניט נאָר דער וואָרצל — זייער אָפט ווענדט זיך עס אויך אין די איבעריקע טיילן פונעם וואָרט.

די באַטײַטיקע וואָרט־טיילן דאַרף מען ניט צונויפמישן מיט טראַפן. אשטייגער דאָס וואָרט „פאַרטיי״ באַשטייט פון צוויי טראַפן — פון צוויי אויסאָטעמונגען (פאַר — טיי), אָבער פון שטאַנדפּונקט פון באַטײַט באַשטייט דאָס דאָזיקע וואָרט פון איין וואָרצלדיקן טייל — קיין אַנדערע באַ־טײַטיקע טיילן האָט עס ניט. אַזוי איז אויך אויך מיטן וואָרט „מילכאָמע״. פון טראַף־שטאַנדפּונקט באַשטייט דאָס וואָרט פון דרײַ טיילן (מיל — כאָ — מע), אָבער פון באַטײַט־שטאַנדפּונקט זײַנען אַלע דרײַ טראַפן אין ייִדיש איין גאַנ־צער טייל. און אָפט קאָן די צאָל באַטײַטיקע טיילן צונויפפאַלן מיט דער צאָל טראַפן. אשטייגער:

מערהײַט מעגלעכקײַט אומפאַרמײַדלעך

אינעם ערשטן וואָרט האָבן מיר צוויי טראַפן (מער—הײַט), אינעם צווייטן — דרײַ טראַפן (מעג — לעך — קײַט) און אינעם דריטן — פיר טראַפן (אום — פאַר —

מײַד—לעכ). דערבײַ איז יעדער פֿון די דאָזיקע טראָפּן א באַטאָנטיקער טייל — א וואָרצלדיקער (מער; מעג; מײַד) אָדער ניט קיין וואָרצלדיקער (הײַט; לעכ, קײַט; אום, פֿאַר, לעכ).

אַלזאָ: די טראָפּן און די באַטאָנטיקע טיילן קאָנען אַמאָל צונויפֿפֿאַלן און אַמאָל ניט.

אָנמערקונג: אין ייִדיש (ווי אין נאָך פֿיל שפּראַכן) זײַנען פֿאַראַן פֿיל ווערטער, וואָס באַשטייען בלויז פֿון וואָרצלען און וואָס זײַנען זייער אָפֿט פֿון איין טראָפּ. אַשטייגער:

זיץ	האַק	קאָפּ	האַנט	רויט	געל	הײַנט	צוויי
גיי	זעג	מויל	וואַנט	בלוי	גרין	באַלד	דרײַ
שטיי	רייד	אויג	וועלט	ווײַס	שוואַרץ	איצט	פֿיר

1. דער טייל וואָרט, וואָס טראָגט דעם גרונטבאַטײַט פֿון וואָרט, הייסט וואָרצל.

2. די טיילן פֿון וואָרט אויסער וואָרצל, וואָס אַדאַנק זיי באַקומט דאָס וואָרט צוגאָב־באַטײַטן, הייסן אַפֿיקסן.

אַפֿיקסן דאַרף מען ניט צונויפֿמישן מיט הילפֿווערטער, כאָטש איינעם און דעם זעלבן (אָדער אַן ענלעכן) אינהאַלט קאָן מען אַמאָל אויסדריקן מיט א הילפֿוואָרט און אַמאָל מיט אַן אַפֿיקס. אַשטייגער:

1. ער איז איצט אָן אַרבעט.
2. ער איז אָפּ אַן עמעס אומצופֿרידן.

1. ער איז איצט אַרבעטלאָז.
2. ער איז בעעמעס אומצופֿרידן.

רעכטס האָבן מיר צו טאָן אינעם ערשטן פֿאַל מיט א הילפֿוואָרט „אָן" און אינעם צווייטן פֿאַל מיט הילפֿווערטער „אָפּ, אַן", וואָס ווערן (ווי בכלל הילפֿווערטער) געשריבן באַזונדער. לינקס האָבן מיר צו טאָן אינעם ערשטן פֿאַל מיט אַן אַפֿיקס „לאָז" און אינעם צווייטן פֿאַל מיט אַן אַפֿיקס „בע", וואָס קומען (ווי בכלל אַפֿיקסן) צוזאַמען מיטן וואָרצל.

אַפֿיקסן קאָנען אין א וואָרט זײַן אי פֿאַר אי נאָך דעם וואָרצל. אַשטייגער:

		שטראָפּ			
	בא	שטראָפּ			
	בא	שטראָפּ	ט		
	בא	שטראָפּ	ט	ער	
אום	בא	שטראָפּ	ט	ער	
אום	בא	שטראָפּ	ט	ער	הייט

דאָ זעען מיר, וויאַזוי א וואָרט (א וואָרצל) ווערט ארומגעוואַקסן אי פאר זיך אי נאָך זיך מיט אפיקסן, וואָס יעדער פון זיי האָט זיך זײַן באַטײַט און ווירקט אפן באַטײַט פונעם גאנצן וואָרט.

1. אן אפיקס פ א ר ן וואָרצל הייסט פ ר ע פ י ק ס.
2. אן אפיקס נ אָ כ ן וואָרצל הייסט ס ו פ י ק ס.

פונקט ווי פיל ווערטער קאָנען האָבן איין געמיינזאַמען ו אָ ר צ ל און זאָלן דעריבער זײַן צווישן זיך נאָענט לויטן באַטײַט, אזוי קאָנען פיל ווערטער האָבן א געמיינזאַמען א פ י ק ס, וואָס זאָל אויך דערנענטערן זייער באַטײַט. אשטייגער:

פארב	ער			שטעפ	ער			שנײַד	ער			שטיפ	ער		
פארב	ער	קע		שטעפ	ער	קע		שנײַד	ער	קע		שטיפ	ער	קע	
פארב	ער	קע	ס	שטעפ	ער	קע	ס	שנײַד	ער	קע	ס	שטיפ	ער	קע	ס

די ווערטער פון יעדער ק אָ ל אָ נ ק ע זײַנען צווישן זיך נאָענט, ווײַל זיי זײַנען פון איין ו אָ ר צ ל. און די ווערטער פון יעדער ש ו ר ע זײַנען צווישן זיך נאָענט, ווײַל זיי האָבן איינע און די זעלבע ס ו פ י ק ס ן. (און מע קאָן זאָגן אויך פאַרקערט: די ווערטער פון יעדער קאָלאָנקע באַטײַטן פאַר־שיידנס, ווײַל זיי אנטהאלטן ניט איינע און די זעלבע סופיקסן, און די ווערטער פון יעדער שורע באַטײַטן ניט איינס און דאָס זעלבע, ווײַל זיי זײַנען פון פארשיידענע וואָרצלען).

אפ אזא אופן האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט צווייערליי נאָענטקײַטן, מיט צווייערליי באַטײַטן בא ווערטער—מיט גרונטבאַטײַטן (ו אָ ר צ ל ד י ק ע) און מיט צוגאָב-באַטײַטן (א פ י ק ס י ש ע).

די וואָרצלדיקע אָדער די אפיקסישע נאָענטקײַטן דריקן זיך אויס ניט בלויז אין דער נאָענטקײַט פון די ק ל א נ ג ע נ. לויט די קלאַנגען זײַנען אשטייגער די דרײַ ווערטער „עסט, פעסט, קעסט“ שטארק נאָענט צווישן זיך, אָבער קיין ב א ט ײַ ט־נ אָ ע נ ט ק ײַ ט איז צווישן זיי ניטאָ—ניט קיין וואָרצלדיקע און ניט קיין אפיקסישע.

יעדער אפיקס האָט געוויינטלעך זײַן באַשטימטן באַטײַט. דער אפיקס „בא“ (באהאלטן) באַטײַט אשטייגער ניט דאָס זעלבע, וואָס דער אפיקס „פאר“ (פארהאלטן). אָבער פונקט אזוי ווי וואָרצלען און גאנצע ווערטער ביכלאל זײַנען פאראן אזעלכע, וואָס האָבן צו עטלעכע פארשיידענע באַטײַטן, ווי אשטייגער: ער וועט זײַן זײַן געהילפ, דער זו נ ווארעמט זיך אפ דער זו נ, — אזוי זײַנען פאראן אויך אפיקסן, וואָס האָבן מער ווי איין באַטײַט. אשטייגער:

1. קינד	ער	1. מארקס	יסט
2. שטארק		2. קאפיטאל	
3. שרײַב		3. מאשינ	
4. קיִװ		4. שאכמאט	
5. פינפ		5. קאריקאטור	

אי דער סופיקס „ער" אי דער סופיקס „יסט" האָבנ אינ די פינפ פאלנ פאר־שיידענע באטײַטנ.

אונ ס'טרעפט אויכ פארקערט, ווענ עטלעכע פארשיידענע אפיקסנ האָבנ איינ באטײַט, פונקט אזוי ווי פארשיידענע וואָרצלענ אונ גאנצע ווערטער ביכלאל האָבנ אָפט איינעמ אונ דעמ זעלבנ אָדער אנ ענלעכנ באטײַט. אשטייגער:

א גוויר	1. מענטש — מענטשנ	מערצאָל
א נאָגיד	2. קינד — קינדער	
א רײַכער	3. זייגער — זייגערס	
אנ אוישער	4. פויער — פויערימ	
אנ אדיר	5. איינּיקל — איינּיקלעכ.	

דאָ האָבנ די ווערטער רעכטס איינעמ אונ דעמ זעלבנ אָדער א נאָענטנ באטײַט. אונ איינעמ אונ דעמ זעלבנ באטײַט — דעמ באטײַט פונ מערצאָל — האָבנ די פארשיידענע סופיקסנ פונ אלע פינפ שורעס לינקס.

ווענ צו א וואָרצל (וואָרט) קומט צו אנ אפיקס, קומט אָפט פאָר אנ איבעראקצענטירונג — דער אקצענט גייט פונעמ וואָרצל אריבער אפנ אפיקס. אשטייגער: קאָוועד — אומקאָוועד; דאָקטער — דאָקטערײַ.

10. וואָרטסטרוקטור אונ וואָרטבילדונג

ווענ צו א וואָרצל (וואָרט) קומט צו אנ אפיקס, באקומט עס אָפט ניט נאָר א צוגאָב־באטײַט, נאָר אמאָל גאָר אנ אנדער באטײַט. אשטייגער:

צוגאָב־באטײַטנ	אנדערע באטײַטנ
1. שרײַבנ — דערשרײַבנ	1. ציילנ — דערציילנ
2. שרײַבנ — פארשרײַבנ	2. שטיינ — פארשטיינ
3. שרײַבנ — באשרײַבנ	3. קומענ — באקומענ

די ראָליע פונ די פרעפיקסנ „דער, פאר, בא" אינ אויספאָרמירנ די באַ־טײַטנ פונ די דאָזיקע ווערטער איז גאָר ניט איינע אונ די זעלבע. רעכטס ענדערנ זיי נאָר א ביסל דעמ באטײַט, לינקס פארבײַטנ זיי דעמ באטײַט אפ אנ אנדערנ.

ענדערנ דעמ באטײַט פונ א וואָרט קאָנ מענ ניט נאָר מיט דער הילפ

פון אפיקסן. מע קאָן עס אין יידיש און אין נאָך פיל שפּראַכן טאָן אויך אָן זיי. אשטייגער:

קאָפּ	האנט	פוס
קעפּ	הענט	פיס

אין דער ערשטער שורע זיינען די ווערטער אין איינצאָל: איין קאָפּ, איין האנט, איין פוס. אין דער צווייטער שורע זיינען זיי שוין אין מערצאָל. און אָט דער נייער באטייט האָט זיך באקומען ניט מאכמעס אן אפיקס, נאָר מאכמעס דעם אינוויניקסטן קלאנגענבייט פונעם וואָרצל — אָנשטאָט דעם „אָ" אין „קאָפּ" און דעם „א" אין „האנט" קומט אין מערצאָל אן „ע"; און אָנשטאָט דעם „ו" אין „פוס" ווערט אין מערצאָל אן „י".

און אמאָל, קעדיי צו בילדן א ניי וואָרט, קומט מען אָן אי צו אן אפיקס אי צו א קלאנגענבייט אינעם וואָרצל. אשטייגער:

וואלד	כוידעש	אלט	גרויס
וועלדער	כאדאָשים	עלטער	גרעסער

דאָ זעען מיר, אז די ווערטער „וועלדער, כאדאָשים, עלטער, גרעסער" שיידן זיך אונטער פון די ווערטער „וואלד, כוידעש, אלט, גרויס" ניט נאָר דערמיט, וואָס יענע האָבן אפיקסן און די דאָזיקע ניט, נאָר אויך דערמיט, וואָס דער קלאנגען-באשטאנד פונעם וואָרצל האָט זיך געענדערט.

אפ אזא אויפן האָבן מיר זיך באקאנט מיט דריי מיטלען פון וואָרטבילדונג:

1) אפיקסן (קינד — קינדער, קום — באקום...);
2) קלאנגענבייט אינעם וואָרצל (וואנט — ווענט, ברודער — ברידער...);
3) אפיקסן צוזאמען מיטן קלאנגענבייט אינעם וואָרצל (וואלד — וועלדער, אלט — עלטער...).

אויסער די דאָזיקע דריי מיטלען פון וואָרטבילדונג איז אין יידיש נאָך אויך שטארק פארשפרייט א מיטל פון שאפן ווערטער דורך צונויפזעצן וואָרצלען אָדער גאנצע ווערטער. אשטייגער:

שרייב + טיש — שרייבטיש	קינדער + היים — קינדערהיים
גלאָז + פאפיר — גלאָזפאפיר	ראטן + מאכט — ראטנמאכט

נאָר וועגן דעם דאָזיקן מיטל וועלן מיר שפּעטער ריידן ספּעציעל.

אָנמערקונג 1: אלס א מיטל פון וואָרטבילדונג קאָן דינען אויך די איבערראקצענטירונג. אשטייגער: טערמין (א שווערער טערמין) טערמין (צושטעלן צום טערמין). אָבער אין יידיש איז דאָס דאָזיקע מיטל גאנץ ווייניק פארשפרייט.

אָנמערקונג 2: אין פארשיידענע דיאלעקטן ווערן אָפטמאָל ווערטער

מיט איינע און די זעלבע באַטײַטנ געבילדעט מיט פארשיידענע מיטלענ. אשטייגער:

צאָנ — ציינ, צייִנער — האָנ — האָנענ, הענער
לאָמפ — לעמפ, לאָמפנ — צונג — צונגענ, צינגער

ווערטער מיט איינעם און דעם זעלבנ אפיקס, געבילדעטע פונ איינעם און דעם זע"בנ וואָרצל, קאָנענ אמאָל האָבנ ניט די זעלבע באַטײַטנ, אויב זייער וואָרצלדיקער קלאנגענ־באשטאנד איז טיילווײַז א פארשיידענער. אשטייגער אינ די ווערטער „שנײַדער, שניטער" האָבנ מיר א וואָרצל מיט איינעם און דעם זעלבנ סופיקס „ער". אָבער ניט געקוקט דערופ, וואָס די דאָזיקע צוויי ווערטער האָבנ א געמיינזאמענ וואָרצל, איז זייער באַטײַט ניט איינער און דער זעלבער: א שנײַדער נייט קליידער, מאלבושימ; א שניטער שנײַדט היי, קאָרנ... און דער באַטײַט איז בא זיי ניט איינער און דער זעלבער, ווײַל דער קלאנגענ-באשטאנד פונ עמ וואָרצל איז בא זיי טיילווײַז א פארשיידענער.

ווערטער געבילדעטע פונ איינ וואָרצל קאָנענ אמאָל אדאנק דעם קלאנגענבײַט זיכ שטארק דערווײַטערנ איינע פונ די אנדערע. אשטייגער:

1. שלאָג — געשלעג — שלעגער (הינט-שלעגער) — שלאכט — שלאק.
2. טראָג — טראָגנ — צעטראָגנ — טרעגער — טראכט[1].
3. מאָג — מעג — פארמאָגט — מאכט.
4. זע — זענ — אויסזענ — אויסזיכט — געזיכט — דורכזיכטיק.
5. צי — ציִענ — אָפּציִענ — דערציִענ — דערצויגנ — צוג — צוכט (פיצוכט)[2]

אָט פארוואָס מע קאָנ אמאָל ניט דערפילנ קיינ וואָרצל־געמיינזאמקײַט בא פיל ווערטער, וואָס שטאמענ פאקטיש פונ איינ וואָרצל. אָבער פאר ער פראקטישער שפראכארבעט איז עס ניט שטארק וויכטיק. פאר דער ראקטישער ארבעט איז וויכטיק, מע זאָל קאָנענ געפינענ די וואָרצלענ אינ אזעלכע ווערטער ווי זינגט לידער און זינקט אינ וואסער, ווײַזט מיטנ פינגער און ווײַסט מיט קאלכ און אזוי ווײַטער — ווערטער, וואָס דער אָדער יענער באַטײַט זייערע און אויסלייג (אָרטאָגראפיע) הענגענ אָפּ פונ זייער אָפּשטאמ, פונ זייער וואָרצל.

די מערהײַט וואָרצלענ קומענ אָדער קאָנענ קומענ אי מיט אפיקסנ אי אָנ זיי. אשטייגער:

---

1 די אָרטאָדאָקסישע קרײַזנ טראָגנ נאָכ די טראכט [די קליידער] פונ פאר צוויי — דרײַהונדערט יאָר צוריק (נ. פרילוצקי). אפילע די ערד שטעלט זיכ קעגנ און לאָזט ניט ארײַנ אינ איר טראכט ארײַנ אזא יונגע מאמע פונ פיר פיצינקע יעסוימימלעכ (ש. גאָרדינער).

2 די ווערטער „זע" און „צי" (ווי נאָכ א ריי אנדערע) פלעגט מענ אמאָל ארויסברענגענ מיט א „ה" צומ סאָפ — מיט א קלאַנג, וואָס איז אינ א ריי אויסבילדונגענ פארוואנדלט געוואָרנ אינ א „ג" אָדער „כט".

מאַרש	דעקרעט	רעמאָנט	קאָנטראָל
מאַרשירנ	דעקרעטירנ	רעמאָנטירנ	קאָנטראָלירנ

עס זײַנענ אָבער פאַראַנ אויכ אַזעלכע וואָרצלענ, וואָס זיי קומענ אינ ייִדיש נאָר צוזאַמענ מיט אַפיקסנ. אַשטייגער:

אַגיטירנ	ליקווידירנ	אָפּערירנ
אַגיטאַציע	ליקווידאַציע	אָפּעראַציע
אַגיטאַטאָר	ליקווידאַטאָר	אָפּעראַטאָר

די וואָרצלענ „אַגיט, ליקוויד, אָפּער" אונ אַ ריי אַנדערע קומענ ניט אינ ייִדיש זעלבשטענדיק. זיי קומענ נאָר צוזאַמענ מיט סופיקסנ אָדער (ווי אייניקע פונ זיי) אינ צונויפגעזעצטע ווערטער—אינ אַזעלכע ווי „אַגיט-פּונקט, אַגיטקאָמפּאַניע" אונ ענלעכע.

אויסער די פריִער אָנגעוויזענע מיטלענ פונ שאַפנ נײַע ווערטער מיט נײַע באַטײַטנ זײַנענ פאַראַנ נאָכ מיטלענ.

עס איז אַשטייגער שטאַרק פאַרשפּרייט דאָס מיטל פונ אַרײַנלייגנ אַ נײַעמ באַטײַט אינ אַנ אַלט וואָרט. אַשטייגער דאָס וואָרט „פעדער" הייסט איצט ניט נאָר אַ פעדער בײַ אַ פויגל, נאָר אויכ אַזוינס, וואָס האָט צו אַ פויגל קיינ שײַכעס ניט — אַנ אינסטרומענט צומ שרײַבנ. אָבער נאָכ גאָר ניט לאַנג האָט מענ געשריבנ (אונ וווּ-ניט-וווּ שרײַבט מענ נאָכ אויכ איצט) ניט מיט קיינ שטאָלענע פעדערנ, נאָר טאַקע מיט פויגלשע (גענדזענע...)— מיט עמעסע פעדערנ. דעריבער איז דאָס אַלטע וואָרט געבליבנ אויכ פאַרנ נײַעמ שרײַב-אינסטרומענט, וואָס האָט גענומענ אויספילנ די פונקציעס פונעמ אַלטנ שרײַב-אינסטרומענט, כאָטש די דאָזיקע אינסטרומענטנ זײַנענ אינ אַ סאַכ הינזיכטנ גאַנצ פאַרשיידנ.

ענלעכ דערצו איז אויכ מיטנ וואָרט „סטיל". אַמאָל, בײַ די אוראַלטע גריכנ, האָט דאָס דאָזיקע וואָרט באַטײַט אַ באַשטימט שרײַבגעצײַג — אַ שטעקעלע, וואָס פונ איינ עק איז עס געווענ פאַרשפּיצט אונ פונעמ צווייטנ עק איז עס געווענ טעמפּ; מיטנ שפּיצ פלעגט מענ שרײַבנ אויפ ברעטלעכ, וואָס זײַנענ געווענ באַדעקט מיט וואַקס, אונ מיטנ טעמפּנ עק פלעגט מענ אָפּמעקנ, פאַרגלעטנ דאָס ניט ריכטיקע אָדער דאָס ניט גוט אָנגעשריבענע. אונ איצט מײַנענ מיר געוויינטלעכ מיטנ וואָרט „סטיל" דעמ סכומ מיטלענ, וואָס אַ קינסטלער (אונ בכלל אַ שעפער) ווענדט אָנ אויפ אויסצופאָרמירנ זײַנע געשטאַלטנ (אונ בכלל זײַנע ווערק).

נאָכ בולטער איז דער בײַשפּיל מיטנ גריכישנ וואָרט „נאָמאָס". „דאָס גריכישע וואָרט „נאָמאָס"... האָט געהאַט אַ גאַנצע ריי פאַרשיידענע באַטײַטנ, וואָס זײַנענ, ווי עס קאָנ זיכ פונעמ ערשטנ קוק דוכטנ, ניט געבונדנ צווישנ זיכ. עס פלעגט לעכאַטכילע גענוצט ווערנ אַלס אַ „פּיטערפּלאַצ", דערנאָכ אַלס אַנ „אָפּשטעלאָרט" (אָפּרואָרט), „וווינאָרט", „אָפּטייל" אונ צומ סאָפ האָט עס באַטײַט אַ „געוווינהײַט", „מינהעג" (טראַדיציע), „געזעצ". פאַרשיידענע באַטײַטנ פונעמ וואָרט „נאָמאָס" באַווײַזנ די עטאַפּנ, וועלכע עס האָט דורכגעמאַכט דאָס פאָלק, וואָס ווערט פונ אַ פּיטערשעס אַנ אײַנגעזעסנס, פאַרנעמט זיכ מיט ערדאַרבעט אונ קומט צו שאַפנ געזעצנ, דאָס הייסט צו פאַרפעסטיקנ געוווינהײַטנ אונ מינהאָגימ (טראַדיציעס)" [1].

אַזעלכע פאַלנ פונ אַרײַנלייגנ אַ נײַעמ באַטײַט אינ אַנ אַלט וואָרט זײַנענ שטענדיק פאָרגעקומענ אינ דער שפּראַכ אונ קומענ אַדײַעמ פאָר זייער פיל.

אָבער ניט שטענדיק איז באַקוועמ אָנצוווענדנ אַנ אַלט וואָרט פאַר אַ נײַעמ געגנשטאַנד

---

[1] פּ. לאַפאַרג. „שפּראַכ אונ רעוואָליוציע" (רוסיש). 1930, זײַט 19—20.

אָדער פאר א נײַעם באגריף. דעריבער שאפט מען געוויינטלעך פאר נײַע געגנשטאנדן און נײַע באגריפן נײַע ווערטער מיט דער הילף פון „אייגענע” וואָרצלען און אפיקסן אָדער מע נעמט אָפּט אַרײַן צו זיך אין דער שפראך פארטיקע ווערטער פון אנדערע שפראכן, ווו דער דאָזיקער געגנשטאנד אָדער דער דאָזיקער באגריף זײַנען פריִער אויפגעקומען. אשטייגער „קאָמבײַן” און „רעלס” האָט מען פארטיקערהייט גענומען פון ענגליש; „באָלשעוויק” און „סאָוועט” האָט מען גענומען פון רוסיש אאוו.

דער דאָזיקער פאקט, וואָס איין מענטשלעכער קאָלעקטיוו נעמט בא א צווייטן אָדער בינדט אָן א צווייטן די אָדער יענע געגנשטאנדן, באגריפן און זייערע נעמען, זייערע ווערטער, — איז אויך שטענדיק פאָרגעקומען און קומט קעסיידער פאָר, ווײַל די מענטשהײַט און די שפראכן האלטן אין טאָך אין איין אויסמישן זיך און אין איין איבערקרייצן זיך. און דאָס, וואָס אין איינער און דער זעלבער שפראך זײַנען פאר איינעם און דעם זעלבן באגריף אָפּט פאראן עטלעכע וואָרצלען, עטלעכע אפיקסן און עטלעכע ווערטער ביכלאַל, שטאמט אין א היפּשער מאָס טאקע דערפון, וואָס פון פארשיידענע שפראכלעכע קוועלן דרינגגען אָפּט אין א שפראך ארײַן פארשיידענע אָנרופן פאר איינעם און דעם זעלבן געגנשטאנד, באגריף אָדער פארהעלטעניש.

איינס און דאָס זעלבע וואָרט קאָן אין איין שפראך באשטיין אי פון א וואָרצל אי פון אן אפיקס, און אין א צווייטער שפראך זאָל עס אופגענומען ווערן בלויז אַלס א וואָרצל. אַשטייגער:

דאָס וואָרט „קאפּצן” איז געקומען אין יידיש פון העברייִש. אין העברייִש איז דאָס וואָרט געבילדעט אַף אזא אויפן: צום וואָרצל „ק ב צ” (זאמלען, קלײַבן) איז צוגעקומען א סופיקס „ן”—א סופיקס, וואָס האָט לערעך דעם זעלבן באטײַט, וואָס דער יידישער סופיקס „ער” אין „שנײַדער, שרײַבער, בעקער”... און „קאפּצן” באטײַט: אזא, וואָס זאמלט, וואָס קלײַבט, אאוו. אָבער פאר יידיש איז דאָס וואָרט „קאפּצן”, אינגאנצן גענומען, א וואָרצל, אָן אפיקסן.

עמעס, אין יידיש איז פונעם זעלבן וואָרצל פאראן אזא וואָרט ווי „קיבעצ” (א יידישער קיבעצ). אָבער פאר דעם גרעסטן טייל יידיש־ריידער זײַנען די ווערטער „קאפּצן” און „קיבעצ” ניט קיין ווערטער פון איין וואָרצל. דער גרעסטער טייל פילט עס ניט. ווי ער פילט ניט, אז „צירק, צירקול” און „צירקוליאר” זײַנען פון איין וואָרצל [1] אָדער אז „קאָנסערוון”, „קאָנסערוואטאָר” און „קאָנסערוואטאָריע” זײַנען פון איין וואָרצל [2].

אן ענלעכער פאל איז אין יידיש און אין פיל אנדערע שפראכן מיטן וואָרט „רעלס”. דאָס דאָזיקע וואָרט איז געקומען פון ענגליש. דאָרט באשטייט עס פון א וואָרצל „רעל” און א סופיקס „ס”. דאָס וואָרט „רעל” באטײַט אן אײַזנפּאס; דער סופיקס „ס” באטײַט אין ענגליש דאָס זעלבע, וואָס אין יידיש—מערצאָל (טאטע — טאטעס, איידעם — איידעמס). הייסט עס, אז אין ענגליש באטײַט דאָס וואָרט „רעלס” (ריילז) א סאך אײַזנפּאסן—דאָס זעלבע, וואָס אין יידיש דאָס וואָרט „רעלסן”. אָבער אין יידיש האָט דאָס וואָרט „רעלס” דעם באטײַט פון אײנצאָל; אין יידיש איז דאָס גאנצע וואָרט „רעלס” א וואָרצל, אָן אפיקסן.

אפיקסן קאָנען אַלס אזעלכע אופגענומען אָדער ניט אופגענומען ווערן ניט נאָר אין פארשיידענע שפראכן, נאָר אפילע אין איינער און דער זעלבער שפראך, נאָר אין פארשיידענע צײַטן. אשטייגער:

---

1 צירק—א געבײַדע, וואָס איז געמאכט ווי א קרײַז; א צירקל—אזוינס, וואָס מע מאכט דערמיט א קרײַז (אזא אינסטרומענט): צירקוליאר—א דאָקומענט, וואָס גייט ארום, וואָס מאכט א קרײַז...

2 קאָנסערוון—אופגעהיטע פּראָדוקטן; קאָנסערוואטאָר—אן אָנהענגער פון אופהיטן אַלטע טראדיציעס; קאָנסערוואטאָריע—אן אנשטאַלט פאר אופהיטן קונסט (דער לעכאטכילעדיקער צוועק פון א קאָנסערוואטאָריע).

דאָס וואָרט „אומעט״ איז פארן איצטיקן יידיש־ריידער אזא, וואָס קיין אויסערוואָרצלדיקע טיילן, קיין אפיקסן, האָט עס ניט. דאָס גאנצע וואָרט איז פאר אים א וואָרצל. אָבער עס איז געווען א צייט, ווען א ייִד פלעגט אינעם דאָזיקן וואָרט פילן א וואָרצל „מוט״ און א פּרעפיקס „אומ״ (און). „אונמוט״ און שפּעטער „אומעט״ האָט באטייט „אָן מוט״ (ווי „גליק—אומגליק״, „פּארטייִש—אומפּארטייִשע״ אאוו.). אָבער דער פּרעפיקס פונעם וואָרט „אומעט״ איז אזוי צוגויפגעוואקסן מיטן וואָרצל, אז מיר נעמען איצט אוף דאָס דאָזיקע וואָרט אלס איין באטייטיקן טייל — אלס א וואָרצל אָן אפיקסן.

אזוי איז עס אשטייגער אויך מיט אזא וואָרט ווי „פּרעס״. קיין דורכשניטלעכער ייִדיש־ריידער פילט ניט אינעם דאָזיקן וואָרט קיין פּרעפיקס „פאר״ (פער) און קיין וואָרצל „עס״. אזוי איז עס אויך מיטן וואָרט „בלייַב״, ווו מיר דערקענען איצט ניט דעם פּרעפיקס „בא״ (בע, בי) און דעם וואָרצל „לייַב״. און אזוי איז עס מיט נאָך א ריי ווערטער.

אלזאָ: עס קאָן טרעפן, אז א געוויסער קאָמפּלעקס קלאנגען, וואָס מיר נעמען אים איצט אוף אלס א וואָרצל, זאָל אין אן אנדער שפּראך, בא אן אנדער קאָלעקטיוו מענטשן, אין אן אנדער צייַט זייַן ניט נאָר א וואָרצל בלויז. אין אן אנדער שפּראך, אין אן אנדער צייַט קאָן אן אנדער קאָלעקטיוו מענטשן אינעם זעלבן קאָמפּלעקס קלאנגען דערפילן ניט נאָר א וואָרצל, נאָר אויך אפיקסן.

אָט פארוואָס, אז מיר ריידן וועגן וואָרצלען, מיינען מיר ניט וואָרצלען ביכלאַל. מיר מיינען נאָר אזעלכע, וואָס דער אָדער יענער שפּראך־קאָלעקטיוו (פאָלק, קלאס, שייווערט) נעמט זיי אוף פאר וואָרצלען פון זייַן שפּראך.

11. וואָרצל, אפיקס און אויסלייג

אויב אין א וואָרצל איז דאָ א „ה״, דארף מען מיט א „ה״ ארויסברענגען אלע ווערטער, וואָס זייַנען געבילדעט פונעם דאָזיקן וואָרצל. אשטייגער: האלט, האלטן, צוהאלטן, אויסהאלטן, באהאלטן, אָפּהאלטן, אנטהאלטן, דערהאלטן, געהאלט, אינהאלט, פארהעלטעניש.

אויב אין א וואָרצל איז דאָ א „נג״ (לאנג) אָדער א „נק״ (דאנק), דארף מען אין אלע ווערטער, וואָס זייַנען געבילדעט פון אזא וואָרצל, פארן „נג״ און „נק״ שרייַבן אן „א״ אָדער אן „ע״, אויב אפילע מע רעדט זיי ארויס אנדערש. אשטייגער:

לאנג לענג דאנק דענק
לאנגער לענגער דאנקען דענקען

אָבער אזוי שרייַבט מען נאָר דאן, אויב דער „נג״ אָדער „נק״ געהערן צום וואָרצל. אויב אָבער נאָר איינס („נ״ אָדער „ג, ק״) געהערט צום וואָרצל (אריינ — גיין; שיינ—קייַט), דאן איז דער קלאל וועגן אזא שרייַבן ניט גילטיק. אשטייגער אינעם וואָרט „אריינגאנג״ (אריינ—גאנג) געהערט איין „נג״ צום וואָרצל (גאנג), שרייַבן מיר פאר דעם דאָזיקן „נג״ אן „א״. דער צווייטער „נג״ (אין וואָרט איז ער דער ערשטער) איז אזא, וואָס צום וואָרצל געהערט פון אים נאָר דער „ג״, דעריבער שרייַבן מיר פארן ערשטן „נג״ (אינעם וואָרט) „יי״ און ניט „א״.

מאכמעס דעמ זעלבנ טאמ שרייַבט מענ אנ „ייַ“ פאר „נק“ אינעמ וואָרט „פייַנקייַט“. דער „נ“ געהערט צומ וואָרצל (פייַנ) אונ דער „ק“ צומ סופיקס (קייַט). אָבער א א וואָרט ווי קראנקייַט דארפ מענ שרייַבנ מיט אנ „א“ פארנ „נ“, ווייַל דער צווייטער „ק“ געהערט ניט נאָר דעמ סופיקס, נאָר אויכ דעמ וואָרצל:

קראנקייַט

וואָרצל סופיקס

מע שרייַבט, פארשטייט זיכ, אויכ ניט קיינ „א“ אונ „ע“ אינ אזעלכע פאלנ ווי פריִער, אויב דער „נג“ אונ „נק“ געהערנ ניט צו איינ וואָרצל, נאָר צו צוויי וואָרצלענ, וואָס האָבנ זיכ צונויפגעזעצט אינ איינ וואָרט. אשטייגער: וייַנגאָרטנ (ווייַנ+גאָרטנ), ווייַנקעלער (ווייַנ+קעלער). דאָס זייַנענ ווערטער, וואָס יעדעס פונ זיי אנטהאלט צוויי וואָרצלענ. דער „נ“ געהערט דאָ צומ וואָרצל ווייַנ, דער „ג“—צומ וואָרצל (וואָרט) גאָרטנ אונ דער „ק“—צומ וואָרצל (וואָרט) קעלער. דעריבער דארפ מענ שרייַבנ אויכ: רייַנגאָלד, קלייַנגעלט; שטיינקוילנ, פייַנקוכנ (געבעקס), פייַנקאָכנ (פונ אייער)[1].

אויב א וואָרצל אונ אנ אפיקס באגעגענענ זיכ מיט אלצייַנע קאָנסאָנאנטנ, שרייַבט מענ ביכלאל נאָר איינ קאָנסאָנאנט. אשטייגער:

אָפּ+פּאטערנ—אָפּאטערנ[2] מיִעס+סטער—מיִעסטער

אוועק+קייַקלענ—אוועקייַקלענ שטארק+קייַט—שטארקייַט

ווענ אָבער עס באגעגענענ זיכ ניט קיינ אלצייַנע קאָנסאָנאנטנ אונ איינער פונ זיי ווערט אפילע פארטויבט אָדער פארהילכט פונעמ צווייטנ, דארפ מענ שרייַבנ ביידע קאָנסאָנאנטנ. אשטייגער:

אָפּ+בעטנ—אָפּבעטנ בייז+סטער—בייזסטער

אוועק+גייִנ—אוועקגייִנ יונג+קייַט—יונגקייַט

די ווערטער פונעמ טיפּ „גייסטו (גייסט+דו), נעמסטו (נעמסט+דו), זיצסטו (זיצסט+דו)“ שרייַבט מענ אָנ א „ד“.

אויב צו א וואָרצל (א וואָרט) מיט א „ל“ צומ סאָפּ קומט צו א סופיקס „לאָז“, שרייַבט מענ ביידע „ל“—אי דעמ וואָרצלדיקנ אי דעמ סופיקסישנ. אשטייגער: אידעאללאָז, קאָנטראָללאָז, געפיללאָז, סטיללאָז אונ אזוי ווייַטער.

אויב א וואָרצל אונ אנ אפיקס באגעגענענ זיכ מיט אלצייַנע וואָקאלנ, דארפ מענ שרייַבנ ביידע וואָקאלנ. אשטייגער: בא+ארבעטנ—באארבעטנ; טו+ונג—טוּונג; פרי+יִק—פריִיִק.

---

1 אָבער: באנגעלט (באנ+געלט).

2 אָבער: אָפּפּאלנ (אָפּ+פּאלנ), ארָאָפּפּאלנ (אראָפּ+פּאלנ), ארופּפּעקלענ (ארופּ+פּעקלענ).

12. פרעפיקס און צוגאָב

אין ייִדיש (ווי אין נאָך שפּראַכן) זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע ווערטער, וואָס אַמאָל קומען זיי אַלס זעלבשטענדיקע ווערטער, אָבער אָפֿטער זײַנען זיי צוגאָבטיילן צו אַנדערע ווערטער, קימאַט אַזוי ווי אַפֿיקסן. אַשטייגער:

1. ווען אַלע שלאָפֿן, איז ער **אויף** (שאָלעם-אַליכעם).	1. זיי וועלן באַלד **אויפֿ**שטיין פֿון שלאָף.
2. הײַנט איז זי גרויס, מאָרגן איז זי **אויס** (בערגעלסאָן).	2. עס קאָן זײַן, אַז מאָרגן וועט זי **אויס**גיין.

רעכטס זײַנען „אויף" און „אויס" זעלבשטענדיקע ווערטער, לינקס זײַנען זיי שוין ניט קיין זעלבשטענדיקע ווערטער, נאָר צוגאָבטיילן צו אַנדערע ווערטער, בײַ וועלכע זיי געפֿינען זיך פֿאַרן וואָרצל, פּונקט ווי פּרעפֿיקסן.

ענלעך דערצו זײַנען אויך די ווײַטערדיקע אויסגעטיילטע פֿאַלן:

און כאָטש איך האַלט דעם קאָפּ **אַראָפּ** און די אויגן **צו**, פֿונדעסטוועגן דאַכט זיך מיר, אַז איך זע זי, האָדלען הייסט דאָס (שאָלעם-אַליכעם).	אַפֿילע ווען איך האָב **אַראָפּ**געלאָזט דעם קאָפּ און **צו**געמאַכט די אויגן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך זע זי.

דאָ האָבן מיר אַן „אַראָפּ" און אַ „צו", וואָס רעכטס זײַנען זיי זעלבשטענדיקע ווערטער און לינקס זײַנען זיי צוגאָבטיילן.

אַזעלכע באַטײַטיקע טיילן ווי „אויף, אויס, אַראָפּ, צו" אין די לינקע פֿאַלן הייסן צוגאָבן[1].

צוגאָבן צייכענען זיך אויס מיט אַ ריי אייגנשאַפֿטן (און סימאָנים), לויט וועלכע מע קאָן זיי אונטערשיידן פֿון פּרעפֿיקסן:

1) אַ פּרעפֿיקס איז קימאַט אַלעמאָל אָן אַן אַקצענט; אַ צוגאָב איז שטענדיק מיט אַן אַקצענט. אַשטייגער:

פּרעפֿיקסן	צוגאָבן
1. ער וועט **פֿאַר**שרײַבן.	1. ער וועט **אויס**שרײַבן.
2. ער וועט **דער**שרײַבן.	2. ער וועט **אַראָפּ**שרײַבן.

רעכטס איז דער אַקצענט ניט אויפֿן פּרעפֿיקס, נאָר אויפֿן וואָרצל; לינקס איז שוין דער אַקצענט ניט אויפֿן וואָרצל, נאָר אויפֿן צוגאָב.

2) אַ פּרעפֿיקס איז אַלעמאָל פֿאַרן וואָרצל; אַ צוגאָב איז אין איניקע פֿאַלן פֿאַרן וואָרצל און אין אַנדערע נאָכן וואָרצל (און באַזונדער). אַשטייגער:

---

1 אין איניקע ביכער רופֿט מען עס „ווערבאַלע צוגאָבן".

פּרעפּיקסן		צוגאָבן	
1. ער וועט באשרײַבן	1. ער באַ-שרײַבט	1. ער וועט אָפּשרײַבן	1. ער שרײַבט אָפּ
2. ער וועט פּאַרשרײַבן	2. ער פּאַר-שרײַבט	2. ער וועט אויסשרײַבן	2. ער שרײַבט אויס
3. ער וועט דערשרײַבן	3. ער דער-שרײַבט	3. ער וועט אראָפּשרײַבן	3. ער שרײַבט אראָפּ

די פּרעפּיקסן, זעען מיר דאָ, פּארנעמען די זעלבע פּאָזיציעס סײַ אינ דער „קומענדיקער צײַט“ און סײַ אינ דער „איצטיקער“. אָבער די צוגאָבן — מיט זיי איז עפּעס אנדערש. אינ דער „קומענדיקער צײַט“ זײַנען זיי פּארנ וואָרצל, אָבער אינ דער „איצטיקער צײַט“ קומענ זיי שוינ דאָ נאָכנ וואָרצל.

3) צווישנ א פּרעפּיקס און א וואָרצל קומענ קיינע וואָרט-טיילנ ניט ארײַנ. צווישנ א צוגאָב און א וואָרצל (נאָכנ צוגאָב) קומט אינ א ריי פאלנ ארײַנ א „גע“ אָדער א „צו“. אשטייגער:

פּרעפּיקסן	צוגאָבן
1. באשרײַבן — איכ האָב באשריבנ— איכ הייב אָנ צו באשרײַבנ.	1. אָפּשרײַבנ — איכ האָב אָפּגע-שריבנ—איכ הייב אָנ אָפּצושרײַבנ.
2. פּארשרײַבנ – איכ האָב פּאר-שריבנ — איכ הייב אָנ צו פּאר-שרײַבנ.	2. אויסשרײַבנ — איכ האָב אויסגע-שריבנ — איכ הייב אָנ אויסצו-שרײַבנ.
3. דערשרײַבנ — איכ האָב דער-שריבנ — איכ הייב אָנ צו דער-שרײַבנ.	3. אראָפּשרײַבנ — איכ האָב אראָפּ-געשריבנ — איכ הייב אָנ אראָפּ-צושרײַבנ.

רעכטס איז בא די ווערטער, וואָס ווײַזנ א געטאָנענע טוונג (בא-שריבנ, פּארשריבנ, דערשריבנ), ניטאָ קיינ פּרעפּיקס „גע“; לינקס איז ער בא די ווערטער „אָפּגעשריבנ, אויסגעשריבנ, אראָפּגעשריבנ“ — פּאראנ. רעכטס געפינט זיכ דער „צו“ פּארנ פּרעפּיקס, לינקס איז דער „צו“ ארײַנ צווישנ דעם צוגאָב און וואָרצל.

אָט דאָס זײַנענ די סימאָנים, לויט וועלכע מע קאָנ דערקענענ א צוגאָב און אונטערשיידנ אים פונ א פּרעפּיקס.

אָנמערקונג 1: די צוגאָבנ „אונטער“ און „איבער“ פארלירנ בא איי-ניקע ווערטער זייערע אייגנשאפטנ אלס צוגאָבנ און ווערנ פארוואנדלט אינ פּרעפּיקסנ (באקומענ אייגנשאפטנ פונ פּרעפּיקסנ). אשטייגער:

1. ער האָט מיכ איבערגעריסנ.
2. „ „ „ איבערצײַגט.

אינעם ערשטנ פאל איז „איבער“ א צוגאָב: 1) ער האָט אנ אקצענט; 2) ער

האָט אריַינגענומען א „גע" בא א וואָרט, וואָס וויַיזט א געטאָנענע טוּונג; ער וועט אין דער „איצטיקער צײַט" זיך אוועקשטעלן נאָכן וואָרצל („רײַסט איבער"). אינעם צווייטן פאַל האָט שוין ניט דער „איבער" די אלע אייגנ־שאַפטן — ער איז א פּרעפיקס. אָבער אזעלכע פאַלן זיַינען זייער זעלטן. ביכ־לאַל זיַינען „אונטער" און „איבער" ניט קיין פּרעפיקסן, נאָר צוגאָבן.

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג 2: איינעם און דעם זעלבן (אָדער אן ענלעכן) אינהאַלט קאָן מען אמאָל אויסדריקן אי מיט א פּרעפיקס אי מיט א צוגאָב. אשטייגער:

צעוואַרפן	צעשיקן	צענעמען
פאַנאַנדערוואַרפן	פאַנאַנדערשיקן	פאַנאַנדערנעמען

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג 3: „אום" איז פאַראַן אי א פּרעפיקס אי א צוגאָב. אשטייגער:

„אום" — פּרעפיקס		„אום" — צוגאָב	
אומגליק	אומקאָוועד	אומוואַרפן	אומגעוואָרפן
אומלעגאַל	אומבאַדינגט	אומטרײַבן	אומגעטריבן
אומגעבילדעט	אומבאַשטראָפט	אומשפּאַנען	אומגעשפּאַנ ט

דער פּרעפיקס „אום" באַטײַט נ ע ג א צ י ע, קעגנזאַץ, און קומט מערסטנס מיט אַן אַקצענט. אשטייגער: אוֹמגליק, אוֹמריין, אוֹמקאָוועד, אוֹמרו...

א ריי צוגאָבן זיַינען אָפּט צ ו נ ו י פ ג ע ז ע צ ט פון א פּאָר געוועזענע אָדער איצטיקע באַטײַטיקע טיילן. אשטייגער:

צוריק (צו+ריק) [1] צוזאַמען (צו+זאַם+ען) [3]

צונויף (צו+(נ) אויף) [2] פאַנאַנדער (פון+אַנדער)

אויך א ריי אַנדערע צוגאָבן (ווי אויך פּרעפיקסן און סופיקסן) זיַינען ניט אלעמאָל געווען אזעלכע און אזוי, ווי זיי זיַינען איצט אין ייִדיש.

איניקע צוגאָבן ווערן אין פיל געגנטן „ארומגעוואַקסן" מיט קלאַנגען (און אויסיִעס), וואָס זאָגן גאָרנישט. אשטייגער:

1. ער גייט א ו מ ע ט (אום) אליין.
2. ער שטייט באַלד א ו פ ע ט (אויף).

דאָס דאַרף מען סײַ אין ריידן און סײַ אין שרײַבן בעסער אויסמײַדן.

---

1 דאָס הייסט: צום רוקן. אינעם איצטיקן ייִדיש איז קיין באַטײַטיקער טייל „ריק" קימאַט ווי ניט פאַראַן. סײַדן נאָר אין „ריקפאַל־טיפוס" (возвратный тиф).

2 דער דאָזיקער „אויף" פיגורירט אינעם סאָוועטישן ליטעראַרישן ייִדיש אלס א צוגאָב „אוף". אשטייגער: אופנעמען, אופזאַמלען, אופרופן...

3 דער דאָזיקער „זאַם" פיגורירט אויך איצט אין ייִדיש אלס א באַטײַטיקער טייל. אשטייגער אינעם וואָרט „איינזאַם" (אליין), אינעם וואָרט „זאַמלען" (צונויפנעמען) און אין אַנדערע.

א צוגאָב פאַרן וואָרצל שרײַבט מען צוזאַמען מיטן וואָרצל. אַשטײַגער: אויסשרײַבן, אויסגעשריבן, אויסצושרײַבן; א צוגאָב נאָכן וואָרצל שרײַבט מען באַזונדער. אַשטײַגער: שרײַב אויס, שרײַבסט אויס, שרײַבט אויס... צווישן א וואָרצל און א צוגאָב (נאָכן וואָרצל) קאָנען שטענדיק אַרײַנקומען אָן א שיר ווערטער. אַשטײַגער:

1. מע לאָזט צו. 2. מע לאָזט דיך ניט צו.

3. מע לאָזט דיך אפילע צו דער שפּאַרונע ניט צו (גאָדינער).

13. אויסלייג פון פּרעפיקסן און צוגאָבן

קוקט זיך צו צום אויסלייג און צום באַטײַט פון די ווײַטערדיקע פּרעפיקסן און צוגאָבן. דאָ ווערן געגעבן דעריקער די פּרעפיקסן און צוגאָבן, וואָס אין די אָדער אין יענע קאָנטן מאַכט מען מיט זיי טאָעסן.

1. אַנט — אַנטלויפן, אַנטלײַען, אַנטדעקן, אַנטוויקלען, אַנטוואַפענען...
2. אַהין — אַהינטאָן, אַהינגעטאָן, אַהינגעטאָנענע, אַהינקומען, אַהינגעקומען...
3. אַנידער — אַנידערלייגן, אַנידערזעצן, אַנידערשטעלן, אַנידערגעלייגט...
4. אַראָפּ — אַראָפּגיין, אַראָפּפאַלן, אַראָפּפירן, אַראָפּוואַרפן, אַראָפּגעגאַנגען...
5. אָנ — אָנפאַלן, אָנהייבן, אָנהאַלטן, אָנגעהאַלטן, אָנפאַל, אָנהייב...
6. אָפּ — אָפּפירן, אָפּבעטן, אָפּבייגן, אָפּקומען, אָפּפאַל, אָפּגאַנג...
7. אַרופ — אַרופוואַרפן, אַרופוויקלען, אַרופגיין, אַרופלויפן, אַרופגאַנג...
8. אופ — אופוואַרטן, אופגעבן, אופגיין, אופשטיין, אופגאַנג, אופשטאַנד...
9. אַרויס — אַרויסשיקן, אַרויסזעצן, אַרויסזאָגן, אַרויסנעמען, אַרויסוואַנדערן...
10. אויס — אויסזאָגן, אויסזעצן, אויסנעמען, אויסקומען, אויסגאַנג...
11. אַרום — אַרומלויפן, אַרו יאָגן, אַרומגיין, אַרומדרייען, אַרומנעמען...
12. אום — אומגיין, אומקומען, אומשיקן; אומגעריכט, אומגליק, אומפּאַרטייִשע...[1]

[1] סײַ „אום" א צוגאָב און סײַ „אום" א פּרעפיקס.

13. ארײַן — ארײַנלויפֿן, ארײַנוואַרפֿן, ארײַנזאָגן, ארײַנגאנג, ארײַנפֿיר...

14. אײַן — אײַנבייגן, אײַנבאקן, אײַנבינדן, אײַנבירגערן, אײַנאָרדענען...

15. אונטער — אונטערלייגן, אונטערגיין, אונטערשטעלן, אונטערשלאָגן, אונטערשלאק...

16. הינטער — הינטערלייגן, הינטערגיין, הינטערשטעלן, הינטערשטעליק...

17. בא — באדעקן, באקומען, באגײַסטערן, באאײַנפֿלוסן, באגעגענען...

18. בײַ — בײַזײַן, בײַקומען, בײַשטיין, בײַלייגן, בײַזיצן, בײַזיצער...

19. גע — געשריבן, גענומען, געאײַלט, געפֿיל, געדאנק, געשרײ, גערעכט...

20. דער — דערשרײַבן, דעריאָגן, דערשײַנען, דערהערן, דערהאלטן...

21. דורך — דורכגיין, דורכלויפֿן, דורכקוקן, דורכנעמען, דורכשלעפּן, דורכגאנג...

22. דיס — דיסקוואליפֿיצירן, דיסקרעדיטירן, דיסהארמאָניע, דיספּראָפּאָרץ...

23. דע (דעז) — דעמאָביליזירן, דעפֿאָרמירן, דעזאָרגאניזירן, דעזינפֿעקציע...

24. נאָך — נאָכיאָגן, נאָכלויפֿן, נאָכזאָגן, נאָכזינגען, נאָכפֿאָלגן, נאָכפֿאָלגער...

25. פֿאר — פֿארשטיין, פֿארנעמען, פֿארברענגען, פֿארהענגען, פֿארשטאנד...

26. פֿאנאנדער — פֿאנאנדערנעמען, פֿאנאנדערשיקן, פֿאנאנדעריאָגן, פֿאנאנדערוואַרפֿן...

27. צוזאמען — צוזאמענקלײַבן, צוזאמענלייגן, צוזאמענפֿירן, צוזאמענפֿאָר...

28. צונויף — צונויפֿנעמען, צונויפֿנייען, צונויפֿלייגן, צונויפֿשטעלן, צונויפֿלי...

29. צוריק — צוריקגיין, צוריקגעבן, צוריקיאָגן, צוריקוואַרפֿן, צוריקגעגעבן...

30. צו — צוגיין (אהיים), צושלאָגן (א ברעטל), צוּוואַרפֿן, צונעמען...

31. צע — צעגיין (פון היץ), צעשלאָגן (דעם סוינע), צע־וואַרפן, צענעמען...

32. רע — רעפאָרמירן, רעאָרגאַניזירן, רעקאָנסטרויִרן, רעפּראָ־דוצירן, רעאַקציע...

אזוי שרייבט מען די דאָזיקע פּרעפיקסן און צוגאָבן אין אלע פאַלן, אָן קיינע אויסנאַמען. דאָס איז אָבער נאָר דער אויסלייג פונעם פּרעפיקס און צוגאָב. אויב א וואָרצל הייבט זיך אָן מיט ענלעכע קלאַנגען ווי בא די דאָזיקע פּרעפיקסן און צוגאָבן, קאָן ער האָבן פאַרשיידענע אויס־לייגן[1]. אשטייגער:

1) ענטוזיאַזם, ענטוזיאַסט; אַנטיקל, אַנטראַציט, אַנטווערפּען...
6) אָבליגאַציע, אָבסטרוקציע; אָפּאָרטוניזם, אָפּטימיזם...
12) אימפּולס, אימפּאָרט, אימפּעריאַליזם, אימיטאַציע...
15) אינטערעס, אינטערנאַציאָנאַל, אינטערמעדיע, אינטערווענצ...
17) בעהיימע, בעקעריי; באַגאַזש, באַלעבאָס, באַסיעכידע...
19) גיגאַנט, גימנאַסטיק, גירלאַנדע; גענעראַל, געניאַל...
30—31) ציטערן, ציטאַדעל, ציפער, צירקוליאַר; צוקער, צונטער...

צו איניקע פּרעפיקסן און צוגאָבן פון די פריקע דאַרף מען מאַכן א פּאָר אָנמערקונגען.

1) קיין צוגאָב „אויף“ אָדער „אָפּ“ איז אין דער סאָוועטישער ליטע־ראַרישער שפּראַך ניטאָ. עס איז דאָ נאָר א צוגאָב (און א זעלבשטענדיק וואָרט) „אוף“ און א באַהילפיק וואָרט „אפּ“ אָדער „אפּן“. אשטייגער:

1. דער אופשטאַנד האָט אפּ אונדז געמאַכט א גרויסן אײַנדרוק
2. מיר שטעלן אוף אפּן באַרג דאָס אײַנגעפאַלענע הײַזל.
3. מיר זײַנען שוין זייער לאַנג אוף.

2) אויך קיין צוגאָב „ארויף“ איז אין דער סאָוועטישער ליטעראַרישער שפּראַך ניטאָ. עס איז דאָ נאָר „ארופּ“ — סײַ א צוגאָב און סײַ א זעלב־שטענדיק וואָרט. אשטייגער:

1. ער וועט ארופּגיין אפּן באַרג.
2. ער וועט גיין ארופּ און אראָפּ.

3) דער אונטערשייד פון „אונטער“ און „הינטער“ באַשטייט אין דעם, וואָס „אונטער“ באַטײַט под און „הינטער“ — за, сзади. עס קאָן זײַן אַן אונטערגאַנג און א הינטערגאַנג. דער קעגנזאַץ פון „אונטער“ איז „איבער“; דער קעגנזאַץ פון „הינטער“ איז „פאַר, פריִער“.

אין די ווערטער „אינטערווענץ, אינטערנאַציאָנאַל, אינטערמעדיע“ און אין אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער מיט אזא „אינטער“, וואָס באַטײַט

[1] דאָס איז אויך שײַך צו אויסלענדישע ווערטער, וואָס אַנטהאַלטן פּרעפיקסן, וועלכע דער דורכשניטלעכער יידיש־ריידער נעמט געוויינטלעך ניט אוף אַלס פּרעפיקסן.

„צווישנ‟, דארפ מענ דעמ ערשטנ טראפ ארויסברענגענ ניט מיט „ו‟, וו אייניקע טוענ, נאָר מיט „י‟.

4) אויסער „בא‟ איז אויכ פאראנ א פרעפיקס „בע‟, מיט גאָר אנ אנדער באטײַט. ער קומט בא אייניקע העברייִשע וואָרצלענ (ווערטער) אונ באטײַט „מיט, אינ‟. אשטייגער: בעעמעס, בעשאָלעמ, בעקיצער, בעקויעכ, בעירושע, בעסאָד... אונ בא א ריי ווערטער, וואָס אינ ייִדיש קומענ זיי ניט אָנעמ דאָזיקנ „בע‟. אשטייגער: בעהאדראָגע, בעיעכוילעס, בעפיירעש, בעראָש, בעשאס, בעשײַטע אונ אנדערע.

5) קיינ צוגאָב „פארנאנדער‟ אָדער „פונאנדער‟ איז אינעמ סאָוועטישנ ייִדיש ניטאָ.

6) „צו‟ מיט אנ אקצענט איז א צוגאָב, „צע‟ איז א פרעפיקס. „צע‟ באטײַט קימאט דאָס זעלבע, וואָס „פאנאנדער‟. אשטייגער: צעווארפנ — פאנאנדערווארפנ[1].

14. פרעפיקס, צוגאָב אונ פרעפאָזיציע

דעמ צוגאָב דארפ מענ ניט צונויפמישנ מיט ווערטער, וואָס זײַנענ ענלעכ צו אימ. אשטייגער:

1. ער קומט אָנ אינ שול.	1. ער קומט אָנ ביכער.
2. ער לייגט אונטער א האנט.	2. ער ליגט אונטער א טיש.

דער באטײַט אונ די אייגנשאפטנ פונ די אויסגעטיילטע ווערטער אינ יעדער שורע זײַנענ גאָר ניט איינע אונ די זעלבע. רעכטס האָבנ מיר צוגאָבנ, לינקס — ניט. אזעלכע ווערטער ווי „אָנ‟ אונ „אונטער‟ לינקס הייסנ פרעפאָזיציעס.

פרעפאָזיציעס קאָנ מענ אונטערשיידנ פונ צוגאָבנ לויט פאָלגנדיקע סימאָנימ:

1) א צוגאָב איז שטענדיק אקצענטירט, א פרעפאָזיציע איז געוויינטלעכ ניט אקצענטירט. אשטייגער: ער קומט אָנ אינ שול — ער קומט אָנ ביכער.

2) א צוגאָב ווערט געוויינטלעכ צוגעגעבנ צו א וואָרט, וואָס רופט

1 אָבער ניט אבסאָליוט אינ אלע פאלנ באטײַט „צע‟ דאָס זעלבע, וואָס „פאנאנדער‟. אשטייגער אינעמ זאצ „איז עמעס, אז אלע איר מוזט שוינ צעשטארבנ?‟ (כאריק) — קאָנ דאָס אויסגעטיילטע וואָרט ניט קומענ מיטנ צוגאָב „פאנאנדער‟ אָנשטאָט „צע‟.

אָן עפּעס א טווּנג; א פּרעפּאָזיציע איז מערסטנס א הילפוואָרט בא א וואָרט, וואָס רופט אָן עפּעס א זאַך. אשטייגער:

צוגאָבן	פּרעפּאָזיציעס
קום אָן גיי צו	אָן ביכער צו מוישענ
לויף נאָך טראָג דורך	נאָך בערלענ דורך דער גאס
לייג אונטער.	אונטער א טיש.

3) א צוגאָב איז אין געוויסע פאַלן פאַרן וואָרצל און אין געוויסע נאָכן וואָרצל; א פּרעפּאָזיציע איז געוויינטלעך אלעמאָל פאַר דעם וואָרט, וואָס צו דעם ציט זי זיך. אשטייגער:

צוגאָבן	פּרעפּאָזיציעס
1. ער וועט אָנקומען אין שול.	1. ער וועט קומען אָן ביכער.
2. ער קומט אָן אין שול.	2. ער קומט אָן ביכער.

אָנמערקונג 1: א פּרעפּאָזיציע קאָן אמאָל אקצענטירט זײַן אויך. דאָס פּאַסירט געוויינטלעך אין אזא פאַל, ווען אין זאַץ איז פאַראַן א קעגנשטעלונג אָדער אן אויסרעכענונג פון א פּאָר פּרעפּאָזיציעס. אשטייגער:

1. ס'א מאָשל, זאָג איך, איך פאָר **פון** בויבעריק, און איר דאַרפט **קיין** בויבעריק (שאָלעם-אלייכעם).
2. דער אלטער קוקט אָפ אים **דורך** און **אונטער** די ברילן.

אָנמערקונג 2: צוגאָבן קאָנען זײַן ניט נאָר בא ווערטער, וואָס רופן אָן טווּנגען. צוגאָבן קאָנען זײַן אויך בא ווערטער, וואָס רופן אָן זאַכן, אייגנשאַפטן און עפּעס אנדערש, אָבער אלע אזעלכע ווערטער מיט צוגאָבן זײַנען געוויינטלעך געבילדעט פון ווערטער, וואָס רופן אָן טווּנגען. אשטייגער: אויסגעבן — אויסגאָב, אויסגעגעבענע; צושטיין — צושטאַנד, צוגעשטאַנענע; דורכגיין — דורכגאַנג, דורכגעגאַנגענע...

דאָס, וואָס צוגאָבן און פּרעפּאָזיציעס זײַנען אָפט אויסערלעך ענלעך, קאָן אמאָל מאַכן א זאַץ ניט גענוג קלאָר. אשטייגער אינעם זאַץ „ער קוקט דורך דעם אפּאַראַט" קאָן דער „דורך" זײַן א צוגאָב (קוקט דורך) אָדער א פּרעפּאָזיציע (דורך דעם אפּאַראַט). פאַרשטיין דעם „דורך" אזוי אָדער אנדערש — הייסט ארײַנלייגן אין דעם זאַץ אזא אָדער אנדער אינהאַלט[1].

קעדיי אויסצומײַדן באַם לייענען אזא צוויידײַטיקײַט, איז אין אזוינע פאַלן אָפט גלײַכער צו שרײַבן די פּרעפּאָזיציע אינאיינעם מיטן „דעם" (דורכדעם — דורכן). אָבער ביכלאַל ווערן אזעלכע צוויידײַטיקײַטן אויסגעמיטן אדאַנק

1 פאַרשיידן פאַרשטיין דעם דאָזיקן זאַץ קאָן מען, נאַטירלעך, נאָר אין דער געשריבענער שפּראַך. אין דער גערעדטער שפּראַך האָבן מיר דעם אקצענט און די אינטאָנאַציע — און די דאָזיקע זאָגן אָפּט אונטער, וויאזוי מע זאָל פאַרשטיין דעם אָדער יענעם זאַץ.

דעם, וואָס ניט נאָר די ווערטער העלפן פאַרשטיין דעם גאַנצן זאַץ, נאָר אויך דער גאַנצער זאַץ העלפט בעסער צו באַנעמען דעם באַטײַט פון די ווערטער. און אַזוי ווי זאַכן קומען מערסטנס אין א קאָנקרעטן טעקסט, אין א באַשטימטער געדאַנקען-אַרומרינגלונג, איז דעריבער אָפט ניט שווער אויפצוכאַפּן דעם עמעסן מיין אַפילע פון אַזא זאַץ, וואָס ביכלאַל קאָן ער אַמאָל זײַן צווײַדײַטיק.

פּרעפּאָזיציעס זײַנען פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס זעען אויס ניט נאָר ווי צוגאָבן, נאָר אויך ווי פּרעפיקסן. אַשטייגער:

פּרעפיקסן	פּרעפּאָזיציעס
1. איך וועל עס **באַ**טראַכטן.	1. איך וועל **באַ** אײַך זײַן, **באַ** אײַך טראַכטן.
2. איך וועל עס **פאַר**שרײַבן.	2. איך וועל **פאַר** אײַך נעמען, **פאַר** אײַך שרײַבן.

רעכטס זײַנען די „באַ" און „פאַר" פּרעפיקסן; לינקס זײַנען זיי פּרעפּאָזי-ציעס.

און ס'זײַנען דאָ אויך אַזעלכע פּרעפּאָזיציעס, וואָס זײַנען צו קיינע פּרעפיקסן און צוגאָבן ניט ענלעך; ווי עס זײַנען דאָ אַזעלכע פּרעפיקסן און צוגאָבן, וואָס זײַנען צו קיינע פּרעפּאָזיציעס ניט ענלעך. אַשטייגער:

1. מיר וועלן באַלד ריידן **וועגן** דער אַרבעט.
2. מיר וועלן נאָך היינט **צעשיקן** די בריוו.
3. מיר וועלן **אויפ**הייבן די מאַסע (מיר הייבן **אויף** די מאַסע).

קיין פּרעפיקסן און צוגאָבן, וואָס זאָלן אויסזען ווי די פּרעפּאָזיציע אין דער ערשטער שורע, האָבן מיר ניט. ווי מיר האָבן אויך ניט אינעם סאָוועטישן ליטעראַרישן יידיש קיין פּרעפּאָזיציעס, וואָס זאָלן אויסזען ווי דער פּרעפיקס אין דער צווייטער שורע און ווי דער צוגאָב אין דער דריטער שורע.

די פּרעפּאָזיציעס (און אויך די אַפיקסן) זײַנען, ווי עס ווײַזט אָן דער אַקאַדעמיקער מאַר, אַמאָל געווען זעלבשטענדיקע ווערטער. זיי האָבן הויפּטזאַכלעך באַטײַט קערפּער-גלי-דער: א פּאָנעם, א שטערן, אַן אויג, א נאָז, א האַנט, א זײַט אאַוו. שפּעטער האָבן די דאָזיקע ווערטער גענומען באַטײַטן מער אַבסטראַקטע באַגריפן — געוויסע פאַרהעלטענישן, הויפּטזאַכלעך אַזעלכע פאַרהעלטענישן, וואָס ווײַזן אָרט, ריכטונג, צײַט און אַנדערע. דעריבער זײַנען זיי פון זעלבשטענדיקע ווערטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַהילפיקע — אין פּרעפּאָזיציעס — אין ווערטער, וואָס ווײַזן געוויינטלעך א פאַרהעלטעניש צווישן זאַכן און טוונגען, צווישן זאַכן און זאַכן אאַוו. אַשטייגער: אָנשטאָט אַן ענטפער האָט זיידל זייער בייז א כאַפּ געגעבן זײַן צעפליקט ביכעלע פון טיש, זיך אויסגעדרייט צו אַלע (אַלעמען) מיטן רוקן און מיט גיכע-גיכע טריטלעך אַרויסגעלאָפן פון הויז (בער-געלסאָן).

15. פרעפּאָזיציע אונ אויסלייג

די אָפּטערע פרעפּאָזיציעס זייַנענ פאָלגנדיקע (לייגט אכט אפנ אויסלייג):

אדאנק, אנטקעגנ (קעגנ, קעגניבער), אפ, ארומ, אָנ, אָנשטאָט, אונטער, אויס (פונ, צוליב)[1], אויסער, איבער, אינ, אינמיטנ, בא, ביז, בייס, בענע־גייע, בעשאס, דורכ, הינטער, וועגנ, (א)כוצ, לויט, לעבנ, לעגאבע, לעטוי־וועס, לעקאָוועד, מאכמעס, מיט, מיצאד, מיקויעכ, נאָכ, ערעוו, פאר, פארבייַ, פאָר, פונ, צווישנ, צו, צוליב, קיינ (אינ).

א רייי פרעפּאָזיציעס זייַנענ (פונקט ווי א רייי צוגאָבנ) אָפּט צונויפ־געזעצט פונ א פּאָר געוועזענע אָדער איצטיקע באַטייַטיקע טיילנ: פונ א פּרעפיקס מיט א וואָרצל, פונ א צוגאָב מיט א וואָרצל, פונ א פּרעפיקס מיט א פּרעפּאָזיציע אָדער פונ איינ פּרעפּאָזיציע מיט א צווייטער אאוו. אשטייגער:

לעקאָוועד (לע[2] + קאָוועד)	אנטקעגנ (אנט + קעגנ)
אָנשטאָט (אָנ + שטאָט[3])	פארבייַ (פאר + בייַ)

אויכ די איבעריקע פריער אויסגערעכנטע פּרעפּאָזיציעס זייַנענ ניט אלעמאָל געווענ אזעלכע אונ אזוי, ווי זיי זייַנענ דאָ געגעבנ. אשטייגער די פּרעפּאָזיציע „אינמיטנ“ איז א צונויפגעזעצטע פונ „אינ + מיט + נ“; די פּרעפּאָזי־ציע „צוליב“ איז געבילדעט פונ „צו“ אונ „ליב“. אונ אויכ די עלטערע פּרעפּאָזיציעס ווי „צו, פונ, אפּ“ אונ אנדערע — אויכ זיי זייַנענ ניט שטענ־דיק געווענ אזוי, ווי זיי זייַנענ איצט אינ יידיש.

וועגנ אייניקע פונ די פּאָריקע פּרעפּאָזיציעס דארפ מענ מאכנ עטלעכע אָנמערקונגענ:

1) „אדאנק“ שרייַבט מענ צוזאמענ נאָר אינ אזא פאל, ווענ עס איז א פּרעפּאָזיציע, אינ אנדערע פאלנ שרייַבט מענ דעמ „א“ באזונדער. אשטייגער: **אדאנק** אייַער הילפ האָט ער געמאכט די ארבעט; איכ קומ אייַכ **א דאנק** (א גרויסנ דאנק). (אינעמ צווייטנ פאל קאָנ צווישנ „א“ אונ „דאנק“ ארייַנקומענ א וואָרט (אָדער ווערטער), אָבער אינעמ ערשטנ פאל — ניט).

2) די פּרעפּאָזיציעס „אָנ“ אונ „אינ“ דארפ מענ ניט צונויפמישנ מיט „אונ“. „אונ“ איז ניט קיינ פּרעפּאָזיציע. אשטייגער: מוישע **אונ** בערל גייענ

---

1 אשטייגער: דער רועכ האָט דאָס **אויס** אימ גערעדט (מענדעלע). דער לערער מאכט כויזעק אפילע **אויס** כאלוימעס (פּערעצ).

2 דער פּרעפיקס „לע“ קומט בא א קליינער צאָל ווערטער, וואָס שטאמענ פונ העב־רייִש. אשטייגער: לעהייפעכ, לעמאזל, לעמאָשל, לעסאָפ, לעערעכ... דער זעלבער פּרעפיקס איז אויכ פאראנ בא אייניקע ווערטער, וואָס אינ יידיש קומענ זיי ניט אָנ אימ. אשטייגער: לעגאבע, לעיבעד, לעכאטכילע, לעכאָלאפּאָכעס, לעסאטע... (אגעוו אינ העברייִש איז דער „לע“(ל) א פּרעפּאָזיציע, וואָס באַטייַט „צו“).

3 „שטאָט“ באַטייַט אויכ אָנ אָרט. „שטאָט“ אונ „שטיי“ שטאמענ פונ איינ וואָרצל.

אין טעאטער אָן בילעטן; אין צימער שרײַבט ער און לייענט אָן ברילן.

3) די פּרעפּאָזיציע „צו" דאַרף מען ניט צונויפמישן מיט „צי". „צי" איז ניט קיין פּרעפּאָזיציע. אַשטייגער: דו גייסט צו מיר צי (אָדער) צו אים? מאָרגן צי (אָדער) איבערמאָרגן וועל איך צו דיר קומען.

4) קיין פּרעפּאָזיציע „נעבן" איז אין עם איצטיקן ייִדיש ניטאָ. ס'איז פאַראַן נאָר אַ פּרעפּאָזיציע „לעבן". אַשטייגער: ער שטייט לעבן מיר; ער וווינט לעבן דער פאַבריק[1].

5) קיין פּרעפּאָזיציע „אויף" איז אין עם סאָוועטישן ייִדיש ניט פאַראַן. ס'איז נאָר פאַראַן אַ פּרעפּאָזיציע „אַף" (אַפן) און אַ צוגאָב „אויף". אַשטייגער: מיר לייגן אויף די ביכער אַף דער ערד; מיר וועלן אויפלייגן די ביכער אַפן טיש.

6) קיין פּרעפּאָזיציע „בײַ" (אַלס הילפוואָרט) איז אין עם סאָוועטישן ייִדיש ניט פאַראַן. ס'איז נאָר פאַראַן אַ פּרעפּאָזיציע „באַ" און אַ „בײַ", וואָס קומט אַלס אַ צוגאָב אָדער אַלס אַ וואָרט־טייל ביכלאַל. אַשטייגער: מיר וועלן באַ אײַך הײַנט זײַן; מיר וועלן בײַקומען אַלע סאָנים; מיר וועלן זײַן דערבײַ. (אָבער אַ פּרעפּאָזיציע „פאַרבײַ" איז פאַראַן. אַשטייגער: ער גייט פאַרבײַ מיר).

7) די פּרעפּאָזיציעס „אונטער" און „הינטער" האָבן דעם זעלבן באַטײַט־אונטערשייד, וואָס די צוגאָבן „אונטער" און „הינטער" (זעט זײַט 43). אַשטייגער:

1. אונטער דעם הימל.	1. הינטער אַ וואַנט.
2. אונטער אַ דאַך.	2. הינטער אַ פאָרהאַנג.
3. אונטער דער ערד.	3. הינטער די קוליסן.[2]

פּרעפּאָזיציעס שרײַבט מען ביכלאַל באַזונדער. צווישן פּרעפּאָזיציעס און די ווײַטערדיקע ווערטער קאָן מען געוויינטלעך אַרײַנשטעלן נאָך ווער־טער. אַשטייגער:

1. מיר גייען אין קלוב אָן בילעטן.
2. מיר גייען אין שנײַדערשן קלוב אָן אונדזערע בילעטן.

אינאיינעם מיט די ווײַטערדיקע ווערטער שרײַבט מען פּרעפּאָזיציעס גע-וויינטלעך דאַן, ווען זיי לאָזן זיך ניט אָפּטיילן, ווען זיי וואַקסן צו צו די ווערטער, צו וועלכע זיי געהערן. אַשטייגער:

מיר וועלן קומען אינאיינעם פאַרנאַכט.

---

1 אין עלטערע און אין פיל אויסלענדישע אויסגאַבעס קאָן מען נאָך טרעפן ניט „לעבן", נאָר „נעבן".

2 מע דאַרף זאָגן און שרײַבן ניט הינטער דער שטאָט, נאָר אונטער דער שטאָט. די ווערטער „הינטערוויגיק, הינטערוויגלער" און אַלע אַנדערע, וואָס זײַנען אויס־געבילדעט פון זיי, דאַרפן זײַן ניט מיט „אונטער", נאָר מיט „הינטער". „אונטער" האָט אָפּטמאָל אויך דעם באַטײַט פון „צווישן".

דאָ קאָן מען ניט אריינשטעלן צווישן „אין, פאר" און די ווײַטערדיקע ווערטער קיין אנדערע ווערטער, דעריבער שרײַבט מען „אינײנעם" צוזאמען און „פארנאכט" צוזאמען.

ווען די פּרעפּאָזיציע „צו" וואקסט צו צו א וואָרט, שרײַבט מען זי מיט „ו", כאָטש דער דאָזיקער „צו" איז ניט אקצענטירט. דאָס איז מערסטנס בא פאָלגנדיקע ווערטער (אייניקע פון די דאָזיקע ווערטער קומען איצט ניט אין יידיש אָנעם „צו"):

צוביסלעך	צולאָכעס	צומבעסטן	צונישט	צוקאָפּנ(ס)
צוגאסט	צוליב	צומגיכסטן	צוערשט	צוריק
צוגלײַך	צולעצט	צומווייניקסטן	צופוס(ן)	צורעכט (מאכן)
צוזאמען	צומאָל	צונאכט(ס)	צופרידן	צושטײַער
	צומאָרגנס	צוניץ (קומען)		

מיט „ו" שרײַבט מען אויך די ווערטער, וואָס מע בילדעט פון די דאָזיקע. אשטייגער: צופרידן, צופרידענע, אומצופרידן, אומצופרידענע...

די פּרעפּאָזיציע „בא" רעדט מען אין פיל קאנטן ארויס ניט מיט א וואָקאל „א", נאָר מיט א דיפטאָנג „ײַ". אינעם סאָוועטישן יידיש, ווי ס'איז שוין אָנגעוויזן, דארף מען די דאָזיקע פּרעפּאָזיציע זאָגן און שרײַבן „בא". אזוי דארף מען אויך זאָגן און שרײַבן די פּרעפּאָזיציע „בא", ווען זי וואקסט צו צו א וואָרט. אשטייגער: באנאכט, באטאָג. ווען אָבער די פּרעפּאָזיציע ווערט ארויסגערעדט „בײַ" און ווערט אקצענטירט, דארף זי אזוי אויך געשריבן ווערן. אשטייגער: בײַזאך, בײַהויצאָעס, בײַשטעטל-דיקע, בײַגעבײַדע.

פון אלע ביז איצטיקע בײַשפּילן און פאלן איז צו זען, אז פאר א וואָרצל קאָנען זיך אין א וואָרט געפינען דרײַערליי באטײַטיקע טיילן:

1) א פּרעפיקס. אשטייגער: **אומגליק, אנטוואָפּענונג, באגריף, בעע-מעס, געשריי, דערציילונג, פארזאמלונג, צעוואלגער, דעמאָביליזאציע, דעז-אָרגאניזאציע, דיסהארמאָניע, רעאקציע...**

2) א צוגאָב. אשטייגער: **אומגאנג, אָנגריף, אָפּפאל, אונטערשלאק, אופשטאנד, אויסגאנג, איבערבראָך, דורכקוק, נאָכפרעג, פאנאנדערפאל, צוּוווּקס, צוזאמענפּאָר, צונויפלי...**

3) א פּרעפּאָזיציע. אשטייגער: **אונטערערד, איבערגוואלד, אינ-דרײַען, אינפירען, באנאכט, באטאָג, פארטאָג, פארנאכט, צופרידן, צו-שטײַער...**

דערבײַ קאָן איינער און דער זעלבער קלאנגען-קאָמפּלעקס (קלאנגען-גרופּע) אין איין פאל זײַן א פּרעפּאָזיציע און אין א צווייטן פאל — א פּרעפיקס. אשטייגער:

ער וועט **פאר פארשרײַבן** די לעקציע קיין געלט ניט נעמען.

אָדער אין איין פאַל קאָן עס זײַן אַ פּרעפּיקס און אין אַ צווייטן — אַ צוגאָב. אַשטייגער:

ער איז **אומ**פּאַרזיכטיק **אומ**געקראָכן איבער די דעכער.

אָדער אין איין פאַל קאָן עס זײַן אַ צוגאָב, אין אַ צווייטן — אַ פּרעפּאָזיציע און אין אַ דריטן — אַ זעלבשטענדיק וואָרט. אַשטייגער:

צוגאָב	פּרעפּאָזיציע	זעלבשטענדיק וואָרט
1. ער וועט שפּעט **אַרומ**גיין.	1. ער וועט גיין **אַרום** שטוב.	1. ער וועט איצט גיין **אַרום**.
2. ער וועט **אַנטקעגנ**גיין דעם ברודער.	2. ער וועט גיין **אַנט־קעגן** דעם ברודער.	2. ער וועט גיין דעם ברודער **אַנטקעגן**.

אָנמערקונג: אַמאָל קאָן מען צווייפלען, צי דער אָדער יענער באַטײַטיקער טייל פֿאַרן וואָרצל איז אַ פּרעפּיקס צי אַ צוגאָב, אָבער פאַר דער פּראַקטישער שפּראַכאַרבעט איז עס ניט שטאַרק וויכטיק, ווײַל אי אַ פּרעפּיקס אי אַ צוגאָב פֿאַרן וואָרצל ווערן געשריבן אינאיינעם מיטן וואָרצל. ווען אָבער ס'איז דאָ אַ צווייפל וועגן דעם אויסלייג פון אַ וואָרט מיט אַ פּרעפּאָזיציע, צי דאַרף זי קומען אינאיינעם צי באַזונדער, דאַרף מען וועגן דעם אויסלייג פון אַזאַ וואָרט אַ קוק טאָן אין אָרטאָגראַפישן ווערטערבוך.

16. פּרעפּאָזיציע און אַרטיקל

אויסער פּרעפּאָזיציעס, וואָס קומען, ווי ס'איז שוין געווען אָנגעוויזן, מערסטנס בײַ ווערטער, וועלכע באַטײַטן זאַכן, איז פאַראַן נאָך אַ גרופּע הילפוווערטער, וואָס קומט זייער אָפט בײַ די דאָזיקע ווערטער. דאָס זײַנען די הילפוווערטער „אַ (אַן), דער, די, דאָס (דעם), קיין". אַשטייגער:

1. **אַן** אַגיטאַטאָר האָט געהאַלטן **אַ** רעדע.
2. **קיין** פּאַרעדעס האָט **דער** אַגיטאַטאָר ניט געמאַכט.
3. **די** רעדע האָט פאַראינטערעסירט **דעם** עולם.
4. **דער** עולם האָט נאָך **דער** רעדע לאַנג געשמועסט.
5. **דאָס** לעבן פון **די** קאָלווירטניקעס ווערט אַלץ אַקטיווער.

די הילפוווערטער „אַ (אַן), דער, די, דאָס (דעם), קיין" הייסן אַרטיקלען.

דער אַרטיקל „אַ" אָדער „אַן" קומט געוויינטלעך בײַ אַ וואָרט, וואָס רופט אָן עפּעס אומבאַשטימטס, אָדער בײַ אַ וואָרט, וואָס ביז איצט איז עס פאַר דעם צוהערער אָדער פאַר דעם לייענער ניט געבראַכט געוואָרן. די אַרטיקלען „דער, די, דאָס" (אָדער „דעם") קומען בײַ אַזאַ אָדער אַן אַנדער וואָרט, וואָס רופט אָן עפּעס באַשטימטס, אָדער וואָס פאַרן צוהערער אָדער לייענער איז עס שוין געבראַכט געוואָרן. דער אַר־

טיקל „קיין" קומט בא א נעגאציע, בא א פארניינונג. (זעט די אַרטיקלען און זייער ראָליע אין די פריערדיקע פינף ביישפּילן).

אָנמערקונג: אין געוויסע פאַלן, ווי מיר וועלן שפּעטער קלאָר מאַכן, ווערן די אַרטיקלען „דער" און „דאָס" פאַרוואַנדלט אין „דעם". אשטייגער: דער ברודער, דאָס קינד — וועגן דעם ברודער, וועגן דעם קינד. און דער אַרטיקל „די" ווערט אָפּט פאַרוואַנדלט אין „דער". אשטייגער: די כאַווערטע — וועגן דער כאַווערטע.

דער אַרטיקל „א (אַן)" הייסט אומבאַשטימיקער. די אַרטיקלען „דער, די, דאָס (דעם)" הייסן באַשטימיקע. דער אַרטיקל „קיין" הייסט נעגאַטיווער.

איינס און דאָס זעלבע וואָרט קאָן אין איין פאַל זיין אַן אַרטיקל, א הילפוואָרט, און אין א צווייטן פאַל א זעלבשטענדיק וואָרט. אשטייגער:

> בעקיצער, מע האָט זיך אָפּגעגעסן, וואָס איך מיין, און מע האָט מיר גענומען פּאַקן אין וואָגן אריין איטלעכער באַזונדער: דער א בולקע, דער פיש, דער געבראָטנס, דער א פערטל אָפּ, דער טיי און צוקער, דער א טעפּל שמאַלץ... (שאָלעם-אַליכעם).

דאָס וואָרט „דער", וואָס איז דאָ קעסיידער א זעלבשטענדיק וואָרט, קומט אָפּטער אַלס א הילפוואָרט, אַלס אַן אַרטיקל. אשטייגער: דער טיש, דער וואָגן, דער באַלעגאָלע...

קיין אַרטיקל „קון, קין" אָדער „קיין" איז אינעם ליטעראַרישן יידיש ניטאָ. ס'איז נאָר פאַראַן אַן אַרטיקל „קיין". אזוי דאַרף מען זאָגן און שרייבן אויך די פּרעפּאָזיציע „קיין" (אין). אשטייגער: איך דאַרף פאָרן קיין (אין) קיעוו, און קיין בילעט האָב איך ניט.

„אַן" קומט אָנשטאָט „א" דאַן, ווען דאָס וויטערדיקע וואָרט הייבט זיך אָן מיט א וואָקאַל אָדער מיט א דיפטאָנג. אשטייגער:

אַן אַרבעטער	אַן אוניווערסיטעט	אַן אוילעם
אַן אָפּרוהויז	אַן איליוסטראַציע	אַן אייצע
אַן עמער		אַן איינפאַל

אויב אָבער דאָס וויטערדיקע וואָרט הייבט זיך אָן מיט א קאָנסאָנאַנט (ב, ג, ד, ה, וו...), קומט ניט קיין „אַן", נאָר „א". אשטייגער: א ברעט, א גאָרטן, א הונט, א האָן, א יינגל...

די אַרטיקלען (ווי ביכלאַל הילפוואָרטער) רעדט מען געוויינטלעך אַרויס אָן אַן אַקצענט. עס טרעפט אָבער אויך, אז מע אַקצענטירט זיי. דאָס קומט הויפּטזאַכלעך פאָר אין אַזאַ פאַל, ווען ס'איז דאָ א קעגנשטעלונג פון אַרטיקלען. אשטייגער: אויב פריער האָבן מיר אין בערגעלסאָנס

פּערזאָן געהאַט א גרויסן ייִדישן שרײַבער, האָבן מיר איצט מיטן דער־שײַנען פֿון „באַם דניעפּער" אין זײַן פּערזאָן דעם גרויסן ייִדישן שרײַבער (ליטוואַקאָוו).

די אַרטיקלען דאַרף מען ביכלאַל שרײַבן באַזונדער, ניט געקוקט דערויף, וואָס מע רעדט זיי אַרויס צוזאַמען מיטן ווײַטערדיקן וואָרט. צווישן די אַרטיקלען און דעם ווײַטערדיקן וואָרט קאָן מען כּמעט שטענדיק אַרײַנשטעלן א נײַ וואָרט. אַשטייגער:

1. אַן אַרבעטער לייענט א צײַטונג.
2. אַן אַלטער אַרבעטער לייענט א ייִדישע צײַטונג.

דעריבער איז אין אַלע פֿאַלן, ווען דער טייל „א" (אַן) לאָזט זיך אָפּטיילן פֿונעם ווײַטערדיקן וואָרט, דאַרף מען אים שרײַבן ניט אינײנעם, נאָר באַזונדער. און אויב ער לאָזט זיך ניט אָפּטיילן, שרײַבט מען אים אינײנעם מיטן ווײַטערדיקן וואָרט. אַשטייגער:

באַזונדער	אינײנעם
1. ער זאָגט אײַך א דאַנק — ער זאָגט אײַך א שיינעם דאַנק.	1. אַדאַנק אײַער טירכע איז ער אָנגעקומען.
2. ער האָט א היים — ער האָט א גוטע היים.	2. ער גייט אַהיים. ער פֿאָרט אַהיים.
3. ער האָט א פּנים — ער האָט א שיין פּנים.	3. ער איז אַפּנים שוין געזונט געוואָרן.
4. ער דאַרף אויסלערנען א קלאַף — ער דאַרף אויסלערנען א גוטן קלאַף.	4. אַקלאַף ער איז פֿולשטענדיק גערעכט.
5. אין לאַנד שאַפֿט זיך א שטייגער — אין לאַנד שאַפֿט זיך א נײַער שטייגער.	5. ער קאָן אויסאַרבעטן אַשטייגער פֿאַר 6 שאָ צוויי נאָרמעס.

רעכטס קאָן מען דעם „א" אָפּטיילן, שרײַבט מען אים באַזונדער; לינקס קאָן מען אים ניט אָפּטיילן, שרײַבט מען אים אינײנעם.

בא די ווערטער „א ביסל, א סאַך, א שיר (אַן א שיר), א ווײַלע" שרײַבט מען דעם „א" באַזונדער, כאָטש ניט נאָך יעדן „א" קאָן מען דאָ אַרײַנשטעלן א נײַ וואָרט.

די ווערטער „דער דאָזיקער, די דאָזיקע, דאָס דאָזיקע, דעם דאָזיקן; דער זעלב(יק)ער, די זעלב(יק)ע, דאָס זעלב(יק)ע, דעם זעלב(יק)ן" שרײַבט מען באַזונדער, כאָטש צווישן די (באַשטימיקע) אַרטיקלען און די ווײַטערדיקע ווערטער קאָן מען דאָ קיין נײַע ווערטער ניט אַרײַנשטעלן.

פּרעפּאָזיציעס פֿאַרייניקן זיך אָפֿט אין רײדן און אין שרײַבן מיטן אַרטיקל „דעם" און אַמאָל אויך מיטן אַרטיקל „דער". אַשטייגער:

1. איך גיי צום (צו דעם) ברודער.
2. מיר שרײַבן אפֿן (אף דעם) טאָוול.

3. מיר זײַנענ ארומגעפּאָרנ איבערנ (איבער דער) שטאָט.

די ווערטער „צומ, אפנ, איבערנ“ אנטהאלטנ א פּרעפּאָזיציע אינײנעמ מיט אנ ארטיקל.

אָנמערקונג: אינ א רײ קאנטנ איז ניט אָנגענומענ צו פאַרײניקנ א פּרעפּאָזיציע מיטנ ארטיקל „דער“. אינ דער ליטעראטור אָבער קאָנ מענ אזא פאַרײניקונג אָפט באגעגענענ בא גאנצ פאַרשײדענע שרײַבער. אשטײגער:

1. זי זעט אימ אפנ בינע (דינעזאָנ).
2. מיטנ פּאָנעמ צומ וואנט (הירשביינ, רעזניק).
3. וואָס שטײט איר באמ טיר (לײוויק).
4. א שטיק טאכלעס פונעמ שטאָט (מארקיש).
5. געמאכט צו מארטשינענ מיטנ האנט (אָפּאטאָשו).

ווענ די פּרעפּאָזיציעס „אינ, אָנ, פונ“ קומענ אינײנעמ מיטנ ארטיקל, ווערנ זײ: אינעמ, אָנעמ, פונעמ (אינעמ זאוואָד, אָנעמ ברודער, פונעמ זאוואָד). ווענ די פּרעפּאָזיציע „בא“ קומט אינײנעמ מיטנ ארטיקל, ווערט עס „באמ“ (באמ ברודער).

ווענ א פּרעפּאָזיציע קומט פאַר א זעלבשטענדיק וואָרט „דעמ“, שרײַבט מענ זי ביכלאל באזונדער. אשטײגער:

1. ער האָט פונ דעמ ניט געהערט.
2. ער האָט צו דעמ קײנ שײַכעס ניט.
3. ער האָט זיכ אינ דעמ ניט געמישט.

אינײנעמ שרײַבט מענ אינ אזא פאל בלויז דאָס וואָרט „נאָכדעמ“. אשטײגער: ער האָט נאָכדעמ אלצ פאַרשטאַנענ.

אינײנעמ שרײַבט מענ אויכ די ווערטער „דערפונ, דערצו, דערינ, דערמיט, דערבײַ, דעריבער, דערפאר, דערופ, דערונטער“ אונ אנדערע פונעמ דאָזיקנ טיפּ. אשטײגער:

1. ער האָט דערפונ ניט געהערט.
2. ער האָט דערצו קײנ שײַכעס ניט.
3. ער האָט זיכ דערינ ניט געמישט.

אָבער אינ אזעלכע פאלנ ווי אינ די זאצנ

1. דער פונ אויסלאנד געקומענער דעלעגאט וועט דאָ באלד זײַנ.
2. דער נאָכ נעכטנ ״ ״ ״ ״ ״ ״

— אינ אזעלכע פאלנ דארפ מענ, פאַרשטײט זיכ, דעמ „דער“, דעמ „פונ“ אונ דעמ „נאָכ“ שרײַבנ באזונדער.

אָנמערקונג: בא די ווערטער פונעמ טיפּ „דערפונ, דערצו“ ווערט די פּרעפּאָזיציע אינ אײניקע געגנטנ איבערגעכאזערט, אונ מע זאָגט דאָרט „פונדערפונ, צודערצו“ אאוו. דאָס דארפ מענ סײַ אינ רײדנ אונ סײַ אינ שרײַבנ אויסמײַדנ.

אויסער די ביז איצט אָנגעוויזענע פאלנ זײַנענ פאַראנ נאָכ פאלנ, ווענ מע שרײַבט אינײנעמ ווערטער. דאָס זײַנענ אשטײגער יענע פאלנ, ווענ

א פּרעפּאָזיציע, אַן אַרטיקל און אַ וואָרט, וואָס ציט צו זיך די פּרעפּאָ־זיציע און דעם אַרטיקל,—זעצן זיך צונויף און לאָזן ניט אַרײַנשטעלן צווישן זיך קיינע ווערטער. אַשטייגער:

מיטאַמאָל (מיט+אַ+מאָל) איבעראַיאָר (איבער+אַ+יאָר)
אינדערוואָכן (אין+דער+וואָכן) פונדערווײַטנס (פון+דער+ווײַטנס)
צומבעסטן (צו+(דע)מ+בעסטן) צומווייניקסטן (צו+(דע)מ+ווייניקסטן)

17. סופיקס און פלעקסיע

נאָך אַ וואָרצל זײַנען אין אַ וואָרט אָפט פאַראַן צווייערליי טיפּן וואָרט־טיילן. אַשטייגער אינעם זאַץ „מע קאָנטראָלירט איצט זײַן פּאַרטייִשע אַרבעט"—האָבן מיר צוויי טיילן נאָכן וואָרצל באַם וואָרט „קאָנטראָלירט" (קאָנטראָל—יר—ט) און צוויי באַם וואָרט „פּאַרטייִשע (פּאַרטיי—יִש—ע). די טיילן—„יר, יש" געהערן צו איין טיפּ—דאָס זײַנען סופיקסן; די טיילן—„ט, ע" געהערן צו אַ צווייטן טיפּ. די טיילן—„ט, ע" זײַנען דאָ פאַראַן דערפאַר, ווײַל „קאָנטראָלירט" הענגט אָפּ פון „מע" און „פּאַרטייִשע" הענגט אָפּ פון „אַרבעט". ווען אָנשטאָט „מע" זאָל דאָ זײַן „זיי" און אָנשטאָט „אַרבעט" זאָל דאָ זײַן „בילעט", וואָלט פון „קאָנטראָלירט" געוואָרן „קאָנטראָלירן" און פון „פּאַרטייִשע" וואָלט געוואָרן „פּאַרטייִשן"—זיי קאָנטראָלירן איצט זײַן פּאַרטייִשן בילעט.

גאָר אַנדערש איז אָבער מיט די סופיקסן—„יר, יש", דאָס זײַנען אַזעלכע טיילן, וואָס די דאָזיקע ווערטער האָבן אומאָפּהענגיק פון אַנדערע ווערטער.

אַפּ אַזאַ אופן זעען מיר, אַז נאָך אַ וואָרצל זײַנען אין אַ וואָרט אָפט פאַראַן צווייערליי טיילן:

1) טיילן, וואָס אַ וואָרט האָט אומאָפּהענגיק פון אַנדערע ווערטער אין זאַץ און וואָס זייער ראָליע איז אויסצופאָרמירן אַפּ אַ באַשטימטער וואָרצלדיקער באַזע אַזאַ אָדער אַן אַנדער באַטײַט פון אַ וואָרט. אַזעלכע זײַנען די פריקע טיילן „יר, יש" באַ די ווערטער „קאָנטראָלירט, פּאַרטייִשע, קאָנטראָלירן, פּאַרטייִשן";

2) טיילן, וואָס אַ וואָרט באַקומט אַדאַנק זײַן אָפּהענגיקייט פון אַנדערע ווערטער אין זאַץ און וואָס זייער ראָליע איז צו ווײַזן די דאָזיקע אָפּהענגיקייט. אַזעלכע זײַנען די לעצטע טיילן „ט, ע, נ" באַ די ווערטער „קאָנטראָלירט, פּאַרטייִשע, קאָנטראָלירן, פּאַרטייִשן".

---

1. די נאָכוואָרצלדיקע טיילן פונעם ערשטן טיפּ הייסן סופיקסן.
2. די נאָכוואָרצלדיקע טיילן פונעם צווייטן טיפּ הייסן פלעקסיעס.

איינע און די זעלבע קלאַנגען (און אויסיעס) קאָנען אין איין פאַל זײַן א סופיקס און אין א צווייטן פאַל — א פלעקסיע. אשטייגער ווען דער קלאַנג „נ“ באַטײַט מערצאָל בא א וואָרט, וואָס רופט אָן א זאַך, איז ער א סופיקס; באַטײַט ער מערצאָל בא א וואָרט, וואָס רופט אָן א טוונג, איז ער א פלעקסיע. אשטייגער:

די קאַפּיטאַליסטן עקספּלואַטירן די אַרבעטער אומעטום.

דער „נ“ פונעם וואָרט „קאַפּיטאַליסטן“ איז א סופיקס — דאָס דאָזיקע וואָרט הענגט פון קיינע ווערטער אין זאַץ ניט אָפּ; דער „נ“ פונעם וואָרט „עקספּלואַטירן“ איז א פלעקסיע. „עקספּלואַטירן“ קומט דאָ אין מערצאָל, ווײַל עס הענגט אָפּ פונעם וואָרט „קאַפּיטאַליסטן“, וואָס איז אין מערצאָל.

דאָס זעלבע איז אויך מיטן קלאַנגען-פּאָרל „ער“. קומט עס צו ווײַזן א העכערן גראַד, איז עס א סופיקס; קומט עס צו ווײַזן סתּם אן אייגנשאַפט, איז עס א פלעקסיע. אשטייגער:

1. מײַן טאַטע איז עלטער פון אײַך.
2. מײַן טאַטע איז אן אַלטער.

אינעם ערשטן פאַל איז דער „ער“ א סופיקס, ווײַל ער הענגט פון „טאַטע“ ניט אָפּ. אויב דאָ וועט אָנשטאָט „טאַטע“ זײַן „מאַמע“, וועט אַלצײַנס זײַן „עלטער“. אָבער אינעם צווייטן פאַל איז דער „ער“ א פלעקסיע: ער הענגט אָפּ פון „טאַטע“. אויב דאָ וועט זײַן ניט „טאַטע“, נאָר „מאַמע“, וועט פון „אַלטער“ ווערן „אַלטע“ — אָנשטאָט דער פלעקסיע „ער“ וועט קומען א פלעקסיע „ע“.

אָנמערקונג 1: אין די ווערטער פונעם טיפּ „אַלטערהייט, יונגערהייט, קליינערהייט, זיצנדיקערהייט“ איז דער „ער“ פון א פלעקסיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א סופיקס. אָן „הייט“ איז דער „ער“ א פלעקסיע, מיט „הייט“ איז ער אויס פלעקסיע. אשטייגער:

1. דער טאַטע איז אן אַלטער.	1. דער טאַטע איז אַלטערהייט אַוועק.
2. די מאַמע איז אן אַלטע.	2. די מאַמע איז אַלטערהייט אַוועק.

אָנמערקונג 2: די אָפּהענגיקייט פון איין וואָרט פונעם צווייטן קאָן אַמאָל אויך ניט אויסגעדריקט ווערן דורך א ספּעציעלער פלעקסיע. אשטייגער:

מיר שרײַבן — מיר קאָנטראָלירן — מיר רייניקן
איך שרײַב — איך קאָנטראָליר — איך רייניק

בא די ווערטער „שרײַבן, קאָנטראָלירן, רייניקן“ האָבן מיר א פלעקסיע „נ“, וואָס ווײַזט, אז די דאָזיקע ווערטער הענגען דאָ אָפּ פון „מיר“. אָבער בא די ווערטער „שרײַב, קאָנטראָליר, רייניק“, וואָס הענגען דאָ אָפּ פון „איך“, איז קיין פלעקסיע ניט פאַראַן.

אָנמערקונג 3: עס זײַנען פאַראַן שפּראַכן, ווי רוסיש, אוקראַיניש, ווײַסרוסיש, פּויליש און אַנדערע, וואָס האָבן פיל פלעקסיעס. יידיש געהערט צו די שפּראַכן, וואָס האָבן ווייניק פלעקסיעס.

ווערטער (וואָרצלען) קומען אָפּט בלויז מיט סופיקסן, בלויז מיט פלעק-סיעס אָדער אי מיט סופיקסן אי מיט פלעקסיעס. אשטייגער:

מיט סופיקסן	מיט פלעקסיעס	מיט סופיקסן און פלעקסיעס
איך רייניק	דו שרײַבסט	דו רייניקסט
(ריינ+יק)	(שרײַב+סט)	(ריינ+יק+סט)
" לופטער	" לייענסט	" לופטערסט
(לופט+ער)	(לייענ+סט)	(לופט+ער+סט)
" רעמאָנטיר	" ברענגסט	" רעמאָנטירסט
(רעמאָנט+יר)	(ברענג+סט)	(רעמאָנט+יר+סט)

פלעקסיעס זײַנען קימאט אלעמאָל צום סאָף וואָרט.[1] זיי קאָנען זיך געפינען הארט לעבן וואָרצל, אָדער זיי קאָנען צווישן זיך און דעם וואָרצל האָבן סופיקסן. אשטייגער אין די ווערטער „שרײַבסט, לייענסט, ברענגסט" איז די פלעקסיע „סט" גלײַך נאָכן וואָרצל, און אין די ווערטער „רייניקסט, לופטערסט, רעמאָנטירסט" איז צווישן דער פלעקסיע „סט" און די וואָרצלען פאראן א סופיקס „יק, ער" אָדער „יר".

דער טייל וואָרט ביז דער פלעקסיע הייסט באזע.[2]

ווען א וואָרט באשטייט פון א וואָרצל מיט א פלעקסיע, אָן סופיקסן, פאלט דער וואָרצל מיט דער באזע צונויף. אשטייגער: שרײַבסט, שרײַבט; לייענסט, לייענט; ברענגסט, ברענגט; ווען אויסער וואָרצל און פלעקסיע אנטהאלט נאָך דאָס וואָרט א סופיקס אָדער סופיקסן, איז די באזע פון וואָרט דער וואָרצל צוזאמען מיט די סופיקסן. אשטייגער: רייניקסט, רייניקט; לופטערסט, לופטערט; רעמאָנ-טירסט, רעמאָנטירט.

אָנמערקונג: אין יידיש (ווי אין נאָך פיל שפראכן) פאלט דער וואָרצל מיט דער באזע זייער אָפט צונויף. אשטייגער:

שרײַבט	שרײַבסט	קליינע	קליינער	שיינעם
לייענט	לייענסט	גרויסע	גרויסער	מיעסן
ברענגט	ברענגסט	ברייטע	ברייטער	שטרענגן

ווען צו א וואָרט, וואָס באשטײַט א טווונג, א זאך, אן אייגנשאפט אאוו., קומט צו א פרעפיקס אָדער א צוגאָב (אָדער א פרעפאָזיציע), הערט דאָס דאָזיקע וואָרט געוויינטלעך ניט אויף צו באטײַטן א טווונג, א זאך, אן אייגנשאפט אאוו. דער פרעפיקס אָדער דער צוגאָב (אָדער

[1] ניט צום סאָף וואָרט איז א פלעקסיע פאראן בלויז בא אייניקע צונויפגעזעצטע ווערטער. אשטייגער: (דעם) יונגנמאנ, (דעם) גוטנברודער... דער „נ", וואָס נאָכן ערשטן וואָרצל אין יעדן פון די דאָזיקע ווערטער, איז א פלעקסיע.

[2] אין אייניקע ביכער רופט מען עס „טעמע".

די פרעפאָזיציע) ווירקנ אפנ באטײַט פונעם וואָרט הויפּטזאכלעכ אינ דער ריכטונג פונ צוגעבנ אזא אָדער אנ אנדער אָנווײַז וועגנ אָרט (רוים), ריכטונג, צײַט אונ וועזנ (טאָ:) שטייגער:

1. גייג, צוגייג, אָפּגייג, ארויסגייג, ארײַנגייג, ארופגייג, אראָפּגייג, צוריקגייג, נאָכגייג, אונ־טערגייג, דורכגייג, ארומגייג, בײַגייג, אויסגייג, אופגייג, צעגייג, דערגייג, פארגייג אאוו.

2. פארטאָג, פארנאכט, באטאָג, באנאכט, אונטערערד, אונטערדעק, הינטערטיר, הינטער־לאנד, צוקאָפּנס, צופוסנס, צווישנפעלקערלעכע אא.

אנדערש איז אָבער, ווענ צו א וואָרט קומט צו א סופיקס. אינ אזא פאל קאָנ אמאָל דאָס וואָרט באקומענ אנ ענדערונג אינעם באטײַט בענעגייע דער צאָל (טיש — טישנ; זייגער—זייגערס), בענעגייע דער גרייס (טיש — טישל — טישעלע), בענעגייע דעם גראד (אלט — אלטלעכ — עלטער — עלטסטער) אונ נאָכ אנדערע קלענערע אונ גרעסערע ענדערונגענ. אונ אמאָל קאָנ א סופיקס ווירקנ אפנ באטײַט פונעם וואָרט גאָר אנדערש. באקומענדיק אזא אָדער אנ אנדער ספיקס, קאָנ אָפּט א וואָרט אופהערנ צו באטײַטנ א זאכ אונ אָנהייבנ צו באטײַטנ א טוונג אָדער אנ אייגנשאפט אונ פארקערט. אשטייגער:

1) דער סופיקס „יר", צוקומענדיק צו א וואָרט, וואָס באטײַט א זאכ, ווירקט אפנ באטײַט פונעם וואָרט געווײנטלעכ אזוי, אז עס הייבט אָנ צו באטײַטנ א טוונג. אשטייגער: רעמאָנט — רעמאָנטיר; קאָנטראָל—קאָנטראָליר.

2) דער סופיקס „יש", צוקומענדיק צו א וואָרט, וואָס באטײַט א זאכ, ווירקט אפנ באטײַט פונעם וואָרט אזוי, אז עס הייבט אָנ צו באטײַטנ א קוואליפיקאציע. אשטיי־גער: פארטיי — פארטייִש; מארקסיסט — מארקסיסטיש.

3) דער סופיקס „ונג", צוקומענדיק צו א וואָרט, וואָס באטײַט א טוונג, ווירקט אפנ באטײַט פונעם וואָרט אזוי, אז עס הייבט אָנ צו באטײַטנ א זאכ. אשטייגער: דערצייל—דערציילונג, פארזאמל — פארזאמלונג.

4) דער סופיקס „קײַט", צוקומענדיק צו א וואָרט, וואָס באטײַט א קוואליפיקאציע, ווירקט אפנ באטײַט פונעם וואָרט אזוי, אז עס הייבט אָנ צו באטײַטנ ווי עפּעס א זאכ. אשטייגער: זויער—זויערקײַט; ליכטיק—ליכטיקײַט.

5) דער סופיקס „יק", צוקומענדיק צו א וואָרט, וואָס באטײַט א טוונג אָדער א קוואליפיקאציע, ווירקט אפנ באטײַט פונעם וואָרט אזוי, אז עס הייבט אָנ צו באטײַטנ א קוואליפיקאציע אָדער א טוונג. אשטייגער: אײַל—אײַליק (גיכ); רייב — רייביק.

אונ אזוי איז עס מיט נאָכ פיל פארשיידענע סופיקסנ.

אָנמערקונג 1: ווי ס'איז שוינ געווענ אָנגעוויזנ אפ זײַט 32, קאָנ מענ אנ אנ־דער וואָרט שאפנ ניט נאָר מיט דער הילפ פונ צוגעבנ אפיקסנ צו א וואָרצל, נאָר אויכ מיטנ קלאנגענבײַט אינ וואָרצל. אשטייגער:

ווערטער, וואָס באטײַטנ זאכנ:	ווערטער, וואָס באטײַטנ טוונגענ:
1. גיב מיר א טרונק.	1. איכ טרינק וואסער.
2. איכ מאכ אימ א טויט.	2. איכ טייט דעם הונט.
3. זיי דערציילנ וועגנ די לײדנ.	3. זיי לײַדנ פונ די סאָנים.

אָנמערקונג 2: אופהערנ צו באטײַטנ א טוונג אונ אָנהייבנ צו באטײַטנ א זאכ קאָנ אמאָל א וואָרט אויכ אדאנק א פרעפיקס. אינ יידיש קאָנ עס פאָרקומענ בלויז אדאנק דעם פרעפיקס „גע". אשטייגער: הער—א געהער; בעט—א געבעט; שרײַ—א געשריי.

אָנמערקונג 3: אדאנק א פרעפיקס קאָנ אמאָל א וואָרט אָנהייבנ צו באטײַטנ א טוונג אויכ. אשטייגער: וועג—באוועג; לויב—באלויב; לענגער—פארלענגער.

אפ אזא אויפנ זעענ מיר פונעם גאנצנ פאָריקנ מאטעריאל, אז א וואָרט באשטייט גע־

וויינטלעכ פונ א וואָרצל אליינ אָדער פונ א וואָרצל (אָדער וואָרצלענ) מיט איינעמ אָדער מיט עטלעכע פונ פאָלגנדיקע באטײַטיקע טײלנ:

1) פרעפיקסנ: צעשיק, באקוק, דערצייל, אנטדעק, בעעמעס, לעמאָשל...
2) צוגאָבנ: צוווּקס, אָנהייב, ארײַנגאנג, אופקומ, דורכקוק, צוזאמענפאָר...
3) פרעפאָזיציעס: צוגאסט, צושטײַער, באטאָג, באנאכט, פארנאכט, איבגיכנ...
4) ארטיקלענ: אהיימ, אדאנק, אשטייגער (לעמאָשל), דאָסגלײַכנ (דעסגלײַכנ)...
5) סופיקסנ: מענטשנ, פעלדער, מעגלעכ, דאָרפיש, שנייִק, כיינעוודיק...
6) פלעקסיעס: שרײַבסט, לייענט, ריינע, שיינער, לעגינענ, ענגעלסעס...

דערבײַ זײַנענ די פרעפיקסנ, פרעפאָזיציעס אונ ארטיקלענ פארנ וואָרצל, די סופיקסנ אונ פלעקסיעס נאָכנ וואָרצל, אונ די צוגאָבנ—אָדער זיי קומענ פארנ וואָרצל, אָדער זיי קומענ נאָכנ וואָרצל אונ באזונדער.

פונ די ערשט אָנגעוויזענע טײלנ זײַנענ פרעפיקסנ, סופיקסנ אונ פלעקסיעס אלעמאָל וואָרט-טײלנ; פרעפאָזיציעס אונ ארטיקלענ זײַנענ וואָרט-טײלנ זעלטענער — געוויינטלעכ קומענ זיי אלס הילפווערטער (באזונדער); אונ צוגאָבנ זײַנענ אפנ גרענעצ פונ זעלבשטענדיקע ווערטער אונ וואָרט-טײלנ.

18. אויסלייג פונ סופיקסנ, פלעקסיעס אונ ענדונגענ

קוקט זיכ צו צומ אויסלייג אונ צומ באטײַט פונ די ווײַטערדיקע סופיקסנ אונ פלעקסיעס. דאָ ווערנ געגעבנ דעריקער די סופיקסנ אונ פלעקסיעס, וואָס אינ די אָדער אינ יענע קאַטנ מאכט מענ מיט זיי טאָעסנ.

1. — ל — טישל, בענקל, ווענטל, ייִנגל, מיידל, הענטל, העלדזל, קעפל...
2. — עלע — טישעלע, בענקעלע, וועטעלע, ייִנגעלע, מיידעלע, הענטעלע, העלדזעלע...
3. — עכ — טישלעכ, בענקלעכ, וועטלעכ, ייִנגלעכ, מיידלעכ, הענטלעכ, העלדזלעכ...[1]
4. — עלעכ — טישעלעכ, בענקעלעכ, וועטעלעכ, ייִנגעלעכ, מיידעלעכ, הענטעלעכ...
5. — לעכ — גרינלעכ, שווארצלעכ, בלוילעכ, גרינגלעכ, גליקלעכ, פריילעכ...[2]
6. — עוואטע — פוילעוואטע, כוילעוואטע, טאמעוואטע, נארישעוואטע, טעמפעוואטע...
7. — ווײַז — טייליווײַז, שורעסווײַז, צײַטנווײַז, ראיאָנענווײַז, פאַבריקנווײַז...[3]
8. — באר — דאנקבאר, וווּנדערבאר, פרוכטבאר, שטרײַטבאר, באזיגבאר, שיפבאר...

---

1 מיט „עכ" ענדיקנ זיכ אויכ פיל וואָרצלענ. אשטייגער: מויעכ, גויעכ, רייעכ, קויעכ, שאָליעכ... מע דארפ זאָגנ אונ שרײַבנ: רויכ, הויפטזאכ, אויבערפלאכ.

2 אונ אויכ: איטלעכ, איטלעכע, איטלעכער, עטלעכע.

3 אָבער: א שנייַ־תּייַס פעלד. דאָ איז „ווײַס", פארשטייט זיכ, ניט קיינ סופיקס.

9. — ווארג — רויווארג, פוטערווארג, קליינווארג, יונגווארג, אַלט־ווארג, שטיינווארג...

10. — האַפט — מוסטערהאַפט, געוויסנהאַפט, לעבהאַפט, דויערהאַפט, צווייפלהאַפט...

11. — הייט — קליינערהייט, יונגערהייט, אַלטערהייט, געזונטערהייט, זיצנדיקערהייט... [1]

12. — הײַט — פרײַהײַט, גלײַכהײַט, שיינהײַט, קינדהײַט, מענטשהײַט...

13. — קײַט — ריינקײַט, פײַנקײַט, שיינקײַט, שטרענגקײַט, פרעמדקײַט, פאַרפרעמדטקײַט...

14. — לאָז — אַרבעטלאָז, היימלאָז, הילפלאָז, געפיללאָז, מאַכטלאָז, קלאַסנלאָז...

15. — וק — שוסטערוק, שנײַדערוק, לערערוק, שרײַבערוק, בורזשוק, כאַזערוק... [1]

16. — ניק — קעסטניק, קאָלבויניק, טאַנדעטניק, יישוווניק, קאָל־ווירטניק...

17. — יק — ליכטיק, זאַמדיק, שנייִק, מעכטיק, רייניק, באַשעפטיק...

18. — דיק — וואַסערדיק, קלײנעדיק, צוקערדיק, קײַלעכדיק, מוירעדיק...

19. — (ע)נדיק — שרײַבנדיק, קוקנדיק, לויפנדיק, נעמענדיק, טרייסלענדיק, זינגענדיק...

20. — עוודיק — כיינעוודיק, זאָרגעוודיק, שעמעוודיק, באַריידעוודיק, בייגעוודיק...

21. — זאַם — איינזאַם, לאַנגזאַם, שפּאָרזאַם, גרויזאַם, געהאָרכזאַם, אַרבעטזאַם...

22. — ונג — מיינונג, ווענדונג, שטימונג, פאַרזאַמלונג, מעלדונג, שטרויכלונג... [2]

23. — (ע)נ — מענטשן, גאַסן, קעמלען, געזאַנגען, שטימונגען, פאַרזאַמלונגען...

24. — ים — פּויערים, דאָקטוירים, קרויווים, כאַדאָשים, יאָנטויווים, סימאָנים...

25. — עם — איינעם, קיינעם, מײַנעם, ריינעם, שיינעם, פײַנעם, פאַרוואָרפענעם...

26. — (ע)ניש — מאַטערניש, פינצטערניש, וואַרפעניש, קלאַפעניש, קלעמעניש...

---

1 דאָס איז אַ סופיקס מיט אַן אַקצענט.

2 אָבער: הערינג, צווילינג, דרײַלינג, ליבלינג, פרילינג...

27. — יש — נאריש, פראקטיש, מענטשיש, פארטייִיש, ייִדיש, רוסיש, טערקיש, ענגליש...

28. — ש(ע) — כאווערשע, פויערשע, קינדערשע, שנײַדערשע, ייִנגלשע, מיידלשע...

29. — יטשק(ע) — יונגיטשקע, אלטיטשקע, קלוגיטשקע, קלייניטשקע (קליינטשיקע)...

30. — ינק(ע) — יונגינקע, אלטינקע, קלוגינקע, קלייניגקע, שוואר-צינקע...

31. — ט(ע) — צווייטע, פערטע, פינפטע, נײַנטע, צענטע, עלפטע, צוועלפטע...

32. — סט(ע) — שטארקסטע, בייזסטע, פײַכטסטע, הארטסטע, צוואנ-ציקסטע, דרײַסיקסטע...[1]

33. — (ער)ײַ — שנײַדערײַ, רײַסערײַ, וועשערײַ, דאָקטערײַ, כאזערײַ, טערקײַ...

34. — ערליי — אלערליי, קאָלערליי, צווייערליי, דרײַערליי, פירערליי, פינפערליי...

35. — עכץ — טועכץ, טייגעכץ, שפײַעכץ, שמירעכץ, מיינעכץ (איראָניש וועגן א מייִנונג)...[2]

36. — טום — פויערטום, ייִדנטום, קריסטנטום, אייגנטום, הייליק-טום, רײַכטום...

37. — שאפט — ענגשאפט, אייגנשאפט, קלוגשאפט, געזעלשאפט, לערערשאפט...

38. — יזם — קאפיטאליזם, קאָמוניזם, לעניניזם, מאטעריאַליזם, אידעאליזם...

39. — יסט — קאפיטאליסט, קאָמוניסט, לעניניסט, אקוראטיסט, וועלאָסיפעדיסט...

40. — (אל)יזירנ — נאציאָנאליזירנ, אינדוסטריאַליזירנ, קאפיטאליזירנ, טיפיזירנ, טעראָריזירנ...

41. — אציע — אגיטאציע, אָפעראציע, קאָאָפעראציע, אינפאָרמא-ציע, רעפאָרמאציע...[3]

42. — אטאָר — אגיטאטאָר, אָפעראטאָר, קאָאָפעראטאָר, אינפאָרמא-טאָר, רעפאָרמאטאָר...

---

1 מע דארף אָבער זאָגנ אונ שרײַבנ: אייבערשטע, אונטערשטע, פאָדערשטע, הינטער-שטע, ערשטע, לעצטע.

2 אָבער: שלעכטס (שלעכט־ס), געקעכטס (גע־קעכיט־ס).

3 מע דארפ שרײַבנ: אפאטיע, סימפאטיע, אנטיפאטיע; דעמאָקראטיע, ביוראָקראטיע, אריסטאָקראטיע, פלוטאָקראטיע — אינ די דאָזיקע ווערטער איז דער סופיקס ניט „אציע”, נאָר „יע”.

43. יפֿיצירנ — רוסיפֿיצירנ, קלאַסיפֿיצירנ, עלעקטריפֿיצירנ, קוואַלי־פֿיצירנ...

44. — יפֿיקאַציע — רוסיפֿיקאַציע, קלאַסיפֿיקאַציע, עלעקטריפֿיקאַציע, קוואַ־ליפֿיקאַציע...

אַזוי דאַרפֿ מענ אַרויסברענגענ די דאָזיקע סופֿיקסנ אונ פֿלעקסיעס אינ אַלע פֿאַלנ, סײַ ווענ זיי קומענ אַלס איינציקע סײַ ווענ זיי קומענ מיט נאָכ סופֿיקסנ אָדער פֿלעקסיעס. אַשטייגער: קאָמוניסט — קאָמוניסטיש — קאָמוניסטישע...; פֿאַרטייִש — פֿאַרטייִשע — פֿאַרטייִשקײַט...

וועגנ איינִיקע פֿונ די ערשט אָנגעוויזענע אויסלייגנ דאַרפֿ מענ מאַכנ אַ פֿאָר אָנמערקונגענ:

— יק

מיט דער ענדונג „יק" ברענגט מענ אַרויס אויכ פֿיל וואָרצלענ. אַשטייגער:

זונטיק צוואַנציק עסיק דאַנציק
מאָנטיק דרײַסיק פֿרישטיק לײַפּציק [1]

אָבער וואָרצלענ קאָנענ זײַנ אויכ מיט „עק" צום סאָפֿ וואָרט. אַשטיי־גער: כילעק, כיילעק, כיישעק, סאָפּעק...

אָנמערקונג: אויב אינעם וואָרצל פֿונ אַ וואָרט איז דאָ אַ „ג" אונ ניט קיינ „ק", דאַרפֿ מענ, נאַטירלעכ, אַזוינע ווערטער שרײַבנ מיט אַ „ג", ווענ זיי ענדיקנ זיכ מיטנ וואָרצל. אַשטייגער: איכ פֿאַרוויג — וויג, וויגעלע...; איכ צעקריג (זיכ) — קריג, קריגערײַענ...

— ים־עם

מיט „ים" ברענגט מענ אַרויס אַ וואָרט אינ די פֿאַלנ, ווענ דער „ים" איז אַ סימענ (אַ סופֿיקס) פֿונ מערצאָל. אינ אַלע אַנדערע פֿאַלנ ברענגט מענ עס אַרויס מיט „עמ": סײַ ווענ דער „עמ" איז אַ פֿלעקסיע אונ סײַ ווענ אַ טייל פֿונ וואָרצל. אַשטייגער:

— ים	— עם		
מערצאָל־סופֿיקס	וואָרצל	פֿלעקסיע	
כאַכאָמים	כאָכעם	איינעם	רײנעם
יעסוימים	יאָסעם	קיינעם	שיינעם

מיט „עמ" דאַרפֿ מענ ברענגענ אויכ אַזעלכע ווערטער ווי „וואָרעמ —

---

1 מיט „יג" ברענגט מענ נאָר די ווערטער „קיניג, קיניגנ" אונ אַזוי ווײַטער. אונ מיט „יג, יגע, יגער, יגנ" שרײַבט מענ די ווערטער „היגע, היגער, היג", כאָטש דאָ איז „יג" אַ סופֿיקס.

ווערעמ, פאָנעמ — פענעמער, פאָדעמ — פעדעמ (פעדעמער)" — סײַ אינ איינ־צאָל אונ סײַ אינ מערצאָל.

אינ אלע פאלנ, ווענ דאָס וואָרט ענדיקט זיכ מיט „עמ", פארבלײַבט דער „עמ" אויכ אינ אלע ווערטער, וואָס זײַנענ פונ דעמ אויסגעבילדעט. אשטייגער:

1) אָרעמ, אָרעמאנ, אָרעמער, אָרעמקײַט, אָרעמשאפט, אָרעמינקער...

2) ווארעמ, ווארעמער, ווארעמע, ווארעמקײַט, ווארעמענ, ווארעמענדיק, ווארעמינקער...

דאָס זײַנענ אלצ געווענ פאלנ מיט אנ אומאקצענטירטנ טראפ, ווו די וואָקאלנ „ע" אונ „י" זײַנענ ניט גענוג קלאָר. אויב אָבער דער קלאנג „י" איז אקצענטירט, דארפ מענ שרײַבנ מיט „י". אשטייגער: איכ בארימ זיכ, איכ פארשווימ ווײַט, איכ באשטימ צו ארבעטנ. דאָ איז קיינ צווייפל ניט, אז מע דארפ שרײַבנ מיט „י", ווײַל דער אקצענט מאכט עס קלאָר. מיט „י" דארפ מענ אויכ שרײַבנ אלע ווערטער, וואָס מע בילדעט אויס פונ די דאָזיקע. אשטייגער: בארימטע, בארימערײַ, א בארימטהײַט...

מע דארפ שרײַבנ מיט „י", ניט מיט „ע" אזוינע ווערטער ווי פאָלגנדיקע:

סינאָנימענ — ווערטער מיט ענלעכע באטײַטנ. אשטייגער: עסנ — קײַענ — אכלענ.

אנאָנימ — אָנ אנ אונטערשריפט (כסימע), אָנ א נאָמענ.

פסעוודאָנימ — א צוגעקלערטער נאָמענ (פאמיליע). אשטייגער: לענינ (די עמעסע פאמיליע — אוליאנאָוו).

מיט „ימ" דארפ מענ אויכ שרײַבנ די ווערטער „ברוימ, פראָימ (ווילדע), (ע)פראָימ, כאימ" אונ נאָכ אייניקע. אָבער „מאסקעמ, לאאכאָדעמ, פלוצעמ" זײַנענ ניט מיט „ימ", נאָר מיט „עמ".

— יש

מיט „יש" ברענגט מענ ארויס נאָר סופיקסנ. ניט קיינ סופיקסנ קומענ מיט „עש". אשטייגער:

1. פאר אימ איז דאָס זייער טיפיש.

2. ער איז א גרויסער טיפעש.

אינעמ ערשטנ פאל האָבנ מיר אנ אויסגעטיילט וואָרט, וואָס האָט זיכ געבילדעט פונעמ וואָרצל „טיפ" אונ פונעמ סופיקס „יש". אינעמ צווייטנ פאל איז דאָס גאנצע אויסגעטיילטע וואָרט א וואָרצל, קיינ סופיקס איז דאָרט ניטאָ. דערפאר ברענגענ מיר עס ארויס מיט „עש" אונ ניט מיט „יש".

מע דארפ זאָגנ אונ שרײַבנ: טראגיש (טראגעדיע), קאָמיש (קאָמעדיע).

ווען דער סופיקס „יש" קומט צו צו א וואָרט, וואָס ענדיקט זיך מיט אן „ע", דארף מען עס זאָגן און שרײַבן אזוי: מעלוכע — מעלוכיש, מע־לוכישער; בעריע — בעריִיש, בעריִישער; כײַע — כײַיִש, כײַיִשער...

19. צונויפזאץ

ריידנדיק וועגן די פארשיידענע מיטלען פון וואָרטבילדונג (זײַט 32), האָבן מיר שוין געהאט אָנגעוויזן אפן אויפן פון בילדן ווערטער מיט דער הילף פון צונויפזעצן וואָרצלען און ווערטער ביכלאל. דער דאָזיקער אויפן איז אין דער יידישער שפראך גאנץ פארשפרייט. אשטייגער:

ווינטמיל	ווײַנטרויב	שרײַבטיש	ווילדפלייש
וואנטזייגער	גלאָזפאפיר	קאָכלעפל	זויערמילך
ווײַנגאָרטן	האקמעסער	הענגלאָמפ	קליינגעלט

דאָ זעען מיר גאנץ בולעט, אז יעדעס פון די דאָזיקע ווערטער איז צו־נויפגעזעצט פון צוויי באטײַטיקע טיילן, וואָס ווערן ארויסגעבראכט מיט איין אקצענט, און אז יעדער באטײַטיקער טייל איז א וואָרצל.

> א וואָרט, וואָס אנטהאלט מער ווי איין וואָרצל, הייסט צונויפזאץ (קאָמפאָזיט).

א צונויפזאץ קאָן אכוץ זײַנע וואָרצלדיקע טיילן אנטהאלטן אויך אפיקסן — פרעפיקסן (צוגאָבן, פרעפאָזיציעס) און סופיקסן. דערבײַ קאָנען די אפיקסן אָפט זײַן בא יעדן וואָרצל פונעם צונויפזאץ. אשטייגער:

כאָרקרײַזן	אָפרוהויז	רעדלפירער
קינדערהיים	ערדאָפטייל	באוווסטזיניק

צווישן די טיילן פון א צונויפזאץ איז אָפטמאָל פאראן א „ס". אשטיי־גער: פאָלקסליד, שיפסקארטע. ביכלאל אָבער דארף מען אזא „ס" צווישן די טיילן פון א צונויפזאץ ניט האָבן און מע דארף אשטייגער שרײַבן אזוי: ארבעטלוין, ארבעטמאן[1].

איינעם און דעם זעלבן (אָדער אן ענלעכן) אינהאלט קאָן מען אמאָל אויסדריקן מיט א צונויפזאץ און אמאָל מיט א וואָרצל און אן אפיקס. אשטייגער:

בלײַפען (בלײַ + פען)	בלײַער (בלײַ + ער)
בלײַפעדער (בלײַ + פעדער)	בלײַקע (בלײַ + קע)

רעכטס און לינקס באטײַטן די ווערטער איינס און דאָס זעלבע. נאָר רעכטס איז יעדעס וואָרט צונויפגעזעצט פון צוויי וואָרצלען — פון צוויי וואָרט־

[1] צווישן די טיילן פון א צונויפזאץ איז אָפטמאָל פאראן אויך א „ן". אשטייגער: געגרזנשמאלץ, קאלבנפלייש (קאלבספלייש, קאלבפלייש).

טײלן, וואָס יעדער פון זײ קאָן קומען זעלבשטענדיק אויך און וואָס טראָגט דאַן דעם גרונטבאַטײַט פונעם וואָרט; און לינקס איז יעדעס וואָרט צונויפגעזעצט פון אַ וואָרצל מיט אַ סופיקס — מיט אַ באַטײַטיקן וואָרט־טײל, וואָס זעלבשטענדיק קומט ער ניט (און וואָס זײַן באַטײַטיקײַט גופא ווערט בולעט, ווען ער זעצט זיך צו צו אַ וואָרצל).

אין אַ צונויפזאַץ איז ביכלאַל גאַנץ גרינג אָפּצוטײלן זײַנע וואָרצלען. ס׳זײַנען אָבער פאַראַן אויך אַזעלכע צונויפזאַצן, וואָס איצט פילן מיר שוין ניט קײן צוויי וואָרצלען אין זײ. אַשטײגער:

טישטעך (טיש + טוך)	בוימל (בוים + אײל)
אויערינגל (אויער + רינגל)	טרײוואַקס (טריפ + וואַקס)
קימפעט (קינד + בעט)	באַוול (בוים + וואָל) 1

אין אונדזער איצטיקער שפּראַך זײַנען פאַראַן די אַלע אײנציקע ווערטער (טיש, טוך, בוים, אײל...), אָבער אין „טישטעך", אין „בוימל" און אין די איבעריקע פילן מיר שוין איצט ניט דעם צווייענדיקן וואָרצל־באַשטאַנד.

עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע אַמאָליקע צונויפזאַצן, וואָס איצט ניצן מיר ניט זעלבשטענדיק אײניקע זײערע וואָרצלען. אַשטײגער אין די ווערטער „פלעדערמויז, קוועקזילבער, שלימאַזל, מאָלצײַט, גרימצאָרן, טענענבוים" האָבן זיך צונויפגעזעצט די וואָרצלען

פלעדער [2]	קוועק[3]	שלימ[4]	מאָל[5]	גרים	טענענ (טאַנע)
מויז	זילבער	מאַזל	צײַט	צאָרן	בוים

די אונטערשטע זעקס וואָרצלען זײַנען אויך איצט פאַראַן אין אונדזער לעבעדיקער שפּראַך אין דעם באַטײַט זײערן. אָבער די אײבערשטע זעקס וואָרצלען לעבן מער ניט אין ייִדיש אין זײער אַמאָליקן באַטײַט זעלבשטענדיק. זײ זײַנען פאַראַן נאָר אין די צונויפזאַצן [6].

דאָס זײַנען אַלץ געווען בײַשפּילן מיט צונויפזאַצן, וואָס מיר קאָנען נאָך אָפּדעקן זײער וואָרצלדיקן צוזאַמענשטעל. עס זײַנען אָבער פאַראַן אַזעלכע ווערטער, וואָס זײַנען געבילדעט אַלס צונויפזאַצן און איצט איז שוין גאַנץ שווער (און אָפט אַפילו אוממעגלעך) אָנצוווײַזן זײער וואָרצל־באַשטאַנד: זײערע וואָרצלען האָבן זיך אין משך פון דער צײַט אַזוי „צונויפגעלעבט", אָדער אײניקע פון זײ זײַנען שוין אַזוי פיל פאַרגעסן געוואָרן, אַז מיר נעמען אויף דאָס גאַנצע וואָרט פאַר אײן וואָרצל. אַזאַ איז אַשטײגער דאָס וואָרט

---

1 אַ וואָרט „בוימוואָל" איז איצט אין ייִדיש אויך פאַראַן. עס האָט אָבער אַ ביסל אַן אַנדער באַטײַט ווי „באַוול": בוימוואָל — хлопок, באַוול — хлопчатая бумага.

2 „פלעדער" האָט אַמאָל באַטײַט דאָס זעלבע, וואָס איצט „פלאַטער" (פלי).

3 „קוועק" האָט אַמאָל באַטײַט „לעבעדיק, פריש".

4 „שלימ" באַטײַט נאָך אויך איצט אין דײַטש — „שלעכט".

5 מאָל (מאָהל) באַטײַט נאָך אויך איצט אין דײַטש — „עסן, וואַרמעס".

6 אָדער אײניקע פון אַזעלכע ווערטער קומען איצט נאָר מיט אַפּיקסן אָדער מיטן הילפֿ־וואָרט „זיך". אַשטײגער: דערקוויקן, קוויקן זיך; אָדער עס זײַנען פאַראַן ענלעכע ווערטער מיט גאָר אַנדערע באַטײַטן. אַשטײגער:

1. ער האָט גערעדט **צוויי מאָל**.
2. דער אַקטיאָר האָט אַראָפּגענומען דעם **גרים**.

ווערטער פונעם וואָרצל „גרים" קאָן מען נאָך אַמאָל אויך איצט טרעפן. אַשטײגער: טאָמער וואָלט איך פון זײ האַנאָע געהאַט, זײַנען זײ מיר אָנגעקומען מיט **גרימעניש** (בערגעלסאָן).

„אָוונט“ (אבענד), וואָס אין דער שפּראַך, פונוואַנען ייִדיש האָט עס גענומען, איז עס אַנטשטאַנען ווי אַ צונויפזאַץ פון „אַב“ (טאָג) און „ענד“ (סאָף).

עס זײַנען דאָ ווערטער, וואָס זײַנען צונויפגעוועצט געוואָרן פון פאַרשיידענע וואָרצלען, אָבער די וואָרצלען זײַנען גענומען פון פאַרשיידענע שפּראַכן און באַטײַטן איינס און דאָס זעלבע. אַ שטייגער: מאָנאָליט־שטיינער [1], בלאָקנאָט־פאַרצייכענונגען [2]. דאָס הייסט, די ווערטער „שטיינער, פאַרצייכענונגען“ האָבן זיך צונויפגעוועצט מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס אין די שפּראַכן, פונוואַנען זיי זײַנען גענומען, באַטײַטן זיי קימאַט דאָס זעלבע, וואָס די ייִדישע ווערטער.

די ערשט געבראַכטע ווערטער זײַנען נײַערע צונויפזאַצן, דעריבער קאָנען מיר נאָך אין זיי אויפדעקן דעם פאַרשיידנשפּראַכיקן וואָרצל־באַשטאַנד. און וויפל זײַנען דאָ ווערטער, וואָס זײַנען געבילדעט אויף דעם זעלבן אופן ווי די פאָריקע און וואָס איצט זײַנען מיר שוין ניט אימשטאַנד אָנצוווײַזן זייערע פאַרשיידנשפּראַכיקע וואָרצלען — וואָרצלען, וואָס האָבן אָפט איינעם און דעם זעלבן באַטײַט[3].

איינס און דאָס זעלבע וואָרט קאָן אין איין שפּראַך אויפגענומען ווערן אַלס אַ צונויפזאַץ און אין אַ צווייטער שפּראַך ניט. דאָס וואָרט „באַלעבאָס“ אַ שטייגער איז אין ייִדיש ניט קיין צונויפזאַץ; אינעם דאָזיקן וואָרט פילט ניט קיין ייִדיש־ריידער קיין צוויי אָדער עטלעכע וואָרצלדיקע טיילן. אָבער אין דער שפּראַך, פונוואַנען דאָס וואָרט איז גענומען, אין העברייִש, דאָרט איז עס געווען ניט נאָר פון צוויי וואָרצלען, נאָר אַפילע פון צוויי באַזונדערע ווערטער. אַזוי איז אויך אַ שטייגער מיט אַזעלכע ווערטער ווי „שטרײַקברעכער“ און „סאַמאָוואַר“. דאָס ערשטע פון די דאָזיקע איז אין ייִדיש אַ צונויפזאַץ און אין רוסיש ניט; און דאָס צווייטע וואָרט איז אין רוסיש אַ צונויפזאַץ און אין ייִדיש ניט.

אַזעלכע ווערטער, וואָס זײַנען אין אַ צווייטער שפּראַך צונויפזאַצן און אין ייִדיש ניט, זײַנען פאַראַן זייער אַ סאַך. באַזונדערס זײַנען עס אַ ריי טעכנישע און וויסנשאַפטלעכע טערמינען, געשאַפענע הויפּטזאַכלעך פון גריכישע און לאַטײַנישע וואָרצלען. אַ שטייגער:

1. פּאָליגראַפיע (פּאָלי = אַ סאַך; גראַפיע = שרײַבונג);
2. ביִאָגראַפיע (ביִאָס) = לעבן);
3. געאָגראַפיע (גע = ערד)[4];
4. ביִאָלאָגיע (לאָגיע (לאָגאָס) = לערע, וויסנשאַפט);
5. געאָלאָגיע.

אָבער וואָס מער אַזעלכע טערמינען דרינגען אַרײַן אין ייִדיש (און אין די איבעריקע שפּראַכן), אַלץ מער הייבט מען אָן אויסצוטיילן אין זיי זייערע וואָרצלדיקע און אַפיקסישע עלעמענטן. אַזוי אַז מיט דער צײַט ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין „אייגענע“ וואָרצלען און אין „אייגענע“ אַפיקסן, און עס ווערן פון זיי און מיט זיי געשאַפן נײַע ווערטער.

אַ וואָרט, וואָס איצט ווערט עס אויפגענומען אַלס אַזאַ, וואָס אַנטהאַלט אַ וואָרצל

---

1 מאָנאָליט — איין שטיק שטיין. אַ צונויפזאַץ קומט אָפט געשריבן ניט צוזאַמען, נאָר מיט אַ בינדצייכן. אין וועלכע פאַלן קומט עס פאָר, וועלן מיר באַלד קלאָר מאַכן.

2 בלאָקנאָט — נאָטירוש (פאַרצייכנט) אַלץ.

3 אַזאַ צונויפזעצונג (איבערקרייצונג) פון אַ פּאָר ווערטער (וואָרצלען), וואָס האָבן באַ פאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּעס באַטײַט איינס און דאָס זעלבע, איז (לויט דער מיינונג פונעם אַקאַדעמיקער מאַר) בכלל איינס פון די עלטסטע מיטלען פון בילדן נײַע ווערטער.

4 אין אַ צונויפזאַץ פון גריכישע וואָרצלען איז צווישן זיי אָפט פאַראַן אַן „אָ“ (ווי אין ייִדיש אַ „ס“: שלאַקסרעגן, פאָלקסליד...)

מיט אַן אַפּיקס, האָט געקאָנט אַנטשטיין ווי אַ צונויפֿזאַץ פֿון צוויי וואָרצלען. אַשטייגער איצט האַלטן מיר, אַז אינעם וואָרט „טינטער" איז דאָ אַ וואָרצל „טינט" און אַ סופֿיקס „ער". אָבער אויפֿגעקומען איז דאָס דאָזיקע וואָרט ווי אַ צונויפֿזאַץ פֿון צוויי וואָרצלען — טינט + האָרן[1], וואָס זײַנען מיט דער צײַט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין „טינטער"[2].

אַן ענלעכער פֿאַל איז אויך מיט די ווערטער „דריטל, פֿערטל, פֿינפֿטל, זעקסטל, זיבעטל" און מיט די אַנדערע פֿונעם דאָזיקן טיפּ. אויפֿגעקומען זײַנען זיי ווי צונויפֿזאַצן (דריט + טייל...), אָבער איצט פֿילן מיר שוין ניט אין זיי קיין וואָרצל „טייל" — מיר נעמען אויף דעם סאָף וואָרט „טל" אַלס אַ סופֿיקס.

נאָך אַן אינטערעסאַנטערער פֿאַל איז מיטן אויפֿקום פֿונעם סופֿיקס „וואַרג" אין ייִדיש. דער דאָזיקער סופֿיקס שטאַמט פֿונעם וואָרצל „ווערק", וואָס פֿלעגט אָפֿט געניצט ווערן אין אַזעלכע צונויפֿזאַצן ווי גאָלדווערק, פֿוטערווערק און אַנדערע. אָבער מיט דער צײַט האָט זיך דער דאָזיקער קלאַנגען־קאָמפּלעקס אַזוי דערווײַטערט פֿון זײַן וואָרצל, אַז צווישן דעם „וואַרג", וואָס קומט ווי אַ באַטײַטיקער טייל אין אַ סאַך ווערטער, און צווישן דעם „ווערק" איז שווער געוואָרן צו געפֿינען אַן אָפּשטאַם־נאָענטקייט. אויף אַזאַ אופֿן האָט דער „וואַרג" אָנגעהויבן אויפֿגענומען ווערן ווי אַ באַטײַטיקער טייל נאָך אַ וואָרצל — ווי אַ סופֿיקס.

און דאָס, וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט „וואַרג", האָט מיט אַ ריי הונדערטער און טויזנטער יאָרן צוריק פּאַסירט מיט נאָך זייער פֿיל וואָרצלען, וואָס איצט נעמען מיר זיי אויף אַלס אַפֿיקסן אָדער אַלס פּרעפֿאָזיציעס.

אויף אַזאַ אופֿן זעען מיר פֿון די אַלע בײַשפּילן און פֿון אַ ריי פֿאַקטן (זײַט 33 און 35), אַז:

1) אין דער אינווייניקסטער קלאַנגענבײַט פֿון אַ וואָרצל אין דאָס צונויפֿזעצן זיך פֿון וואָרצלען — פֿירן אָפֿט צום אויפֿקום פֿון נײַע וואָרצלען. אַשטייגער: צי ← צוג, צוכט; בוים + אייל ← בוימל;

2) דער אינווייניקסטער קלאַנגענבײַט פֿון אַ וואָרצל און דאָס צונויפֿזעצן זיך פֿון וואָרצלען — פֿירן אָפֿט צו דער פֿאַרוואַנדלונג פֿון וואָרצלען אין אַפֿיקסן. האָב—האַפֿט (מוטערהאַפֿט, לויערהאַפֿט)[3]; רויווערק — רויוואַרג — וואַרג;

3) אַפֿיקסן ווערן אָפֿט צונויפֿגעוואַקסן מיט זייערע וואָרצלען, און דאָס פֿירט ווידער צום אויפֿקום פֿון נײַע וואָרצלען. אַשטייגער: אום (און) מוט — אומעט; ביט — ער — ביטער[4].

אַלזאָ: דאָס, וואָס מיר רופֿן איצט אָן וואָרצל, אַפֿיקס, — איז אינדערעמעסן אַ סאַך קאָמפּליצירטער און מאַכט דורך אַ סאַך אַ גרעסערן אַנטוויקלונג־וועג, ווי מע שטעלט זיך געווײַנטלעך פֿאָר.

אָבער אַז מיר ריידן דאָ וועגן צונויפֿזאַצן, מיינען מיר ניט קיין אַמאָליקע, ניט קיין פֿאַרגעסענע וואָרצל־צונויפֿזעצונגען, נאָר איצטיקע. מיטן וואָרט צונויפֿזאַץ מיינען מיר אַזעלכע ווערטער, וואָס דער איצטיקער דורכשניטלעכער ייִדיש־ריידער פֿילט אין זיי מער ווי איין וואָרצל.

---

1 אַ האָרן פֿון אַ בהמה, פֿון אַ כּיה. אין אייניקע ווײַסרוסלענדישע ערטער רופֿט מען עס „ראָג".

2 און ס'איז אויך מעגלעך, אַז דאָס דאָזיקע וואָרט האָט זיך אין אייניקע ערטער געבילדעט פֿונעם וואָרצל „טינט" מיטן סופֿיקס „ער".

3 דער סופֿיקס „האַפֿט" נעמט זיך פֿון „האָב". דאָ איז דער זעלבער קלאַנגענבײַט ווי אין „שרײַב־שריפֿט".

4 פֿאַרגלײַכט אַשטייגער מיט „זיסער". (זיס—ער).

20. זויסלייג און סימאָנים פון צונויפזאצנ

צונויפזאצנ שרייבט מענ ביכלאל צוזאמענ. נייערע און גרעסערע צונויפ-זאצנ שרייבט מענ מיט א ב י נ ד צ י י כ נ. אשטייגער:

פארטיי-צוזאמענפאָר	רעפערטואר-קריזיס
אינדוסטריאליזיר-פראָצעס	וווינונג-באדינגונגענ

מע שרייבט אזעלכע צונויפזאצנ מיט א בינדצייכנ און ניט צוזאמענ, ווייל לאנגע ווערטער (און נאָכ נייע דערצו) איז שווער צו לייענענ [1].

מיט א בינדצייכנ איז אויכ גלייכער צו שרייבנ א צונויפזאצ, וואָס זיינע טיילנ באגעגענענ זיכ מיט אלציינע קאָנסאָנאנטנ. אשטייגער:

הויפט-טייל	יאמ-מענטש	קויפ-פייק
קאנט-טוער	גאז-זאוואָד	טאנצ-צימער

דאָס איז אלצ גערעדט געוואָרנ וועגנ נ י י ע ר ע צונויפזאצ:—וועגנ אזעלכע, ווו מיר כילנ זייער שארפ דעמ וואָרצל-באשטאנד פונ די ווערטער. אָבער אינ א מ אָ ל י ק ע צונויפזאצנ, ווו קיינ צוויי וואָרצלענ כילנ מיר שוינ ניט, דארפ מענ שרייבנ נאָר איינ קאָנסאָנאנט אזא. אשטייגער: אָרעמאנ, האנ-טעכ. מיר האָבנ שוינ „פארגעסנ”, אז „אָרעמאנ” איז צונויפגעזעצט פונ „אָרעמ” און „מאנ” און אז „האנטעכ” איז פונ „האנט” און „טוכ”. דע-ריבער שרייבנ מיר „אָרעמאנ” מיט איינ „מ” און „האנטעכ” מיט איינ „ט”.

מע דארפ זאָגנ און שרייבנ: זעלבשוצ, זעלבשטענדיק, זעלבשטראָמ, זעלבסטעטיקייט, פעסטשטעלנ.

מיט א בינדצייכנ שרייבט מענ אויכ א צווייענדיקנ נאָמענ און א צווייענדיקע פאמיליע. אשטייגער: לייזער-וואָלפ, קאמענעצ-פאָדאָלסק, רימסקי-קאָרסאקאָוו. אָבער צווישנ א נאָמענ און א פאמיליע דארפ מענ קיינ בינד-צייכנ ניט שטעלנ. אשטייגער: שאָלעמ ראבינאָוויטש (שאָלעמ-אליי כעמ); שאָלעמ-יאנקעוו אבראמאָוויטש (מענדעלע מויכער-ספאָרימ).

פאר קיינ צונויפזאצנ דארפ מענ ניט אָנעמענ אזעלכע ווערטער ווי פאָלגנדיקע:

א קופע היי	א זעקל מעל	א גרופע סטודענטנ
א קילאָ פלייש	א פעסל קרויט	א קרייז ליטעראטנ

עס זיינענ אָבער צונויפזאצנ אזוינע ווערטער ווי די דאָזיקע:

א מעלזעקל	א סטודענטנ-גרופע
א קרויטפעסל	א ליטעראטנ-קרייז

קעדיי ניט צונויפמישנ אזעלכע ווערטער ווי „א קופע היי”, א זעקל מעל” מיט צונויפזאצנ און ניט נעמענ שרייבנ די דאָזיקע ווערטער אינ-

---

[1] לאנגע ווערטער זיינענ געוויינטלעכ אזעלכע, וואָס באשטייענ פונ פיר טראפנ און מער.

נעמ אָדער מיט א בינדצייכנ, דארפֿ מענ אָנווײַזנ אייניקע סימאָנימ, וואָס לױט זיי איז גרינגער צו דערקענענ א צונויפֿזאצ.

דער **ערשטער** סימענ איז דאָס, וואָס א **צונויפֿזאצ** האָט **ביכלאל איינ אקצענט** (איינ הויפּטאקצענט). „א זייגער־פֿאבריק" אָדער „א פּיאָנער-צײַטונג" רעדט מענ ארויס ווי איינ וואָרט, צוזאמענ: א זייגערפֿאבריק. אָבער אזעלכע ווערטער ווי „א קופּע היי" אָדער „א זעקל מעל" רעדט מענ געוויינטלעכ ארויס ווי צוויי ווערטער: א קופּע היי.

דער **צווייטער** סימענ איז דאָס, וואָס **צווישנ די טיילנ פֿונ א צונויפֿזאצ** קאָנ מענ **ניט ארײַנשטעלנ קיינ נײַע כאראקטעריסטיק.** אשטייגער:

מע קאָנ זאָגנ:	מע קאָנ ניט זאָגנ:
1) א נײַע זייגער־פֿאבריק;	1) א זייגער נײַע פֿאבריק;
2) אנ ענערגישער פּארטיי־קאָמיטעט;	2) א פּארטיי ענערגישער קאָמיטעט;
3) א רוסישע פּיאָנער־צײַטונג.	3) א פּיאָנער רוסישע צײַטונג.

אָבער צווישנ אזעלכע ווערטער ווי „א קופּע היי, א זעקל מעל, א גרופּע סטודענטנ" קאָנענ קומענ כאראקטעריסטיקעס סײַ פֿאר „קופּע, זעקל, גרופּע" אונ סײַ פֿאר „היי, מעל, סטודענטנ"[1]. (קאָנטראָלירט עס).

דער **דריטער** סימענ איז דאָס, וואָס בא א צונויפֿזאצ ענדערט זיכ **אינ מערצאָל** ביכלאל נאָר דער צווייטער טייל וואָרט אשטייגער:

איינצאָל	מערצאָל
א זייגער־פֿאבריק	זייגער־פֿאבריקנ
א פּיאָנער־צײַטונג	פּיאָנער-צײַטונגענ
א פּארטיי־קאָמיטעט	פּארטיי-קאָמיטעטנ

מיר זעענ דאָ, אז עס האָבנ זיכ אינ מערצאָל געענדערט די ווערטער „קאָמיטעט", „פֿאבריק" אונ „צײַטונג" — דער **צווייטער** (דער לעצטער) טייל וואָרט פֿונ די צונויפֿזאצנ. דער **ערשטער** טייל פֿונ די דאָזיקע צונויפֿזאצנ — „פּארטיי", „זייגער" אונ „פּיאָנער" — האָט זיכ דאָ אינ מערצאָל ניט געענדערט, האגאמ ביכלאל ענדערנ זיכ אינ מערצאָל די דאָזיקע ווערטער (פּארטיי — פּארטייענ, זייגער — זייגערס, פּיאָנער — פּיאָנערנ). אָבער אזעלכע

1 בא אייניקע פֿונ אזעלכע ווערטער — בא **נעמענ** קומט די כאראקטעריסטיק נאָר פֿארנ ערשטנ וואָרט. אשטייגער:

1. די שטאָט מאָסקווע — די גרויסע שטאָט מאָסקווע.
2. דער ברודער עליע — דער עלטערער ברודער עליע.
3. דער כאווער ליפּשיצ — דער גוטער כאווער ליפּשיצ.

ווערטער ווי „א קופּע היי, א זעקל מעל, א גרופּע סטודענטן" — ווערן איך מערצאָל: „קופּעס היי, זעקלעך מעל, גרופּעס סטודענטן".

אָט דאָס זײַנען די דרײַ וויכטיקסטע סימאָנים, וואָס לויט זיי קאָן מען דערקענען א צונויפזאץ.

21. צונויפזאץ־טיפּן

צונויפזאצן זײַנען פאראן פון פארשיידענע טיפּן. דער אָפּטסטער פון זיי איז אשטייגער אזא:

וועקזייגער	ווינטמיל	גאזלאָמפּ
וואנטזייגער	נאפּטמיל	בליצלאָמפּ
שטאָטזייגער	וואסערמיל	הענגלאָמפּ

דאָ האָבן מיר דרײַ קאָלאָנקעס צונויפזאצן, וואָס רופן אָן דרײַ מינים זייגערס, מילן און לאָמפּן. דערבײַ זעען מיר, אז דער צווייטער טייל פון יעדן צונויפזאץ באטײַט גופא עפּעס א זאך: א זייגער, א מיל, א לאָמפּ; און דער ערשטער טייל פון יעדן צונויפזאץ באטײַט עפּעס א כאראקטעריסטיק פון דער דאָזיקער זאך: א וועקזייגער (א זייגער, וואָס וועקט), א וואנטזייגער (א זייגער, וואָס הענגט אף דער וואנט) אאוו.

דער ערשטער טייל פון א צונויפזאץ, דער כאראקטעריזירנדיקער, הייסט באשטימטייל. דער צווייטער טייל פון צונויפזאץ, דער, וואָס באטײַט גופא די זאך, דעם באגריף,—הייסט הויפּט-טייל.

איינס און דאָס זעלבע קאָן אין איין פאל זײַן א באשטימטייל און אין א צווייטן פאל א הויפּט-טייל. אשטייגער:

1. מע קלײַבט זיך בויען א זייגער־פאבריק.
2. עס האָט שוין געקלונגען דער פאבריק־זייגער.

דער טייל „זייגער" איז אינעם ערשטן פאל א באשטימטייל און אינעם צווייטן א הויפּט־טייל, און דער טייל „פאבריק" — פארקערט.

די טיילן פון א צונויפזאץ קאָנען אן און פאר זיך (ניט אלס טיילן פונעם צונויפזאץ) האָבן פארשיידענע באטײַטן — זיי קאָנען באטײַטן זאכן, טוונגען, כאראקטעריסטיקעס אָדער עפּעס אנדערש. אשטייגער:

נאָזטיכל	פּעכטשטעלן	אימפּעטפול	שרײַבטיש	ווילדפּייש
כאָרקרײַז	גרינגשעצן	בלוטאָרעם	הענגלאָמפּ	זויערמילך

די טיילן פון די דאָזיקע צונויפזאצן קאָנען קומען אויך אלס באזונדערע ווערטער, קעדיי צו באטײַטן א זאך (נאָז, טיכל, אימפּעט, טיש אאוו.), אָדער קעדיי צו באטײַטן א טוונג (שטעלן, שרײַבן, שעצן, הענג), אָדער קעדיי צו באטײַטן א כאראקטעריסטיק (פּעסט, פול, ווילד, גרינג אאוו.).

אָבער נאָכן צונויפזעצן זיך באקומט דער ערשטער צונויפגעזעצטער טייל

דעם באטײַט פון א כאראקטעריסטיק, פון א באשטימטײל, אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס פאר א באטײַט ער האָט אן און פאר זיך אויסערן צונויפזאצ. און דער צונויפזאצ, אינגאנצנ גענומענ, באקומט דעם באטײַט פון א זאכ, פון א טוונג, פון א כאראקטעריסטיק אָדער פון עפּעס אנדערש, אָפּהענגיק דערפון, וואָס פאר א באטײַט עס האָט דער הויפּט־טײל. (קאָנטראָלירט עס).

בא א צונויפזאצ, וואָס באשטײט פון א באשטימטײל און הויפּט־טײל, איז דער אקצענט (דער הויפּטאקצענט) קימאט שטענדיק אפנ באשטימטײל[1].

אויסער דעם ערשט פאנאנדערגעקליבענעם טיפּ צונויפזאצנ (באשטימטײל + הויפּט־טײל) איז פאראנ נאָכ אנ, אנדער טיפּ (א גלײַכוואָגיקער). אשטײגער:

טאטע־מאמע גאָפּל־מעסער
שער־און־אײַזנ האלדז־און־נאקנ

באם דאָזיקנ טיפּ צונויפזאצנ איז איינ טײל ניט קיינ באשטימונג פונעם צווייטנ. דאָ זײַנענ ביידע טײלנ גלײַכוואָגיק, און זיי היטנ ביידע אופּ זייערע הויפּטאקצענטנ. אויב מע זאָל דאָ די טײלנ איבערשטעלנ און זאָגנ „מאמע-טאטע” אָדער „מעסער־גאָפּל”, וועט זיך דער באטײַט ניט ענדערנ (אונדז קלינגט עס נאָר א ביסל אומגעוויינטלעכ). אָבער ווי גרויס דער כילעק איז אינעם באטײַט פון זייגער-פאבריק און פאבריק-זייגער — האָבנ מיר געזענ.

בא אזא צונויפזאצ ווי „טאטע-מאמע, שער־און־אײַזנ” שטעלט מענ דעם בינדצייכנ סײַ דאנ, ווענ זײַנע טײלנ קומענ אָנעם „און” (טאטע־מאמע), אזוי אויכ, ווענ דער „און” פארבינדט זיי (שער-און-אײַזנ).

אָפטמאָל בילדעט מענ צונויפזאצנ קאָמפּליצירטערע איידער די, וואָס מיר האָבנ זיכ מיט זיי ביז איצט פארנומענ. אשטײגער:

1. ארבעטער־ און פּויערים-דעפּוטאטנ.
2. געשיכטע- און שפּראכ-פאָרשונג.

דאָס הייסט: אָנשטאָט צו זאָגנ „געשיכטע־פאָרשונג און שפּראכ-פאָרשונג” שפּאָרט מענ אָפּ איינ „פאָרשונג” (איינ הויפּט-טײל), און עס ווערט א קאָמפּליצירטערער צונויפזאצ — געשיכטע-און שפּראכ-פאָרשונג.

מע דארפ אָבער אויסמײַדנ צו בילדנ אזעלכע קאָמפּליצירטע צונויפזאצנ ווי פאָלגנדיקע:

1 עס טרעפנ אויסנאמענ אויכ. אשטייגער: יונגערמאנ, גלײַכווערטל, רויטארמייער און אנד.

1. פרויענ־דעלעגאטקעס-קאָנפערענצ;
2. אָקטיאבער־רעוואָליוציע-אינטערעסנ;
3. פארטיי־צוזאמענפאָר־באשלוסנ.

אזעלכע אונ ענלעכע צונויפזאצנ (צונויפזאצנ פונ צונויפזאצנ) זײַנענ זייער ניט באקוועמ: זיי איז ניט גרינג ארויסצוריידנ אונ אָפטמאָל איז שווער אפילע אופצוכאפנ זייער באטײַט. בעסער צו זאָגנ אונ צו שרײַבנ אזוי:

1. א קאָנפערענצ פונ פרויענ־דעלעגאטקעס;
2. די אינטערעסנ פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע;
3. די באשלוסנ פונ דעמ פארטיי־צוזאמענפאָר.

מע מעג אָבער בילדנ אזעלכע צונויפזאצנ ווי „לאנדשוצ-וואָכ, פישפאנג־ארטעל, בוכהאלטער־קורסנ". דאָ האָבנ מיר אויכ צונויפגעזעצט דרײַ וואָרצלענ (מיט אָדער אָנ סופיקסנ), נאָר די דאָזיקע צונויפזאצנ זײַנענ ניט קיינ גרויסע אָדער עלטערע; דעריבער איז ניט שווער ארויסצוריידנ זיי אונ אופצוכאפנ זייער באטײַט.

עס זײַנענ פאראנ צונויפזאצנ, וואָס זײַנענ געבילדעט ניט פונ גאנצע ווערטער, נאָר פונ שטיקלעכ ווערטער — פונ טראפנ אָדער גאָר פונ די ערשטע קלאנגענ אָדער פונ די ערשטע אויסיעס. אשטייגער:

1. רעוווטריבונאל, קאָמערד, געזערד, פאָליטקרײַז...
2. ארבפאק, ארבקאָר, פארטאָרג...
3. נעפ...
4. צעקא, צעבע...

אינ דער ערשטער שורע איז יעדער צונויפזאצ געבילדעט פונ א טייל וואָרט מיט א גאנצ וואָרט: רעוו(אָליוציאָנער) טריבונאל. אינ דער צווייטער שורע זײַנענ צונויפגעזעצט צוויי טיילנ ווערטער: ארב(עטער) פאק(ולטעט). אינ דער דריטער שורע זײַנענ פאריייניקט בלויז די ערשטע קלאנגענ: נ(ײַע) ע(קאָנאָמישע) פ(אָליטיק). אונ אינ דער פערטער שורע זײַנענ פאריייניקט בלויז די נעמענ פונ די ערשטע אויסיעס: צ(ענטראלער) ק(אָמיטעט)[1].

אזעלכע צונויפזאצנ ווי „רעוווטריבונאל, גובקאָמ, נעפ, צעקא" הייסנ געקירצטע (אברעוויאציעס).

מע דארפ די דאָ געבראכטע טיפנ צונויפזאצנ ניט צונויפמישנ מיט קירצנ ווערטער אינ שרײַבנ. אשטייגער:

דה. — דאָס הייסט. אאוו. — אונ אזוי ווײַטער.

די דאָזיקע קירצונגענ קומענ פאָר נאָר אינ שרײַבנ; אינ ריידנ זײַנענ

---

1 מע זאָגט „צעקא", ניט „צעקאָ", ווײַל מע ברענגט דאָ ניט די ערשטע קלאנגענ, נאָר די ערשטע אויסיעס אונ מע רופט די דאָזיקע אויסיעס אָנ אזוי, ווי זיי הייסנ אינ דער מערהײַט אייראָפּיישע שפראכנ.

מע שרײַבט אי „צעקא" אי „צ. ק.".

זיי ניטאָ: קיינער זאָגט ניט „דעהע" (ד ה.). אָבער „צעקא, צעבע" זײַנען אָנגענומענע ווערטער אויכ אינ רייד[1].

אויסער די פאָריקע טיפּנ געקירצטע ווערטער איז פאראנ נאָכ איינער — אנ אָפּגעהאקט וואָרט. דער דאָזיקער טיפּ ווערט געבילדעט סײַ פונ צונויפזאצנ (מערסטנס אויסלענדישע) סײַ ניט פונ קיינ צונויפזאצנ. אשטייגער: קילאָ (קילאָגראמ), מעטראָ (מעטראָפּאָליטענ), ספּעצ (ספּעציאַליסט).

פונ די אַלע טיפּנ געקירצטע צונויפזאצנ אונ אויכ פונ די פאָריקע (ווי פונ ווערטער ביכלאל) קאָנ מענ ווידער בילדנ נײַע ווערטער מיט דער הילפ פונ פרעפיקסנ אונ סופיקסנ. אשטייגער: רעווטריבונאלנ, ארבפּאקנ, צעקיסט אאוו.

געקירצטע צונויפזאצנ שרײַבט מענ צוזאמענ אָנ בינדצייכנס, אומאָפּהענגיק פונ זייער גרייס. אשטייגער: פאָלקאָמגעזונט (פאָלקס־קאָמיסאריאט פאר געזונט־פארהיטונג); פאָלקאָמיסערנ (פאָלקס־קאָמיסאריאט פאר אויסערנ־ איניאָנים). ווענ אָבער אזא צונויפזאצ זעצט זיכ צונויפ מיט נאָכ א וואָרט, דארפ מענ עס שרײַבנ מיט א בינדצייכנ. אשטייגער: פאָלקאָמיסערנ־פּאָליטיק, קאָלווירט־פארוואלטונג.

דאָס שאפנ געקירצטע צונויפזאצנ איז א גאנצ אלט מיטל (ס'איז באוווסט פונ א פאָר טויזנט יאָר), אָבער פארשפרייט האָט זיכ עס באזונדערס די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר. דעריקער — מאכמעס דעמ טעלעגראפ מיט זײַנ היפּשנ טאריפ פאר א וואָרט אונ באכמעס דעמ אופקומ פונ א סאכ אָנ צ'אָנערע פירמעס אונ געזעלשאפטלעכע אונ מעלוכישע אנשטאלטנ, וואָס זייערע נעמענ באשטייענ (זײַנענ באשטאנענ) געוויינטלעכ פונ א גרעסערער גרופּע ווערטער.

גאָר ברייט האָט מענ גענומענ אָנווענדנ אזעלכע צונויפזאצנ אינ דער צײַט פונ דער מילכאָמע אונ באזונדערס אינ די יאָרנ פונ דער רעוואָליוציע — אינ די יאָרנ פונעמ אָנגעשטרענגט־האסטיקנ לעבנ אונ דענקענ.

די לעצטע צײַט ווערט אינ די סאָוועטישע ליטעראַרישע שפּראכנ א ביסל פארקלענערט דער אָנווענד פונ א ריי געקירצטע צונויפזאצנ — הויפּטזאכלעכ פונ די, וואָס באשטייענ בלויז פונ די ערשטע קלאנגענ אָדער פונ די ערשטע אותיעס פונ ווערטער. דאָס איז ארויסגערופנ דורכ דעמ, וואָס די דאָזיקע טיפּנ צונויפזאצנ זײַנענ פארנ ברייטנ עולעמ — פאר די מאסנ ארבעטער אונ קאָלווירטניקעס — אָפט ניט פארשטענדלעכ.

1 שריפט־קירצונגענ פלעגנ באזונדערס זייער פיל אָנגעווענדט ווערנ (מער פונ צענ טויזנט) אינ דער ראבאָניש־העברייִשער ליטעראטור.

אייניקע אזעלכע קירצונגענ זײַנענ ארײַנ אויכ אינ יידיש אונ ווערנ נאָכ אויכ איצט אָנגעווענדט — אלס פאמיליע־נעמענ. אשטייגער: ראשאל (רש"ל — ראבייני שלוימע לוריע), קאצ (כ"צ — קויהענ צעדעק), מאצ (מ"צ — מוירע צעדעק) אונ אנדערע.

IV. זאצסטרוקטור, וואָרטקלאסן און אָרטאָגראַפיע

1. זאצגלידער און וואָרטקלאסן

22. סוביעקט, פּרעדיקאַט, אָביעקט

פון די פּאַריקע מאַטעריאַלן ווייזן מיר, אז אונדזער רייד באַשטייט פון זאצן, די זאצן פון ווערטער און די ווערטער פון קלאַנגען (אין דער גערעדטער שפּראַך) און פון אויסיעס (אין דער געשריבענער).

אָבער אַ זאַץ באַשטייט געוויינטלעך- ניט פון סטאַם קלאַנגען און ניט פון צופעליקע ווערטער. קעדיי אַ זאַץ זאָל עפּעס זאָגן, דאַרפן זיינע ווערטער קומען אין אַ געוויסן סיידער און דאַרפן אַפּ אַ באַשטימטן אויפן זיין אָרגאַניזירט. אַשטייגער מע קאָן זאָגן:

1. מיר לייענען נאָך דער אַרבעט ציַיטונגען.
2. נאָך דער אַרבעט לייענען מיר ציַיטונגען.
3. ציַיטונגען לייענען מיר נאָך דער אַרבעט.

אָבער מע קאָן אין יִדיש ניט זאָגן:

1. מיר ציַיטונגען נאָך דער אַרבעט לייענען.
2. נאָך דער אַרבעט מיר ציַיטונגען לייענען.
3. ציַיטונגען נאָך דער אַרבעט מיר לייענען.

דאָס באַוויַיזט, אַז דער סיידער פון די ווערטער אין אַ זאַץ איז ניט קיין צופעליקער, אַז ער איז אַפּ אַ געוויסן אויפן אַן אָרגאַניזירטער.

אויסער דעם דאָזיקן אָרגאַניזיר-מאָמענט קאָנען מיר דאָ אָנוויַיזן נאָך וויכטיקע דערשיַינונגען. מיר זאָגן אַשטייגער „מיר לייענען" און ניט „מיר לייען"; ס'איז אָנגענומען צו זאָגן „נאָך דער אַרבעט" און ניט „נאָך דעם אַרבעט".

אַלזאָ: אַ זאַץ האָט אַ גאַנצע ריי סטרוקטוריש-אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָ-

מענטנ. אָט די דאָזיקע מאָמענטנ, ווי די סטרוקטור פונ דער שפּראַך ביכלאַל, שטודירט די וויסנשאַפט, וואָס הייסט גראַמאַטיק.

גראַמאַטיק באַשטייט פונ מאָרפאָלאָגיע אונ סינטאַקס. מאָרפאָלאָגיע איז די לערע וועגנ דער סטרוקטור פונ ווערטער, וועגנ זייער באַטייט אונ פאָרמע, סינטאַקס איז די לערע וועגנ דער סטרוקטור פונ זאַצנ אונ זאַצ־באַהעפטונג.

אינ די קאַפּיטלענ פונעמ פאָריקנ אָפּטייל האָבנ מיר זיך שוינ געהאַט פאַרנומענ מיט סטרוקטור. אָבער דאָרט איז אונז אויסגעקומענ האָבנ צו טאָנ מיט דער סטרוקטור פונ ווערטער אויסערנ זאַצ, אונ איצט וועלנ מיר זיך באַשעפטיקנ מיט דער סטרוקטור פונ זאַצנ אונ פונ ווערטער אינ זאַצ צונויפ.

לאָמיר אַשטייגער פאַנאַנדערקלייבנ אַזעלכע צוויי זאַצנ:

1. איך לייענ אַ צייטונג. 2. ער שרייבט אַנ אַרטיקל.

לויט דער סטרוקטור זיינענ די דאָזיקע צוויי זאַצנ ענלעך — אינ ביידע זאַצנ קאָנ מענ אָנווייזנ אַזעלכע טיילנ, אַזעלכע גלידער:

1) אַ סוביעקט: איך; ער.
2) אַ פּרעדיקאַט: לייענ; שרייבט.
3) אַנ אָביעקט: אַ צייטונג; אַנ אַרטיקל.

אַזעלכע דריי גלידער קאָנ מענ אָנווייזנ אויך אינ פאָלגנדיקע זאַצנ:

1. די פאַבריק פילט אויס דעמ פּלאַנ.
2. די אַרבעטער האָבנ באַהערשט די טעכניק.

אויך דאָ האָבנ מיר:

1) סוביעקטנ: די פאַבריק; די אַרבעטער.
2) פּרעדיקאַטנ: פילט אויס; האָבנ באַהערשט.
3) אָביעקטנ: דעמ פּלאַנ; די טעכניק.

מע דאַרפ נית מיינענ, אַז דער סוביעקט איז דאַפקע פונ אָנהייב זאַצ אונ אַז דער אָביעקט איז נאָר צומ סאָפ. ס'טרעפנ פאַלנ, אַז פונ אָנהייב זאַצ זאָל גראָד זיינ דער אָביעקט אונ צומ סאָפ דער סוביעקט. אַשטייגער:

1. אַ צייטונג לייענ איך. 2. אַנ אַרטיקל שרייבט ער.

די ווערטער „איך" אונ „ער" זיינענ אַלציינס סוביעקטנ, כאָטש זיי שטייענ צומ סאָפ; אונ די ווערטער „אַ צייטונג" אונ „אַנ אַרטיקל" זיינענ דאָ אַלציינס אָביעקטנ, כאָטש זיי שטייענ פונ אָנהייב.

איינס אונ דאָס זעלבע וואָרט קאָנ אָפט אינ איינ פאַל זיינ אַנ אָביעקט אונ אינ אַ צווייטנ אַ סוביעקט. אַשטייגער:

1. די אַרבעטער שטיצנ די קאָמפּאַרטיי.
2. די קאָמפּאַרטיי פירט פאָרויס די אַרבעטער.

אינעמ ערשטנ זאַצ איז „די קאָמפּאַרטיי" אַנ אָביעקט; אינעמ צווייטנ זאַצ איז עס שוינ אַ סוביעקט. אונ „די אַרבעטער", וואָס אינעמ ערשטנ זאַצ איז עס אַ סוביעקט, איז אינעמ צווייטנ זאַצ אַנ אָביעקט.

ס'זיינענ פאַראַנ ווערטער, וואָס אויב זיי קומענ אַלס סוביעקטנ,

האָבן זיי איין פאָרמע און אויב זיי זײַנען אָביעקטן, האָבן זיי אַן אַנדער פאָרמע. אַשטייגער:

דער ברודער רופט דעם טאַטן — דער טאַטע רופט דעם ברודער. דאָ זעען מיר, אַז אויב „דער ברודער" קומט אַלס אַן אָביעקט, ווערט „דעם ברודער"; און אַז „דער טאַטע" קומט אַלס אַן אָביעקט, ווערט „דעם טאַטן".

די ווערטער „איך, דו, ער, מע" זײַנען אַלעמאָל סוביעקטן. די ווערטער „מיך, דיך, אים, אונדז, אײַך" זײַנען אַלעמאָל אָביעקטן. די ווערטער „זי, זיי" קאָנען אַמאָל זײַן סוביעקטן און אַמאָל אָביעקטן. די ווערטער „מיר, איר" זײַנען סוביעקטן, ווען זיי באַטײַטן מערצאָל; ווען זיי באַטײַטן איינצאָל, זײַנען זיי ניט קיין סוביעקטן. אַשטייגער:

1. מיר לייענען צײַטונגען. איר לייענט צײַטונגען.
2. ער שיקט מיר אַ בילעט. ער שיקט איר אַ בילעט.

אַ פּרעדיקאַט קומט מערסטנס צו ווײַזן, וואָס דער סוביעקט טוט. עס זײַנען אָבער פאַראַן אויך אַזעלכע פּרעדיקאַטן, וואָס ווײַזן ניט דעם סוביעקטס טוונג, נאָר עפּעס אַנדערש. אַשטייגער:

1. דער כאַוווער טרעט אַרויס.
2. " " איז אַ קאָמוניסט.
3. " " " " יונגער.
4. " " " יונג.
5. " " " כײַקינס.

יעדער פון די דאָזיקע פינף זאַצן באַשטייט פון צוויי גלידער — פון אַ סוביעקט („דער כאַוווער") און פון אַ פּרעדיקאַט. דערבײַ ווײַזט, וואָס דער סוביעקט טוט, בלויז דער ערשטער פּרעדיקאַט („טרעט אַרויס"); אַלע איבעריקע פּרעדיקאַטן ווײַזן, וואָס איז דער סוביעקט, אַ וועלכער איז דער סוביעקט, ווי אַזוי איז דער סוביעקט אָדער ווע מענס איז דער סוביעקט.

איינעם און דעם זעלבן אָדער אַן ענלעכן באַגריף קאָן מען אַמאָל אויסדריקן בלויז דורך אַ פּרעדיקאַט און אַמאָל דורך אַ פּרעדיקאַט מיט אַן אָביעקט. אַשטייגער:

1. ער פּראָטאָקאָלירט. 2. ער פירט אַ פּראָטאָקאָל.

דער אינהאַלט פון די ביידע זאַצן איז קימאַט איינער און דער זעלבער, כאָטש אין ערשטן זאַץ איז דעם סוביעקטס טוונג אויסגעדריקט בלויז דורך אַ פּרעדיקאַט און אין צווייטן זאַץ איז זי אויסגעדריקט דורך אַ פּרעדיקאַט מיט אַן אָביעקט.

1. א סוביעקט איז א וואָרט אָדער א גרופּע ווערטער, וואָס ווײַזט אָנ אינ זאצ אפ דעמ טוער. א סוביעקט ענטפּערט אפ דער פראגע „ווער?" אָדער „וואָס?".

2. א פּרעדיקאט איז א וואָרט אָדער א גרופּע ווערטער, וואָס קאָנסטאטירט געוויינטלעכ דעמ סוביעקטס טוונג, צושטאנד, אייגנ-שאפט. א פּרעדיקאט ענטפערט געוויינטלעכ אפ דער פראגע „וואָס טוט דער סוביעקט? וואָס איז דער סוביעקט? א וועלכער איז דער סוביעקט? וויאזוי איז דער סוביעקט? ווע‌מענס איז דער סוביעקט?".

3. אנ אָביעקט איז א וואָרט אָדער א גרופּע ווערטער, וואָס ווײַזט אָנ אינ זאצ, אפ ווע‌מענ אָדער אפ וואָס גייט אריבער די טוונג. אנ אָביעקט ענטפערט אפ דער פראגע „וועמענ, וואָס?" אָדער „מיט וועמענ, מיט וואָס; צו וועמענ, צו וואָס; פונ וועמענ, פונ וואָס?"...

4. דער סוביעקט, דער פּרעדיקאט, דער אָביעקט הייסנ זאצ-גלידער.

23. הויפּטגלידער אונ בײַגלידער

אינ א זאצ זײַנענ געוויינטלעכ פאראנ פאָלגנדיקע זאצגלידער (פונקציעס):

1)	סוביעקט	:	ער האָט געלייענט א צײַטונג;
2)	פּרעדיקאט	:	ער האָט געלייענט א צײַטונג;
3)	אָביעקט	:	ער האָט געלייענט א צײַטונג;
4)	אטריבוט	:	ער האָט געלייענט א הײַנטיקע צײַטונג;
5)	צאָל-באשטימונג	:	ער האָט געלייענט דרײַ צײַטונגענ;
6)	אָרט- "	:	ער האָט געלייענט אינ קלוב;
7)	צײַט- "	:	ער האָט געלייענט אינדערפרי;
8)	אויפנ- "	:	ער האָט געלייענט אופמערקזאמ;
9)	סיבע- "	:	ער האָט מאכמעס שרעק ניט געלייענט;
10)	צוועק- "	:	ער איז געקומענ (צו) לייענענ א צײַטונג;
11)	אינהאלט-"	:	ער האָט געוואָלט לייענענ א צײַטונג.

וואָס איז אזוינס א סוביעקט, פּרעדיקאט, אָביעקט, איז שוינ געווענ פאָרמולירט אינעמ פאָריקנ קאפּיטל. איצט לאָמיר פאָרמולירנ, וואָס שטעלנ מיט זיכ פאָר די איבעריקע ערשט אָנגעוויזענע אכט זאצגלידער.

אנ אטריבוט כאראקטעריזירט א זאכ אונ ענטפערט אפ דער פראגע „וועלכער, וועלכע, וועלכעס, וועלכנ, וועמענס?". אשטייגער: דער עלטערער ברודער לייענט אינ נײַעמ קלוב א מאָסקווער צײַטונג; דער כאַווער האָט געבראכט ענגעלסעס ווערק.

א צאָל־באַשטימונג ווייַזט די צאָל זאַכן און ענטפערט אפ דער פראגע „ויפל?״. אשטייגער: פיר פויערים האָבן פאר פינף טעג צעזעגט זעכציק קלעצער.

אן אָרט-באַשטימונג ווייַזט דאָס אָרט פון דער טוונג און ענטפערט אפ דער פראגע „ווו, וווהין, פונוואנען, ביזוואנען?״. אשטייגער: ער שרייַבט אין צימער, מיר פאָרן קיין קיעוו, זיי גייען פון פאבריק, זיי האָבן געלייענט ביזדאנען, זי לויפט אהין.

א צייַט-באַשטימונג ווייַזט די צייַט פון דער טוונג און ענטפערט אפ דער פראגע „ווען, פון ווען אָן, ביז ווען אָן?״. אשטייגער: ער פאָרט מאָרגן, זיי וועלן קומען שפּעטער, מיר לייענען אין אָוונט, זי שרייַבט פון נעכטן אָן, זיי וועלן ארבעטן ביז איבעראיאָר.

אן אויפן־באַשטימונג ווייַזט דעם אויפן פון דער טוונג און ענטפערט אפ דער פראגע „וויאזוי?״. אשטייגער: ער שרייַבט שיין, זיי האָבן גיך געארבעט, מיר וועלן קומען צופוס, ער רעדט מיט הארץ, זיי זיצן איינעם.

א סיבע-באַשטימונג ווייַזט די סיבע פון דער טוונג און ענטפערט אפ דער פראגע „פארוואָס, איבער וואָס?״. אשטייגער: ער שמייכלט פון צופרידנקייַט, זיי האָבן פון שרעק פארגעסן די אויפגאבע, מיר האָבן איבערן טומל אים ניט געהערט.

א צוועק־באַשטימונג ווייַזט דעם צוועק פון דער טוונג און ענטפערט אפ דער פראגע „נאָך וואָס, צוליב וואָס?״. אשטייגער: ער פאָרט זייען קאָרן, זיי זייַנען געקומען צו קאָנטראָלירן די ארבעט, זי איז געגאַנגען נאָך א בילעט.

אן אינהאלט־באַשטימונג ווייַזט דעם אינהאלט פון דער טוונג און ענטפערט אפ דער פראגע „וואָס טאָן?״. אשטייגער: ער האָט גענומען שרייַבן, זיי האָבן זיך געלאָזט לויפן, מיר וועלן באלד אָנהייבן דערציילן.

אָנמערקונג 1: איינע און די זעלבע ווערטער קאָנען אין איין פאל אויספילן איין פונקציע און אין א צווייטן פאל — א צווייטע. אשטייגער:

1. די ארבעטער זייַנען געקומען פון פאבריק.

2. די ארבעטער פון פאבריק זייַנען געקומען אין טעאטער.

אינעם ערשטן פאל איז „פון פאבריק״ אן אָרט-באַשטימונג — עס דערציילט, פונוואנען זייַנען די ארבעטער געקומען. אינעם צווייטן פאל איז „פון פאבריק״ אן אטריבוט — עס דערציילט, וועלכע ארבעטער זייַנען געקומען (אן אָרט-באַשטימונג איז אינעם צווייטן זאַץ — „אין טעאטער״).

אָנמערקונג 2: דאָס וואָס א וואָרט אן און פאר זיך רופט אָן אן אָרט אָדער א צייַט, דארף מען ניט צונויפמישן מיט דער פונקציע אָרט און צייַט אין זאַץ. אשטייגער דאָס וואָרט „מאָסקווע״ איז אן אָנרוף פון אן אָרט, אָבער

אינ זאצ קאָנ עס אויספילנ א פונקציע ניט נאָר פונ אנ אָרט־באשטימונג, נאָר אויכ פונ א סוביעקט, אָביעקט אונ אנדערע, אשטייגער:

1. מיר זײַנענ געקומענ קיינ מאָסקווע („קיינ מאָסקווע" — אָרט־באשטימונג).
2. מאָסקווע בויט זיכ זייער גיכ („מאָסקווע" — סוביעקט).
3. מיר וועלנ גיינ ארומ־קוקנ מאָסקווע („מאָסקווע" — אָביעקט).

אָנמערקונג 3: אמאָל קאָנ זײַנ שווערלעכ גענוי צו באשטימענ, וואָס פאר א פונקציע עס פילט אויס דער אָדער יענער זאצגליד. אשטייגער אינעמ זאצ „עס זײַנענ געקומענ די ארבעטער פונ פאבריק" קאָנ דער זאצגליד „פונ פאבריק" באטײַטנ: 1) אָדער אנ אָרט (פונוואַנענ געקומענ); 2) אָדער אנ אטריבוט (וועלכע ארבעטער). אָבער אזעלכע פאלנ זײַנענ גאנצ זעלטנ. געוויינטלעכ איז ניט שווער צו זאָגנ, וואָס פאר א פונקציע עס פילט אויס דער אָדער יענער זאצגליד.

ניט שטענדיק האָט א זאצ געהאט אזעלכע זאצגלידער אונ בכלל אזא גלידערונג, ווי ס'איז פריער געווענ אָנגעוויזנ. אינ די גאָר אוראַלטע צײַטנ פלעגט דער מענטש אינ זײַנ דענקענ ניט אָפטיילנ די טוונג פונעמ טוער אונ פונעמ געגנשטאנד פונ דער טוונג. דאָס אלצ פלעגט ארויסגעזאָגט ווערנ דורכ א געהעריקנ האנט־סיגנאל (זשעסט). ווענ דער מענטש האָט אינ זײַנ באוווּסטזײַנ גענומענ דעמ טוער אָפטיילנ פונ דער טוונג, האָט ער די טוונג נאָכ אלצ פארגעזעצט באצייכענענ מיט דער האנט, אונ פארנ טוער האָט ער גענומענ שאפנ די אָדער יענע קלאנגענ־צייכנס[1]. אָט די דאָזיקע קלאנגענ־צייכנס זײַנענ אייגנצײַטיק געווענ די ווערטער אינ זאצנ.

שפּעטער, אדאנק דער ווײַטערדיקער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג, איז אנטשטאנענ א באַדערפעניש אינ די קלאנגענ־צייכנס אויכ פאר יעדער טוונג אונ פארנ געגנשטאנד פונ דער טוונג. אזוי זײַנענ אופגעקומענ די זאצגלידער סוביעקט (טוער), פרעדיקאט (טוונג), אָביעקט (געגנשטאנד פונ דער טוונג). נאָכ שפּעטער, ווענ די געזעלשאפט איז אינ איר אנטוויקלונג אוועק נאָכ ווײַטער, ווענ פארנ מענטשנ איז געוואָרנ שטארק וויכטיק דאָס אָרט פונ דער טוונג, איר צײַט אונ נאָכ א רײ אנדערע מאָמענטנ, האָבנ די אלע קאטעגאָריעס ביסלעכווײַז גענומענ אופקומענ אינעמ מענטשנס דענקענ אונ רייד. אפ אזא אופנ זײַנענ אנטשטאנענ די אלע פריער אויסגערעכנטע זאצגלידער.

זאצגלידער קאָנענ באשטיינ פונ איינ וואָרט אונ פונ מער. אשטייגער:

1. ער פאָרט איצט אהיינ.
2. דער ברודער וועט פאָרנ קיינ מאָסקווע נאָכ דער ארבעט.

אינעמ ערשטנ זאצ באשטייט יעדער זאצגליד פונ איינ וואָרט. אינעמ צווייטנ זאצ באשטייט דער סוביעקט, דער פרעדיקאט אונ די אָרט־באשטימונג — פונ צוויי ווערטער, אונ די צײַט־באשטימונג — פונ דרײַ.

דעריבער זעענ מיר, אז אויב א זאצגליד באשטייט פונ א פאָר אָדער פונ מער ווערטער, איז איינס פונ די ווערטער א זעלבשטענדיקס, וואָס רופט אָנ א זאכ, א טוונג אונ אזוי ווײַטער, אונ די איבעריקע ווער־

---

[1] נ. יא. מאר. „אויסגעוויילטע ארבעטנ" (רוסיש), באנד III, זײַט 116.

טער זײַנען באהילפיקע — זײ זײַנען ארטיקלען. פרעפּאָזיציעס (זע זײַט 47—51) אָדער עפּעס אנדערש. אונ אזוי איז עס מערסטנס.

ווענ א פרעדיקאט באשטײט פונ א פּאָר אָדער כונ עטלעכע ווערטער, קאָנען זײ קומען אי נאָכאַנאַנד אי אָפּגערוקט אײנס פונעם אנדערנ. אשטײגער:

1. די פאבריק האָט אויסגעפילט דעם פלאנ צו דער צײַט.

2. די פאבריק האָט דעם פלאנ אויסגעפילט צו דער צײַט.

אָבער ווענ א ווערטער־ניט־איז אנדער זאצגליד באשטײט פונ עטלעכע ווערטער, קומען די ווערטער שטענדיק נאָכאַנאַנד.

ווענ א זאצגליד האָט בא זיכ אנ אטריבוט, קאָנ דער אטריבוט זיכ געפינען אמאָל פאר אונ אמאָל נאָכ דעם כאראקטעריזירטנ זאצגליד, אָבער קימאט שטענדיק לעבנ דעם דאָזיקנ זאצגליד. אשטײגער: די ארבעטער פונעם ראטנ־פארבאנד בויען א סאָציאליסטישע געזעלשאפט.

אָנמערקונג: אנ אטריבוט קאָנ אײנצײַטיק אויספילנ אויכ א פונקציע פונ אנ אויפנ-באשטימונג. אינ אזא פאל קאָנ ער זײַנ אָפּגערוקט פונ זײַנ כאראקטעריזירטנ זאצגליד. אשטײגער אינעם זאצ „דער כאווער איז געקומען א צופרידענער“ — איז „א צופרידענער“ אי אנ אטריבוט באם סוביעקט „דער כאווער“ (ער ווײַזט, וועלכער כאווער) אי אנ אויפנ-באשטימונג באם פרעדיקאט „איז געקומענ“ (ער ווײַזט, וויאזוי געקומען). דעריבער קומט ער אָפּגערוקט פונעם זאצגליד „דער כאוועך“.

דער סוביעקט אונ דער פרעדיקאט הײסנ הויפּטגלידער. אלע איבעריקע זאצגלידער הײסנ בײַגלידער.

אָנמערקונג: דער סוביעקט אונ דער פרעדיקאט הײסנ הויפּטגלידער ניט דערפאר, וואָס זײ זײַנען אָפּט די וויכטיקסטע טײלנ פונ אנ ארויסזאָגונג. אָפּט איז פאר אנ ארויסזאָגונג דער אָדער יענער בײַגליד ניט ווײניקער וויכטיק, אונ אמאָל אפילע וויכטיקער, פונ א הויפּטגליד. זײ הײסנ הויפּטגלידער דערפאר, וואָס זײ זײַנען די צענטרען, ארום וועלכע עס גרופּירנ זיכ אלע איבעריקע גלידער אינ זאצ.

די בײַגלידער גרופּירנ זיכ געוויינטלעכ ארום יעדערנ פונ די הויפּט-גלידער. אשטײגער:

דער קולטורעלער צושטאנד פונ די ארבעטער אינטערעסירט אונדז.

דאָ האָבנ מיר בײַגלידער, וואָס ווײַזנ, וועגנ וועלכנ צושטאנד עס רעדט זיכ אונ וועגנ וועמענס צושטאנד. אונ די דאָזיקע בײַגלידער — די אטריבוטנ — גרופּירנ זיכ ארום דעם סוביעקט — ארום „צושטאנד“. נאָכ אָפּטער גרופּירנ זיכ די בײַגלידער אָדער א טײל בײַגלידער ארום דעם פרעדיקאט. אשטײגער:

מיר אינטערעסירנ זיכ מיט דער ארבעט אלץ מער אונ מער.

דאָ האָבן מיר בײַגלידער, וואָס ווײַזן, מיט וואָס מע אינטערעסירט זיך און וויאַזוי. און די דאָזיקע בײַגלידער — דער אָביעקט און אויפן-באַשטימונג — גרופירן זיך אַרום דעם פרעדיקאַט — אַרום „אינטערעסירן זיך".

די בײַגלידער קאָנען זיך גרופירן אַלע אַרום די הויפטגלידער דירעקט, אָדער אַ טייל בײַגלידער קאָנען זיך גרופירן אַרום אַנדערע בײַגלידער, וואָס ציִען זיך צו אַ הויפטגליד. אַשטייגער:

איך לייען נאָך דער אַרבעט מיט גרויס אינטערעס אַ מאָסקווער צײַטונג אין אַ נײַעם קלוב.



מיר פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער אינעם ראַטן-פאַרבאַנד אַלץ מער און מער.



רעכטס גרופירן זיך אַרום דעם פרעדיקאַט „לייען" אַלע בײַגלידער; לינקס גרופירט זיך אַרום דעם פרעדיקאַט „פאַרבעסערן" בלויז אַ טייל בײַגלידער, אַן אַנדער טייל בײַגלידער גרופירט זיך ניט אַרום דעם פרעדיקאַט, נאָר אַרום אַנדערע בײַגלידער: „פון די אַרבעטער" ווײַזט — וועמענס „לאַגע", און „אינעם ראַטן-פאַרבאַנד" ווײַזט — וואָסערע „אַרבעטער".

אַ זאַץ קאָן אָפט באַשטיין בלויז פון הויפטגלידער, אָן בײַגלידער. אַשטייגער:

שרײַען יאַטן. זינגען יאַטן. ווייען פאָנען.
קאָמיוגיסטן פאָרן אין שלאַכט (פעפער).

דאָ האָבן מיר פיר זאַצן, פון וועלכע די ערשטע דרײַ באַשטייען בלויז פון הויפטגלידער. און אַמאָל קאָן אַ זאַץ באַשטיין אַפילע בלויז פון איין הויפטגליד אָדער אַפילע בלויז פון אַ בײַגליד. אַשטייגער:

1. אַ סרייפע. 2. עס ברענט. 3. דעם מאַנטל!

אינעם ערשטן זאַץ האָבן מיר בלויז אַ סוביעקט (אָדער סטאַם אַן אָנרוף פון אַ זאַך), אינעם צווייטן — בלויז אַ פרעדיקאַט, און אינעם דריטן — בלויז אַן אָביעקט. אָבער אַזעלכע זאַצן זײַנען גאַנץ זעלטן. מערסטנס אַנטהאַלט אַ זאַץ ביידע הויפטגלידער און אַ גאַנצע ריי בײַגלידער — וואָס מאַכן די אויסזאָגונג גענויער, פולער, אַלזײַטיקער.

24. זאצגלידער אין וואָרטקלאַסן. ווערב און סובסטאַנטיוו

די ווערטער אין א זאץ קאָן מען באַטראַכטן ניט נאָר לויט זייער באַ־טײַט און פונקציע אין זאץ, נאָר אויך לויט זייער באַטײַט און פאָרמע, אומאָפּהענגיק פון זאץ. ווען מע באַטראַכט די ווערטער לויטן באַטײַט און פונקציע, טיילט מען זיי אײַן אין זאצגלידער. ווען מע באַטראַכט זיי לויטן באַטײַט און פאָרמע, טיילט מען זיי אײַן אין וואָרטקלאַסן. אַשטייגער:

דער פאָרזיצער עפנט די פאַרזאַמלונג.

לויט דער פונקציע, לויט דער ראָליע אין זאץ, האָבן מיר דאָ דרײַ פאַרשיידענע זאצגלידער: א סוביעקט „דער פאָרזיצער", א פרעדיקאַט „עפנט" און אן אָביעקט „די פאַרזאַמלונג". אָבער לויטן באַטײַט און פאָרמע געהערן די ווערטער פונעם פאָריקן זאץ ניט צו קיין דרײַ באַזונדערע וואָרטקלאַסן, נאָר צו צוויי: דאָס וואָרט „עפנט" געהערט צו איין קלאַס — צו א קלאַס ווערטער, וואָס באַטײַטן טוונגען; און די ווערטער „דער פאָר־זיצער" און „די פאַרזאַמלונג" געהערן צו א צווייטן קלאַס — צו א קלאַס ווערטער, וואָס באַטײַטן זאַכן (געגנשטאַנדן).

דאָס זעלבע איז אויך אַ־שטייגער מיט די ווערטער פונעם זאץ „די פאַר־זאַמלונג באַשטעטיקט דעם רעגלאַמענט". דאָ האָבן מיר דרײַ זאצגלידער, וואָס געהערן צו צוויי וואָרטקלאַסן: דער סוביעקט „די פאַרזאַמלונג" און דער אָביעקט „דער רעגלאַמענט" זײַנען פון איין וואָרטקלאַס — ביידע באַ־טײַטן זיי אזויס, וואָס מיר נעמען עס אויף אַלס זאַכן.

פון די פאַרשיידענע קלאַסן ווערטער, וואָס זײַנען פאַראַן, וועלן מיר אין דער ערשטער ריי נעמען שטודירן די צוויי גרעסטע און וויכטיקסטע וואָרטקלאַסן — דעם ווערב און דעם סובסטאַנטיוו.

דער קלאַס ווערב הייסט דער קלאַס, וואָס נעמט אַרום אַזעלכע ווער־טער ווי „עפנט, באַשטעטיקט, שרײַבט, אויסגעלייענט, אָנגעקומען, צוגע־פאָרן, אויסקעמפן, צוגיין, זיצן, שלאָפּסט". דער קלאַס סובסטאַנטיוו הייסט דער קלאַס, וואָס נעמט אַרום אַזעלכע ווערטער ווי „פאָרזיצער, פאַר־זאַמלונג, רעגלאַמענט, טישן, גלעקל, אַוואַנגאַרד, אַרמייען, רעוואָלוציע, קאַמף, קאָמוניזם".

א ווערב באַטײַט א טוונג און קומט געוויינטלעך אַלס א פרעדיקאַט. א סובסטאַנטיוו באַטײַט א זאַך אָדער אַזוינס, וואָס מיר נעמען עס אויף ווי א זאַך, און קומט מערסטנס אַלס א סוביעקט אָדער אָביעקט. אָבער אַז א ווערב און א סובסטאַנטיוו קאָנען אויספילן אַנדערע פונקציעס אויך. אַשטייגער:

1. דער פאָרזיצער וועט קאָנטראָלירן די אַרבעט.
2. דער פאָרזיצער וועט קומען צו קאָנטראָלירן די אַרבעט.

איןביידע פאלן האָבן מיר דאָ א ווערב „קאָנטראָלירן". אָבער דער דאָזיקער ווערב איז א פּרעדיקאַט (צוזאַמען מיטן הילפוואָרט „וועט") בלויז אינעם ערשטן פאַל. אינעם צווייטן פאַל איז דאָרט א פּרעדיקאַט „וועט קומען". דער ווערב „קאָנטראָלירן" איז דאָרט ניט קיין פּרעדיקאַט, נאָר א צוועק-באַשטימונג — א זאַצגליד, וואָס ווייזט דעם צוועק פונעם פּאָרזיצערס קומען. אַזוי אויפן זעען מיר, אַז א ווערב קאָן אין זאַץ אויספילן ניט נאָר די פונקציע פון א פּרעדיקאַט, נאָר אויך אַנדערע פונקציעס.

ענלעך דערצו איז אויך מיטן סובסטאַנטיוו — אויך ער קאָן אויספילן פאַרשיידענע פונקציעס. אַשטייגער:

1. דער פּאָרזיצער וועט קאָנטראָלירן די אַרבעט.
2. רובינשטיין איז דער פּאָרזיצער.

אין ביידע פאַלן האָבן מיר דאָ א" סובסטאַנטיוו „דער פּאָרזיצער". אָבער דער דאָזיקער-סובסטאַנטיוו איז אינעם צווייטן פאַל ניט קיין סוביעקט און ניט קיין אָביעקט, נאָר (צוזאַמען מיטן הילפוואָרט „איז") א פּרעדיקאַט — ער קאָנסטאַטירט עפּעס וועגן דעם סוביעקט — ער דערציילט, וואָס איז דער סוביעקט.

און אַזוי איז עס אַלעמאָל: ווען מע וויל קאָנסטאַטירן ניט דעם סוביעקטס טוונג, נאָר זיין צושטאַנד אָדער אייגנשאַפט אָדער ווען מע וויל דעם סוביעקט אידענטיפיצירן (ווייזן די זעלביקייט) מיט אן אַנדער זאַך, דריקט מען עס אויס דורך א הילפוואָרט „איז" (אָדער דורך אַנדערע הילפווערטער) + א סובסטאַנטיוו אָדער + א וואָרט פון אַן אַנדער קלאַס. אַשטייגער:

1. דער פּאָרזיצער איז ענערגיש.
2. דער פּאָרזיצער איז אַן ענערגישער.
3. דער פּאָרזיצער איז א קאָמוניסט.

אינעם ערשטן פאַל קאָנסטאַטירט מען דאָ דעם סוביעקטס צושטאַנד; אינעם צווייטן פאַל — זיין אייגנשאַפט; און אינעם דריטן פאַל אידענטיפיצירט מען דעם סוביעקט (דעם פּאָרזיצער) מיט אַן אַנדער זאַך (מיט א קאָמוניסט). אין אַזא פאַל ווי אינעם דריטן באַשטייט דער פּרעדיקאַט געוויינטלעך פון א הילפוואָרט „בין, ביסט, איז, זיינען, זייט; וועל, וועסט, ווערט" אָדער „ווערן" מיט א סובסטאַנטיוו.

אַז אַזא אויפן זעען מיר, אַז א סובסטאַנטיוו קאָן אין זאַץ אויספילן ניט נאָר די פונקציעס פון א סוביעקט אָדער אָביעקט, נאָר אויך פון א פּרעדיקאַט און, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, פון נאָך אַנדערע זאַצגלידער; און אַז אויך א ווערב קאָן אין זאַץ אויספילן ניט נאָר די פונקציעס פון א פּרעדיקאַט, נאָר אויך פון אַנדערע זאַצגלידער. און פון דער צווייטער זייט זעען מיר, אַז א פּרעדיקאַט קאָן זיין אויסגעדריקט ניט דאַפקע דורך

א ווערב, נאָר אויכ דורכ א סובסטאנטיוו און אויכ דורכ ווערטער פונ נאָכ אנדערע וואָרטקלאסנ.

אלזאָ: זאצגלידער און וואָרטקלאסנ דארפ מענ ניט מישנ — דאָס איז ניט איינס און דאָס זעלבע.

2. ווערב

25. ווערבפאָרמעס. פערזאָניקער ווערב. פארטיציפ און אינפיניטיוו

א ווערב, ווי ס'איז שוינ אָנגעוויזנ געוואָרנ, באטײַט א טוונג און קומט געווײנטלעכ אלט א פרעדיקאט. ווערבנ זײַנענ פאראנ גרונטיקע און אויסגעבילדעטע. אשטייגער:

שרייבנ	שנײַדנ	לופטערנ	קלאסיפיצירנ
לייענ(ענ)	האלטנ	רעמאָנטירנ	דייניקנ

די ווערבנ רעכטס זײַנענ גרונטיקע. דאָס זײַנענ אזעלכע ווערטער, וואָס ווענ זיי קומענ אָנ סופיקסנ, זײַנענ זיי אויכ ווערבנ — זיי רופנ אָנ עפּעס א טוונג און קומענ געווײנטלעכ אלט פרעדיקאטנ. אָבער די ווערבנ לינקס זײַנענ ניט קיינ גרונטיקע, נאָר אויסגעבילדעטע. דאָס זײַנענ ווערטער, וואָס אָנ די סופיקסנ זײַנענ זיי ניט קיינ ווערבנ, נאָר סובסטאנטיוונ (לופט, רעמאָנט, קלאס) אָדער עפּעס אנדערש (דיינ). דאָס זײַנענ ווערטער, וואָס בלויז אדאנק די געגעבענע סופיקסנ זײַנענ זיי געוואָרנ ווערבנ.

סײַ צו די גרונטיקע און סײַ צו די אויסגעבילדעטע ווערבנ קאָנענ געווײנטלעכ צוקומענ אי פרעפיקסנ אי צוגאָבנ. אשטייגער:

1. ציילנ 2. אויסציילנ. 3. דערציילנ. 4. אויסדערציילנ.

דאָ האָבנ מיר פיר ווערבנ: דער ערשטער איז אָנ א פרעפיקס און אָנ א צוגאָב, דער צווייטער איז מיט א צוגאָב, דער דריטער איז מיט א פרעפיקס, און דער פערטער איז אי מיט א צוגאָב אי מיט א פרעפיקס.

א ווערב האָט געווײנטלעכ א גאנצ היפשע סיסטעמ פאָרמעס מיט א גאנצער ריי באטײַטנ. אשטייגער:

1) איכ נעמ — מיר נעמענ;
2) איכ נעמ — דו נעמסט — ער נעמט;
3) איכ נעמ — איכ האָב גענומענ — איכ וועל נעמענ;
4) איכ נעמ — איכ וואָלט גענומענ — איכ זאָל נעמענ;
5) איכ נעמ — איכ ווער (בינ) גענומענ.

פונ די דאָזיקע בײַשפּילנ זעענ מיר, אז בא א ווערב זײַנענ געווײנטלעכ פאראנ:

1) פאָרמעס פונ צאָל — זיי ווײַזנ, צי די טוונג ווערט געטאָנ דורכ איינ טוער צי דורכ עטלעכע (דורכ א טוער אינ איינצאָל אָדער אינ מערצאָל);

2) פאָרמעס פונ פערזאָנ — זײ ווײַזנ, צי די טוונג ווערט געטאָנ דורכנ רײדער זעלבסט צי דורכ א צווײטנ;

3) פאָרמעס פונ צײַט — זײ ווײַזנ, צי די טוונג קומט פאָר אײנצײַטיק מיטנ רײדנ—אינ קעגנווארט; צי אינ פארגאנגענהײַט (פריִער); צי אינ צוקונפט (שפעטער);

4) פאָרמעס פונ פאקטישקײַט (מאָדוסנ) — זײ ווײַזנ, צי די טוונג איז א פאקטישע (זי קומט ווירקלעכ פאָר), צי זי איז א באדינגלעכע אָדער א געוווּנטשענע;

5) פאָרמעס פונ אקטיווקײַט אונ פאסיווקײַט — זײ ווײַזנ, צי דער סוביעקט טוט אלײנ עפעס, צי מע טוט מיט אימ עפעס.

א ווערב באטײַט א טוונג אונ האָט פאָרמעס פונ צאָל, פערזאָנ, צײַט, פאקטישקײַט (מאָדוסנ) אונ אקטיווקײַט אָדער פאסיווקײַט.

אנאליזירנדיק די סטרוקטורנ פונ די ערשט אָנגעוויזענע ווערב־פאָרמעס, זעט מענ, אז אָפהענגיק פונ אזא אָדער אנ אנדער צאָל, פערזאָנ, צײַט אאוו., ווערט דער ווערב גופע אזוי אָדער אנדערש געענדערט. אשטײגער: נעמ — נעמסט — נעמט — נעמענ — גענומענ; צווײטנס, זעט מענ דאָ, אז דער ווערב קומט אָדער אלײנ אָדער מיט די אָדער יענע הילפווערטער (הילפווערבנ: האָב, וועל, וואָלט, ווער, בינ אונ אנדערע) — הילפווערטער, וואָס בײגנ זיכ, וואָס באקומענ די אָדער יענע פלעקסיעס (האָב — האָסט — האָט אאוו.).

---

1. אזא ווערבפאָרמע ווי „נעמ, נעמסט, נעמט, נעמענ" אָדער „האָב, האָסט, האָט, האָבנ" הײסט פערזאָניקער ווערב. א פערזאָניקער ווערב האָט פאָרמעס פונ צאָל אונ פערזאָנ (די פלעקסיעס „סט, ט, נ" אָדער „ענ") אונ קומט צו ווײַזנ קעגנווארט אָדער צו דינענ אלס א הילפוואָרט (הילפווערב).

2. אזא ווערבפאָרמע ווי „גענומענ, געלײענט, פארפלויגנ" הײסט פארטיציפ. א פארטיציפ ענדערט זיכ ניט לויט צאָל אונ פערזאָנ אונ קומט אָדער קאָנ געוויינטלעכ קומענ מיט א הילפוואָרט „האָב, האָסט, האָט, האָבנ" (אָדער „בינ, ביסט, איז, זײַנענ, זײַט") צו ווײַזנ פארגאנגענהײַט. א פארטיציפ ענטפערט געוויינטלעכ אפ דער פראגע „וואָס געטאָנ?".

3. אזא ווערבפאָרמע ווי „נעמענ, לײענענ, פארפליִענ" הײסט אינפיניטיוו. אנ אינפיניטיוו ענדערט זיכ ניט לויט צאָל אונ פערזאָנ אונ קומט אָדער קאָנ קומענ מיט א הילפוואָרט „וועל, וועסט, וועט, וועלנ" צו ווײַזנ צוקונפט. אנ אינפיניטיוו ענטפערט אפ דער פראגע „וואָס טאָנ?".

דער פערזאָניקער ווערב, פּאַרטיציפּ און אינפיניטיוו זײַנען ווערבפאָרמעס, וואָס מיט זייער הילף דריקט מען געוויינטלעך אויס אזא אָדער אַן אנדער צאָל, פּערזאָן, צײַט, פאַקטישקײַט (אָדער אומפאַקטישקײַט), אַקטיוקײַט אָדער פּאַסיוקײַט פון א טוונג.

אָנמערקונג 1: מע דאַרף ניט פלאָנטערן א פערזאָניקן ווערב מיט א וואָרט, וואָס ווײַזט אָפּ א פּערזאָן (איך, דו, ער, זי, עס, מיר, איר, זיי...) און מיט א פּערזאָן-נאָמען (מוישע, שלוימע, בערל, ראָכל...).

אָנמערקונג 2: אלס א הילפוואָרט קאָן קומען ניט נאָר א פערזאָניקער ווערב. ווי מיר וועלן באלד זען, קאָנען אויך פּאַרטיציפּן און אינפיניטיוון קומען אלס הילפווערטער.

אָנמערקונג 3: א ווערב, וואָס ווײַזט פּאַסיוקײַט, באשטייט פון א פּאַרטיציפּ מיט הילפווערטער ניט נאָר אין פארגאנגענהײַט, נאָר אויך אין אנדערע צײַטן. אשטייגער: איך ווער גענומען, איך בין גענומען געוואָרן, איך וועל גענומען ווערן.

אָנמערקונג 4: אַן אינפיניטיוו קאָן קומען ניט נאָר צו ווײַזן צוקונפט, נאָר אויך אין אנדערע פאַלן. אשטייגער: איך פלעג נעמען, איך דאַרף נעמען, איך האָב אָנגעהויבן צו נעמען.

אָנמערקונג 5: ווען מע דאַרף אָנרופן א וועלכן-ניט-איז ווערב, ברענגט מען אים געוויינטלעך אין דער אינפיניטיווישער פאָרמע. מע זאָגט אשטייגער: דער ווערב „שרײַבן, לייענען, גייען“ אאוו.

ווען דער ווערב איז מיט א פּרעפיקס, איז דער פּרעפיקס סײַ באַם אינפיניטיוו, סײַ באַם פּאַרטיציפּ און סײַ באַם פערזאָניקן ווערב אלעמאָל פאַרן וואָרצל. אשטייגער:

איך וועל באַנעמען	איך וועל דערנעמען	איך וועל צענעמען
איך האָב באַנומען	איך האָב דערנומען	איך האָב צענומען
איך באַנעם	איך דערנעם	איך צענעם

ווען אָבער דער ווערב איז מיט א צוגאָב, איז דער צוגאָב באַם אינפיניטיוו און פּאַרטיציפּ פאַרן וואָרצל, אָבער באַם פערזאָניקן ווערב איז ער נאָכן וואָרצל און באזונדער. אשטייגער:

איך וועל אָפּנעמען	איך וועל צונויפנעמען	איך וועל צונעמען
איך האָב אָפּגענומען	איך האָב צונויפגענומען	איך האָב צוגענומען
איך נעם אָפּ	איך נעם צונויפ	איך נעם צו

אָנמערקונג 1: ווען דער ווערב איז א צונויפזאַץ (פון א פּאָר וואָרצלען), איז דער באשטימטייל פונעם ווערב אמאָל נאָכן הויפּט-טייל פונעם פערזאָניקן ווערב און אמאָל פאַר. אשטייגער:

איך וועל פּעסטשטעלן — איך וועל זיך לאַנגווײַלן

איך שטעל פּעסט — איך לאַנגווײַל זיך

אָנמערקונג 2: סײַ ווען דער צוגאָב קומט באַם אינפיניטיוו און פּאַר-

טיציפ (אלס וואָרט-טײל פאַרנ וואָרצל) און סײַ ווענ ער קומט באַם פּערזאָ־ניקנ ווערב (אלס א באַזונדער וואָרט), איז ער שטענדיק א טײל פונעם ווערב און פונעם פּרעדיקאַט. און אַשטײגער אינ אַזאַ זאַצ ווי „ער הײבט אָנ די אַרבעט“ דאַרפ מענ כאַראַקטעריזירנ פאַרנ ווערב און פּרעדיקאַט ניט בלויז דעם „הײבט“, נאָר אויכ דעם „אָנ“. וואָרעם דאָ רעדט זיכ ניט וועגנ דעם, אַז „ער“ (דער סוביעקט) „הײבט“ „די אַרבעט“ (דעם אָביעקט), נאָר אַז „ער הײבט אָנ די אַרבעט“. און דאָס איז, פאַרשטײט זיכ, ניט אײנס און דאָס זעלבע.

26. פאָרמעס פונ צאָל, פּערזאָנ און צײַט

פאָרמעס פונ צאָל, פּערזאָנ און צײַט האָט א ווערב אינ ייִדיש מערסטנס אַזעלכע:

צאָל	צײַט / פּערזאָנ	קעגנוואַרט	פאַרגאַנגענהײט: געװײנטלעכע	פאַרגאַנגענהײט: פילמאָליקע	צוקונפט
אײנצאָל	ערשטע (איכ) צווײטע (דו) דריטע (ער, זי, עס, מע)	שרײַב שרײַבסט שרײַבט	האָב געשריבנ האָסט „ האָט „	פלעג שרײַבנ פלעגסט „ פלעגט „	וועל שרײַבנ וועסט „ וועט „
מערצאָל	ערשטע (מיר) צווײטע (איר) דריטע (זײ)	שרײַבנ שרײַבט שרײַבנ	האָבנ „ האָט „ האָבנ „	פלעגנ „ פלעגט „ פלעגנ „	וועלנ „ וועט „ וועלנ „

לאָמיר איצט גענויער פאַנאַנדערקלײַבנ די ערשט אָנגעוויזענע פאָרמעס פונעם ווערב.

ערשטנס, זעענ מיר דאָ פּערזאָנ-פאָרמעס: די פאָרמע פונ דער ערשטער פּערזאָנ ווײַזט א טוּונג, וואָס עס טוט דער רײדער זעלבסט (איכ שרײַב–מיר שרײַבנ, איכ האָב געשריבנ...). די פאָרמע פונ דער צווײטער פּערזאָנ ווײַזט א טוּונג, וואָס עס טוט דער, צו וועמענ מע ווענדט זיכ (דו שרײַבסט–איר שרײַבט; דו האָסט געשריבנ...). די פאָרמע פונ דער דריטער פּערזאָנ ווײַזט א טוּונג, וואָס עס טוט ניט דער רײדער זעלבסט און ניט דער, צו וועמענ מע ווענדט זיכ (ער, זי, עס, מע שרײַבט—זײ שרײַבנ; ער, זי, עס, מע האָט געשריבנ...).

צווײטנס, זעענ מיר דאָ צאָלפאָרמעס: אינ די ערשטע דרײַ שורעס

האָבנ מיר אזעלכע פאָרמעס, וואָס קומענ געוויינטלעכ באַ א סוביעקט אינ *איינצאָל* (איכ שרײַב—דו שרײַבסט—ער שרײַבט; איכ האָב געשריבנ, דו האָסט געשריבנ...). אינ די לעצטע דרײַ שורעס האָבנ מיר אזעלכע פאָרמעס, וואָס קומענ באַ א סוביעקט אינ *מערצאָל* (מיר שרײַבנ—איר שרײַבט—זיי שרײַבנ; מיר האָבנ געשריבנ, איר האָט געשריבנ...). דערבײַ זעענ מיר, אז אָפּהענגיק פונ א א אָדער אנ אנדער פערזאָנ אונ צאָל, האָט דער ווערב (אָדער דאָס הילפוואָרט) אוא אָדער אנ אנדער *פלעקסיע*: די צווייטע פערזאָנ איינצאָל—א פלעקסיע „סט", די דריטע פערזאָנ איינצאָל—א פלעקסיע „ט", די ערשטע אונ די דריטע פערזאָנ מערצאָל—א פלעקסיע „נ", אונ די צווייטע פערזאָנ מערצאָל—א פלעקסיע „ט". אָנ א פלעקסיע איז בלויז די ערשטע פערזאָנ איינצאָל.

דריטנס, זעענ מיר דאָ *צײַטפאָרמעס*. די דאָזיקע צײַטפאָרמעס האָבנ פאָלגנדיקע *באטײַטנ* אונ פאָלגנדיקע *סטרוקטורנ*:

1) *קעגנווארט*—באטײַט א טוונג, וואָס קומט געוויינטלעכ פאָר איינצײַטיק מיט דער מיטיילונג (מיטנ דערציילנ). *קעגנווארט* פונ אנ אקטיוונ ווערב אָנ א צוגאָב ווערט געוויינטלעכ אויסגעפורעמט דורכ א *פערזאָניקנ ווערב* — דורכ א וואָרט, וואָס שטימט מיטנ סוביעקט אינ פערזאָנ אונ אינ צאָל אונ האָט א באשטימטע סיסטעמ פלעקסיעס—די פלעקסיעס „סט, ט, נ" אָדער „ענ"[1].

2) *געווינטלעכע פארגאנגענהײַט*—באטײַט א טוונג, וואָס איז פאָרגעקומענ *פאר* דער מיטיילונג. *געווינטלעכע פארגאנגענהײַט* פונ אנ אקטיוונ ווערב ווערט געוויינטלעכ אויסגעפורעמט דורכ צוויי ווערטער—דורכ א פערזאָניקנ *הילפווערב* (א פערזאָניקער ווערב א הילפוואָרט) „האָב, האָסט, האָט, האָבנ" אָדער „בינ, ביסט, איז, זײַנענ, זײַט" אונ דורכ א *פארטיציפ*, וואָס ווײַזט די טוונג.

3) *פילמאָליקע פארגאנגענהײַט*—באטײַט א טוונג, וואָס איז פאָרגעקומענ מיט א צײַט צוריק אונ פיל מאָל. *פילמאָליקע פארגאנגענהײַט* פונ אנ אקטיוונ ווערב ווערט געוויינטלעכ אויסגעפורעמט דורכ צוויי ווערטער—דורכ א *פערזאָנ* קנ *הילפווערב* „פלעג, פלעגסט, פלעגט, פלעגנ" אונ דורכ אנ *אינפיניטיוו*, וואָס ווײַזט די טוונג.

4) *צוקונפט*—באטײַט א טוונג, וואָס וועט פאָרקומענ *נאָכ* דער מיטיילונג. *צוקונפט* פונ אנ אקטיוונ ווערב ווערט געוויינטלעכ אויסגעפורעמט דורכ צוויי ווערטער—דורכ א *פערזאָניקנ הילפווערב* „וועל, וועסט, וועט, וועלנ" אונ דורכ אנ *אינפיניטיוו*, וואָס ווײַזט די טוונג.

אָנמערקונג 1: צוליב בילדערישקײַט קאָנ אמאָל די צווייטע פערזאָנ,

---

[1] וועגנ די דאָזיקע פלעקסיעס וועלנ אינעמ קאפיטל „פערזאָניקער ווערב" זײַנ בענויערע דערקלערונגענ.

צו העלפער מע ווענדט זיכ מיט רייד, זײַנ דער ריידער זעלבסט. דאָס איז דאנ, ווענ מע רעדט צו זיכ אליינ. אשטייגער: אונ אינווייניק בא זיכ טראכט איכ מיר: „טעוויע, דו לײַגסט! פאָרסטו אוועק קיינ ערעציזראָעל, איז אָלעוואשאָלעמ—אויס טעוויע“ (שאָלעמ-אלייכעמ).

אָנמערקונג 2: די צווייטע פערזאָנ קאָנ אמאָל מיינענ ניט דאפקע א צווייטע פערזאָנ, נאָר יעדנ איינעמ. אשטייגער: האָסטו אראָפגענומענ באַ־צײַטנס[1] — האָסטו אויסגעשפּילט. האָסטו פארשפּעטיקט אינעמ אראָפּנעמ — האָסטו פארשפּילט (סטאלינ).

אָנמערקונג 3: צוליב העפלעכקײַט (קאָוועד, אָפּשײַ) קומט אמאָל אי דער סוביעקט אי דער פּרעדיקאט דער ווערב אינ מערצאָל, כאָטש פּאַקטיש רעדט זיכ וועגנ א פּערזאָנ אינ איינצאָל. אשטייגער: 1) כאווער, איר שרײַבט ניט קלאָר; 2) יונגערמאנ, איר האָט ניט ריכטיק דורכגעלייעט[2].

אָנמערקונג 4: עס זײַנענ פאראנ ווערבנ, וואָס קומענ נאָר אינ דריטער פּערזאָנ איינצאָל, אָבער אפ קיינ פּערזאָנ ווײַזנ זיי ניט אָנ. אשטייגער: עס רעגנט, עס בליצט, עס דונערט, עס בלאַנקט, עס טאָגט. בא אייניקע פונ אזעלכע ווערבנ קאָנ קומענ א פּערזאָנ, אָבער די פּערזאָנ איז ניט קיינ סוביעקט, נאָר אנ אָביעקט. אשטייגער: עס עקלט מיר, עס דאכט זיכ מיר, עס חאָלעמט זיכ מיר (דאָס זײַנענ דעריקער ווערבנ, וואָס ווײַזנ אפ א געוויסער נאטור-דער־שײַנונג אָדער אפ א געוויסנ צושטאנד פונ א מענטשנ).

אָנמערקונג 5: קעגנוואַרט קאָנ באשטייננ ניט נאָר פונ א פּעריאָניקנ ווערב. ווי אלע אנדערע צײַטפאָרמעס קאָנ אויכ קעגנוואַרט אנטהאלטנ א צוגאָב, א הילפ־וואָרט „זיכ“ אונ נאָכ אנדערע. אשטייגער: איכ שרײַב אויס, איכ שרײַב זיכ אויס.

אָנמערקונג 6: קעגנוואַרט באטײַט ביכלאל א טוונג, וואָס קומט פאָר איינצײַטיק מיט דער מיטיילונג, אָדער אָפט, אָדער שטענדיק. אשטייגער:

1. ער גייט אהיימ.
2. ער גייט אפ דער ארבעט צופוס.
3. א מענטש גייט אפ צוויי פיס.

אינעמ ערשטנ פאל באטײַט די קעגנוואַרט א טוונג, וואָס קומט פאָר בעשאס דער מיטיילונג; אינעמ צווייטנ פאל באטײַט זי א טוונג, וואָס קומט פאָר אָפט—אי פאר אי נאָכ דער מיטיילונג[3]; אונ אינעמ דריטנ פאל באטײַט

---

1 דאָ רעדט זיכ וועגנ דעמ אראָפּנעמ פונ דער טוווע.

2 צוליב האכנעדיקער (אונטערטעניקער) העפלעכקײַט פלעגט אמאָל קומענ א פּרע־דיקאט א ווערב אינ מערצאָל בא א סוביעקט אינ איינצאָל. אשטייגער:

1. די מאדאמ זײַנענ געגעסנ (שאָלעמ־אלייכעמ).
2. רעב געדאליע זײַנענ איצט אינ אויסלאנד (בערגעלסאָנ).

אינעמ סאָוועטישנ יידיש איז די דאָזיקע דערשײַנונג שוינ אָפּגעשטאָרבנ.

3 אָפטקײַט קאָנענ אמאָל באטײַטנ אנדערע צײַטפאָרמעס אויכ. אשטייגער: ער חעט גייג אפ דער ארבעט צופוס.

זי שוין א טוונג, וואָס קומט שטענדיק פאָר — א מענטש גייט געוויינטלעך אלעמאָל אף צוויי פיס. אָבער קעגנוואָרט קאָן אמאָל באטייטן אויך א טוונג, וואָס איז פאָרגעקומען פאר דער מיטיילונג, ווי אויך א טוונג, וואָס וועט פאָרקומען נאָך דער מיטיילונג. אשטייגער:

1. איך פאָר אָפּ נאָך א ווערסט צוויי. דערזע איך, אינמיטן שליאך גייט גלייך אנטקעגן מיר א מענטש... (שאָלעם-אלייכעם).

2. אינגיכן שיקט מען אים אוועק (שאָלעם-אלייכעם).

דאָ זעען מיר אינעם ערשטן פראגמענט קעסיידער די קעגנוואָרט-פאָרמע, כאָטש די טוונגען, וואָס מע דערציילט וועגן זיי, זיינען שוין פאָרגעקומען. אָבער קעדיי צו מאכן עס לעבעדיקער, בילדערישער, ברענגט דאָ טעוויע דער מילכיקער (שאָלעם-אלייכעמס) די געטאָנענע טוונגען אין קעגנוואָרט — א פאָרמע, וואָס מיר זיינען געוווינט אופצונעמען איר טוונג ווי אזא, וואָס קומט איצט פאָר. ענלעך דערצו איז אויך דער צווייטער פאל: דאָרט האָבן מיר צו טאָן מיט א טוונג, וואָס דארף ערשט פאָרקומען (אינגיכן), אָבער קעדיי צו מאכן א צוקינפטיקע טוונג זיכערער, ברענגט מען זי אין דער קעגנוואָרט-פאָרמע.

אָנמערקונג 7: אין דער געוויינטלעכער פארגאנגענהייט קומט דער פארטיציפּ ביכלאל מיטן פערזאָניקן הילפווערב „האָב, האָסט"... עס זיינען אָבער פאראן אויך אזעלכע פארטיציפּן, וואָס קומען אין דער דאָזיקער פארגאנגענהייט ניט מיטן הילפוואָרט „האָב...", נאָר מיטן הילפוואָרט „בין, ביסט...". אשטייגער: געבליבן, געגאנגען, געהאנגען, געוואָרן, געווען, געזעסן, געלאָפן, געלעגן, געפאלן, געפאָרן, געפלויגן, געקומען, געקראָכן, געשווומען, געשטאנען, געשטאָרבן, געשלאָפן, געשען, געשפרונגען, דערשינען, פארפאָרן, פארשוואונדן אא.[1]

די ערשט פאנאנדערגעקליבענע סטרוקטורן פון צייטפאָרמעס האָבן ניט שטענדיק געהאט זייער איצטיקן באטייט. אשטייגער די סטרוקטור הילפווערב „האָבן" + פארטיציפּ האָט אמאָל באטייט ניט פארגאנגענהייט, נאָר עפּעס אנדערש. אשטייגער אין אזא זאץ ווי „ער האָט די ארבעט פארענדיקט" איז דאָס וואָרט „האָט" אמאָל געווען ניט קיין הילפווערב, נאָר א זעלבשטענדיקער ווערב אין קעגנוואָרט; און דאָס וואָרט „פארענדיקט" האָט באטייט דעם צושטאנד פון „דער ארבעט". „ער האָט די ארבעט פארענדיקט" האָט אף אזא אופן באטייט לערעך דאָס זעלבע, וואָס „ער האָט די ארבעט אלס א פארענדיקטע".

פון דער צווייטער זייט, איז געווען אויך פארקערט, ווען פארגאנגענהייט האָט געהאט אן אנדערע סטרוקטור אויך; ווען פארגאנגענהייט פלעגט אויסגעפורעמט ווערן ניט דאפקע מיט דער הילף פון הילפווערטער, נאָר מיט א קלאנגענבייט אינעם וואָרצל פונעם ווערב. אזעלכע פארגאנגענהייט-פאָרמעס קאָן מען נאָך אויך איצט טרעפן אין א ריי אלטע ליטערארישע ווערק. באזונדערס איז עס פיל פאָרגעשטעלט אין דער עלטערער רעליגיעזער ליטעראטור — אין דער ליטעראטור, ווו שפּראכאלטווארג ווערט אמשטארקסטן קאָנסערווירט. אשטייגער:

אונ' דיא פלשתים (פלישטים) ביגריפן אין אונ' זיא שטאכן אים זייני אויגן אויש אונ' זיא בראכטן אין הין אב קען עזה (אזאַ) אונ' זיא בונדן

---

1 די אלע פארטיציפּן, וואָס קומען מיט „בין", זיינען מערסטנס אלץ אזוינע, וואָס באטייטן א צושטאנד אָדער א באוועגונג.

אין מיט צחייא קיפפירני קיטין אונ׳ ער וואר מאליך אין אין דעם הויז כון דעם גיפענקניס [1].

אינעם איצטיקנ ייִדיש הייסט עס לעערעכ אזוי: אונ די פלישטים האָבנ אים אָנגעגריפּט (אָנגעהאלטנ, אָנגענומענ), אונ זיי האָבנ אים אויסגעשטאָכנ זײַנע אויגנ, אונ זיי האָבנ אים אראָפּגעבראכט קיינ אזאָ, אונ זיי האָבנ אים געבונדנ מיט צוויי קופּערנע קייטנ, אונ ער איז געוואָרנ א מילנער (האָט געמוזט מאָלנ) אינ דעם הויז פונ געפענקעניש.

27. זעלטענערע צײַטפאָרמעס — פריִערדיקע טוּונגענ

אויסער די פריִער אָנגעוויזענע צײַטפאָרמעס, וואָס זײַנענ פאראנ אינ אַלע דיאַלעקטנ, האָט א ווערב אינ ייִדיש נאָכ צוויי צײַטפאָרמעס, וואָס קומענ פיל זעלטענער פונ די פאָריקע פיר אונ ניט אינ אַלע דיאַלעקטנ. דאָס זײַנענ פאָלגנדיקע:

פריִערדיקע פארגאנגענהייט	פריִערדיקע צוקונפט
האָב געהאַט געשריבנ	וועל האָבנ געשריבנ
האָסט „ „	וועסט „ „
האָט „ „	וועט „ „
האָבנ „ „	וועלנ „ „
האָט „ „	וועט „ „
האָבנ „ „	וועלנ „ „

פריִערדיקע פארגאנגענהײַט פונ אנ אקטיוונ ווערב ווערט געוויינטלעכ אויסגעפורעמט דורכ דרײַ ווערטער: געוויינטלעכ דורכ א פערזאָניקנ הילפווערב „האָב, האָכט, האָט“ אָדער „האָבנ“ + א באהילפיקער פארטיציפּ „געהאט“ + א פּארטיציפּ, וואָס ווײַזט די טוּונג. די פריִערדיקע פארגאנגענהײַט ווײַזט א טוּונג, וואָס איז פאָרגעקומענ פריִער פונ א צווייטער פארגאנגענער טוּונג. אשטייגער:

וועג איכ בינ געקומענ, האָט ער געהאט אײַנגעשפּאנט דאָס פערד.

דאָ רעדט זיכ וועגנ צוויי טוּונגענ, וואָס זײַנענ שוינ פאָרגעקומענ. איינע האָט א פאָרמע פונ געוויינטלעכער פארגאנגענהײַט (בינ געקומענ), אונ די צווייטע — פונ פריִערדיקער פארגאנגענהײַט (האָט געהאט אײַנגעשפּאנט). דאָס הייסט, אז דאָס אײַנשפּאנענ איז פאָרגעקומענ פריִער פונעם קומענ. פארגלײַכט אשטייגער מיט „וועג איכ בינ געקומענ, האָט ער אײַנגעשפּאנט דאָס פערד“. דאָ איז שוינ דאָס אײַנשפּאנענ ניט פריִער פונעם קומענ, נאָר שפּעטער.

פריִערדיקע צוקונפט פונ אנ אקטיוונ ווערב ווערט געוויינטלעכ

[1] פונ וויצנהויזנס טאנאכ-(ביבל-) איבערזעצונג. דערשינענ אינ 1677.

אויך אויסגעפורעמט דורך דריי ווערטער: דורך א פּערזאָניקן הילפוורב „וועל, וועסט, וועט" אָדער „וועלן" + א באַהילפיקער אינפיניטיוו „האָבן" + א פּאַרטיציפּ, וואָס ווייזט די טוונג. די פריערדיקע צוקונפט ווייזט א טוונג, וואָס וועט פּאָרקומען פריער פון א צווייטער קומענדיקער טוונג. אשטייגער:

וועל איך וועל קומען, וועט ער האָבן איינגעשפּאַנט דאָס פערד.

דאָ רעדט זיך וועגן צוויי טוונגען, וואָס וועלן ערשט פּאָרקומען. איינע האָט א פאָרמע פון צוקונפט ביכלאַל (וועל קומען), און די צווייטע — פון פריערדיקער צוקונפט (וועט האָבן איינגעשפּאַנט), דאָס הייסט, אז דאָס איינשפּאַנען וועט פּאָרקומען פריער פונעם קומען. פאַרגלייכט אשטייגער מיט „ווען איך וועל קומען, וועט ער איינשפּאַנען דאָס פערד". דאָ וועט שוין דאָס איינשפּאַנען זיין ניט פריער פונעם קומען, נאָר שפּעטער.

אָנמערקונג 1: די פּאַרטיציפּן, וואָס קומען אין דער געוויינטלעכער פאַרגאַנגענהייט מיטן הילפוורב „בין, ביסט...", קומען אָפּט אויך אין דער פריערדיקער פאַרגאַנגענהייט מיטן דאָזיקן הילפוורב. אשטייגער: בין געווען געבליבן, בין געווען געלעגן... און ניט: האָב געהאַט געבליבן...

אָנמערקונג 2: די פריערדיקע פאַרגאַנגענהייט קאָן אַמאָל באַטייטן ביכלאַל א לאַנגאָניקע טוונג. אשטייגער: דער ווינטער האָט זיך שוין געהאַט געשטעלט.

סכעמאַטיש קאָן מען די ערשט אָנגעוויזענע און די פריערדיקע סטרוקטורן פון די צייטפאָרמעס פון אן אקטיוון ווערב אזוי פאָרשטעלן:

קעגנוואָרט	פאַרגאַנגענהייט			צוקונפט	
	געוויינטלעכע	פילמאָליקע	פריערדיקע	געוויינטלעכע	פריערדיקע
פּערזאָניקער ווערב (מיט אָדער אָן א צוגאָב)	„האָב"... אָדער „בין"... + פּאַרטיציפּ	„פלעג"... + אינפיניטיוו	„האָב... געהאַט" + פּאַרטיציפּ	„וועל"... + אינפיניטיוו	„וועל... האָבן" + פּאַרטיציפּ

אָנמערקונג: דאָ זיינען געגעבן די סטרוקטורן פון אן אקטיוון ווערב — פון א ווערב, וואָס ווייזט, וואָס דער סוביעקט טוט איבער עמעצן אָדער איבער עפּעס. ווען אָבער דער ווערב איז א פּאַסיווער, ווען ער ווייזט א טוונג, וואָס עמעצער טוט איבערן סוביעקט, — זיינען די סטרוקטורן, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, גאָר אנדערע.

28. זעלבשטענדיקע און באַהילפיקע ווערבן

ווערבן זײַנען דאָ **זעלבשטענדיקע** און **באַהילפיקע**. די זעלבשטענדיקע ווערבן ווײַזן א טוונג. די באַהילפיקע ווערבן ווײַזן ניט קיין טוונג, נאָר העלפן אויסבילדן די אָדער יענע פאָרמעס פון צײַט, פאַקטישקײַט, פאסיווקײַט אָדער אנדערע מאָמענטן. (וועגן וועלכע מיר וועלן ריידן א ביסל שפעטער).

די הילפווערבן, ווי מיר האָבן עס שוין געזען, קאָנען ביכלאל האָבן די זעלבע **פאָרמעס**, וואָס די זעלבשטענדיקע: זיי קאָנען זײַן **פערזאָניקע** ווערבן, **פארטיציפן**, **אינפיניטיוון** און אנדערע. אשטייגער: ער האָט אײַנגעשפאנט, ער האָט **געהאט** אײַנגעשפאנט, ער וועט **האָבן** אײַנגעשפאנט. אָבער אייניקע הילפווערבן קומען בלויז אלס פערזאָניקע. דאָס זײַנען די ווערבן „פלעג, פלעגסט... וועל, וועסט... וואָלט, וואָלסט...“[1].

אייניקע ווערבן זײַנען אין איין פאל **זעלבשטענדיקע** און אין א צווייטן פאל **באַהילפיקע**. אשטייגער:

איך **האָב** א פאָרטראָג.	איך **האָב** געלייענט א פאָרטראָג.
איך **בין** איצט אין אוניווערסיטעט.	איך **בין** געזעסן אין אוניווערסיטעט.

רעכטס זײַנען די פערזאָניקע ווערבן זעלבשטענדיקע, לינקס זײַנען זיי באַהילפיקע.

אָנמערקונג 1: עס זײַנען פאראן שפראכן (רוסיש אשטייגער און אנדערע), וווּ זפ אויסצודריקן א זא אָדער אן אנדער צײַט (און אנדערע מאָמענטן) קיכט מען אָפט אָן ניט צו הילפווערבן און ניט צו הילפווערטער ביכלאל, נאָר צו **פרעפיקסן** און **סופיקסן** אָדער צום **קלאנגענבײַט** אינעם וואָרצל. אשטייגער: Он записал, он записывал, он запишет.

אָנמערקונג 2: באַם אנאליזירן א זאץ דארף מען צום ווערב און צום פרעדיקאט פארעכענען אויך דעם הילפווערב. אשטייגער אינעם זאץ „ער האָט געשריבן“ איז דער ווערב און פרעדיקאט ניט בלויז דער פארטיציפ „געשריבן“, נאָר אויך דער פערזאָניקער הילפווערב „האָט“.

די פערזאָניקע הילפווערבן פאראייניקט מען אָפט מיטן סוביעקט. מע זאָגט אשטייגער אזוי: „**מירן** (מיר וועלן) באַקומען ארבעט“. דאָס דארף מען אין אזעלכע פאלן ווי דאָ ניט טאָן, ווײַל מע קאָן דאָ ניט וויסן, צי דאָס וואָרט „מירן“ באַטײַט א פאראייניקונג פון „מיר האָבן“ צי פון „מיר וועלן“. דאָס הייסט אָבער ניט, אז אזא וואָרט ווי „מירן“ קאָן ביכלאל ניט זײַן.

---

1 אין אייניקע ערטער איז פאראן אויך א זעלבשטענדיקער ווערב „פלעג“, אָבער מיט גאָר אן אנדער באַטײַט. אשטייגער: מע דארף אים **פלעגן** (גוט האָדעווען, גוט געבן עסן). און ס'איז פאראן אויך א זעלבשטענדיקער ווערב „וועלן“ — אן אינפיניטיוו. אשטייגער: זיי וועלן ניט **וועלן** גיין.

אינ דעמ זאצ „מירנ באלד קומענ“ קאָנ „מירנ“ זײַנ א גאנצ צוגעפאסט חאָרט. װײַל ס'איז קלאָר, אז ס'איז א פארײניקונג פונעמ סוביעקט „מיר“ מיטנ הילפװערב „װעלנ“ אונ ניט מיט קײנ אנדערנ. ס'איז אויכ אָפט גע־זעצלעכ אזא פארײניקונג פונעמ סוביעקט „דו“ מיטנ הילפװערב „װעסט“ (דו + װעסט = דוסט) אונ פונעמ סוביעקט „איכ“ מיט „װעל“ (איכ + װעל = איכל). מע דארפ אָבער פאר קײנ פאל ניט זאָגנ „איכל“ אָנשטאָט „איכ האָב“, װי מע טוט אינ אײניקע ערטער (איכל געזאָגט, איכל געװענ)[1].

װענ אינ זאצ זײַנענ פאראנ עטלעכע פארטיציפנ אָדער עטלעכע אינפיני־טיװנ, װאָס װײַזנ די טוונג פונ אײנעמ אונ דעמ זעלבנ סוביעקט, קומענ זײ מערסטנס מיט אײנ הילפװערב. אשטײגער:

1. ער האָט געביסנ די נעגל אונ פאמעלעכ אװעקגעשפאנט פונעמ װאָקזאל (בערגעלסאָנ).
2. אזא ליטעראטור װעלנ פאר זײ שאפנ אונ באשאפנ די דאָר־טיקע שרײַבער (ליטװאקאָװ).

דאָ איז פארשפּאָרט אינעמ ערשטנ פאל א „האָט“ אונ אינעמ צװײטנ פאל א „װעלנ“. אזא פארשפּאָרונג פונ א הילפװערב קאָנ אָפט פאָרקומענ אויכ דאַנ, װענ עס קומענ פארטיציפנ, װאָס געװײנטלעכ האָבנ זײ פארשײדענע הילפװערבנ — די הילפװערבנ „זײַנ“ אונ „האָבנ“. אשטײגער: דער סטאָליער איז געשטאנענ אונ געקאָכטנ די שאפע (שאָלעמ-אלײכעמ) — אָנשטאָט „איז געשטאנענ אונ האָט געמאָסטנ...“.

29. פערזאָניקער װערב

קעגנװארט װערט געװײנטלעכ אויסגעפורעמט דורכ א פערזאָניקנ װערב. אונ דאָכ דארפ מענ די דאָזיקע צװײ דערשײַנונגענ ניט מישנ. ערשטנס דער־פאר, װאָס א פערזאָניקער װערב קאָנ זײַנ א באהילפיקער אונ דאנ קאָנ ער קומענ צוזאמענ מיט אנ אינפיניטיװ, מיט א פארטיציפ אָדער מיט נאָכ אנדערע פאָרמעס, קעדײ צו װײַזנ ניט קעגנװארט אויכ. אשטײגער: איכ װעל שרײַבנ, איכ האָב געשריבנ. צװײטנס דערפאר, װאָס קעגנװארט קאָנ אויסערנ פערזאָניקנ װערב אָפט אנטהאלטנ א צוגאָב, א הילפװאָרט „זיכ“ אונ נאָכ אנדערע. אשטײגער: איכ שרײַב אויס, איכ שרײַב זיכ אויס.

דער פערזאָניקער װערב האָט, װי ס'איז שוינ געװענ אָנגעװיזנ, א סטאנ־דארטע סיסטעמ פלעקסיעס — געװײנטלעכ אזעלכע:

---

1 מע דארפ אויכ ניט פארײניקנ דעמ פערזאָניקנ װערב מיטנ װאָרט „אימ“ אונ ניט זאָגנ אשטײגער „מע האָטנ (האָט אימ) דאָרט אָנגענומענ“ (פערעצ); אָדער: „עס פארדריסטנ (פארדריסט אימ) א ביסל“ (פערעצ).

1) אינ דער צווייטער פערזאָנ איינצאָל — „סט״: (דו) שרײַבסט;

2) אינ דער דריטער פערזאָנ איינצאָל אונ אינ דער צווייטער פערזאָנ מערצאָל — „ט״: (ער, זי, עס, מע; איר) שרײַבט;

3) אינ דער ערשטער אונ אינ דער דריטער פערזאָנ מערצאָל „נ״ אָדער „ענ״: (מיר, זיי) שרײַבנ, לייענע.

אינ דער ערשטער פערזאָנ איינצאָל איז ניטאָ קיינ פלעקסיע. די אָפּהענגיקײַט פונעמ דאָזיקנ פערזאָניקנ ווערב (זײַנ אָפּהענגיקײַט פונעמ וואָרט „איכ״) ווערט ניט אויסגעדריקט דורכ א ספּעציעלער פלעקסיע. דעריבער רופט מענ טאקע דעמ פערזאָניקנ ווערב ערשטע פערזאָנ איינצאָל — נולפאָרמע, דאָס הייסט, א פאָרמע, וואָס האָט ניט קיינ ספּעציעלע פלעקסיע [1]. די דאָזיקע פאָרמע דערקענט מענ געוויינטלעכ לויט דעמ, וואָס זי קומט באמ סוביעקט „איכ״.

אָנמערקונג: אָבער א סופיקס קאָנ בא דער נולפאָרמע, פונקט ווי בא אלע אנדערע ווערבפאָרמעס, גראָד זײַנ. אשטייגער: איכ רייניק, לופטער, רעמאָנטיר אאוו.

דער פערזאָניקער ווערב 2-טע פערזאָנ איינצאָל (באמ סוביעקט „דו״) קומט קימאט שטענדיק מיט דער פלעקסיע „סט״. אשטייגער:

דו שרײַבסט הייצסט פוצסט וואשסט ווינטשסט.

אויב די נולפאָרמע פונעמ פערזאָניקנ ווערב (בא „איכ״) ענדיקט זיכ מיט א „ז״ (ווײַז, בלאָז), קומט אזא ווערב בלויז מיט דער פלעקסיע „ט״ אויכ אינ דער 2-טער פערזאָנ איינצאָל. אונ לויט די געזעצנ פונ אסימיליאציע רעדט זיכ דער „ז״ ארויס ווי א „ס״. אשטייגער: דו ווײַזט, דו בלאָזט.

ווענ דער סוביעקט „דו״ קומט נאָכנ פערזאָניקנ ווערב, שרײַבט מענ זיי געוויינטלעכ צוזאמענ, אונ דער „ד״ פונ „דו״ פאלט ארויס. אשטייגער:

1. אונ ווענ קומסטו (קומסט + דו) אהער?

2. וואָס רעדסטו (רעדסט + דו) אזוי לאנג?

דער פערזאָניקער ווערב 3-טע פערזאָנ איינצאָל (באמ סוביעקט „ער, זי, עס, מע״...) אונ 2-טע פערזאָנ מערצאָל (באמ סוביעקט „איר״) קומט מיט דער פלעקסיע „ט״. אשטייגער: ער (איר) שרײַבט, שמידט [2], בינדט, צינדט, שנײַדט. אָבער אינ ריידנ הערט זיכ ניט קיינ „ד״ פארנ „ט״. פארוואָס? [3]

---

1 ווי א נול אינ אריפמעטיק, וואָס ווײַזט, אז אינ דעמ געגעבענעמ אָרט איז ניטאָ קיינ ציפער.

2 ער שמידט. אָבער: ער איז א שמיד, איכ גיי צומ שמיד.

3 מע זאָגט אונ מע שרײַבט: ער (איר) גרייבדעט, בילדעט, מעלדעט, ווענדט (אונ אויכ ווענדעט).

אָבער אויב די נולפאָרמע ענדיקט זיכ מיט א דיפטאָנג, איז די פלעקסיע פונ די דאָזיקע פערזאָנענ אלעמאָל א „ט״ אונ ניט „עט״. דעריבער דארפ זײַנ „בויט, קײַט, לײַט״ אונ ניט „בויעט, קײַעט, לײַעט״, ווי מע זאָגט אינ אייניקע ערטער.

די פערזאָניקע ווערבנ „דארפ, וויל, זאָל, טאָר, טויג, מוז, מעג (מאָג), קאָנ, קענ, קער (געהערט)"—קומענ אינ 3-טער פערזאָנ איינצאָל אָנ א „ט"[1].

די פערזאָניקע ווערבנ „ברויכ[2], געהער, ווייס, פלעג" רעדט מענ אינ פיל פארשיידענע קאנטנ ארויס אינ 3-טער פערזאָנ איינצאָל — אָנ א „ט". אָבער פיל יידנ (אונ עפשער די מערהייט) ריידנ זיי ארויס מיט א „ט", ווי די גרעסטע מערהייט איבעריקע ווערבנ. דעריבער איז קעדיי, אז אלע זאָלנ זיי אָנהייבנ ארויסברענגענ מיט א „ט" אונ אפ אזא אויפנ איינשטעלנ אנ איינהייטלעכקייט — זאָגנ אונ שרייבנ:

ער (זי, עס, מע) ברויכט געהערט ווייסט פלעגט

אויב די פלעקסיע „ט" אָדער „סט" קומט צו צו א פערזאָניקנ ווערב, וואָס ענדיקט זיכ מיט „ט, ס" אָדער „סט" (היט, עס, מעסט), שרייבט מענ עס אזוי:

איכ	היט	האלט	עס	ווייס	מעסט	הוסט
דו	היטסט	האלטסט	עסט	ווייסט	מעסט	הוסט
ער	היט	האלט	עסט	ווייסט	מעסט	הוסט
איר	היט	האלט	עסט	ווייסט	מעכט	הוסט

אינ די ווערטער „וואָלסט" אונ „טראכסט" פאלט פאר דער פלעקסיע „סט" ארויס דער וואָרצלדיקער „ט". אָבער בא אלע אנדערע פערזאָניקע ווערבנ פאלנ פאר דער דאָזיקער פלעקסיע קיינע קלאנגענ אונ אויסיעס ניט ארויס. דעריבער דארפ זיינ: דו רעדסט, באָדסט, בעטסט, ארבעטסט.

דער פערזאָניקער ווערב 1-טע אונ 3-טע פערזאָנ מערצאָל קומט ביכלאל מיט דער פלעקסיע „נ". אינ א ריי פאלנ קומט ניט קיינ פלעקסיע „נ", נאָר „ענ". דאָס פאסירט אינ פאָלגנדיקע פאלנ:

1) ווענ די נולפאָרמע פונ דעם פערזאָניקנ ווערב ענדיקט זיכ מיט אנ אקצענטירטנ וואָקאל אָדער דיפטאָנג:

איכ טו — מיר טוענ איכ זיי — מיר זייענ[3]
" פלי — " פליענ " בוי — " בויענ[4]

2) ווענ זי ענדיקט זיכ מיט „מ" אָדער „נ":

---

1 איינ̇יקע פונ די דאָזיקע ווערבנ קומענ מיט א „ט" אינ דער דריטער פערזאָנ איינצאָל, אויב זיי האָבנ א פרעפיקס. אשטייגער: ער קענ — ער דערקענט. ער מאָג (מעג) — ער פארמאָגט. אָבער: ער דארפ — ער באדארפ.

דער ווערב „וויל" קומט מיט א „ט" אויכ אָנ א פרעפיקס. דאָס איז דאנ, ווענ ער קומט מיט „זיכ". אשטייגער: אימ ווילט זיכ.

2 ברויכ — דארפ, ניצט. דעמ דאָזיקנ ווערב ניצט מענ זעלטענער.

3 מיר זייענ קאָרנ, אָבער: מיר זענענ מיט די אויגנ.

4 ווענ אָבער די נולפאָרמע ענדיקט זיכ מיט אנ אומאקצענטירטנ וואָקאל, איז די פלעקסיע אינ אזעלכע פאלנ בלויז „נ" אָדער „ענ". אשטייגער: האָרעווע — האָרעווענ; האָדעווע — האָדעווענ; יארשע — יארשענענ; כאסמע — כאסמענענ.

איך נעם — מיר נעמען   איך מאָן — מיר מאָנען
„ קום — „ קומען   „ מיין — „ מיינען

3) ווען זי ענדיקט זיך מיט „נג" אָדער „נק":

איך זינג — מיר זינגען   איך טרינק — מיר טרינקען
„ ברענג— „ ברענגען   „ שענק — „ שענקען

4) ווען זי ענדיקט זיך מיט א טראַפיקן „ל" — מיט א „ל", וואָס פאַר אים איז פאַראַן א קאָנסאָנאַנט:

איך האַנדל — מיר האַנדלען   איך טרייסל — מיר טרייסלען
„ טומל — „ טומלען   „ וויקל — „ וויקלען

אויב די נולפאָרמע פון דעם פּערזאָניקן ווערב ענדיקט זיך מיט א טראַפיקן „נ" — מיט א „נ", וואָס פאַר אים איז פאַראַן א קאָנסאָנאַנט, ווערט אַן „ע" אַריינקומען אי פאַר דעם דאָזיקן „נ" אי פאַר דער פּרעקסיע „נ". אשטייגער:

עפן — עפענען   לייקן — לייקענען   צייכן — צייכענען
רעכן — רעכענען   טריקן — טריקענען   כעזשבן — כעזשבענען
אָבער לערן — לערנען.

די פּערזאָניקע ווערבן „בין, גיב, האָב, רייד" און דער הילפוווערב „וועל" בייגן זיך אַזוי:

בין	גיב	האָב	רייד (רעד)	וועל
ביסט	גיסט	האָסט	רעדסט	וועסט
איז	גיט	האָט	רעדט	וועט
זיינען (זענען)	גיבן	האָבן	ריידן (רעדן)	וועלן
זייט (זענט)	גיט	האָט	רעדט	וועט
זיינען (זענען)	גיבן [1]	האָבן	ריידן (רעדן)	וועלן

30. אינפיניטיוו

דער אינפיניטיוו און די ערשטע און דריטע פּערזאָן מערצאָל פונעם פּערזאָניקן ווערב זיינען געוויינטלעך ענלעך. דעריבער קאָן איינס און דאָס זעלבע וואָרט אין איין פאַל זיין א פּערזאָניקער ווערב (קעגנוואָרט) און אין א צווייטן אַן אינפיניטיוו. אשטייגער:

1. מיר זייען קאָרן.

2. מיר פאָרן זייען קאָרן.

1 א פּערזאָניקער ווערב איז „גיבן" און אַן אינפיניטיוו איז „געבן": אשטייגער: מיר גיבן — מיר וועלן געבן, מיר פּלעגן געבן, מיר קאָנען געבן.

3. מיר קאָנען פאָרנ זייענ קאָרנ.

דאָס וואָרט „זייענ" איז אינעמ ערשטנ זאצ א פערזאָניקער ווערב (קעגנ־וואַרט), אונ אינעמ צווייטנ אונ דריטנ איז עס שוינ ניט קיינ פערזאָניקער ווערב, נאָר אנ אינפיניטיוו. אונ אזוי איז עס אויכ מיטנ וואָרט „פאָרנ": אינעמ צווייטנ זאצ איז עס א פערזאָניקער ווערב (קעגנווארט) אונ אינעמ דריטנ זאצ אנ אינפיניטיוו. אונ דאָס וואָרט „קאָנענ", וואָס איז אינעמ דריטנ זאצ א פערזאָניקער ווערב (קעגנווארט), קאָנ אינ אנ אנדער פאל ווערנ אויכ אויס פערזאָניקער ווערב אונ זײַנ אנ אינפיניטיוו. אשטייגער: מיר וועלנ קאָנענ פאָרנ.

אזוי איז עס קימאט מיט אלע אינפיניטיוונ אונ קימאט מיט אלע פערזאָניקע ווערבנ פונ דער ערשטער אונ דריטער פערזאָנ מערצאָל. ניט ענלעכ זײַנענ בלויז פאָלגנדיקע נײַנ:

פערזאָניקע ווערבנ	אינפיניטיוונ
1. מיר (זיי) גיבנ	1. מיר (זיי) וועלנ (פלעגנ) געבנ
2. „ „ ווייסנ	2. „ „ „ „ וויסנ
3. „ „ ווילנ	3. „ „ „ „ וועלנ
4. „ „ גייענ	4. „ „ „ „ גיינ
5. „ „ שטייענ	5. „ „ „ „ שטיינ
6. „ „ טוענ	6. „ „ „ „ טאָנ (טונ)
7. „ „ זעענ	7. „ „ „ „ זענ
8. „ געשעענ	8. „ „ „ געשענ
9. „ „ זײַנענ (זענענ)	9. „ „ „ „ זײַנ

אזוי וועט אויכ זײַנ, ווענ די דאָזיקע נײַנ פערזאָניקע ווערבנ אונ אינ־פיניטיוונ וועלנ קומענ מיט פרעפיקסנ (אָדער צוגאָבנ). אשטייגער:

פערזאָניקע ווערבנ	אינפיניטיוונ
1. זיי גיבנ, פארגיבנ, צעגיבנ, דערגיבנ...	1. זיי וועלנ געבנ, פארגעבנ, צעגעבנ, דערגעבנ...
2. זיי גייענ, פארגייענ, צעגייענ, דערגייענ...	2. זיי וועלנ גיינ, פארגיינ, צע־גיינ, דערגיינ...
3. זיי שטייענ, פארשטייענ, אנט־שטייענ, באשטייענ...	3. זיי וועלנ שטיינ, פארשטיינ, אנטשטיינ, באשטיינ...

אָנמערקונג: אויסער די פריִער אָנגעוויזענע נײַנ פאלנ זײַנענ דער אינ־פיניטיוו אונ די ערשטע אונ דריטע פערזאָנ מערצאָל פונעמ פערזאָניקנ ווערב ניט ענלעכ אויכ דאנ, ווענ זיי זײַנענ מיט א **צוגאָב**. באמ אינפיני־טיוו וועט דער צוגאָב זײַנ **פארנ** וואָרצל, אָבער באמ פערזאָניקנ ווערב וועט דער צוגאָב זײַנ **נאָכנ** וואָרצל. אשטייגער: מיר (זיי) וועלנ אָנ־

שרײַבן — מיר (זײ) שרײַבן אָן; מיר (זײ) װעלן אױסשרײַבן — מיר (זײ) שרײַבן אױס.

דער אינפיניטיװ קומט אין יידיש געװײנטלעך אין פאָלגנדיקע פאַלן:

1) ער װעט שרײַבן; ער װעט לײענען...;

2) ער פלעגט שרײַבן; ער פלעגט לײענען...;

3) ער קאָן שרײַבן; ער דארף לײענען; ער האָט אָנגעהױבן צו לױפן...;

4) איך האָב אים הײַנט געזען שרײַבן; איך האָב אים הײַנט גע-הערט רײדן..;

5) שרײַבן האָב איך געשריבן, נאָר ענטפערן ענטפערט מען מיר ניט;

6) רופן צו דער אָרדענונג די שטערער! שלאָגלעריש רעאַלי-זירן די האלװאָע!

7) דער באשלוס צו רעאַליזירן די האלװאָע האָט אלעמען מאָבילי-זירט; ער האָט באקומען דאָס רעכט צו פליען;

8) דאָס שרײַבן האָט אונדז פארמאטערט; מיר װעלן באלד פאר-ענדיקן דאָס שרײַבן; מיר װעלן נאָכן (נאָך דעם) שרײַבן קאָנטראָ-לירן די ארבעט.

אינעם ערשטן פאל קומט דער אינפיניטיװ צוזאמען מיטן פערזאָ-ניקן הילפװערב „װעל, װעסט, װעט, װעלן" צו װײַזן צוקונפט;

אינעם צװײטן פאל קומט דער אינפיניטיװ צוזאמען מיטן פערזאָניקן הילפװערב „פלעג, פלעגסט, פלעגט, פלעגן" צו װײַזן פילמאָליקע פארגאנגענהײַט;

אינעם דריטן פאל קאָן דער אינפיניטיװ קומען בא פארשײדענע װערבן צו באשטימען דעם אינהאלט אָדער דעם צװעק פון דער טוונג. דערבײַ קאָנען די דאָזיקע װערבן זײַן אין אלערלײ צײַטן. אשטײגער: איך קאָן גײן, איך האָב געקאָנט גײן, איך פלעג קאָנען גײן, איך װעל קאָנען גײן...

אינעם פערטן פאל קאָן דער אינפיניטיװ קומען בא פארשײדענע װערבן, קעדײ אָנצורופן א טוונג, װאָס עס טוט ניט דער סוביעקט, נאָר דער אָביעקט.

אינעם פינפטן פאל קאָן דער אינפיניטיװ קומען בא פארשײדענע װערבן, קעדײ איבערצוכאזערן און דערמיט צו פארשטארקן די טוונג, װאָס איז אױסגעדריקט אינעם פרעדיקאט. אין אזעלכע פאלן קומט דער דאָזיקער אינפיניטיװ, דער פארשטארקנדיקער, פארן פערזאָניקן װערב. אשטײגער: הײסן הײסט ער איציק, נאָר רופן רופט מען אים אלטער (שאָלעם-אלײכעם).

אינעם זעקסטן פאל קומט דער אינפיניטיװ אָנצומערקן א טוונג,

וואָס (אַן אומבאַשטימטער) עמעצער דאַרף אָדער זאָל טאָן. אַזאַ אינפיניטיוו קומט אָן אַ פּערזאָניקן ווערב און אָן אַ סוביעקט און פיגורירט מערסטנס אין לאָזונגען, אין אינסטרוקציעס, אין דירעקטיוון. אַזאַ אינפיניטיוו הייסט דירעקטיוויש ער.

אינעם זיבעטן פאַל קומט דער אינפיניטיוו אַלס אַן אַטריבוט, קעדיי צו כאַראַקטעריזירן אַ סוביעקט, אַן אָביעקט אָדער אַן אַנדער זאַצ-גליד אַ סובסטאַנטיוו. דערביי קאָן דער דאָזיקער אַטריבוט דער אינפיניטיוו (ווי יעדער אַנדער אינפיניטיוו) האָבן בײַ זיך אָביעקטן און אַנדערע בײַ-גלידער.

אינעם אַכטן פאַל קומט דער אינפיניטיוו אַלס אַ סוביעקט אָדער אָביעקט (אָדער אַלס אַן אַנדער זאַצגליד). אין אַזעלכע פאַלן קומט ער געוויינטלעך מיט די אַרטיקלען „דאָס, דעם". אַזאַ אינפיניטיוו הייסט סובסטאַנטיווירטער (ער באַקומט אייגנשאַפטן פון אַ סובסטאַנטיוו, ניט פאַרלירנדיק זײַנע אינפיניטיווישע).

אָנמערקונג 1: אין אַזאַ פאַל ווי אין דריטן קאָן מען אַמאָל צווייפלען, צי דער אינפיניטיוו איז אַ טייל פונעם פּרעדיקאַט צי אַן אײַנ-האַלט-באַשטימונג אָדער אַ צוועק-באַשטימונג. אָבער פאַר דער פּראַקטישער שפּראַכאַרבעט איז עס ניט איבעריקס וויכטיק, ווײַל סײַ אַזוי און סײַ אַזוי שרײַבט מען דעם אינפיניטיוו באַזונדער.

אָנמערקונג 2: ווען אַ פאַרשטאַרקנדיקער אינפיניטיוו „זײַן" קומט בײַם פּערזאָניקן ווערב „איז", קאָן אַנשטאָט „זײַן" ווערן „איזן". אַשטייגער:

1. זײַן בין איך אַ קיוזשנער (פּערעץ).
2. איזן איז עס סאַכאַקל אַ שמוציק און פאַררייכערט טעפּל (גאָדינער).

ווען די אינפיניטיוון „וועלן" און „וויסן" קומען אַלס פאַרשטאַרקנדיקע, קאָנען זיי זײַן „וועלן" און „וויסן" אָדער „ווילן" און „ווייסן". אַשטייגער:

1. וועלן (ווילן) וויל ער ניט, נאָר גיין גייט ער.
2. וויסן (ווייסן) ווייסט ער ניט, נאָר ריידן רעדט ער.

דער אינפיניטיוו קומט אָפט מיט אַ „צו", וואָס איז אָן אַן אַקצענט און ווערט געשריבן באַזונדער. אַשטייגער:

1. ער קומט באַלד צו גיין.
2. ער הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין.

דעם דאָזיקן אינפיניטיוויש ן „צו" דאַרף מען ניט צונויפמישן מיטן צוגאָב „צו" (צוגיין אַהיים) און מיטן פּרעפיקס „צע" (צעגיין פון היץ).

ווען דער אינפיניטיוו קומט מיט אַ צוגאָב (אָפּגיין, אויסגיין...), קאָן דער אינפיניטיווישער „צו" אַרײַנקומען צווישן דעם צוגאָב און וואָרצל. אַשטייגער:

1. ער הייבט אָן אָפּצוגיין (צו אָפּגיין).

2. ער הייבט אָן אויסצוגיין (צו אויסגיין).

דער אינפיניטיווישער „צו" קאָן קומען אויך בא אַן אינפיניטיוו, וואָס האָט א צוגאָב „צו". אשטייגער: ער האָט אָנגעהויבן צוצוגיין (אָדער: צו צוגיין).

אָנמערקונג: ווען צו שרײַבן אזא „צו" באזונדער, פאַרן אינפיניטיוו אָדער ווען אַרײַנצוברענגען אים צווישן דעם צוגאָב און דעם וואָרצל פונעם אינפיניטיוו — דאָס איז ניט רעגלאַמענטירט. יעדער איינער טוט אין יעדן פאַל אזוי, ווי עס זאָגט אים אונטער זײַן שפּראַכגעפיל. אין דער ליטעראַטור באַגעגנט מען דעם דאָזיקן „צו" אָפטער אינעם אינפיניטיוו גופא. ניט רעגלאַמענטירט איז אויך, ווען מוז אזא „צו" אומבאַדינגט זײַן און ווען קאָן מען אויסקומען אויך אָן אים. אשטייגער דער זאַץ „אים האָט זיך פאַרוואָלט צו קוקן אפן בילד" קאָן קומען אָנעם „צו" אויך.

31. פאַרטיציפּ

דער פאַרטיציפּ קומט געוויינטלעך מיט די הילפוווערבן „האָבן" אָדער „זײַן" צו ווײַזן די געוויינטלעכע פאַרגאַנגענהײַט. אשטייגער: איך האָב אײַנגעשפּאַנט; איך בין געזעסן. א פאַרטיציפּ קאָן אָבער קומען, ווי מיר האָבן עס שוין געזען, אויך אין אַנדערע צײַטן—אין דער פריערדיקער פאַרגאַנגענהײַט און אין דער פריערדיקער צוקונפט. אשטייגער: איך האָב געהאַט אײַנגעשפּאַנט, איך וועל האָבן אײַנגעשפּאַנט. און עס טרעפט, אז א פאַרטיציפּ קומט אין אַלע צײַטן. דאָס איז אין אזא פאַל, ווען דער ווערב ווײַזט א פּאַסיווע טוונג. אשטייגער: איך ווער פאַרשריבן, איך בין פאַרשריבן געוואָרן, איך וועל פאַרשריבן ווערן אאוו.

דער פאַרטיציפּ שיידט זיך אונטער פונעם אינפיניטיוו און פונעם פּערזאָניקן ווערב מיט עטלעכע גאַנץ בולטע סימאָנים און אייגנשאַפטן. דאָס קאָן מען אמבעסטן זען, בילדנדיק אינפיניטיוון און פאַרטיציפּן פון איינע און די זעלבע ווערבן. אשטייגער:

אינפיניטיוו	פאַרטיציפּ
1. ער וועט לייענען.	1. ער האָט געלייענט.
2. ער וועט שרײַבן.	2. ער האָט געשריבן.
3. ער וועט אַראָפּנעמען.	3. ער האָט אַראָפּגענומען.
4. ער וועט פאַרשרײַבן.	4. ער האָט פאַרשריבן.
5. ער וועט אָרגאַניזירן.	5. ער האָט אָרגאַניזירט.

פאַרגלײַכנדיק די סטרוקטור פון די אינפיניטיוון מיט דער סטרוקטור פון די פאַרטיציפּן, זעען מיר:

1) דער אינפיניטיוו איז א וואָרט, וואָס קומט אָדער קאָן קומען מיטן הילפוווערב „וועל" צו ווײַזן צוקונפט; דער פאַרטיציפּ איז א וואָרט, וואָס

קומט אָדער קאָן קומען מיטן הילפֿווערב „האָבן“ אָדער „זײַן“ צו ווײַזן די גענויינטלעכע פֿארגאנגענהײַט;

2) דער אינפֿיניטיוו ענטפֿערט אפֿ דער פֿראגע „וואָס טאָן?“. דער פֿאר-טיציפּ ענטפֿערט געוויינטלעך אפֿ דער פֿראגע „וואָס געטאָן?“;

3) דער אינפֿיניטיוו קומט מיטן סופֿיקס „(ע)נ“, דער פּארטיציפּ קומט מיטן סופֿיקס „(ע)נ“ אָדער „ט“;

4) דער אינפֿיניטיוו האָט ניט קיין ספּעציעלן פּרעפֿיקס, דער פּארטיציפּ האָט מערסטנס א ספּעציעלן פּרעפֿיקס „גע“;

5) דער פּארטיציפּ שיידט זיך נאָך אָפּט אונטער פֿונעם אינפֿיניטיוו (און פֿון אנדערע ווערבפֿאָרמעס) מיט א קלאַנגענבײַט אינעם וואָרצל. אשטייגער: שרײַבן — געשריבן, זיצן — געזעסן, נעמען — גענומען.

אָנמערקונג 1: א פּרעפֿיקס „גע“ קאָן אמאָל זײַן אויך באם אינפֿי-ניטיוו, אָבער דאָס איז ניט קיין ספּעציעל אינפֿיניטיווישער פּרעפֿיקס. דאָס איז אין אזא פֿאל, ווען דער ווערב ביכלאל האָט דעם דאָזיקן פּרעפֿיקס. אשטייגער: געדענק, געדענקסט, געדענקט, געדענקען.. (פֿונעם אינפֿיניטיוו „דענקען“ און „געדענקען“ בילדעט זיך אן אלציינער פּארטיציפּ „געדענקט“).

אָנמערקונג 2: באם פּארטיציפּ איז ניט פֿאראן קיין פּרעפֿיקס „גע“ אין פֿאָלגנדיקע פֿאלן:

א) ווען דער פּארטיציפּ ווערט געבילדעט פֿון א ווערב, וואָס האָט שוין א פּרעפֿיקס. אשטייגער: באשרײַבן — באשריבן; דערשרײַבן — דערשריבן; פֿאר-שרײַבן — פֿארשריבן;

ב) ווען דער פּארטיציפּ ווערט געבילדעט פֿון א ווערב, וואָס האָט א סופֿיקס „ירן, יזירן, יפֿיצירן“ און וואָס איז אָן א צוגאָב. אשטייגער: קאָנ-טראָלירן — קאָנטראָלירט; אָרגאניזירן — אָרגאניזירט; קלאסיפֿיצירן — קלאסיפֿיצירט. אָבער: דורכקאָנטראָלירן — דורכגעקאָנטראָלירט; אָפּרעטאָנטירן — אָפּגערעמאָנטירט.

אין אלע אנדערע פֿאלן איז באם פּארטיציפּ שטענדיק פֿאראן א פּרעפֿיקס „גע“. אשטייגער: שרײַבן — געשריבן; אָפּשרײַבן — אָפּגעשריבן; אויסשרײַבן — אויסגעשריבן [1].

אָנמערקונג 3: א קלאַנגענבײַט אינעם וואָרצל האָט דער פּארטיציפּ געוויינטלעך דאן, ווען ער קומט מיטן סופֿיקס „(ע)נ“. קומט ער מיטן סופֿיקס „ט“, איז בא אים געוויינטלעך קיין קלאַנגענבײַט ניט פֿאראן. אויסנאמען:

---

1 פֿון „עסן“ איז דער פּארטיציפּ — „געגעסן“; פֿון „צעעסן“ איז — „צעגעסן“. אָבער פֿון „דערעסן“ — בלײַבט „דערעסן“.

אייניקע פּארטיציפּן פֿון ווערבן מיטן סופֿיקס „יר“ קומען מיט „גע“ אויך. אשטייגער: (גע)שטודירט, (גע)שפּאצירט. אָבער קעדיי ארײַנצוטראָגן אן איינהײַטלעכקײַט באם בילדן פּאר-טיציפּן פֿון אזעלכע ווערבן, איז גלײַכער צו ברענגען אויך די דאָזיקע אָנעם „גע“, אין „שפּאצירן“ האָבן מיר א סופֿיקס „יר“, וואָס איז שוין גאנץ לאנג ארײַנגעוואקסן אינעם וואָרצל „שפּאצ“ (רוים).

וועלן — געוואָלט[1], האָבן — געהאַט, ריידן — גערעדט[2], ברענגען — געבראַכט[3], וויסן — געוווּסט.

אָט דאָס זײַנען די וויכטיקסטע סימאָנים, וואָס לויט זיי קאָן מען דערקענען א פּאַרטיציפּ און אים אונטערשיידן פונעם אינפיניטיוו (און פּערזאָניקן ווערב).

ווערבן מיטן וואָקאַל „י" אין וואָרצל האָבן אין פּאַרטיציפּ „ו", אויב דער פּאַרטיציפּ קומט מיטן סופיקס „(ע)נ". אויב דער פּאַרטיציפּ קומט מיטן סופיקס „ט", בלײַבט דער וואָקאַל „י" ביכלאַל ניט געענדערט. אשטייגער:

פּאַרטיציפּן מיט — „(ע)נ"		פּאַרטיציפּן מיט — „ט"	
אינפיניטיוו	פּאַרטיציפּ	אינפיניטיוו	פּאַרטיציפּ
י	ו	י	י
ווינטשן	געווונטשן	שיקן	געשיקט
טרינקען	געטרונקען	וויגן	געוויגט
שפּרינגען	געשפּרונגען	בריִען	געבריט
אָפּדינגען	אָפּגעדונגען	שטימען	געשטימט
פאַרקלינגען	פאַרקלונגען	טריקענען	געטריקנט

אָנמערקונג 1: א ריי פּאַרטיציפּן קאָנען קומען אי מיטן סופיקס „(ע)נ" אי מיט „ט". קומען זיי מיט „ט", איז בא זיי קיין קלאַנגענבײַט ניטאָ. אשטייגער: שפּינען — געשפּונען, געשפּינט; הינקען — געהונקען, געהינקט; צווינגען — געצוווּנגען, געצווינגט.

אָנמערקונג 2: בא ווערבן מיטן וואָקאַל „ו" אין וואָרצל קומט אין פּאַרטיציפּ קיין קלאַנגענבײַט ניט פאָר. אשטייגער: דרוקן (ביכער) — געדרוקט ברומען — געברומט; קומען — געקומען.

פון „וויסן" (פּערזאָניקער ווערב „ווייסן") איז דער פּאַרטיציפּ „געוווּסט". אזוי איז אויך, ווען עס קומט מיט א פּרעפיקס. אשטייגער: באַוווּסט, דערוווּסט. אָבער „דערוויסן" מיטן באַטײַט פון „געטראָפן" (דערוויסט אין שטוב)— איז מיט „י".

דער ווערב „געבן" (פּערזאָניקער ווערב „גיבן") איז אין פּאַרטיציפּ אַלעמאָל מיט „ע" (אין וואָרצל): געגעבן, צעגעבן, פאַרגעבן, צוגעגעבן, אויסגעגעבן...

דער ווערב „נעמ" איז אין פּאַרטיציפּ אַלעמאָל מיט „ו" (אין וואָרצל): גענומען, פאַרנומען, צענומען, דערנומען, צוגענומען...

ווערבן מיטן דיפטאָנג „יי" (אין וואָרצל) האָבן אין פּאַרטיציפּ ניט „יי",

1 א וואָרט „געוועלט" איז אויך דאָ, נאָר מיט גאָר אן אנדער באַטײַט: געוועלט מילב (געקאָכט, געבריט). „געוועלט" אינעם באַטײַט פון „געוואָלט" דאַרף מען ניט ניצן.

2 ס'איז דאָ אן אינפיניטיוו „רעדן" אויך.

3 ס'איז דאָ א פּאַרטיציפּ „געברענגט" אויך.

נאָר „רי״ נאָר דאַן, ווען דער פּאַרטיציפּ קומט מיטן סופיקס „נ״. אשטיי־גער: מיר וועלן הייבן, דערהייבן — מיר האָבן געהויבן, דערהויבן; מיר פלעגן בייגן, פאַרבייגן — מיר האָבן געבויגן, פאַרבויגן (אָדער פאַרבייגט).

ווען א פּאַרטיציפּ ווערט געבילדעט פון א ווערב, וואָס זיין נולפאָרמע ענדיקט זיך מיט א „ט״, קומט ניט קיין סופיקס „ט״ באַם פּאַרטיציפּ. אשטייגער: היט — געהיט, טראַכט — געטראַכט. ווען אָבער א פּאַרטיציפּ ווערט געבילדעט פון א ווערב, וואָס זיין נולפאָרמע ענדיקט זיך מיט א „ד״, קומט באַם פּאַרטיציפּ דער סופיקס „ט״, און אין ריידן פאַרטויבט דער דאָזיקער סופיקס דעם הילכיקן וואָרצלדיקן „ד״. אשטייגער: שמידט — געשמידט, בלענד — געבלענדט, ווענד (זיך) — געווענדט (זיך)[1].

א פּאַרטיציפּ קאָן קומען ניט נאָר צו ווייזן א ט ו ו נ ג, נאָר אויך א צ ו ש ט א נ ד און קאָן זיין ניט דאַפקע א פּרעדיקאַט, נאָר אויך א בייגליד. אשטייגער:

1. ער האָט אָ נ ג ע ש ט ר ע נ ג ט אַלע קויכעס.
2. ער רעדט היינט זייער אָ נ ג ע ש ט ר ע נ ג ט.

דער ערשטער „אָנגעשטרענגט״ איז דאָ א פּאַרטיציפּ, וואָס צוזאַמען מיטן הילפווערב „האָט״ ווייזט ער א פאַרגאַנגענע ט ו ו נ ג און איז דער פּ ר ע־ ד י ק א ט פונעם סוביעקט „ער״; דער צווייטער „אָנגעשטרענגט״ איז לויט דער סטרוקטור א פּאַרטיציפּ, אָבער אַזאַ, וואָס ווייזט ניט קיין טוונג, נאָר א צושטאַנד און איז ניט קיין פּרעדיקאַט, נאָר א בייגליד — א בייגליד, וואָס באַשטימט דעם א ו י פ ן פון דער טוונג — פונעם פּרעדיקאַט „רעדט״ (רעדט אָנגעשטרענגט).

אַלזאָ: א פּאַרטיציפּ קאָן קומען אין פאַרשיידענע פאַלן און ניט דאַפקע אין פאַרגאַנגענהייט און ניט דאַפקע אַלס א פּרעדיקאַט. דעריבער איז, ווען מע ווייסט ניט, צי דאַרף אין דעם אָדער אין יענעם פאַל זיין אשטייגער „פאַרדינגען״ (אַן אינפיניטיוו) צי „פאַרדונגען״ (א פּאַרטיציפּ), טוט מען אַזוי: מע שטעלט אַריין אין דעם געגעבענעם פאַל אַזאַ וואָרט, וואָס זיין אינפי־ניטיווישע אָדער זיין פּאַרטיציפּישע פאָרמע איז גענוג בולעט. אשטייגער:

1. די געביידע האָט מען אויסגעקאַלכט, אויסגעפּוצט, פאַרדונגען...
(פּאַרטיציפּ)
2. „ „ ווערט מען אויסקאַלכן, אויספּוצן, פאַרדינגען...
(אינפיניטיוו)
3. „ „ ווערט אויסגעקאַלכט, אויסגעפּוצט, פאַרדונגען...
(פּאַרטיציפּ)

---

1 דער פּאַרטיציפּ פון „גרינדן״ און „בילדן״ איז „געגרינדעט״, „געבילדעט״ — מיט אַן „ע״ צווישן „ד, ט״. אָבער אין „געקייט, געבויט״ איז קיין „ע״ פאַרן „ט״ ניט פאַראַן.

4. די געבײַדע פלעגט מען אויסקאַלכן, אויספּוצן, פאַרדינגען... (אינפיניטיוו)

5. „ „ האָט מען געדאַרפט אויסקאַלכן, אויספּוצן, פאַרדינגען... (אינפיניטיוו)

דאָ זעען מיר בולעט, ווען עס קומט אַן אינפיניטיוו און ווען אַ פּאַרטיציפּ. איז אין די אַלע פאַלן, ווען עס קומט אַשטייגער „אויסגעקאַלכט, אויסגעפּוצט" אָדער אַן אַנדער בולעטער פּ אַ ר ט י צ י פּ, וועט אויך קומען „פאַרדונגען, דערטרונקען, געפונען" און אַזוי ווײַטער; און אין די פאַלן, ווען עס קומט אַשטייגער „אויסקאַלכן, אויספּוצן" אָדער אַן אַנדער בולעטער א י נ פ י נ י ט י ו, וועט אויך קומען „פאַרדינגען, דערטרינקען, געפינען" און אַזוי ווײַטער.

32. פאָרמעס פון פאַקטישע און פון ניט קיין פאַקטישע טוונגען (מאָדוסן)

די פריִער אָנגעוויזענע ווערבפאָרמעס — די צ ײַ ט פ אָ ר מ ע ס — זײַנען אַלצ אַזעלכע, וואָס באַטײַטן אַ טוונג, וועלכע קומט פאַקטיש פאָר, וועלכע איז פאַקטיש פאָרגעקומען אָדער וועלכע וועט פאַקטיש פאָרקומען. עס טרעפן אָבער פאָרמעס פון ניט קיין פאַקטישע טוונגען אויך. אַשטייגער:

1. באַ מיר האָט ער געשריבן.	1. באַ מיר וואָלט ער געשריבן.
2. באַ מיר וועט ער שרײַבן.	2. באַ מיר זאָל ער שרײַבן.

דעכטס רעדט זיך וועגן אַ פ אַ ק ט י ש ע ר טוונג אין פאַרגאַנגענהײַט אָדער אין צוקונפט. לינקס רעדט זיך ניט וועגן פאַקטישע טוונגען, נאָר וועגן אַ ב אַ ד י נ ג פון אַ טוונג אָדער וועגן אַ פ אַ ר ל אַ נ ג. און אַזוי איז עס געוויינטלעך אַלעמאָל: ווען אַן אינפיניטיוו אָדער אַ פּאַרטיציפּ קומען מיטן הילפווערב „זאָל" אָדער „וואָלט", באַטײַט עס ניט קיין פאַקטישע טוונג. דעריבער דאַרף מען ניט פאַרמישן (ווי מע טוט אין אייניקע ערטער) די הילפווערבן „זאָל" און „וואָלט" מיט די הילפווערבן „האָב, בין, פלעג" און „וועל".

די הילפווערבן „האָב, בין" אָדער „פלעג, וועל" צוזאַמען מיט אַ פּאַרטיציפּ אָדער אינפיניטיוו ווײַזן אַזאַ אָדער אַן אַנדער צײַט פון אַ פ אַ ק ט י ש ע ר טוונג — וואָס איז פאָרגעקומען אָדער וואָס וועט פאָרקומען; די הילפווערבן „זאָל" און „וואָלט" צוזאַמען מיט אַן אינפיניטיוו אָדער פּאַרטיציפּ ווײַזן ניט קיין פאַקטישע טוונג, נאָר די ב אַ ד י נ ג ל ע כ ק ײַ ט, מ ע ג ל ע כ ק ײַ ט אָדער אַ פ אַ ר ל אַ נ ג פון אַ טוונג.

די פאָרמעס, וואָס אַ ווערב האָט צו באַטײַטן אַ פאַקטישע אָדער ניט קיין פאַקטישע טוונג, הייסן מ אָ ד ו ס ן. די זעקס צ ײַ ט פ אָ ר מ ע ס פון ווערב (זעט זײַט 86, 90) זײַנען איינצײַטיק דערמיט אויך פאָרמעס פון

נעמ פאקטישנ מאָדוס. פאָרמעס פונ ניט קיינ פאקטישע מאָדוסנ זייַנע פאראנ אזעלכע:

ניט קיינ פאקטישע מאָדוסנ

צאָל	פּערזאָן	באַדינג-מאָדוס	באַדויער־מאָדוס	געמישטער מאָדוס	באַפעל־מאָדוס (אימפעראַטיוו)		
איינצאָל	1	וואָלט גענומענ (נעמענ)	כייַ וואָלט (איכ) גענומענ (נעמענ)	זאָל נעמענ	לאָמיכ נעמענ	—	—
	2	וואָלסט „	כייַ וואָלסט(ו) „	זאָלסט „	— —	נעמ	—
	3	וואָלט „	כייַ וואָלט (ער) „	זאָל „	— —	—	לאָז (ער) נעמענ
מערצאָל	1	וואָלטנ „	„ וואָלטנ (מיר) „	זאָלנ „	לאָמיר נעמענ	—	—
	2	וואָלט „	„ וואָלט (איר) „	זאָלט „	—	נעמט	—
	3	וואָלטנ „	„ וואָלטנ (זיי) „	זאָלנ „	—	—	לאָזנ(זיי) נעמענ

אינ דער דאָזיקער טאבעלע זעענ מיר אזעלכע ניט קיינ פאקטישע מאָדוסנ:

1) באַדינג-מאָדוס[1] — ער באַטייַט א טוּונג, וואָס וואָלט פאָרגעקומענ בא א געוויסנ באַדינג. די סטרוקטור פונעמ דאָזיקנ מאָדוס איז: פערזאָניקער הילפווערב „וואָלט״ + פּאַרטיציפּ אָדער אינפיניטיוו.

2) באַדויער־מאָדוס — ער באַטייַט כאראָטע אָדער באַדויערונג. די סטרוקטור פונעמ דאָזיקנ מאָדוס איז: הילפוואָרט „כייַ״ (אָדער נעכייַ, נעכייַבי) + פערזאָניקער הילפווערב „וואָלט״ + פּאַרטיציפּ אָדער אינפיניטיוו[2].

3) געמישטער מאָדוס — ער באַטייַט מערסטנס א באַדינג, א פארלאנג אָדער א באַפעל וועגנ א טוּונג. די סטרוקטור פונעמ דאָזיקנ מאָדוס איז: הילפווערב „זאָל״ + אינפיניטיוו.

4) באַפעל־מאָדוס — ער באַטייַט א פארלאנג אָדער א באַפעל וועגנ א טוּונג. ווענ די טוּונג דארפ טאָנ (אנ ערשטע פערזאָנ) דער ריי־דער זעלבסט אָדער א קאָלעקטיוו, וואָס דער ריידער שליסט זיכ אייַנ אינ אימ, איז די סטרוקטור פונעמ באַפעל־מאָדוס אזא: הילפוואָרט „לאָמיכ״ (איינצאָל) אָדער „לאָמיר״ (מערצאָל) + אינפיניטיוו; ווענ די טוּונג דארפ

1 מע רופט אימ אויכ „האשאָרע־מאָדוס״.

2 זייַנ סטרוקטור איז אויכ „כאלט״ (אָדער „האלט״) + פּאַרטיציפּ אָדער אינפיניטיוו. אשטייגער: כאלט איכ גענומענ (נעמענ), כאלט איכ געגעבנ (געבנ).

טאָן א צווייטע פּערזאָן, איז די סטרוקטור פונעם באַפעל-מאָדוס ענלעך צו דער ערשטער פּערזאָן אייִנצאָל אָדער צו דער צווייטער פּערזאָן מערצאָל פון קעגנוואַרט; און ווען די טוּונג דאַרף טאָן א דריטע פּערזאָן, איז די סטרוקטור פונעם באַפעל-מאָדוס — פּערזאָניקער הילפווערב „לאָז, לאָזן" + אינפיניטיוו [1].

אָנמערקונג 1: קעדיי פאָרצושטעלן א באַדינגלעכע טוּונג אַלס א מער זיכערע, קאָן אָנשטאָט באַדינג-מאָדוס קומען פאַקטישער מאָדוס. אשטייגער: ווען איך בין זיכער, אַז די דײַטשישע אַרמיי וועט זײַן נייטראַל, וועק איך אוף די קריגס-געפאַנגענע און גיי מיט דיר אַרויס אין גאַס (דאַניעל).

אָנמערקונג 2: די פאָרמע „וואָלט" + פּאַרטיציפּ אָדער אינפיניטיוו (1-טער פאַל) קאָן אַמאָל צוליב העפלעכקײַט (אָפּשײַ) אָנגעווענדט ווערן אָפּ אויסצודריקן א טוּונג, וואָס מע מיינט זי ניט אַלס א באַדינגלעכע, נאָר אַלס א באַפעלערישע אָדער אַלס א פאַקטישע. אשטייגער אָנשטאָט צו זאָגן „הערט מיך אויס ביזן סאָף" אָדער „איך בעט אײַך אויסהערן מיך ביזן סאָף" — קאָן מען צוליב העפלעכקײַט זאָגן „איך וואָלט אײַך געוואָלט בעטן אויסהערן מיך ביזן סאָף".

אָנמערקונג 3: אייניקע פון די פאָריקע פאָרמעס קאָנען באַטײַטן עפּעס אַנדעריש אויך. אשטייגער „זאָל" + אינפיניטיוו קאָן אַמאָל באַטײַטן אויך א פאַרוווּנדערונג און אַמאָל אויך אַן אומזיכערקײַט אין דער טוּונג פון דער מיטיילונג. אשטייגער: אַזאַ באָכער זאָל אַזוי ווייניק לייענען; דער פאָרזיצער זאָל מאָרגן אָפּגעבן א באַריכט (= עס קאָן זײַן, אַז דער פאָרזיצער וועט מאָרגן אָפּגעבן א באַריכט).

אָנמערקונג 4: אייניקע פון די פאָריקע פאָרמעס קאָנען נאָך קומען אויך מיט א באַהילפיקן פּאַרטיציפּ „געהאַט" אָדער „געווען" אָדער מיט א באַהילפיקן אינפיניטיוו „האָבן". אשטייגער:

1. אָן די פּעקלעך וואָלט ער געווען געקומען מיט א פאָר שאָ פריער.
2. די רעדע זאָל האָבן שטאַרק געווירקט אָפּ אַלע אײַנוווינער פון ראַיאָן.

אַזעלכע ווערבפאָרמעס באַטײַטן: אינעם ערשטן פאַל — א פריערדיקע באַדינגלעכע טוּונג; און אינעם צווייטן פאַל — מערסטנס א פריערדיקע אומזיכערע טוּונג.

אָנמערקונג 5: א באַפעל-מאָדוס צווייטע פּערזאָן קאָן אַמאָל זײַן געווענדט צום ריידער זעלבסט אָדער צו יעדן איינעם. אשטייגער: זומער, די זון באַקט, די פליגן בײַסן, און די וועלט אַרום און אַרום איז מעכײַע, גרויס,

[1] „לאָז" איז פאַראַן אויך א זעלבשטענדיקער ווערב. אשטייגער: איך לאָז שרײַבן, איך האָב געלאָזט די אַרבעט, איך וועל לאָזן די שטעלע... דאָ ווײַזט „לאָז" א פאַקטישע טוּונג.

אָפּן, כאָטש הייב זיך אוף און פּלי, כאָטש צי זיך אויס און שווים (שאָלעם-אַלייכעם).

אָנמערקונג 6: א פארלאנג אָדער א באפעל ווענן א טוונג קאָן מען אויסדריקן מיט נאָך אנדערע מיטלען, אינגאנצן אָן א ווערב. אשטייגער: פעסטער די נײַע וועלט פון באפרײַטער ארבעט! שטארקער, העכער די פאָן פון קאָמינטערן!

אָנמערקונג 7: א באפעל-מאָדוס באטײַט ניט אומבאדינגט א באפעלערישן פארלאנג. מע קאָן אמאָל גראָד מיטן באפעל-מאָדוס בעטן און מיטן פאקטישן מאָדוס הייסן, אשטייגער:

1. זײַ אזוי גוט און גיב מיר דאָס ביכל.
2. דו וועסט מיר געבן דאָס ביכל צי נײן!

דער ערשטער זאַץ מיטן באפעל-מאָדוס איז ווייניקער באפעלעריש און מער בעטנדיק, ווי דער צווייטער זאַץ מיטן פאקטישן מאָדוס. דערפון איז געדרונגען, אז ניט יעדער באפעל אָדער פארלאנג איז אויסגעדריקט דורך א באפעל-מאָדוס.

באפעל-מאָדוס צווייטע פערזאָן איז קימאט אלעמאָל ענלעך צום פאקטישן מאָדוס אין קעגנווארט ערשטע פערזאָן איינצאָל אָדער צווייטע פערזאָן מערצאָל. אשטייגער:

פאקטישער מאָדוס	באפעל־מאָדוס
1. איך לייען א צײַטונג.	1. לייען אויך מיט מיר.
2. איר לייענט צו גיך.	2. לייענט א ביסל לאנגזאמער[1].

באפעל־מאָדוס צווייטע פערזאָן האָט אין מערצאָל א פלעקסיע „ט". אין איינצאָל איז עס אָן א פלעקסיע — אין איינצאָל איז עס די נול-פאָרמע פונעם ווערב.

ווען באפעל־מאָדוס צווייטע פערזאָן איינצאָל ענדיקט זיך מיט א „ט", קומט אין מערצאָל קיין פלעקסיע „ט" ניט צו. אשטייגער: היט, שיט, טראכט, מעסט, הוסט (סײַ איינצאָל און סײַ מערצאָל). ווען אָבער דער באפעל־מאָדוס אין איינצאָל ענדיקט זיך מיט. א „ד", קומט אין מערצאָל די פלעקסיע „ט", און אין ריידן פארטויבט זי דעם הילכיקן וואָרצלדיקן „ד". אשטייגער: בינד — בינדט, שמיד — שמידט, צינד — צינדט, רייד (רעד) — רעדט, באָד — באָדט (דאָס זעלבע קומט פאָר, ווי מיר האָבן געזען, אויך באַם פערזאָניקן ווערב און פארטיציפּ)[2].

1 אָבער: איך בין דאָ — זײַ דאָ.

2 פון „וויסן" איז דער באפעל־מאָדוס „ווייס, ווייסט" און ניט „וויסט" (ווי מע זאָגט אין אייניקע ערטער). פון „גרינד, בילד" און „מעלד" איז „גרינדעט, בילדעט, מעלדעט" — מיט אן „ע" צווישן „ד, ט". פון „ווענד" (זיך) קומט אי „ווענדט" אי „ווענדעט" (זיך).

ווען באפעל-מאָדוס צווייטע פּערזאָן איז פון א ווערב מיט א צוגאָב, קומט דער צוגאָב נאָכן ווערב. אשטייגער: ארויסלאָזן — לאָז ארויס, לאָזט ארויס. דער באפעל־מאָדוס צווייטע פּערזאָן און דער פּערזאָניקער ווערב — דאָס זײַנען די יעניקע ווערבפאָרמעס, וואָס בא זיי (און נאָר בא זיי) קומט דער צוגאָב נאָכן ווערב. בא אלע אנדערע ווערבפאָרמעס איז דער צוגאָב אלעמאָל פאַרן ווערב און פארן וואָרצל בכלל. אשטייגער: ארויסלאָזן, ארויסגעלאָזט, ארויסלאָזנדיק. אויך בא אלע אנדערע ווערטער, בא ניט קיין ווערבן, וואָס זײַנען פון ווערבן געבילדעט, איז דער צוגאָב פאַרן וואָרצל, אשטייגער: דער ארויסלאָז, די ארויסגעלאָזטע...

אָנמערקונג 1: ריכטיקער וועט זײַן, ווען מיר וועלן זאָגן פארקערט: דער אינפיניטיוו, דער פּארטיציפּ און נאָך אייניקע זײַנען די יעניקע, וואָס בא זיי פאראייניקט זיך דער צוגאָב מיטן ווערב און מיטן וואָרצל בכלל און קומט אלס א באַטײַטיקער טייל פאַרן וואָרצל. דאָס וועט מער אנטשפּרעכן דעם היסטאָרישן גאנג פונעם צוגאָב, וואָס מאכט דורך א וועג פון פארוואנדלט ווערן פון א זעלבשטענדיק וואָרט אין א צוגאָב צו א צווייט וואָרט.

אָנמערקונג 2: באם באפעל-מאָדוס צווייטע פּערזאָן (ווי אויך באם אינפיניטיוו און פּארטיציפּ) קאָן דער צוגאָב אָפּטמאָל זײַן אָן דעם וואָרצלדיקן טייל וואָרט און קאָן דאן אין מערצאָל קומען מיט דער פלעקסיע „ט". אשטייגער:

1. ארויס ט פונדאנען! (אָרלאנד).
2. אוועקט... אוועקט... איר וועט נאָך אונדז אָנשטעקן (גאָדינער).

א ווערב אין א וועלכן־ניט־איז מאָדוס הייסט בייגיקער ווערב. א בייגיקער ווערב האָט אלעמאָל אויך א געוויסע פאָרמע פון צאָל און פּערזאָן און באשטייט פון איין וואָרט אָדער פון מער.

אָנמערקונג: א בייגיקן ווערב דארף מען ניט צונויפמישן מיט א פּערזאָניקן ווערב, כאָטש אָפט פאלן זיי צונויף. אשטייגער:

1. ער רעדט וועגן דעם פלאן.
2. ער פילט אויס דעם פלאן.
3. ער האָט גערעדט וועגן דעם פלאן.
4. אויספילן דעם פלאן.

אינעם ערשטן זאץ איז „רעדט" אי א בייגיקער ווערב אי א פּערזאָניקער; אינעם צווייטן און דריטן זאץ זײַנען „פילט אויס" און „האָט גערעדט" — בייגיקע ווערבן, אָבער פּערזאָניקע ווערבן זײַנען דאָרט בלויז „פילט" און „האָט" און אינעם פערטן זאץ איז „אויספילן" ניט קיין בייגיקער ווערב און ניט קיין פּערזאָניקער, נאָר א ווערב אן אינפיניטיוו.

33. אקטיווע, פּאַסיווע און רעפלעקסיווע ווערבן

די אַלע ביז איצט פאַנאַנדערגעקליבענע ווערבן פון די פאַרשיידענע מאָדוסן זײַנען אַלץ געווען אַקטיווע. עס זײַנען אָבער פאַראַן אויך אַנדערע ווערבן — פּאַסיווע און רעפלעקסיווע. אַשטייגער:

רעפלעקסיווע	פּאַסיווע	אַקטיווע
איך וואַש זיך	איך ווער געוואַשן	איך וואַש
איך וואַרף זיך	איך ווער געוואָרפן	איך וואַרף
איך פאַרשרײַב זיך	איך ווער פאַרשריבן	איך פאַרשרײַב

אַן אַקטיווער ווערב ווײַזט געווײנטלעך אַ טוונג, וואָס עס טוט דער סוביעקט איבער עמעצן אָדער איבער עפּעס. אַ פּאַסיווער ווערב ווײַזט געווײנטלעך אַ טוונג, וואָס עמעצער טוט איבערן סוביעקט. אַ רעפלעקסיווער ווערב ווײַזט מערסטנס אַ טוונג, וואָס דער סוביעקט טוט איבער זיך אַליין.

די מערהײַט ווערבן קאָנען געווײנטלעך קומען אי אַלס אַקטיווע, אי אַלס פּאַסיווע, אי אַלס רעפלעקסיווע. עס זײַנען אָבער פאַראַן אויך אַזעלכע ווערבן, וואָס קומען:

1) אָדער נאָר אַלס אַקטיווע. אַשטייגער: ער לײַדט, ער צווייפלט...;

2) אָדער נאָר אַלס רעפלעקסיווע. אַשטייגער: ער אַקשנט זיך, ער סטאַרעט זיך...;

3) אָדער נאָר אַלס אַקטיווע און רעפלעקסיווע. אַשטייגער: ער אינטערעסירט, ער אינטערעסירט זיך...

ווען אָבער אייניקע פון אַזעלכע ווערבן האָבן פּרעפיקסן אָדער צוגאָבן, קאָנען זיי אָפט קומען אי אַלס אַקטיווע, אי אַלס רעפלעקסיווע, אי אַלס פּאַסיווע. אַשטייגער: ער פאַראינטערעסירט — ער פאַראינטערעסירט זיך — ער ווערט פאַראינטערעסירט.

אַן אַקטיווער ווערב אין קעגנוואַרט באַשטייט געווײנטלעך פון עם ווערב אַליין (מיט אָדער אָן אַ פּרעפיקס אָדער אַ צוגאָב), אָן הילפוואָרטער. אַשטייגער:

ער נעמט אָן ער פאַרנעמט ער נעמט

אַ פּאַסיווער ווערב אין קעגנוואַרט באַשטייט געווײנטלעך פון אַ פּערזאָניקן הילפווערב „ווער, ווערסט"... אָדער „בין, ביסט..." + דער זעלבשטענדיקער ווערב אין אַ פּאַרטיציפּ־פאָרמע. אַשטייגער:

ער ווערט אָנגענומען ער ווערט פאַרנומען ער ווערט גענומען

ער איז אָנגענומען ער איז פאַרנומען ער איז גענומען

אָנמערקונג: דער ווערב „ווערן" (ווער, ווערסט...) שיידט זיך אונטער פון עם ווערב „זײַן" (בין, ביסט...) דערמיט, וואָס דער דאָזיקער באַטײַט בײַ־כלאַל עקזיסטענץ (זײַן), דאַן ווען „ווערן" באַטײַט אַן אָנהייב פון עקזיסטענץ, אַן אָנהייב פון אַ פּראָצעס. אַשטייגער:

ער איז אַ סטודענט ער איז געזונט

ער ווערט געזונט ער ווערט א סטודענט

דער זעלבער באטײַט-אונטערשייד איז אויך פאראנ בא א פאסיווער ווערב. וויל מענ ווײַזנ ביכלאל א פאסיווע טוונג (אָדער צושטאנד), ברענגט מענ דעמ זעלבשטענדיקנ ווערב מיטנ הילפווערב „זײַנ" (בינ). וויל מענ ווײַזנ אנ אָנ-הייב פונ א פאסיווער טוונג (אָדער צושטאנד), ברענגט מענ דעמ זעלב-שטענדיקנ ווערב מיט „ווערנ". אשטייגער:

ער איז ארײַנגעצויגנ ער איז אָרגאניזירט

ער ווערט ארײַנגעצויגנ ער ווערט אָרגאניזירט

א פאסיווער ווערב קאָנ זיכ בייגנ פונקט ווי אנ אקטיווער: ער קאָנ קומענ אינ אײנצאָל אָדער אינ מערצאָל און קאָנ האָבנ פאָרמעס פונ פערזאָנ, צײַט און מאָדוס. דערבײַ ווערט דער פארטיציפ, וואָס דריקט אויס די טוונג, אינ קיינ פאל ניט געענדערט. אשטייגער:

1. איכ ווער פארנומענ — דו ווערסט פארנומענ — ער (זי, עס, מע) ווערט פארנומענ...

2. איכ בינ פארנומענ געוואָרנ — איכ פלעג פארנומענ ווערנ — איכ וועל פארנומענ ווערנ...

3. איכ וואָלט פארנומענ געוואָרנ — איכ זאָל פארנומענ ווערנ — ווער (זײַ) פארנומענ...

דאָ זעענ מיר, אז אינ אלע פאלנ איז דער פאסיווער ווערב א פארטיציפ, וואָס קומט מיט די אָדער יענע באהילפיקע פערזאָניקע ווערבנ, באהילפיקע פארטיציפנ, באהילפיקע אינפיניטיוונ, באהילפיקע באפעל-מאָדוסנ (זײַ—זײַט; ווער—ווערט).

אקטיווע ווערבנ, ווי ס'איז שוינ אָנגעוויזנ געוואָרנ, באטײַטנ געווײנט-לעכ א טוונג, וואָס עס טוט דער סוביעקט איבער עמעצנ אָדער איבער עפעס. עס זײַנענ אָבער פאראנ אויכ אזעלכע אקטיווע ווערבנ, וואָס ווײַזנ א טוונג, וועלכע גייט אפ קיינעמ און אפ גאָרנישט ניט אריבער. אשטיי-גער: איכ זיצ, איכ פאָר, איכ לויפ... די דאָזיקע ווערבנ זײַנענ ניט קיינ פאסיווע, ניט קיינ רעפלעקסיווע, נאָר אקטיווע; אָבער די טוונגענ, וואָס זיי ווײַזנ, זײַנענ ניט כוֹנעמ זעלבנ טיפ, וואָס די טוונגענ „וואש, וואַרפ, פאר-שרײַב". בא אזעלכע ווערבנ ווי „וואש, וואַרפ, פארשרײַב" קאָנ שטענדיק קומענ עפעס אנ אָביעקט. וואָס זאָל דירעקט איבערנעמענ די טוונג. אשטייגער: איכ וואש די הענט, איכ וואַרפ א שטיינ, איכ פארשרײַב די קינדער. אָבער בא אזעלכע ווערבנ ווי „זיצ, פאָר, לויפ" און ענלעכע — בא ווערבנ, וואָס ווײַזנ געוויינטלעכ א צושטאנד, — קאָנ אזא אָביעקט ניט קומענ.

אזעלכע ווערבנ ווי „וואש, וואַרפ, פארשרײַב" הייסנ איבערגייענ-דיקע, אזעלכע ווערבנ ווי „זיצ, פאָר, לויפ" הייסנ שטייענדיקע.

איבערגייענדיקע ווערבנ קאָנענ קומענ אלס פאסיווע אויכ. שטייענדיקע ווערבנ קומענ נאָר אלס אקטיווע (אָדער רעפלעקסיווע). אָבער שטייענדיקע ווערבנ קאָנענ אמאָל ווערנ איבערגייענדיקע (פאָרנ—אויספאָרנ; גיינ—דורכגיינ;

וויינענ — באוויינענ), אונ דאנ קאָנענ די דאָזיקע קומענ אלס פאסיווע. אשטייגער: ער פאָרט אויס א וועלט — א וועלט ווערט אויסגעפאָרנ דורכ אימ.

א רעפלעקסיווער ווערב האָט די זעלבע סטרוקטור, וואָס אנ אקטיווער ווערב + א הילפוואָרט „זיכ". אשטייגער: ער וואשט — ער וואשט זיכ; ערווארפט — ער ווארפט זיכ[1].

א רעפלעקסיווער ווערב ווייַזט אָפּט א טוּונג, וואָס דער סוביעקט טוט ניט דאפּקע איבער זיכ אליינ. אזא ווערב קאָנ ווייַזנ אויכ א טוּונג, וואָס עס טוט דער סוביעקט צוזאמענ מיט א צווייטנ (באגעגנט זיכ, קושט זיכ), אונ אויכ א טוּונג, וואָס גייט אריבער אפּ יעדערנ (שטעכט זיכ, שפּייַט זיכ).

אינ א זאצ איז אָפּט פאראנ א וואָרט „זיכ", וואָס איז ניט קיינ טייל פונ א רעפלעקסיוונ ווערב, ניט קיינ הילפוואָרט, נאָר א זעלבשטענדיק וואָרט, וואָס ווייַזט געוויינטלעכ אפּ אנ אָביעקט. אשטייגער:

1. ער האָט זיכ גענומענ צו דער ארבעט.
2. ער האָט זיכ געקויפט לענינס ווערק.
3. ער האָט מיט זיכ קיינעמ ניט גענומענ.

א הילפוואָרט איז דאָ בלויז דער ערשטער „זיכ", די איבעריקע צוויי — ניט. די דאָזיקע צוויי זייַנענ זעלבשטענדיקע ווערטער — אָביעקטנ. דעמ אונטערשייד פונ די דרייַ „זיכ"נ קאָנ מענ בוילעטער זענ, איבערזעצנדיק די דאָזיקע זאצנ אינ א צווייטער שפּראכ, אינ רוסיש אשטייגער.

אָנמערקונג 1: אמאָל קאָנ מענ צווייפלענ, צי איז דער אָדער יענער „זיכ" א הילפוואָרט צי א זעלבשטענדיקס. אָבער פאר דער פּראקטישער ארבעט איז עס ניט שטארק וויכטיק, וואָרעמ אינ אלע פאלנ שרייַבט מענ דעמ „זיכ" אלציינס אונ אלעמאָל באזונדער.

אָנמערקונג 2: אינ א ריי ערטער אונ אויכ אינ א ריי ליטעראַרישע ווערק קומט דער רעפלעקסיווער „זיכ" נאָר בא דער דריטער פּערזאָנ; בא דער ערשטער אונ צווייטער פּערזאָנ איינצאָל קומט דאָרט אָפטמאָל ניט „זיכ", נאָר „מיכ" אָדער „דיכ". אשטייגער:

1) איכ וועל מיכ צוזעצנ אפּ א ווייַלע (שאָלעמ-אלייכעמ).
2) כאפּ איכ מיכ אופ באנאכט אונ דערזע א פולע שטוב מיט יידנ (פּערעצ).

אָבער דאָס ווערט אלצ מער אונ מער א זעלטענערע דערשייַנונג. דער „זיכ" שטויסט באמ רעפלעקסיוונ ווערב ארויס דעמ „מיכ" אונ דעמ „דיכ".

אָנמערקונג 3: אנ אקטיוונ ווערב אינ יידיש קאָנ אמאָל אינ רוסיש אנטשפּרעכנ א רעפלעקסיווער. אשטייגער: לאכנ — смеяться; צווייפלענ — сомневаться.

---

[1] אנ אויסנאמ איז בלויז דער ווערב „וויל" אינ דריטער פּערזאָנ איינצאָל קעגנווארט. אלס אנ אקטיווער קומט ער אָנ א פּלעקסיע אונ אלס א רעפלעקסיווער — מיט א פלעקסיע. אשטייגער: ער (עס) וויל אהיימ — אימ (עס) ווילט זיכ אהיימ.

װ ע ר ב פ אָ ר מ ע ס

				פאקטישער מאָדוס				
				פארגאנגענהיַיט			צוקונפט	
מין	צאָל	ציַיט / פּערזאָן	קעגנוואַרט	געוויינט־לעכע	פילמאָליקע	פריִערדיקע	געוויינט־לעכע	פריִערדיקע
אַקטיוו	איינצאָל	1. (איך)	נעם	האָב גענומען	פלעג נעמען	האָב געהאט גענומען	וועל נעמען	וועל האָבן גענומען
		2. (דו)	נעמסט	האָסט 〃	פלעגסט 〃	האָסט 〃 〃	וועסט 〃	וועכט 〃 〃
		3. (ער, זי, עס, מע)	נעמט	האָט 〃	פלעגט 〃	האָט 〃 〃	וועט 〃	וועט 〃 〃
	מערצאָל	1. (מיר)	נעמען	האָבן 〃	פלעגן 〃	האָבן 〃 〃	וועלן 〃	וועלן 〃 〃
		2. (איר)	נעמט	האָט 〃	פלעגט 〃	האָט 〃 〃	וועט 〃	וועט 〃 〃
		3. (זיי)	נעמען	האָבן 〃	פלעגן 〃	האָבן: 〃 〃	וועלן 〃	וועלן 〃 〃
פּאַסיוו	איינצאָל	1. (איך)	ווער גענומען	בין גענומען געוואָרן	פלעג גענו־מען ווערן	בין געווען גע־נומען געוואָרן	וועל גענומען ווערן	ווערט ניט געברויכט
		2. (דו)	ווערסט 〃	ביסט 〃 〃	פלעגסט 〃 〃	ביסט 〃 〃 〃	וועסט 〃 〃	
		3. (ער, זי, עס, מע)	ווערט 〃	איז 〃 〃	פלעגט 〃 〃	איז 〃 〃 〃	וועט 〃 〃	
	מערצאָל	1. (מיר)	ווערן 〃	זיַינען 〃 〃	פלעגן 〃 〃	זיַינען 〃 〃 〃	וועלן 〃 〃	
		2. (איר)	ווערט 〃	זיַיט 〃 〃	פלעגט 〃 〃	זיַיט 〃 〃 〃	וועט 〃 〃	
		3. (זיי)	ווערן 〃	זיַינען 〃 〃	פלעגן 〃 〃	זיַינען 〃 〃 〃	וועלן 〃 〃	

1 אָדער: וואָלט נעמען.
2 אָדער: כיַי וואָלט (איך) נעמען; כאלט (איך) נעמען.
3 אָדער: וואָלט גענומען ווערן.
4 אָדער: כיַי וואָלט (איך) גענומען ווערן; כאלט (איך) גענומען ווערן.
5 ווערט געברויכט זעלטן.

אין אקטיוו און פאסיוו

	באדינג־מאָדוס	באדויער־מאָדוס	געמישטער מאָדוס	באפעל־מאָדוס (אימפעראטיוו)		
				ערשטע פערזאָן	צווייטע פערזאָן	דריטע פערזאָן
אקטיוו	וואָלט גענומען 1	כײַ וואָלט (איך) גענומען 2	זאָל נעמען	לאָמיך נעמען	—	—
	וואָלסט ״	״ וואָלסט(ו) ״	זאָלסט ״	—	נעם	—
	וואָלט ״	״ וואָלט (ער) ״	זאָל ״	—	—	לאָז (ער) נעמען
	וואָלטן ״	״ וואָלטן (מיר) ״	זאָלן ״	לאָמיר נעמען	—	—
	וואָלט ״	״ וואָלט (איר) ״	זאָלט ״	—	נעמט	—
	וואָלטן ״	״ וואָלטן (זיי) ״	זאָלן ״	—	—	לאָזן (זיי) נעמען
פאסיוו	וואָלט גענומען געוואָרן 3	כײַ וואָלט (איך) גענומען געוואָרן 4	זאָל גענומען ווערן	לאָמיך גענומען ווערן	—	—
	וואָלסט ״ ״	״ וואָלסט(ו) ״ ״	זאָלסט ״ ״	—	ווער גענומען 5	—
	וואָלט ״ ״	״ וואָלט (ער) ״ ״	זאָל ״ ״	—	—	לאָז (ער) גענומען ווערן
	וואָלטן ״ ״	״ וואָלטן (מיר) ״ ״	זאָלן ״ ״	לאָמיר גענומען ווערן	—	—
	וואָלט ״ ״	״ וואָלט (איר) ״ ״	זאָלט ״ ״	—	ווערט גענומען 5	—
	וואָלטן ״ ״	״ וואָלטן (זיי) ״ ״	זאָלן ״ ״	—	—	לאָזן (זיי) גענומען ווערן

34. באשרײַביקע ווערבן

די ווערבן, וואָס מיר האָבן ביז איצט אַנאַליזירט, זײַנען אַלץ געווען אַזעלכע, וואָס אַלס **אַקטיווע** קומען זיי אין **קעגנוואַרט** אָן הילפֿווערטער און די טוונג ווערט אויסגעדריקט דורך **פּערזאָניקע ווערבן** (מיט אָדער אָן פּרעפֿיקסן אָדער צוגאָבן). אַשטייגער: איך נעם, איך פֿאַרנעם, איך נעם אָן.

עס זײַנען אָבער פֿאַראַן אויך אַזעלכע ווערבן, וואָס אַלס **אַקטיווע** קומען זיי אין **קעגנוואַרט מיט הילפֿווערטער** און גופֿע די טוונג ווערט אויסגעדריקט ניט דורך פּערזאָניקע ווערבן, נאָר דורך אַנדערע ווערטער. אַשטייגער:

איך האָב כּראָטע   איך גיב צו וויסן   איך ברענג צו פֿירן

איך ווער געוואָר   איך קום צו גיין   איך ברענג צו טראָגן

דאָ ווערט די טוונג אויסגעדריקט ניט דורך די פּערזאָניקע ווערבן „האָב, ווער, גיב, קום, ברענג", נאָר דורך אַנדערע ווערטער. דאָ זײַנען די פּערזאָניקע ווערבן **הילפֿווערבן**, כאָטש די טוונגען זײַנען דאָ אַקטיווע.

אַזעלכע ווערבן ווי די דאָזיקע הייסן **באַשרײַביקע** (פּעריפֿראַסטישע).

א באַשרײַביקער ווערב באַשטייט אַלעמאָל (אויך אין קעגנוואַרט) פֿון אַ פּאָר אָדער פֿון עטלעכע ווערטער. איינס פֿון די דאָזיקע ווערטער איז אַ **הילפֿווערב**, די איבעריקע זײַנען אינפֿיניטיוון, פּאַרטיציפּן, סובסטאַנטיוון אָדער אַנדערע פֿאָרמעס (וואָס מיר האָבן נאָך וועגן זיי ניט גערעדט). דערבײַ קאָן צווישן די ווערטער פֿון אַ באַשרײַביקן ווערב אָפֿט זײַן אַ פּרעפּאָזיציע, אַן אַרטיקל, אַן אינפֿיניטיווישער „צו" און אַנדערע. אַשטייגער: קום צו גיין, ברענג צו טראָגן, טו מעלדן[1], ווער צעגאַנגען, האַלט מילכאָמע, האָב מוירע, האַלט זיך אַן אייצע, שלאָג זיך מיט דער דייע אַוו.

אָנמערקונג 1: אַ באַשרײַביקער ווערב אַנטהאַלט אָפֿטמאָל אַ פּאַרטיציפּ, וואָס קומט נאָר אין אַ באַשרײַביקן ווערב. אַשטייגער עס איז פֿאַראַן „ער איז **באַוווּסט**", אָבער „ער האָט באַוווּסט" — דאָס איז ניטאָ.

אָנמערקונג 2: דאָס וואָרט, וואָס דריקט אין אַ באַשרײַביקן ווערב אויס די טוונג, איז אָפֿט אַ **העברעיִשער** ווערב, וואָס קומט אין ייִדיש נאָר אַלס דער גרונט-טייל פֿון אַ באַשרײַביקן ווערב. אַשטייגער:

---

1 אַשטייגער:

1. צוקער **טועג**, **טריפֿן** דײַנע ליפּן (שאָלעם-אַלייכעם).
2. ווי **טוט** עס אין שטיל דאָרט דײַן האַרץ איצטער **שלאָגן** (האָפּשטיין).
3. דערבײַ **טוט** ער אומעטיק **זינגען** (כאַריק).

דער דאָזיקער טיפּ איז מערסטנס פֿאַרשפּרייט נאָך אויך איצט אין אַ רײ פּויליִשע געגנטן.

מעקאנט זײַן	מוסקעם װערן	נויהעג זײַן זיך
מעשאער זײַן	מעקויעם װערן	מעיאעש זײַן זיך
מעכאבעד זײַן	נישטוימעם װערן	מעיאשעװ זײַן זיך

באַם בייגן די באַשרײַביקע װערבן ענדערט זיך בלויז דער הילפֿװערב׳ אשטייגער:

איך האָב כאַראָטע	דו װאָלסט כאַראָטע געהאַט
איך האָב כאַראָטע געהאַט	דו זאָלסט כאַראָטע האָבן
איך װעל כאַראָטע האָבן	האָב כאַראָטע

באַשרײַביקע װערבן קומען הויפּטזאַכלעך אַלס אַקטיװע. אַלס רעפֿלעקסיװע און באַזונדערס אַלס פּאַסיװע קומען זיי זעלטן.

איינס און דאָס זעלבע קאָן מען אַמאָל אויסדריקן אי מיט אַ באַשרײַביקן װערב אי מיט ניט קיין באַשרײַביקן. אַשטייגער: און ביידע מאַכן פּיס (בערגעלסאָן) = און ביידע אַנטלויפֿן.

אָנמערקונג: דאָס בילדן באַשרײַביקע װערבן איז אַ פּראָצעס, װאָס קומט קעסיידער פֿאָר. אָט פֿאַרװאָס מע קאָן אַמאָל צװייפֿלען, צי אין דעם אָדער אין יענעם פֿאַל האָבן מיר צו טאָן מיט אַ באַשרײַביקן װערב (מיט איין זאַצגליד, אַשטייגער מיט אַ פּרעדיקאַט) צי מיט אַ װערב ניט קיין באַשרײַביקן און מיט אַ סובסטאַנטיװ (מיט צװיי זאַצגלידער, אַשטייגער מיט אַ פּרעדיקאַט און מיט אַן אָביעקט). אָבער פֿאַר דער פּראַקטישער שפּראַכאַרבעט איז עס ניט איבעריקס װיכטיק, װײַל סײַ אַזוי און סײַ אַזוי שרײַבט מען עס אַלץ באַזונדער.

צװישן די באַשרײַביקע װערבן איז פֿאַראַן אַ ספּעציעלער טיפּ, װאָס דריקט אויס אַן אָפּגעכאַפּטע טוונג. אַשטייגער:

ניט קיין אָפּגעכאַפּטע		אָפּגעכאַפּטע	
לויפֿן	נעמען	אַ לאָף טאָן	אַ נעם טאָן
קוקן	װאַרפֿן	אַ קוק טאָן	אַ װאָרף טאָן

אָפּגעכאַפּטע װערבן באַשטייען געװיינטלעך פֿון אַ הילפֿװערב „טאָן" אָדער „געבן" + אומבאַשטימיקער אַרטיקל (אַ, אַן) + אַ װאָרט, װאָס דריקט אויס דעם גרונט פֿון דער טוונג. דערבײַ איז דאָס דאָזיקע װאָרט אַ סובסטאַנטיװ, װאָס פֿאַלט יאָ אָדער ניט צונויף מיט דער װערבאַלער נולפֿאָרמע (װערבאַלער באַזע). אַשטייגער: איך טו (גיב) אַ נעם, איך טו (גיב) אַ ביס, איך טו (גיב) אַ געשריי.

אָפּגעכאַפּטע װערבן קאָנען קומען אי אַלס אַקטיװע, אי אַלס רעפֿלעקסיװע, אי אַלס פּאַסיװע. אַשטייגער: ער טוט (גיט) אַ װאָרף — ער טוט (גיט) זיך אַ װאָרף — ער װערט אַ װאָרף געטאָן (געגעבן).

באם בייגן די אָפּגעכאַפּטע ווערבן ענדערט זיך בלויז דער הילפֿווערב. אשטייגער:

איך טו (גיב) א נעם — דו וואָלסט א נעם געטאָן (געגעבן)
איך האָב א נעם געטאָן (געגעבן) — דו זאָלסט א נעם טאָן (געבן)
איך וועל א נעם טאָן (געבן) — טו (גיב) א נעם

ווען אן אָפּגעכאַפּטער ווערב אנטהאַלט א צוגאָב, קומט דער דאַזיקער נאָך דער ווערבאַלער נולפֿאָרמע (נאָכן ווערבאַלן סובסטאנטיוו). אשטייגער:

1. דער אוילעם טוט א שטיי אויף (שאָלעם-אַלייכעם).
2. איין גרויס כאַפּעניש האָט ער זיך געגעבן א טו אויס (בערגעלסאָן).
3. האָט שיינדל די גרויסע געגעבן א רוק אָפּ פון זיך דעם שטול (בערגעלסאָן).

אַפּ אזא אויפֿן זעען מיר, אז ווערבן זיינען פאראן אָפּגעכאַפּטע און ניט קיין אָפּגעכאַפּטע מיט אָדער אָן צוגאָבן. סיי די און סיי יענע קאָנען זיין אקטיווע, פּאסיווע און רעפלעקסיווע. זיי אלע קאָנען קומען אין פארשיידענע מאָדוסן. דערביי קאָנען זיי אלע וויַזן דריי פערזאָנען אין איינצאָל און אין מערצאָל, און די מערהייט פון זיי (דעריקער די ווערבן פון פאקטישן מאָדוס) קאָנען האָבן אויך צייט-פאָרמעס — איינע קעגנוואַרט, דריי פארגאנגענהייטן און צוויי צוקונפֿטן.

35. גערונדיוו

אויסער די פאָרמעס, וואָס מיר האָבן ביז איצט שטודירט, איז בא א ווערב פאראן נאָך א פאָרמע. אשטייגער אזא:

1. לערנענדיק זיך, האָט דער קאָמיוג געקעמפט.
2. קעמפנדיק, האָט זיך דער קאָמיוג געלערנט.

אזא פאָרמע ווי „לערנענדיק (זיך), קעמפנדיק" הייסט גערונדיוו.

דער גערונדיוו שיידט זיך אונטער פון די פאָריקע ווערבפאָרמעס מיט זייער א וויכטיקן מאָמענט. יענע קאָנען שטענדיק קומען, אליין צי מיט נאָך זאצגלידער, צו וויַזן א טוונג און זיינען געוויינטלעך די פרעדיקאַטן. דער גערונדיוו אָבער קומט געוויינטלעך ניט אליין, ער קומט צוזאמען מיט נאָך א ווערב (און אמאָל מיט נאָך ווערבן), וואָס דריקט אין זאץ אויס געוויינטלעך דעם סוביעקטס גרונט-טוונג און איז דער פרעדיקאַט. אשטייגער אין די פאָריקע מוסטערזאצן רעדט זיך: אין עם ערשטן פאל, אז דער קאָמיוג האָט געקעמפט דאן, ווען ער האָט זיך געלערנט; און אינעם צווייטן פאל, אז דער קאָמיוג האָט זיך געלערנט דאן, ווען ער האָט געקעמפט.

א גערונדיוו איז א ווערבפאָרמע,
1) וועלכע האָט א סופיקס „(ע)נדיק“;
2) וועלכע קומט צו ווייזן א טוונג אָדער א צושטאנד, וואָס קומט געוויינטלעך פאָר אייגצייטיק מיט א צווייטער טוונג — א גרונט-טוונג.

די מערהייט גערונדיוון קומען מיטן סופיקס „נדיק“. אשטייגער: זיצנדיק, לויפנדיק, שרייבנדיק, בעטנדיק, קוקנדיק... מיטן סופיקס „ענדיק“ קומט א גערונדיוו אין די זעלבע פאלן, ווען א פערזאָניקער ווערב האָט א פלעקסיע „ען“. דאָס הייסט:

1) נאָך אן אקצענטירטן וואָקאל אָדער דיפטאָנג: פלי — פליען — פליענדיק, בוי — בויען — בויענדיק[1];
2) נאָך „מ, נ“: נעם — נעמען — נעמענדיק, מאָן — מאָנען — מאָנענדיק;
3) נאָך „נג, נק“: ברענג — ברענגען — ברענגענדיק, שענק — שענקען — שענקענדיק;
4) נאָך א טראפיקן „ל“: טרייסל — טרייסלען — טרייסלענדיק, האנדל — האנדלען — האנדלענדיק.

אָנמערקונג: אין די פאלן, ווען דער אינפיניטיוו און די ערשטע און דריטע פערזאָן מערצאָל פונעם פערזאָניקן ווערב פאלן ניט צונויפ (זעט זייט 97), האָט דער וואָרצל פון די דאָזיקע ווערבן באם גערונדיוו דעם זעלבן קלאנגען-באשטאנד, וואָס דער אינפיניטיוו. אשטייגער:

פערז. ווערב	אינפיניטיוו	גערונדיוו
מיר (זיי) ווייסן	מיר וועלן וויסן	וויסנדיק
מיר (זיי) גיבן	מיר וועלן געבן	געבנדיק
מיר (זיי) ווילן	מיר וועלן וועלן	וועלנדיק[2]

פונעם ווערב „זיין“ איז דער גערונדיוו — „זייענדיק“. פון „טאָן“ (טון) איז דער גערונדיוו — „טוענדיק“. ווען דער ווערב „טאָן“ קומט מיט א צוגאָב, קאָן דער וואָרצלדיקער וואָקאל זיין אי „אָ“ אי „ו“. אשטייגער: אויסטאָנדיק (אויסטוענדיק), ארייַנטאָנדיק (ארייַנטוענדיק)...

א גערונדיוו ווייזט געוויינטלעך א טוונג, וואָס עס טוט דער סובּיעקט, אָדער א צושטאנד, אין וועלכן עס געפינט זיך דער סובּיעקט

---

1 אָבער נאָך אן אומאקצענטירטן וואָקאל איז דער סופיקס „נדיק“ אָדער „נענדיק“. אשטייגער: האָרעווע — האָרעווענדיק, האָדעווע — האָדעווענדיק; יארשע — יארשענענדיק, כאסמע — כאסמענענדיק.

2 א וואָרט „ווילנדיק“ איז אויך פאראן, אָבער ניט קיין גערונדיוו. „ווילנדיק“ איז געבילדעט פון א סובסטאנטיוו „ווילן“ + סופיקס „דיק“ (ווי „ווינטערדיק, זומערדיק“...).

קעמפנדיק, האָט זיך דער קאָמיוג געלערנט). עס טרעפט אָבער אויך, אז דער גערונדיוו, פונקט ווי דער אינפיניטיוו, ווײַזט ניט דעם סוביעקטס טוּונג אָדער צושטאנד, נאָר דעם אָביעקטס. אשטייגער אינעם זאצ „איך האָב איינמאָל געטראָפן דעם ברודער שרײַבנדיק א גאנצן ראָמאן" — געהערט דער גערונדיוו ניט צום סוביעקט (איך), נאָר צום אָביעקט (דעם ברודער).

אָנמערקונג: אין אזעלכע פאלן קאָן אָנשטאָט דעם גערונדיוו קו־מען אן אינפיניטיוו. אשטייגער: איך האָב איינמאָל געטראָפן דעם ברו־דער שרײַבן א גאנצן ראָמאן.

א גערונדיוו קאָן זײַן סײַ פון אן אקטיוו, סײַ פון א פאסיוו, סײַ פון א רעפלעקסיוו ווערב. אשטייגער:

רעפלעקסיוו	פאסיוו	אקטיוו
פארנעמענדיק זיך	פארנומען ווערנדיק (זײַענדיק) 1	פארנעמענדיק
ארויסשלעפנדיק זיך 2	ארויסגעשלעפט ווערנדיק (זײַענדיק) 1	ארויסשלעפנדיק

בא א גערונדיוו פון א רעפלעקסיוו ווערב שטעלט מען אין אייניקע ערטער אָפט אריין דעם „זיך" אינעם גערונדיוו סופיקס. מע זאָגט דאָרט אשטייגער „שטיצנזיכדיק, געפינענזיכדיק". דאָס דארף מען אויסמײַדן. דער „זיך" דארף אלעמאָל זײַן באזונדער. מע דארף זאָגן און שרײַבן: שטיצנדיק זיך, געפינענדיק זיך.

36. ווערב און פרעדיקאט

דער קלאס ווערב נעמט ארום פאָלגנדיקע פאָרמעס: 1) א בייגיקן ווערב — א ווערב אין א וועלכן־ניט־איז מאָדוס (זעט זײַט 112, 113); 2) אן אינפיניטיוו; 3) א פארטיציפ; 4) א גערונדיוו. מע דארף אָבער דעם ווערב ניט אופנעמען ווי נאָך א פאָרמע, וואָס עקזיסטירט אויסער די ערשט אָנגעוויזענע. יעדע ווערבפאָרמע — יעדער בייגיקער ווערב און יעדער אינפיניטיוו אשטייגער — איז אין דער זעלבער צײַט אויך א ווערב ביכלאַל, אָבער ניט יעדער ווערב איז אין יעדן פאל א בייגיקער אשטייגער אָדער אן אינפיניטיוו. דאָס איז לעערעך אזוי, ווי יעדער וואָלף, יעדער בער, יעדער לייב איז א כײַע, אָבער ניט יעדע כײַע איז א לייב אָדער א בער[3].

1 (זײַענדיק) ווערנדיק פארנומען; (זײַענדיק) ווערנדיק ארויסגעשלעפט.

2 אָדער: זיך פארנעמענדיק, זיך ארויסשלעפנדיק.

3 דער פארגלײַך מיט די כײַעס איז ניט מער ווי א פארגלײַך, און „יעדער פאר־גלײַך הינקט". דער דאָזיקער פארגלײַך הינקט דעריקער דערמיט, וואָס פון א בער קאָן מען אשטייגער קיין לייב ניט מאכן און פון אן אינפיניטיוו קאָן מען א פארטיציפ מאכן.

אנמערקונג: עס זײַנען דאָ ווערבנ, וואָס ניט אלע ווערבפאָרמעס האָבנ זיי. אשטייגער. ס'איז דאָ אנ אינפיניטיוו „רעגענענ", ס'איז אָבער ניטאָ קיינ גערונדיוו „רעגענענדיק"; ס'איז דאָ א בייגיקער ווערב „רעגנט, האָט גערעגנט, וועט רעגענענ, וואָלט רעגענענ" אונ אנדערע, ס'איז אָבער ניט פאראנ קיינ „רעגנסט, האָסט גערעגנט, וועסט רעגענענ" אונ אנדערע. אָבער אזעלכע ווערבנ זײַנענ זייער ווייניק. ביכלאל קאָנ א ווערב האָבנ אלע ווערבפאָרמעס.

פונ די ערשט אָנגעוויזענע פאָרמעס איז דער בייגיקער ווערב אלעמאָל א פרעדיקאט. דער אינפיניטיוו אונ דער פארטיציפ קאָנענ זײַנ ניט קיינ פרעדיקאטנ אויכ (זעט זײַט 98 אונ 103). אונ דער גערונדיוו איז ביכלאל ניט קיינ זעלבשטענדיקער פרעדיקאט, נאָר אנ אונטערגעוואָרפענער — ער ווײַזט א טוונג, וואָס איז געוויינטלעכ אונטערגעוואָרפנ דעמ סוביעקטס גרונט־טוונג.

אפ אזא אויפנ זעענ מיר: 1) עס זײַנענ פאראנ ווערבפאָרמעס, וואָס זײַנענ פרעדיקאטנ (ווערבנ פרעדיקאטנ); 2) עס זײַנענ פאראנ ווערבפאָרמעס, וואָס זײַנענ ניט קיינ פרעדיקאטנ (ווערבנ ≠ פרעדיקאטנ)[1].

דערפונ קאָנ מענ, ווי עס קאָנ זיכ דאכטנ, מאכנ אנ אויספיר, אז ווערב איז א ברייטערער באגריפ פונ פרעדיקאט, דאָס הייסט, אויב מיר וועלנ אלע ווערבנ (ווערבפאָרמעס) פאָרשטעלנ ווי א קרײַז, וועט א טייל פונעמ קרײַז (דער גרעסערער) זײַנ פארנומענ מיט ווערבפאָרמעס פרעדיקאטנ אונ א טייל (דער קלענערער) — מיט ווערבפאָרמעס ניט קיינ פרעדיקאטנ.



אָבער אזא אויספיר איז ניט קיינ ריכטיקער. די באציונג צווישנ ווערב אונ פרעדיקאט איז ניט ווי צווישנ א ברייטערנ באגריפ מיט א שמעלערנ,

[1] דער צייכנ = באטײַט, אז עס איז גלײַכ, פאלט צונויפ; דער צייכנ ≠ באטײַט, אז עס איז ניט גלײַכ, פאלט ניט צונויפ.

נאָר גאָר אנדערש. מיר ווייסנ, אז א פּרעדיקאט קאָנ זײַנ אויסגעדריקט ניט נאָר דורכ א ווערב, נאָר אויכ דורכ א סובסטאנטיוו אונ אויכ דורכ ווערטער פונ אנדערע וואָרטקלאסנ. אשטייגער אז מע וויל קאָנסטאַטירנ ניט דעם סוביעקטס טוונג, נאָר זײַנ צושטאנד אָדער אייגנשאפט; אָדער ווענ מע וויל דעם סוביעקט אידענטיפיצירנ (ווײַזנ די זעלביקײַט) מיט אנ אנדער זאכ, ווערט דער פּרעדיקאט אויסגעדריקט ניט דורכ א ווערב (זעט זײַט 82).

אפ אזא אופנ זעענ מיר: 1) עס זײַנענ פאראנ ווערבנ, וואָס זײַנענ פּרעדיקאטנ; 2) עס זײַנענ פאראנ ווערבנ, וואָס זײַנענ ניט קיינ פּרעדיקאטנ; 3) עס זײַנענ פאראנ פּרעדיקאטנ, וואָס זײַנענ אינ טאָכ ניט קיינ ווערבנ.

סכעמאטיש דארפ די באציִונג צווישנ ווערבנ אונ פּרעדיקאטנ אזוי פאָרגעשטעלט ווערנ:



דאָס הייסט, עס איז דאָ א קרײַז ווערבנ אונ א קרײַז פּרעדיקאטנ. דער גרעסטער טייל פונביידע קרײַזנ פאלט צונויפ. דאָס זײַנענ ווערבנ פּרעדיקאטנ. א טייל פונעם קרײַז ווערבנ געפינט זיכ ניט אינעם קרײַז פּרעדיקאטנ — דאָס זײַנענ ווערבנ ניט קיינ פּרעדיקאטנ; אונ א טייל פונעם קרײַז פּרעדיקאטנ געפינט זיכ ניט אינעם קרײַז ווערבנ — דאָס זײַנענ פּרעדיקאטנ ניט קיינ ווערבנ.

אָבער אויכ די דאָזיקע סכעמע איז ניט גאָר גענוי. וואָרעם פּרעדיקאטנ ניט קיינ ווערבנ קומענ אינ ייִדיש אונ אינ נאָכ פיל שפּראכנ דאָכ אָנ צו דער הילפ פונ ווערבנ; פּרעדיקאטנ ניט קיינ ווערבנ קומענ געוויינטלעכ מיט די הילפווערבנ „זײַנ" (בינ, ביסט, איז, זײַנענ, זײַט; בינ געווענ... וועל זײַנ...) אונ „ווערנ" (ווער, ווערסט... בינ געוואָרנ... וועל ווערנ...).

אשטייגער: 1. איכ בינ (ווער) שטרענג, א שטרענגער, אנ אינזשעניער.

2. דו ביסט (ווערסט) " " " "

אָנמערקונג: עס זײַנענ פאראנ שפּראכנ (רוסיש אשטייגער אונ אנדערע), וווּ פּרעדיקאטנ ניט קיינ ווערבנ קומענ אָפט אָנ הילפווערבנ.

אשטייגער: Я строг, я строгий, я инженер.

לויטנ באטײַט אונ לויט דער סטרוקטור טיילנ זיכ פּרעדיקאטנ אפ צוויי גרונט־טיפּנ: אפ ווערבאלע אונ נאָמינאלע. א ווערבאלער פּרע-

דיקאט איז אזא, וואָס קאָנסטאטירט דעם סוביעקטס טוּונג און איז אויסגעדריקט דורכ א ווערב. א נאָמינאלער פּרעדיקאט איז אזא, וואָס קאָנסטאטירט דעם סוביעקטס צושטאנד, אייגנשאפט, אידענטיש־קייט אָדער עפּעס אנדערש און איז אויסגעדריקט ניט דורכ א (זעלב־שטענדיקנ) ווערב.

אָנמערקונג: א פּרעדיקאט א פּאסיווער ווערב איז צווישנ די דאָ־זיקע צוויי טיפּנ — ער איז אי א ווערבאלער אי א נאָמינאלער.

א פּרעדיקאט באשטייט מערסטנס פונ א פּאָר אָדער פונ עטלעכע ווערטער. פונ איינ וואָרט באשטייט א פּרעדיקאט נאָר דאנ, ווענ ער איז אויסגעדריקט דורכ א ווערב אינ קעגנוואַרט (אָדער דורכ א באפעל־מאָדוס צווייטע פּערזאָנ) און דער ווערב איז אנ אקטיוער, ניט קיינ אָפּ־געכאפּטער, ניט קיינ באשרייביקער און אָנ א צוגאָב. אשטייגער: שרייב, לייענסט, דערציילט...

ווענ א פּרעדיקאט באשטייט פונ עטלעכע ווערטער (און דאָס טרעפט זייער אָפט), קאָנענ זיי קומענ, ווי מיר וויסנ, נאָכאנאנד און ניט נאָכאנאנד. אשטייגער:

1. די פאבריק וועט אויספּילנ דעם פּלאנ צו דער צייט.
2. די פאבריק וועט דעם פּלאנ אויספּילנ צו דער צייט.
3. די פאבריק וועט דעם פּלאנ צו דער צייט אויספּילנ.

דעריבער איז אלעמאָל, ווענ מע וויל אינ א זאצ אָפּזוכנ דעם פּרעדיקאט, דארפ מענ דעם זאצ ופמערקזאמ דורכלייענענ (אָדער אויסהערנ) פונ אָנ־הייב ביזנ סאָפּ, און די פּרעדיקאט-טיילנ, וואָס זיינענ אָפט צעשאָטנ צווישנ אנדערע זאצגלידער, דארפ מענ צונויפנעמענ אינ איינ גאנצער ווערטער־גרופּע — און דאָס וועט זיינ דער פּרעדיקאט. אשטייגער:

דער הימל האָט זיכ שוינ געהאט מיט פייכטע מוטנע
כמארעס גאָר-גאָר נידעריק איבערנ באנאכטיקנ סטעפּ אראָפּ־
געלאָזט (נאָטע לוריע).

אינעם דאָזיקנ זאצ באשטייט דער פּרעדיקאט פונ די ווערטער „האָט זיכ געהאט אראָפּגעלאָזט" — פונ א ווערב א רעפלעקסיוו אינ פאקטישנ מאָדוס אינ דער פריערדיקער פארגאנגענהייט דריטע פּערזאָנ איינצאָל.

37. פּרעדיקאטיווע מיטשטימונג

דער פּרעדיקאט שטימט געווייינטלעכ מיטנ סוביעקט אינ צאָל און אינ פּערזאָנ. די דאָזיקע מיטשטימונג דריקט זיכ אויס דורכ דעם פּערזאָניקנ ווערב. אשטייגער:



דאָ זעענ מיר, אז אויב דער סוביעקט איז אינ דריטער פערזאָנ אונ אינ איינצאָל, איז אויכ דער פרעדיקאט (דער פערזאָניקער ווערב) אינ דריטער פערזאָנ אונ אינ איינצאָל; אונ אויב דער סוביעקט איז אינ דריטער פערזאָנ אונ אינ מערצאָל, איז אויכ דער פרעדיקאט (דער פערזאָניקער ווערב) אינ דריטער פערזאָנ אונ אינ מערצאָל.

ווענ אלס א סוביעקט קומט א צונויפזאצ, שטימט דער פרעדיקאט (דער פערזאָניקער ווערב) מיטנ הויפט־טייל פונעם צונויפזאצ. אשטייגער:

1. די קינדער־שול אנטוויקלט זיכ מיט גיכע טעמפּנ.

2. די שול־קינדער אנטוויקלענ זיכ מיט גיכע טעמפּנ.

ווענ דער סוביעקט איז א צונויפזאצ פונעם טיפ „טאטע־מאמע, גאָפל־מעסער”, קאָנ דער פרעדיקאט (דער פערזאָניקער ווערב) זייַנ סײַ אינ איינצאָל אונ סײַ אינ מערצאָל. אשטייגער:

1. טאטע־מאמע קומט באלד צו פאָרנ.
2. טאטע־מאמע קומענ באלד צו פאָרנ.

ווענ דער פרעדיקאט איז א נאָמינאלער, שטימט מיטנ סוביעקט אינ צאָל ניט נאָר דער פערזאָניקער הילפווערב, נאָר אָפט אויכ דער גרונט־טייל פונעם פרעדיקאט. אשטייגער:

ער איז א יונגער — ער איז אנ אינטערעסאנטער
זיי זײַנענ יונגע — זיי זײַנענ אינטערעסאנטע

אונ אמאָל קאָנ אויכ בא א נאָמינאלנ פרעדיקאט שטימענ מיטנ סוביעקט בלויז דער פערזאָניקער הילפווערב. אשטייגער:

ער איז יונג — ער איז אינטערעסאנט
זיי זײַנענ יונג — זיי זײַנענ אינטערעסאנט

די מיטשטימונג פונעם פרעדיקאט מיטנ סוביעקט הייסט פרעדיקאטיווע מיטשטימונג.

דאָס, וואָס דער פרעדיקאט שטימט דורכנ פערזאָניקנ ווערב מיטנ סוביעקט אינ צאָל אונ אינ פערזאָנ, גיט אונדז די מעגלעכקייט גיכער אונ גרינגער אָפצוזוכנ אי דעם סוביעקט אי דעם פרעדיקאט. אשטייגער:

1. די ארבעטער שטיצנ די פארטיי.

2. די פארטיי אָרגאניזירט די ארבעטער.

1. די פארטיי שטיצנ די ארבעטער.

2. די ארבעטער אָרגאניזירט די פארטיי.[1]

[1] געוויינטלעכ קומענ די זאצגלידער אינ אזא סיידער ווי רעכטס, עס טרעפנ אָבער פאלנ, ווי מיר וועלנ שפּעטער זענ, אז ס'איז בעסער צו זאָגנ אזוי ווי אינ די לינקע זאצנ

סיַי רעכטס אונ סיַי לינקס דערקענענ מיר אלס סוביעקטנ אינעמ ערשטנ זאצ „די ארבעטער“ אונ אינעמ צווייטנ זאצ „די פארטיי“. דאָס איז דערפאר, וואָס דער ערשטער פרעדיקאט („שטיצנ“) איז אינ מערצאָל, זוכנ מיר דאָרט א סוביעקט אויכ אינ מערצאָל; אונ דער צווייטער פרעדיקאט („אָרגאניזירט“) איז אינ איינצאָל, פארשטייענ מיר, אז דאָ דארפ דער סוביעקט אויכ זיַינ אינ איינצאָל.

אפ אזא אויפנ קאָנ מענ איצט א ביסל פולער באשטימענ (פאָרמולירנ), וואָס איז אזוינס א סוביעקט:

א סוביעקט איז א וואָרט (אָדער א גרופע ווערטער),

1) וואָס וויַיזט אָנ אינ זאצ אפ דעמ טוער;
2) וואָס ענטפערט אפ דער פראגע „ווער“ אָדער „וואָס“;
3) וואָס ווענג דעמ קאָנסטאטירט עפעס דער פרעדיקאט;
4) וואָס מיט דעמ שטימט געווייַנטלעכ דער פערזאָניקער ווערב.

אָנמערקונג 1: אינ א זאצ מיט א נאָמינאלנ פרעדיקאט וויַיזט דער סוביעקט אָנ ניט אפ קיינ טוער, נאָר אפ אזא אָדער אזוינס, וואָס עס ווערט עפעס קאָנסטאטירט ווענג דעמס צושטאנד, אייגנשאפט, אידענטישקיַיט מיט א צווייטער זאכ אָדער עפעכ אנדערש. אשטייגער: דער ברודער איז ענערגיש, איז אנ ענערגישער, איז א הויז-פארוואלטער.

אָנמערקונג 2: אינ א זאצ מיט א ווערבאלנ פרעדיקאט, וואָס באשטייט פונ א פאסיוונ ווערב, האָט דער סוביעקט בלויז די לעצטע דריַי סימאָנימ, דעמ ערשטנ — ניט. אינ א זאצ מיט א פאסיוונ ווערב איז דער סוביעקט ניט קיינ פאקטישער טוער. אשטייגער: די רעזאָליוציע ווערט אָנגענומענ, די פראגע איז באטראכט געוואָרנ.

ווענ אינ א זאצ איז צווישנ דעמ סוביעקט אונ דעמ פרעדיקאט פאראנ א גרעסערע צאָל זאצנגלידער, מאכט מענ אָפט טאָעסנ מיט דער פרעדיקאטיווער מיטשטימונג. אשטייגער:

אזא צושטאנד פונ די קאָמיוגישע קעמערלעכ גיבנ:

די קלייקוידעש די מעגלעכקיַיט צו פירנ זייער שעדלעכע ארבעט.

דער שריַיבער פונ דעמ דאָזיקנ זאצ האָט אפאָנעמ פארגעסנ, וואָסער וואָרט איז דאָ דער סוביעקט, האָט באמ שריַיבנ דעמ פרעדיקאט אינ זינענ געהאט די לעצטע ווערטער „די קעמערלעכ“ אונ האָט געוויס דעריבער אָנגעשריבנ דעמ פרעדיקאט, דעמ פערזאָניקנ ווערב „גיבנ“, אינ מערצאָל. אָבער דער שריַיבער וויל געוויס זאָגנ, אז ניט „די קעמערלעכ“ גיבנ די קלייקוידעש די מעגלעכקיַיט צו פירנ זייער שעדלעכע ארבעט, נאָר אזא „צושטאנד פונ די קאָמיוגישע קעמערלעכ“, דעריבער דארפ אינעמ פריערדיקנ זאצ דער

פּרעדיקאַט זײַנען אין אײנצאָל. אַשטײגער: אַזאַ צוושטאַנד פֿון די קאָמיוגישע קעמערלעך גיט די קלײקוידעש...

נאָך אָפּטער איז מען ניט אויסגעהאַלטן מיט דער פּרעדיקאַטיווער מיט־שטימונג, ווען דער פּרעדיקאַט קומט פֿריִער, פֿאַרן סוביעקט. אַשטײגער אינעם זאַץ „עס קומט אָן פֿון אַלע קאַנטן בריוו" — איז דער סוביעקט („בריוו") אין מערצאָל[1], און דער פּרעדיקאַט („קומט אָן") איז אין אײנצאָל. אַזאַ ניט אויסגעהאַלטנקײט נעמט זיך אָפּט דערפֿון, וואָס אָנהײבנדיק ריידן אָדער שרײַבן, קלערט מען ניט גענוג קאָנקרעט וועגן דעם סוביעקט. די פּרעדיקאַטיווע מיטשטימונג דאַרף מען אויך אין אַזעלכע פֿאַלן אָפּהיטן און זאָגן אַזוי: עס קומען אָן פֿון אַלע קאַנטן בריוו.

3. סובסטאַנטיוו

38. סובסטאַנטיוו

אין אַ זאַץ, האָבן מיר געזען, איז געוויינטלעך פֿאַראַן אַ ווערב אָדער עטלעכע ווערבן. נאָך מער ווי ווערבן זײַנען אין אַ זאַץ געוויינטלעך פֿאַראַן סובסטאַנטיוון. אַ סובסטאַנטיוו באַטײַט אַ זאַך אָדער אַזוינס, וואָס מע מט עס אויף ווי אַ זאַך, און קאָן אין זאַץ האָבן פֿאַרשיידענע פֿונקציעס:

1) ער קאָן קומען אַלס אַ סוביעקט אָדער אָביעקט. אַשטײגער: אַ דאָקטער איז געקומען; איך האָב גערופֿן אַ דאָקטער;

2) ער קאָן קומען מיט די הילפֿווערבן „זײַן, ווערן" אַלס אַ (נאָמינאַלער) פּרעדיקאַט, קעדיי צו אידענטיפֿיצירן (ווײַזן די זעלביקײט פֿון) דעם סוביעקט מיט אַן אַנדער זאַך. אַשטײגער: דער ברודער איז אַ דאָקטער; דער ברודער איז אַ קאָמוניסט[2];

3) ער קאָן קומען אין אַ ריי אַנדערע פֿאַלן, אויספֿילנדיק גאַנץ פֿאַרשיידענע פֿונקציעס. אַשטײגער:

---

1 אין אײנצאָל וואָלט געווען „אַ בריוו".

2 „אידענטיפֿיצירן, אידענטישקײַט" דאַרף מען ניט פֿאַרשטיין, אַז עס פֿאַלט אַבסאָליוט צונויף. אַזאַ זאַץ, ווו דער סוביעקט פֿאַלט צונויף מיטן פּרעדיקאַט, איז געוויינטלעך ניט מער ווי פֿלאַפּלערײַ — אַזאַ זאַץ זאָגט געוויינטלעך גאָרנישט. אַשטײגער: אַ מענטש איז אַ מענטש, ערד איז ערד אאַוו. אידענטישקײַט, זאָגט ענגעלס, אַנטהאַלט אין זיך אויך אַן אונטערשייד; אָט „דער פֿאַקט, אַז אידענטישקײַט אַנטהאַלט אין זיך אַן אונטערשייד, איז אויסגעדריקט אין יעדן זאַץ, ווו דער פּרעדיקאַט שיידט זיך אומפֿאַרמײַדלעך אונטער פֿונעם סוביעקט. אַ ליליע איז אַ געוויקס. אַ רויז איז רויט: דאָ איז אָדער אין סוביעקט אָדער אין פּרעדיקאַט פֿאַראַן (אַן אונטערשייד) עפּעס אַזוינס, וואָס דעקט זיך ניט מיטן פּרעדיקאַט אָדער סוביעקט" (ענגעלס).

אָנמערקונג: עס זײַנען פֿאַראַן פֿאַלן, ווען אַזעלכע זאַצן ווי „אַ מענטש איז אַ מענטש" זאָגן אויך עפּעס. דאָס איז דאַן, ווען אינעם סוביעקט ווערט אַרײַנגעלייגט אַ קאָנקרעטער, אַ ספּעציִעלער באַטײַט און אינעם פּרעדיקאַט — אַן אַבסטראַקטער, אַן אַלגעמיינער באַטײַט. אַשטײגער: וועלכער מענטש שטעלט זיך אַנידער קלערן, ווער ער איז? אַ מענטש איז אַ מענטש! (פּערעץ).

יעדער אקטיוויסט פונעם ראטנלאנד דארף פאר־
בינדן זײַן ארבעט אין אלע געביטן פון דער בויונג
מיט דער פערספעקטיוו פון אויסבויען א סאָציאליסטישע
געזעלשאפט.

די ווערטער „אקטיוויסט, ראטנלאנד, ארבעט, געביטן, בויונג, פערספעקטיוו, געזעלשאפט" — זײַנען סובסטאנטיוון און פילן אויס אזויפיל פארשיידענע פונקציעס. אָבער אין די אלע פאלן, אויספילנדיק אזויפיל און אזעלכע פארשיידענע פונקציעס, בלײַבט דער סובסטאנטיוו פאָרט דאָס, וואָס ער איז: ער באטײַט א זאך אָדער אזוינס, וואָס מע נעמט עס אוף ווי א זאך, און האָט, ווי מיר וועלן באלד געוויער ווערן, א באשטימטן סכום אייגנשאפטן און סימאָנים.

אין יידיש ווי אין נאָך פיל שפראכן קומען די סובסטאנטיוון געוויינטלעך מיט ארטיקלען — מיט די הילפווערטער „א (אן), דער, די, דאָס (דעם)" אָדער „קיין" (זעט זײַט 50).

אָנמערקונג: עס זײַנען פאראן סובסטאנטיוון, וואָס מיט ארטיקלען קומען זיי זייער זעלטן אָדער גאָרניט. דאָס זײַנען מערסטנס די, וואָס רופן אָן נעמען (מוישע, מאָסקווע...), פאמיליעס (ליפשיץ, אבראמאָוויטש...), שטאָפן (מילך, גאָלד, געוואנט...) און אייניקע אנדערע[1].

די ארטיקלען קאָנען זיך געפינען הארט לעבן די סובסטאנטיוון אָדער קאָנען זיך געפינען גאנץ ווײַטלעך פון זיי. אָבער אין אלע פאלן געהערן זיי צו די סובסטאנטיוון. אשטייגער:

1. דער באריכט האָט פארכאפט.
2. דער אינטערעסאנטער באריכט האָט פארכאפט.
3. דער ביז גאָר אינטערעסאנטער באריכט האָט פארכאפט.

א סובסטאנטיוו איז א וואָרט, 1) וואָס באטײַט א זאך אָדער אזוינס, וואָס מע נעמט עס אוף ווי א זאך; 2) וואָס איז אָדער קאָן זײַן א סוביעקט אָדער אָביעקט; 3) וואָס קומט אָדער קאָן קומען מיט אן ארטיקל.

[1] אָן אן ארטיקל קומט אָפט ניט נאָר אן אייגן־נאָמען אָדער א שטאָפנאָמען, נאָר אמאָל אויך בכלל א סובסטאנטיוו. אשטייגער:

אין בעט — אין שטילן צימער קעגנאיבער דעם גרויסן זאל — איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן ווייניקער טאטע (בערגעלסאָן).

דאָ איז דער סובסטאנטיוו „טאטע" אָן אן ארטיקל מיסטאמע דערפאר, ווײַל בערגעלסאָן וויל עס דאָ פאָרשטעלן אלס א „שטאָף"־נאָמען.

אַנמערקונג: אלס סובסטאנטיוונ קומענ אמאָל אויכ ווערטער, וואָס אנ אונ פאר זיכ זײַנענ זיי ניט קיינ סובסטאנטיוונ, נאָר אינ געוויסע פאלנ קומענ זיי מיט אנ ארטיקל, פילנ אויס א פונקציע פונ א סוביעקט אָדער אָביעקט אונ באטײַטנ אפ אזא אופנ פארזאכלעכטקײַט — ווערנ סובסטאנטיווירט. אשטייגער: דאָס אייבערשטע געפעלט מיר, דאָס אונטערשטע איז צו געדיכט.

איינע אונ די זעלבע ווערטער קאָנענ אינ איינ פאל זײַנ סובסטאנטיוונ אונ אינ א צווייטנ פאל ווערבנ. אשטייגער:

1. איכ גיי קויפנ א זעג.	1. איכ זעג שוינ ניט שלעכט.
2. איכ ענדיק שוינ די ארבעט.	2. איכ ארבעט מיטנ ברודער.

אינ די רעכטע זאצנ זײַנענ די ווערטער „זעג, ארבעט“ סובסטאנטיוונ אונ קומענ דאָ אינ דער פונקציע פונ אָביעקטנ. אינ די לינקע זאצנ זײַנענ די ווערטער „זעג, ארבעט“ ווערבנ (פערזאָניקע) אונ קומענ אינ דער פונקציע פונ פרעדיקאטנ.

ווי עס ווײַזט אָנ דער באוווסטער שפראכפאָרשער דער אקאדעמיקער מאר, זײַנענ ווערבנ ביכלאל אנטשטאנענ פונ סובסטאנטיוונ. אונ אויב אינ דער אָדער אינ יענער שפראכ זײַנענ פאראנ ווערטער, וואָס באטײַטנ אי ווערבנ אי סובסטאנטיוונ, איז ניט די סובסטאנטיוונ האָבנ זיכ גענומענ פונ די ווערבנ, נאָר פארקערט — די ווערבנ פונ די סובסטאנטיוונ.

אָבער אזעלכע ווערטער זײַנענ ניט פיל. געוויינטלעכ געהערט צומ קלאס סובסטאנטיוו איינ גרופע ווערטער אונ צומ קלאס ווערב — גאָר אנ אנדער גרופע. אונ ווענ מיר זעענ פאר זיכ אשטייגער אזא צופעליקע ריי ווערטער ווי „טעג, לופט, פארשרײַבנ, רעגירונג, אָניאָגנ, קרײַזנ, געשעענישנ, דורכגעפירט, באקומענ, פאָרלייגנ“ — איז אונדז גאנצ לײַכט צו זאָגנ, אז מיר האָבנ דאָ פינפ סובסטאנטיוונ אונ פינפ ווערבנ. (געפינט זיי).

סובסטאנטיוונ זײַנענ (אויכ ווי ווערבנ) פאראַנ גרונטיקע אונ אויסגעבילדעטע. אשטייגער:

גרונטיקע		אויסגעבילדעטע	
וואנט	לופט	שרײַבער	אלטוואַרג
צימער	וואָרט	בויונג	וויסנשאפט

סובסטאנטיוונ קאָנענ מיט דער הילפ פונ די אָדער יענע אפיקסנ געבילדעט ווערנ גופע פונ סובסטאנטיוונ, פונ ווערבנ אָדער פונ ווערטער, וואָס געהערנ צו אנדערע וואָרטקלאסנ. אשטייגער:

מארקס < יסט, יזמ

טו < ונג, עכצ

גלײַכ < הײַט, קײַט

אייגנ < טומ, שאפט

די סובסטאנטיוונ „מארקסיסט, מארקסיזמ“ זײַנענ געבילדעט פונעמ סובסטאנטיוו „מארקס“; די סובסטאנטיוונ „טוונג, טועכצ“ זײַנענ געבילדעט פונעמ ווערב „טו“; אונ די סובסטאנטיוונ „גלײַכהײַט, גלײַכקײַט, אייגנטומ, אייגנשאפט“ זײַנענ געבילדעט ניט פונ קיינ סובסטאנטיוונ, ניט פונ קיינ ווערבנ, נאָר פונ ווערטער, וואָס געהערנ צו אנ אנדער וואָרטקלאס.

אונ אזוי איז עס אלעמאָל: ווענ א וואָרט באקומט א סופיקס „יסט, יזמ, ונג, עכצ, הײַט, קײַט, טומ, שאפט, אציע" (רעגיסטראציע) אונ א רײ אנדערע — איז עס אומבאדינגט א סובסטאנטיוו, כאָטש דאָס דאָזיקע וואָרט אָנ דעמ סובסטאנטיווישנ סופיקס מעג זײַנ זייער ווײַט פונ א סובסטאנטיוו.

די ווערטער „בונד, גרוס, דונג, דרוק, ווונטש, ווונק, זונג, טרונק, נוצ, קלונג, שוצ, שלונג, שלוס, שפרונג" דארפ מענ ארויסברענגענ מיט „ו", ווענ זיי זײַנענ **סובסטאנטיונ**, אונ מיט „י", ווענ זיי זײַנענ **ווערבנ**. אשטייגער: איכ מאכ א בונד — איכ בינד; איכ הער א קלונג — איכ קלינג[1].

אָבער סובסטאנטיוונ מיטנ סופיקס „ערײַ" האָבנ אינ וואָרצל דעמ זעלבנ וואָקאל („ו" אָדער „י"), וואָס דער ווערב. אשטייגער: איכ הער א קלונג — איכ קלינג — איכ הער א קלינגערײַ.

מע דארפ זאָגנ אונ שרײַבנ „בויגנ, גלויבנ, טויט, נויט", ווענ די דאָזיקע ווערטער זײַנענ **סובסטאנטיונ**, אונ „בייגנ, גלייבנ, טייט, נייט", ווענ זיי זײַנענ **ווערבנ**. אשטייגער: א **בויגנ** פאפיר — **בייגנ**, **פארבייגנ**, **אויסבייגנ** דאָס פאפיר.

מע דארפ זאָגנ אונ שרײַבנ „בייגונג, גלייבונג" — מיט „יי" אונ ניט מיט „וי", וואָרעמ א סובסטאנטיוו מיטנ סופיקס „ונג" בילדעט זיכ ניט פונ קיינ סובסטאנטיוו, נאָר פונ א ווערב[2].

39. איינצאָל אונ מערצאָל

די מערהײַט סובסטאנטיוונ קאָנענ קומענ אינ איינצאָל אונ אינ מערצאָל. אשטייגער: א טיש — טישנ, א פעלד — פעלדער. אייניקע סובסטאנטיוונ קאָנענ קומענ נאָר אינ **מערצאָל**. אשטייגער: ייִסורימ, הייוונ, עלטערנ. אונ אייניקע קומענ מערסטנס נאָר אינ **איינצאָל**. אשטייגער: ערד, גאָלד, מוסער.

אָנמערקונג 1: אזעלכע סובסטאנטיוונ ווי „ערד, גאָלד" אונ אנדערע **סובסטאנטיונ שטאָפנ** קאָנענ קומענ אויכ אינ מערצאָל, צו ווײַזנ באזונדערע געגנשטאנדנ. אשטייגער: עטלעכע ערדנ, עטלעכע גאָלדנ[3].

סובסטאנטיוונ **מערצאָל** דארפ מענ ניט צונויפמישנ מיט סובסטאנטיוונ **זאמלווערטער**. אשטייגער די ווערטער „מאכנע, פאָלק, אוילעמ,

1 „דרוק" איז פאראנ א ווערב אויכ. אשטייגער: איכ **דרוק** ביכער. אָבער: איכ **דריק** די האנט, איכ **דריק** דאָס קנעפל.

2 פונ א סובסטאנטיוו איז מיטנ סופיקס „ונג" געבילדעט בלויז דאָס וואָרט „צײַטונג".

3 די **ערדנ** צעטיילט זיי — אונ ווידער אינ וועג (כאריק).
אינ זאנגישע **גאָלדנ** זיכ טוקנ פלעקנ פונ ציצ (ציט) (האָפשטיינ).

מערהייַט, פּויערטום" אונ אנדערע זייַנענ ניט קיינ סובסטאנטיוונ מערצאָל, נאָר סובסטאנטיוונ זאמלווערטער איינצאָל. סובסטאנטיוונ מערצאָל קאָנענ געוויינטלעכ צעלייגט ווערנ אפּ סובסטאנטיוונ איינצאָל. אשטייגער: מענטשנ — א מענטש, טישנ — א טיש. אָבער סובסטאנטיוונ זאמלווערטער באַטייַטנ א גרופּע, א קאָלעקטיוו פונ געגנשטאנדנ אָדער פונ מענטשנ, וואָס ווערט באטראכט אלס איינ גאנצעס אונ וואָס קאָנ אפּ סובסטאנטיוונ איינצאָל ניט צעלייגט ווערנ (ווייַל עס איז איינצאָל). אשטייגער: א מאכנע, א פּאָלק, אנ אוילעמ...

אָנמערקונג: אייניקע סובסטאנטיוונ זאמלווערטער קאָנענ קומענ אויכ אינ מערצאָל. אשטייגער: מאכנע — מאכנעס, פּאָלק — פּעלקער...

ווענ סובסטאנטיוונ מערצאָל קומענ אלס סובּיעקטנ, ציִענ זיי צו זיכ א פּערזאָניקנ ווערב אינ מערצאָל. ווענ סובסטאנטיוונ זאמלווערטער קומענ אלס סובּיעקטנ, ציִענ זיי צו זיכ א פּערזאָניקנ ווערב אינ איינצאָל אונ יאמאָל אויכ אינ מערצאָל. אשטייגער:

סובסטאנטיוונ מערצאָל	סובסטאנטיוונ זאמלווערטער
מענטשנ שטייענ הינטער דער טיר.	כעוורע שטייט הינטער דער טיר (פּערעצ).
מענטשנ שארנ זיכ ארייַנ צו מאָטעלענ.	כעוורע שארנ זיכ ארייַנ צו מאָטעלענ (ווייַסנבערג).

אָנמערקונג: מע דארפ אָבער אויסמייַדנ אזעלכע פאלנ פונ מיטשטימונג, ווי אינעמ זאצ „גאנצ פּוילנ בענטשט זיכ אינ אימ אונ ווינטשנ זיכ אזוינע קינדער ווי ער" (לינעצקי). דאָ הענגענ אָפּ ביידע פּערזאָניקע ווערבנ פונ איינעמ אונ דעמ זעלבנ סובסטאנטיוו, דעריבער איז גלייַכער צו זאָגנ אונ שרייַבנ „בענטשט זיכ" אונ „ווינטשט זיכ" אָדער „בענטשנ זיכ" אונ „ווינטשנ זיכ".

סובסטאנטיוונ מערצאָל בילדעט מענ אינ ייִדיש פונ סובסטאנטיוונ איינצאָל אפּ איינעמ פונ די פאָלגנדיקע אויפאנימ:

1) מע ברענגט דעמ סובסטאנטיוו ניט געענדערטערהייט, נאָר אָנעמ ארטיקל „א" אָדער מיטנ ארטיקל „די" (מערצאָל). אשטייגער: א בריוו — בריוו; אנ עפּל — עפּל; דאָס פערד — די פערד.

2) עס קומט צו איינער פונ די סופיקסנ „(ע)נ, ס, עס, ער, ימ, (ע)כ". אשטייגער:

מענטש—מענטשנ	טאטע—טאטעס	ליד—לידער	אייניקל—אייניקלעכ
פרוי—פרויענ	כוויו—כוויוועס	פויער—פויערימ	ייִנגעלע—ייִנגעלעכ

3) עס קומט פאַר א קלאַנגענבײַט אינעם סובסטאַנטיוו. אשטייגער: קאָפּ — קעפּ; וואַנט — ווענט; ברודער — ברידער.

4) עס קומט צו א סופיקס און עס קומט אויך פאַר א קלאַנגענבײַט. אשטייגער: דאַך — דעכער; מויל — מײַלער; כוידעש — כאַדאָשים.

אָנמערקונג 1: דער אַרטיקל „א" (אַן) שטאַמט פונעם וואָרט „איינ" — א בריוו — איין בריוו; אַן עפּל — איין עפּל. „א" (אַן) קאָן אַמאָל קומען אויך בא א סובסטאַנטיוו מערצאָל. אשטייגער: איך וועל דאָרט פאַרברענגען א וואָכן צוויי, א כאַדאָשים דרײַ. אין אַזעלכע פאַלן מאַכט דער „א" (אַן) די צאָל (צוויי, דרײַ), וואָס איז דאָ אָנגערופן, פאַר ניט פעסט, פאַר לערעכדיק (ניט צוויי וואָכן, נאָר א וואָכן צוויי).

אָנמערקונג 2: איינס און דאָס זעלבע וואָרט קאָן אין איין שפּראַך זײַן איינצאָל און אין א צווייטער שפּראַך מערצאָל. אשטייגער דאָס וואָרט „פּאָנעם" איז אין ייִדיש איינצאָל (אָן א סופיקס) און אין העברייִש — מערצאָל (מיט א מערצאָליקן סופיקס „ים").

אָנמערקונג 3: אין איין דיִאַלעקט קאָן אַמאָל א סובסטאַנטיוו מערצאָל געבילדעט ווערן אויף איין אופן און אין א צווייטן דיִאַלעקט אויף אַן אַנדער אופן. אשטייגער: צאָן — ציין, ציינער; שטוב — שטיבער, שטובן; צונג — צינגער, צונגען.

אָנמערקונג 4: א סובסטאַנטיוו, וואָס האָט פאַרשיידענע באַטײַטן, קאָן אָפט אין מערצאָל פאַר פאַרשיידענע באַטײַטן פאַרשיידן געבילדעט ווערן. אשטייגער: א הויז — הייזער (צום אָנטאָן), הײַזער; א שטערן — שטערן (אין הימל), שטערנס (אויף פּאָנעם); זון — זין (קינדער), זונען (שײַנט ווי זיבן זונען).

אָנמערקונג 5: בא סובסטאַנטיוון, וואָס ענדיקן זיך מיט „נג" אָדער „נק", איז דער סופיקס אין מערצאָל, פּונקט ווי בא אייניקע אַנדערע גרופּעס ווערטער (יאַם — יאַמען; ריי — רייען), ניט „ן", נאָר „ען". אשטייגער: מיינונג — מיינונגען; געזאַנג — געזאַנגען; געדאַנק — געדאַנקען.

אויסער צאָלפאָרמעס קאָנען א ריי סובסטאַנטיוון האָבן אויך פאָרמעס פון פאַרקלענערונג, פון פאַרגרעסערונג, פון צערטלעכקײַט, פון פאַראַכטונג און אַנדערע. אשטייגער: אויג — אייגן, אייגעלעך, אויגאַנעס; שטיוול — שטיוועלעך, שטיוואַלעס; טאַטע — טאַטעניו, טאַטעשי, טאַטינקע; מיידל — מויד (מאַד) — מוידורע; ייִנגל — יונג — יונגאַטש.

מע דאַרף זאָגן און שרײַבן מיט „ו" די סובסטאַנטיוון „בוך, בלום, ברוסט, גרוב, הויט, הונט, הונט, טוך, יונג, נוס, פּוס, פוקס, צונג, קו, קנופּ, קרוין, רוט, שוך, שטוב, שנור". ווען זיי באַטײַטן איינצאָל אָדער ווען זיי באַקומען א סופיקס „(ע)ן" (מערצאָל). אָבער זיי דאַרפן זײַן מיט „י", ווען זיי באַקומען א סופיקס „ער" (מערצאָל) אָדער „ל, על" (פאַרקלענערונג) אָדער ווען זיי באַטײַטן מערצאָל אָן א סופיקס. אשטייגער:

בוך — ביכער, ביכל, ביכעלע
בלום — בלומענ, בלימל, בלימעלע
גרוב — גריבער (גרובנ), גריבל, גריבעלע

הונט — הינט, הינטל, הינטעלע
יונג — יונגענ, ייִנגל, ייִנגעלע
שטוב — שטיבער (שטובנ), שטיבל, שטיבעלע

מע דארפ זאָגנ אונ שרײַבנ: ברודער (אייִנצאָל), ברידער (מערצאָל), ברודערל; זונ (אייִנצאָל), זינ, זונענ (מערצאָל), זונעלע, זינדל (זונדל).

מע דארפ זאָגנ אונ שרײַבנ: בוימ — ביימער, ביימל, ביימעלע; אויג — אויגנ, אייגל, אייגעלע; אויוונ—אויוו.ס, אייוועלע; הויפ—הויפנ (הייפ), הייפל; פויגל — פויגלענ (פייגל), פייגעלע; ברויט— ברויטנ [1], ברייטל; א פלוי — פליי (מערצאָל).

מע דארפ זאָגנ אונ שרײַבנ: רײַכטומ, הייליקטומ — רײַכטימער, הייליק-טימער; אונ אויכ: אייגנטומ — אייגנטימער (אייגנטומ־באַזיצער).

בא סובסטאנטיוונ מיט א „נ" צומ סאָפ (ביינ, צאָנ...) קומט פאר די פארקלענער-סופיקסנ „ל, עלע" ארײַנ א „ד". אשטייגער: ביינדל, ביינדעלע; ציינדל, ציינדעלע. אונ בא סובסטאנטיוונ מיט א „ל" צומ סאָפ (מיל, שפיל...) קומט פאר די דאָזיקע סופיקסנ ארײַנ א „כ". אשטייגער: מילכל, מילכעלע; שפילכל, שפילכעלע (אונ ניט „מילעכל, שפילעכל", ווי מע זאָגט אינ פיל ערטער).

40. מינ

די סובסטאנטיוונ ווערנ אינ ייִדיש אײַנגעטיילט אינ דרײַ מינימ: ערשטער, צווייטער אונ דריטער. אשטייגער:

ערשטער מינ: דער ברודער, דער כאַווער, דער טיש, דער פלאנ, דער קאָמוניזמ...

צווייטער מינ: די שוועסטער, די כאַווערטע, די וואנט, די רעגי-רונג, די קאָמונע...

דריטער מינ: דאָס ייִנגל, דאָס מיידל, דאָס טישל, דאָס לעבנ, דאָס פאָלק...

צומ ערשטנ מינ געהערנ סובסטאנטיוונ, וואָס קומענ, ווענ מע רופט זיי אָנ, מיטנ ארטיקל „דער". צומ צווייטנ מינ געהערנ סובסטאנטיוונ, וואָס קו-מענ, ווענ מע רופט זיי אָנ, מיטנ ארטיקל „די". צומ דריטנ מינ גע-הערנ סובסטאנטיוונ, וואָס קומענ, ווענ מע רופט זיי אָנ, מיטנ ארטיקל „דאָס".

א סובסטאנטיוו, וואָס האָט פארשיידענע באטײַטנ, קאָנ אָפט געהערנ צו פארשיידענע מינימ. אשטייגער: דער זונ — די זונ; דער עלטער (ווי אלט — (возраст — די עלטער (אלטקײַט (старость).

---

[1] מיר זײַנענ געגאנגענ אונ ברויטנ געטראָטנ אונ דערפער געברענט (פעפער).

אינ ייִדיש זײַנענ פאראנ דיִאלעקטנ (א מינדערהײַט), וואָס דיפערענצירנ די סובסטאנטיווג נאָר לויט צוויי מינימ (דער טיש, דער טישל — די וואנט, די ווענטל), אונ ס'זײַנענ פאראנ אזעלכע דיִאלעקטנ (א מערהײַט), וואָס דיפערענצירנ לויט דרײַ מינימ (דער טיש — די וואנט — דאָס טישל, דאָס ווענטל). אינ דער ליטעראַרישער שפראכ איז אָנגענומענ צו דיפערענצירנ לויט דרײַ מינימ.

עס זײַנענ פאראנ סובסטאנטיווג, וואָס אינ אײניקע דיִאלעקטנ געהערנ זיי צו אײנ מינ אונ אינ אנדערע צו א צווייטנ, אָבער אינ דער ליטעראַטור איז זייער מינ באשטימט. אשטייגער:

צומ צווייטנ מינ (מיטנ ארטיקל „די") געהערנ סובסטאנטיווג מיטנ סופיקס:

1) „— הײַט": מערהײַט, מינדערהײַט, פרײַהײַט, גלײַכהײַט, שײנהײַט...;

2) „— קײַט": שײנקײַט, דרייסטקײַט, לײַכטקײַט, גרינגקײַט, שטרענגקײַט...;

3) „— ונג": פארזאמלונג, מײנונג, בליִונג, אָנפירונג, אנטוויקלונג...;

4) „— ערײַ": שנײַדערײַ, שטעפערײַ, בעקערײַ, לערערײַ, בארימערײַ...;

5) „— (ע)ניש": פינצטערניש, אָנשיקעניש, קלעמעניש, באדערפעניש, רײַסעניש...;

6) „— שאפט": געזעלשאפט, ווירטשאפט, קלוגשאפט, וויסנשאפט, ענגשאפט..

צומ דריטנ מינ (מיטנ ארטיקל „דאָס") געהערנ סובסטאנטיווג מיטנ סופיקס:

1) „— טומ": פויערטומ, ייִדנטומ, קריסטנטומ, אײגנטומ, הייליקטומ...;

2) „— ווארג": רויווארג, אלטווארג, יונגווארג, גרינווארג, פוטערווארג...;

3) „— טל": דריטל, פערטל, פינפטל, זעקסטל, זיבעטל...[1];

4) „— ל, עלע" (פארקלענער-פאָרמע): טישל, ווענטל, ייִנגל, מיידל, מענטשל... ; טישעלע, ווענטעלע, ייִנגעלע, מיידעלע, מענטשעלע...

אָנמערקונג: ניט אלע ווערטער, וואָס ענדיקנ זיכ מיט א „ל", זײַנענ אינ א פארקלענער-פאָרמע. אשטייגער די ווערטער „שפיגל, מאנטל, שליסל" אונ פיל אנדערע זײַנענ ניט אינ קײנ פארקלענער-פאָרמע, זיי געהערנ ניט צומ דריטנ מינ, אָבער „שפיגעלע, מאנטעלע, שליסעלע, שלעסל" זײַנענ פונ דריטנ מינ.

דער מינ פונ א צונויפזאצ ווערט געוויינטלעכ באשטימט לויטנ הויפט-טייל. אשטייגער:

דער וואנטזייגער — **דער** צײַטונג-ארבעטער — **די** פארטיי-צײַטונג

די זייגער-פאבריק — **די** ארבעטער-צײַטונג — **דאָס** פארטיי-קעמערל

---

1 וועגנ דאָזיקנ סופיקס איז גערעדט אפ זײַט 66.

אָנמערקונג: עס טרעפנ אויכ אויסנאמענ פונעמ דאָזיקנ קלאל. אשטייגער: דאָס יאָר — דער פינפיאָר; די היימ — דער (די) קינדערהיימ; די צײַט — דער (די) יאָרצײַט.

סובסטאנטיוונ, וואָס באטײַטנ וועזנס פונ מענלעכנ געשלעכט, געהערנ געוויינטלעכ צומ ערשטנ מינ. אשטייגער: דער ברודער, דער כאוער, דער אָקס. סובסטאנטיוונ, וואָס באטײַטנ וועזנס פונ ווײַבלעכנ געשלעכט, געהערנ געוויינטלעכ צומ צווייטנ מינ. אשטייגער: די שוועסטער, די כאווערטע, די קו. אונ דאָכ דארפ מענ דעמ באגריפ „מינ“ ניט צונויפמישנ מיטנ באגריפ „געשלעכט“. אונ אָט פארוואָס:

1) ווענג געשלעכט קאָנ מענ ריידנ נאָר בא לעבעדיקע ווענזס (אנ „ער“, א „זי“), אונ די אָנגעהעריקײַט צו אזא אָדער צו אנ אנדער מינ איז אינ א ריי שפּראכנ פאראנ בא אלע סובסטאנטיוונ — בא די, וואָס באצייכענענ ניט קיינ לעבעדיקע זאכנ אויכ. אשטייגער: דער טיש, די וואנט, דאָס שטיבל.

2) געשלעכטנ זײַנענ פאראנ צוויי; מינימ זײַנענ פאראנ אינ א ריי שפּראכנ דרײַ, אינ א ריי שפּראכנ צוויי, אונ אינ פיל שפּראכנ איז ביכלאל ניטאָ קיינ מינ־אונטערשייד צווישנ סובסטאנטיוונ, ווי אשטייגער אינ ייִדיש בא סובסטאנטיוונ מערצאָל: די טישנ, די ווענט; די גרויסע טישנ, די גרויסע ווענט.

3) איינער אונ דער זעלבער געגנשטאנד קאָנ אינ פארשיידענע שפּראכנ (אונ אָפּט אפילע אינ פארשיידענע דיִאלעקטנ פונ איינער אונ דער זעלבער שפּראכ) אָנגערופנ ווערנ מיט כובסטאנטיוונ, וואָס געהערנ צו פארשיידענע מינימ. אשטייגער: דער קאָפּ — די קאָפּ; די נאָז — דער נאָז.

4) סובסטאנטיוונ, וואָס רופנ אָנ געגנשטאנדנ פונ איינ געשלעכט, קאָנענ געהערנ צו פארשיידענע מינימ; אונ סובסטאנטיוונ, וואָס רופנ אָנ געגנשטאנדנ פונ פארשיידענע געשלעכטנ, קאָנענ געהערנ צו איינ מינ. אשטייגער: די פרוי — דאָס ווײַב; דאָס ייִנגל — דאָס מיידל.

אלזאָ: „מינ“ אונ „געשלעכט“ זײַנענ פארשיידענע דערשײַנונגענ.

די אָנגעהעריקײַט פונ דעמ אָדער יענעמ סובסטאנטיוו צו דעמ אָדער צו יענעמ מינ האָט (לויט דער מיינונג פונעמ באוווסטנ שפּראכפאָרשער דעמ אקאדעמיקער מאר) אינ דער אור־אלטער געזעלשאפט כאראקטעריזירט ניט די נאטור פונ די ווערטער גופע, נאָר די נאטור פונ דעמ אָדער יענעמ סאָציאלנ קאָלעקטיוו, וואָס צו אימ האָט געהערט דער געגנשטאנד, וועלכער ווערט מיטנ וואָרט באצייכנט. אשטייגער דער ארטיקל „די“, וואָס האָט אינ א פריִער־דיקער סטאדיע באטײַט בלויז א סימענ פונ מערצאָל, האָט שפּעטער גענומענ באטײַטנ אויכ א סימענ פונ די געגנשטאנדנ, וואָס געהערנ צומ מאטריארכאל אָרגאניזירטנ קאָלעקטיוו (פרויענ־געזעלשאפט)[1]. דאָרט, ווו די געזעלשאפט איז באשטאנענ פונ צוויי אנטאגאָניסטישע [קעגנזעצלעכע] גרופּעס (מענער, פרויענ), האָבנ די סובסטאנטיוונ געהערט צו צוויי מינימ; אונ דאָרט, ווו זי איז באשטאנענ פונ דרײַ גרופּעס (מענער—פרויענ—קינדער), האָבנ זיכ אויס־

---

1 אינ דער אוראלטער געזעלשאפט איז א לאנגע צײַט געווענ אזוי: „דער מאנ האלט מילכאָמע, גייט אפ יאגד אונ פישפאנג, שאפט (באקומט) רוישטאָפּ פאר דערנערונג (עסנ) אונ די נייטיקע געצײַג דערצו. די פרוי באזאָרגט דאָס הויז אונ די צוגרייטונג פונ עסנ אונ קליידונג, קאָכט, וועבט, נייט. יעדערער פונ זייביידנ איז א באלעבאָס אינ זײַנ געביט: דער מאנ אינ וואלד, די פרוי אינ הויז. יעדערער איז אנ אייגנטימער פונ די געצײַג, וואָס ער האָט צוגעגרייט אונ וואָס ער ניצט: דער מאנ — פונ געווער, פונ יאגד־ אונ פישפאנג־געצײַג, די פרוי — פונ שטובזאכנ. די הויזווירטשאפט איז קאָמוניסטיש פאר עטלעכע, אָפּט פאר פיל מישפּאָכעס“ (ענגעלס).

געבילדעט דרײַ מינים. און אין א ריי שפּראַכן האָט זיך די דאָזיקע סאָציאַלע דיפערענציאַציע אין א ספּעציעלער מין־קאַטעגאָריע ניט אָפּגעשפּיגלט, אָדער די דאָזיקע אָפּשפּיגלונג איז פון א ריי שפּראַכן שוין פאַרשוווּנדן 1.

41. סובסטאַנטיוון אַלס סוביעקטן און אָביעקטן און זייערע פאָרמעס

סובסטאַנטיוון, ווי ס'איז שוין געווען אָנגעוויזן, קומען מערסטנס אַלס סוביעקטן און אָביעקטן (און אַלס אייניקע אַנדערע זאַצגלידער). *אָביעקטן* זײַנען פאַראַן צווייערליי: 1) *דירעקטע* און 2) *אומדירעקטע*. אַשטייגער:

1. די שוועסטער שיקט דעם ברודער אין שול.
2. די שוועסטער שיקט דעם ברודער א ביכל.

אינעם *ערשטן* פאַל איז דער סובסטאַנטיוו „דעם ברודער" א *דירעקטער* אָביעקט — אַן אָביעקט, אַף וועלכן דעם סוביעקטס טוּונג גייט *דירעקט* אַריבער; ער איז דער, וואָס ווערט *געשיקט*. אינעם *צווייטן* פאַל איז שוין דער סובסטאַנטיוו „דעם ברודער" אַן *אומדירעקטער* אָביעקט. א *דירעקטער* אָביעקט איז דאָ „א ביכל"; דאָ ווערט שוין געשיקט ניט „דער ברודער", נאָר „א ביכל".

עס זײַנען פאַראַן ווערבן, וואָס קאָנען ציִען צו זיך אי דירעקטע אי אומדירעקטע אָביעקטן — אַזעלכע ווערבן זײַנען די מערהייט. און עס זײַנען פאַראַן ווערבן, וואָס קיין דירעקטע אָביעקטן קאָנען זיי ניט ציִען. דאָס זײַנען די אַזויגערופענע *שטייענדיקע* ווערבן — ווערבן, וואָס ווײַזן א *צושטאַנד* אָדער א *באַוועגונג* און וואָס זייער טוּונג קאָן דירעקט ניט אַריבערגיין אַף עמעצן אָדער אַף עפּעס (זעט זײַט 110). אַשטייגער:

1. דער כאַווער גייט צום פּאָרזיצער.
2. דער כאַווער פּאָרט צום ברודער.

דאָ זײַנען פאַראַן *אומדירעקטע* אָביעקטן, אָבער קיין *דירעקטע* אָביעקטן זײַנען דאָ ניטאָ און קאָנען ניט זײַן.

קיין דירעקטע אָביעקטן קומען ניט אויך בא א פּאַסיוון ווערב און בא א *נאָמינאַלן* פּרעדיקאַט (זעט זײַט 121).

ווען סובסטאַנטיוון איינצאָל קומען אַלס דירעקטע אָדער אומדירעקטע אָביעקטן, *בייגן* זיי זיך אַמאָל. אַשטייגער:

1. *דער טאַטע* אַרבעט אין מינסק.
2. איך רוף *דעם טאַטן* קיין קיִעוו.
3. איך שיק *דעם טאַטן* לעני̇נס ווערק.

---

1 א ריי ווערטער, וואָס אין איין צײַט האָבן זיי געהערט צו איין מין, האָבן אין א צווייטער צײַט צוליב א ריי ענדערונגען אינעם מענטשלעכן שאַפן און דענקען אָפּט געגומען געהערן צו א צווייטן מין.

דאָ זעענ מיר, וויאַזוי דער סובסטאנטיוו „דער טאטע" אשטייגער, ווענ ער קומט אלס א דירעקטער אָדער אומדירעקטער אָביעקט, בייגט ער זיכ אונ ס'ווערט „דעמ טאטנ". אָבער אזעלכע פאלנ, אז גופע דער סובסטאנטיוו, קומענדיק אלס אנ אָביעקט, זאָל זיכ בייגנ, זיינענ אינ יידיש ניט קיינ סאכ. דאָס קומט געוויינטלעכ פאָר נאָר בא א י ג נ - נ ע מ ע נ פונ לעבעדיקע ווענזס, בא פ א מ י ל י ע ס אונ נאָכ בא עטלעכע אייניציקע ווערטער. אשטייגער:

1. ב ע ר ל איז געקומענ — איכ רופ ב ע ר ל ע נ.
2. ל י פ ש י צ איז געקומענ — איכ רופ ל י פ ש י צ נ.
3. ד ע ר ז יי ד ע איז געקומענ — איכ רופ ד ע מ ז יי ד נ.

געוויינטלעכ בייגט זיכ אינ יידיש ניט דער סובסטאנטיוו גופע, ווענ ער קומט אלס אנ אָביעקט, נאָר בלויז זיינ באשטימיקער ארטיקל. אשטייגער:

1. ד ע ר כ א ו ו ע ר ארבעט אינ מינסק.
2. איכ רופ ד ע מ כ א ו ו ע ר קיינ קיעוו.
3. איכ שיק ד ע מ כ א ו ו ע ר לענינס ווערק.

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג 1: ווענ אנ א י ג נ-נ אָ מ ע נ הייבט אָנ אָנגעווענדט צו ווערנ אלס א ק ל א ל-נ אָ מ ע נ, הערט ער זיכ אופ אלס אנ אָביעקט צו בייגנ — באקומט ניט קיינ פלעקסיע „(ע)נ" אונ קומט געוויינטלעכ מיט אנ ארטיקל, וואָס בייגט זיכ ווי ביכלאל אנ ארטיקל. אשטייגער:

1. וואָס זאָגסטו אפ מענאכעמ-מענדלענ? (— אנ אייגנ-נאָמענ).
2. וואָס זאָגסטו אפנ (אפ דעמ) מענאכעמ-מענדל? (— א קלאל-נאָמענ).

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג 2: די ארטיקלענ „א (אנ)" אונ „קיינ" בייגנ זיכ ניט. אינ מערצאָל בייגנ זיכ ניט אינ יידיש ניט די סובסטאנטיוונ גופע, ווענ זיי קומענ אלס אָביעקטנ, אונ ניט דער ארטיקל. אשטייגער: ד י כ א ו ו יי ר י מ זיינענ געקומענ — איכ רופ ד י כ א ו ו יי ר י מ.

די ארטיקלענ בא סובסטאנטיוונ איינצאָל בייגנ זיכ אפ אזא אויפנ:

פונקציעס	1-טער מינ	2-טער מינ	3-טער מינ
1. סוביעקט	דער מאנ	די פרוי	דאָס קינד
2. דירעקטער אָביעקט	דעמ מאנ	די פרוי	דאָס קינד
3. אומדירעקטער "	דעמ מאנ	דער פרוי	דעמ קינד

דאָס הייסט:

1) ווענ א סובסטאנטיוו פונ ע ר ש ט נ מינ איז א ס ו ב י ע ק ט, קומט ער מיטנ ארטיקל „דער"; ווענ ער איז א דירעקטער אָדער אומדירעקטער אָביעקט, קומט ער מיטנ ארטיקל „דעמ";

2) ווענ א סובסטאנטיוו פונ צ ו ו יי ט נ מינ איז א ס ו ב י ע ק ט אָדער א

דירעקטער אָביעקט, קומט ער מיטן אַרטיקל „די”; ווען ער איז אַן אומדירעקטער אָביעקט, קומט ער מיטן אַרטיקל „דער”;

3) ווען א סובסטאנטיוו פון דריטן מין איז א סוביעקט אָדער א דירעקטער אָביעקט, קומט ער מיטן אַרטיקל „דאָס”; און ווען ער איז אן אומדירעקטער אָביעקט, קומט ער מיטן אַרטיקל „דעם”. אשטייגער:

1. **דער** ברודער רופט **די** שוועסטער צו **דעם** (צום) קינד.
2. **די** שוועסטער רופט **דאָס** קינד צו **דעם** (צום) ברודער.
3. **דאָס** קינד רופט **דעם** ברודער צו **דער** שוועסטער.

אזוי איז אָנגענומען צו זאָגן און צו שרײַבן די אַרטיקלען אין דער ליטעראַרישער שפראַך, ווען זיי קומען בא סובסטאנטיוון פון אַלע מינים און ווען די סובסטאנטיוון האָבן אַלע פונקציעס.

ווען די סובסטאנטיוון „דער טאטע, דער זיידע, דער ייִד, דער מענטש” קומען אלס דירעקטע און אומדירעקטע אָביעקטן, בייגן זיי זיך אזוי: דעם טאטן, דעם זיידן, דעם ייִדן, דעם מענטשן.[1]

ווען די סובסטאנטיוון „די מאמע, די מומע, די באָבע” קומען אלס אומדירעקטע אָביעקטן, בייגן זיי זיך אזוי: דער מאמען, דער מומען, דער באָבען. אָבער ווען זיי קומען אלס דירעקטע אָביעקטן, ענדערן זיי זיך ניט.

ווען א נאָמען אָדער א פאמיליע קומען אלס א דירעקטער און אומדירעקטער אָביעקט, באקומען זיי א פלעקסיע „(ע)ן” און היטן אופ פארן „(ע)ן” זייער ענדונג. אשטייגער:

גרינמאַן	מוישע	עלקע	ווארשאווסקי	בודיאָני
גרינמאַנען	מוישען	עלקען	ווארשאווסקין	בודיאָנין

פאמיליעס, וואָס ענדיקן זיך מיט „נג” (מערינג) אָדער מיט „נק” (פונק), ווען זיי קומען אלס דירעקטע אָדער אומדירעקטע אָביעקטן, האָבן ניט קיין „ע” פאר דער פלעקסיע „ן”. אשטייגער: מערינג — מערינגן, פונק — פונקן. אָבער פאר א סופיקס „ן” אין מערצאָל איז בא סובסטאנטיוון מיט „נג, נק” צום סאָף אַלעמאָל פאראן אן „ע”. אשטייגער: געזאנג — געזאנגען, געטראַנק—געטראנקען, פונק — פונקען.

42. אָביעקט און פרעפאָזיציע

ווען א סובסטאנטיוו איז א סוביעקט אָדער א דירעקטער אָביעקט, ווײַזט ער גאנץ באשטימטע געצײלטע פארהעלטענישן: דער סוביעקט איז געוויינטלעך דער טוער פונעם פרעדיקאט, און דער דירעקטער אָביעקט איז דאָס וואָרט (אָדער די גרופע ווערטער), וואָס ווערט דירעקט באהערשט פון א ווערב. גאָר אנדערש איז אָבער מיט א סובסטאנטיוו, ווען ער קומט

1 און אזוי איז עס אויך מיטן אלטשט־גערשן כובסטאנטיוו „דער רעבע—דעם רעבן”.

אלס אן אומדירעקטער אָביעקט. אין אזא פאל ווייַזט ער פיל פארשיידענע פארהעלטענישן. אשטייגער:

1. די שילער באארבעטן די מאטעריאלן מיט דעם לערער
2. „ „ „ „ „ אָן „ „
3. „ „ „ „ „ פאר „ „
4. „ „ „ „ „ אָנשטאָט „ „

דאָ זעען מיר, ווי פארשיידן עס זייַנען די פארהעלטענישן, וואָס עס ווייַזט דער אומדירעקטער אָביעקט.

קעדיי א סובסטאנטיוו אן אומדירעקטער אָביעקט זאָל קאָנען ווייַזן פארשיידענע פארהעלטענישן, קומט ער מערסטנס מיט ספּעציעלע הילפ־ווערטער — מיט פּרעפּאָזיציעס. אזעלכע הילפווערטער זייַנען אין די פּאָ־ריקע פיר זאצן די פּרעפּאָזיציעס „מיט, אָן, פאר, אָנשטאָט" (קוקט דורך דאָס צעטל פּרעפּאָזיציעס אפ זייַט 47).

אומדירעקטע אָביעקטן קומען אמאָל אָן פּרעפּאָזיציעס אויך. אשטייגער אינעם זאץ „די שילער גיבן איבער די מאטעריאלן דעם לערער"—איז דער אומדירעקטער אָביעקט („דעם לערער") אָן א פּרעפּאָזיציע. אָבער אזעלכע פאלן זייַנען זעלטענער. געוויינטלעך קומט אָדער קאָן קומען אן אומדירעקטער אָביעקט מיט א פּרעפּאָזיציע.

דאָס, וואָס אן אומדירעקטער אָביעקט קומט געוויינטלעך מיט א פּרעפּאָזיציע, גיט די מעגלעכקייַט אים גרינגער צו דערקענען און ניט אָננעמען אים פאר קיין דירעקטן אָביעקט. אפ אזא אופן קאָן מען איצט דעם אונטערשייד פון די צווייערליי אָביעקטן אזוי פאָרמולירן:

א דירעקטער אָביעקט איז א וואָרט אָדער א גרופּע ווערטער,	אן אומדירעקטער אָביעקט איז א וואָרט אָדער א גרופּע ווערטער,
1) וואָס ווייַזט אָן, אפ וועמען אָדער אפ וואָס גייט אריבער די טוונג;	1) וואָס ווייַזט אָן, צו וועמען אָדער צו וואָס איז געווענדט די טוונג;
2) וואָס ווערט באהערשט אָדער קאָן באהערשט ווערן פון אן אקטיוון איבערגייענדיקן ווערב;	2) וואָס ווערט באהערשט אָדער קאָן באהערשט ווערן פון אלערליי ווערבן און אויך פון אנדערע וואָרטקלאסן;
3) וואָס ענטפערט אפ דער פראגע „וועמען, וואָס?";	3) וואָס ענטפערט אפ דער פראגע „וועמען, וואָס; מיט וועמען, מיט וואָס; צו וועמען, צו וואָס; פון וועמען, פון וואָס?" און אנד.;
4) וואָס קאָן קיין פּרעפּאָזיציע בא זיך ניט האָבן.	4) וואָס קומט אָדער קאָן קומען מיט א פּרעפּאָזיציע.

פרעפּאָזיציעס קומען ניט נאָר בא אומדירעקטע אָביעקטן. אָפט קומען זיי אויך בא אזעלכע זאצגלידער, וואָס ווײַזן א צײַט, אן אָרט אָדער עפּעס אנדערש. אשטייגער: ער לייענט נאָך דער ארבעט; ער לייענט אין צי־מער. אָבער סוביעקטן און דירעקטע אָביעקטן קומען ניט מיט קיין פּרעפּאָ־זיציעס.

פּרעפּאָזיציעס שפּילן זייער א וויכטיקע ראָליע אין דער שפּראך, בא־זונדערס אין אזא שפּראך ווי יידיש, וואָס האָט ווייניק פלעקסיעס. אדאנק די פּרעפּאָזיציעס האָבן מיר די מעגלעכקײַט צו ווײַזן גאנץ קאָמ־פּליצירטע פארהעלטענישן. אשטייגער:

מיר האָבן באארבעט די מאטעריאלן וועגן דער קולטור־בויונג אין דער יידישער סוויווע צו דער באראטונג פון די נאצמינדערהײַטן אין אונדזער ראיאָן.

אָן די פּרעפּאָזיציעס „וועגן, אין, צו, פון" וואָלט מען דאָ, פארשטייט זיך, ניט געקאָנט ווײַזן די פארהעלטענישן צווישן די געגנשטאנדן, וואָס זײַנען דאָ אָנגערופן.

פון די אלע פאַקטן בײַשפּילן איז צו זען, אז א פּרעפּאָזיציע איז א באהילפיק וואָרט, וואָס קומט געוויינטלעך (אָדער קאָן קומען) בא א סובסטאנטיוו, וועלכער איז אונטערגעוואָרפן (וועלכער באשטימט) א ווערב אָדער א צווייטן סובסטאנטיוו. און קומען קומט זי, די פּרעפּאָ־זיציע, קעדיי צו ווײַזן די אָדער יענע פארהעלטענישן צווישן א ווערב מיט א סובסטאנטיוו אָדער צווישן אנדערע ווערטער.

אָנמערקונג: א פּרעפּאָזיציע קאָן קומען גופע בא א צווייטער פּרעפּאָזיציע אויך. אשטייגער:

1. ער האָט פון אונטערן שטערן צום ערשטן מאָל אפ זײַן שאָכן א קוק געגעבן (בערגעלסאָן).
2. די ווײַבער פון לעבן ברונעם הערן ניט אוף אים צו באגלייטן מיט די אויגן (בערגעלסאָן).

פּרעפּאָזיציעס דארף מען ניט צונויפמישן מיט ווערטער, וואָס זײַנען ענלעך צו זיי נאָר מיטן קלאנג און אויסזען, אָבער וואָס באטײַטן גאָר עפּעס אנדערש. אשטייגער:

1. ער וועט קומען נאָך דעם כאווער.
2. ער וועט ארבעטן נאָך א טאָג (נאָך צוויי).

(דעם אונטערשייד פון די דאָזיקע צוויי „נאָך"ן קאָן מען לײַכט זען, איבערזעצנדיק זיי אין רוסיש אשטייגער).

פאר קיין פּרעפּאָזיציעס דארף מען אויך ניט אָננעמען די צוגאָבן און די פּרעפיקסן, וואָס זײַנען אָפט ענלעך צו פּרעפּאָזיציעס (זײַט 46). א פּרעפּאָזיציע געפינט זיך געוויינטלעך הארט לעבן סובסטאנטיוו,

פארן ארטיקל. ווען אָבער פארן סובסטאנטיוו געפינט זיך זײַנער אַן אטריבוט, קומט די פּרעפּאָזיציע פארן אטריבוט און פארן ארטיקל. אשטייגער:

1. ער האָט געלייענט א לעקציע פאר די פּיאָנערן.

2. ער האָט געלייענט א לעקציע פאר די ייִדישע פּיאָנערן.

אָנמערקונג: א סובסטאנטיוו, וואָס איז ביכלאל מיט אַן ארטיקל, קאָן, זײַענדיק מיט א פּרעפּאָזיציע, אמאָל קומען אָן אַן ארטיקל. אשטייגער: „ארום וואָקזאל, לעבן בריק".

43. סובסטאנטיווישע בייגפאָרמעס און זייערע פונקציעס

א סובסטאנטיוו, האָבן מיר געזען, נעמט אָפּט אָן אין איינצאָל פארשיידענע פאָרמעס אָפּ ארויסצוװײַזן זײַנע פונקציעס — פונקציעס פון א סובּיעקט, אָביעקט און אנדערע. די דאָזיקע סובסטאנטיווישע פאָרמעס האָבן ספּעציעלע נעמען. זיי הייסן אזוי:

פאָרמעס	3-טער מין	2 טער מין	1-טער מין	פונקציעס
נאָמינאטיוו	דאָס מיידל	די שוועסטער	דער ברודער	1. סובּיעקט
אקוזאטיוו	דאָס „	די „	דעם "	2. דירעקטער אָביעקט
דאטיוו	דעם „	דער „	דעם "	3. אומדירעקטער אָביעקט

דאָס הייסט:

1) אזא פאָרמע ווי „דער ברודער, די שוועסטער, דאָס מיידל" — א פאָרמע, וואָס די דאָזיקע סובסטאנטיוון האָבן, ווען זיי זײַנען סובּיעקטן,— הייסט נאָמינאטיוו;

2) אזא פאָרמע ווי „דעם ברודער, די שוועסטער, דאָס מיידל" — א פאָרמע, וואָס די דאָזיקע סובסטאנטיוון האָבן, ווען זיי קומען אלס דירעקטע אָביעקטן,— הייסט אקוזאטיוו;

3) אזא פאָרמע ווי „דעם ברודער, דער שוועסטער, דעם מיידל" — א פאָרמע, וואָס די דאָזיקע סובסטאנטיוון האָבן, ווען זיי קומען אלס אומדירעקטע אָביעקטן, — הייסט דאטיוו.

> די דאָזיקע פאָרמעס, וואָס א סובסטאנטיוו נעמט אָן אָפּ ארויסצוװײַזן זײַנע פונקציעס אין זאץ, הייסן בייגפאָרמעס (אָדער בייגפאלן).

די פונקציעס סוביעקט, דירעקטער אָביעקט אונ אומדירעקטער אָביעקט אונ די פאָרמעס נאָמינאטיוו, אקוזאטיוו אונ דאטיוו פאלנ זייער אָפט צונויפ, זיי קאָנענ אָבער ניט צונויפאלנ אויכ. אשטייגער:

דער דעלעגאט וועט וועגנ דער קאָנפערענצ דערציילנ נאָכ דער ארבעט.

דאָ האָבנ מיר א זאצגליד „וועגנ דער קאָנפערענצ” אונ א זאצגליד „נאָכ דער ארבעט”, וואָס ביידע זיינענ זיי סובסטאנטיוונ פונ 2־טנ מינ אינ איינער אונ דער זעלבער ביי גפאָרמע — ביידע זיינענ זיי דאטיוונ. אָבער לויט זייערע פונקציעס זיינענ די דאָזיקע צוויי דאטיוונ גאנצ פארשיידענע: דער ערשטער דאטיוו (מיט דער פרעפאָזיציע) איז טאקע אנ אומדירעקטער אָביעקט — ער ענטפערט אפ דער פראגע „וועגנ וואָס?”, אָבער דער צווייטער דאטיוו (מיט דער פרעפאָזיציע) איז ניט קיינ אָביעקט, נאָר א צייט-באשטימונג — ער ענטפערט אפ דער פראגע „ווענ?”.

אפ אזא אויפנ זעענ מיר, אז די פאָרמע דאטיוו אונ די פונקציע אומדירעקטער אָביעקט פאלנ ניט שטענדיק צונויפ. וואָרעמ א דאטיוו קאָנ באדינענ אנדערע פונקציעס אויכ. אונ אזוי איז עס, ווי מיר וועלנ באלד זענ, אויכ מיט די איבעריקע סובסטאנטיווישע בייגפאָרמעס.

1) די פונקציע סוביעקט פאלט אָפט צונויפ מיט דער פאָרמע נאָמינאטיוו. אשטייגער: דער פאָרזיצער איז געקומענ. אָבער א נאָמינאטיוו קאָנ אויספילנ אנדערע פונקציעס אויכ. א נאָמינאטיוו קאָנ אשטייגער (מיט א הילפווערב „זיינ” אָדער „ווערנ”) קומענ אויכ אלס א פרעדיקאט. אשטייגער: ליפשיצ איז דער פאָרזיצער.

2) די פונקציע דירעקטער אָביעקט איז אלעמאָל אינ דער פאָרמע אקוזאטיוו. אשטייגער: ער לייענט דעמ זשורנאל, די צייטונג, דאָס ביכל. אָבער אנ אקוזאטיוו קאָנ קומענ צו באשטימענ א צייט אויכ. אשטייגער:

1. דעמ כוידעש האָט ער זייער פיל געלייענט.
2. די וואָכ האָט ער קיינעמ ניט גערופנ צו זיכ.
3. דאָס יאָר וועט ער אָנקומענ אינ אוניווערסיטעט.

3) די פונקציע אומדירעקטער אָביעקט איז אלעמאָל אינ דער פאָרמע דאטיוו. אשטייגער: ער לייענט דעמ זשורנאל פאר דעמ ברודער (פאר דער שוועסטער). אָבער ניט יעדער דאטיוו איז אומבאדינגט אנ אומדירעקטער אָביעקט. א דאטיוו קאָנ וויזנ אנדערע פונקציעס אויכ. אשטייגער:

1. ער לייענט א ביכל וועגנ דער קאָנפערענצ.
2. „ „ „ „ נאָכ דער ארבעט.
3. „ „ „ „ אינ (דער) ביבליאָטעק.
4. „ „ „ „ מיט אָנשטרענגונג.
5. „ „ „ „ פונ (דער) פאבריק.

דאָ זעען מיר, אַז אַ פונקציע פון אַן אומדירעקטן אָביעקט פילט דאָ אויס בלויז דער ערשטער דאַטיוו (מיט דער פּרעפּאָזיציע „וועגן"). אַלע אַנדערע דאַטיוון (מיט די פּרעפּאָזיציעס) פילן דאָ אויס גאָר אַנדערע פונקציעס: אינעם צווייטן פאַל איז דער דאַטיוו אין אַ פונקציע פון אַ צײַט-באַשטימונג; אינעם ריטן פאַל — אין אַ פונקציע פון אַן אָרט-באַשטימונג; אינעם פערטן פאַל — אין אַ פונקציע פון אַן אויפן-באַשטימונג; און אינעם פינפטן פאַל איז דער דאַטיוו אין אַ פונקציע פון אַן אַטריבוט.

קעדיי די באַציִונג צווישן די סובסטאַנטיווישע בייגפאָרמעס און זייערע פונקציעס זאָל זײַן אַ ביסל אָנשוילעכער, וועלן מיר עס פאָרשטעלן ווי אַ גראַפיק. מיר וועלן ווערטיקאַל (פון אויבן אַראָפּ) געבן די בייגפאָרמעס פאַר יעדער פונקציע, און האָריזאָנטאַל — די אָפּטערע פונקציעס פון יעדער בייגפאָרמע.

פונקציעס / פאָרמעס	1 סובּיעקט	2 פּרעדיקאַט	3 דירעקטער אָביעקט	4 אומדירעקטער אָביעקט	5 אַטריבוט	6 אָרט-באַשטימונג	7 צײַט-באַשטימונג	8 אויפן-באַשטימונג	9 סיבה-באַשטימונג	10 צוועק-באַשטימונג
1. נאָמינאַטיוו	+	+ [1]								
2. אַקוזאַטיוו			+				+			
3. דאַטיוו (מיט אַ פּרעפּאָזיציע)		+ [2]		+	+	+	+	+	+ [3]	+ [4]

1 קומט (ווי ביכלאַל אַ נאָמינאַלער פּרעדיקאַט) מיט די הילפוווערבן „זײַן" אָדער „ווערן". אַשטייגער: ער איז (ווערט) אַ מענטש; ער איז (ווערט) אַ שוסטער; ער איז (ווערט) אַ דאָקטער.

2 מיט די הילפוווערבן פון אַ נאָמינאַלן פּרעדיקאַט. אַשטייגער: ער איז פון אוראַל; ער איז פון שטיין; ער איז מיט פעדערן.

3 אַשטייגער: ער האָט פון אופּרעגונג ניט געקאָנט לייענען; ער האָט פון פרייד אַלעמען אַרומגענומען.

4 אַשטייגער: ער איז געקומען נאָך אַ ביכל; ער פאָרט מיקויעך אַ בילעט.

אָנמערקונג 1: א נאָמינאטיוו קאָנ קומענ אויכ, קעדיי אָנצורופנ דעמ, צו וועמענ מע ווענדט זיכ. אשטייגער: טאטע, ער רופט דיכ צו זיכ; יונגערמאנ, וואָס שרייַט איר אזוי?

אָנמערקונג 2: אנ אקוזאטיוו קאָנ קומענ צו ווייַזנ א שעטעכ אויכ. אשטייגער: ער פאָרט אָפ א ווערסט, א קילאָמעטער...

אָנמערקונג 3: א דאטיוו אינ דער פונקציע פונ אנ אומדירעקטנ אָביעקט קאָנ, ווי ס'איז שוינ געזאָגט געוואָרנ, אינ א ריי פאלנ קומענ אָנ א פרעפּאָזיציע אויכ. אשטייגער: איכ קויפ דעמ ברודער (דער שוועסטער) א ביכל; איכ דערלאַנג דעמ כאווער (דער כאווערטע) די מעלדונג.

אָנמערקונג 4: א דאטיוו קאָנ אמאָל זייַנ אויכ א סוביעקט. דאָס איז אינ אזא פאל, ווענ דער דאטיוו איז דורכ דער פרעפּאָזיציע „מיט" פאר־בונדנ מיט א פריערדיקנ סוביעקט (א נאָמינאטיוו) אונ דער פערזאָניקער ווערב ציט צו זיי ביידנ. אשטייגער:

1. די פרוי מיטנ (מיט דעמ) קינד קריכנ אראָפ פונ וואָגנ.
2. דער פאָרזיצער מיטנ סעקרעטאר זייַנענ דאָ ערשט געוועזנ.

דאָ האָבנ מיר אינ יעדנ זאצ צו צוויי סוביעקטנ — צו צוויי זאצגלידער, וואָס ביידע זייַנענ זיי די טוערס פונעמ פרעדיקאט; וואָס וועגנ זיי ביידנ קאָנסטא־טירט עפּעס דער פרעדיקאט; אונ וואָס מיט זיי ביידנ שטימט דער פרעדיקאט (דער פערזאָניקער ווערב). אָבער א נאָמינאטיוו איז דאָ בלויז דער ערשטער סוביעקט פונ יעדנ זאצ, דער צווייטער סוביעקט איז א דאטיוו[1].

אָנמערקונג 5: די פילצאָליקע פונקציעס פונעמ דאטיוו — אויסער דער פונקציע פונעמ אומדירעקטנ אָביעקט — קאָנ מענ אויסדריקנ דורכ אנדערע פאָרמעס, דורכ ניט קיינ סובסטאנטיוונ אויכ: אשטייגער: ער לייענט איצט, ער לייענט דאָ, ער לייענט אָנגעשטרענגט...

א סובסטאנטיוו נאָכ א פרעפּאָזיציע איז אלעמאָל א דאטיוו. ווענ דער סובסטאנטיוו איז צווייטער מינ איינצאָל, קומט ער אלס א דאטיוו מיטנ ארטיקל „דער". אינ אייניקע קאנטנ ברענגט מענ אָבער, אינ אזעלכע פאלנ ניט קיינ ארטיקל „דער", נאָר „די". מע זאָגט דאָרט אשטייגער:

1. דאָס געלט וועט גייַנ אפ די טרופּע.
2. יעכיעל־מיכל צאָלט ווייניק פאר די קרעטשמע.

דאָס דארפ מענ אומבאדינגט אויסמייַדנ. אינ ביידע פאָריקע (אונ אינ ענ־לעכע) פאלנ דאַרפ זייַנ ניט „די", נאָר „דער".

---

1 אז מיר ווילנ, קאָנענ מיר דעמ צווייטנ סוביעקט פונ די דאָזיקע זאצנ געבנ אינ דער זעלבער פאָרמע, וואָס דעמ ערשטנ סוביעקט; מיר קאָנענ אשטייגער מאכנ „די פרוי אונ דאָס קינד קריכנ אראָפ"... דאנ וועלנ ביידע סוביעקטנ זייַנ נאָמינאטיוונ. אָבער קיינ מוז איז עס ניט. מיר האָבנ רעכט צו זאָגנ אונ צו שרייַבנ סיי ווי איצט אונ סיי ווי פריער.

(א סוביעקט, וואָס איז אויסגעדריקט ניט דורכ א נאָמינאטיוו, נאָר דורכ א דאטיוו מיט א פרעפּאָזיציע „מיט", באטייַט געוויינטלעכ א ווייניקער זעלבשטענדיקנ, א ווייניקער טעטיקנ סוביעקט).

44. סוביעקט און אָביעקט אין אקטיווע און פאסיווע סטרוקטורן

אין אַלע בײַשפּילן, וואָס מיר האָבן ביז איצט געבראַכט, איז דער סוביעקט (דער נאָמינאַטיוו) געווען אַלץ דער זאַצגליד, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם פּאַקטישן טוער פון דער טוונג. אשטייגער אינעם זאַץ „די פאַרזאַמלונג האָט אויסגעהערט דעם באַריכט מיט גרויס אינטערעס"—איז דער נאָמינאַטיוו „די פאַרזאַמלונג" אַ סוביעקט, אַ פּאַקטישער טוער פון דער טוונג „האָט אויסגעהערט". אָבער ניט שטענדיק פאַלט צונויף דער סוביעקט, דער טוער אין זאַץ, מיטן פאַקטישן טוער. לאָמיר אַשטייגער פאַרגלײַכן אַזעלכע צוויי זאַצן:

1. דעם באַריכט האָט די פאַרזאַמלונג אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס.
2. דער באַריכט איז פון דער פאַרזאַמלונג אויסגעהערט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס.

אינעם ערשטן זאַץ איז דער סוביעקט און אײנצײַטיק אויך דער פאַקטישער טוער „די פאַרזאַמלונג". „די פאַרזאַמלונג" האָט עפּעס געטאָן: האָט אויסגעהערט „דעם באַריכט"—דעם אָביעקט. אינעם צווייטן זאַץ איז שוין עפּעס אַנדערש. דער פאַקטישער טוער, וואָס האָט דאָ געהערט, איז טאַקע געווען די פאַרזאַמלונג. אָבער דער סוביעקט, דער טוער אין זאַץ, איז דאָ ניט דער דאָזיקער זאַצגליד, נאָר „דער באַריכט". ער איז דאָס דער יעניקער, וואָס „איז אויסגעהערט געוואָרן". דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ סוביעקט אַ נאָמינאַטיוו, וואָס ציט צו זיך אַ פּאַסיוון ווערב (זעט זײַט 109 און ווײַטער).

אַזעלכע זאַצן ווי די דאָזיקע, מיט אַ פּאַסיוון ווערב, קאָנען האָבן אַ סוביעקט און דאָך קומען אײנגאַנצן אָן דעם פאַקטישן טוער. אשטייגער אינעם זאַץ „דער באַריכט איז אויסגעהערט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס" איז ניט פאַראַן קיין פּאַקטישער טוער, וואָס האָט „דעם באַריכט" אויסגעהערט, און דאָך איז „דער באַריכט" פון שפּראַכלעכן שטאַנדפּונקט ניט קיין אָביעקט, נאָר אַ סוביעקט. און אַ סוביעקט איז ער איבער פאָלגנדיקע מאָטיוון:

1) ער איז אַ נאָמינאַטיוו — ער קומט מיטן אַרטיקל „דער" און ניט מיט „דעם". און אַ נאָמינאַטיוו איז קײנמאָל ניט קיין אָביעקט;

2) ער ענטפערט אויף דער פראַגע „ווער" אָדער „וואָס";

3) ער איז דער, וואָס דער פּרעדיקאַט קאָנסטאַטירט עפּעס וועגנ אימ — ער „איז אויסגעהערט געוואָרנ";
4) דער פּרעדיקאַט „איז אויסגעהערט געוואָרנ" שטימט מיט אימ דורכנ פּערזאָניקנ ווערב אינ צאָל און אינ פּערזאָנ.

אפ אזא אויפנ זעענ מיר, אז פונ שטאַנדפּונקט פונ אקטיווקײט זײַנענ פאַראַנ צוויי טיפּנ סטרוקטורנ — **אַקטיווע** און פּאַסיווע.

די דאָזיקע צוויי טיפּנ סטרוקטורנ שיידנ זיכ אונטער דעריקער אָט מיט וואָס:

אַקטיווע

I. דער סוביעקט —

1) איז א נאָמינאַטיוו;
2) ענטפערט אפ דער פראַגע „ווער, וואָס?";
3) דער פּרעדיקאַט קאָנסטאַטירט עפּעס וועגנ אימ;
4) דער פּערזאָניקער ווערב שטימט מיט אימ;
5) איז א פאַקטישער טוער.

II. דער פּרעדיקאַט —

איז אנ אַקטיווער ווערב און קאָנ באַהערשנ א דירעקטנ אָביעקט[1].

III. דער דירעקטער אָביעקט —

1) איז אנ אקוזאַטיוו;
2) ענטפערט אפ דער פראַגע „וועמענ, וואָס?";
3) ווערט באַהערשט דירעקט פונעמ פּרעדיקאַט;
4) איז א פאַקטישער אָביעקט.

פּאַסיווע

I. דער סוביעקט —

1) איז א נאָמינאַטיוו;
2) ענטפערט אפ דער פראַגע „ווער, וואָס?";
3) דער פּרעדיקאַט קאָנסטאַטירט עפּעס וועגנ אימ;
4) דער פּערזאָניקער ווערב שטימט מיט אימ.
5) איז א פאַקטישער אָביעקט.

II. דער פּרעדיקאַט —

איז א פּאַסיווער ווערב און קאָנ קיינ דירעקטנ אָביעקט ניט באַהערשנ.

III. דער דירעקטער אָביעקט —

קיינ דירעקטער אָביעקט, וואָס זאָל באַהערשט ווערנ פונעמ פּרעדיקאַט, איז אינ א פּאַסיווונ זאַצ ניטאָ.

---

1 אויב דער ווערב איז ניט קיינ שטייענדיקער (זעט זײַט 110).

IV. דער פאקטישער טוער —

פאלט צונויפ מיטנ סוביעקט.

IV. דער פאקטישער טוער —

פאלט מיטנ סוביעקט ניט צונויפ. אויב דער פאקטישער טוער איז אינ זאצ פאראנ, איז ער אויסגעדריקט דורכ א זאצגליד א דאטיוו, וואָס קומט מיט דער פרעפאָזיציע „דורכ" אָדער „פונ" און ענטפערט אפ דער פראגע „דורכ (פונ) וועמענ, דורכ (פונ) וואָס?".

אָנמערקונג 1: אינ א זאצ קאָנ אמאָל בא איינעמ אונ דעמ זעלבנ סוביעקט זײַנ אי אנ אקטיווער אי א פאסיווער ווערב. אשטייגער: די קלייַנע קינדער פארברענגענ די צײַט אונ ווערנ דערצויגנ אינעמ זאוואָדישנ קינדער־גאָרטנ („דער עמעס"). אינ אזא פאל איז דער סוביעקט א פאקטישער טוער פונ איינ טוונג („פארברענגענ") אונ א פאקטישער אָביעקט פונ דער צווייטער („ווערנ דערצויגנ").

אָנמערקונג 2: אויכ אינ א פאסיוונ זאצ קאָנ אָפט זײַנ א דירעקטער אָביעקט, אָבער אזא, וואָס ווערט באהערשט ניט פונעמ פרעדיקאט, נאָר פונ אנ אנדער זאצגליד. אשטייגער:

1. עס איז אָנגענומענ געוואָרנ א רעזאָליוציע צו רעאליזירנ די האלוואָע מיט נאָלשעוויסטישע טעמפנ.
2. דאָס רעאליזירנ די האלוואָע מיט באָלשעוויסטישע טעמפנ וועט פארשטארקנ אונדזער שוצפײַקײַט.

אינביידע פאלנ האָבנ מיר דאָ א דירעקטנ אָביעקט „די האלוואָע", וואָס ווערט באהערשט פונעמ אינפיניטיוו „רעאליזירנ", וועלכער איז אָבער סײַ אינעמ ערשטנ זאצ, אינ פאסיוונ, אונ סײַ אינעמ צווייטנ זאצ, אינ אקטיוונ, ניט קיינ פרעדיקאט, נאָר אנ אנדער זאצגליד.

אָנמערקונג 3: דער פאקטישער טוער אינ א פאסיוונ זאצ (דער דאטיוו) קאָנ קומענ מיט דער פרעפאָזיציע „דורכ" אָדער „פונ"; אָבער מיט דער פרעפאָזיציע „מיט" קומט ער ניט. אשטייגער: זאָגנ אינ יידיש „די פארזאמלונג ווערט פארמאכט מיטנ פאָרזיצער" — איז ניט ריכטיק.

אָנמערקונג 4: ווענ צו ברענגענ דעמ פאקטישנ טוער אינ א פאסיוונ זאצ מיט „דורכ" אונ ווענ מיט „פונ" — איז ניט רעגלאמענטירט. עס זײַנענ אָבער פאראנ פאלנ, ווענ עס מוז זײַנ נאָר „דורכ" אונ ניט „פונ". אשטייגער

באמ איבערזעצנ אינ ייִדיש דעמ זאצ Киев освобожден Красной армией קאָנ, פֿאַרשטייט זיכ, קיינ „פֿונ" פֿאַר קיינ פֿאַל ניט פּאַסנ (פֿאַרוואָס ?).

פֿונעמ פֿאָריקנ אַנאַליז פֿונ אַקטיווע אונ פּאַסיווע זאַצנ זעענ מיר, אַז א דירעקטער אָביעקט (אַקוזאַטיוו) פֿונ אַנ אַקטיווער סטרוקטור ווערט אינ א פּאַסיווער סטרוקטור א סוביעקט (נאָמינאַטיוו); אונ אַז אַנ אומדירעקטער אָביעקט (דאַטיוו) פֿונ אַנ אַקטיווער סטרוק־טור בלייַבט אויכ אינ א פּאַסיווער סטרוקטור אַנ אומדירעקטער אָביעקט. אַשטייגער:

1. דער כאַווער רופֿט דעמ סעקרעטאַר צומ פֿאָרזיצער.
2. דער סעקרעטאַר ווערט דורכנ כאַווער גערופֿנ צומ פֿאָרזיצער.

סכעמאַטיש קאָנ מענ די דאָזיקע צוויי סטרוקטורנ אַזוי פֿאָרשטעלנ:

אַקטיווע סטרוקטור



פּאַסיווע סטרוקטור

נאָכנ ווערב „העלפֿנ" קומט אַנ אָביעקט אַלעמאָל אינ א דאַטיוו אונ ניט אינ קיינ אַקוזאַטיוו, כאָטש עס איז פֿאַראַנ א ווערב „געהאָלפֿנ ווערנ". אַשטייגער: דער ברודער העלפֿט דער שוועסטער — די שוועסטער ווערט געהאָלפֿנ פֿונ (דורכ) דעמ ברודער.

אינ דער מערהייַט פֿאַלנ אָפּערירט מענ מיט דער אַקטיווער סטרוק־טור — מיט דער סטרוקטור, ווו דער סוביעקט אונ דער פֿאַקטישער טוער פֿאַלנ צונויפֿ. עס זייַנענ אָבער פֿאַראַנ פֿאַלנ, ווענ עס איז גראָד גלייַ־כער אָנצוווענדנ די פּאַסיווע סטרוקטור. דאָס איז מערסטנס אינ פֿאָלגנדיקע פֿאַלנ:

1) ווענ מע וויל מער אונטערשטרייַכנ דעמ דירעקטנ אָביעקט.

אין דער פאסיווער סטרוקטור איז דער פאקטישער דירעקטער אָביעקט אין דער פונקציע פון א סוביעקט, און דערמיט ווערט ער מער באטאָנט;

2) ווען מע וויל ניט אָדער מע קאָן ביכלאל ניט ווייזן דעם פ א ק ט י ש ן טוער. אשטייגער:

> די אָקטיאבער-רעוואָליוציע האָט ראדיקאל און גרינטלעך געענדערט די לאגע. עס זיינען ארויפגענומען געוואָרן די פענטעס פונעם יידישן פראָלעטאריאט, פון די יידישע פאָלקסמאסן און — מעמיילע אויך פון זייער שפראך, פון יידיש. דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעהויבן ניט נאָר איבערגעבויט ווערן — ס'האָט אָנגעהויבן א ו פ ג ע ב ו י ט ווערן אפסניי. ס'האָט אָנגעהויבן צוקומען א נייער שיכט אינעם יידישן ארבעטער-קלאס — א שיכט ארבעטער פון דער גרויספּראָדוקציע, אינדוסטריעלע פראָלעטאריער; עס האָט אָנגעהויבן געשאפן ווערן א נייער קלאס אין יידישן פאָלק — א יידיש פויערטום. און די נייע שיכטן צוזאמען מיט די אלטע האָבן אָנגעהויבן אף א נייעם שטייגער אָרגאניזירט ווערן ניט בלויז געזעלשאפטלעך, נאָר אויך מעלוכיש, — ווייל צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז באשאפן געוואָרן א יידיש מעלוכע-לעבן אָדער א מעלוכע-לעבן אף יידיש (ליטוואקאָוו)[1].

אינעם דאָזיקן פראגמענט זיינען די מערהייט ווערבן און זאצן ביכלאל — פ א ס י ו ו ע. קיין פ א ק ט י ש ע ט ו ע ר ס זיינען אין די דאָזיקע פאסיווע זאצן ניט אָנגעוויזן. און ניט אָנגעוויזן זיינען זיי געוויס דערפאר, ווייל ניט זיי, ניט די פאקטישע טוערס, האָבן אין דעם פאל אינטערעסירט דעם כ' ליטוואקאָוו, נאָר די טוונגען און די פ א ק ט י ש ע אָ ב י ע ק ט ן — די אָביעקטן, וועלכע דער כ' ליטוואקאָוו האָט, ווייזט אויס, געוואָלט אויך מער באטאָנען. דעריבער האָבן מיר דאָ אזא היפשע צאָל פאסיווע זאצן;

3) די פאסיווע סטרוקטור קומט אויס אמאָל אויך אָנצוווענדן, קעדיי אויסצומיידן צווייטייטיקייטן און ביכלאל אומקלאָרקייטן. באזונדערס אין אזא שפראך ווי יידיש, ווו די סוביעקטן און די אָביעקטן שיידן זיך אויסערלעך אָפט ניט אונטער. אשטייגער:

> איןווארשע שטייט שטענדיק א טשאד פון יידישיסטישן בוימל, פון באטלאָניש-ראָמאנטישן מיסיאָניזם, פון דער „אלוועלטלעכער יידישער נאציע" פון די נאלעווקעס[2] ביז ניו-יאָרקער בראָדוויי[3]... עמעס, די דאָזיקע רעאקציע ווערט צוזאמען מיט דער גאנצער רעאקציע פון לאנד אונטערגעגראָבן

---

1 געשריבן אין אָנהייב 1926.

2 א בירגערלעך-יידישע גאס אין ווארשע.

3 א בורזשואזע גאס אין ניו-יאָרק.

> דורכ דער מעכטיקער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פונעמ פויליש פראָלעטאריאט אונטער דער אָנפירונג פונ דער קאָמפארטיי, ווהינ עס גיסנ זיכ אריינ אויכ אלצ גרעסערע מאַסנעס פונ דער יידישער ארבעטערשאפט,—אָבער די ליטעראטור איגנאָרירט אינגאנצנ די דאָזיקע צוקונפט-וועלט (ליטוואקאָוו).

אינעמ דאָזיקנ פראגמענט האָבנ מיר א פאסיוו „די דאָזיקע רעאקציע ווערט... אונטערגעגראָבנ“... דאָ איז דער דאָזיקער זאצ א פאסיוער דערפאר, ווייל אויב מע זאָל אימ ברענגענ אלס אנ אקטיוונ („די דאָזיקע רעאקציע גראָבט אונטער“...), וועט אויסקומענ פונקט פארקערט פונ דעמ, ווי עס דארפ זיינ (פארוואָס ?).

45. סובסטאנטיווירטער אינפיניטיוו

אלס סוביעקטנ אונ אָביעקטנ קומענ דעריקער סובסטאנטיוונ. אלס סוביעקטנ אונ אָביעקטנ קומענ אָבער אָפט אויכ אינפיניטיוונ. אשטייגער:

1. מיר וועלנ לייענענ.
2. דאָס לייענענ וועט אונדז פארמאטערנ.
3. מיר וועלנ באלד פארענדיקנ דאָס לייענענ.

דאָס וואָרט „לייענענ“, וואָס באטייט דאָ אומעטומ איינע אונ די זעלבע טוונג אונ איז אומעטומ אנ אינפיניטיוו, פילט דאָ אויס פארשיידענע פונקציעס. אינעמ ערשטנ זאצ איז „לייענענ“ צוזאמענ מיטנ פערזאָניקנ הילפווערב „וועלנ“ א פרעדיקאט; אינעמ צווייטנ זאצ איז ער א סוביעקט—ער איז דאָס דער טוער פונעמ פרעדיקאט „וועט פארמאטערנ“; אונ אינעמ דריטנ זאצ איז ער שוינ א דירעקטער אָביעקט—א זאצגליד, וואָס אפ אימ גייט דירעקט אריבער די טוונג.

אזא אינפיניטיוו ווי „לייענענ“ אינעמ צווייטנ אונ דריטנ זאצ הייסט, ווי ס'איז שוינ געווענ אָנגעוויזנ (זייט 99), סובסטאנטיווירטער אינפיניטיוו.

א סובסטאנטיווירטער אינפיניטיוו ווי א סובסטאנטיוו ביכלאל קומט געוויינטלעכ אָדער קאָנ קומענ מיט ארטיקלענ. א סובסטאנטיווירטער אינפיניטיוו געהערט צומ דריטנ מינ, אונ זיינע ארטיקלענ נעמענ אָנ די ביי גפאָרמעס (נאָמינאטיוו, אקוזאטיוו אונ. דאטיוו), וואָס עס האָט ביכלאל א סובסטאנטיוו פונ דריטנ מינ.

א סובסטאנטיווירטער אינפיניטיוו איז אי א סובסטאנטיוו אי א ווערב. ווי א סובסטאנטיוו קומט ער מיט אנ ארטיקל, קאָנ זיינ א סוביעקט אָדער אָביעקט (אָדער אנ אנדער זאצגליד) אונ ווערט א ביסל פארזאכלעכט. ווי א ווערב קאָנ ער (ווי ביכלאל א ווערב, אנ איבערגיי-

ענדיקער), באהערשנ א דירעקטנ אָביעקט (א סובסטאנטיוו קאָנ קיינ דירעקטנ אָביעקט ניט באהערשנ). אשטייגער:

די קאָלווירטנ ——— האָבנ פארענדיקט

דאָס אראָפנעמענ

די גערעטעניש

דאָ האָבנ מיר א סובסטאנטיווירטנ אינפיניטיוו „דאָס אראָפנעמענ". דער דאָזיקער אינפיניטיוו איז דאָ א דירעקטער אָביעקט אנ אקוזאטיוו, וואָס ווערט (ווי אלעמאָל א דירעקטער אָביעקט אנ אקוזאטיוו) באהערשט פונ א ווערב. אָבער אינ דער זעלבער צייט איז דאָ דער סובסטאנטיווירטער אינפיניטיוו (דער דירעקטער אָביעקט) אליינ אויכ א באהערשער פונ אנ אנדער דירעקטנ אָביעקט — פונעמ אקוזאטיוו „די גערעטעניש".

ווענ א סובסטאנטיווירטער אינפיניטיוו קומט אלס א סוביעקט, קאָנ אינ אזא זאצ אָפט קומענ א דירעקטער אָביעקט גופע באמ סוביעקט. אשטייגער:

דאָס אראָפנעמענ ——— האָט פארכאפט

די גערעטעניש — די באפעלקערונג

פונ ראיאָנ

דאָ האָבנ מיר צוויי דירעקטע אָביעקטנ — „די גערעטעניש" אונ „די באפעלקערונג". דער ערשטער אָביעקט ווערט באהערשט פונעמ סוביעקט — פונעמ סובסטאנטיווירטנ אינפיניטיוו „דאָס אראָפנעמענ", אונ דער צווייטער אָביעקט ווערט באהערשט פונעמ פרעדיקאט — פונעמ בייגיקנ ווערב „האָט פארכאפט".

ווענ אָבער מיר וועלנ אָנשטאָט א סובסטאנטיווירטנ אינפיניטיוו ברענגענ סטאמ א סובסטאנטיוו, אפילע אזא, וואָס איז געבילדעט פונ א ווערב, וועט שוינ קיינ דירעקטער אָביעקט — קיינ אקוזאטיוו ניט קומענ, וואָרעמ א סובסטאנטיוו קאָנ קיינ דירעקטנ אָביעקט ניט באהערשנ. דאָ וועט שוינ מוזנ קומענ אנ אומדירעקטער אָביעקט (אָדער אנ אטריבוט) — א דאטיוו (מיט א פרעפאָזיציע). אשטייגער:

דער אראָפנעמ ——— האָט פארכאפט...

פונ דער גערעטעניש

דאָס, וואָס ווערט אינ יידיש אויסגעדריקט דורכ א ווערבאלנ סובסטאנטיוו (דורכ א סובסטאנטיוו, וואָס איז געבילדעט פונ א ווערב) אָדער דורכ א סובסטאנטיווירטנ אינפיניטיוו, ווערט אָפט אינ

א רײ אנדערע שפּראכן אױסגעדריקט בלױז דורך א װערבאלן סובסטאנטיװ. אשטײגער אין רוסיש:

Снятие урожая...= { 1. דער אראָפּנעמען פון דער גערעטעניש... 2. דאָס אראָפּנעמען די גערעטעניש... }

דעריבער איז װען מע זעצט איבער פון רוסיש אין ייִדיש א טעקסט מיט א װערבאלן סובסטאנטיװ, קאָן מען עס אמאָל אין ייִדיש אױסדריקן דורך א װערבאלן סובסטאנטיװ און אמאָל לױנט עס בעסער אױסצודריקן דורך א סובסטאנטיװירטן אינפיניטיװ. אשטײגער:

Сменялась одна форма эксплоатации трудящихся другой формой эксплоатации [1]

דאָס איבערזעצן אין ייִדיש לױנט בעסער ניט דורך —

1. עס פלעגט פאַרביטן װערן אײן פאָרמע פון עקספּלואטאציע פון די ארבעטנדיקע דורך א צװײטער פאָרמע פון עקספּלואטאציע

— ניט דורך א װערבאלן סובסטאנטיװ, נאָר דורך א סובסטאנטיװירטן אינפיניטיװ —

2. עס פלעגט פאַרביטן װערן אײן פאָרמע פון עקספּלואטירן די ארבעטנדיקע דורך א צװײטער פאָרמע פון עקספּלואטירן (עקספּלואטאציע).

דער סובסטאנטיװירטער אינפיניטיװ איז דאָ (און אין פיל ענלעכע פאלן) בעסער דערפאַר, װאָס ער מאכט דעם זאץ אי קירצער אי אױסדריקלעכער — עס איז בולטער די טוונג, און עס איז אָנזעעװדיקער דער אָביעקט.

46. פּאַסעסיװ

אױסער די פאָרמעס נאָמינאטיװ, אקוזאטיװ, דאטיװ האָבן פיל סובסטאנטיװן נאָך א פּערטע פאָרמע, אָבער שױן מיט גאָר אן אנדער פונקציע. אשטײגער:

1. לענינס װערק אָרגאניזירן דעם ארבעטער־קלאס.
2. ענגעלסעס ארבעטן זײַנען שטארק װיכטיק.
3. דעם מענטשנס ארבעט ענדערט די נאטור.

דאָ האָבן מיר אזעלכע סובסטאנטיװן װי „לענינס, ענגעלסעס, דעם מענטשנס", װאָס האָבן א ספּעציעלע פאָרמע און א ספּעציעלן באטײַט.

1 דאָ רעדט זיך װעגן דעם רעזולטאט פון אלע רעװאָליוציעס ביז דער אָקטיאבער־רעװאָליוציע.

אזא פּאָרמע ווי „לענינס, ענגעלסעס, דעם מענטשנס״, וואָס האָט א פלעקסיע „ס (עס, נס)״ אונ באטײַט אָנגעהעריקײַט, הייסט פּאָסעסיוו.

א פּאָסעסיוו ענטפערט אפ דער פראגע „וועמענס?״.

אָנמערקונג 1: אונטערשטרײַכנ דעם מאָמענט פונ אָנגעהעריקײַט קאָנ מענ ניט נאָר מיט א פּאָסעסיוו. דאָס קאָנ מענ טאָנ אויכ מיט די ווערטער „מײַנ, דײַנ, זײַנ, איר, אונדזער, אײַער, זייער״. דערבײַ קאָנענ די דאָזיקע ווערטער זײַנ מיט אָדער אָנ פלעקסיעס. אשטייגער:

1. מיר לייענענ זײַנע מעלדונג (זײַנע מעלדונגענ).
2. זיי באטראכטנ אונדזער פאָרשלאָג (אונדזערע פאָרשלאָגנ).

די ווערטער „מײַנ, דײַנ, זײַנ״ אאוו. הייסנ פּאָסעסיווישע פּראָנאָמענ. זיי זײַנענ לויט׳נ אינהאלט פּאָסעסיווג, אָבער לויט דער פאָרמע—ניט.

אָנמערקונג 2: די קלאנגענ „ס״ אָדער „(ע)נ״, וואָס זײַנענ פאראנ באַם סאָפ פונ א ריי באשטימטײלנ פונ צונויפזאצנ (פּאָלקסליד, געגנדזנשמאלץ, זונענשטראל),—דאָס זײַנענ זייער אָפט רעשטנ פונ דער פּאָסעסיווישער אונ פונ אנדערע סובסטאנטיווישע פלעקסיעס.

א פּאָסעסיוו ווערט געוויינטלעכ געבילדעט פונ א סובסטאנטיוו, וואָס באצייכנט א לעבעדיקנ וועזנ. פונ א סובסטאנטיוו, וואָס באצייכנט ניט קיינ לעבעדיקנ וועזנ, ווערט א פּאָסעסיוו געבילדעט אינ די פאלנ, ווענ מע וויל עס פאָרשטעלנ ווי א לעבעדיקע זאכ, ווענ מע וויל עס פּערזאָניפיצירנ. אשטייגער:

1. הערט זיכ אײַנ אינעמ וואלדס שטילנ געוויש (בערגעלסאָנ).
2. וועמענ קאָנ נאָכ זײַנ אפ רוסלאנדס פלעצער ענג? (פעפער).

א פּאָסעסיוו קאָנ זײַנ א סובסטאנטיוו איינצאָל אונ מערצאָל. אשטייגער: דעמ כאוועריס ארבעט—די כאוויירימס ארבעט.

דער ארטיקל בא א פּאָסעסיוו איינצאָל קומט אינ דאטיוו. אשטייגער:

1. דער כאוועד—דעם כאווערס ארבעט.
2. די כאווערטע—דער כאווערטעס ארבעט.
3. דאָס קינד—דעם קינדס ארבעט.

אונ דער באשטימיקער ארטיקל באַם סובסטאנטיוו, וואָס ציט צו זיכ א פּאָסעסיוו, ווערט פארשפּאָרט. אשטייגער: די ארבעט—דעם כאווערס ארבעט.

א פּאָסעסיוו איז ניט קיינ סוביעקט אונ ניט קיינ אָביעקט; ער קומט נאָר צו ווײַזנ, וועמענ געהערט די אָדער יענע זאכ צי די אָדער יענע

טונג. א פּאָסעסיוו פּילט אויס צוויי פונקציעס: א פונקציע פון א פּרעדיקאַט (מיט די הילפּווערבן „זײַן, ווערן") אָדער נאָך אָפטער — א פונקציע פון אן אטריבוט. אשטייגער:

פּאָסעסיוו פּרעדיקאַט	פּאָסעסיוו אטריבוט
1. דער זשורנאַל איז אבראַמאָוויטשעס.	1. אבראַמאָוויטשעס זשורנאַל ליגט אפן טיש.
2. די ארבעט איז דעם כאַווערס.	2. דעם כאַווערס ארבעט געפעלט מיר.
3. דאָס זינגען איז דער כאַווערטעס.	3. איך הער דער כאַווערטעס זינגען.

א פּאָסעסיוו אן אטריבוט קומט געוויינטלעך פארן סובסטאנטיוו, וועלכן ער כאראקטעריזירט. אשטייגער: יאַנקלס זון, דעם שאָכנס ברודער. ווען אָבער א פּאָסעסיוו קומט בא אן אייגן-נאָמען, שטעלט ער זיך אוועק נאָכן אייגן-נאָמען. אשטייגער: בערל יאַנקלס, מוישע דעם שאָכנס.

דעם פּאָסעסיוו פון די ווערטער „דער טאטע, דער זיידע, דער ייִד, דער מענטש" איז אין דער ליטעראטור אָנגענומען צו ברענגען אזוי, ווי עס רעדט זיי ארויס די מערהײַט ייִדיש־ריידער — מיט א „נ" פארן „ס": דעם טאטנס, דעם זיידנס, דעם ייִדנס, דעם מענטשנס (און ניט דעם ייִדס, דעם מענטשס).

אז מע בילדעט א פּאָסעסיוו פון א נאָמען אָדער פון א פאמיליע, וואָס ענדיקט זיך מיט „י" (לונאטשארסקי, בודיאָני), דארף די דאָזיקע ענדונג פארבלײַבן אויך פארן פּאָסעסיווישן „ס". אשטייגער: לונאטשארסקיס ארבעט, בודיאָניס מארש.

א סובסטאנטיוו מיט א „ס" צום סאָף, ווען ער איז אן אייגנטראפיקער (מארקס) אָדער ווען זײַן לעצטער טראָפּ איז אן אקצענטירטער (בארביס), קומט אין פּאָסעסיוו אָן א פלעקסיע, אָבער מיט אן אַפּאָסטראָף נאָכן „ס". אשטייגער: מארקס' „קאפּיטאל", בארביס' „אין פײַער".

47. פּאראלעלע סובסטאנטיוון

אָפט קומען אין א זאץ פּאָרלעך סובסטאנטיוון, וואָס רופן אָן ניט קיין פארשיידענע זאכן, נאָר איינע און די זעלבע. אשטייגער אינעם זאץ „די שטאָט מאָסקווע וואקסט זייער גיך" — רופן אָן די סובסטאנטיוון „שטאָט" און „מאָסקווע" איינעם און דעם זעלבן געגנשטאנד. אזעלכע סובסטאנטיוון הייסן פּאראלעלע.

פּאראלעל זײַנען אויך די סובסטאנטיוון אין יעדן ווײַטערדיקן זאץ: דער שרײַבער גאָרקי איז זייער אינטערעסאנט; איך האָב אָנגעהויבן לייענען דעם ראָמאן „די מוטער".

ענלעכ צו פאראלעלע — פאראלעלארטיק — זײַנען אויכ אזעלכע פאָרלעכ סובסטאנטיוונ ווי פאָלגנדיקע:

א גלאָז טיי — אנ עמער וואסער — א קרײַז ליטעראטנ

א טעלער קרויט — א פעסל הערינג — א גרופע סטודענטנ

בא פאראלעלע (אונ פאראלעלארטיקע) סובסטאנטיוונ רופט געוויינטלעכ איינער פונ זיי אָנ א זאכ, אונ דער אנדערער (אינ זאצ איז ער אָפטער דער ערשטער) ווײַזט א פארנעמ פונ דער זאכ (א קופע היי, א טוצ גלעזער), א פראָפעסיע (דער שרײַבער בערגעלסאָנ, מוישע דער שוסטער), אנ אלגעמיינעמ באגריפ (די שטאָט מאָסקווע, דער טײַכ דניעפער) אונ נאָכ אנדערע (די מומע ראָכל, דער ברודער שלוימע אאוו.).

פאראלעלע כובסטאנטיוונ פילנ אויס אינ זאצ א פונקציע פונ איינ זאצגליד. אשטייגער:

1. מוישע דער שוסטער איז דאָ ערשט געווענ.

2. איכ רופ צו זיכ מוישע דעמ שוסטער.

אינעמ ערשטנ פאל איז דאָס פאָרל סובסטאנטיוונ — א סוביעקט. אינעמ צווייטנ פאל איז עס א דירעקטער אָביעקט. אָבער צוזאמענ דערמיט געפינענ זיכ די דאָזיקע פאראלעלע סובסטאנטיוונ אינ א קעגנזײַטיקער אטריבוטיווער באציונג — יעדער איינער פונ זיי ווערט באשטימט דורכנ אנדערנ.

ווענ פאראלעלע סובסטאנטיוונ זײַנענ דירעקטע אָביעקטנ (אקוזאטיוונ) אָדער אומדירעקטע אָביעקטנ (דאטיוונ) אונ קומענ מיט ארטיקלענ, נעמענ אָנ די ארטיקלענ די אקוזאטיווישע אונ דאטיווישע פאָרמע בא ביידע פאראלעלע סובסטאנטיוונ. אשטייגער:

1. ער האָט א רופ געטאָנ דעמ שאָכנ דעמ בעקער.

2. ער האָט דעמ שאָכנ דעמ בעקער געשיקט אנ אײַנלאדונג.

ווענ צווישנ די פאראלעלע אָביעקטנ זײַנענ פאראנ סובסטאנטיוונ, וואָס באקומענ אלס אקוזאטיוונ אונ דאטיוונ א פלעקסיע „(ע)נ" (נעמענ, פאמיליעס אונ אייניקע אנדערע), קאָנ אָפט דער דאָזיקער „(ע)נ" בא אייניקע ניט זײַנ אויכ. דאָס קומט געוויינטלעכ פאָר:

1) בא א נאָמענ מיט א פאמיליע: איכ רופ פערעצ מארקישנ (ניט פערעצנ מארקישנ). אָבער: איכ רופ פערעצנ; איכ רופ מארקישנ.

2) בא א קלאלנאָמענ מיט אנ אייגנ-נאָמענ: איכ רופ דעמ כאווער מארקיש. ווענ אָבער דער ארטיקל איז פארשפאָרט, איז באמ אייגנ-נאָמענ געוויינטלעכ פאראנ א „נ": איכ רופ כאווער מארקישנ.

ווענ פאראלעלע סובסטאנטיוונ קומענ צו ווײַזנ אָנגעהעריקײַט (פאָסעסיוו), באקומט די פאָסעסיווישע פלעקסיע בלויז דער לעצטער פאראלעלער סובסטאנטיוו. אשטייגער:

1. מוישע דעמ שוסטערס ארבעט געפעלט מיר.

2. דעמ שרײַבער בערגעלסאָנס ווערק זײַנענ גרויסארטיק.

ווען פאראלעלע סובסטאנטיוון קומען אלס א סוביעקט, קאָן אָפט דער פרעדיקאט (דער פערזאָניקער ווערב) שטימען אין צאָל מיט יעדן פון זיי. אשטייגער:

1. גלײַך קומט צו גיין אהער א בינטל ייִדן.

2. גלײַך קומען צו גיין אהער א בינטל ייִדן (שאָלעם-אליינכעם).

אין אזעלכע פאלן רעכנט מען זיך אָט מיט וואָס: דער פרעדיקאט (דער פערזאָניקער ווערב) שטימט מיט יענעם פון די פאראלעלע סובסטאנטיוון, וואָס אים וויל מען ארויסשטעלן אלס דעם הויפט פונעם סוביעקט. אשטייגער:

1. א גאנצע מאכנע הינט שפרינגט צו צום בוים (פערעץ)

2. די גאנצע גאס הײַזער זײַנען גאָרנישט ווערט געווען.

פארן שרײַבער פונעם ערשטן זאץ איז דאָ דער איקער די מאכנע, פארן שרײַבער פונעם צווייטן זאץ—די הײַזער[1].

אָנמערקונג 1: פאראלעלע און פאראלעלארטיקע סובסטאנטיוון דארף מען ניט צונויפמישן מיט צונויפגעזעצטע סובסטאנטיוון (זעט זײַט 68).

אָנמערקונג 2: עס זײַנען פאראן שפראכן, ווי רוסיש אשטייגער, וווּ צווישן פאראלעלע סובסטאנטיוון קומט בײַ זיי אָפט א בינדצייכן. אשטייגער: фабрика-кухня, город-завод, איז ווען מע זעצט איבער אין ייִדיש פון אזא שפראך, דארף מען דעם בינדצייכן בײַ אזעלכע ווערטער אָפט ניט האָבן, וואָרעם מיטן בינדצייכן ווערט זיך אין ייִדיש באקומען א צונויפזאץ און דער באטײַט פונעם צונויפזאץ אין ייִדיש קאָן אמאָל ניט אונויפאלן מיטן באטײַט פון די פאראלעלע סובסטאנטיוון אין רוסיש. פארגלײַכט אשטייגער „פאבריק-קיך” מיט фабрика-кухня און שטאָט-זאוואָד מיט город-завод. אין ייִדיש דארפן די דאָזיקע רוסישע ווערטער איבערגעזעצט ווערן ניט דורך צונויפזאצן, נאָר דורך פאראלעלע סובסטאנטיוון — א פאבריק א קיך, א שטאָט א זאוואָד.

אַף אזא אופן האָבן מיר זיך באקאנט מיט די פאָרמעס פונעם סובסטאנטיוו אין ייִדיש. מיר האָבן געזען, אז א סובסטאנטיוו קאָן זײַן אין איינצאָל אָדער אין מערצאָל; קאָן זײַן פון ערשטן, פון צווייטן אָדער פון דריטן מין; קאָן זײַן אליין א זאצגליד אָדער קאָן קומען אלס א פאראלעלער זאצגליד; און קאָן זײַן א נאָמינאטיוו, אקוזאטיוו, דאטיוו און אָפט אויך א פאָסעסיוו, אויספילנדיק דערבײַ אזא אָדער אן אנדער פונקציע.

---

1 אַן אָריגינעלע מיטשטימונג פון פרעדיקאטן מיט א סוביעקט, וואָס באשטייט פון פאראלעלע סובסטאנטיוון, איז פאראן בײַ מענדעלע מוכר־ספרים:

בײַם עק פון א לאנגן דעמבענעם טיש
זיצט א כעברע קלעזמער און סטרויעס, שטעלן אָן זייערע קיילן.

4. אדיעקטיוו

48. אטריבוט און אדיעקטיוו

אינ א זאצ קומענ אָפּט ווערטער, וואָס זייער אופגאבע איז צו כאַראקטעריזירנ די אָדער יענע זאצגלידער. אשטייגער:

1. דער סאָוועטישער ארבעטער־קלאס בויט א סאָציאַליסטישע געזעלשאפט.
2. די פוילישע פּאָליציי האָט צעטריבנ א מיטינג פונ דער קאָמפּארטיי.

אינ ביידע זאצנ האָבנ מיר דאָ ווערטער, וואָס כאראקטעריזירנ די סוביעקטנ און די דירעקטע אָביעקטנ — די סובסטאנטיוונ „ארבעטער־קלאס, געזעלשאפט, פּאָליציי" און „מיטינג". אזעלכע ווערטער, ווי ס'איז שוינ באווּסט, הייסנ אטריבוטנ.

אטריבוטנ (ווי ביכלאל ביי‌גלידער) מאכנ די ארויסזאָגונגענ גענויער און קאָנקרעטער. אשטייגער דער ערשטער מוסטערזאצ איז אָנ די ווערטער „סאָוועטישער" און „סאָציאַליסטישע" ניט גענוג קאָנקרעט, ניט פינקטלעכ, וואָרעמ ניט דער גאנצער ארבעטער-קלאס בויט דערווייל א סאָציאַליסטישע געזעלשאפט, נאָר דער סאָוועטישער; און ניט סטאמ א געזעלשאפט בויט דער סאָוועטישער ארבעטער־קלאס, נאָר א סאָציאַליסטישע. ניט פינקטלעכ און ניט קאָנקרעט וועט אויכ אשטייגער זיינ דער צווייטער מוסטערזאצ, אויב ער זאָל קומענ אָנ די אטריבוטנ. וואָרעמ דאָ רעדט זיכ וועגנ א באשטימטער פּאָליציי—וועגנ דער פּוילישער; און צעטריבנ האָט די דאָזיקע פוילישע פּאָליציי ניט ביכלאל א מיטינג און ניט קיינ מיטינג פונ „בונד" אָדער פונ פּעפּעעס[1], נאָר א מיטינג פונ דער קאָמפּארטיי.

אָנמערקונג 1: אטריבוטנ דארפ מענ ניט פּלאָנטערנ מיט פּרעדיקאטנ, כאָטש איינע און די זעלבע פאָרמע קאָנ גאנצ אָפּט אינ איינ פאל זיינ אנ אטריבוט און אינ א צווייטנ פאל א פּרעדיקאט. אשטייגער:

1. לענינס ווערק זיינענ אינטערעסאנט. מיר לייענענ לענינס ווערק.
2. די דאָזיקע ווערק זיינענ לענינס.

אינ די צוויי זאצנ פונ דער 1-טער שורע איז דער פּאָסעסיוו (לענינס) אנ אטריבוט — א זאצגליד, וואָס כאראקטעריזירט א סובסטאנטיוו, אומאָפּהענגיק דערפונ, צי דער סובסטאנטיוו איז א סוביעקט צי אנ אנדער זאצגליד. אינעמ זאצ פונ דער 2-טער שורע איז דער פּאָסעסיוו (צוזאמענ מיטנ הילפווערב „זיינענ") א פּרעדיקאט — א זאצגליד, וואָס קאָנסטאטירט עפּעס וועגנ דעמ סוביעקט.

---

1 פּעפּעעס — פוילישע פּארטיי סאָציאַליסטנ.

אָנמערקונג 2: ווענ דער פּרעדיקאט איז א פּאָסעסיוו (מיט א הילפּווערב) אונ ביכלאל ווענ דער פּרעדיקאט איז א נאָמינאלער, איז ער זייער אָפט א כאראקטעריזירנדיקער (אנ אטריבוטיווער). אשטייגער: 1) די ווערק זייַנע לעבנס; 2) די ווערק זייַנע אינטערעסאנט; 3) די ווערק זייַנע אינטערעסאנטע.

אָנמערקונג 3: ווענ דער פּרעדיקאט איז א סובסטאנטיוו (מיט א הילפּווערב), קאָנ ער, ווי ביכלאל א סובסטאנטיוו, האָבנ בא זיכ אטריבוטנ. אשטייגער: ער איז א גוטער כאווער; ער איז אנ איבערגעגעבענער טוער.

אטריבוטנ קאָנענ אינ א זאצ זייַנ גאנצ פיל אונ בא פארשיידענע זאצגלידער. דערבייַ קאָנענ די זאצגלידער ציִענ צו זיכ פארשיידענע טיפּנ אטריבוטנ, וואָס זיי גופא זאָלנ בא זיכ אויכ האָבנ אטריבוטנ. אשטייגער:

די שנעלע טעמפּנ פונ דער סאָציאליסטישער רעקאָנסטרוקציע
פונ אונדזער פאָלקסווירטשאפט פאָדערנ קאָלאָסאלע קאדרענ בא־
ווּסטזיניקע פּראָלעטאריער („דער עמעס“).

אינעם דאָזיקנ זאצ האָבנ מיר אנ אָביעקט, וועלכער איז אויסגעדריקט דורכ פּאראלעלע סובסטאנטיוונ, וואָס יעדער פונ זיי האָט דאָ א באזונדערנ אטריבוט (קאָלאָסאלע קאדרענ באוווסטזיניקע פּראָלעטאריער). ווייַטער האָבנ מיר דאָ א סוביעקט „טעמפּנ“, וועלכער ציט צו זיכ פונ איינ זייַט אנ אטריבוט „שנעלע“ אונ פונ דער צווייטער זייַט אנ אטריבוט „פונ דער סאָציאליסטישער רעקאָנסטרוקציע“—אנ אטריבוט, וואָס גופא ער ציט צו זיכ אנ אנדער אטריבוט „פונ אונדזער פאָלקסווירטשאפט“. דערבייַ אנטהאלטנ די דאָזיקע צוויי אטריבוטנ (אטריבוט-גרופּעס) גופא אינ זיכ אטריבוטנ: בא דער „רעקאָנסטרוקציע“ קומט אנ אטריבוט „סאָציאליסטישער“ אונ בא דער „פאָלקסווירטשאפט“ קומט אנ אטריבוט „אונדזער“.

אָנמערקונג: אינ אזעלכע פאלנ ווי דאָ, ווענ דער זאצ אנטהאלט פיל זאצגלידער אונ א גרעסערע צאָל אטריבוטנ, ווענ ער איז היפּש קאָמפּליצירט, דארפ מענ באַם אנאליזירנ אים פריִער פונ אלצ געפינענ די הויפּטגלידער — דעם סוביעקט אונ דעם פּרעדיקאט — אונ דערנאָכ ערשט אלע איבעריקע זאצגלידער. אפ אזא אויפנ וועט ווערנ קלאָר — ווער, ווי, ווענ, וואָס, וויאזוי, צוליב וועמענ עס טוט.

קעדיי דער אטריבוט זאָל קאָנענ אויספילנ זייַנ פונקציע — די פונקציע פונ כאראקטעריזירנ אזא אָדער אנ אנדער זאצגליד א סובסטאנטיוו, — נייטיקט ער זיכ אינ א גאנצער סיסטעם פאָרמעס. פונ די דאָזיקע וועלנ מיר דערווייַל אָנווייַזנ פאָלגנדיקע דרייַ:

1. ער שאצט אָפּ דעם קאָלווירטס אייגנטומ.
2. ער שאצט אָפּ דאָס אייגנטומ פונ קאָלווירט.
3. ער שאצט אָפּ דאָס קאָלווירטישע אייגנטומ.

אינעם ערשטנ פאל איז דער אטריבוט אינ א פאָרמע פונ א פּאָסעסיוו (דעם קאָלווירטס). אנ אטריבוט האָט געוויינטלעכ די דאָזיקע פאָרמע דאנ,

ווען מע וויל אונטערשטרײַכן דעם מאָמענט פון אָנגעהעריקייט, ווען מע וויל זאָגן, וועמענס איז די זאך אָדער די טוונג. אינעם צווייטן פאַל איז דער אטריבוט אין א פאָרמע פון א דאטיוו מיט א פרעפּאָזיציע (פון קאָלווירט). און אינעם דריטן פאַל האָבן מיר צו טאָן מיט דער אָפּסטעער פאָרמע פונעם אטריבוט — מיט א פאָרמע (קאָלווירטישע), וואָס ווײַזט עפּעס אן אייגנשאפט פון א סובסטאנטיוו און האָט א באשטימטע סיסטעם פלעקסיעס. די דאָזיקע פאָרמע הייסט אדיעקטיוו (אייגנשאפטוואָרט).

אף אזא אופן קאָן מען איצט א ביסל פולער פאָרמולירן, וואָס איז אזוינס אן אטריבוט:

> אן אטריבוט איז א זאצגליד, וואָס כאראקטעריזירט א סוביעקט, אן אָביעקט און אנדערע זאצגלידער סובסטאנטיוון.
>
> אן אטריבוט ענטפערט אף דער פראגע „וועלכער, וועלכע, וועלכ(עס), וועלכן, וועמענס?".
>
> אן אטריבוט קומט מערסטנס אויסגעדריקט דורך א ספּעציעלן קלאס ווערטער — דורך אדיעקטיוון. אן אטריבוט קאָן אָבער זײַן אויסגעדריקט דורך אנדערע פאָרמעס אויך: דורך א פּאָסעסיוו, דורך א דאטיוו מיט א פרעפּאָזיציע און דורך נאָך אייניקע, וועלכע מיר וועלן שפּעטער ווײַזן.

49. אדיעקטיוו

צווישן די אטריבוטיווע פאָרמעס זײַנען דאָ אזעלכע, וואָס שטימען מיט די סובסטאנטיוון, וועלכע זיי כאראקטעריזירן, און ס'זײַנען דאָ אזעלכע, וואָס שטימען ניט. אשטייגער:

שטימט	שטימט ניט
1. דער פויערשער שטייגער ענדערט זיך.	1. דעם פויערס שטייגער ענדערט זיך.
2. די פויערשע לאגע ענדערט זיך.	2. דעם פויערס לאגע ענדערט זיך.
3. די פויערשע שטימונגען זײַנען אונדז באוווסט.	3. דעם פויערס שטימונגען זײַנען אונדז באוווסט.
4. מיר מאכן איבער דעם פויערשן שטייגער.	4. מיר מאכן איבער דעם פויערס שטייגער.

לינקס איז צווישן דער אטריבוטיווער פאָרמע (צווישן דעם פּאָסעסיוו) מיטן כאראקטעריזירטן סובסטאנטיוו קיין מיטשטימונג ניט פאראן. צי דער כאראקטעריזירטער סובסטאנטיוו איז פון ערשטן מין

(שטײגער) צי פונ צווײטנ (לאגע), צי ער איז אינ אײנצאָל צי אינ מערצאָל, צי ער איז א סוביעקט אָדער אנ אָביעקט — אלצײנס האָט דער אטריבוט אינ די לינקע זאצנ, דער פּאָסעסיוו, אײנ פאָרמע.

גאָר אנדערש איז אָבער מיטנ אדיעקטיוו — מיטנ אטריבוטס פאָרמעס אינ די רעכטע זאצנ. דאָ זעענ מיר, איז אזא פאָרמע, וואָס שטימט מיטנ כאראקטעריזירטנ וואָרט (מיטנ סובסטאנטיוו) אינ מינ, אינ צאָל אונ אינ בײגפאָרמע.

אנ אדיעקטיוו קומט מערסטנס אלס אנ אטריבוט, בא א סובסטאנטיוו, בא א סובסטאנטיווירטנ אינפיניטיוו אונ ביכלאל בא א סובסטאנטיווירונג. אשטײגער:

1. געהאט האָט ער א זאטנ הויפ, פעטע פערד, כאָרכלענדיקע כאזײרימ אונ לאנגע אײַנגעבויגענע באָכורימ[1] מיט פלאקסענע קעפּ אונ מיט פרומע פינטלענדיקע אויגנ (בערגעלסאָנ).
2. פונעמ לאנגנ וואַרטנ זײַנענ די פערד מיד געוואָרנ.
3. ער האָט דעמ אומגעריכטנ „פארוואָס?" ניט פארשטאנענ.

דאָס, וואָס אנ אדיעקטיוו קומט געווײנטלעכ בא א סובסטאנטיוו אָדער בא א סובסטאנטיווירט וואָרט, — גיט די מעגלעכקײַט, פונ דער צווײטער זײַט, גיכער צו דערקענענ אויכ א סובסטאנטיוו; באזונדערס אזא סובסטאנטיוו, וואָס זײַנ געגנשטאנדלעכקײַט איז ניט גענוג בולעט אונ וואָס קעדײ צו דערקענענ אימ, דארפ מענ אָנהײבנ באטראכטנ זײַנע אײגנשאפטנ אונ סימאָנימ.

אפּ אזא אופנ קאָנ מענ איצט א ביסל פולער באשטימענ אי א סובסטאנטיוו אי אנ אדיעקטיוו:

1. א סובסטאנטיוו איז א וואָרט, 1) וואָס באטײַט א זאכ אָדער אזוינס, וואָס מע נעמט עס אופ ווי א זאכ; 2) וואָס איז אָדער קאָנ זײַנ א סוביעקט אָדער אָביעקט; 3) וואָס קומט אָדער קאָנ קומענ מיט אנ אדיעקטיוו; 4) וואָס קומט אָדער קאָנ קומענ מיט אנ ארטיקל;

2. אנ אדיעקטיוו איז א וואָרט, וואָס כאראקטעריזירט אָדער קאָנ כאראקטעריזירנ א סובסטאנטיוו, א סובסטאנטיווירטנ אינפיניטיוו אונ ביכלאל א סובסטאנטיווירט וואָרט אונ שטימט מיט דעמ געווײנטלעכ אינ מינ, צאָל אונ בײגפאָרמע.

אנ אדיעקטיוו ענטפערט אפּ דער פראגע „וועלכער, וועלכע, וועלכ(עס), וועלכנ?".

[1] ביכלאל דארפ זײַנ אינ מערצאָל — באָכערימ, נאָר אז מע וויל איראָניזירנ (אָפּלאכנ), מאכט מענ — באָכורימ.

אָנמערקונג: עס זײַנענ פאראנ אויכ אזעלכע אדיעקטיוונ, וואָס האָבנ ניט קיינ פולע מיטשטימונג, אָדער אפילע אזעלכע, וואָס האָבנ גאָר קיינ מיטשטימונג ניט. אשטייגער:

מיטשטימיקע אדיעקטיוונ	ניט קיינ מיטשטימיקע אדיעקטיוונ
1. אנ אמעריקאנישער דעלעגאט.	1. אנ אמעריקאנער דעלעגאט.
2. אנ אמעריקאנישע אָרגאניזאציע.	2. אנ אמעריקאנער אָרגאניזאציע.
3. רופנ אנ אמעריקאנישנ דעלעגאט.	3. רופנ אנ אמעריקאנער דעלעגאט.

ניט קיינ מיטשטימיקע אדיעקטיוונ זײַנענ מערסטנס אזעלכע, וואָס גיבנ א געאָגראפישע כאראקטעריסטיק (אונ אייניקע אנדערע) אונ קומענ ניט מיטנ סופיקס—„יש", נאָר מיטנ סופיקס—„ער" אָדער „אנער". אשטייגער: א רעפובליקאנער טוער, א רעפובליקאנער פארטיי, רעפובליקאנער פארטייענ; דער יאקאָבינער קלוב, די יאקאָבינער אָרגאניזאציע, די יאקאָבינער קלובנ [1].

ניט קיינ מיטשטימיקע אדיעקטיוונ זײַנענ אָפט אויכ די ווערטער „גרויס, גאנצ, האלב". אשטייגער: 1) מע האָט אימ באגעגנט מיט גרויס סימכע; 2) ער איז א גאנצ ווינטער געווענ שטארק פארנומענ; 3) ער איז דאָרט אליינ אָפגעווענ א האלב וואָכ.

אנ אדיעקטיוו, ווי מיר האָבנ פעסטגעשטעלט, איז א געוויסע פאָרמע פונ אנ אטריבוט. אנ אדיעקטיוו קאָנ אָבער (מיטנ הילפווערב „זײַנ" אָדער „ווערנ") קומענ אויכ אלס א פרעדיקאט. אשטייגער:

אדיעקטיוו אטריבוט	אדיעקטיוו פרעדיקאט
1. דער אלטער מאנ איז געקומענ.	1. דער מאנ איז אנ אלטער.
2. די נײַע ארבעט געפעלט אימ.	2. די ארבעט איז א נײַע.
3. איכ רופ דעמ יונגנ כאווער.	3. דער כאווער איז א יונגער.

אויסער דער אטריבוטיווער אונ פרעדיקאטיווער פונקציע קאָנ אנ אדיעקטיוו אויספילנ נאָכ אלערליי אנדערע פונקציעס. אשטייגער:

1. דער אלטער האָט זיכ געשטעלט בא דער טיר.
2. מע דארפ דעמ אלטנ רופנ אינ קלוב.
3. מע דארפ דעמ אלטנ געבנ ארבעט.
4. מע דארפ זיכ צוהערנ צומ אלטנס רייד.

אינעמ ערשטנ זאצ איז דער אדיעקטיוו א סוביעקט (א נאָמינאטיוו), אינעמ צווייטנ זאצ איז ער'א דירעקטער אָביעקט (אנ אקוזאטיוו), אינעמ

[1] דאָס זײַנענ אלצ געוועזענע סובסטאנטיוונ, וועלכע מע האָט גענומענ אָנווענדנ אלס אדיעקטיוונ.

דריטנ זאצ איז ער אנ אומדירעקטער אָביעקט (א דאטיוו), אונ אינעמ פערטנ זאצ איז ער אנ אטריבוט (א פּאָסעסיוו).

אינ אזעלכע פאלנ ווי אינ די דאָזיקע מוסטערזאצנ פארנעמט דער אדיעקטיוו אנ אָרט פונ א סובסטאנטיוו אונ ווערט אליינ סובסטאנטיווירט. אינ אזעלכע פאלנ הייסט ער סובסטאנטיווירטער אדיעקטיוו — אנ אדיעקטיוו, וואָס פארלירט ניט זײַנע אדיעקטיווישע אייגנשאפטנ אונ באקומט סובסטאנטיווישע אייגנשאפטנ.

אָנמערקונג: סובסטאנטיווירטע אדיעקטיוונ קאָנענ אמאָל פארלירנ זייערע אדיעקטיווישע אייגנשאפטנ אונ נעמענ פיגורירנ אויסשליסלעכ אלס סובסטאנטיווג. אשטייגער די אייגנ-נעמענ „אלטע, ליבע, גוטע“[1] האָבנ פונ זייער אמאָליקער אדיעקטיווישקײַט אופגעהיט בלויז זייער סטרוקטור — אינ אלע איבעריקע הינזיכטנ זײַנענ זיי פולשטענדיקע סובסטאנטיווג. געוועזענע אדיעקטיווג זײַנענ אויכ די סובסטאנטיווג פונעמ טיפ „מילכיקס, פליישיקס, געזאלצנס, גוטס, שלעכטס“ אאוו.

אפּ אזא אופנ זעענ מיר, אז אנ אדיעקטיוו קאָנ האָבנ פאָלגנדיקע פונקציעס:

1) ער קאָנ קומענ אלס אנ אטריבוט (בא א סובסטאנטיוו אונ בא א סובסטאנטיווירט וואָרט);

2) ער קאָנ קומענ מיט די הילפּווערבנ „זײַנ, ווערנ“ אלס א נאָמינאלער פּרעדיקאט (צו ווײַזנ דעמ סוביעקטס אייגנשאפט);

3) ער קאָנ, סובסטאנטיווירט ווערנדיק, קומענ ניט נאָר אלס אנ אטריבוט (דעמ אלטנס ווענדונג) אָדער פּרעדיקאט (די ווענדונג איז דעמ אלטנס), נאָר אויכ אלס א סוביעקט אָדער אָביעקט.

אָבער אינ די אלע פאלנ, אויספילנדיק אזעלכע פארשיידענע פונקציעס, בלײַבט דער אדיעקטיוו פּאָרט דאָס, וואָס ער איז — א וואָרט (א וואָרטקלאס), וואָס באטײַט א כאראקטעריסטיק, אנ אייגנשאפט, אונ וואָס האָט געוויינטלעכ א באשטימטע סיסטעמ פלעקסיעס, אָפּהענגיק פונעמ מינ, צאָל אונ בייגפאָרמע פונעמ סובסטאנטיוו, וועלכנ ער, דער אדיעקטיוו, כאראקטעריזירט.

אנ אדיעקטיוו אנ אטריבוט קומט געוויינטלעכ פארנ סובסטאנטיוו, וועלכנ ער כאראקטעריזירט (נאָכנ ארטיקל). אשטייגער:

די היימישע שטאָט ליגט ווערסטנ ווײַט.

מײַנ היימישע שטאָט ליגט ווערסטנ ווײַט.

דער אדיעקטיוו קאָנ אָבער צוליב באטאָנונג קומענ אויכ נאָכנ סובסטאנטיוו. אשטייגער:

1. די שטאָט די היימישע ליגט ווערסטנ ווײַט.

---

1 ניט אלע גוטעס זײַנענ גוטע.

2. מייַנ שטאָט די היימישע ליגט ווערסטנ וויַיט.
3. מייַנ שטאָט מייַנ היימישע ליגט ווערסטנ וויַיט.
(כאשטשעוואצקי).

איַנ אזעלכע פאלנ איז געוויינטלעכ פאראנ אנ ארטיקל אָדער א פּאָסעסיווישער פּראָנאָמ (מייַנ, דייַנ, זייַנ, איר...)[1] אי פארנ סובסטאנטיוו אי פארנ אדיעקטיוו.

אָנמערקונג: אנ אדיעקטיוו קאָנ זיכ אמאָל געפינענ אויכ אָפּגערוקט פונעמ סובסטאנטיוו, וועלכנ ער כאראקטעריזירט. דאָס איז איַנ אזא פאל, ווענ דער אדיעקטיוו פילט אויס איינצייַטיק אי א פונקציע פונ אנ אטריבוט אי א פונקציע פונ אנ אויפנ-באשטימונג. אשטייגער: דער ברודער איז אריַינגעלאָפנ (א וועלכער, וויאזוי) א פרייליכער, די שוועסטער איז געקומענ (א וועלכע, וויאזוי) א צופרידענע.

50. אדיעקטיוו, פאראלעלע סובסטאנטיוונ אונ צונויפּגעזעצטער סובסטאנטיוו.

אדיעקטיוונ דארפ מענ ניט צונויפמישנ מיט פאראלעלע סובסטאנטיוונ, כאָטש סייַ די אונ סייַ יענע קומענ בא א סובסטאנטיוו, קומענ צו כאראקטעריזירנ אונ קאָנענ זיכ געפינענ אי פאר אי נאָכ דעמ כאראקטעריזירטנ סובסטאנטיוו. אשטייגער:

1. דער אלטער מוישע איז געקומענ.
2. מוישע דער אלטער איז געקומענ.

1. דער שניַידער מוישע איז געקומענ.
2. מוישע דער שנייַדער איז געקומענ.

אויב מיר וועלנ אנאליזירנ די אייגנשאפטנ פונ די אויסגעטיילטע ווערטער רעכטס אונ לינקס, וועלנ מיר באמערקנ אָט וועלכע אונטערשיידנ צווישנ זיי:

רעכטס

1) איַנ מערצאָל וואָלט געוואָרנ „די אלטע";
2) באמ צווייטנ מינ וואָלט געוואָרנ „די אלטע";
3) בא א דירעקטנ אָביעקט וואָלט געוואָרנ „דעמ אלטנ";
4) די ווערטער רופנ אָנ עפּעס אנ אייגנשאפט.

לינקס

1) איַנ מערצאָל וואָלט געוואָרנ „די שנייַדער(ס)";
2) באמ צווייטנ מינ וואָלט געוואָרנ „די שנייַדערקע" (שנייַדערנ);
3) בא א דירעקטנ אָביעקט וואָלט געוואָרנ „דעמ שנייַדער";
4) די ווערטער רופנ אָנ עפּעס א פראָפעסיע, עפּעס א זאכ.

---

1 זעט זייַט 150.

רעכטס זײַנען די אויסגעטײלטע ווערטער אדיעקטיוון, לינקס זײַנען די אויסגעטײלטע ווערטער סובסטאנטיוון.

אַן אדיעקטיוו דארף מען אויך ניט צונויפמישן מיטן באשטימטייל פון א צונויפגעזעצטן סובסטאנטיוו, כאָטש אָפט דריקן זיי אויס קימאַט איינס און דאָס זעלבע. אשטייגער:

1. דער ראיאָנער צוזאמענפאָר.
2. די ראיאָנע קאָנפערענצן.
3. די ראיאָנע צוזאמענפאָרן.
4. דעם ראיאָנעם צוזאמענפאָר.

1. דער ראיאָן־צוזאמענפאָר.
2. די ראיאָן־קאָנפערענצן.
3. די ראיאָן־צוזאמענפאָרן.
4. דעם ראיאָן־צוזאמענפאָר.

רעכטס האָבן מיר צו טאָן מיט סובסטאנטיוון און מיט אדיעקטיוון. די אדיעקטיוון שטימען מיט די סובסטאנטיוון אין מין, אין צאָל און אין בייגפאָרמע. לינקס האָבן מיר צו טאָן מיט סובסטאנטיוון צונויפזאצן — מיט ווערטער, וועלכע זײַנען געבילדעט פון צוויי סובסטאנטיוון, וואָס האָבן זיך צונויפגעזעצט און וואָס איינער פון זיי, דער ערשטער, באשטימט, כאראַקטעריזירט דעם צווייטן און הענגט פונעם צווייטנס מין, צאָל און בייגפאָרמע ניט אָפּ.

אָנמערקונג 1: צונויפזאצן זײַנען פאראַן ניט נאָר סובסטאנטיוון, נאָר אויך אדיעקטיוון, ווערבן און אנדערע ווערטער. אשטייגער: בלוי־ווײַסע, בלוטדאָרשטיקע, פעסטשטעלן...

אָנמערקונג 2: צווישן אַן אדיעקטיוו און סובסטאנטיוו דארף קיין בינד־צייכן ניט זײַן; צווישן די טיילן פון א צונויפזאַץ, אויב מע שרײַבט אים ניט איניינעם, דארף א בינדצייכן זײַן.

אף אזא אופן זעען מיר, אז א סובסטאנטיוו קאָן מען אין יידיש (און אין נאָך פיל שפּראַכן) כאראקטעריזירן מיט פארשיידענע מיטלען:

1) מיט אַן אדיעקטיוו: פארטייִשע באשלוסן, א קאָלווירטישע צײַטונג;

2) מיט א פּאָסעסיוו: דער פארטייס באשלוסן, דעם קאָלווירטס א צײַטונג;

3) מיט א דאטיוו (מיט א פּרעפּאָזיציע): באשלוסן פון דער פארטיי, א צײַטונג פון קאָלווירט;

4) מיט א פאראלעלן סובסטאנטיוו: באשלוסן לאָזונגען, א צײַטונג א פירערן[1];

5) מיט א באשטימטייל פון צונויפזאַץ: פארטיי־באשלוסן, א קאָלווירט־צײַטונג.

1 א פאראלעלער סובסטאנטיוו איז אַן אטריבוט אין באצוג צו זײַן צווייטן פאראלעלן סובסטאנטיוו, אָבער אין באצוג צו אלע אנדערע זאצגלידער זײַנען ביידע פאראלעלע סובסטאנ־טיוון איין זאצגליד — א סוביעקט, אַן אָביעקט אָדער עפּעס אנדערש.

958—1

6) מיט אנ אינפיניטיוו: די באשלוסנ צו ליקווידירנ די פאַשיסטישע ליגעס...; א קאָמיסיע צו באארבעטנ...

פונ די דאָזיקע כאראקטעריזיר-מיטלענ איז די כאראקטעריסטיק אינ א פאָרמע פונ א באשטימטייל פונ צונויפזאצ אלעמאָל פארנ כאראקטעריזירטנ טייל אונ בילדעט מיט דעמ דאָזיקנ איינ וואָרט. די אטריבוטנ אינ א פאָרמע פונ א דאטיוו (מיט א פרעפּאָזיציע) אונ אנ אינפיניטיוו זײַנענ נאָכנ כאראקטעריזירטנ סובסטאנטיוו. אונ די אטריבוטנ אינ א פאָרמע פונ אנ אדיעקטיוו, א פּאָסעסיוו אונ א פאראלעלנ סובסטאנטיוו זײַנענ אינ א רײ פאלנ (אָפטער) פארנ כאראקטעריזירטנ סובסטאנטיוו אונ אינ א רײ פאלנ נאָכ אימ. אשטייגער:

1. דער אלטער מוישע — מוישע דער אלטער; דער יונגער כאווער — דער כאווער דער יונגער.
2. דעמ שוסטערס אינסטרומענטנ — עסטער דעמ שוסטערס.
3. דער דאָקטער באביצקי — באביצקי דער דאָקטער.

די דאָזיקע כאראקטעריזיר-מיטלענ זײַנענ ניט אינ אלע שפּראכנ גלײַכ פאָרגעשטעלט. אשטייגער אינ א רײ פאלנ, ווענ אינ יידיש אונ אינ נאָכ פיל שפּראכנ כאראקטעריזירט מענ איינ סובסטאנטיוו מיט דער הילפ פונ א צווייטנ סובסטאנטיוו, וואָס גייענ זיכ צונויפ אונ בילדנ א צונויפזאצ, — קומט אינ רוסיש אונ אינ נאָכ פיל שפּראכנ אינ די זעלבע פאלנ אנ אדיעקטיוו. אשטייגער: וואסערמיל — водяная мельница; נאָזטיכל — носовой платок.

אונ אויכ אופגעקומענ זײַנענ די פריער אָנגעוויזענע פארשיידענע כאראקטעריזיר-מיטלענ ניט אינ דעמ סיידער, ווי זיי זײַנענ דאָ געוויזנ. אשטייגער דער אדיעקטיוו, וואָס גייט דאָ אפנ ערשטנ אָרט אונ וואָס פארנעמט איצט ביכלאל דעמ אויבנאָנ פונ די אטריבוט-פאָרמעס, איז גראָד פונ די שפּעטער אופגעקומענע כאראקטעריזיר-מיטלענ.

אינ א רײ שפּראכנ, וואָס געפינענ זיכ נאָכ אפ א נידעריקער סטאדיע פונ אנטוויקלונג, ווי אשטייגער אינ די שפּראכנ פונ די פּילצאָליקע שוואָטימ פונ אווסטראליע, זײַנענ קיינ אדיעקטיוונ נאָכ ניט פאראנ. וואָרעמ אדיעקטיוונ, אבסטראהירנ געוויינטלעכ די אייגנשאפטנ אונ רײַסנ זיי אָפּ פונ די געגנשטאנדנ, וואָס טראָגנ די דאָזיקע אייגנשאפטנ. אונ א רײ שוואָטימ פונ אווסטראליע געפינענ זיכ נאָכ אינ א צושטאנד פונ קאָנקרעטנ דענקענ. דעריבער זײַנענ זיי אשטייגער ניט אימשטאנד אבסטראקט אויסצודריקנ אזעלכע אייגנשאפטנ ווי א הארטער, שטילער, הייסער, קאלטער, לאנגער, קורצער, קײַלעכדיקער אונ אנדערע. אפ אויסצודריקנ הארטקײַט זאָגנ זיי — „ווי א שטיינ"; אפ א קײַלעכדיקנ געגנשטאנד זאָגנ זיי — „ווי די לעוואָנע", „ווי א קײַלעכ"; אפ א הייסער זאכ זאָגנ זיי — „ווי די זונ". הארטקײַט, קײַלעכדיקײַט, הייסקײַט קאָנענ זיי ניט אָפּטיילנ פונ א שטיינ, פונ א קײַלעכ (אָדער לעוואָנע), פונ דער זונ.

בא די אײַנוווינער פונ די אינדזלענ נײַ־בריטאניע (צאָפנ-אווסטראליע) זײַנענ אשטייגער ניט פאראנ קיינ ספּעציעלע ווערטער אפ צו באצייכענענ א קאָליר. א קאָליר ווײַזנ זיי אפ אזא אויפנ: זיי פארגלײַכנ איינ געגנשטאנד (סובסטאנטיוו) מיט א צווייטנ, וואָס ווערט גענומענ אלס א קאָליר-מוסטער. זיי זאָגנ אשטייגער, אז דער אונ דער געגנשטאנד האָט אנ אויסזענ אָדעק א קאָליר פונ א ראָב. מיט דער צײַט ווערט אײַנגעשטעלט דער באנוצ פונ אזא סובסטאנטיוו אלס אנ אויסדרוק פונ א געוויסנ אטריבוט.

אינ א גרויסער מאָס האָבנ מיר אזא אויפנ פונ כאראקטעריזירנ נאָכ אויכ איצט אינ די־

גערמאנישע שפראכנ (דײטש, ענגליש, יִדיש און אנדערע). דערפונ נעמט זיכ אינ די דאָזיקע שפראכנ די לײַכטקײַט פונ כ א ר א ק ט ע ר י ז י ר נ דורכנ באשטימטײל פונ א צונויפּזאצ — דורכ צונויפּזעצנ סובסטאנטיװנ, װאָס אײנער פונ זײ זאָל בענעגײע צום צװײטנ אויספּילנ א פונקציע פונ אנ אטריבוט (א װיגטמיל, א באָזטיכל...). דעריבער האלט דער אקאַדעמיקער מ א ר די סטרוקטור פונ די גערמאנישע שפראכנ פאר אנ ארכאישער (אוראלטער).

אינ א רײ פאלנ קאָנ די כאראקטעריסטיק באמ סובסטאנטיװ, דער אטריבוט, אויסגעדריקט װערנ מיט דער הילפ פונ אנ אדיעקטיװ אָדער מיט דער הילפ פונ אנ אנדער כאראקטעריזיר־מיטל, און דער אינהאלט איז אײנער און דער זעלבער (אָדער קימאט אײנער און דער זעלבער). אשטײגער:

1. דער ר א י אָ נ ע ר צוזאמענפאָר האָט זיכ געעפנט.
2. דער ר א י אָ נ-צוזאמענפאָר האָט זיכ געעפנט.
3. דער צוזאמענפאָר פ ו נ ר א י אָ נ האָט זיכ געעפנט.

עס זײַנען אָבער פאראנ פאלנ, װענ פאר דער כאראקטעריסטיק איז צוגעפּאסט ניט אײנ מיטל, נאָר גראָד א צװײטס. אשטײגער:

1. דער דאָרפראט איז שטארק פארנומענ מיט ארויסגעבנ מ י ל כ י ק ע ספראװקעס.
2. ער האָט ערשט געענדיקט א ה ו י כ ע שול.

1. דער דאָרפראט איז שטארק פארנומענ מיט ארויסגעבנ מ י ל כ-ספראװקעס.
2. ער האָט ערשט געענדיקט א ה ו י כ ש ו ל.

אינ די געגעבענע פאלנ איז, פארשטײט זיכ, נאטירלעכ צו זאָגנ אזוי װי אינ די לינקע פאלנ און ניט װי אינ די רעכטע.

און אמאָל, פארקערט, לוינט באמ כאראקטעריזירנ בעסער אָנצוקומענ ניט צו קײנ צ ו נ ו י פ ז א צ, נאָר גראָד צו אנ א ד י ע ק ט י װ. אשטײגער:

די לעמפּעלעכ װעלנ באלויכטנ נאָכ הונדערטער טויזנטער פ ו י ע ר ש ע און א ר ב ע ט ע ר-צ י מערנ.

די לעמפּעלעכ װעלנ באלויכטנ נאָכ הונדערטער טויזנטער פ ו י ע ר ש ע און א ר ב ע ט ע ר ש ע צימערנ.

צוליב ס י מ ע ט ר י ע (גלײַכזײַטיקײַט) לוינט דאָ בעסער אויסצודריקנ בײדע כאראקטעריסטיקעס ניט אזוי װי רעכטס, נאָר אזוי װי לינקס — מיט א ד י ע ק ט י װ נ. אָדער אז מע װיל דאָ דאפקע א צונויפזאצ, קאָנ מענ צוליב סימעטריע שאפנ א צװײענדיקנ צונויפזאצ: פויערים-און ארבעטער-צימערנ.

אָבער ניט שטענדיק איז לײַכט אָפּצוהיטנ די דאָזיקע סימעטריע. עס טרעפנ פאלנ, װענ א סובסטאנטיװ ציט צו זיכ צװײ (עטלעכע) אטריבוטנ און אײנער פונ זײ קאָנ גיכער קומענ אינ א פאָרמע פונ אנ אדיעקטיװ

און דער צווייטער איז א פאָרמע פון א באשטימטייל פון א צונויפזאץ, ווי אשטייגער אינעם זאץ „מע האָט פיל גערעדט וועגן דער קאָמונאלער און וווינונג־ווירטשאפט". זאָגן אינעם דאָזיקן זאץ: „וועגן דער קאָמונע־ און וווינונג־ווירטשאפט" אָדער „וועגן דער קאָמונאלער און וווינונגיקער (וווינלעכער?) ווירטשאפט" — איז פאר אונדז ניט גאָר נאטירלעך. אין אזעלכע פאלן איז דעריבער גלייכער איבערכאזערן דעם סובסטאנטיוו און זאָגן אשטייגער אזוי: וועגן דער קאָמונאלער ווירטשאפט און וווינונג־ווירטשאפט.

51. אדיעקטיווישע פאָרמעס

פונקט ווי די ארטיקלען בא סובסטאנטיוון אין מערצאָל, אזוי האָבן אויך די אדיעקטיוון אין מערצאָל קימאט אלעמאָל איין פאָרמע — א פלעקסיע „ע". אשטייגער:

1. די נייע סטודענטן זיינען געקומען.
2. די נייע סטודענטקעס „ „
3. מיר האָבן באגעגנט די נייע סטודענטן.

דאָ זעען מיר, אז דער אדיעקטיוו האָט איינע און די זעלבע פאָרמע אין אזעלכע פארשיידענע פאלן[1]. גאָר אנדערש איז אָבער אין איינצאָל. אין איינצאָל האָט אן אדיעקטיוו געוויינטלעך אזא סיסטעם פאָרמעס (פלעקסיעס):

פאָרמעס	ערשטער מין	צווייטער מין
1. נאָמינאטיוו	דער רייכער שטייגער	די רייכע אָרדענונג
2. אקוזאטיוו	דעם רייכן „	„ „ „
3. דאטיוו	„ „ „	דער רייכער „

אזא סיסטעם פאָרמעס (פלעקסיעס) האָט אן אדיעקטיוו פון ערשטן און צווייטן מין, סיי ווען ער קומט פאַרן סובסטאנטיוו און סיי ווען נאָך אים (דער רייכער שטייגער—דער שטייגער דער רייכער). אן אנדער בילד באקומט זיך באם אדיעקטיוו פון דריטן מין. דאָ שפילט א ראָליע, ווי מיר וועלן באלד זען, ניט נאָר דער סיידער פון די ווערטער, נאָר אויך אזא אָדער אן אנדער ארטיקל. אשטייגער:

1 אָן דער פלעקסיע „ע" קומען אין מערצאָל בלויז די אדיעקטיוון פונעם טיפ „מאָסקווער", אמעריקאנער" (זעט זייט 158).

פאָרמעס	דריטער מינ		
	מיטנ ארטיקל „דאָס"	מיט די ארטיקלענ „א (אנ), קיינ"	
		אדיעקטיוו פארנ סובסטאנטיוו	אדיעקטיוו נאָכנ סובסטאנטיוו
1. נאָמינאטיוו	1. דאָס רייַכע לעבנ	1. א רייַכ לעבנ	1. א לעבנ א רייַכס
2. אקוזאטיוו	2. „ „ „	2. „ „ „	2. „ „ „ „
3. דאטיוו	3. דעמ רייַכנ לעבנ	3. „ „ „	3. „ „ „ „

אָנמערקונג: אנ אדיעקטיוו א פרעדיקאט בא א סובסטאנטיוו (א סוביעקט) פונ דריטנ מינ האָט די פלעקסיע „ס", אומאָפהענגיק דערפונ, צי דער אדיעקטיוו דער פרעדיקאט איז נאָכנ סובסטאנטיוו צי פאר. אשטייגער:

1) דאָס לאנד איז דאָ א ברייטס — א ברייטס איז דאָ דאָס לאנד;

2) דאָס לעבנ איז דאָ אנ אינטערעסאנטס — אנ אינטערעסאנטס איז דאָ דאָס לעבנ.

אפ אזא אויפנ זעענ מיר, אז אנ אדיעקטיוו האָט ביכלאל אזא סיסטעמ פלעקסיעס:

1) ערשטער מינ: — ער, נ;

2) צווייטער מינ: — ע, ער;

3) דריטער מינ: — ע, נ, ס אָדער א נולפאָרמע — א פאָרמע (אָנ פלעקסיעס), וועלכע דער אדיעקטיוו האָט, קומענדיק פאר א סובסטאנטיוו פונ דריטנ מינ מיטנ ארטיקל „א" (אנ) אָדער „קיינ".

אזא סיסטעמ פלעקסיעס האָט דער גרעסטער טייל אדיעקטיוונ. עס זייַנענ אָבער פאראנ אויכ אזעלכע גרופעס אדיעקטיוונ, וואָס אינ אקוזאטיוו אונ אינ דאטיוו פונ ערשטנ מינ אונ אינ דאטיוו פונ דריטנ מינ האָבנ זיי ניט קיינ פלעקסיע „נ", נאָר „ענ" אָדער „עמ". דאָס זייַנענ די אדיעקטיוונ, וואָס זייער נולפאָרמע ענדיקט זיכ:

1) מיט א וואָקאל. אשטייגער: פרי — דעמ פריִענ;

2) מיט א דיפטאָנג. אשטייגער: פרייַ — דעמ פרייַענ;

3) מיט א „מ". אשטייגער: ווארעמ — דעמ ווארעמענ; שטומ — דעמ שטומענ;

4) מיט א „נ". אשטייגער: שיינ — דעמ שיינעמ; ריינ — דעמ ריינעמ.

אָנמערקונג 1: די אדיעקטיוונ „נייַ" אונ „גענוי" האָבנ אינ אקוזאטיוו אונ אינ דאטיוו פונ ערשטנ מינ אונ אינ דאטיוו פונ דריטנ מינ ניט קיינ פלעקסיע „ענ", נאָר „עמ" — דעמ נייַעמ, דעמ גענויעמ.

אָנמערקונג 2: בא אדיעקטיוון, וואָס זייער נולפאָרמע ענדיקט זיך מיט א טראפיקנ „נ" אָדער „ל", קומט געוויינטלעך פארנ דאָזיקנ טראפיקנ קלאנג ארײַנ אנ „ע". אשטייגער: 1) טרוקנ(ס) — טרוקענער, טרוקענע, טרוקענעם; 2) איידל(ס) — איידעלע, איידעלער, איידעלנ [1].

אנ אדיעקטיוו בא א סובסטאנטיוו א צונויפזאצ שטימט אלעמאָל (אינ מינ, צאָל אונ בייגפאָרמע) נאָר מיטנ הויפט-טייל פונעם צונויפזאצ. אשטייגער:

1. א רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־צײַטונג.
2. א רעוואָליוציאָנערער צײַטונג־ארבעטער.

בא א צונויפזאצ פונעם טיפ „שער-אונ-אײַזנ, גאָפל-מעסער" קאָנ דער אדיעקטיוו (ווי אויך דער ארטיקל) זײַנ אינ איינצאָל אָדער אינ מערצאָל. אשטייגער: אונ בוזי הייבט זיך אופ מיט אירע שטילע טריט אונ טראָגט מיר צו א גאָפל-מעסער — באקאנטע גאָפל־מעסער (שאָלעם-אליכעם).

בא פּאראלעלע סובסטאנטיוונ קאָנ ביכלאל קומענ אנ אדיעקטיוו צו יעדנ פונ זיי. אשטייגער: א קרײַז ליטעראטנ — א נײַער קרײַז יונגע ליטעראטנ. עס זײַנענ אָבער פאראנ אויך אזעלכע פּאראלעלע סובסטאנטיוונ, וואָס בא זיי קאָנ קומענ אנ אדיעקטיוו נאָר פארנ ערשטנ סובסטאנטיוו. אשטייגער: די גרויסע שטאָט מאָסקווע, דער אינטערעסאנטער שרײַבער בערגעלסאָנ. אונ עס זײַנענ פאראנ פּאראלעלע סובסטאנטיוונ, וואָס בא זיי קומט אנ אדיעקטיוו פארנ ערשטנ סובסטאנטיוו, כאָטש דער אדיעקטיוו ווײַזט אָנ אנ אייגנשאפט פונעם צווייטנ סובסטאנטיוו. אשטייגער: אנטקעגנ אימ אפנ טיש שטייט די גאנצע צײַט די געברימטע גלאָז מילכ (בערגעלסאָנ).

אָנמערקונג: אינ אזעלכע פאלנ ווי „די גרויסע שטאָט מאָסקווע, די געבריטע גלאָז מילכ" געהערט די כאראקטעריסטיק צו דער גאנצער גרופּע פּאראלעלע סובסטאנטיוונ.

בא א פּאָסעסיוו איינצאָל איז דער אדיעקטיוו אלעמאָל א דאטיוו. אשטייגער:

1. ער איז דעמ אלטנ מאנס א ברודער.
2. ער איז דער אלטער פרויס א ברודער.
3. ער איז דעמ אלטנ מיידלס א ברודער.

ווענ אנ אדיעקטיוו ווערט סובסטאנטיווירט אונ ער באטײַט ניט קיינ לעבעדיקע זאכ, געהערט ער צומ דריטנ מינ. אשטייגער:

1. דאָס דורכגעלייענטע האָט אויסגענומענ באמ אולעמ.
2. דאָס אָנגעשריבענע איז אלעמענ זייער געפעלנ געוואָרנ.

---

1 אינ איינינקע ערטער זאָגט מענ אי „איידעלער" אי „איידלער" מיט א דיפערענציאציע אינעמ באטײַט: אנ איידעלער — א פײַנער; אנ איידלער — א מאָגערער.

ווענ אנ אדיעקטיוו ווערט סובסטאנטיווירט, קאָנ ער האָבנ ניט נאָר די פאָרמעס נאָמינאטיוו, אקוזאטיוו אונ דאטיוו, נאָר אויכ די פּאָסעסיווישע פאָר-מע. אשטייגער: 1) ער איז דעמ אלטנס א ברודער; 2) ער איז דער אלטערס א ברודער.

אָנמערקונג: דאָס וואָס אנ אדיעקטיוו שטימט געוויינטלעכ מיטנ סוב-סטאנטיוו אינ מינ, צאָל אונ בייגפאָרמע, גיט אָפּט די מעגלעכקייט דורכ דער בייגפאָרמע פונעמ אדיעקטיוו פעסטצושטעלנ די בייגפאָרמע פונעמ סובסטאנטיוו. אשטייגער: ער איז א יונגער ארבעטער (נאָמינאטיוו); איכ רופ א יונגנ ארבעטער (אקוזאטיוו); איכ שיק א יונגנ ארבעטער (א יונ-גער ארבעטערנ) אנ איינלאדונג (דאטיוו).

52. אדיעקטיווישע אויסבילדונג

איינס אונ דאָס זעלבע וואָרט קאָנ אינ איינ פאל זיינ א סובסטאנטיוו אונ אינ א צווייטנ אנ אדיעקטיוו. אשטייגער:

1. די ליבע צו דער ארבעט האלט בא אימ אינ איינ וואקסנ.
2. די ליבע ארבעט באגייסטערט אימ אלצ מער אונ מער.

אינעמ ערשטנ פאל איז „ליבע" א סובסטאנטיוו, אינעמ צווייטנ פאל איז „ליבע" אנ אדיעקטיוו. אָבער אזעלכע ווערטער זיינענ פאראנ ניט קיינ סאכ. געוויינטלעכ קומענ אלס סובסטאנטיוונ גאָר אנדערע ווערטער ווי די, וואָס קומענ אלס אדיעקטיוונ.

אדיעקטיוונ (פּונקט ווי ווערבנ אונ סובסטאנטיוונ) זיינענ פאראנ גרונטיקע אונ אויסגעבילדעטע. אשטייגער:

גרונטיקע			אויסגעבילדעטע		
גרויס [1]	שיינ	גרינ	ליכטיק	זומערדיק	גליקלעכ
שטארק	יונג	רייג	שטאָטיש	כיינעוודיק	לוינבאר

אדיעקטיוונ ווערנ מיט דער הילפ פונ די אָדער יענע סופיקסנ געביל-דעט גופא פונ אדיעקטיוונ, פונ סובסטאנטיוונ, פּונ ווערבנ אונ פונ ווער-טער פונ אנדערע וואָרטקלאסנ. אשטייגער:

1. שווארצלעכ קלייניגק	2. גליקלעכ ליכטיק	3. מעגלעכ נייטיק	4. דאָרטיק איצטיק

דאָס ערשטע פּאָרל אדיעקטיוונ איז געבילדעט פונ די אדיעקטיוונ „שווארצ" אונ „קליינ"; דאָס צווייטע פּאָרל — פונ די סובסטאנטיוונ „גליק" אונ „ליכט"; דאָס דריטע פּאָרל — פונ די ווערבנ „מעג" אונ „נייט"; אונ דאָס פערטע פּאָרל איז געבילדעט ניט פּונ סובסטאנטיוונ, ניט פונ ווערבנ,

1 מיר גיבנ דאָ דעמ אדיעקטיוו אינ דער נולפּאָרמע (אָנ פלעקסיעס).

נאָר פון די ווערטער „דאָרט" און „איצט", וואָס געהערן צו אַן אַנדער ווערטקלאַס.

אַדיעקטיוון, וואָס ווערן געבילדעט גופֿע פֿון אַדיעקטיוון מיט דער הילף פֿון די סופֿיקסן „ינק, יטשק (טשינק)" אָדער „לעך", דריקן געוויינ־טלעך אויס פֿאַרקלענערונג, צערטלעכקייט (אַמאָל אויך פֿאַראַכ־טונג) אָדער אַן אָפּשוואַכונג אין דער קוואַליפֿיקאַציע. אַשטייגער: שוואַר־צינקע פּענעמלעך, קלייניטשקע הענטעלעך, רויטלעכע ליפּן (ליפּעלעך)[1].

אַדיעקטיוון, וואָס ווערן געבילדעט פֿון סובסטאַנטיוון, וועלכע באַטײַטן שטאָפֿן, האָבן געוויינטלעך אַ סופֿיקס „(ע)נ" אָדער „ערנ". אַשטייגער:

אַ וואָלן טיכל	אַ לײַנען היטל	אַ הילצערן טעפּל
אַ וואָלענער מאַנטל	אַ לײַנענער פּידזשאַק	אַ הילצערנער. טאָפּ

אָנמערקונג 1: דער אַדיעקטיוו, וואָס איז געבילדעט פֿונעם וואָרט „מעשו־גע", האָט אויך אַזאַ סופֿיקס. אַשטייגער: אַ מעשוגנג הינטל, אַ מעשוגענער הונט.

אָנמערקונג 2: עס זײַנען פֿאַראַן אויך אַזעלכע אַדיעקטיוון, וואָס זײַנען געבילדעט פֿון סובסטאַנטיוון און זײַנען אָן סופֿיקסן. אַשטייגער די אַדיעקטיוון „ראַיאָנע" (צײַטונג), „גענעראַלע" (ליניע) האָבן אַדיעקטיווישע פֿלעקסיעס. אָבער קיין סופֿיקס האָבן זיי ניט, כאָטש געבילדעט זײַנען זיי פֿון די סובסטאַנטיוון „ראַיאָן", „גענעראַל".

אַדיעקטיוון ווערן אָפֿט געבילדעט אויך פֿון ווערבן אָן דער הילף פֿון ספּעציעלע סופֿיקסן. דאָס קומט געוויינטלעך פֿאָר באַם בילדן אַדיעקטיוון פֿון פּאַרטיציפּן און גערונדיוון. אַשטייגער אינעם זאַץ „אַ פֿאַרבײַגייענ־דיק קינד האָט זיך אָפּגעשטעלט באַטראַכטן די אויסגעהאַנגענע ביל־דער"—האָבן מיר צוויי אַדיעקטיוון, וואָס זײַנען געבילדעט פֿון אַ גערונ־דיוו „פֿאַרבײַגייענדיק" און פֿון אַ פּאַרטיציפּ „אויסגעהאַנגענ".

באַם בילדן אַן אַדיעקטיוו פֿון אַ פּאַרטיציפּ אָדער פֿון אַ גערונ־דיוו דאַרף מען געדענקען, אַז די דאָזיקע טיפּן אַדיעקטיוון באַטײַטן ניט איינס און דאָס זעלבע. אַן אַדיעקטיוו, וואָס איז געבילדעט פֿון אַ פּאַרטי־ציפּ, באַטײַט געוויינטלעך פֿאַרגאַנגענהייט אָדער פּאַסיווקייט (אָדער ביידע צוזאַמען); און אַן אַדיעקטיוו, וואָס איז געבילדעט פֿון אַ גערונדיוו, באַטײַט געוויינטלעך קעגנוואַרט אָדער אַקטיווקייט (אָדער ביידע צו־זאַמען). אַשטייגער:

---

[1] וועגן אַדיעקטיוון, וואָס ווערן געבילדעט גופֿע פֿון אַדיעקטיוון מיט דער הילף פֿון אַנדערע סופֿיקסן — צו ווײַזן אַ העכערן גראַד (גרעסער, גרעסטער; שענערער, שענסטער), וועט גערעדט ווערן אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען.

פאַרטיציפּישער אַדיעקטיוו

1. איך האָב באַגעגנט די אָ נ ג ע־ קו מ ע נ ע דעלעגאַטן.
2. די ע ק ס פּ ל ו א ט י ר ט ע מאַסן פילן מיט דעם קאָמוניזם.

גערונדיווישער אַדיעקטיוו

1. איך האָב באַגעגנט די אָ נ ק ו־ מ ע נ ד י ק ע דעלעגאַטן.
2. די ע ק ס פּ ל ו א ט י ר נ ד י ק ע שיכטן קעמפן קעגן דעם קאָמוניזם.

רעכטס ווייזן די אַדיעקטיוון פ א ר ג א נ ג ע נ ה י י ט און פ א ס י ו ו ק י י ט, לינקס ווייזן זיי ק ע ג נ וו א ר ט און אַ ק ט י ו ו ק י י ט.

דער ווערב, וואָס פון אים ווערט געבילדעט אַן אַדיעקטיוו, קאָן זיין סיי אַן אַקטיווער, סיי אַ פּאַסיווער און סיי אַ רעפלעקסיווער. אַשטייגער:

פאָרמע און וואָרטקלאַס	אַקטיוו	פּאַסיוו	רעפלעקסיוו
פאַרטיציפּ (ווערב)	אָפּגעשטויסן	אָפּגעשטויסן געוואָרן	זיך אָפּגעשטויסן
פּאַרטיציפּישער אַדיעקטיוו	אַן אָפּגעשטויסן־ס, (אַן) אָפּגעשטויסענ־ע, ער, עם	אַן אָפּגעשטויסן געוואָרן־ס, (אַן) אָפּגעשטויסן געוואָרענ־ע, ער, עם	————
גערונדיוו (ווערב)	אָפּשטויסנדיק	אָפּגעשטויסן ווערנדיק	זיך אָפּשטויסנדיק
גערונדיווישער אַדיעקטיוו	(אַן) אָפּשטויסנדיק־ס, ע, ער, ן	(אַן) אָפּגעשטויסן ווערנדיק־ס, ע, ער, ן	(אַ) זיך אָפּשטויסנ־דיק־ס, ע, ער, ן

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג: אַן אַדיעקטיוו, וואָס איז געבילדעט פון אַ פּאַסיוון ווערב אַ פּ א ר ט י צ י פּ, באַטייט פּאַסיווקייט און פ א ר ג א נ ג ע נ ה י י ט; אַן אַדיעקטיוו, וואָס איז געבילדעט פון אַ פּאַסיוון ווערב אַ ג ע ר ו נ ד י ו ו, באַטייט פּאַסיווקייט און ק ע ג נ וו א ר ט. פאַרגלייכט אַשטייגער דאָס ווייטערדיקע:

די אָפּגעשטויסן געוואָרענע צוהערער — די פאַרמאַטערט געוואָרענע שילער
די אָפּגעשטויסן ווערנדיקע צוהערער — די פאַרמאַטערט ווערנדיקע שילער

מע דאַרף זאָגן און שרייבן:

געדונגענע	געוווּנענע	דערפונדענע	פאַרזונקענע	צעבונדענע
געלונגענע	געפונענע	דערטרונקענע	פאַרשווּנדענע	צערונענע

די דאָזיקע און נאָך פיל אַנדערע אַדיעקטיוון דאַרפן זיין מיט „ו" און ניט מיט „י", ווייל אַ ווערבאַלער אַדיעקטיוו בילדעט זיך ניט פון קיין אינפיני־

טיוו, נאָר פון אַ פּאַרטיציפּ (און גערונדיוו). און ווי עס איז שוין פעסט־געשטעלט געוואָרן אינעם קאַפּיטל „פּאַרטיציפּ" (גיט אַ קוק), קומען די דאַזיקע און ענלעכע ווערטער אַלס פּאַרטיציפּן מיט „ר".

מע דאַרף אויך זאָגן און שרײַבן „דערהויבענע, אָנגעהויבענע... פאַרבויגענע, אָנגעבויגענע..." מיט „וי" און ניט מיט „יי". אָבער: פאַרבייגטע אַדיעקטיוון, וואָס זײַנען געבילדעט פון פּאַרטיציפּן מיטן סופיקס „ט", דאַרפן אָפּהיטן דעם דאָזיקן פּאַרטיציפּישן סופיקס. אַשטייגער: פּ אַ ר־פ ר ע מ ד ט ע, פ אַ ר ב ל ע נ ד ט ע; אָבער אין די ווערטער „פרעמדע, בלינדע" איז קיין סופיקס „ט" ניט פאַראַן. די דאָזיקע אַדיעקטיוון זײַנען, פאַרשטייט זיך, ניט פון קיין פּאַרטיציפּן.

די אַדיעקטיוון פון די פּאַרטיציפּן „געווען, געזען, געשען" זײַנען אַזוי: געוועזענע, געזעענע, געשעענע.

5. צאָלוואָרט

53. צאָלוואָרט און אַדיעקטיוו

אין אַ זאַץ קומען אָפּט ווערטער, וואָס ווײַזן אַ צ אָ ל פון זאַכן. אַשטייגער אינעם זאַץ „זיי האָבן פאַר ד ר ײַ טעג געמאַכט פ י נ ף מאַנטלען" ווײַזן די ווערטער „דרײַ" און „פינף" אַ געוויסע צאָל פון עפּעס. אַזעלכע ווערטער הייסן צ אָ ל וו ע ר ט ע ר.

דער קלאַס צ אָ ל וו ע ר ט ע ר נעמט אַרום אַ גאַנץ קליינע גרופּע ווערטער (איינס, צוויי... עלף, צוועלף... צוואַנציק, דרײַסיק... הונדערט, טויזנט...). אָבער מיט דער הילף פון דער דאָזיקער קליינער צאָל ווערטער קאָן מען אָנרופן זייער אַ גרויסע צאָל זאַכן, אָן אַ סאָף.

ציילן האָט זיך דער מענטש אויסגעלערנט נאָך אין די גאָר אוראַלטע צײַטן. לויט דער מיינונג פונעם אַקאַדעמיקער מאַר—נאָך ביזן אופקום פון דער קלאַנגענשפּראַך, ווען דער הויפּטאָרגאַן פון רייד איז געווען די ה אַ נ ט. דאָס ציילן פלעגט דאַן פאָרקומען מיט דער הילף פון די הענט און פינגער. מיט אַ גאַנצער האַנט (מיט דער דלאָניע) פלעגט מען אויסדריקן די צאָלן „איינס" און „צוויי" און מיט אַ האַנט פינגער פלעגט מען אויסדריקן די צאָלן „פינף" און „צען". די איבעריקע צאָלן פלעגט מען אויסדריקן אָדער דורך צונויפלייגן (1+2=3; 5+1=6) אָדער דורך אַראָפּנעמען (10—2=8; 10—1=9). אָט די דאָזיקע סיסטעם פון ציילן איז געלייגט אין גרונט באַם אויסבילדן צאָלווערטער אויך אין דער קלאַנגענשפּראַך.

אין אַ ריי שפּראַכן פון די ווייניק אַנטוויקלטע פעלקער טראָגן נאָך אַדײַעם די ערשטע פינף ציפערן די נעמען פון פינגער1. אין זייער פיל שפּראַכן פון די „ציוויליזירטע" פעל־

1 אין אַ ריי שפּראַכן פון די צאָפן־אַזיאַטישע פעלקער—פון די אָראָוועדלאַנען (טשוקטשעס), קאַמטשאַדאַלן, קאָריאַקן און אַנד.—רופט מען אָן מיט איינעם און דעם זעלבן וואָרט די צאָל פ י נ ף און אַ ה אַ נ ט, די צאָל צ וו אַ נ צ י ק און אַ מ ע נ ט ש ן. און דעם באַגריף צ יי ל ן דריקט מען דאָרט אויס מיט אַ וואָרט, וואָס באַטײַט פ י נ ג ע ר נ (מאַכן מיט די פינגער).

קער זײַנען ספּעציעלע ווערטער. פאראַן נאָר פאר די צאָלן פון 1 ביז 10 (און פאר אייניקע אנדערע: הונדערט, טויזנט אאוו.). די ווערטער פאר די איבעריקע צאָלן זײַנען מערסטנס געבילדעט ווי א קאָמבינאציע פון די ערשטע צען. אשטייגער די צאָלווערטער „דרײַצן, פערצן, פופצן" אאוו. זײַנען צונויפגעזעצט פון „דרײַ + צען, פיר + צען" אאוו. די צאָלווערטער „צוואנציק, דרײַסיק, פערציק" זײַנען צונויפגעזעצט פון „צוויי, דרײַ, פיר" מיט די ווערטער „ציק, סיק", וואָס האָבן אמאָל באטײַט צען און וואָס איצט קומען זיי שוין ניט אלס זעלבשטענדיקע. די צאָלווערטער „עלף, צוועלף" זײַנען צונויפגעזעצט געוואָרן פון „איינ" און „צוויי" מיט „ליפ", וואָס האָט אמאָל באטײַט „איבער" אָדער „בלײַבט", דאָס הייסט: א י ב ע ר צ ע נ.

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג: איצט זײַנען די ווערטער „עלף, צוועלף, צוואנציק, דרײַסיק" אאוו. שוין פארגעסענע צונויפזאצן. מיר פילן שוין ניט אין זיי קיין צונויפזעצונג פון צוויי וואָרצלען. ווי מיר פילן עס ניט אינעם וואָרט „צווייפל" אשטייגער, וואָס איז אויך אופגעקומען ווי א צונויפזאצ — פון „צוויי" און „פעל" (פאל).

צאָלווערטער קומען אָפּט צו ווײַזן א צאָל ביכלאל און ניט דאפקע א צאָל פון באשטימטע זאכן. אין אזעלכע פאלן קאָנען די צאָלווערטער אויכפילן פונקציעס פון פארשיידענע זאצגלידער — זיי קאָנען זײַן סוביעקטן, פרעדיקאטן און אנדערע. אשטייגער: פ י נ פ איז מער פון ד ר ײַ; צ וו יי מאָל צ וו יי איז פ י ר.

א צאָל קאָנען אָפּטמאָל ווײַזן אויך ס ו ב ס ט א נ ט י וו נ. אשטייגער: א פּ אָ ר הענט, א צ ע נ ד ל י ק העפטן, א ט ו צ (12) נאָדלען, א ש אָ ק (60) אייער, א מ יי ע (100) ניס. דעריבער דארף מען ניט אלע ווערטער, וואָס ווײַזן א צאָל, פארעכענען פאר צאָלווערטער. די ווערטער, וואָס ווײַזן א צאָל און האָבן סימאָנים און אייגנשאפטן פון סובסטאנטיוון, זײַנען סובסטאנטיוון.

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג 1: עס זײַנען פאראַן סובסטאנטיוון, וואָס זײַנען געבילדעט פון אינטערנאציאָנאלע (גריכישע, לאטײַנישע) צאָלווערטער מיט אָדער אָן אינטערנאציאָנאלע סובסטאנטיוון און וואָס באטײַטן עפּעס אזוינס, וואָס האָט א שײַכעס צו א צאָל. אשטייגער: פּראָצענט (אפ הונדערט; א הונדערטל פון עפּעס א צאָל); צענטנער (הונדערט קילאָ); העקטאר (הונדערט אר[1]); העקטאָגראַם (הונדערט גראַם); קילאָגראַם (טויזנט גראַם) און א ריי אנדערע.

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג 2: צאָלווערטער קאָנען סובסטאנטיווירט ווערן, און דאַן קאָנען זיי ווי ביכלאל סובסטאנטיוון קומען מיט ארטיקלען און מיט אדיעקטיוון. אשטייגער: ד י ע ר ש ט ע ד ר ײַ האָב איך ניט געוואָלט נעמען; ד י אייבערשטע פ י נ פ געפעלן מיר מער.

צאָלווערטער געפינען זיך געוויינטלעך פאר די סובסטאנטיוון, צו וועלכע זיי געהערן. אשטייגער: צען קינדער, פופצן ביכער. ווען אָבער די צאָל איז ניט גאָר קיין פּינקטלעכע, נאָר א לעערעכדיקע,[2] קאָנען די צאָלווערטער

1 צען טויזנט קוו. מעטער.

2 זעט די אָנמערקונג 1 אפ זײַט 129.

קומען נאָכן סובסטאַנטיוו אויך. אשטייגער: א צען קינדער — א קינדער צען; א פופצן ביכער — א ביכער פופצן.

עס זײַנען פאַראַן ווערטער, וואָס ווײַזן ניט די צאָל, ניט דעם סכום פון זאַכן, נאָר באַם ציילן ווײַזן זיי דעם סיידער פון זאַכן. דאָס זײַנען די ווערטער פונעם טיפּ „דער ערשטער, דער צווייטער, דער דריטער, דער פערטער" אאוו. די דאָזיקע ווערטער האָבן אַלע אייגנשאַפטן און סי־מאָנים פון אדיעקטיוון. אָבער ענטפערן ענטפערן זיי ניט נאָר אויף דער פראַגע „וועלכער, וועלכע...", נאָר אויך אויף דער פראַגע „דער וויפלטער, די וויפלטע...".

דער דאָזיקער טיפּ אדיעקטיוון (זיי קאָנען הייסן סיידערדיקע אדיעק־טיוון אָדער „צאָל־אדיעקטיוון") ווערן געבילדעט פון א צאָלוואָרט (מיט אָדער אָן א קלאַנגענבײַט) + א סופיקס „ט" אָדער „סט" + אַן אדיעקטיווישע פלעקסיע. אשטייגער:

1) ערשטער מין: דער צווייטער טאָג, דער דריטער טאָג; דער צוואַנציקסטער טאָג...

2) צווייטער מין: די צווייטע וואָך, די דריטע וואָך; די צוואַנ־ציקסטע וואָך...

3) דריטער מין: א צווייט יאָר — דאָס צווייטע יאָר — א יאָר א צווייטס; א דריט יאָר — דאָס דריטע יאָר — א יאָר א דריטס...

אָנמערקונג: מע דאַרף זאָגן „פערט, פערטע, פערטער"... — מיט אַן „ע" נאָכן „פ" און מיט א „ט" און ניט (ווי מע זאָגט אין אייניקע ערטער) „פירטע" אָדער „פערדע".

אדיעקטיווישע פלעקסיעס האָט אָפּט אויך דאָס צאָלוואָרט „איינ", ווען עס קומט אין אזעלכע פאַלן ווי פאָלגנדיקע:

1) איינער (איינעם) א כאַוער; איינע (איינער) א כאַווערטע; איינס א קינד;

2) איינער (איינעם) פון די כאַווײרים; איינע (איינער) פון די כאַ־ווערטעס; איינס פון די קינדער.

אשטייגער: דער מאָסקווער יידישער טעאַטער איז איינער פון די אָנ־געזעענסטע אנשטאַלטן פון דער סאָוועטישער יידישער קולטור, איינע פון אירע גרעסטע דערגרייכונגען, איינס פון אירע שטאַרקסטע דערציִונג־מיטלען.

די ווערטער פונעם טיפּ „איינ־און־צוואַנציקסטער, צוויי־און־צוואַנציקס־טער... איינ־און־דרײַסיקסטער, צוויי־און־דרײַסיקסטער..." שרײַבט מען מיט בינדצייכנס. מיט בינדצייכנס שרײַבט מען אויך א צאָלוואָרט, וואָס איז סובסטאַנטיווירט געוואָרן. אשטייגער: א פינף־און־צוואַנציקער, א פינף־הונדערטער, א זעקס־און־זעכציק (א קאָרטנשפּיל). אָבער ביכלאַל א צאָלוואָרט שרײַבט מען אָן בינדצייכנס. אשטייגער: „איינ און צוואַנציק, צוויי און צוואַנציק... איינ און דרײַסיק, צוויי און דרײַסיק...".

6. אדווערב

54. קוואַליפיציריקער אדווערב און אדיעקטיוו

ניט נאָר דער סובסטאַנטיוו — אויך דער ווערב קומט אָפּט מיט כאַראַקטעריזיר־ווערטער — מיט ווערטער, וואָס באַשטימען אַזוי אָדער אַנדערש די טוּונג. אַשטייגער:

1. מיר האָבן גוט געאַרבעט. 2. מיר האָבן געאַרבעט איינינעם.

דאָ האָבן מיר די ווערטער „גוט“ און „איינינעם“, וואָס ווײַזן, ווי־אַזוי מע האָט געאַרבעט. אַזעלכע ווערטער ווי „גוט“ (אין דעם געגעבענעם בײַשפּיל) און „איינינעם“ זײַנען ניט קיין ווערבן, ניט קיין סובסטאַנטיוון, ניט קיין אַדיעקטיוון און ניט קיין צאָלווערטער — זיי בילדן אַ נײַעם קלאַס ווערטער — אַדווערב.

אַן אַדווערב פּילט מערסטנס אויס די פונקציע פון אַן אויפן־באַשטימונג, פון אַ צײַט־באַשטימונג, פון אַן אָרט־באַשטימונג און פון נאָך אַנדערע. אָבער ניט יעדער זאַצגליד, וואָס באַשטימט דעם אויפן, די צײַט אָדער דאָס אָרט פון דער טוּונג, איז אומבאַדינגט אַן אַדווערב. אַן אויפן־באַשטימונג, אַ צײַט־באַשטימונג און אַן אָרט־באַשטימונג קאָנען אָפּט אויסגעדריקט ווערן ניט דורך אַן אַדווערב, נאָר דורך אַ סובסטאַנטיוו — דווקא אַ דאַטיוו מיט אַ פּרעפּאָזיציע. אַשטייגער:

1. ער אַרבעט ענערגיש.
2. ער וועט לייענען שפּעטער.
3. ער וועט זײַן אונטן.

1. ער אַרבעט מיט ענערגיע.
2. ער וועט לייענען נאָך דער אַרבעט.
3. ער וועט זײַן אין קלוב.

דאָ האָבן מיר זעקס זאַצן, וואָס יעדער פון זיי האָט אויסער די הויפּט־גלידער צו איין בײַגליד — אַן אויפן־באַשטימונג (ערשטע שורע), אַ צײַט־באַשטימונג (צווייטע שורע) אָדער אַן אָרט־באַשטימונג (דריטע שורע). דערבײַ איז דער בײַגליד אין יעדן זאַץ רעכטס אַן אַדווערב און אין יעדן זאַץ לינקס — אַ סובסטאַנטיוו, אַ דאַטיוו מיט אַ פּרעפּאָזיציע.

אַדווערבן זײַנען דאָ צוויי גרונט־טיפּן: 1) אַזעלכע ווי „גוט, שיין, מעכטיק, אינטערעסאַנט, קאָמוניסטיש“; 2) אַזעלכע ווי „איינינעם, אַליין, מיטאַמאָל, פונדאַסנײַ, צולעצט“. די אַדווערבן פונעם ערשטן טיפּ זײַנען קימאַט אַלעמאָל ענלעך צו דער נולפאָרמע פונעם אַדיעקטיוו און ווײַזן שטענדיק אַ קוואַליפיקאַציע. אַשטייגער: אַ גוט קינד — אַרבעט גוט. די אַדווערבן פונעם צווייטן טיפּ ווײַזן מערסטנס ניט קיין קוואַליפיקאַציע און זײַנען צו דער נולפאָרמע פונעם אַדיעקטיוו ניט ענלעך.

אַדווערבן פונעם ערשטן טיפּ הייסן קוואַליפיציריקע. אַדווערבן פונעם צווייטן טיפּ — ניטקוואַליפיציריקע.

דער קוואליפיצירקער אדווערב האָט א רײ געמײנזאמע שטריכנ מיטנ אדיעקטיוו, זײ האָבנ אָבער אויכ פיל פארשײדנס — סײַ אינעם באטײַט, סײַ אינ דער פאָרמע, סײַ אינ דער פונקציע. אשטײגער:

אדיעקטיוו	קוואליפיצירקער אדווערב
1. א גוט הויז — דאָס גוטע הויז — א הויז א גוטס — דאָס הויז איז א גוטס.	1. דאָס הויז איז גוט.
2. דער גוטער אנשטאלט — דער אנשטאלט דער גוטער — דער אנשטאלט איז א גוטער.	2. דער אנשטאלט איז גוט.
3. די גוטע געבײַדע — די געבײַדע די גוטע — די געבײַדע איז א גוטע.	3. די געבײַדע איז גוט.
4. די גוטע אנשטאלטנ — די אנ־שטאלטנ די גוטע — די אנשטאלטנ זײַנענ גוטע.	4. די אנשטאלטנ זײַנענ גוט.

פארגלײַכנדיק די פונקציעס, די באטײַטנ אונ די פאָרמעס פונ אנ אדיעקטיוו אונ פונ א קוואליפיצירקנ אדווערב, קאָנ מענ באמערקנ פאָלגנדיקע אונטערשײדנ:

1) דער אדיעקטיוו קומט אָדער קאָנ קומענ ווי א כאראקטעריסטיק בא א סובסטאנטיוו אונ בא א סובסטאנטיווירט וואָרט (א גוט קינד, א גוט רײדנ); דער קוואליפיצירקער אדווערב קומט אָדער קאָנ קומענ בא א סובסטאנטיוו אונ בא א סובסטאנטיווירט וואָרט (דאָס קינד איז גוט, דאָס רײדנ איז גוט), בא א ווערב (רעדט גוט), בא אנ אדיעק־טיוו (דער גוט אויסגעהאלטענער עקזאמענ) אונ גופע בא א צווײטנ אד־ווערב (גוט ווארעמ).

2) דער אדיעקטיוו ווײַזט געווײנטלעכ אנ אײגנשאפט אונ ענטפערט אפ דער פראגע „װעלכער, װעלכע, װעלכ(עס), װעלכנ?"; דער קוואליפי־צירקער אדווערב ווײַזט געווײנטלעכ א צושטאנד אונ ענטפערט מערסטנס אפ דער פראגע „וויאזוי?".

3) דער אדיעקטיוו שטימט געווײנטלעכ מיטנ סובסטאנטיוו אינ מינ, צאָל אונ בײגפאָרמע — ער האָט א באשטימטע סיסטעמ פלעקסיעס; דער קוואליפיצירקער אדווערב האָט ניט קײנ פאָרמעס פונ מיט־שטימונג — ער איז אָנ פלעקסיעס.

א קוואליפיציריקער אדוועדב איז א וואָרט,

1) וואָס ווייזט א צושטאנד אונ ענטפערט מערסטנס אפ דער פראגע „וויאזוי?“;

2) וואָס קאָנ קומענ ווי א כאראקטעריסטיק בא א ווערב, בא א סובסטאנטיוו, בא אנ אדיעקטיוו אונ גופע בא אנ אדוועדב;

3) וואָס האָט ניט קיינ פאָרמעס פונ מיטשטימונג;

4) וואָס איז געווײנטלעכ ענלעכ צו דער גולפאָרמע פונעמ אדיעק־טיוו.

ווענ דער קוואליפיציריקער אדווערב קומט בא א סובסטאנטיוו, איז דער סובסטאנטיוו געווײנטלעכ דער סוביעקט, אונ דער קוואליפיציריקער אדווערב איז (מיטנ הילפווערב) דער פרעדיקאט. אזא פאָרמע האָט א פרעדיקאט דאנ, ווענ מע וויל קאָנסטאטירנ דעמ סוביעקטס צושטאנד. אינ אזא פאל נעמט מענ א הילפווערב „זײַנ“ אָדער „ווערנ“ מיט א קוואליפיציריקנ אדווערב, אונ עס ווערט איינער פונ די אָפטסטע טיפנ פונעמ נאָמינאלנ פרעדיקאט. אשטייגער: דער אָנפירער איז ענערגיש; די ארבעט איז אינטערעסאנט; די שטימונג ווערט יאָנטעוודיק.

אָנמערקונג 1: א קוואליפיציריקער אדווערב קאָנ אמאָל בא א סובסטאנטיוו זײַנ ניט קיינ פרעדיקאט, נאָר אנ אטריבוט. אָבער אויכ אינ אזא פאל היט אופ דער אדווערב אלע זײַנע אייגנשאפטנ אונ קומט נאָכנ סובסטאנטיוו. אשטייגער: דער באָכער, קײַלעכדיק ווי א פײַקל, האָט ווידער זיכ צעזונגענ (אָפּאטאָשו).

אָנמערקונג 2: בא א סובסטאנטיווירטנ אינפיניטיוו, אפ וויפל ער פארמאָגט אייגנשאפטנ אי פונ א סובסטאנטיוו אי פונ א ווערב, קאָנ די כאראקטעריסטיק אָפּט קומענ אי אינ א פאָרמע פונ אנ אדיעקטיוו אי אינ א פאָרמע פונ אנ אדווערב. דערבײַ קאָנ דער אדווערב זײַנ אי פאר דעמ אינפיניטיוו אי נאָכ אימ. אשטייגער:

1. פונעמ לאנגנ ווארטנ זײַנענ די פערד מיד געוואָרנ,
2. פונ לאנג ווארטנ " " " " "
3. פונ ווארטנ לאנג " " " " "

דעמ קוואליפיציריקנ אדווערב אינ א יידישנ זאצ קאָנ אינ א רוסישנ זאצ אמאָל אנטשפרעכנ די אזויגערופענע „קורצע“ (פרעדיקאטיווע) פאָרמע פונעמ אדיעקטיוו (Краткая форма прилагательного) אונ אמאָל דער אדווערב (Наречие). אשטייגער:

1. Стол высок —————— 1. דער טיש איז הויכ
2. Стена высока —————— 2. די וואנט איז הויכ

3. Окно высоко ——— 3. דאָס פענצטער איז הויך
4. Столы высоки ——— 4. די טישן זײַנען הויך
5. Он высоко летел ——— 5. ער איז הויך געפלויגן

אין די ערשטע פיר רוסישע זאצן זײַנען די אויסגעטײלטע ווערטער „קורצע אדיעקטיוון" (Краткая форма прилагательного) [1]: זיי קומען בא סובסטאנטיוון און שטימען מיט זיי אין מין און אין צאָל. אינעם פינפטן רוסישן זאץ איז שוין דאָס אויסגעטײלטע-וואָרט ניט קיין אדיעקטיוו, נאָר אן אדווערב (Наречие): עס קומט ווי א כאראקטעריסטיק ניט בא א סובסטאנטיוו, נאָר בא א ווערב און האָט ניט קיין פאָרמעס פון מיטשטימונג. אָבער אין די ייִדישע זאצן איז „הויך" דאָ קעסיידער א קוואליפיציריקער אדווערב.

אלס א קוואליפיציריקער אדווערב קאָן אָפט קומען א פארטיציפּ אָדער א גערונדיוו. אשטייגער אינעם זאץ „ער איז געגאנגען פאָרזיכטיק, אָנגעבויגן און שוויַיגנדיק" האָבן מיר דרײַ אדווערבן, וואָס ווײַזן, ווי אזוי „ער איז געגאנגען". דערבײַ איז איינער פון זיי א פארטיציפּ („אָנגעבויגן") און איינער א גערונדיוו („שוויַיגנדיק").

איינס און דאָס זעלבע וואָרט קאָן אין איין פאל זײַן א סובסטאנטיוו, אין א צווייטן פאל אן אדיעקטיוו און אין א דריטן פאל אן אדווערב. אשטייגער:

1. דער אקטיוו וועט זיך הײַנט צונויפקלײַבן („אקטיוו" — סובסטאנטיוו).
2. בא אונדז איז אן אקטיוו קעמערל („אקטיוו" — אדיעקטיוו).
3. אונדזער ביוראָ ארבעט אקטיוו („אקטיוו" — אדווערב).

מע דארף זאָגן און שרײַבן „הויך", „גרויס" און „קרום", ווען די דאָזיקע ווערטער זײַנען אדיעקטיוון אָדער אדווערבן; און „הייך", „גרייס" און „קרים", ווען זיי זײַנען סובסטאנטיוון. אשטייגער:

1. ער האָט באקומען א הויך צימערל.
2. דאָס צימערל איז הויך.
3. ער מעסט די הייך פונעם צימערל.

אָבער מע דארף זאָגן און שרײַבן „הויכקײַט", „גרויסקײַט", „קרומקײַט", ווײַל א סובסטאנטיוו מיט „קײַט" בילדעט זיך קימאט שטענדיק ניט פון קיין סובסטאנטיוו, נאָר פון א קוואליפיציריקן אדווערב. אשטייגער: אָרעם — אָרעמקײַט, רײַך — רײַכקײַט, פײַן — פײַנקײַט [2].

---

1 די דאָזיקע אדיעקטיוון הייסן אין רוסיש קורצע (אָדער איינפאכע), ווײַל דער רוסישער אדיעקטיוו האָט געוויינטלעך אויך פולע (אָדער צונויפגעזעצטע) פאָרמעס. אשטייגער:

Стол высокий. Стена высокая. Окно высокое. Столы высокие

2 א סובסטאנטיוו „הויך" איז אויך פאראן, אָבער מיט גאָר אן אנדער באטײַט. אשטייגער: ער לאָזט קיין הויך (פארע) פון מויל ניט ארויס.

ווען מע האָט צו טאָן מיט א סובסטאַנטיוו, וואָס האָט דעם סופיקס „קײַט", דאַרף מען זיך גוט אַרומקוקן, וויאַזוי דער דאָזיקער סובסטאַנטיוו איז געבילדעט. איז ער געבילדעט אַף דער באַזע פון אַן אַדווערב א פּאַר־טיציפּ, דאַרף בא אים פאַרן סופיקס „קײַט" אומבאַדינגט זײַן ׳א פּאַר־טיציפּישער סופיקס „ט" אָדער „(ע)נ"; איז ער געבילדעט פון סטאַם אַן אַדווערב, האָט ער ניט פאַרן סופיקס „קײַט" קיין סופיקס „ט" אָדער „(ע)נ". אַשטייגער:

פאַראָרעמט + קײַט = פאַראָרעמטקײַט	אָרעם + קײַט = אָרעמקײַט
אָפּגעשוואַכט + קײַט = אָפּגעשוואַכטקײַט	שוואַך + קײַט = שוואַכקײַט
אָנגעשטרענגט + קײַט = אָנגעשטרענגטקײַט	שטרענג + קײַט = שטרענגקײַט
פאַרבלענדט + קײַט = פאַרבלענדטקײַט	בלינד + קײַט = בלינדקײַט
פאַרפרעמדט + קײַט = פאַרפרעמדטקײַט	פרעמד + קײַט = פרעמדקײַט

מע דאַרף זאָגן און שרײַבן „דערהויבנקײַט, אָנגעבויגנקײַט, פאַרגלייבט־קײַט, פאַרבייגטקײַט" — מיט „ו" אָדער מיט „יי", אָפּהענגיק דערפון, וואָס פאַר א קלאַנג (און אָס) עס האָט דער פּאַרטיציפּישער אַדווערב, צו וועלכן עס קומט צו דער סובסטאַנטיווישער סופיקס „קײַט" (זעט זײַט 103).

מע דאַרף זאָגן און שרײַבן „בורזשואַז, בורזשואַזע, בורזשואַזער...", ווען עס איז אַן אַדווערב אָדער אַן אַדיעקטיוו, און „בורזשואַזיע", ווען ס׳איז א סובסטאַנטיוו. א סובסטאַנטיווירטער אַדיעקטיוו איז „דאָס בורזשואַזע". אַשטייגער:

1. דאָס בורזשואַזע ענגלאַנד קעמפט קעגן אונדז.
2. די בורזשואַזיע פון ענגלאַנד קעמפט קעגן אונדז.
3. דאָס בורזשואַזע אין ענגלאַנד איז נאָך דערווײַל שטאַרק.

מע דאַרף זאָגן און שרײַבן די סובסטאַנטיוון „אויסדרוק, אייגנטום (אייגנטימער), אייפערזוכט, ברודער (מערצאָל — ברידער), גרונט, הונט (מער־צאָל — הינט), נאַטור, פונקט, צוכט, צוקונפט, קונסט (קינסטלער)" — מיט „ו", און די אַדווערבן און אַדיעקטיוון פון זיי — מיט „י". אַשטייגער: אויס־דריקלעך, אייגנטימלעך, אייפערזיכטיק, ברידערלעך, גרינטלעך (גרונטיק), הינטיש, נאַטירלעך, פּינקטלעך, ציכטיק, צוקינפטיק, קינסטלעך, קינסטלעריש"[1].

מיט „י" דאַרף מען אויך זאָגן און שרײַבן דעם אַדווערב און די אַד־יעקטיוון פונעם אין יידיש אָפּגעשטאָרבענעם סובסטאַנטיוו „מונד" (מויל). אַשטייגער: מינדלעך, מינדלעכער...

דער אַדווערב און דער אַדיעקטיוו פון „נויט" איז נייטיק (מיט „יי") אָדער נויטווענדיק (מיט „וי").

---

1 אָבער: קונצ (קינצלער) — קונציק.

55. פאַרגלײַך־שטופֿעס

די מערהײַט אַדיעקטיוון און קוואַליפֿיצירי̇קע אַדווערבן האָבן ספּעציעלע פֿאָרמעס, וואָס ווײַזן פֿאַרשײדענע שטופֿעס (גראַדן) פֿון דער כאַראַקטע־ריסטיק. אַשטייגער:

1. ער איז אַ ברייטער.	1. ער (זי, עס) איז ברייט.
2. ער איז אַ ברייטערער.	2. ער (זי, עס) איז ברייטער.
3. ער איז דער ברייטסטער.	3. ער איז אַמברייטסטן (פֿאַרגעשטעלט).

רעכטס האָבן מיר דאָ דרײַ שטופֿעס פֿונעם אַדיעקטיוו און לינקס דרײַ שטופֿעס פֿונעם קוואַליפֿיצירי̇קן אַדווערב.

אָנמערקונג: די דריטע שטופֿע פֿונעם קוואַליפֿיצירי̇קן אַדווערב (אַמ־ברייטסטן, אַמגיכסטן, אַמפֿולסטן, אַמפֿײַנסטן, אַמשענסטן) ווערט גענוצט פֿיל ווייניקער פֿון די ערשטע צוויי שטופֿעס און קומט פֿיל זעלטענער אַלס פּרע־דיקאַט.

די דאָזיקע דרײַ שטופֿעס פֿונעם אַדיעקטיוו און קוואַליפֿיצירי̇קן אַד־ווערב הייסן אַזוי: 1 — גרונטשטופֿע; 2 — פֿאַרגלײַכיקע שטופֿע (מער פֿון אַנדערע); 3 — איבערשטײַגיקע שטופֿע (מער פֿון אַלעמען, מער פֿון אַלץ)[1].

צוקוקנדיק זיך צו די דרײַ שטופֿעס פֿונעם אַדיעקטיוו און קוואַליפֿי־צירי̇קן אַדווערב און צו זייער סטרוקטור, קאָן מען זען:

1) דער אַדיעקטיוו און דער קוואַליפֿיצירי̇קער אַדווערב האָבן איינע און די זעלבע וואָרטבאַזע (ברייט);

2) די דאָזיקע באַזע איז געווײנטלעך די גרונטשטופֿע פֿונעם אַדווערב און די נולפֿאָרמע פֿונעם אַדיעקטיוו. אַשטייגער: דאָס פֿעלד איז ברייט — אַ ברייט פֿעלד;

3) די גרונטשטופֿע פֿונעם אַדיעקטיוו ערשטן מין נאָמינאַ־טיוו קומט מיט אַ פֿלעקסיע „ער"; די פֿאַרגלײַכיקע שטופֿע פֿונעם אַדווערב קומט מיט אַ סופֿיקס „ער". אַשטייגער: ברייט־ער;

4) די פֿאַרגלײַכיקע שטופֿע פֿונעם אַדיעקטיוו ערשטן מין נאָ־מינאַטיוו קומט מיט אַ סופֿיקס „ער" און מיט אַ פֿלעקסיע „ער". אַשטיי־גער: ברייט־ער־ער;

5) די איבערשטײַגיקע שטופֿע פֿונעם אַדיעקטיוו ערשטן מין נאָמינאַטיוו קומט מיט אַ סופֿיקס „סט" און מיט אַ פֿלעקסיע „ער". אַשטיי־גער: ברייט־סט־ער;

6) די איבערשטײַגיקע שטופֿע פֿונעם אַדווערב קומט מיט אַ סופֿיקס „סט", מיט אַ געוועזענער פֿלעקסיע „נ" און מיט אַ פּרעפֿיקס (אַ

---

1 די גרונטשטופֿע הייסט אויך פּאָזיטיוו; די פֿאַרגלײַכיקע — קאָמפּאַראַטיוו; די איבערשטײַגיקע — סופּערלאַטיוו.

געוועזענע פרעפּאָזיציע מיט אנ ארטיקל) „צומ" אָדער „אמ". אשטייגער צומוייניקסטנ, אמווייניקסטנ, אמברייטסטנ.

אָנמערקונג 1: אנ איבערשטײַגיקער אדווערב קאָנ אמאָל זײַנ אָנעמ פרעפיקס „צומ" אָדער „אמ" אונ אָנ א פלעקסיע אויכ. אשטייגער: ער איז העכסט צופרידנ; ער האָט גערופנ די מעגלעכסט גרעסטע צאָל מענטשנ.

אָנמערקונג 2: עס זײַנענ פאראנ אדיעקטיוונ אונ אדווערבנ, וואָס בילדנ די סיסטעמ פארגלײַכ-שטופעס ניט פונ איינ וואָרצל, נאָר פונ פארשיידענע. אשטייגער: גוט — בעסער; שלעכט — ערגער.

אָנמערקונג 3: די פארגלײַכיקע שטופע באטײַט אמאָל ניט קיינ פארגלײַכ אויכ. אשטייגער: אנ עלטערער מאנ ארבעט דאָרט, ער האָט העכערע בילדונג.

אָנמערקונג 4: די באזע פונעמ אדווערב אונ אדיעקטיוו איז אָפט א וואָרצל אָנ סופיקסנ. אשטייגער: געל, גראָב, ברייט, יונג, שטארק. בא אייניקע אדווערבנ אונ אדיעקטיוונ האָט זיכ דער סופיקס (די פלעקסיע) „ער" אזוי „צונויפגעלעבט" מיטנ וואָרצל, אז איצט נעמענ מיר עס אופ ווי א וואָרט, וואָס באשטייט בלויז פונ א וואָרצל. אשטייגער: ביטער, מאָגער, טײַער, לויטער, מונטער.

אָפט קאָנ די אדווערב-אדיעקטיווישע באזע האָבנ סופיקסנ. דאָס קומט מערסטנס פאָר אינ פאָלגנדיקע פאלנ:

1) ווענ דער אדווערב אונ אדיעקטיוו דארפנ ווײַזנ א באשטימטע אָפגעשוואכטקײַט אינ דער קוואליפיקאציע. דאנ קומענ זיי מיטנ סופיקס „לעכ". אשטייגער:

ער איז א שווארצלעכער	ער איז שווארצלעכ
ער איז א גראָבלעכער	ער איז גראָבלעכ [1]

2) ווענ דער אדווערב אונ אדיעקטיוו ווערנ געבילדעט פונ ווערטער, וואָס געהערנ צו אנדערע וואָרטקלאסנ, דאנ קומענ זיי מיט א ריי פארשיידענע סופיקסנ. אשטייגער:

ער איז א לײַטישער	ער איז לײַטיש
ער איז א מעכטיקער	ער איז מעכטיק
ער איז א מוסטערהאפטער	ער איז מוסטערהאפט
ער איז א גליקלעכער, א פריילעכער	ער איז גליקלעכ, פריילעכ

אָנמערקונג: עס זײַנענ פאראנ אדיעקטיוונ, וואָס האָבנ בלויז די גרונטשטופע. דאָס זײַנענ דעריקער אדיעקטיוונ, וואָס ווײַזנ: 1) אנ אָרט-אָפשטאמ; 2) א שטאָפ-אָפשטאמ. אשטייגער: מאָסקווער, אמעריקאנער; קופערנער, וואָלענער. די דאָזיקע אדיעקטיוונ זײַנענ געבילדעט פונ סובסטאנטיוונ. קיינ אנטשפרעכיקע אדווערבנ האָבנ די דאָזיקע אדיעקטיוונ ניט.

---

1 ווענ דער סופיקס „לעכ" קומט צו צו א וואָרט, וואָס ענדיקט זיכ מיט א „ל", קומט פארנ „לעכ" ארײַנ א „ב". אשטייגער: געלבלעכ, פוילבלעכ, קילבלעכ (קאלטלעכ)...

די פארגלײַכיקע שטופע קאָנ מענ אויסדריקנ אויכ ניט מיט א ספעציעלנ סופיקס, נאָר מיטנ וואָרט „מער”+די גרונטשטופע. אשטייגער: אָנשטאָט „ער איז א ברייטערער, ער איז ברייטער”—קאָנ מענ זאָגנ „ער איז א מער ברייטער, ער איז מער ברייט”. מע דארפ אָבער אויסמײַדנ צו ניצנ דעמ „מער” באמ אדיעקטיוו אונ אדווערב, ווענ זיי קומענ מיטנ סופיקס פונ דער פארגלײַכיקער שטופע; מע דארפ ניט זאָגנ „ער איז א מער ברייטערער, ער איז מער ברייטער”.

אויכ די איבערשטײַגיקע שטופע קאָנ מענ אויסדריקנ ניט מיט א ספעציעלנ סופיקס, נאָר מיטנ וואָרט „סאמע”+די גרונטשטופע. אשטייגער: אָנשטאָט „ער איז דער ברייטסטער” קאָנ מענ זאָגנ „ער איז דער סאמע ברייטער”. דאָס ווענדט מענ אָנ באזונדערס בא אזעלכע אדיעקטיוונ ווי „פוסטער, ערנסטער, וויסטער, באוווסטער” אונ ענלעכע. קעדיי אויסצומײַדנ אזעלכע פאָנעטיש (קלאנגלעכ) שווערלעכע ווערטער ווי „דער פוסטסטער, דער ערנסטסטער, דער וויסטסטער” אאוו., ניצט מענ אָפטער—„דער סאמע פוסטער, דער סאמע ערנסטער” אאוו.

די סופיקסנ פונ די פארגלײַכיקע אונ איבערשטײַגיקע שטופעס האָבנ (לויט דער מיינונג פונעמ אקאדעמיקער מאר) לעכאטכילע אויסגעדריקט ניט די אָדער יענע העכערע שטופע פונעמ באגריפ, וואָס ווערט אדויסגעזאָגט דורכנ אדיעקטיוו אונ אדווערב, נאָר די אָנגעהעריקײַט צו דער אָדער יענער סאָציאל-הערשנדיקער גרופע. די פארגלײַכיקע אונ איבערשטײַגיקע סופיקסנ (אָדער ספעציעלע ווערטער)—דאָס זײַנענ לעכאטכילע געווענ נעמענ פונ די שיכטנ (קלאסנ), וואָס האָבנ סאָציאל געהערשט. אונ א וואָרט, וואָס מע פלעגט ארויסברענגענ צוזאמענ מיט אזא נאָמענ, האָט שוינ באטײַט עפּעס בעסערס אונ העכערס.

די פארגלײַכיקע אונ איבערשטײַגיקע שטופעס פונעמ אדיעקטיוו האָבנ די זעלבע פאָרמעס (פלעקסיעס), וואָס עס האָט די גרונטשטופע פונעמ אדיעקטיוו ביכלאל (זעט זײַט 181).

אָנמערקונג: די ווערטער „לעצטער, אונטערשטער, אייבערשטער, הינטערשטער, פאָדערשטער (פעדערשטער), ערשטער, מיטלסטער” זײַנענ געוועזענע איבערשטײַגיקע אדיעקטיוונ. מע זאָגט זיי אונ מע שרײַבט זיי אזוי, ווי זיי זײַנענ דאָ געגעבנ.

בא דער פארגלײַכיקער אונ איבערשטײַגיקער שטופע פונעמ אדיעקטיוו אונ אדווערב קומט אָפט פאָר א קלאנגענבײַט אינעמ וואָרצלדיקנ טייל וואָרט. אשטייגער:

1. ער איז אנ אלטער	ער איז אלט
2. ער איז אנ עלטערער	ער איז עלטער
3. ער איז דער עלטסטער	ער פילט זיכ אמעלטסטנ

דער „ו” פונ די ווערטער „געזונט, טונקל, טרוקנ[1], יונג, פרומ,

[1] אָבער א ווערב איז מיט „ו”: טריקנ, טריקנסט, טריקנט, טריקענענ...

די פאָרמעס פון אדיעקטיוון

שטופע	מין / פאָרמעס	ערשטער מין	צווייטער מין	דריטער מין: מיטן ארטיקל „דאָס"	דריטער מין: מיט די ארטיקלען „א" („אַן), „קיין": אדיעקטיוו פאַרן סוב־סטאַנטיוו	דריטער מין: מיט די ארטיקלען „א" („אַן), „קיין": אדיעקטיוו נאָכן סוב־סטאַנטיוו
גלייכשטופע	נאָמינאַטיוו	דער קליינער	די קליינע	דאָס קליינע	א קליין	א קליינס
	אקוזאַטיוו	דעם קליינעם	" "	" "	" "	" "
	דאַטיוו	" "	דער קליינער	דעם קליינעם	" "	" "
פאַרגלייכיקע שטופע	נאָמינאַטיוו	דער קלענערער	די קלענערע	דאָס קלענערע	א קלענער	א קלענערס
	אקוזאַטיוו	דעם קלענערן	" "	" "	" "	" "
	דאַטיוו	" "	דער קלענערער	דעם קלענערן	" "	" "
איבערשטײַגיקע שטופע	נאָמינאַטיוו	דער קלענסטער	די קלענסטע	דאָס קלענסטע	א קלענסט	ווערט ניט גע־ברויכט 1
	אקוזאַטיוו	דעם קלענסטן	" "	" "	" "	
	דאַטיוו	" "	דער קלענסטער	דעם קלענסטן	" "	

1 אַן אדיעקטיוו אין דער איבערשטײַגיקער שטופע בײַ א סובסטאַנטיוו מיטן אומבאַשטימיקן ארטיקל — דאָס פלעגט ביז דער לעצטער צײַט אינגאַנצן ניט גע־ברויכט ווערן. דערפאַר, ווײַל א סובסטאַנטיוו, וואָס האָט בײַ זיך אַן אדיעקטיוו אין דער איבער־שטײַגיקער שטופע, איז מען געווויינט געווען אויפצונעמען אלס א וואָרט, וואָס רופט אָן א זאַך, וועלכע איז איינציק און וועלכע איז דעריבער באַשטימט. אשט גער: דער ווערטפול־סטער מאַטעריאַל, די ווערטפולסטע מאַטעריע, דאָס ווערטפולסטע ווערק. אָבער די לעצטע צײַט אנטשטייט אלץ מער און מער א באַדערפעניש אין אַן איבערשטײַגיקן אדיעקטיוו אויך בײַ א סובסטאַנטיוו מיטן אומבאַשטימיקן ארטיקל. און אין דער צײַטונג־שפּראַך — אין דער שפּראַך, וואָס שפּיגלט אמשנעלסטן אָפּ אלערליי נײַסן פון אונדזער לעבן און דענקען, — קאָן מען עס פון צײַט צו צײַט טאַקע טרעפן. אשטײַ ער:

1. דער דאָזיקער ארטיקל [סטאַלינס] איז א ווערטפולסטער בײַטראָג אין דעם אויצער פון מאַרקסיזם־לעניניזם („דער עמעס").
2. אין דער שפּיץ פון דער ארמיי האָט מען אוועקגעשטעלט לעבינס א בעסטן שילער און מיטקעמפער — דעם כ׳ וואָראָשילאָוו („דער עמעס").

קורצ,[1] קליג[2] ווערט אינ דער פארגלײַכיקער און איבערשטײַגיקער שטופע פונעם אדיעקטיוו און אדווערב פארוואנדלט אינ „י״. אשטייגער:

1. ער איז א געזונטער	ער איז געזונט
2. ער איז א געזינטערער	ער איז געזינטער
3. ער איז דער געזינטסטער	ער פילט זיכ אמגעזינטסטנ

מע דארפ זאָגנ און שרײַבנ: געזונטערהייט, טרוקענערהייט, יונגערהייט...— מיט „ו״ און ניט מיט „י״, ווײַל א וואָרט מיטנ סופיקס „הייט״ (ניט הײַט) ווערט געבילדעט ניט פונ דער פארגלײַכיקער שטופע, נאָר פונ דער גרונטשטופע. מע זאָגט ניט „קלענערהייט״, נאָר „קליינערהייט״, ניט „עלטערהייט״, נאָר „אלטערהייט״.

די ווערטער „באליבטסטער, בארימטסטער, קוואליפיצירטסטער״ און אנדערע מיט אזא סטרוקטור דארפנ זײַנ מיט א „ט״ פארנ סופיקס „סט״: דאָס זײַנענ אדיעקטיוונ, וואָס זײַנענ געבילדעט פונ אדווערבנ פארטיציפנ, דעריבער דארפ בא זיי זײַנ דער פארטיציפישער סופיקס „ט״.

56. ניטקוואליפיציריקער אדווערב

דער קוואליפיציריקער אדווערב און דער ניטקוואליפיציריקער אדווערב האָבנ געמיינזאמע שטריכנ — ביידע קומענ זיי געווײנטלעכ בא א ווערב. דערפאר רופט מענ זיי טאקע מיט א געמיינזאמענ נאָמענ אדווערב (בא א ווערב). אשטייגער:

קוואליפיציריקער אדווערב	ניטקוואליפיציריקער אדווערב
1. ער איז געקומענ שפעט.	1. ער איז געקומענ פארנאכט.
2. ער איז שטארק פארנומענ.	2. ער איז הײַער פארנומענ.
3. ער האָט געארבעט לאנגזאמ.	3. ער האָט געארבעט אלייג.

אָבער די רעכטע און די לינקע אדווערבנ האָבנ פארשיידענע שטריכנ אויכ: דערפאר רופט מענ אזעלכע אדווערבנ ווי דאָ רעכטס — קוואליפיציריקע, און אזעלכע ווי דאָ לינקס — ניטקוואליפיציריקע. די קוואליפיציריקע אדווערבנ האָבנ א ריי געמיינזאמקײַטנ מיטנ אדיעקטיוו, אָבער די ניטקוואליפיציריקע אדווערבנ האָבנ זיי ניט.

---

1 אָבער א ווערב איז מיט „י״: קירצ, קירצסט, קירצט, קירצנ...

2 ״ ״ ״ ״ ״: קליג זיכ, קליגסט זיכ, קליגט זיכ... מיט „י״ זײַנענ אויכ אדווערבנ און אדיעקטיוונ, וואָס זײַנענ געבילדעט פונ די דאָזיקע ווערבנ. אשטייגער: צעטריקנט, צעטריקנטע; פארטריקנט, פארטריקנטע; געקירצט, געקירצטע; פארקירצט, פארקירצטע...

ניטקוואליפיצירטע אדווערבנ זײַנען אזעלכע זעלבשטענדיקע ווערטער (ניט קיינ באהילפיקע), וואָס ענטפערנ אפ די פראגעס „ווהינ, ווו, פונוואנענ, ווענ, וויאזוי?“ אונ אנדערע אונ זײַנען ניט קיינ סובסטאנטיוונ אונ ניט קיינ קוואליפיצירטע אדווערבנ.

ניטקוואליפיצירטע אדווערבנ קומענ מערסטנס בא א ווערב, אָפטמאָל קומענ זיי אויכ בא אנ אדווערב אונ בא אנ אדיעקטיוו; אונ ווענ-ניט-ווענ אויכ בא א סובסטאנטיוו[1].

אָנמערקונג: קעדיי גיכער צו דערקענענ א *ניטקוואליפיצירטנ* אדווערב אונ ניט מישנ אים מיט א *קוואליפיצירטנ*, קאָנ מענ זיכ האלטנ בא אזא סימענ: אויב מע קאָנ צו אנ אדווערב צוגעבנ „ער“ אונ עס ווערט אנ אדווערב פונ פארגלײַכיקער שטופע (שטארק — שטארקער, גרויס — גרעסער) אָדער אנ אדיעקטיוו פונ ערשטנ מינ נאָמינאטיוו (שטארק — שטארקער; גרויס — גרויסער), איז א סימענ, אז דער אדווערב איז א *קוואליפיצירטער*; אויב קיינ „ער“ קאָנ צום אדווערב ניט צוקומענ, איז א סימענ, אז ער איז א *ניטקוואליפיצירטער*. אשטייגער: באלד, אליינ, צוזאמענ אאוו.

איינס אונ דאָס זעלבע וואָרט קאָנ אינ איינ פאל זײַנ אנ *אדווערב*, דאָס הייסט א *זעלבשטענדיק* וואָרט; אינ א צווייטנ פאל — א *פרעפאָזיציע*, דאָס הייסט א הילפוואָרט; אונ אינ א דריטנ פאל — א *צוגאָב*, דאָס הייסט אזוינס, וואָס איז אפנ גרענעצ פונ א זעלבשטענדיק וואָרט אונ א וואָרט-טייל. אשטייגער:

1. ער איז געגאנגענ *אנטקעגנ*.
2. ער איז געגאנגענ *אנטקעגנ* דעם ברודער.
3. ער איז *אנטקעגנ*געגאנגענ דעם ברודער.

אינעם ערשטנ פאל איז „אנטקעגנ“ אנ *אדווערב*; אינעם צווייטנ פאל — א *פרעפאָזיציע*; אונ אינעם דריטנ פאל — א *צוגאָב*. לויטנ באטײַט זײַנען די דאָזיקע *אנטקעגנס* קימאט אלצײַנס, אָבער לויטנ אקצענט — ניט: אינעם ערשטנ אונ דריטנ פאל איז דער „אנטקעגנ“ אקצענטירט, אינעם צווייטנ פאל — ניט. דאָס באווײַזט, אז צווישנ *זעלבשטענדיקע* אונ *באהילפיקע* ווערטער איז פאראנ אנ *איבערגאנג-גרופע* — א גרופע ווערטער, וואָס האָבנ ניט אלע אייגנשאפטנ פונ זעלבשטענדיקע ווערטער אונ ניט אלע אייגנשאפטנ פונ באהילפיקע, וואָרעם דער איבערגאנג פונ זעלבשטענדיקע ווערטער אינ באהילפיקע (אונ אמאָל פארקערט) איז א קעסיידערדיקער פראָצעס, וואָס קומט אדײַעם פאָר.

---

[1] אשטייגער: 1) די *ארבעט* *אינײַנעם* איז אים געפעלנ; 2) די *פארזאמלונג פאראכטאָגנ* איז דורכ זייער לעבעדיק.

ווי ס'איז שוין געווען אָנגעוויזן (זײַט 46), האָבן אונדזערע איצטיקע צוגאָבן און פּרע־פּאָזיציעס נאָך זייער סובסטאַנטיווישער כאַראַקטער דורכגעמאַכט א סטאַדיע פון אַד־ווערבן[1]. א ריי ווערטער, וואָס קומען איצט דעריקער אַלס צוגאָבן און פּרעפּאָזיציעס, געפינען זיך נאָך צוזאַמען דערמיט אויך אין דער אַדווערב־סטאַדיע. דאָס קאָן מען בוילעט זען פון פאָלגנדיקע בײַשפּילן:

1. דער בוים איז געווען צעשניטן און פאַרדעקט פון אויבן ביז אַראָפּ (אָפּאַטאָשו).
2. עָט ציען זיך יונגע טאָפּאָלן פון דער דאָרפישער גאַס ביז אַרויף צום בערגל (ע. גאָרדאָן).

„אַראָפּ" און „אַרויף" קומען מערסטנס אַלס צוגאָבן (אַראָפּגיין, אַרויפגיין), אָבער אין די דאָזיקע זאצן זײַנען זיי אַדווערבן.

ווײַטער טרעפט, אַז ווערטער, וואָס פיגורירן אַלס אַדווערבן און (אָדער) צוגאָבן און (אָדער) פּרעפּאָזיציעס, קומען אין אַזעלכע פאַלן:

1. דערנאָך איז כאַים־מוישע אַרײַן אין וואַלד אַרײַן (פּערעצ).
2. איך עפן אויף דאָס פענצטער און קוק אַרויס אין דרויסן אַרויס (שאָלעם־אַלייכעם).
3. אָן ווינטער צו בלאָזן ווינטן אין דער טײַגע (בערגעלסאָן).
4. פון מער זיכערקײַט וועגן האָט ער פון שלוימע־דאָווידן זיך אָפּגערוקט (בערגעלסאָן).

די דאָ אויסגעטיילטע ווערטער קומען מערסטנס אָדער אַלס צוגאָבן בא ווערבן און בא פון ווערבן אויסגעבילדעטע ווערטער (אַרײַנגיין, אַרויסגיין, צוגיין, אַרײַנגאַנג, אַרײַנגעגאַנגענע...) אָדער אַלס פּרעפּאָזיציעס, פאַר סובסטאַנטיוון (צו מענטשן, וועגן מענטשן). אָבער אין די דאָזיקע פיר זאצן קומען זיי נאָך סובסטאַנטיוון, כדי צו פאַרשטאַרקן אָדער צו קאָנקרעטיזירן די פּרעפּאָזיציעס, וואָס געפינען זיך פאַר די דאָזיקע סובסטאַנטיוון.

פיל ניטקוואַליפיצירטע אַדווערבן זײַנען געבילדעט פון ווערטער פון אַנ־דערע קלאַסן. אַשטייגער:

1. **זיי זײַנען געקומען אינדערפרי.**
2. **זיי וועלן אײַנגיכן אָפּפאָרן.**
3. **זיי וועלן אַרבעטן אינפירעון.**

אינעם ערשטן זאַץ איז דער ניטקוואַליפיצירטער אַדווערב געבילדעט פון א פּרעפּאָזיציע „אין" + אַרטיקל „דער" + סובסטאַנטיוו „פרי". אינעם צווייטן זאַץ איז דער אַדווערב געבילדעט פון א פּרעפּאָזיציע „אין" + אַדיעקטיוו „גיכן"; און אינעם דריטן זאַץ איז דער אַדווערב געבילדעט פון א פּרע־פּאָזיציע „אין" + צאָלוואָרט „פיר" + פלעקסיע „ען".

א ריי ניטקוואַליפיצירטע אַדווערבן קאָנען סובסטאַנ־טיווירט ווערן און קאָנען דאַן קומען אַלס פאַרשיידענע זאַצגלידער — אַלס סוביעקטן, אָביעקטן און אַנדערע. אַשטייגער:

---

1 צו פאַרוואָס דער גרעסטער טייל צוגאָבן און פּרעפּאָזיציעס באַטײַט אין טאָך דאָס זעלבע, וואָס דער גרעסטער טייל אַדווערבן: אָרט, צײַט, סיבע, צוועק, מיטל (זעט זײַט 56, 57 און 47).

1. דער אויסגעצויגענער איגדערפרי האָט אָנגעהויבנ אויס-
צוזענ אנדערש ווי אַלע (בערגעלסאָנ).
2. מיר האָבנ נאָכ ניט בא אים דעמ אינדערוואָכנ פונ
בויונג (ליטוואקאָוו).
3. גלוסט זיכ מיר אינ בלויע אפדערנאכטנ דורכלאָזנ די
שטוב מײַנע פארבײַ (כאשטשעוואצקי).

אָנמערקונג 1: א רײ ניטקוואליפיצירטע אדווערבנ, וואָס איצט, דאכט זיכ אונדז, זײַנענ זיי ניט קיינ אויסגעבילדעטע, זײַנענ אינדערעמעסנ אָדער פארגעסענע צונויפזאצנ אָדער וואָרצלענ, וואָס זײַנענ צונויפגעוואקסנ געוואָרנ מיט אפיקסנ אונ נאָכ אנדערע. אשטייגער:

אליינ (אל[1] + איינ)	דורכויס (דורכ + אויס)
צוזאמענ (זעט זײַט 40	פאָרויס (פאָר + אויס)
אומעטומ (אומ + אונ(ד) + אומ)	סײַוויסײַ (עס + זײַ + ווי + עס + זײַ)

אָנמערקונג 2: דאָס אויסבילדנ אדווערבנ פונ סובסטאנטיוונ אונ פונ אנדערע קלאסנ אָדער דאָס סובסטאנטיווירנ ארווערבנ — איז א פראָצעס, וואָס קומט קעסיידער פאָר. אָט פארוואָס מע קאָנ אמאָל צווייפלענ, צי דאָס אָדער יענצ וואָרט איז א סובסטאנטיוו (מיט ארטיקלענ אונ פרעפאָזיציעס) צי אנ אדווערב. קעדיי אויסצומײַדנ אָרטאָגראפישע גרײַזנ באַמ שרײַבנ אזעלכע צווייפלהאפטע ווערטער, דארפ מענ דעמ אויסלייג פונ די דאָזיקע ווערטער א קוק טאָנ אינ א ווערטערבוכ.

מע דארפ שרײַבנ אינײנעמ די ווערטער „אינגאנצנ, אינגיכנ, אינײנעמ, אינקורצנ, צומבעסטנ, צומווייניקסטנ, צומגיכסטנ“, ווענ זיי זײַנענ אדווערבנ; אונ מ'דארפ שרײַבנ באזונדער „אינ גאנצנ, אינ גיכנ, אינ קורצנ, צומ בעסטנ, צומ גיכסטנ“, ווענ זיי זײַנענ אינ זאצ אדיעקטיוונ מיט דער פרעפאָזיציע „אינ“ אָדער „צומ“. אשטייגער:

אדווערבנ	אדיעקטיוונ
1. ער האָט אינגאנצנ ניט פארשטאנענ די לעקציע.	1. ער האָט אינ גאנצנ ראיאָנ אויסגעפאָרשט די לאגע.
2. ער פילט זיכ ניט צומ-בעסטנ (אמבעסטנ).	2. ער איז אוועק צומ בעסטנ כאווער.

מע דארפ שרײַבנ „אהיימ, אמאָל, אשטייגער, אדאנק, דעריקער“, ווענ די דאָזיקע ווערטער זײַנענ אדווערבנ; אונ מע דארפ שרײַבנ „א היימ, א מאָל, א שטייגער, א דאנק, דער איקער“, ווענ זיי זײַנענ אינ זאצ סובסטאנטיוונ. אשטייגער:

---

1 דער זעלבער „אל“, וואָס אינ „אלע, אלפארבאנדישע, אלוועלטלעכע“...

סובסטאנטיוון	אדווערבן
1. ער האָט אַ היים (אַ נײַע היים).	1. ער גייט אהיים.
2. ער איז דאָרט געווען אַ מאָל (איין מאָל, אַן איינציק מאָל).	2. ער איז דאָרט געווען אַמאָל (שוין לאנג).
3. דער איקער באשטייט ניט אין דעם.	3. ער האָט דעריקער אַלץ פארגעסן.

סובסטאנטיוון קאָנען צו זיך ציִען אדיעקטיוון; אדווערבן קאָנען צו זיך קיין אדיעקטיוון ניט ציִען.

די אדווערבן פון די ווײַטערדיקע טיפּן דארף מען זאָגן און שרײַבן אזוי:

ערשטנס	דריטנס	אינצווייען	אינפירען	זאַלבעצווייט	זאַלבעפערט
צווייטנס	פערטנס	אינדרײַען	אינפינפען	זאַלבעדריט	זאַלבעפינפט

7. פּראָנאָם

57. פּראָנאָם און אנדערע וואָרטקלאסן

אויסער די פינף קלאסן ווערטער, וועגן וועלכע מיר האָבן ביז איצט גערעדט, — אויסער ווערבן, סובסטאנטיוון, אדיעקטיוון, צאָל־ווערטער און אדווערבן (קוואַליפיצירקע און ניטקוואַליפיצירקע) — איז פאראן נאָך אַ קלאס ווערטער — פּראָנאָמען (פארטרעטווערטער).

מיט פּראָנאָמען האָבן מיר זיך שוין געהאט באשעפטיקט, ווען מיר האָבן געהאט צו טאָן מיטן ווערב און אין אייניקע אנדערע פאלן. דאן איז אויסגעקומען צו ריידן אשטייגער וועגן אזעלכע פּראָנאָמען ווי „איך, דו, ער, זי, עס, מע, מיר, איר, זיי", וואָס ווײַזן אן ערשטע, אַ צווייטע אָדער אַ דריטע פערזאָן אין איינצאָל אָדער אין מערצאָל און וואָס פון זיי הענגט געוויינטלעך אָפּ די פאָרמע (פלעקסיע) פונעם פערזאָניקן ווערב.

פּראָנאָמען זײַנען אשטייגער אויך פאָלגנדיקע ווערטער:

מײַן	ווער	ווען	ווו	וווהין	דערבײַ
דײַן	יענער	איצט	דאָ	אהער	דערנאָך
זײַן	קיינער	דאן	דאָרט	אהין	דערפאר
איר	עמעצער	אַמאָל	אומעטום	ערגעץ	דערמיט

פּראָנאָמען ווײַזן געוויינטלעך אָן אויף עפּעס אָדער אויף עמעצן. אשטייגער די פּראָנאָמען „איך, מיר" ווײַזן אָן אויפן ריידער זעלבסט; די פּראָנאָמען „דו, איר" ווײַזן אָן אויף דעם, צו וועמען מע רעדט; די פּראָנאָמען „ער, זי, עס, מע, עמעצער, יענער, זיי" ווײַזן אָן ניט אויפן ריידער און ניט אויף דעם, צו וועמען מע רעדט, נאָר אויף עמעצן אנדערש; די פּראָ־

גאָמען „ווו, דאָ, דאָרט, אומעטום, וווהין, אהער, אהין, ערגעץ" ווײַזן אָן אַפּ עפּעס אַן אָרט אאוו.

פּראָנאָמען שיידן זיך אונטער פון די פּאָריקע פינף קלאַסן ווערטער מיט אַ ווײַכטיקן מאָמענט. אלע ווערטער פון די פּאָריקע פינף קלאַסן רופן אָן געוויינטלעך אַ טוונג, אַ זאַך (אָדער עפּעס ווי אַ זאַך), אַ כאַראַקטעריסטיק (אייגנשאַפט), אַ צושטאַנד אָדער אַ צאָל. אין דער צײַט, ווען פּראָנאָמען ווײַזן נאָר אָן אַפּ אַזוינס, וואָס קאָן געוויינטלעך אָנגערופן ווערן מיט אַ וואָרט פון די פּאָריקע פינף קלאַסן. אָט פאַרוואָס די פּראָנאָמען קאָנען אָפּט אין אַ זאַץ פאַרביטן ווערן מיט אַ סאַך אַנדערע ווערטער פון די אָדער יענע קלאַסן, אָדער, פאַרקערט, די פּראָנאָמען קאָנען פאַרבײַטן, פאַרטרעטן אַן אומגעוויינטלעכע צאָל ווערטער פון די אָדער יענע קלאַסן. אשטייגער:

1. דער ברודער פאָרט פאַרנאַכט אין שטאָט.
2. ער פאָרט איצט אהין.

די פּראָנאָמען „ער, אהין" פאַרטרעטן דאָ די סובסטאַנטיוון „דער ברודער, (אין) שטאָט", און דער פּראָנאָם „איצט" פאַרטרעט דאָ דעם אדווערב „פאַרנאַכט". און די זעלבע פּראָנאָמען קאָנען פאַרטרעטן גאַנץ אַנדערע צענדליקער און הונדערטער סובסטאַנטיוון און אדווערבן. אשטייגער:

1. דער פּאָרזיצער פאָרט פאַרטאָג אין דאָרף.
2. ער פאָרט איצט אהין.

אָנמערקונג: פּראָנאָמען קאָנען פאַרטרעטן ניט נאָר איינציקע ווערטער אָדער איינציקע זאַצגלידער, נאָר אפילו גאַנצע ווערטער-גרופּעס (און אמאָל אפילו גאַנצע זאַצן). אשטייגער:

צי האָט רעב שלוימע זיך אָפּגעגעבן מיט די נײַע מאָדנע ברויזן און אים איז געראָטן גוט זיי אויסצולערנען — דאָס ווייס איך ניט (מענדעלע).

דערפון, וואָס פּראָנאָמען „פאַרטרעטן" אָפּט סובסטאַנטיוון, אדווערבן און אַנדערע ווערטער, דאַרף מען אָבער ניט דרינגען, אַז אין יעדן קאָנקרעטן פאַל קאָן מען אָנווײַזן, וואָס פאַר אַ וואָרט האָט דער אָדער יענער פּראָנאָם פאַרטראָטן. אשטייגער אינעם זאַץ „ווער קלאַפּט?" קאָן מען ניט זאָגן, אָנשטאָט וועמען איז דאָ דער פּראָנאָם „ווער", וואָרעם טאַקע דערפאַר, וואָס מע ווייסט ניט, ווער דער קלאַפּער איז, און מע וויל עס דערגיין, האָבן מיר דאָ אַ פּראָנאָם.

אָנמערקונג: אַ וואָרט איז ביכלאַל אַ פאַראַלגעמיינערונג. דאָס וואָרט „טיש" אשטייגער רופט אָן און קאָן אָנרופן אבסאָליוט יעדן טיש, אומאָפּהענגיק דערפון, צי דער דאָזיקער איז פון האָלץ אָדער פון

שטיינ, צי ער איז א פירעקיקער אָדער א קײַלעכדיקער, צי א גרויסער אָדער א קליינער אאוו.[1] אונ ניט געקוקט דערופ, איז „טיש" אינ יידיש פאָרט אנ אָנרופ פונ א גאנצ באשטימטנ געגנשטאנד—פונ א טיש אונ ניט פונ קיינ שטול, ניט פונ קיינ אלמער, ניט פונ קיינ ביכל אאוו. אָבער אזא וואָרט ווי „ער" אשטייגער—א פראָנאָם—רופט ניט אָנ, נאָר ווײַזט אָנ אונ קאָנ אָנווײַזנ ניט נאָר אפ א טיש, נאָר אויכ אפ א שטול, אפ א מענטשנ, אפנ הימל, אפ אנ אידעאל אונ נאָכ אונ נאָכ אפ צענדליקער טויזנטער אלערליי געגנשטאנדנ אונ באגריפנ. אָט פארוואָס א פראָנאָם באקומט געוויינטלעכ זײַנ קאָנקרעטנ אינהאלט פיל מער ווי אלע אנדערע ווערטער נאָר אינ א באשטימטנ קאָנטעקסט, אינ באשטימטע באדינגונגענ.

פראָנאָמענ זײַנענ אמאָל אויכ געווענ סובסטאנטיווג, וואָס האָבנ (לויט דער מיינונג פונעמ אקאדעמיקער מאר) באטײַט א טייל קערפער—א קאָפּ, א נאָז, א ביינ אונ ביסלאַל א קערפער. דערבײַ האָבנ די פראָנאָמענ, וואָס זײַנענ אנטשטאנענ אדאנק דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונ דער געזעלשאפטלעכער אָרגאניזאציע, מיט זייער אופקומ אָנגעהויבנ א נײַע סטרוקטורישע (מאָרפאָלאָגישע) ערע אינ דער שפראכ. ביזנ אופקומ פונ פראָנאָמענ זײַנענ געווענ בלויז סובסטאנטיווג—איינ קלאס ווערטער, וואָס האָבנ אָנגערופנ זאכנ אונ וואָס האָבנ, אָפּהענגיק פונ זייער אָרט אינ זאצ, באטײַט א סוביעקט אָדער אָביעקט. מיטנ אופקומ פונ פראָנאָמענ איז אנטשטאנענ ניט נאָר א נײַער קלאס ווערטער פראָנאָמענ, נאָר עס האָט זיכ אויכ אָנגעהויבנ אויסבילדנ א קלאס ווערבנ (פּרעדיקאטנ): א סובסטאנטיוו מיט א פראָנאָם לעבנ אימ האָט אינ א ריי פאלנ אופגעהערט צו באטײַטנ א זאכ אונ האָט אָנגעהויבנ צו באטײַטנ א טוונג.

איינס אונ דאָס זעלבע וואָרט קאָנ אינ איינ פאל זײַנ א פראָנאָם אונ אינ א צווייטנ פאל אנ ארטיקל. אשטייגער:

פראָנאָם	ארטיקל
1. דער נעמט גאָרנישט.	1. דער כאָווער נעמט גאָרנישט.
2. די וויל ער ניט נעמענ.	2. די שיכ וויל ער ניט נעמענ.
3. דאָס „ „ „ „	3. דאָס היטל „ „ „ „
4. דעמ „ „ „ „	4. דעמ זייגער „ „ „ „
5. קיינ זאכ וויל ער ניט נעמענ.	5. קיינ ביכער „ „ „ „

אָנמערקונג 1. ווענ די ווערטער „דער, די, דאָס, דעמ" וועלנ אינ די

[1] דער דיכטער כאשטשעוואצקי דריקט עס אויס אפ אזא אופנ:

מיר זאָגנ—א הויז.
אונ דער אויסזענ פונ אויסיעס,
דער קלאנג פונעמ וואָרט ניט אנטפלעקט,
נאָר פאררעקט,
צי מיר מיינענ
א מעכטיק פילגאָרנדיק הויז עס,
צי א שטיבל א ליימענס
אינ "שטעטלשנ העק („ראפאָרטנ", 1931, ז. 122).

ליגקע זאצנ ארויסגערעדט ווערנ מיט אנ אקצענט, ווע‌לנ זיי זײַנ פּראָנאָמענ. דאנ ווע‌לנ שוינ די דאָזיקע זאצנ באטײַטנ עפּעס אנדערש.

אָנמערקונג 2: די ארטיקלענ „דער, די, דאָס, דעם, קיינ״ נעמענ זיכ טאקע פונ פּראָנאָמענ, וואָס זײַנעג פארוואנדלט געוואָרנ אינ הילפווערטער.

פּראָנאָמענ פילנ אויס אינ זאצ פונקציעס פונ פארשיידענע זאצגלידער אונ קאָנענ אָפּט האָבנ פארשיידענע פאָרמעס. אשטייגער:

1. עמעצער איז ארײַנ אינ שטוב.
2. איכ האָב עמעצנ געזענ אינ שטוב.
3. איכ האָב געהערט עמעצנס א קאָל.

דאָ זעענ מיר, אז דער פּראָנאָמ „עמעצער״ איז אינעם ערשטנ פאל א סוביעקט, אינעם צווייטנ פאל — א דירעקטער אָביעקט אונ אינעם דריטנ פאל — אנ אטריבוט; דערבײַ האָט דאָ דער דאָזיקער פּראָנאָמ אינעם ערשטנ פאל א פאָרמע פונ נאָמינאטיוו, אינעם צווייטנ פאל — א פאָרמע פונ אקוזאטיוו אונ אינעם דריטנ פאל — א פאָרמע פונ פּאָסעסיוו. אונ ניט נאָר פונקציעס אונ פאָרמעס פונ א סובסטאנטיוו קאָנ דער אָדער יענער פּראָנאָמ האָבנ. עס זײַנעג פאראנ פּראָנאָמענ, וואָס האָבנ פונקציעס אונ פאָרמעס פונ אדיעקטיוו, פונ אדווערבנ אונ אנדערע. אָט פארוואָס עס זײַנענ פאראנ פּראָנאָמענ סובסטאנטיווישע, אדיעקטיווישע, אדווערבישע אונ אנדערע. אשטייגער:

סובסטאנטיווישע	אדיעקטיווישע	אדווערבישע
איכ מיר ווער	וועלכע אזוינע	אמאָל דאָ אהער
דו איר עמעצער	וואָסערע פאָלגנדיקע	איצט דאָרט אהינ
ער זיי קיינער	די דאָזיקע די יעניקע	דאנ אומעטום ערגעצ

פּראָנאָמענ זײַנענ א פארשפּרייטע דערשײַנונג אינ דער שפּראכ אונ א גאנצ באקוועמע — אָנ זיי וואָלט אינ פיל פאלנ געווענ ערגער. דאָס קאָנ מענ זעג, פארגלײַכנדיק אזעלכע צוויי טעקסטנ:

מיט מער פּראָנאָמענ

מײַנ שוועגערנ זאָגט אליינ אפ זיכ, אז זי איז א שוועבעלע. איר אז עס קומט אָנ די שלעכטע מינוט, וועט זי אײַכ מאכנ מיט דער בלאָטע. אינ א ווײַלע ארום ווערט זי ווייכ, כאָטש לייגט זי צו צו א מאקע. מיט מיר וויעוועט זי פונ דער ערשטער מינוט נאָכ דער כאַסענע. זי ווייסט, אז איכ האָב זי נישט ליב. ערגער פונ אלצדינג

מיט ווייניקער פּראָנאָמענ

מײַנ שוועגערנ זאָגט אליינ אפ מײַנ שוועגערנ, אז מײַנ שוועגערנ איז א שוועבעלע. מײַנ שוועגערנ אז עס קומט אָנ די שלעכטע מינוט, וועט מײַנ שוועגערנ אײַכ מאכנ מיט דער בלאָטע. אינ א ווײַלע ארום ווערט מײַנ שוועגערנ ווייכ, כאָטש לייגט מײַנ שוועגערנ צו צו א מאקע. מיט מיר וויעוועט מײַנ שוועגערנ פונ דער

איז בא איר, לעמיי איך לאך פונ
איר. עס ווייזט זיך איר ראק, אז
איך לאך זי אויס. אז איך קוק
אפ איר, הייסט בא איר, אז איך
לאך (שאָלעם־אַלייכעם).

ערשטער מינוט נאָך דער כאסענע.
מיינ שוועגערנ ווייסט, אז איך האָב
מיינ שוועגערנ נישט ליב. ערגער פונ
אלצדינג איז בא מיינ שוועגערנ, לע־
מיי איך לאך פונ מיינ שוועגערנ.
עס ווייזט זיך מיינ שוועגערנ ראק,
אז איך לאך מיינ שוועגערנ אויס.
אז איך קוק אפ מיינ שוועגערנ,
הייסט בא מיינ שוועגערנ, אז איך לאך.

דאָ זעענ מיר, ווי בעסער עס איז דער רעכטער טעקסט אינ פארגלייכ מיטנ לינקנ, כאָטש אויכ אינעמ לינקנ טעקסט זיינענ פאראנ פראָנאָמענ (אויסקומענ אינגאנצנ אָנ פראָנאָמענ איז אָפט אומעגלעכ אפילע בא אנ עקספערימענט).

אָבער פראָנאָמענ קאָנענ אמאָל מאכנ א טעקסט פילדייטיק — אונ דאָס איז שוינ שלעכט. אשטייגער אינעמ זאצ „די אימפעריאליסטנ האָבנ צונויפגעפירט ארבעטער פונ א סאכ נאציעס צו שלאָגנ זיך פאר זייערע אינטערעסנ“ — קאָנ דער פראָנאָמ „זייערע“ אָנווייזנ אפ דריי פארשיידענע סובסטאנטיוונ: אפ „נאציעס, ארבעטער, אימפעריאליסטנ“. אונ ס׳פאר־שטייט זיך, אז ס׳איז א גרויסע נאפקעמינע, צי די ארבעטער שלאָגנ זיך פאר זייערע אייגענע אינטערעסנ, צי פאר די אינטערעסנ פונ א סאכ נאציעס, צי פאר די אינטערעסנ פונ די אימפעריאליסטנ. אינ אזעלכע פאלנ דארפ מענ אויסמיידנ צו ניצנ פראָנאָמענ, וואָס פארקריפלענ דעמ געדאנק.

58. פראָנאָמ־פאָרמעס אונ אויסלייג

פונ די פראָנאָמענ זיינענ פאראנ אזעלכע, וואָס בייגנ זיך, אונ אזעלכע, וואָס בייגנ זיך ניט. אשטייגער:

1. זיי לייענענ צייטונגענ.
2. ער רופט זיי אינ קלוב.
3. ער שיקט פאר זיי בילעטנ.

דאָ זעענ מיר, אז דער פראָנאָמ „זיי“ בייגט זיך ניט. סיי ווענ ער איז א סוביעקט אונ סיי ווענ א דירעקטער אָדער אומדירעקטער אָביעקט, איז אלצ „זיי“. אָבער אזא פראָנאָמ ווי „ער“ אָדער „מיר“ אשטייגער בייגט זיך, אונ ווענ ער קומט אלס אנ אָביעקט, ווערט „אימ“ אָדער „אונדז“. אשטייגער:

ער לייענט צייטונגענ — מיר לייענענ צייטונגענ
מע רופט אימ אינ קלוב — מע רופט אונדז אינ קלוב

פון די פראָנאָמען, וואָס בייגן זיך, דאַרף מען באַזונדערס לייגן אַכט אַף „איך, דו, זי, דאָס, אַלע". די דאָזיקע פראָנאָמען איז אין דער ליטע־ראַרישער שפּראַך אָנגענומען צו בייגן אַזוי:

נאָמינאַטיוו — איך דו זי דאָס (עס) אַלע
אַקוזאַטיוו — מיך דיך זי דאָס (עס) אַלעמען
דאַטיוו — מיר דיר איר דעם (אים)[1] אַלעמען

אַשטייגער:

ער האָט מיך פאַרגעסן	ער האָט וועגן מיר פאַרגעסן
„ „ דיך „	„ „ „ דיר „
„ „ זי „	„ „ „ איר „
„ „ דאָס „	„ „ „ דעם „
„ „ אַלעמען „	„ „ „ אַלעמען „

אָנמערקונג 1: ווען אַ פראָנאָם קומט אָנצוווייזן אַף אַ זאַך, וואָס ווערט געוויינטלעך אָנגערופן מיט אַ סובסטאַנטיוו פון דריטן מין, האָט עס אַ פאָרמע פון „עס, דאָס" אָדער „דעם". אַשטייגער: איך טרייב דאָס פערד, נאָר עס גייט ניט. אָבער בא פערזאָנען טרעפט, אַז דאָס ווערט ניט אָפּגעהיט אויך. אַשטייגער: איך שיק דאָס יינגל, נאָר ער גייט ניט; איך שיק דאָס מיידל, נאָר זי גייט ניט.

אָנמערקונג 2: אין אייניקע קאַנטן ניצט מען „אינדז" אָנשטאָט „מיר" אָדער מע ברענגט דאָרט איינגאַנצן אַן איבעריקן „אונדז". אַשטייגער:

1. איר וועט מיט אייער קלוגן סייכל מער קענען פועל זיין ווי אונדז אַלע (עטינגער). (דאַרף זיין: ווי מיר אַלע).
2. אונדז וועלן מיר דיר דאָ גאָרנישט טאָן (עטינגער). (דאַרף זיין: מיר וועלן דיר...).

דער פּאָסעסיוו פון „אַלע" און „ווער" איז מיט אַ „נ" — אַלעמענס, וועמענס.

די פראָנאָמען „וועלכער, וועלכע"... האָבן אַזעלכע בייגפאָרמעס:

פאָרמעס	ערשטער מין	צווייטער מין	דריטער מין
1. נאָמינאַטיוו	וועלכער כאַווער	וועלכע כאַווערטע	וועלכ(עס) קינד
2. אַקוזאַטיוו	וועלכן „	„ „	„ „
3. דאַטיוו	„ „	וועלכער „	וועלכן „

1 וויאָ! מאַך איך צום פערדל און נעם זיך אָן מיט האַרץ און גיב דעם אַ פּאָר שמיצלעך פון הינטן (שאָלעם־אַליכעם).

די פּאָסעסיווישע פּראָנאָמענ (מײַנ, דײַנ, זײַנ...)[1] קומענ געווײנטלעכ פּאַרנ סובסטאַנטיוו, וואָס זיי כאַראַקטעריזירנ (ווײַזנ די אָנגעהעריקײַט), אונ שטימענ מיט אים ביכלאַל נאָר אינ צאָל. אשטייגער: אונדזער פּלאַנ — אונדזערע פּלענער; אונדזער אופגאַבע — אונדזערע אופגאַבעס. ווענ אָבער די פּאָסעסיווישע פּראָנאָמענ קומענ (צוליב באַטאָנונג) נאָכנ סובסטאַנטיוו, וואָס זיי כאַראַקטעריזירנ, שטימענ זיי מיט אים אינ צאָל, אינ מינ אונ אינ בייגפאָרמע. אשטייגער:

דער פּלאַנ אונדזערער איז אַבסאָליוט רעאַל.	מיר וועלנ פאַרווירקלעכנ דעמ פּלאַנ אונדזערנ.
די אופגאַבע אונדזערע איז קאָלאָסאַל.	מיר וועלנ אויספילנ די אופגאַבע אונדזערע.
דאָס קעמערל אונדזערס איז אַקטיוו.	מיר וועלנ פאַרשטאַרקנ דאָס קעמערל אונדזערס.

אינ אַזעלכע פאַלנ האָבנ די פּאָסעסיווישע פּראָנאָמענ ביכלאַל די זעלבע סיסטעמ פלעקסיעס, וואָס אַדיעקטיוונ (זעט זײַט 165). אָבער באַמ דריטנ מינ איז א ביסל אַנדערש. אשטייגער:

פּאַדעס	ערשטער מינ	צווייטער מינ	דריטער מינ
1. נאָמינאַטיוו	דער כאַווער דער פּײַנער, מײַנער	די כאַווערטע די פּײַנע, מײַנע	דאָס קינד דאָס פּײַנע, מײַנס א קינד א פּײַנס, מײַנס
2. אַקוזאַטיוו	דעמ כאַווער דעמ פּײַנעמ, מײַנעמ	" " "	" " "
3. דאַטיוו	" " "	דער כאַווערטע דער פּײַנער, מײַנער	דעמ קינד דעמ פּײַנעמ, מײַנעמ א קינד א פּײַנס, מײַנס

ווענ די פּאָסעסיווישע פּראָנאָמענ קומענ פּאַר א סובסטאַנטיוו, וואָס איז מיטנ אומבאַשטימיקנ אַרטיקל, שטימענ זיי מיטנ סובסטאַנטיוו אַלצײַנס, ווי ווענ זיי קומענ נאָכ אימ. אשטייגער: מײַנער א כאַווער, מײַנע א כאַווערטע, מײַנס א קינד. אונ ניט, ווי מע זאָגט אינ א ריי ערטער: מײַנס א כאַווער, מײַנס א כאַווערטע.

1 זעט זײַט 150.

די פּאָסעסיווישע פּראָנאָמענ שטימענ אי מיט די סובסטאנטיוונ, וואָס זיי כאראקטעריזירנ, אי מיט די סובסטאנטיוונ, אפּ וועלכע זיי ווײַזנ אָנ. אשטייגער:

1. דער זאוואָד האָט אויסגעפּילט זײַנע פּלענער.
2. די פאבריק האָט אויסגעפּילט איר אופגאבע.

אינעם ערשטנ פאל איז דאָ „זײַנע“, ווײַל דער דאָזיקער פּראָנאָמ כאראקטעריזירט א סובסטאנטיוו „פּלענער“ (אינ מערצאָל) אונ ווײַל דער דאָזיקער פּראָנאָמ ווײַזט דאָ אָנ אפּ א סובסטאנטיוו פונ ערשטנ מינ (דער זאוואָד). אונ אזוי איז עס אויכ אינעם צווייטנ פאל. דאָרט איז „איר“, ווײַל עס שטימט מיט „אופגאבע“ אונ עס ווײַזט אָנ אפּ „דער פאבריק“.

דער פּאָסעסיווישער פּראָנאָמ „זײַנ“, קומענדיק פאר נ סובסטאנטיוו, וועלכנ ער כאראקטעריזירט, ווײַזט אָנ סײַ אפּ א סובסטאנטיוו פונ ערשטנ מינ אונ סײַ פונ דריטנ מינ. אשטייגער:

1. דער זאוואָד האָט אויסגעפּילט זײַנ פּלאנ.
2. דאָס קעמערל האָט אויסגעפּילט זײַנ פּלאנ.

אָבער בא פערזאָנענ היט מענ דאָס אָפּט ניט אָפּ אויכ. אשטייגער:

1. דאָס יינגל איז געקומענ מיט זײַנ ברודער.
2. דאָס מיידל איז געקומענ מיט איר ברודער.

דער פּראָנאָמ „יענער“ איז בא א סובסטאנטיוו פונ דריטנ מינ אזוי: באָמינאטיוו אונ אקוזאטיוו — „יענצ“; דאטיוו — „יענעמ“. אשטייגער:

1. יענצ קעמערל ארבעט גוט.
2. איכ האָב באזוכט יענצ קעמערל.
3. איכ בינ געווענ אינ יענעמ קעמערל.

דער פּראָנאָמ „יעדער“ שטימט מיטנ סובסטאנטיוו ניט אינ אלע דיאלעקטנ גלײַכ. אינ דער ליטעראטור איז נאָכ וועגנ דער דאָזיקער מיטשטימונג קיינ פעסטע נאָרמע ניטאָ. גלײַכער איז, ער זאָל מיטשטימענ, ווי בײַכלאל פּראָנאָמענ מיט אזא ענדונג, דאָס הייסט—אי אינ צאָל, אי אינ מינ, אי אינ בייגפאָרמע. אשטייגער: יעדער ארבעטער, יעדע פאבריק, יעדעס קעמערל, יעדנ ארבעטער...

ארטיקלענ אונ פּרעפּאָזיציעס בא פּראָנאָמענ שרײַבט מענ בײַכלאל באזונדער. אשטייגער: דער דאָזיקער, דעמ דאָזיקנ... פאר וואָס, פאר וועמענ...

אָנמערקונג: „פאר וואָס“ קומט באוונדער, ווענ ס'איז א פּרעפּאָזיציע מיט א פּראָנאָמ. ווענ אָבער עס ווערט אופגענומענ אלס אנ אדוערב, שרײַבט מענ עס אינײינעמ. אשטייגער:

1. פאר וואָס זאָל איכ אימ פירנ? — פארנ צוימ.
2. פארוואָס זאָל איכ אימ פירנ? — ווײַל ער קאָנ אליינ ניט גיינ.

די פּראָנאָמענ פונעמ טיפּ „דערבײַ, דערינ, דערנאָכ, דערפאר, דערמיט, דערצו“ אאוו. דארפ מענ שרײַבנ אזוי, ווי זיי זײַנענ דאָ געגעבנ.

די פּראָנאָמען מיט „ניט־איז" אָדער מיט „ניט־ווו, ניט־ווען" און אַנדערע פון דעם טיפּ קומען מיט א בינדצייכן. אשטייגער:

ווו־ניט־איז	וואָס־ניט־איז	ווי־ניט־ווי
ווער־ניט־איז	וויפל־ניט־איז	ווער־ניט־ווער
ווען־ניט־ווען		

די פּראָנאָמען פונעם טיפּ „פונמײַנטוועגן, פונדײַנטוועגן, פונזײַנטוועגן, פונירטוועגן, פונונדזערטוועגן, פונדעסטוועגן", וואָס זײַנען געבילדעט פון א פּראָנאָם מיט די פּרעפּאָזיציעס „פון" און „וועגן", שרײַבט מען אזוי, ווי זיי זײַנען דאָ געגעבן.

מע דאַרף שרײַבן צוזאמען: „ביזוואַנען, דורכוואַנען, פונוואַנען, ביזדאַנען, דורכדאַנען, פונדאַנען".

8. זאצסטרוקטור

59. פונקציעס, פאָרמעס, אָפּהענגיקײַט

אין די פאָריקע לימודים זײַנען געוועזן אָנגעוויזן א גאנצע ריי פ ו נ ק צ י ע ס, וואָס די אָדער יענע ווערטער האָבן אין זאץ, און א גאנצע ריי פ אָ ר מ ע ס, וואָס די אָדער יענע ווערטער נעמען אָן, אויספילנדיק די אָדער יענע פונקציעס. איצט קאָן מען עס א ביסל רעזומירן און סכעמאַטיזירן.

1) איינער פון די אָפּטסטע און וויכטיקסטע זאצגלידער איז דער ס ו ב י ע ק ט. ער איז פון קיין וואָרט אין זאץ ניט אָפּהענגיק און איז געוויינטלעך א נ אָ מ י נ א ט י ו — א סובסטאַנטיוו, א סובסטאַנטיווירטער אינפיניטיוו, א סובסטאַנטיווירטער אדיעקטיוו, א צאָלוואָרט, א פּראָנאָם און בכלל א סובסטאַנטיווירט וואָרט. אשטייגער:

1. ד י פ ר א ג ע האָט אים צעטומלט.
2. ד אָ ס פ ר ע ג ן האָט אים צעטומלט.
3. ד ע ר א ל ט ע ר האָט אים צעטומלט.
4. ע ר האָט אים צעטומלט.
5. דער „פ א ר װ אָ ס" האָט אים צעטומלט.
6. פ י נ ף איז מער פון דרײַ.

2) דער צווייטער אָפּטסטער און וויכטיקסטער זאצגליד איז דער פּ ר ע ד י ק א ט. ער הענגט געוויינטלעך אָפּ פונעם סוביעקט און שטימט מיט אים דורכן פּערזאָניקן ווערב אין פּערזאָן און צאָל. פּרעדיקאַטן זײַנען פאַראַן צווייערליי: ווערבאַלע און נאָמינאַלע. די װ ע ר ב א ל ע ווערן אויסגעדריקט דורך א װ ע ר ב אין פאַרשיידענע פאָרמעס. די נ אָ מ י נ א ל ע ווערן אויסגעדריקט דורך א סובסטאַנטיוו א נאָמינאַטיוו, א דאַטיוו (מיט א פּרעפּאָזיציע) אָדער א פּאָסעסיוו, דורך אַן אדיעקטיוו, דורך אַן אדווערב, דורך א צאָלוואָרט אָדער דורך א פּראָנאָם. די נאָמינאַלע פּרעדיקאַטן קומען מיט הילפוערבן. אמאָפטסטן מיט די הילפוערבן „זײַן" אָדער „ווערן",

וואָס באַטײַטן אָדער א פּאַרטיקן, אויסגעפֿאָרמירטן פּראָצעס („זײַן") אָדער אן אָנהייב פֿון א פּראָצעס („ווערן"). אשטייגער:

ווערבאַלע

ער שרײַבט, פֿאַרשרײַבט, שרײַבט אויס;

ער פֿאַרשרײַבט זיך, איז פֿאַרשריבן, ווערט פֿאַרשריבן;

ער האָט פֿאַרשריבן, וועט פֿאַרשרײַבן, פֿלעגט פֿאַרשרײַבן, האָט געהאַט פֿאַרשריבן;

ער וואָלט פֿאַרשריבן, זאָל פֿאַרשרײַבן;

פֿאַרשרײַב! זאָלסט פֿאַרשרײַבן! (און פֿיל אַנדערע).

נאָמינאַלע

ער איז א שוסטער, ווערט א שנײַדער;

דער טינטער איז פֿון אוראַל, פֿון שטיין;

ער איז יאָספּס, אבראַמאָוויטשעס;

ער איז א קראַנקער, ווערט א געזונטער;

ער איז קראַנק, ווערט געזונט [1];

ער איז אַליין; ער איז איינער;

צוויי און צוויי איז פֿיר;

ער איז עפּעס; ער ווערט אַלץ.

די פּאָריקע צוויי זאַצגלידער — דער סוביעקט און דער פּרעדיקאַט — זײַנען די הויפּטגלידער פֿון א זאַץ. אַלע איבעריקע זאַצגלידער זײַנען בײַגלידער און געהערן צום סוביעקט אָדער צום פּרעדיקאַט אָדער צו בײַגלידער.

3) דירעקטער אָביעקט. ער איז אָפּהענגיק פֿון א ווערב. דערבײַ קאָן דער ווערב זײַן א פּרעדיקאַט, א סוביעקט אָדער אן אַנדער זאַצגליד. א דירעקטער אָביעקט איז אן אַקוזאַטיוו. אשטייגער:

1. ער האָט אַראָפּגענומען די גערעטעניש.
2. דאָס אַראָפּנעמען די גערעטעניש האָט זיך א ביסל פֿאַרצויגן.
3. ער האָט גערעדט וועגן אַראָפּנעמען די גערעטעניש.

4) אומדירעקטער אָביעקט. ער איז אָפּהענגיק געוויינטלעך פֿון א ווערב אָדער פֿון א ווערבאַלן סובסטאַנטיוו. אן אומדירעקטער אָביעקט איז א דאַטיוו מיט אָדער אָן א פּרעפּאָזיציע. אשטייגער:

1. ער האָט גערעדט וועגן דער גערעטעניש.
2. דער אַראָפּנעם פֿון דער גערעטעניש האָט זיך א ביסל פֿאַרצויגן.
3. ער האָט דעם פּאָזיצער דערלאַנגט א מעלדונג.

---

[1] און אויך אין דער פֿאַרגלײַכיקער און איבערשטײַגיקער שטופֿע. אשטייגער: ער איז א געזונטערער, ער איז דער געזינטסטער; ער איז געזינטער, ער איז אַמגעזינטסטן.

5) א ט ר י ב ו ט. ער איז אָפּהענגיק פֿון א סובסטאַנטיוו (און פֿון א סובסטאַנטיווירט וואָרט). דערבײַ קאָן דער סובסטאַנטיוו אויספֿילן פֿאַרשײדענע פֿונקציעס — ער קאָן זײַן א סוביעקט, אַן אָביעקט, א פּרעדיקאַט אָדער אַן אַנדער זאַצגליד. דער אַטריבוט קאָן האָבן א פֿאָרמע פֿון אַן אַדיעקטיוו, פּאָסעסיוו, דאַטיוו מיט א פּרעפּאָזיציע, אינפֿיניטיוו; ער קאָן זיך צונויפֿפּאָסן מיטן סובסטאַנטיוו און זײַן דעם דאָזיקנס באַשטימטייל; ער קאָן קומען אַלס א פּאַראַלעלער סובסטאַנטיוו אָדער זײַן אין אַן אַנדער פֿאָרמע (זעט טייל II, קאַפּ. „אַטריבוטיווער בײַזאַץ"). פֿון די אַלע פֿאָרמעס שטימט דער אַדיעקטיוו (און אָפּט אויך דער פּאַראַלעלער סובסטאַנטיוו) מיטן סובסטאַנטיוו אין מין, צאָל און בייגפֿאָרמע. אַשטייגער:

1. ער איז א גוטער אַרבעטער, אַן איבערגעגעבענער טוער; ער באַקומט די איבערגייענדיקע פֿאָן.
2. ער לייענט ענגעלסעס ווערק; ער באַשרײַבט זײַנע איבערלעבונגען.
3. די דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט ווערט פֿעסטער.
4. די קאָמיסיע צו רעגיסטרירן די אָנגעקומענע דעלעגאַטן אַרבעט שוין.
5. דער פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר וועט זיך באַלד אָנהייבן.
6. כאַים דער בריגאַדיר פֿאָרט אַפֿן צוזאַמענפֿאָר.

6) צאָל־באַשטימונג. זי איז געוויינטלעך אָפּהענגיק פֿון א סובסטאַנטיוו. דערבײַ קאָן דער סובסטאַנטיוו אויספֿילן פֿאַרשיידענע פֿונקציעס. די דאָזיקע באַשטימונג ווערט אויסגעדריקט דורך א צאָלוואָרט. אַשטייגער:

1. ער האָט געאַרבעט צען טעג.
2. פֿינף מענטשן זײַנען דאָ געווען.

אויסער אַטריבוט און אויסער דער צאָל־באַשטימונג, וואָס קומען צו באַשטימען א סובסטאַנטיוו, זײַנען פֿאַראַן נאָך באַשטימונגען, וואָס קומען דירעקטער צו באַשטימען אַזוי אָדער אַנדערש די טוונג — דעם ווערב. פֿון זיי זײַנען די אָפּטסטע פֿאָלגנדיקע:

7) אָרט־באַשטימונג. זי איז געוויינטלעך אָפּהענגיק פֿון א ווערב און ווערט מערסטנס אויסגעדריקט דורך א דאַטיוו מיט א פּרעפּאָזיציע אָדער דורך א ניטקוואַליפֿיצירקן אַדווערב (סײַ א פּראָנאָם און סײַ ניט קיין פּראָנאָם). אַשטייגער:

1. ער זיצט אין צימער. ער פֿאָרט קיין קיִעוו.
2. ער זיצט דאָרט, אונטן. ער פֿאָרט אַהין, אויבן.

8) צײַט־באשטימונג. זי איז געווײנטלעכ אָפּהענגיק פונ א ווערב אונ ווערט אויסגעדריקט דורכ א דאטיוו מיט א פּרעפּאָזיציע, דורכ אנ אקוזאטיוו אָדער דורכ אנ אדווערב. אשטײגער:

1. ער פאָרט נאָכ דער ארבעט.
2. ער פאָרט די וואָכ. ער פאָרט דעמ כוידעש.
3. ער פאָרט איצט, פארנאכט. ער פאָרט שפּעט.

9) אויפנ־באשטימונג. זי איז געווײנטלעכ אָפּהענגיק פונ א ווערב אונ ווערט אויסגעדריקט דורכ א דאטיוו מיט א פּרעפּאָזיציע אָדער דורכ אנ אדווערב. אשטײגער:

1. ער ארבעט מיט ענערגיע. ער רעדט אָנ הארצ.
2. ער ארבעט ענערגיש. ער רעדט קאלטבלוטיק.
3. ער ארבעט אָנגעשטרענגט. ער רעדט גײענדיק.
4. ער ארבעט אלײנ. ער רעדט פונדאָסנײַ.

10) סיבע־באשטימונג. זי איז געווײנטלעכ אָפּהענגיק פונ א ווערב אונ ווערט אויסגעדריקט דורכ א דאטיוו מיט א פּרעפּאָזיציע אָדער דורכ א ניטקוואליפיצירטנ אדווערב. אשטײגער:

1. ער האָט פונ שרעק ניט געקאָנט רײדנ.
2. ער האָט דעריבער געמאכט מיט די הענט.

11) צוועק־באשטימונג. זי איז געווײנטלעכ אָפּהענגיק פונ א ווערב אונ ווערט אויסגעדריקט דורכ א דאטיוו מיט א פּרעפּאָזיציע, דורכ אנ אינפיניטיוו אָדער דורכ א ניטקוואליפיצירטנ אדווערב. אשטײגער:

1. ער איז געקומענ נאָכ א ביכל.
2. ער איז געקומענ צו קאָנטראָלירנ די ארבעט.
3. ער האָט מיכ דערופ געשיקט.

12) אינהאלט־באשטימונג. זי איז געווײנטלעכ אָפּהענגיק פונ א ווערב אונ ווערט אויסגעדריקט דורכ אנ אינפיניטיוו. אשטײגער:

1. ער הייבט אָנ צו קאָנטראָלירנ די ארבעט.
2. ער קלערט איצט אָנצוקומענ אינ שול.

אָט דאָס זײַנענ די אָפּטערע פונקציעס, וואָס די אָדער יענע פאָרמעס פילנ אויס אינ א זאצ, אונ אָט דאָס זײַנענ די אָפּטערע פאָרמעס, וואָס די אָדער יענע זאצגלידער נעמענ אָנ באמ אויספילנ די אָדער יענע פונקציעס.

קעדײ די באציִונג צווישנ די זאצגלידער אונ וואָרטקלאסנ, צווישנ די פונקציעס אונ פאָרמעס זאָל זײַנ א ביסל אָנשוילעכער, וועלנ מיר עס פּרוּוונ פאָרשטעלנ ווי א גראפיק. מיר וועלנ ווערטיקאל (פונ אויבנ אראָפּ) געבנ די פאָרמעס פונ יעדער פונקציע אונ האָריזאָנטאל — די פונקציעס פונ יעדער פאָרמע.

			וואָרטקלאסן און פאָרמעס / זאצגלידער (פונקציעס)	1 סוביעקט	2 פרעדיקאט	3 דירעקטער אָביעקט	4 אומדירעקטער אָביעקט	5 אטריבוט	6 צאָל־באשטימונג
I	ווערב	1	בייגיקער 1		+				
		2	אינפיניטיוו 2	3 +	4 +			+	
		3	פארטיציפ		5 +			6 +	
		4	גערונדיוו		8 +			9 +	
II	סובסטאנטיוו	5	נאָמינאטיוו 11	+	12 +				
		6	אקוזאטיוו 11			+			
		7	דאטיוו (מיט א פרעפּאָזיציע)		12 +		13 +	+	
		8	פאָסעסיוו		12 +			+	
III	אדיעקטיוו	9	אדיעקטיוו		12 +			+	
IV	צאָלוואָרט	10	צאָלוואָרט	+	12 +	+	+		+
V	אדווערב	11	קוואליפיצירנקער 14		12 +				
		12	ניטקוואליפיצירנקער 15		12 +				
VI	פראָנאָם		האָט פארשיידענע פאָרמעס	קרייצט זיך איבער מיט די איבעריקע וואָרטקלאסן און פאָרמעס					

1 א ווערב א מאָדוס. זעט די טאבעלע אף זײַט 112—113.
2 ניט קיין סובסטאנטיווירטער.
3 אשטייגער: לאכן איז געזונט; רעאליזירן די האלוואָע איז זייער וויכטיק.
4 „ : שלאָגלעריש רעאליזירן די האלוואָע; פארשטארקן אונדזער שוצ־פייִקייט.
5 „ : געענדערט די ארבעט־באדינגונגען; גוט אויסגעפילט דעם פלאן.
6 א פארטיציפ אן אדיעקטיוו. זעט זײַט 168, 169.
7 „ „ „ אדווערב. „ „ 176.
8 אן אונטערגעוואָרפענער פרעדיקאט. זעט זײַט 119.

7	8	9	10	11	12	אָנמערקונגען
אָרט-באַשטימונג	צײַט-באַשטימונג	אופן-באַשטימונג	סיבע-באַשטימונג	צוועק-באַשטימונג	אינהאַלט-באַשטימונג	
		7 + 10 +		+	+	נאָך פונקציעס פונעם „אינפיניטיוו"—אפּ ז. 98.
+	+ +	+	+	+		סובסטאַנטיוו און אַלער־ליי סובסטאַנטיווירונגען.
						אין אַלע דרײַ שטופּעס.
+	+ +	+ +	+			אין אַלע דרײַ שטופּעס.

פילט אויס פאַרשיידענע פונקציעס, אָפּהענגיק פון זײַנע פאָרמעס

9 א גערונדיוו אַן אַדיעקטיוו. זעט זײַט 168, 169.
10 „ „ „ אַדווערב. „ „ 176.
11 זעט די אָנמערקונגען אַפּ זײַט 141.
12 מיט א הילפּווערב „זײַן" אָדער „ווערן".
13 קאָן קומען אָן א פּרעפּאָזיציע אויך.
14 קאָן קומען אויך אַלס א סוביעקט אָדער אַלס אַן אַטריבוט. אשטייגער: קרומ איז ניט גלײַך; ער האָט געבראַכט א פּאָרטפעל פול מיט ביכער.
15 קאָן קומען אויך אַלס א סוביעקט אָדער אַלס אַן אַטריבוט. אשטייגער: אײַנעם איז ניט אַליין; די אַרבעט אײַנעם (צוזאַמען, אַליין) איז אים געפעלן.

די ערשט אָנגעוויזענע וואָרטקלאסן און זייערע פאָרמעס זײַנען אָבער ניט אבסאָליוט אָפּגעגרענעצט איינע פון די אנדערע. עס זײַנען צווישן זיי פאראן איבערגאנג־דערשײַנונגען, ווי דער סובסטאנטיווירטער אינפיניטיוו אשטייגער, וואָס איז אי א ווערב אי א סובסטאנטיוו, אָדער ווי דער סובסטאנטיווירטער אדיעקטיוו, וואָס איז אי אן אדיעקטיוו אי א סובסטאנטיוו. ווײַטער זײַנען פאראן אזעלכע דערשײַנונגען ווי דער פארטיציפּ און גערונדיוו אשטייגער, וואָס קאָנען קומען אי אלס ווערבן, אי אלס אדווערבן, אי אלס אָדיעקטיוון, אָפּהיטנדיק דערבײַ זייער פארטיציפּישע אָדער גערונדיווישע „נאטור".

אויך די פונקציעס פון די ערשט אָנגעוויזענע פאָרמעס זײַנען ניט שטענדיק גענוג אָפּגעגרענעצט איינע פון די אנדערע. אָט פארוואָס מע קאָן אמאָל צווייפלען, צי איז אשטייגער די פונקציע פונעם אינפיניטיוו אין דעם אָדער אין יענעם פאל — אן אינהאלט־באשטימונג צי אן אָביעקט, אן אינהאלט־באשטימונג צי א צוועק־באשטימונג אָדער צי איז אשטייגער די פונקציע פונעם דאטיוו (מיט דער פּרעפּאָזיציע) אין דעם אָדער אין יענעם פאל — אן אָביעקט צי א צוועק־באשטימונג, אן אָרט־באשטימונג צי אן אטריבוט אאוו.

אויסער די דאָ אָנגעוויזענע וואָרטקלאסן און פאָרמעס זײַנען פאראן נאָך א ריי ניט קיין גרויסע גרופּעס און איינצלנע ווערטער, וואָס געהערן ניט צו די דאָ אָנגעוויזענע. אשטייגער די ווערטער „אוי, אך, סטײַטש; יאָ, ניין" און אנדערע.

צו די דאָ אָנגעוויזענע וואָרטקלאסן און פאָרמעס געהערן ניט אויך די באהילפיקע ווערטער — די ווערטער, וואָס זיי אליין פילן ניט אויס קיין פונקציע פון א זאצגליד, נאָר קומען דעריקער צו ווײַזן באשטימטקײַט (אומבאשטימטקײַט) אָדער צו באהעפטן איין זאצגליד מיט א צווייטן און וואָס אין טאָך פילן זיי אויס די זעלבע פונקציעס, וואָס אפיקסן און פלעקסיעס.

די באהילפיקע ווערטער באשטייען אויך פון א ריי באזונדערע גרופּעס. די וויכטיקסטע פון זיי זײַנען:

1) ארטיקלען: א (אן), דער, די, דאָס (דעם), קיין;

2) פּרעפּאָזיציעס: אָפּ, אונטער, איבער, צווישן, מיט, אָן, לויט...;

3) הילפווערבן: בין, ביסט, איז...; ווער, ווערסט, ווערט...;

4) בינדווערטער: און, אָבער, אָדער, צי, אז, אויב, ווײַל...

מיט ארטיקלען, פּרעפּאָזיציעס און הילפווערבן האָבן מיר זיך שוין באשעפטיקט און זייער ראָליע שוין קלאָר געמאכט. מיט בינדווערטער וועלן מיר זיך פארנעמען אין די ווײַטערדיקע לימודים (אינעם צווייטן טייל).

אופגאבעס

1. זאצ

1. לייענט דורכ דעם וויַטערדיקנ טעקסט א פּאָר מאָל אונ באטאָנט ריכטיק דעם סאָפ פונ יעדנ זאצ.

אינעם דריטנ אנטשיידנדיקנ יאָר פונ פינפיאָר פארענדיקט דער ראטנ-פארבאנד אופבויענ דעם פונדאמענט פונ סאָציאַליזמ. עס טרעטנ אריַנ אינ דער ריי 518 גרויסע נייַע פאבריקנ אונ זאוואָדנ אונ 1040 נייַע מאשינ-טראקטערשע סטאנציעס. אפנ באָדנ פונ די דערגרייכטע דערפאָלגנ אינ דער אינדוסטריע אונ פונעמ מעכטיקנ שווּנג פונ דער קאָלווירטישער באוועגונג אינ דאָרפ ווערט פארענדיקט די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאציע פונ דער לאנדווירטשאפט אינ די איקערדיקע טווּע-ראיאָנעו. איבער א העלפט פוי-ערשע ווירטשאפטנ אינ גאנצ פססר זיַנענ שוינ אריַנגעטראָטנ אינ די קאָלווירטנ. די כוואליע פונ דער קאָלווירטישער באוועגונג האלט אינ אייַנ שטייַגנ. עס ווערט פעסטער די טעכנישע באזע פונ דער קאָלעקטיוויזירטער לאנדווירטשאפט. דער ראטנ-פארבאנד פילט אויס זיגרייַכ דעמ היסטאָרישנ באשלוס פונ זעקסטנ ראטנ-צוזאמענפאָר וועגנ דעריאָגנ אונ אריבעריאָגנ די טעכניש פאָרגעשריטענע קאפיטאליסטישע לענדער[1] (קאלינינ).

2. קוקט זיכ גוט צו צומ אויסלייג פונ די וויַטערדיקע ווערטער אונ שרייַבט זיי אראָפּ.

אנטשיידנדיקנ. באָדנ. דערפאָלגנ. מעכטיקנ. שווּנג. באוועגונג. דורכוי-סיקע. איקערדיקע. כוואליע. שטייַגנ. זיגרייַכ. פאָרגעשריטענע.

דערקלערט דעם באטייַט פונ די פאָריקע ווערטער. דערקלערנ קאָנט איר אפ אזא אויפנ: 1) ברענגענ צו זיי ווערטער, וואָס האָבנ א נ ע נ ל ע כ נ (נאָענטנ) באטייַט; 2) ברענגענ צו זיי ווערטער, וואָס האָבנ א ק ע ג נ ז ע צ ל ע כ נ (פארקערטנ) באטייַט (אָנווייַזנדיק דערביַי, אז ס'איז א קעגנזאצ); 3) איבערזעצנ זיי אינ אנ אנדער שפּראכ (רוס־ש, אוקראַיניש, וויַסרוסיש...); 4) צונויפשטעלנ זאצנ, ווו די דאָזיקע ווערטער זאָלנ פיגורירנ.

1 געשריבנ אינ 1931.

3. לייענט דורכ ריכטיק דעמ ווײַטערדיקנ פראגמענט, באטאָנענדיק ווי געהעריק דעמ סאָפ פונ יעדנ זאצ.

נאכט.
שפעט.
נאכט. שפעט.
שלאָפנ די וועלדער, שלאָפנ
די שטעט.

זומער.
צימער.
עמעצער רעדט.
עמעצער רעדט. ווער רעדט
אזוי שפעט? (פעפער).

4. שרײַבט אראָפ דעמ ווײַטערדיקנ טעקסט אונ שטעלט צווישנ די זאצנ פונקטנ. מאכט נאָר ניט קיינ פעלערנ באמ אראָפשרײַבנ. זעט, אז די אויסיעס זאָלנ זײַנ פונ איינ גרייס אונ זאָלנ זײַנ געשריבנ אינ שורע. פארגעסט ניט צו שטעלנ די דיאקריטישע צייכנס (די נעקודעס: דעמ קאָמעצ באמ „אָ“, דעמ פאסיק באמ „ײַ“ אונ דאָס פינטל אינעמ „פּ“ אונ אינ אנדערע פאלנ). שרײַבט ניט קיינ שלאָס־אויסיעס.

דער קריזיס אינ דער קאפּיטאליסטישער וועלט האלט אינ איינ פאנאנדערוויקלענ אונ פארטיפנ זיכ די ארבעטלאָזיקײַט האלט אינ איינ וואקסנ הונגער אונ דאלעס כאפנ ארומ אלצ נײַע אונ נײַע שיכטנ ארבעטער דער אָנגריפ פונ קאפּיטאל ווערט פארשארפט די בורזשואזיע מאכט אנ אָנגריפ אפ אלע פּאָליטישע אונ עקאָנאָמישע דעראָבערונגענ פונעמ ארבעטער־קלאס דאָס איינשטעלנ אנ אָפענע פאשיסטישע דיקטאטור אינ דײַטשלאנד האָט פאר די מיליאָנענ ארבעטער פונ אלע לענדער שארפ געשטעלט די פראגע וועגנ דער נייטיקײַט צו אָרגאניזירנ אנ איינהײַט־פראָנט אינ קאמפ קעגנ דעמ פאשיסטישנ אָנגריפ פונ דער בורזשואזיע („דער עמעס“).

5. ענטפערט שריפטלעכ לויטנ מאטעריאל פונעמ פאָריקנ טעקסט אפ פאָלגנדיקער פראגע: אפ וועלכע אונ אפ וועמענס דעראָבערונגענ מאכט די בורזשואזיע אנ אָנגריפ?

6. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די ווײַטערדיקע ווערטער.

פארניכטעט. פּריווילעגיעס. גלײַכבארעכטיקונג. איינהײַטלעכקײַט. ארבעטלאָזיקײַט. דאלעס. שיכטנ. אָנגריפ. דעראָבערונגענ. רעאקציע.

7. לייענט דורכ דעמ ווײַטערדיקנ פראגמענט, באטאָנענדיק אימ ווי געהעריק.

די מענטשלעכע ראסע האָט זיכ ביסלעכווײַז אנטוויקלט פונ מאלפעס־ראסעס. די דאָזיקע מאלפעס האָבנ געלעבט מיט $2-1^1/_2$ מיליאָנ יאָר צוריק. פונ די דאָזיקע מאלפעס שטאמט די ערשטע ראסע מענטשנ, וועלכע די געלערנטע רופנ מענטשנ מאלפעס. דערנאָכ האָט זיכ פונ דער ראסע מענטשנ מאלפעס שוינ אנטוויקלט די עכטע מענטשלעכע ראסע. די דאָזיקע אנטוויקלונג איז איינצײַטיק פאָרגעקומענ אינ פארשיידענע טיילנ פונעמ ערדקײַלעכ, נאָר זי איז אומעטומ געגאנגענ אפ איינ אופנ.

די מאָדערנע (הייַנטצייַטיקע) ראסע מענטשנ איז ארויסגעקומענ פונ דער אורשפּרינגלעכער (לעכאטכילעדיקער, ערשטער) ראסע דורכ לאנגזאמע ענדערונגענ פונעמ מענטשלעכנ אָרגאניזמ. אָט די אלע ענדערונגענ זייַנענ פאָרגעקומענ ניט פונ זיכ אַליינ, נאָר אונטער דער ווירקונג פונ דעמ מענטשנס ארבעט אונ געזעלשאפטלעכער פּראָדוציר-טעטיקייַט.

די שטענדיקע ארבעט מיט דער הילפ פונ די הענט האָט ביסלעכווייַז געווירקט אפ דער אָרגאניזאציע פונ די הענט. די פינגער זייַנענ געוואָרנ אלצ מער אונ מער געשיקט (פלינק), בייגעוודיק אונ שטארק. די הענט זייַנענ געוואָרנ אלצ מער אונ מער באוועגלעכ. צוזאמענ דערמיט זייַנענ די הענט אויכ פיל קירצער געוואָרנ.

די ארבעט האָט ביסלעכווייַז איבערגעאנדערשט אויכ אנדערע אָרגאנענ פונ דעמ מענטשנ. פונ שטענדיק גיינ נאָר אפ די פיס זייַנענ די אייבערשטע ביינער פונ די פיס געוואָרנ ביסלעכווייַז גלייַכער. עס האָט זיכ אויכ אויסגעגלייַכט דער רוקנביינ. ווענ דער מענטש האָט זיכ מיט דער הילפ פונ די הענט געמאכט שטעכנדיקע אונ שנייַדנדיקע געצייַג, האָט ער אופגעהערט צו רייַסנ די שפּייַז מיט די ציינ. דערפונ האָבנ זיכ גענומענ פארקירצנ אונ האָבנ זיכ פארקירצט ביז דער איצטיקער גרייס דעמ מענטשנס קינבאקנ[1].

די ארבעט האָט אלצ ענגער אונ ענגער צונויפגעבונדנ די מענטשנ איינעמ מיטנ אנדערנ, ווייַל זיי האָבנ געמיינזאמ געהאָרעוועט, העלפנדיק איינער דעמ אנדערנ. דערפונ האָט זיכ אָנגעהויבנ אנטוויקלענ די מענטשלעכע ר י י ד. עס האָט זיכ גענומענ אנטוויקלענ דעמ מענטשנס פייִקייַט צו באנעמענ, קאָמבינירנ אונ טראכטנ. אונ אזוי ווי סייַ דאָס ריידנ אונ סייַ דאָס דענקענ זייַנענ פארבונדנ מיט דער טעטיקייַט פונעמ מארכ, האָט זיכ בא דעמ מאָדערנעמ מענטשנ גענומענ שנעל אנטוויקלענ דער מארכ (לויט נ. מ. ניקאָלסקינ).

8. דערקלערט דעמ באטייַט פונ די ווייַטערדיקע ווערטער.

אנטוויקלט	מאָדערנע	טעטיקייַט	געצייַג
מאלפעס	אורשפּרינגלעכע געשיקט		קינבאקנ
שטאמט	לאנגזאמע	באוועגלעכ	געמיינזאמ
עכטע	ווירקונג	רוקנביינ	פייִקייַט

9. ענטפערט שריפטלעכ לויטנ מאטעריאל פונעמ לעצטנ פראגמענט אפ פאָלגנדיקע פראגעס.

1) וויאזוי האָט די ארבעט פונעמ מענטשנ געווירקט אפ זייַנע הענט?

2) וועלכע אָרגאנענ האָבנ זיכ באמ מענטשנ אויסגעגלייַכט?

1 קינבאק — Челюсть — דער אונטערשטער טייל פּנעמ.

3) מיט וואָס פּלעגט דער מענטש רײַסן שפּײַז, איידער ער האָט געהאַט געצײַג?

4) ווען און פאַרוואָס האָבן זיך גענומען פאַרקירצן דעם מענטשנס קינבאַקן?

5) וויאַזוי האָט די אַרבעט געווירקט אױף דער צונויפגעבונדנקייט פֿון מענטשן?

6) וואָס האָט געבראַכט צו דער אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשלעכער שפּראַך?

7) וויאַזוי האָבן דאָס ריידן און דאָס דענקען געווירקט אױף דער אַנטוויקלונג פֿונעם מענטשנס מאַרך?

10. זאָגט איבער און שרײַבט אָן דערנאָך דעם אינהאַלט פֿונעם לעצטן פֿראַגמענט (ניקאָלסקיס), ניט קוקנדיק אין ביכל.

2. זאַצטייפֿן

1. לייענט דורך ריכטיק דעם ווײַטערדיקן שמועס. באַטאָנט ווי געהעריק די פֿ ר ע ג י ק ע און די ד ע ר צ י י ל ע ר י ש ע (ענטפֿערנדיקע) זאַצן.

— פֿאַרלאַטעט די זעק?
— פֿאַרלאַטעט.
— די שלייקעס צוגעגרייט?
— צוגעגרייט.
— היי אָנגעלייגט אין וואָגן?
— אָנגעלייגט.
— אַן עמער אָנגעטשעפּעט אונטערן וואָגן?
— אָנגעטשעפּעט.
— די רעדער אָנגעשמירט?
— אָנגעשמירט!
— א מישלקע אוועקגעלייגט?
— אוועקגעלייגט.
— פֿאַלאָווע אָנגענומען?
— אָנגענומען (ע. גאָרדאָן).

2. לייענט דורך דעם ווײַטערדיקן פֿראַגמענט און באַטאָנט ריכטיק די זאַצן.

איך האָב געפּאַקט פּיניען, בײַס ער איז געזעסן אױפֿן דעק. ער האָט אַרײַנגעטאָן זײַן שפּיץ נאָז אין א בוך. מאַכמעס ער איז א קורצזיכטיקער, לייענט ער ניט מיט די אויגן, נאָר מיט דער שפּיץ נאָז. איך בין צוגעגאַנגען צו אים נאָענט.

— רעב פיניע, איך דאַרף אײַך עפּעס פרעגן.

פּיניע האָט צוגענומען די נאָז פון בוך.

— וואָסטו זאָגן, קאָטוינטי? — קאָטוינטי הייסט בא אים קליינינטשקער. אזוי רופט מיך פּיניע, בײַס ער איז אופגעלייגט. און אופגעלייגט איז ער קימאט אלעמאָל, ווען ער קריגט זיך מיט מײַן ברודער עליע. און אפילע דעמלט, ווען זײַן טײַבל בלאָזט זיך. דערצייל איך אים אזוי און אזוי. צי ס'איז עמעס, וואָס מע זאָגט, אז אין אמעריקע איז ניטאָ קיין קלאסן?

האָט איר באדאַרפט אָנקוקן, ווי אָט דער פּיניע האָט זיך אָנגעצונדן און צעפלאַקערט זיך און גענומען ריידן און קײַען און שפּײַען און שיטן מיט פײַערדיקע ווערטער: אז אמעריקע איז דאָס אײנציקע לאנד, זאָגט ער, פון עמעסער פרײַהײַט און פון עמעסער גלײַכהײַט. אין אמעריקע, זאָגט ער, קאָנסטו זיצן אָט־אָ־דאָ־אָ, און לעבן דיר זאָל זיצן דער „פּרעזידענט”, און ווײַטער א ביסל זאָל זיצן א בעטלער, א שלעפּער, א ניקס שעבעניקס, און נאָך א ביסל ווײַטער — א גראַף, א סראָרע, א מיליאָנשטשיק! ציוויליזא־ציע! פּראָגרעס! קאָלומבוס!.. און דאָ הייבט ערשט פּיניע אָן ארויסשיטן זײַנע שענסטע ווערטער. מישט זיך ארײַן א ייִד אן עמיגראַנט, א ווילד־פרעמדער:

— אז ס'איז יאָ אזא גליקלעכע מעדינע, ווי איר זאָגט, ווו אלע זײַנען גלײַך, פונוואַנען זשע נעמען זיך דאָרטן שלעפּערס און גראַפן און בעטלערס און סראָרעס? (שאָלעמ־אַלייכעמ).

3. דערקלערט דעם באַטײַט פון די ווערטער „בײַס, מאכמעס, אופגע־לייגט, סראָרע, מעדינע”.

4. זאָגט איבער וואָס געגוייער דעמ אינהאַלט פונעמ פּאָריקן פּראַג־מענט.

5. לייענט דורכ מיט דער געהעריקער אינטאָנאַציע דעם ווײַטערדיקן טעקסט א פּאָר מאָל און שרײַבט אימ אראָפּ. די פּונקטן צווישן די זאצן שטעלט ניט נאָכן אראָפּשרײַבן דעם גאנצן טעקסט, נאָר גלײַך נאָך יעדן זאַץ.

כאַוויירים!

איך בין שוין דרײַ וואָכן אין ווילנע וויאזוי איך בין אהער געקומען, איז לאנג צו דערציילן. די דײַטשישע ארמיי קלײַבט זיך אוועקגיין מיר האָבן שוואַכע פאַרבינדונגען מיט דער ארמיי די טעג האָבן „ווילהעלמס” סאָל־דאטן מארשירט איבער די ווילנער גאסן אונטער רויטע פאָנען און קלאַנ־גען פון „מארסעליעזע” מיר האָבן אָרגאניזירט א פּאַראַלעלע דעמאָנסטראַ־ציע פון ייִדישע און פּוילישע ארבעטער ביידע דעמאָנסטראַציעס האָבן מאַר־שירט באזונדער און אָפּגעטיילט אלע פּרווון צו פאַרייניקן די ביידע קאָ־לאָנעס האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן דערווײַל קוקן זיי אף אונדז פרעמד און

האלטנ זיכ פונדערווײַטנ מײַנע אינפאָרמאציעס וועגנ דער רוסלענדישער רעוואָליוציע רופנ ארויס איבעראשונג און באגײַסטערונג פאר דער צײַט, וואָס איכ בינ דאָ, האָבנ מיר געהאט עטלעכע האלב לעגאלע מיטינגענ א גרויסער טייל פונ „בונד" סימפאטיזירנ אונדז צי די בונדישע „סימפאטיקער" וועלנ האָבנ רעוואָליוציאָנערנ מוט צו רײַסנ מיט זייער אָרגאניזאציע — איז א גרויסע פראגע דאָ ארבעט שוינ א פעסטע גרופע קאָמונארנ די טעג אָרגאניזיר איכ אנ ארבעטער־ראט די ערשטע צײַט וועט ער מוזנ ארבעטנ האלב לעגאל איכ רעכנ דעם ארבעטער־ראט פארוואנדלענ אינ א שטאב פונ באוואָפנטע ארבעטער־גרופעס א ביסל געווער האָב איכ געקויפט בא די דײַטשנ אינ באָריסאָוו בינ איכ געוועג ארעסטירט, האָב געמוזט אוועקווארפנ די גאנצע ליטעראטור ווארט אפ יעדיעס יוליס שימעלעוויטש (דאניעל).

קוקט אליינ דורכ אײַער אָנגעשריבענעם טעקסט אונ זעט, צי האָט איר ניט פארפעלט ערגעצ צו שטעלנ דעם קאָמעצ באם „אָ", דעם פאסיק באם „ײַ" אונ דאָס פינטל אינ די נייטיקע פאלנ. קאָנטראָלירט עס, פארגלײַכנדיק מיטנ טעקסט אינ ביכל.

6. לייענט דורכ אופמערקזאם דעם ווײַטערדיקנ פראגמענט וועגנ דער אנטשטייונג פונ שפראכ.

אונדז דוכט זיכ, אז מענטשנ האָבנ שטענדיק גערעדט אונ אז מיט זייער פײַיקײַט צו ריידנ האָבנ זיי זיכ פונ סאמע אָנהייב אונטערגעשיידט פונ כײַעס. אינדערעמעסנ איז עס ניט אזוי. פונקט ווי דער מענטשלעכער אָרגאניזם האָט זיכ אנטוויקלט פונעם אָרגאניזם פונ דער מענטשארטיקער מאלפע אינ פראָצעס פונ ארבעט, פונקט אזוי איז די פײַיקײַט צו ריידנ — די שפראכ — אופגעקומענ בא די מענטשנ ניט מיטאמאָל, נאָר זי האָט זיכ אויסגעארבעט אינ פארלויפ פונ זייער א לאנגער צײַט אונ אויכ אינעם פראָצעס פונ פראָדוצירישער קאָלעקטיווער טעטיקײַט.

צוערשט האָט דער מענטש, גלײַכ ווי די כײַעס, געקאָנט נאָר ארויסגעבנ באזונדערע, ניט קיינ ארטיקולירטע (ניט קיינ צעגלידערטע) קלאנגענ אָדער אויסגעשרייענ. די היידלבערגער מענטשנ[1] פלעגנ פונקט ווי א טשערעדע מאלפעס אָדער א האָרדע כײַעס זיכ איבערופנ איינער מיטנ צווייטנ אינ דער צײַט פונ זייערע בלאָנדזשענישנ אינ די וועלדער באם זוכנ שפײַז אונ פלעגנ דערגאנצנ זייערע אויסגעשרייענ מיט קערפער-באוועגונגענ אונ באזונדערס מיט האנט-זשעסטנ. די דאָזיקע רייד קאָנ מענ אָנרופנ ס י ג א ל ־ ר י י ד.

אזא פאָרמע פונ רייד האָט עקזיסטירט אזוי לאנג, ביז וואנענ דער מענטש האָט זיכ ניט געמאכט קיינ געצײַג אונ ביז וואנענ די מענטשלעכע

1 מ ע נ ט ש נ מ א ל פ ע ס. מע רופט זיי „היידלבערגער", ווײַל א קינבאק פונ אזא מענטשנ האָט מענ געפונענ לעבנ היידלבערג (א דײַטשישע שטאָט).

גרופּעס זייַנענ ניט פארוואנדלט געוואָרנ פונ טשערעדעס אינ אוראלטע (אורשפּרינגלעכע) יעגערשע קאָמונעס.

ווענ עס האָבנ זיכ אויסגעבילדעט די אוראלטע יעגערשע קאָמונעס, ווענ עס האָבנ זיכ באוויזנ די ערשטע סאמע פּרימיטיווע מיטלענ פונ קאָלעקטיווער יעגערייַ, איז די דאָזיקע פאָרמע פונ רייד — די כיגנאל-רייד — געוואָרנ ניט גענוגנדיק. די ערשטע פּרוווּנ צו מאכנ געצייַג, די געמיינזאמע טעטיקייַט אונ די קעגנזייַטיקע שטיצע בייַסנ געיעג, די ערשטע שפּראָצלינגענ פונ דער ארבעט-צעטיילונג האָבנ געצוווּנגענ די מענטשנ צו פארבעסערנ אויכ זייער רייד — אָט דאָס סאמע וויכטיקסטע מיטל פונ פארקער צווישנ מענטשנ. אָבער צוערשט האָט זיכ גענומענ אנטוויקלענ די *זשעסטנ-רייד*. דאָס איז פאָרגעקומענ דערפאר, וואָס דעמ מענטשנס האנט האָט זיכ אינ פּראָצעס פונ ארבעט אונ פּראָדוקציע אנטוויקלט גיכער איידער דעמ מענטשנס קעל[1] אונ צונגמוסקולנ, וואָס מיט זייער הילפ רעדט דער מענטש. די נעאנדערטאלער[2] האָבנ צווישנ זיכ גערעדט מיט זשעסטנ, מיט מימיק. אזא זשעסטנשפּראכ פלעגנ נאָכ ענדע XIX יאָרהונדערט אינ אייניקע פאלנ באניצנ פיל ווייניק-קולטורעלע פעלקער אינ אווסטראליע, אפריקע אונ אמעריקע.

די דאָזיקע זשעסטנשפּראכ דריקט זיכ אויס ניט נאָר אינ באוועגונגענ פונ די הענט אונ פינגער, נאָר אויכ אינ די באוועגונגענ פונ דעמ קאָפּ אונ פונ דעמ גאנצנ איבעריקנ קערפּער. זי באשטייט אינ דעמ, וואָס מיט דער הילפ פונ קערפּער-באוועגונגענ סטארעט זיכ דער מענטש שילדערנ דעמ געגנשטאנד אָדער די האנדלונג, וועגנ וועלכע ער וויל זאָגנ.

אשטייגער: קעדיי אָנצורופנ א וואָסער-ניט-איז כייַע, שילדערט דער יעגער פונ אווסטראליע, אפריקע אונ אמעריקע מיט זשעסטנ די טנועס פונ דער דאָזיקער כייַע. אשטייגער קעדיי אָנצורופנ א שטעכל-כאזער, שילדערט דער יעגער, וויַאזוי דער שטעכל-כאזער גראָבט די ערד אונ הייבט דערבייַ אופ זייַנע אויערנ. אָט די אלע זשעסטנ זייַנענ זייער פארשיידנארטיקע, דאָכ מאכנ זיי די יעגער דורכ אומגעהייער גיכ, אונ זיי פארשטייענ זייער גוט איינער דעמ צווייטנ. קעדיי צו פארצייכענענ אלע מענטשנ, כייַעס, געגנשטאנדנ אונ האנדלונגענ, צו וועלכע דער יעגער איז געווינט, עקזיסטירנ שטרענג אייַנגעשטעלטע זשעסטנ.

מיט דער צייַט איז אָבער אויכ די זשעסטנשפּראכ געוואָרנ ניט גענוגנדיק. ווענ עס זייַנענ געמאכט געוואָרנ ספּעציַאליזירטע געצייַג, ווענ עס

---

1 קעל (гортань) — דער אייבערשטער טייל גאָרגל; א ריידאָרגאנ.

2 אזוי רופט מענ די מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ אויסגעבילדעט פונ די מענטשנ מאלפּעס אונ פונ וועלכע עס איז שפּעטער אנטשטאנענ די מאָדערנע מענטשלעכע ראסע. מע רופט זיי „נעאנדערטאלער", ווייַל ביינער פונ אזעלכע מענטשנ האָט מענ צוערשט געפונענ אינעמ טאָל „נעאנדערטאל" (אינ דייַטשלאנד).

האָבן זיך באוויזן נײַע קאָמפּליצירטע אויפאַנים פון קאָלעקטיווער יעגערײַ, ווען די קליינע יעגערשע האָרדעס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרייניקן אין פאַר־באַנדן, האָט שוין די זשעסטנשפּראַך מער ניט געקאָנט באַפרידיקן די מענטשן. זייערע באַדערפענישן אין איבערגעבן איינער דעם אנדערן זייערע ווונטשן, באַפעלן, געפילן און געדאַנקען האָבן זיך אַף אַזויפיל פאַרגרע־סערט און זײַנען אַזוי קאָמפּליצירט געוואָרן, אַז די זשעסטנשפּראַך איז געוואָרן אַ צו לאַנגזאַמע און אין אַ ריי פאַלן ניט קיין באַקוועם פאַרקער־מיטל [1]. דעריבער האָבן די מענטשן אַלץ אָפטער און אָפטער גענומען אָנקומען צו קלאַנגלעכע אויסדרוקן פון זייערע ווונטשן, באַפעלן, געדאַנקען און גע־פילן.

צוערשט זײַנען אויפגעקומען ספּעציעלע קלאַנגען, וועלכע האָבן געדאַרפט דערקלערן אָדער פאַרבעסערן דעם זשעסט. אויב מע האָט מיטן זשעסט פון דער האַנט געוואָלט געבן אַ באַפעל אָדער אויסדריקן אַ דראָונג, האָט מען דעם זשעסט אויך באַגלייט מיט ספּעציעלע קלאַנגען. אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די קלאַנגענשפּראַך. די באַדערפעניש אין דער שפּראַך האָט אײַנגעיִבט די קעל און די צונגמוסקולן; זיי האָבן זיך אויך אָנגעהויבן אַנטוויקלען און זײַנען ביסלעכווײַז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די עמעסע אָרגאַנען פון מענטשלעכער רייד.

די קלאַנגענשפּראַך האָט שוין עקזיסטירט אין די אוראַלטסטע יעגערשע קאָמונעס. זי איז אָבער נאָך געווען פאַראייניקט מיט דער זשעסטנשפּראַך. יעדע קאָמונע האָט געהאַט איר שפּראַך. ווען די קאָמונעס פלעגן זיך פאַראייניקן אין פאַרבאַנדן, פלעגן זיך זייערע שפּראַכן צונויפגיסן אין איין אַלגעמיינער שפּראַך. אַזאַ פּראָצעס פון שטענדיקער צונויפגיסונג פון די שפּראַכן איז אויך פאָרגעזעצט געוואָרן שפּעטער, ווען די קאָמונעס פלעגן זיך פאַראייניקן אין פאַרבאַנדן און די פאַרבאַנדן פלעגן זיך פאַראייניקן אין שוואָטים. אַלע איצטיקע שפּראַכן זײַנען אַנטשטאַנען ווי אַ רעזולטאַט פון אַזוינע צונויפגיסונגען אָדער איבערקרייצונגען.

די ערשטע שפּראַכן זײַנען געווען זייער אָרעם אין ווערטער און פאָר־מעס. איינס און דאָס זעלבע וואָרט האָט געהאַט פאַרשיידענע באַטײַטן. אַשטייגער מיט איינעם און דעם זעלבן וואָרט פלעגט באַצייכנט ווערן וואַסער און הימל, דערפאַר וואָס וואַסער פאַלט אין דער פאָרמע פון אַ רעגן פון הימל. בלויז ביסלעכווײַז, מיט דער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק און פון דער פּראָדוקציע, מיטן איבערגאַנג צו אײַנגעזעסנקייט, ערדאַרבעט און פיצוכט, מיט דער אויסבילדונג פון שטאַם־קאָמונעס האָט זיך פאַרגרעסערט דער רעזערוו ווערטער, האָט זיך פאַרפינקטלעכט זייער־

1 באַזונדערס איז די זשעסטנשפּראַך געווען ניט באַקוועם אין דער פינצטער און אַף אַ ווײַטער שטרעקע.

באטײַט, און עס האָבן זיך גענומען אויסבילדן גראמאטישע פאָרמעס (נ. מ. ניקאָלסקי. געקירצט).

7. דערקלערט דעם באטײַט פון די ווײַטערדיקע ווערטער.

פײַיקײַט	עקזיסטירן	געמיינזאמע	קעל	טנועס	באקוועם
טעטיקײַט	געצײַג	קעגנזײַטיקע	מימיק	אומגעהייער	דראָען
ארטיקולירן	יעגער	שפראָצלינגען	שילדערן	קאָמפליצירט	אײַניבן
האָרדע	פרימיטיוו	אנטוויקלען	געגנשטאנד	פארבאנדן	רעזערוו

8. ענטפערט שריפטלעך לויטן מאטעריאל פונעם פאָריקן פראגמענט אף פאָלגנדיקע פראגעס:

1) וואָס פאר אן ארט לעבן האָט געפירט דער היידלבערגער מענטש?
2) וויאזוי פלעגן די היידלבערגער מענטשן ריידן?
3) וואָס פאר א שפראך האָט זיך אנטוויקלט באם נעאנדערטאלער מענטשן?
4) וואָס פאר א שפראך האָט זיך אנטוויקלט אין די יעגערשע קאָמונעס?
5) וואָס האָט דעם מענטשן געצווונגען צו פארבעסערן זײַן ארט ריידן?

9. זאָגט איבער און שרײַבט אָן דערנאָך אינקורצן דעם אינהאלט פונעם פאָריקן פראגמענט, ניט קוקנדיק אין ביכל.

3. קלאנגען און אויסיעס (אלעפבייז)

1. כאזערט אויס דעם סיידער פונעם אלעפבייז — איר זאָלט אים געדענקען אף אויסוווייניק. דערנאָך געפינט אין אָרטאָגראפישן ווערטערבוך די ווײַטערדיקע ווערטער און ווײַזט אָן די זײַטלעך, ווו די דאָזיקע ווערטער געפינען זיך.

יונגקײַט, העלפן, געשריען, געשרייען, פארבײַסן, קאָנטינגענט, פרײַהײַט, הייסן, פריער, פרײַער, רעקאָרד, רעגירונג, אנטקעגן, גלײַכהײַט, געדאנקען, שוונג, אָנגריף, פריווילעגיעס, דעראָבערונגען, דורכויסיקע.

2. צעשטעלט די ווײַטערדיקע ווערטער לויטן אלעפבייז.

יונגקײַט, איניציאטיוו, פערספעקטיוון, אייגענע, ענגלאנד, יעדיע, אוילעם, קומען, אופמערקזאמקײַט, באדינגונגען, אנטלויפן, בורזשואזיע, דעמאָקראטיע, אווטאָביאָגראפיע, מיטגלידער, זשיטאָמיר, שטשעדרין, אוניווערסיטעט, קאָנסטאטירן, ברענגען, אימפעריאליזם, ענגעלס, קאפיטאליזם, קאָמוניזם, אידעאָלאָגיע.

3. שטרײַכט אונטער אין די פאָריקע ווערטער די קאָנסאָנאנטן מיט איין ליניע, די וואָקאלן מיט צוויי און די דיפטאָנגען מיט דרײַ. אשטייגער: י ו נ ג ק ײַ ט.

4. שרייבט אראָפּ פון א ביכל צו פינפ ווערטער, וואָס זאָלנ באשטיינ פונ אזעלכע קלאנגענ:

1) פונ צוויי קאָנסאָנאנטנ און איינ וואָקאל (קום...);
2) „ דריי „ „ „ „ (וואלד...);
3) „ „ „ „ צוויי וואָקאלנ (קומענ...);
4) „ פיר „ „ דריי „ (געקומענ...);
5) „ זעקס „ „ „ „ (דורכקומענ...);
6) „ דריי „ „ איינ דיפטאָנג (ציילנ...).

5. לייענט דורכ אופמערקזאמ די ווייטערדיקע פראגמענטנ וועגנ דער אנטשטייונג פונ שריפט.

צוערשט איז די שריפט אופגעקומענ אינ די שטאם-קאָמונעס. די שריפט איז אופגעקומענ ניט מיטאמאָל, אונ ווענ זי איז אופגעקומענ, איז זי גיט געווענ ענלעכ צו דער היינטצייטיקער שריפט.

שוינ אינ די יעגערשע קאָמונעס האָט זיכ געפילט א באדערפעניש צו געבנ אפ א וואָסער-ניט-איז אויפנ יעדנ'ס די אפּוועזנדיקע כאווירימ. די יעגער פלעגנ צוליב דעמ ציל באניצנ באדינגלעכע צייכנס דורכ געגנשטאנדנ. ביישפּילנ פונ אזעלכע געגנשטאנדלעכע „בריוו" אָדער „מעלדונגענ" טרעפט מענ אויכ בא די איצטיקע יעגערשע פעלקער. אשטייגער דער אמעריקאנער אינדיאנער, ווענ ער גייט ערגעצ אוועק פונ זיינ לאגערונג אינ דער אָפּוועזנהייט פונ זיינע כאווירימ, שטעקט ער אריינ אינ דער ערד אזויפיל צווייגלעכ, אפ וויפל טעג ער גייט אוועק. אזוינע געגנשטאנדלעכע „בריוו" ווערנ אויכ אריבערגעשיקט. אינ אפריקע האָט איינער א נעגער, וואָס איז בעשאס מילכאָמע אריינגעפאלנ אינ געפאנגענשאפט, געשיקט זיינ פרוי א „בריוו", וואָס איז באשטאנענ פונ א שטיינ, א קויל, א טרוקענעמ זאנג אונ א שמאטקעלע. דער „בריוו" האָט באטייט: איכ בינ פעסט אינ קערפּער, די האָפענונגענ זיינענ פינצטערע — איכ וועל ווערנ אויסגעטריקנט, איכ וועל ווערנ א שמאטע.

די עמעסע שריפט, דאָס הייסט א שריפט מיט צייכנס אפ א וואָסער-ניט-איז מאטעריאל, איז דערשינענ אויכ בא די יעגער. די דאָזיקע שריפט איז געווענ א בילדלעכע. דער וואָס פלעגט שרייבנ, פלעגט מאכנ אפ א פעל אָדער אפ א קאָרע די אָדער יענע צייכענונגענ, וואָס האָבנ געדארפט שילדערנ זיינ געדאנק.

אינ דער שטאמ-געזעלשאפט האָבנ די בילדלעכע שריפט צוליב זייערע אייגענע באדערפענישנ פארפולקומט די קישעפמאכערס אונ די פּריסטער [1].

---

1 פּריסטער — קויהאנימ, жрецы — מענטשנ, וואָס פלעגנ זיכ מאכנ א לעבנ פונ קאָרבאָנעס אונ פונ „איינבעטנ" די געטער.

זיי האָבנ אָנגעהויבנ צו ניצנ א באשטימט בילד אפ צו באצייכענענ א באשטימט וואָרט. אשטייגער: קעדיי אָנצושרייַבנ „מענטש", האָבנ זיי געצייכנט א מענטשנ; „שטערנ" — א שטערנ; „פוס" — א פוס אאוו. אייניקע ווערטער פלעגנ זיי באצייכענענ מיט באדינגלעכע צייכענונגענ: אשטייגער א מענטש אָנ א קאָפּ האָט באטייַט טויט, א רויטער פוס — א ווונד אדג. מיט דער דאָזיקער שריפט האָבנ זיכ אָנגעהויבנ צו באניצנ די פירער אונ די רייַכע באלעבאטימ. זיי האָבנ מיט איר געפירט זייערע ווירטשאפטלעכע פארנאָטירונגענ, קאָרעספאָנדענצ אונ באפעלנ.

אינ אָט דער שריפט באטייַט א צייכנ א גאנצ וואָרט אָדער באגריפ. דעריבער רופט מענ אזא בילדלעכנ צייכנ אידעאָגראמע (פונעמ גריכישנ וואָרט „אידעא" — באגריפ אונ „גראמא" — בוכשטאב). פונ אזא אידעאָגראפישער שריפט האָט זיכ אָנגעהויבנ די שריפטלעכקייַט פונ אלע קלאסנ־געזעלשאפטנ.

אשטייגער די צייכנס פונ דער שומערישער שריפט[1], וועלכע איז געווענ פארשפרייט מיט א פיר — פינפ טויזנט יאָר צוריק אינ באָוול אונ וועלכע עס האָבנ אויכ אָנגענומענ אייניקע פעלקער פונ קליינאזיע אונ פונ דער הייַנטיקער ארמעניע, ווי אויכ די פערסנ, — די דאָזיקע צייכנס האָבנ פונ סאמע אָנהייב געהאט א פאָרמע פונ געמעלנ אונ זייַנענ געווענ אידעאָגראמעס, דה. יעדער צייכנ האָט באטייַט א באשטימט וואָרט — „מענטשנ", „וואסער", „זאנגענ", „שטערנ" אאוו. מיט דער צייַט האָבנ די שומערישע צייכנס פארלאָרנ די געמעל־פאָרמע אונ זייַנענ געוואָרנ קלינארטיק.

פונ אידעאָגראמעס האָבנ זיכ אויכ אויסגעבילדעט מיט א פינפ טויזנט יאָר צוריק די עגיפטישע היעראָגליפנ — צייכנס, וואָס האָבנ אנ אויסזענ פונ געמעלנ. מיט די היעראָגליפנ פלעגט מענ מאכנ די אופשריפטנ אינ די קיניגלעכע פאלאצנ, אינ טעמפלענ אונ אינ קוואָרימ־סקלעפנ. אָבער די ווערק פונ דער עגיפטישער ליטעראטור פלעגט מענ מערסטנס שרייַבנ מיט שנעלשריפט — צייכנס, וואָס האָבנ שוינ פארלאָרנ די פאָרמע פונ געמעלנ. פונ די היעראָגליפנ איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ אנ אלעפבייז פונ 24 צייכנס אפ צו באצייכענענ די קאָנסאָנאנטנ. דאָס איז פאָרגעקומענ אפ אזא אופנ: מע פלעגט נעמענ אנ אידעאָגראפישנ צייכנ אונ אָפּמאכנ צו באניצנ אימ אפ צו באצייכענענ דאָס ערשטע אָס פונ אנ אנטשפרעכנדיק וואָרט. אשטייגער דאָס פיגורל פונ א האנט (אפ עגיפטיש „דאָט") האָט אָנגעהויבנ באטייַטנ דעמ קלאנג „ד", דאָס געמעל פונ א מויל (ראָ) האָט אָנגעהויבנ באטייַטנ „ר", דאָס בילד פונ וואסער (נו) — „נ" אאוו.

---

1 די שומערנ האָבנ געלעבט מיט א זעקס—זיבנ טויזנט יאָר צוריק איבעמ דאָרעמדיקנ טייל פונ מעסאָפּאָטאמיע (אזיע).

בא די עגיפטער האָבנ איבערגענומענ די שריפט די פיניקייער. זיי האָבנ גענומענ די צייכנס פונ דער עגיפטישער שנעלשריפט, פאריינפאכט זייער פאָרמע אונ צונויפגעשטעלט פונ זיי אנ אלעפבייז פונ 22 קאָנסאָנאנטנ. דער דאָזיקער אלעפבייז האָט פארביטנ אינ סיריע אונ אינ פאלעסטינע די קלינארטיקע שריפט, וואָס איז געווענ איבערגענומענ פונ באָוועל אונ וואָס איז דאָרט באניצט געוואָרנ ביזנ 1000-טנ יאָר פאר אונדזער ערע. אפ דער באזע פונ דער פיניקייִשער שריפט זײַנענ שפעטער אופגעקומענ די הײַנטצײַטיקע יידישע שריפט אונ דער לאטײַנישער אלעפבייז. די פיניקייער האָבנ געפירט א האנדל מיטנ אוראלטנ גריכנלאנד אונ מיט דער אוראלטער איטאליע, אונ די דעמלטיקע באפעלקערונג פונ די דאָזיקע לענדער האָט איבערגענומענ די שריפט בא די פיניקייער. פונ דעמ אלעפבייז (אלפאבעט), וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ אפנ גרונט פונ דער פיניקייִשער שריפט אינ גריכנלאנד, האָבנ זיכ שפעטער אויסגעבילדעט די סלאווישע אונ דערונטער אויכ רוסישע אלעפבייזנ[1]. אונ דער אלעפבייז, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ אפנ גרונט פונ דער פיניקייִשער שריפט אינ איטאליע—דאָס איז דער לאטײַנישער אלעפבייז. ער ווערט ביז איצט באניצט אינ מײַרעוו-אייראָפע, אינ אמעריקע אונ אינ די אייראָפּייִשע קאָלאָניעס אינ אלע טיילנ פונ דער וועלט. דער דאָזיקער אלעפבייז איז איצט אויכ אײַנגעפירט געוואָרנ פאר א ריי פעלקער פונ אונדזער ראטנ-פארבאנד: אינ אזערבײַדזשאנ, אינ דער טאָטערשער רעפובליק אונ אינ די רעפובליקנ פונ מיטל-אזיע (אָנשטאָט דער פריִערדיקער, זייער שווערער אונ פאר די מאסנ ניט צוגענגלעכער טערקיש-טאָטערשער שריפט) אונ אויכ פאר זייער פיל פעלקער פונעמ ראטנ-פארבאנד, וואָס האָבנ ביז דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע גאָר קיינ שריפט ניט געהאט (לויט נ. מ. ניקאָלסקינ).

6. דערקלערט דעמ באטײַט פונ די ווײַטערדיקע ווערטער.

ענלעכ	געפאנגענשאפט	קלינארטיק	קאָנסאָנאנטנ
אָפּוועזנדיקע	זאנגענ	היִעראָגליפנ	פאריינפאכנ
באדינגלעכע	פריסטער	טעמפלענ	אוראלטנ
לאגערונג	באגריפ	סקלעפנ	אויסבילדנ

7. שטעלט צונויפ א צעטל פונ 10—15 פראגעס, וואָס מע זאָל אפ זיי קאָנענ ענטפערנ לויטנ מאטעריאל פונעמ פאָריקנ פראגמענט.

8. זאָגט איבער אונ שרײַבט אָנ דערנאָכ אינקורצנ דעמ אינהאלט פונעמ פאָריקנ פראגמענט, ניט קוקנדיק אינ ביכל.

---

[1] די גריכנ האָבנ איבערגענומענ בא די פיניקייער סאָכרימ דעמ אלעפבייז אינ VIII יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע.

4. דיאַלעקט און ליטעראַרישע שפּראַכ

1. שרײַבט אַראָפּ דעם ווײַטערדיקן פראַגמענט, אײַנטײלנדיק אים איג זאצנ. פאַרנ שרײַבנ לייענט עס א פּאָר מאָל דורכ און לייגט אכט אפנ אויסלייג.

מיר זײַנענ קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסנ עס האָבנ זיכ געביטנ די באַדינגונגענ און דער מאַסשטאַב פונ דער אַרבעט עס זײַנענ פיל מאָל קאָמפּליצירטער געוואָרנ אונדזערע אויפגאַבעס מיר זײַנענ אַרײַנגעטראָטנ אינעם פּעריאָד פונעם סאָציאַליזמ מיר האָבנ אויסגעבויט דעם פונדאַמענט פונ דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק מיר האָבנ דורכגעפירט דעם ערשטנ פינפיאָרפּלאַנ אינ פיר יאָר מיר גייענ צו דער פולשטענדיקער ליקווידירונג פונ די קלאַסנ אינעמ צווייטנ פינפיאָר די גוואַלדיקע אויפגאַבעס פונעמ צווייטנ פינפיאָר שטעלנ גוואַלדיקע פאָדערונגענ צו אונדז עס ווערט מיט דער גאַנצער שאַרפקײַט אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגנ אויפהייבנ די קוואַליטעט פונ דער אַרבעט אינ אַלע געביטנ עס שטעלט זיכ אינ דער גאַנצער ברייט די אויפגאַבע אויפצוהייבנ די אָרגאַניזאַטאָרשע אַרבעט ביז דעם ניוואָ פונ דער פּאָליטישער אָנפירונג („דער עמעס”).

2. לייענט דורכ אפנ קאָל דעם פּאָריקנ פראַגמענט, באַמיענדיק זיכ ריכטיק אַרויסצוברענגענ די ווערטער און ווי געהעריק צו באַטאָנענ דעם סאָפּ פונ יעדנ זאַצ.

3. שטעלט צונויפ זאַצנ מיט די ווײַטערדיקע ווערטער.

קאָלאָסאַלע. באַדינגונגענ. מאַסשטאַב. קאָמפּליצירט. פולשטענדיק. ליקווידירונג. גוואַלדיק. קוואַליטעט. געביטנ. ניוואָ.

4. געדענקט דעמ באַטײַט און דעם אויסלייג פונ די ווײַטערדיקע אויסגעטיילטע ווערטער און שטעלט מיט זיי צונויפ זאַצנ.

ו

1. איכ בינ אַרײַנגעפאַלנ אינ א **גרוב**.
2. די פּראָלעטאַרישע **מעלוכע** פירט צום סאָציאַליזם.
3. די דעמאָנסטראַציע גייט שוינ פונ דעם פּאַראַד־פּלאַצ.
4. בא אים איז א מיעסע **צורע** (א מיעס פּאָנעם).
5. די קינדער גייענ שוינ פונ **שול**.
6. זיי עסנ ברויט מיט **פּוטער**.

אָ

1. איכ **גראָב** שוינ גוט די ערד.
2. ער ווייסט גוט די שנײַדערשע **מעלאָכע**.
3. זי טראָגט א רויטע **פאָנ**.
4. ער האָט אָנגעטאָנ גאָר א גרויסע **צאָרע**.
5. ער וועגט דאָס ברויט אפּ א **שאָל**.
6. זיי זײַנענ שוינ **פּאָטער** פונ די צאָרעס.

1. ער געפינט זיכ אינ א גוטנ אומשטאנד.
2. פונ פינגער גייט בלוט.
3. דער ברוק איז באדעקט מיט אספאלט.
4. ער ארבעט איצט גוט.
5. געזוכט אונ געפונענ.
6. ער גייט צום גרונט.
7. זײַנ שוועגערנ הייסט גרונע.
8. ער איז דול געוואָרנ.
9. א דונער מיט א בליצ.
10. ער וועט דרוקנ די ביכער.
11. זי קויפט א הוט אונ שיכ.
12. איכ זוכ אונ געפינ.
13. דער זונ ווארעמט זיכ אפ דער זונ.
14. איכ זופּ טיי מיט מילכ.
15. „ביימער" שרײַבט מענ מיט צוויי יודנ.
16. דער קלוב איז פול מיט מענטשנ.
17. ער גייט צו מיר אהיים.
18. באלד קומט אָנ א צוג קיינ קיִעוו.
19. טראָג ארײַנ א קרוג וואסער.
20. ער איז א קרומער אפ ביידע פיס.
21. זיי האלטנ זיכ אינ איינ קושנ.
22. ער איז שוינ צוויי יאָר שטום.
23. איבער מײַנ שולד האָט מענ אים געשטראָפט.
24. ס'איז ניט קיינ ליטעראטור, נאָר שונד.
25. א שולער שפּילט אינ קאָרטנ.

י

1. ער איז ניט אימשטאנד צו ריידנ.
2. אינ פעלד בליט שוינ.
3. מע מאכט שוינ איבערנ טײַכ א בריק.
4. ער גיט ניט קיינ בראק.
5. ער האָט א מיִעס געזיכט.
6. אינ פעלד גרינט שוינ.
7. זי איז א גרינע.
8. ער ליגט אפנ דיל.
9. א דינער אונ א דארער.
10. ער וועט דריקנ די האנט.
11. זי היט זיכ פאר קעלט.
12. ער רעדט צו זיכ אליינ.
13. איכ פארשטיי ניט דעם זינ פונ דײַנע זינס מײַסים.
14. איכ נעמ א זיפּ אונ זיפּ מעל.
15. עס זײַנענ געקומענ רוסנ, טאָ־טערנ אונ ייִדנ.
16. איכ פיל, אז ער האָט פיל סאָנים.
17. איכ ווייס ניט, צי ס'איז קלאָר.
18. זי מעלקט די ציג.
19. איכ קריג א ביקס אונ באטיי־ליק זיכ אינ קריג.
20. עס זײַנענ געקומענ קרימער דעלעגאטנ.
21. ער שלאָפט אפ א קישנ.
22. איכ שטימ פאר אים. איכ גיב אים אָפּ מײַנ שטימ.
23. איכ באשטעל א שילד פאר דער שול.
24. איכ שינד די הויט פונעמ אָקס.
25. ער איז א שילער פונ דער 37-טער שול.

ו

1. מוישע **און** בערל זיצנ **און** שרײַבנ.
2. **דו** ביסט גערעכט.
3. ס'איז א װארעמער **פוטער**.
4. איכ דארפ האָבנ א **פור**.
5. ער איז **קרום** געװאָרנ.
6. ער זיצט אפ א **שטול**.
7. מע האלט שױנ באמ **שלוס**.
8. עס איז ניט געבליבנ קײנ **שפור** (סימענ).

אָ

1. ער קומט **אָנ אָנ** עקזאמענעס.
2. ער איז שױנ **דאָ**.
3. דער **פּאָטער** איז שױנ געקומענ.
4. איכ **פאָר** אינ ראיאָנ.
5. ער איז אװעק פונ **קראָמ**.
6. **דאָס** איז געמאכט פונ **שטאָל**.
7. מע דארפ קױפנ א **שלאָס**.
8. ער ארבעט אינ א **שפּאָרקאסע**.

י

1. ער קוקט **אינ** ביכל.
2. **די** שװעסטער נעמט **די** ביכער.
3. איכ **פּיטער** הײַנט די פערד.
4. איכ **פיר** מיט זיכ **פיר** פעק.
5. ער פאָרט אינ **קרים**. ער קוקט אינ דער **קרים**.
6. ער זיצט זײער **שטיל**.
7. איכ **שליס** באלד די זיצונג.
8. איכ **שפּיר** (פיל) זיכ זײער גוט.

ע

1. ער לײענט לענינס **װערק**.
2. זײ **פלעגנ** דאָ שרײַבנ.
3. דאָ **פעלט** א װאָרט.
4. ער האָט **געבעטנ** לײַענ א פאָר רובל.

י

1. איכ **װירק** אפ אים.
2. די **פליגנ** בײַסנ שטארק.
3. ער **פילט**, אז ס'איז גוט.
4. ער האָט פאר דער צײַט **געביטנ** זײַנ מײנונג.

ע

1. איכ **בעט** אופהערנ שרײַענ.
2. מע דארפ צוקלאפּנ א **ברעט**.
3. זי לעבט פונ װאשנ **גרעט**.
4. ער איז **געװענ** אינ קלוב.
5. ער ארבעט שױנ דרײַ **טעג**.
6. איכ **זע** אימ זײער אָפט.
7. מיר **לעבנ** זײער גוט.
8. ער האָט געזענ פיל **שטעט**.

ײ

1. איכ פארזײ א **בײט** קארטאָפל.
2. דער מאנטל איז צו **ברײט**.
3. ער איז **גרײט** צו גײנ.
4. עס הערט זיכ א **געװײנ**.
5. די מאמע פארקנעט **טײג**.
6. איכ **זײ** קאָרנ און **װײץ**.
7. דאָרט זײַנענ װעלפ און **לײבנ**.
8. ער **שטײט** שױנ באמ װארשטאט.

וי

1. ער עפנט די אויגן.
2. ער קויפט א פונט ברויט.
3. ער איז דערצו געווינט.
4. ער איז הויל און נאקעט.
5. ער הוילט ווי א וואלף.
6. ער איז שוין געווארן א ווילער יונג.
7. ער ווינט אין אונדזער גאס.
8. ער טויג צו דער ארבעט.
9. זיי לויבן אים שטארק.
10. עס לוינט ניט צו גיין.
11. דאָרט איז איצט זייער גרויס די נויט.
12. איך קוילע אן אָפ.
13. ער ווארפט מיט קויט און בלאָטע.
14. ער איז אן עמעסער קוינע.
15. דאָס עסן איז נאָך רוי.
16. ער איז שוין געזונט.
17. דו שטויסט וואסער.

יי

1. ס'איז אן אייגן קינד.
2. די צימערן זײַנען ברייט.
3. ער האָט ביטער געוויינט.
4. א בער ליגט אין א הייל.
5. ער היילט ווי א דאָקטער.
6. ער איז אוועק צו די וואלן. ער איז שוין א וויילער.
7. ער וויינט אָן טרערן.
8. די מאמע פארקנעט טייג.
9. דאָרט זײַנען וועלפ און לייבן.
10. ער לייענט פיל ביכער.
11. ער נייט גוט. ער נייט אויך אונדז צו ארבעטן גוט.
12. זי טראָגט א קיילע פוטער.
13. ער איז צוגעשמידט, צו א קייט.
14. ער ווייסט ניט פון קיינע קונצן.
15. עס שטייט א ריי נאָך בילעטן.
16. ער זעט אויס גאנץ שיין.
17. דו שטייסט אפ איין פוס.

ײַ

1. אײַער ארבעט געפעלט אונדז.
2. איך אײַל איצט אהיים.
3. ער בײַט די שטעלע.
4. דאָרט שוועבט א נײַער גײַסט.
5. איך בין שוין דאָ דרײַ טעג.
6. איך ווײַס די וואנט מיט קאלך.
7. איך זײַ ווײַן אין א גלאָז.
8. דער זײַער איז צו גרויס.
9. איך לײַג ניט — ס'איז אן עמעס.
10. זײַן לײַב איז זייער מאָגער.
11. מײַן ארבעט ענדיקט זיך.
12. ער קײַט זייער ענערגיש.
13. די טוווע איז שוין רײַפ.
14. די זון האָט שוין א שײַן געטאָן.

יי

1. זיי ברענגען פרישע אייער.
2. זיי עסן ברויט מיט אייל.
3. ער פארזייט א בייט אוגערקעס.
4. דו גייסט איצט אהין אומזיסט.
5. איך דריי דאָ א ראָד.
6. איך ווייס ניט וואָס צו זאָגן.
7. איך זיי קאָרן און ווייץ.
8. זייער פאָרשלאָג איז זייער פראקטיש.
9. איך לייג זיך צו אָפּרוען.
10. א לייב איז א שרעקלעכע כײַע.
11. איך מיין גיין אין אורלויב.
12. אפן האלדז איז בא אים א קייט.
13. ער לויפט ארום מיט א רייף.
14. זיי טוען זיך אָן זייער שיין.

ײַ

1. איך בײַס מיט די ציינער.
2. איך בין הײַנט פארנומען.
3. עס קומען צו פאָרן נאָענטע און ווײַטע.
4. עס שטעקט אין א זײַט.
5. ער לײַדט פון די ציינער.
6. דעם לײַכטער איז לײַכט צו טראָגן.
7. ער זעט פײַן אויס.
8. ער רײַט גוט אף א פערד.

מיט א „ה“

1. ער האלט אים אין שטוב.
2. אים איז הארט צו שלאָפן.
3. ער הארט (ווארט) אף דיר.
4. א פערד עסט האָבער און היי.
5. איך האָב נאָך צו קומען.
6. זי האָט געקויפט א האָן.
7. ער האָט א שיינעם אויסזען.
8. ער האָפט נאָך צו קומען.
9. זיי האָפן נאָך צו קומען.
10. זי האָט געקויפט א הון.
11. ער רעדט זייער הויך.
12. די הויפן זײַנען פול מיט מענטשן.
13. ער שטייט הינטער א וואנט.
14. ער עסט היי און האָבער.
15. אין מעל טוט מען ארײַן הייוון.
16. א בער ליגט אין א הייל.
17. דער ווינט הײַלט און קלאָגט.
18. ס'איז שמוציק ווי אין א העג־דעש.
19. קויף א פיש א העכט.
20. הענג אוף דעם מאנטל.
21. ער האָט אים העלטער פון מיר.
22. העלפ אים מאכן די ארבעט.

א

1. בא אים איז א קאָל פון א באס.
2. גיב מיר דײַן רעכטע האנט.
3. ער פארשטאָפט די אויערן מיט וואטע.
4. ער איז זאט מיטן ווארעמס.
5. ער לאדט אײַן אין פרעזידיום.
6. ער לאכט מיטן פולן הארצן.
7. ער טראָגט א פאן פיש.
8. דער ראט ארבעט איצט בעסער.

אָן א „ה“

1. ער איז אלט פינף יאָר.
2. עס שאפט זיך א נײַער ארט לעבן.
3. עס ארט אים ניט קיין זאך.
4. ער רעדט גוט, אָבער צו שטיל.
5. ער האָט געקוילעט אן אָף.
6. ער איז אָן פעדערן.
7. אָט קומט ער באלד.
8. ער קומט אָפט ארײַן.
9. די טיר איז אָפן.
10. און זי האָט זי געקוילעט.
11. איך וועל אויך זײַן.
12. ער רעדט גאָר אף אן אנדער אויפן.
13. ער שטייט אונטער א דאך.
14. איך טרינק אן איי.
15. און מע באקט עס אין אויוון.
16. איך קויף פוטער און אייל.
17. ער אײַלט צו דער ארבעט.
18. ער רעדט וועגן עגדעשן און שלאנגען.
19. ס'איז עכט געמאכט.
20. דאָרט איז ענג צו זיצן.
21. ער איז פון מיר עלטער מיט א יאָר.
22. ס'איז שוין עלף אזייגער.

23. קויף א **הענטל** (האלטער) מיט א פען.
24. ער ווינט אין א **העק**.
25. מע דארף צונייען א **העקל**.
26. דאָ איז זייער **הערלעכ** און פיין.
27. זיי **הערנ**, וואָס מע רעדט.
28. עס **הערשט** א שטורעם.

23. א קאטשקע הייסט אינ א ריי־ערטער **ענטל**.
24. א סאָפ און אנ **עק**.
25. ער רעדט וועגנ דעמ מיט אנ **עקל**.
26. ער ארבעט **ערלעכ** און איבער־געגעבנ.
27. זיי **ערנ**, גיבנ אָפ קאָוועד.
28. עס האָט זיכ **ערשט** אָנגעהויבנ.

ס

1. ער וויל אלצ **וויסנ**.
2. ער האָט א פאָנעמ פונ א **מעס**.
3. א **נאסער** ווי א האָנ.
4. הענט און **פיס**.
5. אנ עק און א **סאָפ**.

ש

1. ער וועט **ווישנ** מיט א טיכל.
2. די קיילע איז פונ **מעש**.
3. א גרויסער **נאשער**.
4. פליש און **פיש**.
5. קי, אָקסנ און **שאָפ**.

5. שטעלט צונויפ צענ זאצנ מיט די ווערטער „און—אינ—אָנ; דו—די—דאָ; צו—צי; ווו (אינ וואָסער אָרט) — ווי (וויאַזוי)".

6. שרייבט ארויס די ווערטער פונעמ ווייטערדיקנ פראגמענט אינ צוויי גרופעס: 1) ווערטער מיט דיפטאָנגענ; 2) ווערטער אָנ דיפטאָנגענ.

פארנ ארומיקנ קליינווארג קלינגענ זייער מאָדנע די ווערטער „מיר" און „אונדז", דערהויפט איז זייער טשיקאַווע צו הערנ, ווענ נאכקע זאָגט „ארבעטער" (און ניט ארבעטאָרער), „פאבריק" (און ניט פאבריקע). עס ווילט זיכ אזש לאכנ. נאָר מע איז עס אימ מויכל — אפּאָנעמ אזוי רעדט מענ אינ דער גרויסער שטאָט אומאנ (בערגעלסאָנ).

7. שרייבט ארויס פונ די ווערטער־צעטלענ, וואָס צומ סאָפ ביכל, די יעניקע ווערטער, וואָס איר רעדט זיי ארויס ניט אזוי, ווי זיי זיינענ דאָרט געגעבנ. די ווערטער זאָלט איר ארייַנשרייבנ אינ אנ אלפאבייז־ביכל. אינעמ דאָזיקנ ביכל זאָלט איר פונ היינט אָנ אָנהייבנ ארייַנצושרייבנ אלערליי ווערטער, וואָס איר קאָנט צווייפלענ וועגנ זייער אויסלייג, און באמ צונויפשטעלנ פארשיידענע טיפנ זאצנ צוליב די אָדער יענע ווייטערדיקע אויפגאבעס זאָלט איר ווערטער נעמענ דעריבער פונעמ דאָזיקנ אלפאבייז־ביכל.

5. די באַצייכענונג פֿון די קלאַנגען

1. געדענקט דעם באַטײַט און דעם אויסלייג פֿון די ווײַטערדיקע ווערטער און שטעלט מיט זיי צונויף זאַצן.

אָ

1. ער באַקומט אַ **שטראָף**.
2. מע האָט גאָרקין באַגעגנט מיט אַ גרויסער **אָוואַציע**.
3. מע האָט אַרעסטירט אַ **קאָמ־פּאַניע** ספּעקולאַנטן.

א

1. ער צאָלט דערפֿאַר **שטראַף**.
2. די דערפֿאָלגן פֿון דער סאָ־וועטישער **אוויִאַציע** זײַנען קאָלאָסאַל.
3. מע האָט פֿאַרענדיקט די **קאַמפּאַניע** פֿונעם פֿרילינג־פֿאַרזיי.

2. שטרײַכט אונטער אין די ווײַטערדיקע ווערטער בלויז דעם שטומען „א“. אורלויב, אַדמיניסטראַציע, אַבסאָליוט, אויפֿקלערן, אויסהאַלטן, אַגיטאַ־ציע, אײַנגעהייצט, אײַנוווינער, אַדראַבע, איראָניע, איניציאַטיוו, אַאודיטאָ־ריע, אווטאָביאָגראַפֿיע, אומבאַדינגט, אימפּעריאַליזם.

3. שרײַבט אָן צען ווערטער מיט אַ שטומען „א“ און צען, ווו דער „א“ זאָל זײַן ניט קיין שטומער.

4. שטעלט צונויף זאַצן מיט די ווערטער „ייִד, ייִדיש, ייִנגל, ייִנגער, ייִשעוו, ייִכעס, יעסורים, יעסוימים, יערושע, יעסוידעס“.

5. שטעלט צונויף זאַצן מיט די ווערטער „מאָלאָטאָוו, וואָראָשילאָוו, קאָמוניסטן, פּראָפּאַגאַנדע, שטאָל, שטאַל, זאָק, זאַק, שטאָט, שטאַט, פֿאָטער, פֿאַטער, וואָסער, וואַסער, מאָן, מאַן“.

6. שטעלט צונויף זאַצן מיט די ווערטער „ווו, פּרווו, צווווקס, טווונג, רויִק, עוואַקויִרן, אָפּיום, אוויִאַציע, פּרעזידיום, פּאַרטייִשע, עקספּראָפּריִרן, נײַ־יִנקע, בלויִנקע, אָריִענטאַציע“.

7. שרײַבט אָן צען ווערטער מיטן דיפֿטאָנג „וי“, צען — מיט „ײ“ און צען מיט „ײַ“. די ווערטער נעמט פֿון אַ ביכל.

8. שרײַבט אָן זאַצן מיט די ווערטער „רעוואָליוציע, רעזאָליוציע, סענ־טיאַבער, אָקטיאַבער, יונ, יול, יויכ, ײַכל, יוישער, מעיוכעס, ראַיאָן, ראַ־יִנספּעקטאָר“.

9. שטעלט צונויף זאַצן מיט די ווערטער „האַרמאָניע, האָריזאָנט, העק־טאַר, היסטאָריע, היסטעריע, הומאָר, היגיִענע, העגעמאָניע, היפּנאָז, האָטעל, טשוהונ“.

10. שרײַבט אָן עטלעכע מאָל די ווערטער „זשיטאָמיר, זשלאָבין, סאַ־

באָטאוש, עטאזשערקע, בורזשואזיע, גליטש, בײַטש, טשוהונ, טשעמאָדאנ, באָרשטש, בלישטשענ, טשיטשערינ, שטשעדרינ".

11. שרײַבט אָנ צענ ווערטער מיט א „פ" אונ צענ מיט א „פ".

12. לייענט דורכ נאָכאמאָל שאָלעמ־אלייכעמס פראגמענט, וואָס אפ זײַט 206—207, אונ שרײַבט עס דערנאָכ אָנ, ניט קוקנדיק אינ ביכל.

6. קלאנגענ־אסימיליאציע

1. שרײַבט אָנ די ווײַטערדיקע ווערטער אינ אזא פאָרמע, אז נאָכ די קאָנסאָנאנטנ צומ סאָפ וואָרט זאָל קומענ א וואָקאל אָדער א „נ". א ש ט ײ ג ע ר: העמד — העמדער, העמדעלע; טרויב — טרײַבעלע, טרויבנ.

העמד, פעלד, האנט, קלייד, טרויב, הויז, נאָז, שיפ, בריוו, צווײַג, צוואנג, גלאָז, זיפ, וואלד, קאלב, בארג, באָד, פערד, שרויפ.

2. שרײַבט אָנ די ווײַטערדיקע ווערטער אינ אזא פאָרמע, אז זיי זאָלנ קאָנענ קומענ מיט „ער". א ש ט ײ ג ע ר: זאָג — ער זאָגט...

זאָג, דעק, שיק, וויג, וועג, ליג, לייג, שלאָג, גלייב, הייב, קלאפ, פארב, שטופ, בלײַב, בלאָז, שיס, ווײַס, גרײַז, ברויז, פרווו.

3. שרײַבט אָנ ריכטיק דאָס ווײַטערדיקע. אָנשטאָט די פינטעלעכ שטעלט א „ד" אָדער א „ט".

1) ער האָט זיכ געלייגט בא דער וואנ... שלאָפנ. 2) ער האָט בא קומענ א קלאפ אינ אויג אונ איז בלינ... געוואָרנ. 3) זיי האָבנ אײַנגעגנעצט זייערע הענ... אינ קאל... וואסער אונ האָבנ גענומענ אויסרײַבנ די וועג... 4) איכ וועל אפ דער וואנ... אופהענגענ לענינס ביל... 5) אינ פעל... איז איצט אזא קעל..., אז די הענ... פרירנ.

4. שטעלט אינ די ווײַטערדיקע ווערטער אָנשטאָט די פינטעלעכ א „ב" אָדער א „פ".

1) די נײַע שטו... איז שוינ פול מיט שטוי... 2) מע דארפ קויפנ פארנ סאמאָוואר א טרוי... 3) א קני... אינ באק—די פאר... זאָל שטיינ. 4) זײַנ ווײַ... האָט געקויפט א זי... פאר מעל. 5) ער האָט אימ געגעבנ א קלא... אינ קאָ... אונ ארײַנגעוואָרפנ אינ גרו...

5. שטעלט אינ די ווײַטערדיקע ווערטער אָנשטאָט די פינטעלעכ א „ג" אָדער א „ק".

1) איכ קרי... פאר אימ א שטי... ארבעט. 2) אפנ דריטנ שטאָ... (עטאזש) האָט זיכ דערהערט א קלאָ... אונ א יאָמער. 3) א דאנ... אײַכ פאר א גאנ...— אינ באנ... גיי איכ ניט. 4) אפ באָר... גיט מענ דאָרט ניט קיינע סכוירעס. 5) לאנ... וועט נאָכ די זונ ווארעמענ — מע קאָנ נאָכ דאָ זײַנ א שטי... צײַט.

6. שטעלט אָנשטאָט די פינטעלעכ א „ז" אָדער א „ס".

1) אין הוי... איז וואק... געלעגן, האָבן עס מיי... צעשלעפּט. 2) זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אין פעלד אפן גראָ... און האָבן פארפירט א שמוע... וועגן פלאק... 3) ער האָט אים געגעבן א שטוי..., האָט ער צעשלאָגן די נאָ... 4) גיב א בלאָ... אפ די קוילן, וועט דער פרע... היי... ווערן. 5) דאָ איז בא דיר א גריי..., ווי... אים אפ צו פאריכטן.

7. שטעלט אָנשטאָט די פינטעלעך א „פ" אָדער א „וו".

1) מע האָט געמאכט א פרו... אָפּצושטעלן די שי... אפן יאַם. 2) ער האָט געדאר...ט אויספרעגן א גאנע... 3) איך האָב באקומען פון א כאוועך א ברי... 4) דו האָסט גאָר קיין באגרי... ניט, ווי טי... דער יאַם איז. 5) זי האָט זיך געלאָזט לויפן איבערן הוי... נאָך אן אָפּ אפן יאָנטע... פון דער גערעטעניש.

8. געדענקט דעם אויסלייג פון די ווייטערדיקע ווערטער און שטעלט מיט זיי צונויף זאצן.

מידקייט	פייכטסטער	פייכטקייט	באגרענעצטקייט	אוועקגיין
מיטגלידער	הארטסטער	בלינדקייט	פאראָרעמטקייט	אוועקגעבן
שטאנדפונקט	עלטסטער	געשווינדקייט	אָנגעשטרענגטקייט	אוועקגאנווענע

9. טיילט איין די ווייטערדיקע ווערטער אין צוויי גרופּעס: 1) ווערטער מיט הילכיקע קאָנסאָנאנטן, וואָס ווערן טיילווייז אָדער אינגאנצן אסימילירט; 2) ווערטער מיט דומפּע קאָנסאָנאנטן, וואָס ווערן טיילווייז אָדער אינגאנצן אסימילירט.

זאָגט, ווייזט, רעדט, שטרעבט, שטרענגקייט, יונגקייט, אָפּגיין, אָפּבעטן, בינדט, זינגט, אוועקגיין, אויסזאָגן, ארופווארפן, וועגט, צונויפוויקלען, אופמערקזאמקייט, מיטגליד, צונויפזאמלען, וואנטצייטונג, שניידט.

10. שרייבט אָן צוואנציק ווערטער מיט הילכיקע און דומפּע קאָנסאָנאנטן איינע לעבן די אנדערע. אין צען זאָל פריער זיין א דומפּער קאָנסאָנאנט און אין צען — פריער א הילכיקער.

7. טראָפּ. טראָפּיקע „ל, נ". אקצענט

1. גרופּירט אלע ווייטערדיקע ווערטער לויט דער צאָל טראָפּן. לייגט אכט אפן אויסלייג פון די ווערטער.

איך, אלע, מענטש, קאָמוניסט, געזעלשאַפטלעכקייט, טוער, פריער, באקומען, פארוואלטער, אינטערנאציאָנאליסטישע, קאָמוניסטישע, רעזולטאט, לאנדווירטשאפט, באוווסטזיניקייט, געשיכטע, מאטעמאטיק, איינגעשטעלט, אָרגאניזאציאָנעלע, מאָביליזירט, פערספּעקטיוו, איניציאטיוו, אָפּהענגיק, אָנגעשטרענגטקייט, קאָרעספּאָנדענט, פּאנאנדערגעיאָגט.

2. שרײַבט ארויס פונ ניקאָלסקיס טעקסט, וואָס אפ זײַט 204—205, באזונדער די דרײַטראפּיקע אונ פירטראפּיקע ווערטער.

3. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די ווײַטערדיקע ווערטער.

טישל, וויפל, רובל, קעסל, ייִנגל, רעגנדל, וואָלקנדל, פאלנ, קריכנ, לויפנ, היילנ, יאָגנ, זיצנדיק, לויפנדיק, מיינונג, ווענדונג, פארזאמלונג, קירצונג, ריכטונג, אויסאָטעמונג.

4. שרײַבט אָנ די ווײַטערדיקע ווערטער אינ א פארקלענער-פאָרמע מיט א „ל" צום סאָפ. (אשטייגער: טיש — טישל, שפּיל — שפּילכל).

טיש, שפּיל, מענטש, וואנט (ווענטל), גאס, האנט, פלאש, פענצטער, דאכ, שלאָס, שפּיז, שטריק, מיל, שטאָט, שפּאָנ (שפּענדל), ביינ, שטיינ, שאָטנ, שאָכנ, וואגאָנ.

5. שרײַבט ארויס די ווײַטערדיקע ווערטער אינ צוויי גרופּעס: 1) ווערטער מיט א טראפּיקנ „ל"; 2) ווערטער מיט ניט קיינ טראפּיקנ „ל".

געפּיל, שטול, מאנטל, פויגל, שליסל, טרייסלענ, וויקלט, ייִנגלעכ, האנדלונג, בוימל, אינדזלענ, אָפּפאל, מעגלעכ, וואָלקנ, העלפט, פריילעכ, אויסלאכנ, האנדלט, הענטל, הענגל.

6. שטרײַכט אונטער אינעמ ווײַטערדיקנ פראגמענט דעמ טראפּיקנ „נ".

אָט די אינדזולענ, אָט די אינדזלענ
וועט מענ מעסטנ, וועט מענ גלײַכנ,
אונ די קליאָנענ אונ די דעמבנ
אפ די ברעגנ פונ די טײַכנ
וועט מענ האקנ, וועט מענ שנײַדנ,
וועט מענ שניצנ, וועט מענ שינדנ.
אונ די דעמבנ וועלנ קראכנ,
אונ די קליאָנענ וועלנ שרײַענ —
וועט א דונער זיכ צעלאכנ,
אונ א בליצ וועט זיכ צעברענענ,
אונ דער אלטער, אלטער דניעפּער
וועט אליינ זיכ ניט דערקענענ (פעפער).

7. ווײַזט אָנ אינ יעדער שורע פונעמ פאָריקנ טעקסט די צאָל טראפנ אונ באצייכנט די אקצענטירטע טראפנ.

8. שרײַבט אראָפּ פונ פעפערס פראגמענט די ווערטער, ווו דער אקצענט איז אפנ צווייטנ טראפּ.

9. באצייכנט אינ די ווײַטערדיקע ווערטער דעמ אקצענטירטנ טראפּ.

בעקער, שנײַדער, בעקערײַ, כוידעש, כאדאָשימ, אויסבאקנ, רעמאָנט, רעמאָנטירט, לויפנ, אָפּלויפנ, אנטלויפנ, שטעפּערײַ, שאכמאטיסט, קליינער-

הייט, פאנאנדערוואַרפן, פאַרוואַרפן, קאָמונאַלע, קאָמוניסט, פּערספּעקטיוו, איניציאַטיוו, אַדמיניסטראַציע, פרייהייט, פריערהייט, רעגיסטראַציע, סימ-פּאַטיע.

10. שרייבט אָפּ פינף צווייטראַפיקע ווערטער מיטן אַקצענט אויפן ערשטן טראַף, פינף צווייטראַפיקע מיטן אַקצענט אויפן צווייטן טראַף, פינף דרייטראַפיקע מיטן אַקצענט אויפן צווייטן טראַף און פינף דרייטראַפיקע מיטן אַקצענט אויפן דריטן טראַף.

11. שטעלט צונויף אַ זאַץ מיטן וואָרט „קופּע" מיטן אַקצענט אויפן „קו" און אַ זאַץ מיט „קופּע" מיטן אַקצענט אויפן „פּע".

12. שרייבט אַריין אין דער ווייטערדיקער טאַבעלע די ווייטערדיקע ווערטער.

מענטשהייט, שלאַכטן, דערפאָלג, סאָציאַליזם, פּראָלעטאַרישער, צונויפ-שלעפן, אווטאָמאָביל, אווטאָביאָגראַפיע, אימפּעריאַליזם [1], פערדצוכט, אינוויי-ניק, אינדיווידואַליטעט, גלייכהייט, געבעזשבנט, וואָקזאַל, פּערספּעקטיוון, עקזיסטענץ, עקספּלואַטירן, רעזשים, רעקאָנסטרוירונג.

№№	וואָרט	צאָל טראַפן	צאָל קלאַנגען			
			וואָקאַלן	דיפטאָנגען	קאָנסאָנאַנטן	סאַכאַקל
1.	מענטשהייט	2	1	1	5	7
2.	שלאַכטן	2	1		5	6

8. זעלבשטענדיקע און באַהילפיקע ווערטער

1. דערקלערט, פאַרוואָס שרייבט מען די ווייטערדיקע אויסגעטיילטע ווערטער באַזונדער, כאָטש מע רעדט זיי אַרויס אינאיינעם מיט די ווייטער-דיקע אָדער מיט די פריערדיקע ווערטער.

1. די וועלט טרעט אַריין אין אַ צווייטן טור מילכאָמעס.
2. דער ראַטן-פאַרבאַנד קעמפט פאַר שאָלעם צווישן די פעלקער.
3. די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי האָט געמאַכט דעם קאַמף דער-פאָלגרייך.

2. שרייבט אָפּ די פריערדיקע דריי זאַצן אויף אַזאַ אופן, אַז צווישן די אויס-געטיילטע און צווישן די ווייטערדיקע אָדער די פריערדיקע ווערטער זאָלן אַריינ-קומען אַנדערע ווערטער. אַ שטייגער: די אימפּעריאַליסטישע וועלט

---

1 דער שטומער „אַ" ראַרף אין דער „צאָל קלאַנגען" ניט אַריין: ער באַצייכנט דאָך ניט קיין קלאַנג.

טרעט **באלד** (שוינ, איצט...) אַרײַנ אינ **נאָכ** א **טור** (אינ א **גרויסנ** טור...) מילכאָמעס.

3. לײענט דורכ אפנ קאָל א פּאָר מאָל אונ שרײַבט דערנאָכ אַראָפּ דעמ װײַטערדיקנ טעקסט. פארגעסט ניט צו שטעלנ אַלע נײטיקע צײכנס.

ס'איז דאָ אזוי גרויסארטיק, אזוי שײנ, אז װענ ער האָט איצט צײַט, זעצט ער זיכ אװעק אונ צעשרײַבט בירעבידזשאנ אפּ עטלעכע בויגנ פּא- פּיר אונ צעשיקט עס איבער אַלע זשורנאלנ אונ איבער אַלע גאזעטנ. נאָר ער האָט קײנ צײַט ניט, מוישקע. מע דארפ עפּעס פארדינענ. איצט פירט ער א קוזניע. די ערשטע קוזניע אינ דער ערשטער יידישער מעלוכע אַרײַנ. איז דארפ מענ זענ, ס'זאָל קײנ שאָדנ ניט זײַנ.

— נו, כעװרע, גענוג. ניט געראשט. אָט דאָ דארפ מענ זיכ א ביסל אָפּשטעלנ מיט די פערד, זײ זאָלנ אָפּעטעמענ. אָט זעט מענ שוינ די הײַ- זער פונ בירער פּרװופעלד. פינקלשטײנ דער אגראָנאָמ װעט זײ דערזענ אזוי נאָס, װעט ער מאכנ דעמ שײנעמ גװאַלד.

יאָ, ריכטיק. אָט דאָרטנ לינקס זעענ זיכ עטלעכע ליכטיקע פלעקנ. װאָס װײַטער װאקסנ זײ אויס אינ פירעקיקע פאָרמעס. אָט זעט מענ שוינ ארויס בלעכענע דעכער. מע זעט שוינ אפילע, אז דאָס בלעכ איז אָפּגעצינקעװעט אונ ס'איז געפאלדעװעט. ס'איז דאָס זעלבע בלעכ, מיט װעלכנ עס זײַנענ געדעקט קימאט אַלע הײַזער אינ קאנט. ס'איז נאָכ פונ דעמ בלעכ, װאָס די דײַטשנ פלעגנ ברענגענ אהערצו מיט גרויסע שיפנ, אפּ ארויסצופירנ פונ- דאנענ א סאכ סכוירע (אלבערטאָנ).

4. שרײַבט אַראָפּ פונעמ פּאָריקנ טעקסט די ערשטע פופצנ צװײטראַ- פּיקע װערטער אונ טײלט זײ אײַנ אינ צװײ גרופּעס: 1) װערטער מיטנ אקצענט אפנ ערשטנ טראָפּ, 2) װערטער מיטנ אקצענט אפנ צװײטנ טראָפּ.

5. לײענט דורכ א פּאָר מאָל מיט די אויגנ אונ דערנאָכ אפנ קאָל דעמ װײַטערדיקנ פראגמענט, אקצענטירנדיק אימ װי געהעריק.

אונדזער טאָג איז שענער
פונ טויזנט טאָמאס מאָרנ.
סענ־סימאָנ איז קלענער
פונ קלענסטנ אינזשעניער.
מיר האָבנ איצטער אופגעװעקט די מעכטיקסטע מאָטאָרנ
אינ יעטװידער שפּארונקעלע אפּ זעקסטל פונ דער ערד.
ניטאָ שוינ מער קײנ געגנטנ
פארורטײלט אונ פארקנעכטיקט.
קײנ שטעכנ פארװאלגערטע
אינ לײדיקײַט פונ גרוי.
מיר האָבנ זײ מיט זיכערקײַט צעפּלענערט אונ בארעכנט.

אופגעוועקט, דערהויבן זיי און אָנגעזאָגט זיי:
— בוי!

ניטאָ קיין סאמאָיעדן, קיין געגנטן
פון סארטן,
פון בולבענע ווייַסרוסן,
פון וואָנציקן כאכאָל.
דרעמלענדיקע רייַכקייַטן, טיף אין ד'רערד פאַרשפאַרטע,
הערן איצט דאָס אָנגרייַפן פון וואכנדיקן שטאָל... (כאריק).

6. זוכט אוף אין אן ענציקלאָפעדיע די ווערטער „טאָמאס מאָר, סען־סי־מאָן, סאמאָיעדן, סארטן, כאכאָל“ און דערגייט זייער באַטייַט. דערנאָך שרייַבט אָן די גרונט-געדאנקען פונעם פאָריקן פראגמענט מיט אייגענע ווערטער.

9. וואָרט־טיילן. וואָרצל און אפיקסן

1. שטרייַכט אונטער אין די ווייַטערדיקע ווערטער נאָר די וואָרצלען.

שפילט, ארבעטן, ארויסלאָזן, ארויסגעלאָזטע, ארויסלאָז, פארדעקטע, פארדעק, פאָרזיצער, פאָרזעצן, אומפארטייִשע, באגייַסטערונג, גייַסטיקע, אייַנ-געהאלטענע, צושנייַדערקעס, פאַאנדערשיקן, פארינטערעסירטע, אָנפאלן, אויס־געפוצטע, זוכעניש, אוועקגעשיקט, געשענקטע, אויסהענגען, ענגשאפט, אויס-ברענגען, אָנקומען, רעדסט, גרינקייַט, גרינגקייַט, שטרענגקייַט, אָפהענגיק, אָפהענטיק, אָפהענטיקייַט, אָפהענגיקייַט, אויסדינגען, אומבאדינגט, אומבא־דינגטקייַט, אָנמערקן, אופמערקזאמקייַט, הארטסטע, פייַכטער, פייַכטסטע, נאָ־ענטסטע, דערשרעקן, אויסשטרעקן, פארשאפן, פארשארפן, פארוווּנדעט, פאר־וווּנדערט, פארניכטן, אויסניכטערן זיך, אָפוועזנהייַט.

2. גרופירט די ווייַטערדיקע ווערטער לויט די געמיינזאמע וואָרצלען.

האלטן, שרייַבן, פארהאלטענע, קומסט, שטעפער, שרייַבער, ווייַטער, שטעפסט, לייענען, פארדעקטע, בויער, טיפער, ברענגסט, הערן, שרייַער, הערסט, בויען, דעקן, שרייַסט, פארהערטע, בויסט, לייענער, שווארצער, שרייַבסט, פארבויטע, לייענסט, פארשווארצטע, קומען, האלטסט, ברענגען.

3. גרופירט די פאָריקע ווערטער לויט די געמיינזאמע אפיקסן.

4. שטרייַכט אונטער די אפיקסן אין די ווייַטערדיקע ווערטער.

ווירטשאפט, אויסקומען, שטימונג, פאנאנדערקלעפן, אויסבויען, אנט־וויקלונג, באוועגונג, מעגלעכקייַטן, פארווירקלעכן, פארגאנגענהייַט, אנטוויי־נען, פארברענגען, באמערקונגען, אָנוועזנהייַט, אָפוועזנהייַט.

5. קוקט זיך גוט צו צום אויסלייג פון די פאָריקע ווערטער און שטעלט מיט זיי צונויף זאצן.

6. ווײַזט אָן אין די ווײַטערדיקע ווערטער די טראַפֿן.

זומער, אַרבעטער, טאַטע, צימער, פּאַרטייען, קאָמיטעט, שטרענגקײַט, אָפּהענגיק, קאַפּיטאַליסט, אונטערגאַנג, פּאַרמעגלעכקײַט, אומפּאַראַנטוואָרטלעכקײַט.

טוט עס אַזוי: זו־מער, אַר־בע־טער...

7. ווײַזט אָן אין די פֿאַריקע ווערטער די באַטײַטיקע טיילן. טוט עס אַזוי: זומער, אַרבעטער...

8. ברענגט צען ווערטער, וואָס זאָלן באַשטיין בלויז פֿון וואָרצלען, און צען ווערטער, וואָס זאָלן באַשטיין פֿון וואָרצלען מיט אַפֿיקסן.

9. ברענגט צען ווערטער, וואָס זאָלן באַשטיין בלויז פֿון וואָרצלען און זאָלן האָבן צו צוויי טראַפֿן.

10. ברענגט צען ווערטער, וואָס זאָלן באַשטיין פֿון אַ וואָרצל מיט צוויי אַפֿיקסן און זאָלן האָבן צו דרײַ טראַפֿן.

11. שרײַבט אַראָפּ די ווײַטערדיקע ווערטער און באַצייכנט די אַקצענטירטע טראַפֿן.

כוידעש, כאַדאָשים, ווענשרײַ, דאָקטער, פֿאַרברענגען, דאָקטױרײַ, אויסברענגען, פֿאַרהענגען, פֿאַרהאַנג, אויסהענגען, טראַקטאָר, טראַקטאָריסט, קאַפּיטל, קאַפּיטאַל, אָפּהענגיקײַט, אומבאַדינגט, אויסדינגען, באַמערקט, אויפֿמערקזאַם, פֿאַרינטערעסירן.

12. שאַפֿט צו פֿינף ווערטער פֿון די ווײַטערדיקע וואָרצלען.

העלף (הילף), הייצ, האַק, שענק, שווענק, ברענג, הענג, זינג, אַרבעט, וויקל.

13. ברענגט פֿינף ווערטער, וואָס זאָלן זיך ענדיקן מיטן אַפֿיקס „יזם“, און פֿינף ווערטער מיטן אַפֿיקס „יסט“.

14. ברענגט פֿינף ווערטער, וואָס זאָלן זיך אָנהייבן מיט „פֿאַנאַנדער“, און פֿינף ווערטער מיט „דורכ“.

15. דריקט אויס דעם אינהאַלט פֿון יעדער ווײַטערדיקער גרופּע ווערטער מיט איין וואָרט.

1) אַ מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. 2) אַן אָנהענגער פֿון מאַרקס לערע. 3) אַ מיטגליד פֿון אַ קאָלווירט. 4) אַ מענטש, וואָס האַלט נאָר פֿון זײַן נאַציע. 5) אַ מענטש, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט פּראָפּאַגאַנדע.

16. ווײַזט אָן, וואָס פֿאַר אַ צוגאָב־באַטײַט באַקומען די ווײַטערדיקע ווערטער אַדאַנק זייערע סופֿיקסן.

1) מוסטערהאַפֿט, דויערהאַפֿט, צווייפֿלהאַפֿט, געוויסנהאַפֿט, לעבהאַפֿט;
2) אַרבעטלאָז, היימלאָז, בלוטלאָז, אידעאַללאָז, קאָנטראָללאָז;
3) פּרוכטבאַר, שטרײַטבאַר, שיפֿבאַר, באַזיגבאַר, באַמערקבאַר;
4) גליקלעך, קליינבירגערלעך, אויסשליסלעך, דערלאָזלעך, אויספֿירלעך;

5) שפּײַזלער, ווירטשאַפטלער, וויסנשאַפטלער, אַנאַנסלער, איבערזיכט־לער.

17. ווײַזט אָן, וועלכע פֿון די ווײַטערדיקע ווערטער זײַנען סינאָנימיש (ענלעכ לויטנ באַטײַט): 1) דערלאָזלעכ — דערלאָזבאַר; 2) אויספירלעכ — אויספירבאַר.

18. קלײַבט צו סינאָנימענ (ווערטער מיט ענלעכע באַטײַטנ) צו די ווײַטערדיקע ווערטער.

א רײַכער, אָרעמער, קלוגער, נארישער; גוט, שלעכט, גיכ, לאַנגזאַמ; איבערבויענ, איבערוואַנדערנ, פאַנאַנדערגעקליבנ, עקספּאָרטירט.

אשטייגער: א רײַכער — א גוויר, א נאָגיד, אנ אוישער...

19. שרײַבט ארויס פֿונ די ווײַטערדיקע ווערטער בלויז די, וואָס האָבנ אדאנק די סופיקסנ באַקומענ א צוגאָב־באַטײַט פֿונ „זאַמלונג“ אָדער „קאָ־לעקטיוו“.

שיינהײַט, מענטשהײַט, ענגשאַפט, פרײַלעכקײַט, זויערקײַט, לערערשאַפט, פויערטומ, געזעלשאַפט, פרײַהײַט, יונגוואַרג, קלוגשאַפט, אײַגנטומ, ייִדנטומ, קליינוואַרג, מאָלערײַ, ווירטשאַפט, אדרעסאַט, וויסנשאַפט, פראָלעטאַריאַט, גלײַכהײַט.

20. ווי מיינט איר, וואָס איז מער אינ א שפּראַכ — וואָרצלענ צי אפיקסנ? וואָס איז אשטייגער מער אינ ייִדיש — ווערטער מיטנ וואָרצל „פארב“ צי ווערטער מיטנ סופיקס „ער“?

10. וואָרטסטרוקטור אונ וואָרטבילדונג

1. שטרײַכט אונטער די וואָרצלענ אינ די ווײַטערדיקע ווערטער.

צוקומענ, ארויסגענומענ, ארויסגעזעצטע, אָנגעשריבענע, אונטערגעשטראָכנ, צעשניטענע, צוזאַמענגעקליבענע, געשריִענ (געשריגנ), פאַרפראָרענע (פאַר־פרוירענע), פאַרזעסענע.

2. ווײַזט אָנ וועלכע פֿונ די ווײַטערדיקע אונטערגעשטראָכענע ווערטער זײַנענ פֿונ איינעמ אונ דעמ זעלבנ וואָרצל אונ וועלכע ניט.

1) אוי, וועט מענ שעכטנ אונ שנײַדנ א שניט (מארקיש).

2) אונ ס'קוקנ אפ אימ מײַלער מײַליקע פֿונ ביקסנ (מארקיש).

3) אונ איר לעבנ איז דערפֿונ אָנגעפילט מיט א מאָדנער געזונטער פֿולקײַט (גאָדינער).

3. שרײַבט אָנ פינפ ווערטער, וואָס אינ מערצאָל האָבנ זיי סופיקסנ אונ אינ איינצאָל ניט. אשטייגער: טיש — טישנ; פעלד — פעלדער.

4. שרײַבט אָנ פינפ ווערטער, וואָס אינ מערצאָל זײַנענ זיי אָנ סופיקסנ אונ האָבנ א קלאַנגענבײַט אינ וואָרצל. אשטייגער: קאָפ — קעפ; פוס — פיס.

5. שרײַבט אָנ פינפ ווערטער, וואָס אינ מערצאָל האָבנ זיי סופיקסנ אונ

א קלאנגנבײַט אין װאָרצל. אשטײגער: װאלד — װעלדער; בוך — ביכער.

6. שרײַבט אָן פינף װערטער, װאָס יעדעס פון זײ זאָל באשטײן פון צװײ װאָרצלען. אשטײגער: שרײַבטיש, האקמעסער.

7. שטרײַכט אונטער אין די װײַטערדיקע װערטער די װאָרצלען.

1) זיצן, פאַרזיצער, זיצונג, אויסזעצן, אָפּגעזעצט, פארזעסענע.

2) ליגן, ליגט, געלעגער, אָפּלייגן, צעלייגן, לאגער, באלאגערן, לאגע.

3) בינדן, צובינדן, צוגעבונדן, בונד, פארבאנד, באנד, בענדל.

4) געבן, אופגעבן, אופגאבע, אויסגאַבע, אופגאַבע, גיב, גיסט, גיט.

5) גוואר, גיבער, גיבוירים, גויוער (זײַן), גוורע, גוויר, גוורעשאפט.

8. קלײַבט צו אנטאָנימען (װערטער מיט קעגנזעצלעכע באַטײַטן) צו די װײַטערדיקע װערטער.

קלוג, ענערגיש, גליק, אָפּהענגיקײַט, אָנװעזנהײַט, באװעגלעך, לאנגװײַליק, פרײַװיליק, נאטירלעך, אָרגאניזירן, אָרגאניזאציע, אינפעקציע, דיסהארמאָניע, קװאליפיצירן, דיספראָפּאָרץ, אטעיסט, סטיכייש, אָביעקטיװ, קלעריקאל, אָפּטימיסטיש.

אשטײגער: קלוג—נאריש; גליק—אומגליק.

9. שרײַבט ארויס פונעם װײַטערדיקן פראגמענט די װערטער, װאָס אנטהאלטן אי װאָרצלען, אי פּרעפיקסן, אי סופיקסן.

מע דארף ניט פארגעסן, אז יעדער קער פון דער געזעלשאפטלעכער אנטװיקלונג באַרײַכערט די שפראך. דאָס אופקומען פון דער יִדישער אַרבעטער־באװעגונג איז געװען א גרויסער קערפּונקט אין דער געשיכטע פונעם יִדישן פאָלק, און די יִדישע ארבעטער־באװעגונג האָט טאקע געהאט א קאָלאָסאלע װירקונג אף דער אנטװיקלונג פון דער יִדישער שפראך.

װען דער יִדישער ארבעטער האָט אופגעהערט צו זײַן א פּאטריארכאלער פּויעל, א געזועל און איז געװאָרן א באװוסטזיניקער פּראָלעטאריער, האָט ער זיך גלײַך קאָנסטיטוירט אין א מאָדערנעם פּראָלעטאריאט. ער האָט באקומען א קלאסן־שטאנדפּונקט, האָט זיך דערװאָרבן אָנשױיונגען, האָט אָנגעהױבן שטרעבן צו רעװאָליוציאָנערע דעראָבערונגען. די אלע אונטערגעשטראָכענע װערטער, װעלכע זײַנען איצטער אזױ אָרגאניש און צוגענגלעך פארן יִדישן ארבעטער, זײַנען בעשאס זײער אופקומען געװען פרעמד און אומפארשטענדלעך. אונדזערע עלטערן האָבן ניט געװוּסט פון קײן „שטאנדפּונקט״, פון קײן „װעלט־אָנשױונג״, פון קײן „קלאסן־באװוסטזײַן״ אאװ. אזױארום איז אנטשטאנען א נײַער אױצער פאקטן, באגריפן, שטימונגען און דערשײַנונגען, װעלכע זײַנען באלד איבערגעגאָסן געװאָרן אין װאָרט־מאטעריאל און האָבן אָן אן ערעך באַרײַכערט דעם לעקסיקאָן פונעם יִדישן ארבעטער (ליטװאקאָװ).

10. דערקלערט דעם באַטײַט פֿון די װײַטערדיקע װערטער.

אַנטװיקלונג · פּאַטריאַרכאַלער	קאָנסטיטויִרט	שטרעבן באַגריפֿן
קערפּונקט	פֿויעל	מאָדערנעם	דעראָבערונגען שטימונגען
קאַלאָסאַלע	געזועל	שטאַנדפּונקט	אָרגאַניש	דערשײַנונגען
װירקונג	באַװוסטזיניקער	אָנשױיונגען	צוגעגנגלעכ	לעקסיקאָן

11. טײלט אײַן די װײַטערדיקע װערטער אין צװײ גרופּעס: 1) װערטער, װאָס זײַנען װאָרצלען קומען אין יִדיש אָן סופֿיקסן אויך; 2) װערטער, װאָס זײַנען װאָרצלען קומען אין יִדיש נאָר מיט סופֿיקסן (אָדער אין צונױפֿגעזעצטע װערטער).

מאָטיװירן, רעמאָנטירן, קאָנטראָלירן, איזאָלירן, רעסטאַװרירן, מעכאַניזירן, רעסטאַװראַציע, מעכאַניש, באָלשעװיזירן, פּראַקטיש, רעאַליזירן, ליקװידאַטאָר, טעלעפֿאָנירן, באָלשעװיק, קאָנקרעטיזירן, אינדיװידואַליזירן, קאָמיש, טיפּיזירן, טעלעפֿאָניזירן, קאָמיזם, קאָמעדיע, פּראָדוצירן, אינטענסיװ, פּראָדוקטיװ, קאָלעקטיװ, אָפּערירן, אָפּעראַציע, אָפּעראַטיװ, אַדרעסאַט, פֿאַבריקאַט, אַטעסטאַט, רעפֿעראַט, דיפּלאָמאַט, קאָמבינאַט, קורסאַנט, דיפּלאָמאַנט, פֿאַבריקאַנט, עמיגראַנט, סטודענט, אינטעליגענט, רעצענזענט, שאָװיניזם, אַנטיסעמיטיזם, פֿיזיש, טראַגיש, טראַגעדיע.

12. גרופּירט די פֿאָריקע װערטער לויט געמײנזאַמע סופֿיקסן.

13. שטעלט צונױף זאַצן מיט די װערטער „קאָנסטאַטירן (אָן א „נ״ פֿאַרן צװײטן „ט״), קאָנסטיטוציע, סטאַטוט, סטאַטוע, אינסטיטוט״.

14. שרײַבט אַרויס פֿונעם װײַטערדיקן פֿראַגמענט די װערטער, װאָס אַנטהאַלטן צװײ טראַפֿן און מער.

קריזיס, אַרבעטלאָזיקײט, פֿאַרשװוּנדערײַ, דאָלעס פֿון די ברײטע מאַסן—אָט דאָס זײַנען די ניט-אויסהײלבאַרע קראַנקײטן פֿונעם קאַפּיטאַליזם. אונדזער אָרדענונג לײַדט ניט פֿון די דאָזיקע קראַנקײטן, װײַל די מאַכט איז בא אונדז אין די הענט, באַם אַרבעטער-קלאַס אין די הענט, װײַל מיר פֿירן א פּלאַנישע װירטשאַפֿט, מיר זאַמלען אָן פּלאַנמעסיק די רעסורסן און פֿאַרטײלן זײ ריכטיק לויט די צװײַגן פֿון דער פֿאָלקסװירטשאַפֿט. מיר זײַנען פֿרײַ פֿון די ניט-אויסהײלבאַרע קראַנקײטן פֿונעם קאַפּיטאַליזם. דערמיט צײכענען מיר זיך אויס, דערין באַשטײט אונדזער אַנטשײדנדיקער פֿאָרצוג לעגאַבע דעם קאַפּיטאַליזם (סטאַלין).

15. שטרײַכט אונטער צװישן די ערשט אַראָפּגעשריבענע װערטער די, װאָס אַנטהאַלטן אַפֿיקסן.

16. שטעלט צונױף זאַצן מיט די װערטער „פֿאַרשװוּנדערײַ, אויסהײלבאַרע, אָרדענונג, לײַדט, װירטשאַפֿט, פּלאַנמעסיק, רעסורסן, אַנטשײדנדיקער, פֿאָרצוג (преимущество), לעגאַבע״.

17. שרײַבט אָן װאָס גענױער דעם אינהאַלט פֿונעם פֿאָריקן פֿראַגמענט, ניט קוקנדיק אין ביכל.

11. וואָרצל, אפיקס אונ אויסלייג

1. געדענקט דעמ אויסלייג פונ אלע ווײַטערדיקע ווערטער אונ בילדעט אויס מיט זייערע וואָרצלענ וואָס מער ווערטער.

האווענ	האָבנ	הוסטנ	היילנ	הענגענ [3]
האווקענ	האָדעווענ	היטנ	הייסנ	העצנ
האנדלענ	האָפנ [1]	הילכנ	הײַלנ [2]	הערנ [4]
האסנ	האָרעווענ	הינקענ	העכערנ	הערשנ
האקנ	הוליענ	היצנ (זיכ)	העלנ	
הארגענענ	הונגערנ	הייבנ	העלפנ	

2. לערנט אויס אפ אויסווייניק אונ באמיט זיכ אײַנצוהאלטנ אינ קאָפ די ווײַטערדיקע שורעס אונ באזונדערס דעמ אויסלייג פונ די אונטערגעשטראָכענע ווערטער.

1) קלינגענ אָפ ווײַטע טעג ווי שראפנעלנ,
אונ דער טאָג איז פארפרוירנ אונ ל א נ ג;
אונטער רוסישע הארטע שינעלנ
טוט קיינמאָל אונ גאָרניט ניט ב א נ ק (פעפער).

2) ווענ יעדער טאָג איז פראָסט אונ ש ט ר ע נ ג
אונ זונ איז אלע טאָג אנ אנדערע,
איז וועמענ קאָנ נאָכ זײַנ אפ רוסלאנדס פלעצער ע נ ג,
אונ ווער פונדאנענ וועט נאָכ וועלנ וואנדערנ (פעפער).

3. שרײַבט אראָפ ריכטיק דעמ ווײַזערדיקנ פראגמענט, ארײַנשטעלנדיק די פארפעלטע אויסיעס.

דער באלעבאָס פונ דער סטאנציע, די באלעבאָסטע אונ זייערע פיר דערוואקסענע טעכטער — אלע זײַנענ זיי געווענ מיט ל..נגע נעז (נעזער). אונ טאָמער איז קארג, האָט די דינסט נאָכ א ל..נגערע נאָז פונ זיי אלע. דערהערט פונעמ באלעגאָלע, ווער די פארשווינדלעכ זײַנענ, האָט דער ל..נגנאָזיקער באלעבאָס זיי אופגענומענ מיט קאָווער, זיי אָפגעגעבנ שאָלעמאלייכעמ, געהייסנ דער ל..נגנאָזיקער דינסט, זי זאָל דערל..נגענ פארבײַסנ, אונ א קאָמאנדעווע געגעבנ צו די ל..נגנאָזיקע טעכטער, זיי זאָלנ אָנטאָנ די שיכ—זיי זײַנענ געג..נגענ באָרוועס (שאָלעמ-אלייכעמ).

4. בילדעט אויס וואָס מער ווערטער פונ די ווײַטערדיקע אונ שרײַבט זיי אָנ.

1 זיי ה אָ פ נ אפ נאָכ בעסערע צײַטנ. אָבער: די טיר איז אָ פ נ.

2 די הינט ה ײַ ל נ (בילנ), אז מע קאָנ ניט הערנ. אָבער: מיר א ײַ ל נ (לויפנ) וואָס גיכער צו דער ארבעט.

3 די מאנטלענ ה ע נ ג ע נ אינ אלמער (שאפע). אָבער: זיי ע נ ג ע נ זיכ אינ צימער.

4 זיי ה ע ר נ, וואָס מע רעדט צו זיי. אָבער: זיי ע ר נ (אכטנ) דעמ פאָרזיצער.

ענג, העננ, ברעננ, פאַרלאַנג, פאַנג, קלאַנג, שלאַנג, ראַנגל (זיך), געזאַנג, פאַרברענג, דאַנק, דענק, שענק, קרענק, שווענק, געדענק, בענק, קווענקל.

5. שטעלט צונויף זאַצן מיט די ווערטער „ענג, ענגלאַנד, ענגעלס, ענגלישע, ענגקייט; אייגנס, אייגנשאַפט, אייגנטום, אייגנטלעך, אייגנטימער".

6. שטרייכט אונטער אין די ווייטערדיקע ווערטער די אַפיקסן.

אופרייסן, איינעצן, שטאַרקייט, פאַרוקן, מעכטיקייט, אַרופירן, העכסטער, זיסטער, אַריינעמען, אופרעסן, נאַרישסטער, אַרופליען, פאַנאַנדערייסן, צונויפאַלן, אָנעמען.

7. שרייבט אָן די ווייטערדיקע ווערטער אינאיינעם מיט די אָנגעוויזענע פּרעפיקסן:

1. גיין, געבן, טרייבן, קומען, באָדן, פוצן — מיטן פּרעפיקס „אָפּ".
2. שערן, שניידן, שמידן, שטעלן, שמירן, זעגן ״ ״ „אויס".
3. רוקן, ריידן, רייסן, אינטערעסירן, רייכערן ״ ״ „פאַר".
4. געבן, קייקלען, גאַנווענען, קריכן, געטראָגן ״ ״ „אוועק".
5. ווייזן, וואַרפן, וועקן, וואַרטן, פירן, וויקלען ״ ״ „אויף".

אַ ש ט ײ ג ע ר: אָפּגיין, אויסשערן, פאַרוקן, אוועקגעבן, אופווייזן.

8. שרייבט אָן די ווייטערדיקע ווערטער אינאיינעם מיט די אָנגעוויזענע סופיקסן:

1. פריי, שיין, גלייך, קראַנק, מענטש, קינד — מיטן סופיקס „הייט".
2. יונגער, געזונטער, קליינער, גלייכער ״ ״ „הייט".
3. רייך, לאַנג, הייליק, גרינג, גרינג, ענג ״ ״ „קייט".
4. ווייט, בלינד, קאַלט, ווילד, קורץ, לייכט ״ ״ ״
5. פאַרשפאַרט, פאַרטומלט, אופגעבראַכט, באַגרענעצט, אָנגערעדט, אָנגעשטרענגט — מיטן סופיקס „קייט".
6. שטאַרק, זיס, האַרט, ווייס, גרינג, פייכט, לייכט, בייז, אויסגעצייכנט — מיט „סטער".
7. אַרבעט, היים, אידעאַל, בלוט, קאָנטראָל, געפיל, סטיל — מיטן סופיקס „לאָז".

אַ ש ט ײ ג ע ר: פרייהייט, יונגערהייט, רייכקייט, ווייטקייט, פאַרשפאַרטקייט, שטאַרקסטער, אַרבעטלאָז.

12. פּרעפיקס און צוגאָב

1. שרייבט אָן צען ווערטער מיט די פּרעפיקסן „אַנט, באַ, גע, דער, פאַר" און צען מיט די צוגאָבן „אָפּ, אַרויס, פאַנאַנדער, צוזאַמען, צונויף".

2. ווייזט אָן די צוגאָבן אין די ווייטערדיקע זאַצן.

1) אַלע פרימאָרגן איז אינאיינעם מיט פענעקן צוריקגעקומען אין שטוב אַריין די רויקייט.

2) אונ דער טײַך וועט זיך איבער פעלדער אונ לאָנקעס צעגיסנ, פלייצנ אונ ברעטער מיטשלעפנ אונ ערגעצ אינ דער ווײַטער וועלט ארײַנטראָגנ.

3) פאַנטל פורמאַנ שטעקט ארויס א האַנט, ציט זיך אויס אונטער דער דעק (קאָלדרע), דרייט זיך איבער פונ איינ זײַט אפ דער צווייטער, זעצט זיך אופ אונ גענעצט.

3. שרײַבט אָפ די פאָריקע דרײַ זאַצנ אזוי: 1) דער ערשטער זאַצ זאָל ווײַזנ די טוונג, ווי זי וועט ערשט פאָרקומענ; 2) דער צווייטער זאַצ זאָל ווײַזנ די טוונגענ, ווי זיי קומענ איצט פאָר; 3) דער דריטער זאַצ זאָל ווײַזנ די טוונגענ, ווי זיי זײַנענ שוינ פאָרגעקומענ. א שטייגער: 1) אלע פרימאָרגנ וועט אינייַנעם...

4. שטרײַכט אונטער אינ די ווײַטערדיקע זאַצנ די זעלבשטענדיקע ווערטער, וואָס אינ אנדערע פאַלנ קאָנענ זיי קומענ אלס צוגאָבנ.

1) זיי זײַנענ אוועקגעגאַנגענ אינ קיך ארײַנ. 2) אלע נעמענ לאָפּעטעס אונ לאָזנ זיך ארויס. 3) עס איז א סימענ אפ אויס רעגנס. 4) ער האָט אָנגעוויזנ אפ דער טיר, וווהינ מענטשנ גייענ אָפּ אונ אופ. 5) זיי האָבנ די גאַנצע צײַט געהאַלטנ אינ איינ גיינ ארופ אונ אראָפּ.

5. שרײַבט ארויס פונעם ווײַטערדיקנ פראַגמענט אינ דרײַ באַזונדערע גרופּעס: 1) ווערטער מיט פּרעפיקסנ; 2) ווערטער מיט צוגאָבנ; 3) ווערטער מיט פּרעפיקסנ אונ צוגאָבנ.

אינ קעגנזאַצ צו די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווו עס הערשט איצט דער עקאָנאָמישער קריזיס אונ די וואַקסנדיקע ארבעטלאָזיקײַט, שטעלט פאָר די אינערלעכע לאַגע פונ אונדזער לאַנד א בילד פונ וואַקסנדיקנ אופשטײַג פונ דער פאָלקסווירטשאַפט אונ פונ פּראָגרעסיווער פאַרקלענערונג פונ דער ארבעטלאָזיקײַט. ס'איז אויסגעוואַקסנ אונ האָט פאַרשנעלערט די טעמפּנ פונ איר אנטוויקלונג די גרויסע אינדוסטריע. ס'האָט זיך פאַרפעסטיקט די שווערע אינדוסטריע. דער סאָציאַליסטישער סעקטאָר פונ דער אינדוסטריע האָט זיך א רוק געטאָנ ווײַט פאָרויס. ס'איז אויסגעוואַקסנ א נײַע קראַפט אינ דער לאַנדווירטשאַפט—די ראַטווירטנ אונ די קאָלווירטנ. אויב מיט צוויי יאָר צוריק האָבנ מיר געהאַט א קריזיס פונ דער תּבֿואה-פּראָדוקציע אונ האָבנ זיך געשטיצט אינ אונדזער ברויט-פּאַרגרייטונג-ארבעט דעריקער אפ דער אינדיווידועלער ווירטשאַפט, האָט זיך איצט דער שווערפּונקט אריבערגערוקט אפ די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ, אונ דעמ תּבֿואה-קריזיס קאָנ מענ רעכענענ אינ גרונט פאַר געלייזט. די גרונטמאַסנ פונעם פּויערטומ האָבנ ענדגילטיק א קערעווע געטאָנ צו די קאָלווירטנ. דער ווידערשטאַנד פונעם באַלעגופנטומ איז אָפּגעשלאָגנ. די אינערלעכע לאַגע פונ פּססר האָט זיך נאָך מער פאַרפעסטיקט (סטאַלינ).

13. אויסלייג פונ פּרעפיקסנ אונ צוגאָבנ

1. שרײַבט אראָפּ פונ דער טאבעלע, וואָס אפ זײַט 41—43, אינ צוויי באַזונדערע גרופּעס די פּרעפיקסנ אונ די צוגאָבנ.

2. שרײַבט אראָפּ פונ די פּרעפיקסנ אונ צוגאָבנ די יעניקע, וואָס איר רעדט זיי ארויס נית אזוי, ווי זיי זײַנענ אָנגעוויזנ, אונ באמיט זיך צו געדענקענ זיי. דערנאָכ שטעלט צונויפ זאצנ, וואָס זאָלנ אנטהאלטנ ווערטער מיט די פּרעפיקסנ אונ צוגאָבנ, וועלכע איר האָט אראָפּגעשריבנ.

3. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די ווערטער: אופהייבנ, אופשטײנ, אופהאלטנ, אופשטאנד, אופקומענ, באפּוצנ, באנעמענ, באגרײַפנ, בעקיצער, בעעמעס, בעקויעכ, אונטערלייגנ, הינטערלייגנ, אונטערגײנ, הינטערגײנ, אינטערנאציאָנאל, אינטערווענצ.

4. שרײַבט אָנ זאצנ מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

1) צושיקנ, צוגײנ, צונעמענ, צוקלעפּנ, צושלאָגנ, צולייגנ, צושפּילנ, צווינגענ, צוווארפנ, צוטראָגנ, צוגעבנ, צוטרײַבנ.

2) צעשיקנ, צעגײנ, צענעמענ, צעקלעפּנ, צעשלאָגנ, צעלייגנ, צעשפּילנ זיך, צעזינגענ זיך, צעווארפנ, צעטראָגנ, צעגעבנ, צעטרײַבנ.

אשטייגער: 1. איכ וועל דיר באלד צושיקנ די ביכער.

2. איכ וועל הײַנט צעשיקנ אלע בריוו.

5. שרײַבט אָנ די זאצנ, וואָס איר האָט צונויפגעשטעלט, אזוי, אז זיי זאָלנ ווײַזנ קעגנווארט (די איצטיקע צײַט). אשטייגער:

1. איכ שיק דיר באלד צו די ביכער.

2. איכ צעשיק הײַנט אלע בריוו.

6. שרײַבט אָנ די ווײַטערדיקע ווערטער מיט אלע מעגלעכע פּרעפיקסנ אונ צוגאָבנ.

ברענגענ, הענגענ, שענקענ, שווענקענ, העלפנ, האלטנ, הייבנ, נעמענ, לויפנ, לייענענ, געבנ, טרינקענ, זינגענ, זאָגנ, זעגנ.

7. לייענט דורכ אפנ קאָל א פּאָר מאָל סטאלינס פראגמענט, וואָס אפ זײַט 234, ארויסברענגענדיק ריכטיק אונ דײַטלעכ אלע ווערטער, באַזונדערס די וואָקאלנ אונ דיפטאָנגענ.

8. זאָגט איבער דעמ אינהאלט פונעמ פראגמענט, וואָס איר האָט ערשט דורכגעלייענט, אונ שרײַבט עס דערנאָכ אָנ.

14. פּרעפיקס, צוגאָב אונ פּרעפּאָזיציע

1. לייענט דורכ ריכטיק די ווײַטערדיקע זאצנ, שרײַבט זיי אראָפּ אונ שטרײַכט אונטער די צוגאָבנ מיט איינ ליניע אונ די פּרעפּאָזיציעס מיט צוויי.

1) דער גאנצער אוילעמ הערט זיך צו צו זײַנע רייד.

2) דער גאַנצער אויל׳עם הערט זיך צו זײַנע רייד צו.
3) ער פאַלט אונטער אונטער א פרעמדער ווירקונג.
4) ער פאַלט אונטער א פרעמדער ווירקונג אונטער.
5) ער וועט אונטערפאַלן אונטער א פרעמדער ווירקונג.

2. שטעלט צונויף זאַצן, וואָס זאָלן אַנטהאַלטן די צוגאָבן און די פּרעפּאָזיציעס „אָן, אונטער, איבער, דורך, מיט, נאָך". אַשטייגער: ער קומט אָן אף דער ארבעט; ער קומט אָן ביכער.

3. שטעלט צונויף זאַצן, וואָס זאָלן אַנטהאַלטן די פּרעפיקסן און די פּרעפּאָזיציעס „בא" און „פאר". אַשטייגער: ער באַקומט בא מיר א בוך.

4. שרײַבט ארויס פונעם ווײַטערדיקן פראגמענט אין דרײַ באַזונדערע גרופּעס: 1) ווערטער מיט פּרעפיקסן; 2) ווערטער מיט צוגאָבן; 3) ווערטער מיט פּרעפיקסן און צוגאָבן.

אין סטאָלאָווקע איז געווען טונקל. געלויכטן האָט זיך בלויז אײנעם אָפענעם פענצטערל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אף צו דערלאַנגען עסן פון דער קיך. מיט אײַנגעטונקענע פּענעמער אין דער שײַן זײַנען דאָרט האַרט לעבן פענצטערל געשטאַנען צוויי טראַקטאָריסטן, וואָס זײַנען שפּעטער פון אַלע געקומען צוריק פון פעלדארבעט — צוויי געזונטע כעוורעלײַט. אײנער פון זיי האָט ארײַנגערוקט זײַן קאָפּ אין באַלויכטענעם פענצטערל און געהאַלטן אין אײן רײַסן די הויט:

— נו, סאָרע...
— דו וועסט אמאָל געבן עסן?
— אַ? סאָרע!
— גיב די קאַרטאָפּליעס מיט א ביסל קנאָבל.
— הערסט? סאָרע!
— גאָט זאָל שוין דיר געבן א נײַע נעשאָמע, סאָרע...

פון יענער זײַט באַלויכטענעם פענצטערל האָט געענטפערט א מויל פול און פול מיט ביז גאָר בייזער פרויען־שטים:

— עסן וועל איך אײַך געבן!
— א מאַקע וועל איך אײַך געבן!
— א קרענק וועל איך אײַך דערלאַנגען!
— א באָליאַטשקע וועל איך אײַך צוטראָגן!
— פּויליאַקעס!
— לאָדערס!
— פּראָגולשטשיקעס!
— איר האָט מיר צוגעזאָגט פאַריכטן דאָ דעם דאַך.
— שוין א מײַסע פון א וואָך און פון צוויי!
— נאָך יעדער רעגן האָב איך דאָ אין סטאָלאָווקע א פאַרטרינקעניש.

— איכ צעלייג זיכ מיט עמערס און מיט שמאטעס אויסווישנ דאָס וואסער.

— דער גאנצער אוילעמ שטייט מיד און ווארט — קאָנ ניט ארײַנ אינ סטאָלאָווע.

— גאנצע פּאָמפּעס דארפ מענ דאָ האָבנ (בערגעלסאָנ).

5. לייענט דורכ דעמ פּאָריקנ פראגמענט עטלעכע מאָל — אינ זיכ און אפנ קאָל. דערנאָכ פּרובירט עס וואָס גענויער איבערזאָגנ.

15. פּרעפּאָזיציע און אויסלייג

1. שטעלט צונויפ זאצנ, וואָס זאָלנ אנטהאלטנ פאָלגנדיקע פּרעפּאָזיציעס: אראנק, אפ, אָנשטאָט, אינ, בא, בענעגייע, ווענג, כוצ, לויט, לעבנ, לעגאבע, לעטויוועס, לעקאָוועד, מאכמעס מיצאד, מיקויעכ, צו, צוליב, קיינ.

2. לערנט אויס פונ זײַט 49 דאָס צעטל ווערטער, וואָס קומענ מיט „צו" (צוביסלעכ, צוגאסט...), און שטעלט מיט זיי צונויפ זאצנ.

3. שרײַבט אָנ ריכטיק די ווערטער „צו — צי, און — אינ" אינעמ ווײַטערדיקנ פראגמענט.

אפנ וועג האָט פּענעק צו דערפרעגנ זיכ בא יאנענ ווענג א סאכ זאכנ:

— צ · · איז דער פאָטער א . . נ דער היימ.

— צ · · איז ער אוועקגעפאָרנ.

— צ · · איז ער געקומענ.

— צ · · זײַנענ א · ג „הויז" פאראנ געסט.

אויב געסט, איז פּענעקנ אלציינס, צ · · דער פאָטער איז דאָ צ · · ניינ — מיט זײַנ איינציקנ אלטנ, אָפּגעריבענעמ א · · נ פארפלעקטנ גארניטורל טאָר ער דענסטמאָל סײַוויסײַ זיכ ניט באווײַזנ א · · נ די צימערנ א · · נ מוז בלײַבנ א · · נ קיכ (בערגעלסאָנ).

4. שטעלט צונויפ אכט זאצנ, וואָס זאָלנ אנטהאלטנ די ווערטער „צו, צי, און, אינ".

5. שרײַבט ארויס פונ ניקאָלסקיס טעקסט, וואָס אפ זײַט 204—205, אלע פּרעפּאָזיציעס.

16. פּרעפּאָזיציע און ארטיקל

1. שרײַבט אָנ די ווײַטערדיקע זאצנ אָנ די כאראקטעריסטיקעס און פארבײַט, ווו מע דארפ, „א" אפ „אנ" אָדער פארקערט.

1) ער לייענט אנ אלטע צײַטונג. 2) דער פּאָרטראָג האָט ארויסגערופנ א גרויסנ אינטערעס. 3) דער קאָמיוג האָט אָרגאניזירט אנ אל-

פארבאנדישנ יאָנטעוו. 4) אונדזער דירעקטאָר איז געווענ א פּאָטי־לאָווער ארבעטער. 5) איכ האָב היינט געלייענט אנ אינטערעסאנטנ ראָמאנ.

2. שרייבט אָנ זאצנ מיט די וויטערדיקע ווערטער.

אנ אָוונט, אנ אייזנ, אנ עפּל, א נעפּל (א טומאנ), אנ אווירע, א נעסט, א נאקנ, א נומער, א נאָל (בא א שוסטער).

3. שטעלט צו צו די וויטערדיקע ווערטער דעמ אומבאשטימיקנ ארטיקל.

אוילעמ, געזעלשאפט, פּערספּעקטיוו, אוניווערסיטעט, העגעמאָניע, הילפ, האָריזאָנט, אייסעק, נומער, יינגל, העלדישקייט, אָדער, האלדז, אויג, אויער, האנט, עמער, הערינג, עפעקט, דעפעקט.

4. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די וויטערדיקע ווערטער.

1) אינעמ, אָנעמ, פונעמ, אפנ, איבערנ, דורכנ, מיטנ, פארנ, באמ, צומ.

2) דערביי, דערופ, דעריבער, דערינ, דערמיט, דערנאָכ, דערפאר, דערפונ, דערצו, דערונטער.

3) אדאנק, אהיימ, אפּאָנעמ, אקלאל, אשטייגער — א דאנק, א היימ, א פּאָנעמ, א קלאל, א שטייגער; א ביסל, א סאכ, א ווײַלע.

5. שטרייכט אונטער אינ די וויטערדיקע טעקסטנ די פּרעפּאָזיציעס מיט איינ ליניע און די ארטיקלענ מיט צוויי.

1) מיט לענינס פאָנ האָבנ מיר געזיגט אינ די שלאכטנ פאר דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע. מיט לענינס פאָנ האָבנ מיר זיכ דערשלאָגנ אנטשיידנדיקע דערפאָלגנ אינ דעמ קאמפּ פאר דעמ ניצאָכנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג. מיט דער זעלביקער פאָנ וועלנ מיר זיגנ אינ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע אינ דער גאנצער וועלט (סטאלינ).

2) איבער דעמ גאנצנ ראטנלאנד גייט אנ אָנגריפ פונ שעפערישער ארבעט. עס ווערנ געבראָכנ די דוירעסדיקע לעבנ-יעסוידעס. עס ווערנ דעראָבערט די ערד-טיפענישנ. עס ווערנ אויסגעבויט קאָלאָסנ — נייע זאוואָדנ. עס ווערנ אנטדעקט אפ די שפּיצנ פונ די העכסטע שנייבערג ווערטפולסטע אויצרעס. פונ די אונטערוואסערדיקע יאמ-טיפענישנ ווערנ ארויסגעצויגנ פארטרונקענע שיפנ. צווישנ די אייזפעלדזנ פונ אָקעאנענ ראנגלענ זיכ קעגנ גליווער די אייז-שפּאלטער. אונטער דער ערד ווערנ דורכגעלייגט נייע רעלסנ פונ נייע וועגנ. אינ די לאבאָראטאָריעס און בא די מאשינעס ווערנ געשמידט רינגענ פונ וויטערדיקע ניצכוינעס. און אומעטומ ארבעטנ מעסירעסנעפעשדיק צענדליקער טויזנטער בויער („דער עמעס“).

6. לייענט דורכ דעמ לעצטנ טעקסט עטלעכע מאָל אפנ קאָל און שרייבט אימ אָנ דערנאָכ וואָס גענויער, ניט קוקנדיק אינ ביכל. באמיט זיכ ריכטיק אָנצוווענדנ די באשטימיקע און אומבאשטימיקע ארטיקלענ.

7. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די וויטערדיקע ווערטער.

אָנגריף, שעפּערישע, דוירעסדיקע, יעסוידעס, דעראָבערט, קאָלאָסן, וועריטפּול, פּעלדזן, ראַנגלען זיך, פאַרגלייוערט, רינגען, ניצכוינעס, מעסי־רעסנעפּעשדיק, לאַבאָראַטאָריע, אַמבולאַטאָריע.

17. סופֿיקס און פֿלעקסיע

1. דערשרייַבט ריכטיק די ווערטער אין די ווייַטערדיקע זאַצן — שטעלט צו זיי צו די נייטיקע פֿלעקסיעס.

1) מיר דעריאָג . . . און יאָג . . . אַריבער די קאַפּיטאַליסטיש . . לענדער. 2) די דערגרייכונגען אין ראַטנלאַנד רופֿ . . . אַרויס באַם אַל־וועלטלעכ . . . פּראָלעטאַריאַט אַ געפֿיל פֿון שטאָלץ. 3) די אַרבעטער פֿון דער גאַנצ . . . וועלט קוק . . . מיט פֿאַרווונדערונג אויף די קאָלאָסאַל . . דערפֿאָלגן פֿונעם סאָוועטיש . . . פּראָלעטאַריאַט. 4) דער שטורמיש . . . וווּקס פֿון אונדז . . . סאָציאַליסטיש . . . אינדוסטריע קום . . . פֿאָר אויפֿן פּאָן פֿון דעם קאָלאָסאַל . . . אונטערגאַנג פֿון דער פּראָדוקציע אין דער גאַנצ . . . קאַפּיטאַליסטיש . . וועלט. 5) צוזאַמען מיטן וווּקס פֿון דער סאָציאַליסטיש . . . אינדוסטריע קום . . . פֿאָר אַ ראַדיקאַל . . . ענדערונג אינעם לעבן־שטייגער פֿון די סאָוועטיש . . . אַרבעטער און אַרבעטנ־דיק . . . מאַסן.

2. שרייַבט אַראָפּ די ווייַטערדיקע זאַצן און שטרייַכט אונטער די פֿלעקסיעס.

1) מיר גייען אין שול. 2) איר מוזט אָנהייבן שרייַבן. 3) מיר וועלן אייַך העלפֿן. 4) זיי לייענען ייִדישע און רוסישע ביכער. 5) זיי שרייַבן אויף ייִדישע און רוסישע זשורנאַלן. 6) איך רעמאָנטיר דעם שנייַדערשן קלוב. 7) זיי ווילן אויספֿאַרבן די נייַע טירן. 8) דער אינספּעקטאָר קאָנ־טראָלירט אונדזערע מאַשינעס. 9) די פֿאַרוואַלטונג וויל רעאָרגאַניזירן דעם גאַנצן אָנשטאַלט. 10) זיי וועלן אונדז העלפֿן אין אונדזער אינטערעסאַנטער אַרבעט.

3. שרייַבט אַרויס פֿון די ערשטע פֿינף זאַצן, וואָס אָן פֿלעקסיעס, אין דריי באַזונדערע גרופּעס: 1) די פּרעפּאָזיציעס, 2) די אַרטיקלען, 3) די פּרעפּאָזיציעס, וואָס זייַנען צונויפֿגעזעצט מיט אַרטיקלען.

4. שרייַבט אַרויס פֿון די זעלבע פֿינף זאַצן אַלע ווערטער, וואָס אַנטהאַלטן סופֿיקסן און פֿלעקסיעס, און שטרייַכט אונטער די וואָרצלען מיט איין ליניע, די סופֿיקסן מיט צוויי און די פֿלעקסיעס מיט דריי.

5. גיט צו צו די ווייַטערדיקע ווערטער אַזעלכע סופֿיקסן (מיט אָדער אָן פֿלעקסיעס), אַז די ווערטער זאָלן באַטייַטן ניט קיין ז א כ ן, נאָר א י י ג נ ש א פ ט ן (כאַראַקטעריסטיקעס).

זאמד, ליכט, פויער, רוס, פיאָנער, ביהגער, געזעלשאפט, דאָרף, שטאָט, ייִד, קאָמוניסט, קאפיטאליסט, טערק, ייִנגל, גליק.

א ש ט ײ ג ע ר: זאמד — זאמדיק, זאמדיקע.

6. גיט צו צו די ווײַטערדיקע ווערטער אָנשטאָט די פאראנענע צו־גאָבן — אזעלכע, אז די ווערטער זאָלן באטײַטן א פארקערטע ריכטונג.

ארײַנגיין, ארופגיין, צוגיין, צונויפנעמען, ארָאפטרײַבן, ארויסוואַרפן, פאנאנדעריאָגן, אָפטראָגן, צונויפוואַרפן, ארויסשיקן.

א ש ט ײ ג ע ר: ארײַנגיין — ארויסגיין.

7. שרײַבט ארײַן אין דער ווײַטערדיקער טאבעלע די ווײַטערדיקע ווערטער.

אויסגעדערצײלט, פונדאָסנײַ, אומבאוואָפנטערהייט, פארנאכטלעך, אראָפ־געזעצט, ארײַנגערעגנט, באפעלקערונג, באשטײַערונג, געזעסן, דאָסגלײַכן, דערשרעקסט, הערשן, ווינסט, אומבאמערקטערהייט, צופוס, צונויפוואַרפן, צעריסן, באטאָג, אופמערקזאמקײַט, אָפהענטיקײַט.

№	וואָרט	צאָל טראפּן	צאָל באטײַ־טיקע טיילן	וועלכע באטײַטיקע טיילן
1.	אויסגעדערציילט	4	5	1) צוגאָב „אויס"; 2) פרעפיקס „גע"; 3) פרע־פיקס „דער"; 4) וואָרצל „צייל"; 5) סופיקס „ט".
2.	פונדאָסנײַ	3	3	1) פרעפּאָזיציע „פון"; 2) ארטיקל „דאָס"; 3) וואָרצל „נײַ".

18. אויסלייג פון סופיקסן, פלעקסיעס און ענדונגען

1. שרײַבט אראָפּ פון דער טאבעלע סופיקסן, וואָס אף זײַט 58 — 61, די יעניקע, וואָס איר רעדט זיי ארויס (אין ווערטער) ניט אזוי, ווי זיי זײַנען אָנגעוויזן, און באמיט זיך צו געדענקען זיי. דערנאָך ברענגט ווער־טער, וואָס זאָלן אנטהאלטן די סופיקסן, וועלכע איר האָט אראָפּגעשריבן.

2. שרײַבט אָן מיט פּאסיקע סופיקסן די ווײַטערדיקע ווערטער.

1) באנק (בענקל), הויז, בעט, ביין (ביינדל), פיש, פוס (פיסל), קאָפּ, נאָז, הונט (הינטל), שטוב (שטיבל).

2) רויט, קרום, בלוי, גרוי, קליין, ברייט, גרויס, דיק, הארט, ווייך, קאלט, הויך, שוואך, שטארק, גראָב.

3) זומפּ, טעמפּ, בלוט, שניי, אומעט, מילך, פלייש, ציטער, קויט, רויך.

4) שרײַב, קריך, פאַל, פּאָר, האַלט, העלפֿ, הייץ, בינד, לייען, בוי, קלינג, סקריפּ, טרינק, ברענג, שענק.

3. שרײַבט אָן, ווי עס דאַרף צו זײַן, מיט „י" אָדער מיט „ע", אַלע ווײַטערדיקע ווערטער.

מאַלבוש. .מ, פּויער. .מ, קוינ. .מ, קיינ. .מ, סאָכר. .מ, דאָקטויר. .מ, באָכע־ר · ·מ, סאָנ · ·מ, באַטלאָנ · ·מ, פּריצ · ·מ, רייכ· ·מ, שטור · ·מ, פּאָ־נ · ·מ, טאַלמיד · ·מ, בעז · ·מ, נאַראָנ · ·מ, אָט · ·מ, וואר · ·מענ, באַשט · ·מענ, מעלאַמד · ·מ, פּאַרשוו · ·מענ, שטור. ·מדיק, אָר · ·משאַפט פענ · ·מער, ברונ · ·מ (ברונען).

4. שרײַבט אָן מיט „י" אָדער מיט „ע" אַלע ווײַטערדיקע ווערטער.

טערק · ·ש, כויד · ·ש, לאָג · ·ש, פּאַקט · ·ש, העלד · ·ש, בעפּיי־ר · ·ש, קינסטלער · ·ש, פּאָליט · ·ש, מאַלב · ·ש, כאַל · ·ש, באַלעבאַ־ט · ·ש, עקאָנאָמ · ·ש, כיד. .ש, בעסמעדר. .ש, הענדלער. .ש, פּראָלעטאַר. .ש, קאָמיוג · ·ש, נעפּ · ·ש, ליטוו · ·ש, סימפּאַט · ·ש.

5. שרײַבט אָן מיט אַלערליי מעגלעכע סופֿיקסן די ווײַטערדיקע ווערטער.

1) ליקווידירן, רעגיסטרירן, קאָאָפּערירן, אינפֿאָרמירן, עקספּלואַטירן, אַגיטירן, מאַנעווורירן, רעגולירן.

2) ראַציאָנאַליזירן, אינדוסטריאַליזירן, סאָציאַליזירן, פּאָפּוליאַריזירן, טע־ראָריזירן, אָרגאַניזירן, קלאַסיפֿיצירן, עלעקטריפֿיצירן.

6. בילדעט אויס נאָך ווערטער פֿון די ווײַטערדיקע וואָרצלען, צו־געבנדיק צו זיי פּרעפֿיקסן, צוגאָבן און סופֿיקסן.

ווײַז, היט, טרײַב, אַרבעט, טרינק, צינד, טראַכט, שנײַד, זינג, כאַפּ, וואַש, טו, כאַלעש, קום, בעט, הענג, שענק, דענק, ברענג, שווענק.

די ווערטער, וואָס איר וועט בילדן, זאָלן באַשטיין פֿון:

1) פּרעפֿיקס אָדער צוגאָב + וואָרצל. אַשטייגער: באַווײַז, אָנווײַז...

2) וואָרצל + סופֿיקס. אַשטייגער: ווײַזער, ווײַזנדיק...

3) פּרעפֿיקס אָדער צוגאָב + וואָרצל + סופֿיקס. אַשטייגער: באַווײַזנדיק, אָנווײַזער...

19. צונויפֿזאַץ

1. שרײַבט אָן פֿינף צונויפֿזאַצן מיט אַפֿיקסן (פּרעפֿיקסן אָדער סופֿיקסן) און פֿינף אָן אַפֿיקסן.

2. קוקט זיך גוט צו צום אויסלייג פֿון די ווײַטערדיקע צונויפֿזאַצן, קלײַבט פֿאַנאַנדער זייער סטרוקטור, טראַכט זיך אַרײַן אין זייער באַטײַט און שאַפֿט מיט זיי זאַצן.

איינאַרטיק	ענדגילטיק	בינדצייכן	שניטצײַט	יאָרטאָג
אייגנאַרטיק	קורצזיכטיק	פּרוווּפֿעלד	גאַסטצימער	יאָרצײַט

אלוועלטלעכע באוווסטזיניק שטאנדפונקט גוואלדטאט הײַנטצײַטיק
אלטוועלטלעכע בלוטדאָרשטיק וואנטצײַטונג לײדיקגײער פעסטשטעלנ

3. שאפט וואָס מער צונויפזאצנ פונ די ווײַטערדיקע ווערטער.

פאבריק, זאָקנ, געשעפט, ביכער, אלמער, שפּיצנ, ביימער, טיש, גאס, פּארטיי, וואלד, שטוב, הענדלער, שיכ, שול, ארבעטער, לאָמפּ, קרײַז, טיר, אָנפירער, מאכט, ראט, שטאָט, הויז, אָוונט.

4. פּרובירט דערגייַנ, אינ וועלכע שפּראכנ זײַנענ די ווײַטערדיקע ווערטער צונויפזאצנ און אינ וועלכע ניט.

בוכהאלטער, שטרײַקברעכער, סאמאָוואר, פּאָרטמאָנע, פּאָרטציגאר, באלעגאָלע, פאריקמאכער, קוראָרט, געאָגראפיע, ביאָגראפיע, דעמאָקראטיע, פּאָטאָגראפיע, אריסטאָקראטיע, ציפערבלאט, פּלוטאָקראטיע, מאסשטאב, פּלאצקארטע, וווּנדערקינד, זאָאָלאָגיע, ביוראָקראטיע, פרײַזקוראנט, נאָמענקלאטור, פּאָליגראפיע, פּאָליקליניק, אווטאָביאָגראפיע, העקטאר, העקטאָגראפ, קילאָמעטער, קילאָגראם, העקטאָגראם.

5. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די פּאָריקע ווערטער.

6. שרײַבט ארײַנ אינ דער ווײַטערדיקער טאבעלע די ווײַטערדיקע ווערטער (צונויפזאצנ).

אָפּרוהײַזער, פעסטגעשטעלט, בוכהאנדלונג, הויזווירטשאפט, ווײַסרוסלענדער, גאסטפרײַנטלעכ, גוטבאזיצער, גרויסהאלטער, גרויסארטיק, גרויסהאנטיקע, דרײַעק, דרוקפעלער, הארטנעקיק, הארצקלעמעניש, הימלפארב, הײַנטצײַטיקע, וואלרעכטלאָזיקײַט, שטילשטאנד, וואָרטבילדונג, ווייכהארציקײַט.

№№	וואָרט (צונויפזאצ)	צאָל טראפנ	צאָל באטײַטיקע טיילנ	וועלכע באטײַטיקע טיילנ
1.	אָפּרוהײַזער . . .	4	4	1) צוגאָב „אָפּ“; 2) וואָרצל „רו“; 3) וואָרצל „הײַז“; 4) סופיקס „ער“.
2.	פעסטגעשטעלט . . .	3	4	1) וואָרצל „פעסט“; 2) פּרעפיקס „גע“; 3) וואָרצל „שטעל“; 4) סופיקס „ט“.

7. גרופּירט די ווײַטערדיקע צונויפזאצנ לויט געמיינזאמע וואָרצלענ.

קורצזיכטיק, לאנגווײַליק, פארווײַלנ, ווײַטזיכטיק, האנטגעלט, בוכהאלטער, הײַנטצײַטיק, גרויסהאנטיקע, צײַטווײַליק, גרויסהאלטער, וואנטצײַטונג, שטאנדפונקט, לײַבקאָליר, ווילשטאנד, ווייכלײַביק.

20. אויסלייג און סימאָנים פונ צונויפזאצנ

1. ווײַזט אָנ דעם באטײַט-אונטערשייד פונ די ווײַטערדיקע זאצנ. לייגט אכט אפ די אויסגעטיילטע ווערטער (אפנ בינדצייכנ).

1) ווו האָט זיכ דער יידישער ארבעטער-אקטיוו באטייליקט אינ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע?

2) ווי האָט זיכ דער ייִדישער אַרבעטער אַקטיוו באַטייליקט אינ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע?

2. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די ווײַטערדיקע ווערטער.

הויפּט־טייל, געגנט־טוער, קאַנט־טוער, גאַז־זאַוואָד, קויפ־פּייִק, אָרעמאַנ, האַנטעכ, זעלבשוץ, זעלבשטענדיק, זעלבשטראָמ, זעלבסטעטיקייט, זעלבסט־קריטיק, פעסטשטעלנ, ווײַמפּערלעכ, באַשײַמפּערלעכ.

3. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די ווײַטערדיקע ווערטער.

אַרבעטפּיוי, אַרבעטער־פּרוי, אַרבעטער־צײַטונג, אַרבעטער־רעגירונג, אַנטוויקלונג־באַדינגונגענ,ווירטשאַפט־פּאַרוואַלטער, מוסטער־רעפּובליק, ווירטשאַפט־פּערספּעקטיווג, מיזרעכפּעלקער, גרונט־אויפגאַבעס.

4. שטעלט דעמ בינדצייכנ בא די ווײַטערדיקע צונויפזאצנ. מאַכט אָבער ניט קייג טאָעסנ, געדענקט די סימאָנימ פונ א צונויפזאַץ.

1) דער קאַנט קאָמיטעט רופט צונויפ אַלע קרײַז באַפולמעכטיקטע. 2) די לעצטע יאָרנ איז ער געווענ מער באַוווּסט אינ די שרײַבער קרײַזנ. 3) באַמ ברעג וואַלד האָט זיכ צונויפגעקליבנ א גרויסער אוילעמ מענטשנ. 4) דער גאַנצער סטודענטנ קאָלעקטיוו האָט זיכ גענומענ פאַר דער פּאַרטיי געשיכטע. 5) די צענטראַלע טיפּנ אינ דעמ ווערק זײַנענ אָנגעזעענע געזעל־שאַפטלעכע פּערזאָנענ. 6) די ראַטנ געזעלשאַפטלעכקײַט רעאַליזירט אַפּנ גיכסטנ אויפנ די באַשלוסנ פונעמ צענטראַלנ אויספיר קאָמיטעט. 7) דער צענטראַל קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי נעמט אָנ אַלע מיטלענ אַפּ אויפצוהייבנ די קערנער ווירטשאַפט. 8) די קאָאָפּעראַציע כאַפּט אַרומ אַלץ ברייטערע מאַסנ פויערימ. 9) די דאָרפ אָרעמשאַפט שטיצט די מאָסמיטלענ פונעמ שטאָטישנ פּראָלעטאַריאַט. 10) די מעלוכע אָנפירונג איז אינ די בורזשואַזע לענדער קאָנצענטרירט אינ די הענט פונ זייער א שמאָלנ קרײַז מענטשנ.

5. שרײַבט אַרויס פונעמ „עמעס“-טעקסט, וואָס אַפּ זײַט 238, אַלע צונויפזאַצנ — סײַ די, וואָס זײַנענ געשריבנ אינאיינעמ, און סײַ די, וואָס זײַנענ מיט בינדצייכנס. דערנאָכ שטרײַכט אונטער אינ די אַראָפּגעשריבענע צונויפזאַצנ די סופיקסנ און פּרעפיקסעס. נעמט נאָר ניט אָנ פאַר קיינ צונויפזאַץ סטאַמ א וואָרט, וואָס אַנטהאַלט מער ווי איינ באַטײַטיקנ טייל.

6. שרײַבט אָנ צוואַנציק צונויפזאַצנ—צענ עלטערע (האַקמעסער, ווינטמיל...) און צענ נײַערע (קאָנטראָל־ציפערנ, לופטפלאָט, שלאָג־בריגאַדע...). פאַרגעסט ניט צו שטעלנ אינ די נייטיקע פאַלנ דעמ בינדצייכנ.

21. צונויפזאַץ־טיפּנ

1. מאַכט קלאָר דעמ באַטײַט־אונטערשייד פונ די ווײַטערדיקע צונויפזאַצנ און שרײַבט מיט זיי אָנ זאַצנ.

אַנ אַרבעטער־צײַטונג | א צײַטונג־אַרבעטער

א פאַבריק־מאַנטל   א מאַנטל־פאַבריק

א רעוואָלוציע־טעאַטער   א טעאַטער־רעוואָלוציע

2. שטעלט דעם בינדצייכן באַ די וויַטערדיקע צונויפֿזאַצן אָדער שריַבט זיי אָן איניינעם, אויב זיי זיַנען ניט קיין גרויסע.

1) דער פרעזידיום פונעם צעקאַ פון מעטאַליסטן פאַריין האָט אויסגעהערט פּאָרטראָגן וועגן דער איבערוואַל קאַמפּאַניע אין אוראַל, אוקראַינע, לענינגראַד, טולע, מאָסקווע און אין א ריי אַנדערע ראַיאָנען. די באַריכטן אויף וואַל פאַרזאַמלונגען האָט מען אומעטום זייער גוט באַזוכט. די מעטאַליסטן האָבן היַנטיקס יאָר צום ערשטן מאָל געשיקט אַרבעטער בריגאַדעס אין דאָרף פאַר דער איבערוואַל קאַמפּאַניע. דער הויפּט פעלער פון דער איבערוואַל קאַמפּאַניע איז באַשטאַנען דערין, וואָס אין איר האָבן זיך שוואַך באַטייליקט די אַרבעטערנס און די נאַצמינדערהייטן. אַקטיוו האָבן זיך באַטייליקט אין איבערוויַלן די ראַטן די באַרג אַרבעטער („דער עמעס", 1929).

2) די פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פונעם מעטאַליסטן פאַריין, וואָס אַרבעטן אויפֿן טורבינען זאַוואָד פון דער אַלגעמיינער עלעקטרע קאָמפּאַניע אין בערלין, האָט איינשטימיק אָנגענומען א רעזאָלוציע וועגן צוגרייטן א שטריַק אויף די אונטערנעמונגען פון דער בערלינער מעטאַל אינדוסטריע. די רעזאָלוציע לייגט פאָר אויסצוקליַבן שטריַק קאָמיטעטן אין אַלע בערלינער אונטערנעמונגען פון דער מעטאַל אינדוסטריע. מע רופט אויך אַלע אַרבעטער צו באַטייליקן זיך אין דער דעמאָנסטראַציע פונעם 1־טן מיַ. אַזאַ רעזאָלוציע האָט אויך אָנגענומען דער מיטינג, וואָס די קאָמפּאַרטיי, קאָמיוג און רויטער פראָנטקעמפער פאַריין האָבן צונויפגערופן („דער עמעס", 1929).

3. שאַפט צונויפזאַצן אָנשטאָט די וויַטערדיקע ווערטער־גרופעס.

1) אַן אייגנטום, וואָס געהערט פּריוואַטע פּערזאָנען. 2) אַן אַפּאַראַט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט קאָלאָניזירן. 3) א צימער, ווו מע רעגיסטרירט. 4) א באַראַטונג, וואָס טראַכט וועגן דער פּראָדוקציע. 5) א קאָמיסיע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אויספאָרשן.

4. שריַבט אַרויס פונעם וויַטערדיקן פראַגמענט די צונויפֿזאַצן.

די געשיכטע פון די פעלקער ווייסט פון ניט ווייניק רעוואָלוציעס. זיי שיידן זיך אונטער פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע דערמיט, וואָס זיי אַלע זיַנען געווען איינזיַטיקע רעוואָלוציעס. עס פלעגט פאַרביטן ווערן איין פאָרמע פון עקספּלואַטירן די אַרבעטנדיקע דורך א צווייטער פאָרמע פון עקספּלואַטירן, אָבער די עקספּלואַטאַציע גופא פלעגט בליַבן. עס פלעגן פאַרביטן ווערן איינע עקספּלואַטאַטאָרס און אונטערדריקער דורך אַנדערע עקספּלואַטאַטאָרס און אונטערדריקער, אָבער די עקספּלואַטאַטאָרס און אונטערדריקער גופא פלעגן בליַבן. בלויז די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט

פאר זיך געשטעלט דעם ציל — פארניכטן יעטווידע עקספּלואטאציע און ליקווידירן אלע און אלערליי עקספּלואטאַטאָרס און אונטערדריקער.

די רעוואָליוציע פון די שקלאפן האָט ליקווידירט די שקלאפן־באַזיצער און האָט אָפּגעשאפן די שקלאפן-באזיצערשע פאָרמע פון עקספּלואטירן די ארבעטנדיקע. אָבער אָנשטאָט זיי האָט זי אוועקגעשטעלט די לייב-אייגנ-טימער און די לייב-אייגנטימערשע פאָרמע פון עקספּלואטירן די ארבעטנדיקע. איינע עקספּלואטאטאָרס זיינען פארביטן געוואָרן דורך אנדערע עקספּלואטא-טאָרס. בא דער שקלאפעריי האָט דער „געזעץ" דערלויבט די שקלאפן-באזיצער צו דערמאָרדן די שקלאפן. בא די לייב־אייגנטימערשע פאָראָנדקעס האָט דער „געזעץ" דערלויבט די לייב-אייגנטימער „בלויז" צו פארקויפן די לייב־אייגענע.

די רעוואָליוציע פון די לייב־אייגענע פויערים האָט ליקווידירט די לייב-אייגנטימער און האָט אָפּגעשאפן די לייב-אייגנטימערשע פאָרמע פון עק־ספּלואטאציע. אָבער אָנשטאָט זיי האָט זי אוועקגעשטעלט די קאפיטאליסטן און פריצים, די קאפיטאליסטישע און פריצישע פאָרמע פון עקספּלואטירן די ארבעטנדיקע. איינע עקספּלואטאטאָרס זיינען פארביטן געוואָרן דורך אנ־דערע עקספּלואטאטאָרס. בא די לייב-אייגנטימערשע פאָראָנדקעס האָט דער „געזעץ" דערלויבט צו פארקויפן די לייב-אייגענע. בא די קאפיטאליסטישע פאָראָנדקעס דערלויבט דער „געזעץ" „בלויז" צו פארורטיילן די ארבעטנ-דיקע אף ארבעטלאָזיקייט און פאראָרעמונג, אף רויִנירונג און הונגערטויט.

בלויז אונדזער סאָוועטישע רעוואָליוציע, בלויז אונדזער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט געשטעלט די פראגע אזוי, אז מע זאָל ניט פארבייטן איינע עקספּלואטאטאָרס אף אנדערע, ניט פארבייטן איין פאָרמע פון עק־ספּלואטאציע אף אן אנדערער,—נאָר אויסוואָרצלען יעטווידע עקספּלואטאציע, אויסוואָרצלען אלע און אלערליי עקספּלואטאטאָרס, אלע און אלערליי גווי-רים און אונטערדריקער, אי די אַלטע אי די נייַע (סטאלין).

5. שטעלט צונויף זאצן מיט די ווערטער „פארניכטן, שקלאפן, לייב־אייגנ-טימער, לייב-אייגענע, עקספּלואטירטע, עקספּלואטאטאָרס, רעוואָליוציע, ליק־ווידירט, באפרייַונג, קאָמוניזם".

6. לייענט דורך א פּאָר מאָל דעם פאָריקן פראגמענט און דערנאָך זאָגט איבער און שרייבט אָן זייַן אינהאלט, ניט קוקנדיק אין ביכל.

7. לייענט דורך די ווייַטערדיקע פּאָר זאצן (לייגט אכט אפן בינד־ציייכן) און ווייַזט אָן, ווער האָט אָנטיילגענומען אין דער קאָנפערענץ לויטן ערשטן זאץ און ווער לויטן צווייטן.

1) אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטיילגענומען ארבעטער־ און פּוי־ערים-דעפּוטאטן.

2) אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטיילגענומען ארבעטער און פּויע-רים־דעפּוטאטן.

8. ווײַזט אָנ דעם אונטערשייד פֿונ די ווײַטערדיקע צונויפֿזאצנ.

1) ער איז גוט באקאנט מיט די דאָרעם-מיזרעכ־ראיאָנענ.

2) ער איז גוט באקאנט מיט די דאָרעם־ אונ מיזרעכ-ראיאָנענ.

9. שרײַבט אדאָפּ דעם ווײַטערדיקנ טעקסט אונ שטרײַכט אונטער אלע צונויפֿזאצנ.

נעמענדיק אינ אכט די וויכטיקײַט פֿונ דער פּראָבלעם פֿונ ווירט־שאפֿטלעכנ אײַנאָרדענענ די שטעטלעכ אונ די לאגע, אינ וועלכער זי געפֿינט זיכ, האָט דער יידסעקטאָר צוזאמענ מיט דער נאצקאָמיסיע באשאפֿנ א פּארייניקטע קאָמיסיע, אינ וועלכער עס זײַנענ ארײַנ פֿאָרשטייער פֿונ אלע פֿארינטערעסירטע אנשטאלטנ — מעלוכע-פּלאנ, קוסטגעווערב, קאָמערד, געזערד, קאָאָווירט-צענטער, פֿאָלקאָמארבעט, פֿאָלקאָמבילד אאוו. („דער עמעס").

10. קלײַבט צונויפֿ א פּאָר צענדליק פֿארשיידענע טיפּנ צונויפֿזאצנ אונ טיילט זיי אײַנ לויט זייער סטרוקטור אינ אזעלכע פֿיר גרופּעס:

1. שרײַבטיש	2. רעוואָלוציאָנער	3. פּארטקאָמ	4. צעקא

11. ענטפֿערט שריפֿטלעכ אפּ פֿאָלגנדיקע פֿראגעס:

1) וואָס איז אזוינס אנ אפֿיקס? א פּרעפֿיקס? א סופֿיקס?

2) וואָס איז אזוינס א צונויפֿזאצ?

3) וואָס איז דער אונטערשייד פֿונ א פּרעפֿיקס אונ צוגאָב?

4) וועלכע טיפּנ באטײַטיקע טיילנ זײַנענ פֿאראנ?

5) צי פֿאלט צונויפֿ א טראפּ מיט א באטײַטיקנ טייל?

6) וואָס פֿאר א קלאל איז פֿאראנ וועגנ די אויסיעס פֿאר „נג, נק"?

7) אינ וועלכע פֿאלנ שרײַבט מענ א צונויפֿזאצ מיט א בינדצייכנ?

8) ווענ שרײַבט מענ סאָפֿ וואָרט — „ימ" אונ ווענ — „עמ"?

9) ווענ שרײַבט מענ סאָפֿ וואָרט — „יש" אונ ווענ — „עש"?

10) ווענ שרײַבט מענ סאָפֿ וואָרט — „יק" אונ ווענ — „עק"?

22. סוביעקט, פּרעדיקאט, אָביעקט

1. שטרײַכט אונטער אינ די ווײַטערדיקע זאצנ מיט איינ ליניע די סוביעקטנ אונ מיט צוויי ליניעס די אָביעקטנ.

1) די מאמע ליינט א צײַטונג. 2) די פֿאבריק ארבעט אויס קנעפּלעכ. 3) דעמ ראטנ-פֿארבאנד האלטנ אונטער אלע רעוואָלוציאָנערנ. 4) די אָפּאָרטוניסטנ שטיצנ די בורזשואזיע. 5) די בורזשואזיע שטיצט די אָפּאָרטוניסטנ.

2. שטרײַכט אונטער אינ די ווײַטערדיקע זאצנ בלויז די סוביעקטנ.

1) די פֿארזאמלונג האָט אָנגענומענ א רעזאָליוציע. 2) די רעזאָליוציע

וועט מאָביליזירנ די פאבריק. 3) דעמ פלאנ וועט די פאבריק אויספילנ. 4) די ארבעט וועט זיכ ראדיקאל ענדערנ. 5) עס וועלנ זיכ שטארק פארבעסערנ די באדינגונגענ פונ דער ארבעט.

3. שטרייכט אונטער אינ די וויטערדיקע זאצנ מיט איינ ליניע די סוביעקטנ און מיט צוויי די פרעדיקאטנ.

1) הײנט ארבעט איכ פארנאכט. 2) דער פארנאכט איז הײנט א קאלטער. 3) מאָרגנ גייענ מיר אינ טעאטער. 4) מיר וועלנ זענ א שיינע פאָרשטעלונג. 5) דער טעאטער איז ניט וויט פונ אונדזער פאבריק. 6) די פאבריק האָט אָפגעקויפט די גאנצע פאָרשטעלונג. 7) נאָכנ טעאטער קומ איכ צו דיר. 8) איכ וועל נאָכ אויכ ארייַנגיינ צו מוישענ. 9) מוישע איז איצט ניט געזונט. 10) עס טוענ אימ וויי די פיס.

4. שרייבט אָנ צענ זאצנ, וואָס זאָלנ אנטהאלטנ סוביעקטנ, פרעדיקאטנ און אָביעקטנ. ווערטער פאר די דאָזיקע זאצגלידער נעמט פונ די וויטערדיקע גרופעס אָדער קלייבט אליינ צו.

1) ווערטער פאר סוביעקטנ און אָביעקטנ. דער ברודער, דער כאווער, דער זומער, די פארטיי, די ראטנמאכט, די פויערימ, די רעוואָליוציע, די פאבריק, דער דירעקטאָר, דער ארבעטער-קלאס, דער אוניווערסיטעט, דער פלאנ, די דערפאָלגנ.

2) ווערטער פאר פרעדיקאטנ: באגעגענענ, ברענגענ, שענקענ, מאָביליזירנ, אָרגאניזירנ, ליקווידירנ, פארענדיקנ, באווייזנ, דערלויבנ, אנטוויקלענ, קאָנסטאטירנ, פארהאלטנ.

אשטייגער: דער ברודער באגעגנט די פויערימ (אָדער דעמ כאווער...).

5. שרייבט אָנ צענ זאצנ, ווי די ווערטער, וואָס זיינענ אינ די פאָריקע זאצנ געווענ סוביעקטנ, זאָלנ איצט זיינ אָביעקטנ; און די אָביעקטנ פונ די פאָריקע זאצנ זאָלנ איצט קומענ אלס סוביעקטנ. אשטייגער: די פויערימ באגעגענענ דעמ ברודער.

6. שרייבט אָנ פינפ זאצנ, ווו די ווערטער „איכ, דו, מע, זיי, מיר“ זאָלנ זיינ סוביעקטנ.

7. שרייבט אָנ פינפ זאצנ, ווו די ווערטער „מיר, דיר, זיי, זי, אונדז“ זאָלנ זיינ אָביעקטנ.

23. הויפטגלידער און ביַיגלידער

1. געפינט דורכ מיט דער געהעריקער אינטאָנאציע די וויטערדיקע זאצנ.

1) דער ארבעטער-קלאס קעמפט.

2) דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער-קלאס קעמפט קעגנ דעמ קאפיטאליזמ.

3) דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־קלאַס פון אַלע לענדער קעמפט קעגן דעם אַלוועלטלעכן קאַפּיטאַליזם.

2. שטרײַכט אונטער אין די ווײַטערדיקע זאַצן מיט איין ליניע דעם סוביעקט מיט זײַנע זאַצגלידער און מיט צווײ ליניעס דעם פּרעדיקאַט מיט זײַנע זאַצגלידער.

1) דעם ברודערס כאַוויירים וואַרטן אױף דיר. 2) די פאַרזאַמלונגען אינעם צעכ דויערן שוין צוויי שעה. 3) דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־קלאַס פון אַלע לענדער קעמפט קעגן קאַפּיטאַליזם. 4) פון אַלע גאַסן גייען דעמאָנסטראַציעס צום צענטער פון שטאָט. 5) דעמאָנסטראַציעס פון אַזעלכע מאַסן באַאומרויִקן דעם אַלוועלטלעכן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. 6) אַפילו די סאָנים פון דער ראַטנמאַכט אָנערקענען אירע גרויסע דערפאָלגן. 7) די דערפאָלגן פון דער ראַטנמאַכט רעוואָליוציאָניזירן דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט. 8) אינעם ראַטן־פאַרבאַנד וואַקסט די אינדוסטריע מיט גיגאַנטישע טעמפּן. 9) די סאָוועטישע לאַנדווירטשאַפט שפּאַנט מיט גרויסע טריט. 10) דער סאָציאַליזם פאַרכאַפּט אַלץ מער און מער פּאָזיציעס.

3. שרײַבט אַראָפּ די הויפּטגלידער פון די פאָריקע זאַצן — די סוביעקטן און די פּרעדיקאַטן.

4. גיט צו צו די ווײַטערדיקע זאַצן בײַגלידער, וואָס זאָלן ציִען צום פּ ר ע ד י ק אַ ט.

1) דער קאָמיוג אַנטוויקלט. 2) די ארבעט דערציט. 3) זיי פירן. 4) דער צוזאַמענפאָר באַהאַנדלט. 5) די רעוואָליוציע מאָביליזירט.

5. גיט צו צו די ווײַטערדיקע זאַצן בײַגלידער, וואָס זאָלן ציִען צום ס ו ב י ע ק ט.

1) דער צושטאַנד וואַקסט. 2) דער ארבעטער קעמפט. 3) די פּערספּעקטיוון שטײַגן. 4) די לאַגע פאַרבעסערט זיך. 5) די שטימונג הייבט זיך.

6. גיט צו צו די ווײַטערדיקע זאַצן בײַגלידער, וואָס א טייל פון זיי זאָל ציִען צום ס ו ב י ע ק ט און א טייל צום פּ ר ע ד י ק אַ ט.

1) דער קאָמיוג אַנטוויקלט. 2) דער ארבעטער קעמפט. 3) די עקזיסטענץ ווירקט. 4) דער צוזאַמענפאָר באַהאַנדלט. 5) די שלאַגלער באַהערשן.

7. שרײַבט אָן אכט זאַצן, וואָס זאָלן אַנטהאַלטן פאָלגנדיקע זאַצגלידער און אין אַזא סיידער.

1) סוביעקט, פּרעדיקאַט, אָביעקט. 2) פּרעדיקאַט, סוביעקט, אָביעקט. 3) אָביעקט, פּרעדיקאַט, סוביעקט. 4) אַטריבוט, סוביעקט, פּרעדיקאַט, אָרט־באַשטימונג. 5) צאָל־באַשטימונג, פּרעדיקאַט, אָביעקט, סוביעקט. 6) אָרט־באַשטימונג, פּרעדיקאַט, סוביעקט. 7) צײַט־באַשטימונג, פּרעדיקאַט, סוביעקט, אָרט־באַשטימונג. 8) אַטריבוט, סוביעקט, פּרעדיקאַט, אָרט־באַשטימונג, אַטריבוט, אָביעקט.

24. זאצגלידער און וואָרטקלאסנ. ווערב און סובסטאנטיוו

1. שטרייכט אונטער אינ די ווייטערדיקע זאצנ מיט איינ ליניע דעמ סוביעקט מיט זיינע זאצגלידער און מיט צוויי ליניעס דעמ פרעדיקאט מיט זיינע זאצגלידער.

1) די פארזאמלונג וועט הייַנט דויערנ עטלעכע שאָ. 2) דער ארבעטער-קלאס וועט דעמ אלוועלטלעכנ קאפיטאליזמ סאָפקאָלסאָפ אופרייסנ. 3) איגעמ ראטנ-פארבאנד זיינע דעמ ערשטנ מייַ פאָרגעקומענ קאָלאָסאלע דעמאָנ-סטראציעס. 4) די אויסלענדישע געסט זיינענ פונ די דאָזיקע דעמאָנסטרא-ציעס פארכאפט געוואָרנ. 5) דער ארבעטער-קלאס פונעמ ראטנ-פארבאנד האָט פאר דער גאנצער וועלט געוויזנ זיינ אָרגאניזירטקייט און זיינ קראפט.

2. שרייבט אראָפ פונ די פאָריקע זאצנ די הויפטגלידער.

3. שטעלט צו צו די הויפטגלידער פונ די פאָריקע זאצנ נייע ביַיגלי-דער, וואָס א טייל פונ זיי זאָל ציִענ צומ סוביעקט און א טייל צומ פרעדיקאט.

4. שטרייכט אונטער אינ די ווייטערדיקע זאצנ די סוביעקטנ מיט איינ ליניע און די פרעדיקאטנ מיט צוויי.

1) די ערשטע קלאסנ-געזעלשאפטנ האָבנ זיכ אויסגעבילדעט אינ די טייכטאָלנ פונ אזיע און צאָפנ-אפריקע. 2) די דאָזיקע טאָלנ זיינענ מעסאָפאָ-טאמיע, עגיפּעט און דער טאָל באמ טייַכ כואנכע אינ דער איצטיקער כינע. 3) די דאָזיקע טייכטאָלנ זיינענ לויט זייערע באדינגונגענ זייער גינסטיק פאר ערדארבעט. 4) די פארפלייצונגענ פונ די טייַכנ באוואסערנ דאָרט גוט די פעלדער. 5) דער קלימאט איז דאָרט א ווארעמער. 6) דער באָדנ איז דאָרט א פרוכטבארער. 7) דעריבער האָט זיכ אייַנגעזעסענע ערדארבעט אינ די דאָזיקע ערטער אנטוויקלט פריִער איידער אינ אנדערע לענדער. 8) די באפעלקערונג פונ די דאָזיקע ערטער האָט פריִער ווי אינ אנדערע ערטער אָנגעהויבנ באארבעטנ די ערד מיט אנ אקער. 9) אינ די דאָרטיקע שטאמ-קאָמונעס איז פריִער ווי אינ אנדערע לענדער אופגעקומענ אומגלייַכקייט. 10) עס האָט זיכ אָנ-געהויבנ די צעטיילונג אפ רייַכע און אָרעמע. 11) צווישנ זיי האָט זיכ אָנ-געהויבנ א קאמפ. 12) אינ די דאָזיקע טאָלנ האָבנ זיכ אויסגעבילדעט די אורעלטסטע קלאסנ-מעלוכעס (לויט נ. מ. ניקאָלסקינ).

5. שרייבט ארויס פונ די לעצטע צוועלפ זאצנ די פרעדיקאטנ, איינ-טיילנדיק זיי אינ דריי גרופעס: 1) פרעדיקאטנ, וואָס ווייזנ דעמ סוביעקטס צושטאנד (אָדער אייגנשאפט); 2) פרעדיקאטנ, וואָס ווייזנ דעמ סוביעקטס טוונג (פרעדיקאטנ ווערבנ); 3) פרעדיקאטנ, וואָס אידענטיפיצירנ דעמ סוב-יעקט מיט אנ אנדער זאכ (פרעדיקאטנ סובסטאנטיוונ).

6. שטעלט צונויף צען זאצן, ווו עס זאָלן זײַן פאָרגעשטעלט די פריער אָנגעוויזענע פרעדיקאַט־טיפּן.
7. שרײַבט ארויס פון אלע אופגאבעס פונעם דאָזיקן קאפיטל די סובסטאנטיוון.

25. ווערבפאָרמעס. פערזאָניקער ווערב, פארטיציפּ און אינפיניטיוו

1. טיילט איַין די וויַיטערדיקע ווערבן אין צוויי גרופּעס: 1) גרונטיקע; 2) אויסגעבילדעטע.

קאָנטראָלירן, בלעטערן, לויפן, ארעסטירן, אדרעסירן, רייניקן, שעדיקן, מאָטיווירן, לופטערן, העלפן, וויגעט, וויינען, פאָטאָגראפירן, הענגען, האלטן.

2. טיילט איַין די וויַיטערדיקע ווערבן אין פינף גרופּעס: 1) ווערבן מיט פרעפיקסן; 2) ווערבן מיט צוגאָבן; 3) ווערבן מיט צוגאָבן און מיט פרעפיקסן; 4) ווערבן אָן צוגאָבן און אָן פרעפיקסן; 5) ווערבן צונויפזאצן.

לופטערן, פארשטיין, צענעמען, צונעמען, פעסטשטעלן, עלעקטריפיצירן, דעלעגירן, דורכקאָנטראָלירן, אויסבאהאלטן, דערלייענען, אָפּהאלטן, אָנהאקן, צוהעלפן, צעווארפן, אָנדערציילן, פארשפּעטיקן, צונויפזאמלען, אנטדעקן, פאנאנדערוויקלען, אָנהייבן, גרינגשעצן, געבן, דערלאנגען, אויסברענגען, אריַינשיקן, אויסדערציילן, אויסשווענקען.

3. טיילט איַין די וויַיטערדיקע ווערבן אין דריַי גרופּעס: 1) פערזאָניקע ווערבן; 2) אינפיניטיוון; 3) פארטיציפּן.

פארשריַיבסט, דורכקוקן, גענומען, פאנאנדערגעוויקלט, קומט, באוויזן, ארויסגענומען, אקצענטירסט, צונויפרופן, אָפּגעהאלטן, צעשיקט, צעבראָכן, אנטשפּראָכן, צוזאמענגעקליבן, הייב, אויסגעשווענקט, באוויַיזט, צונויפגעזאמלט, צעווארפסט, צוזאמענגענומען.

4. שריַיבט ארויס פון ניקאָלסקיס טעקסט, וואָס אויף זיַיט 204—205, די פארטיציפּן.

5. שריַיבט אָפּ דעם „עמעס"־פראגמענט, וואָס אויף זיַיט 238, אזוי, אז די ווערבן זאָלן דאָרט וויַיזן ניט קיין קעגנווארט (ניט קיין איצטיקע ציַיט), נאָר פארגאנגענהיַיט. אשטייגער: איבער דעם גאנצן ראטנלאנד איז ג ע ג א נ ג ע נ אן אָנגריף.

26. פאָרמעס פון צאָל, פערזאָן און ציַיט

1. שריַיבט אָפּ די פרעדיקאטן די ווערבן פון די וויַיטערדיקע זאצן אין מ ע ר צ אָ ל, ברענגענדיק אויך די סוביעקטן אין מ ע ר צ אָ ל, ניט ענדערנדיק דערביַי די פ ע ר ז אָ ן.

1) זי לייענט א ציַיטונג. 2) איך פאָר אהיים. 3) דו לייענסט שלעכט.

4) ער שמועסט מיטן פּאָרזיצער. 5) זי העלפט אים אין דער אַרבעט. 6) דו זינגסט ניט קיין פֿײַנע לידער. 7) ער זינקט אַלץ טיפֿער און טיפֿער. 8) זי האַלט העפֿטן אין די הענט. 9) איך פֿויעל בײַ אים אַלץ. 10) ער גייט אין קאָאָפּעראַטיוו.

אשטייגער: 1) זיי לייענען אַ צײַטונג. 2) מיר פֿאָרן אַהיים.

2. שרײַבט אָן די פּרעדיקאַטן די ווערבן פֿון די פֿאָריקע צענ זאַצן אין דער געוויינטלעכער פֿאַרגאַנגענהײַט — די פּרעדיקאַטן זאָלן זײַן **פּאַרטיציפּן** מיט הילפֿווערטער. דערנאָך שרײַבט אָן די פּרעדיקאַטן אַזוי, אַז זיי זאָלן ווײַזן **צוקונפֿט** — זיי זאָלן זײַן **אינפֿיניטיוון** מיט הילפֿווערטער (געדענקט: דער אינפֿיניטיוו פֿון „גייען" איז „גיין").

3. שרײַבט אַראָפּ פּעפּערס פֿראַגמענט, וואָס אויף זײַט 224 („אָט די אינדזלען..."), און שטרײַכט אין אים אונטער אַלע אינפֿיניטיוון. נעמט נאָר ניט אָן יעדעס וואָרט, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ „נ", פֿאַר קיין אינפֿיניטיוו.

4. מאַכט קלאָר, וואָס פֿאַר אַ צײַט ווײַזן די פּרעדיקאַטן אין פּעפּערס פֿראַגמענט.

5. שרײַבט אָן פּעפּערס פֿראַגמענט אַזוי, אַז די פּרעדיקאַטן זאָלן ווײַזן **קעגנוואַרט**, דאָס הייסט, די **איינצײַטיקײַט** פֿון דער טוונג מיטן דערציילן.

6. און איצט שרײַבט עס אָן אַזוי, אַז די פּרעדיקאַטן זאָלן ווײַזן **פֿאַרגאַנגענהײַט** (געדענקט: דער פּאַרטיציפּ פֿון „שינדן" איז „געשונדן").

7. דערשרײַבט די ווײַטערדיקע אויספֿירן:

1) אַ פּערזאָניקער ווערב האָט פֿאָלגנדיקע **פֿלעקסיעס**:...
2) אַן אינפֿיניטיוו האָט אַ **סופֿיקס**...
3) אַ פּאַרטיציפּ האָט אַ **סופֿיקס**... אָדער...; און אָפֿט אַ **פּרעפֿיקס**...

27. זעלטענערע צײַטפֿאָרמעס — פּריִערדיקע טוונגען

1. בייגט אין אַלע צײַטן, פּערזאָנען און צאָלן די ווײַטערדיקע ווערבן. שרעקן, אויסשטרעקן, קאָנסטאַטירן, רויִנירן, רעגלאַמענטירן, עקזיסטירן, עקספּראָפּריִירן, פּריידיקן, פּרעטענדירן, פֿאַרנאַכלעסיקן, פֿאַרקריפּלען, פֿאַרשווענדן, נישטערן, מעקן, מעקען.

2. קלײַבט צו סינאָנימען (ווערטער מיט ענלעכע באַטײַטן) צו די ווײַטערדיקע ווערבן. די סינאָנימען זאָלן אויך זײַן ווערבן פֿון דער זעלבער פֿאָרמע.

רויִנירן, קאָנסטאַטירסט, נישטערן, סאַנקציאָנירט, אימפּאָרטירן, פּרעטענדירן, פֿאַרשווענדן, אָרגאַניזירסט, אַנאַליזירט, רעאַליזירן.

3. שרײַבט אַרײַן אין דער ווײַטערדיקער טאבעלע די ווערבן פון די ווײַטערדיקע פראגמענטלעך.

1) עס איז בא אונדז געבליבן, אז איך פאָר זיך דורך קיין יעהופּעץ (שאָלעם-אלייכעם).

2) קיינער האָט ניט געוווסט, וואָס איז מיט אים געשען, ווו ער געפינט זיך (מארקיש).

3) עס קומט מיר ארופ אפן זינען א שיינע מײַסע, וואָס איך האָב אמאָל געלייענט ערגעץ אין א ביכל (שאָלעם-אלייכעם).

4) געווען איז דאָס צווישן טאָג און נאכט, אין בויבעריק טאקע. פאָר איך מיר אזוי מיט מײַן וועגעלע איבער די דאטשעס, שטעלט מיך עמעצער אָפּ (שאָלעם-אלייכעם).

5) איך גיי מיר ארויס צו מײַן וואָגן און טראָג ארײַן פון דאָרטן אלע גוטע זאכן, וואָס מע האָט מיר אײַנגעפּאקט, און שטעל דאָס אלצדינג אויס אפן טיש (שאָלעם-אלייכעם).

6) ער גיט נאָר די פערד א צערטלדיקן שמיץ מיט דער בײַטש, צעטרײַבט א ביסל פאנאנדער די פליגן און לאָזט אראָפּ די אומגייטיקע הענט אין וואָגן ארײַן (מארקיש).

7) פעניק האָט זיך וועגן דעם צו שפעט דערמאָנט — ער האָט שוין געהאט צוגעפירט נאכמען דעם פארבער ביז צום „הויז" (בערגעלסאָן).

8) אין שכײַנישן הויז האָט דאָס פאראקשנטע מיידל שוין געהאט פארטשאדעט דעם צעווארעמטן פרימאָרגן מיט די טענער פון איר געדרייטן עטיוד (בערגעלסאָן).

9) ער פילט זיך ביז גאָר מיד און לייגט אוועק דאָס טרײַבל — ער וועט זיך צולייגן (בערגעלסאָן).

10) ער קלינגט אָן אין רעדאקציע פון דער רוסישער ליבעראלער צײַטונג און פרעגט זיך נאָך, צי האָט מען פון האָרנבערגן געבראכט זײַן נעם אן ארטיקל. ער דערוויסט זיך, אז יאָ, מע האָט געבראכט, נאָר אין זייער א מעשונעדיקן אויסזען, קימאט דורכויס איבערגעשטראָכן (בערגעלסאָן).

№№	ווערב	צאָל	פערזאָן	צײַט	סטרוקטור
1.	איז געבליבן	איינצאָל	דריטע	געוויינטלעכע פארגאנגענהייט	פערזאָניקער הילפווערב „איז" + פארטיציפּ „געבליבן".
2.	פאָר זיך דורך	"	ערשטע	קעגנוואַרט	פערזאָניקער ווערב „פאָר" + הילפוואָרט „זיך" + צוגאָב „דורך".

28. זעלבשטענדיקע און באהילפיקע ווערבנ

1. שרײַבט אראָפּ די ווײַטערדיקע זאצנ און שטרײַכט אונטער מיט אײנ ליניע די סוביעקטנ און מיט צוויי די פּרעדיקאטנ. פארגעסט ניט אונטער־צושטרײַכנ די הילפווערבנ (ווי אויכ די צוגאָבנ).

1) די פּראָפּאריינע באקומענ א סאכ נײַע מיטגלידער. 2) די פאבריק ארבעט אויס טעקסטיל. 3) די צעכנ וועלנ באקומענ וואסער און ענערגיע. 4) יאפּאָניע האָט פארכאפּט מאנדזשוריע. 5) די ביבליאָטעק שרײַבט אויס א סאכ צײַטונגענ. 6) דער אוניווערסיטעט איז שוינ לאנג צוגעטראָטנ צו דער ארבעט. 7) די לעקציע האָט שטארק פארינטערעסירט אלע צוהערער. 8) די קאָלווירטנ האָבנ מיט א צײַט צוריק פארענדיקט דעמ פארזיי. 9) די פּיאָנערנ האָבנ שטארק געהאָלפנ די קאָלווירטניקעס. 10) די קאָלווירטניקעס וועלנ די טוווע אראָפּנעמענ לויטנ פּלאנ.

2. שרײַבט איצט אָנ די פּרעדיקאטנ די ווערבנ פונ די זאצנ 1, 2 און 5 אינ פארגאנגענהײַט, פונ די זאצנ 3 און 10 אינ קעגנווארט און פונ די זאצנ 7 און 9 אינ צוקונפט.

3. שטעלט צונויפ פינפ זאצנ, ווו די פּרעדיקאטנ זאָלנ זײַנ ווערבנ און זאָלנ אנטהאלטנ די פערזאָניקע הילפווערבנ „האָב, האָסט, וועלנ, וועט, פלעגסט“.

4. שרײַבט ארויס די ווערבנ פונעמ ווײַטערדיקנ פראגמענט אינ צוויי גרופּעס: 1) פארגאנגענהײַט; 2) צוקונפט.

פערציק יאָר האָסטו מיט שנײַדמעסערס געהאנדלט, אנשל דער זאליאזניק,
און איצטער ארבעטנ מיט שנײַדמעסערס ווײסט, אנשל דער זאליאזניק.
פערציק יאָר האָסטו באמ שופלאָר זיכ געבויגנ, אנשל דער זאליאזניק,
און איצטער וועסטו איבער ערד זיכ בייגנ, אנשל דער זאליאזניק.
פערציק יאָר האָבנ געדינט די פערד דיר, אנשל דער זאליאזניק,
און איצטער וועסטו זײַנ א קאָניוכ, אנשל דער זאליאזניק!
און יעדער זאנג האָט אימ פארטרויט,
און יעדער שאָרכ האָט אימ געמאָלדנ:
— רעב אנשל, איי וועט מענ דאָ הייבנ ברויט!
— רעב אנשל, איי וועט מענ דאָ ברויט א מאָל טאָנ!
און יעדער ווינט האָט אימ אינ באָרד ארײַנגעפּליאסקעט:
— נאָר שלאָגנ וועלנ מיר מיט דיר זיכ, אנשל דער זאליאזניק
(מארקיש).

5. שרײַבט ארויס די ווערבנ פונעמ פאָריקנ פראגמענט אינ צוויי גרופּעס: 1) אײנצאָל; 2) מערצאָל.

6. שרײַבט ארויס פונעמ פאָריקנ פראגמענט בלויז די פערזאָניקע הילפווערבנ; און די הילפווערבנ, וואָס האָבנ זיכ צונויפגעזעצט מיט די סוביעקטנ, שטרײַכט אונטער.

29. פּערזאָניקער ווערב

1. שרײַבט אַרויס פֿונעם ווײַטערדיקן פֿראַגמענט בלויז די פּערזאָניקע ווערבן.

יאָנטעוו איז בײַ מיר אַ מינהג: איך רו אָפּ, און אויך דאָס פֿערדל רוט בײַ מיר. און אַגעוו איז שוין אין בויבעריק קיינער ניטאָ. אַלע דאַטשניקעס צעלויפֿן זיך ווי די מײַז אין אַ הונגער, און בויבעריק ווערט אַ פּוסטקע. פֿאַר מיר איז עס דאָס בעסטע שטיקל צײַט. די טעג זײַנען געשענקטע, די זון באַקט שוין נישט ווי אַ קאַלך-אויוון, נאָר זי גלעט מיט אַ מין ווייכקייט. דער וואַלד איז אַלץ נאָך גרין, די סאָסנעס שמעקן מיט סמאָלע, און דער וואַלד קוקט יאָנטעוודיק. און ווער שמועסט אַף דער נאַכט—דעמאָלט איז דער הימל בלוי, די שטערן פֿינקלען, שעמערירן, פֿינטלען ווי לעהאַוודל אַ מענטש מיט די אויגן (לויט שאָלעם-אַלייכעמען).

2. זאָגט איבער דעם פֿאַריקן פֿראַגמענט אַזוי, אַז עס זאָל זײַן ניט קיין קעגנוואַרט, נאָר געוויינטלעכע פֿאַרגאַנגענהייט. דערנאָך שרײַבט עס אָן אין דער דאָזיקער פֿאַרגאַנגענהייט.

3. שטעלט צונויף פֿופֿצן זאַצן מיט סוביעקטן, פּרעדיקאַטן און אָביעקטן. די פּרעדיקאַטן זאָלן זײַן פּערזאָניקע ווערבן (קעגנוואַרט) דריטע פּערזאָן מערצאָל. די פּערזאָניקע ווערבן נעמט פֿונעם ווײַטערדיקן צעטל.

הענגען, ברענגען, בויען, קײַען, לייען, שווענקען, אַנטוויקלען, צינדן, צווינגען, דאַרפֿן, שמידן, בינדן, הייצן, בלאָזן, שענקען.

4. שרײַבט אָן די ווײַטערדיקע פּערזאָניקע ווערבן אין דער צווייטער און דריטער פּערזאָן איינצאָל.

האַלטן, רײדן, ווישן, ווינטשן, ברויזן, היטן, היצן, שפּריצן, טראַכטן, אַרבעטן, באָדן, באָדן, הוסטן, שמועסן, פֿויגלען.

5. שרײַבט אָן ריכטיק (מיט אַ „ט" אָדער מיט „דט") די ווײַטערדיקע פּערזאָניקע ווערבן.

1) ער לײַ.. מיר געלט. 2) ער לײַ.. אַ סאַך צאָרעס. 3) ער ווענ.. זיך צו מיר מיט אַ באַקאָשע. 4) ער פֿריי.. זיך זייער מיט מײַן קומען. 5) ער צינ.. אָן אַ לאָמפּ. 6) דאָס פֿײַער בלענ.. די אויגן. 7) פֿון נעכטן אָן בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט, און עס שניי.. 8) ער צעשנײַ.. דאָס ביכל. 9) ער רע.. מיט גרויס היצ. 10) ער שינ.. פֿון זיי די הויט.

30. אינפֿיניטיוו

1. שטרײַכט אונטער אין די ווײַטערדיקע זאַצן די פּערזאָניקע ווערבן מיט איין ליניע און די אינפֿיניטיוון מיט צוויי.

1) איבער אים וועלן מיר פֿאָרן צוריק. 2) זיי וועלן גיין אַהיים

3) איר וועט דאָס ניט פֿאַרשטיין. 4) א גאַנצן טאָג וועלן זיי דאָ זײַן. 5) פֿיל פֿראַגעס פֿלעגן די שילער פֿאַרגעבן. 6) איר וועט די ביכער אָפּגעבן די קינדער. 7) זיי וועלן זען שיינע בילדער. 8) איר וועט ניט אָפּשטיין פֿון אונדז. 9) מיר וועלן דורכגיין א שטיק פֿעלד. 10) זיי וועלן צושטיין צו אונדז אינמיטן וועג.

2. שרײַבט אָן די פּאָריקע זאַצן אין קעגנוואַרט, אזוי אַז פֿונעם אינפֿיניטיוו זאָל דאָרט אומעטום ווערן א פּערזאָניקער ווערב. אשטייגער: איבער אים פֿאָרן מיר צוריק.

3. שרײַבט אָן די פּאָריקע זאַצן אזוי, אַז דער סוביעקט זאָל קומען ניט אין מערצאָל, ווי דאָרט איז, נאָר אין איינצאָל, אָבער אין דער זעלבער פּערזאָן.

4. שטרײַכט אונטער די ווײַטערדיקע אינפֿיניטיוון.

איר אַרבעט: אין זינען האָבן אַלעמען מיט ייִכעלעך, הייצן עטלעכע מאָל אין טאָג דעם גרויסן אויוון. באַקן קוכן ברויט אַלערליי געבעקסן, ניט אָפּטרעטן ביז שפּעט אין אָוונט פֿון פֿײַערדיק הייסן אויוון, אָנפֿילן פֿאַרשיידענע דאַרע קישקעס, ניט אויפֿהערן אַרײַנצודרוקן, אַרויסצודרוקן פֿאַרשיידענע בעקנס (בערגעלסאָן).

5. שרײַבט אָן דאָס פּאָריקע אין קעגנוואַרט. הייבט אָן אזוי: איר אַרבעט: (זי) האָט אין זינען אַלעמען...

6. שרײַבט אָן ריכטיק די ווײַטערדיקע פּערזאָניקע ווערבן און אינפֿיניטיוון.

1) מיר גיי.. באַלד אהיים. 2) זיי קאָנען דאָס ניט פֿאַרשטיי.. 3) שטיי.. אזוי לאַנג אָן אַרבעט טאָר מען ניט. 4) זיי זע.. דאָרט קיינעם ניט. 5) זיי האָבן שוין געוואָלט גיי.. נאָך אים. 6) שטיי.. זיי אָפּ אזוי א גאַנצן טאָג. 7) מיר מוזן דערגיי.. דעם סאָף דערפֿון. 8) מיר האָבן געדאַרפֿט זע.. דעם פּאָרזיצער. 9) זיי האָבן זיך מיט אים ניט געקאָנט גוט באַגיי.. 10) זיי וועלן אונדז באַלד ג..בן צו פֿאַרשט.. 11) זיי פֿאַרשטיי.. ווי צו ג..בן אונדז צו פֿאַרשטיי.. 12) מיר גיי.. אָפּג..בן די ביכער.

7. שטעלט צונויף דרײַ זאַצן מיט פֿאַרשטאַרקנדיקע אינפֿיניטיוון און פֿינף זאַצן מיט דירעקטיווישע אינפֿיניטיוון.

8. מערקט אָפּ, וועמענס טוונגען ווײַזן אָן די אינפֿיניטיוון אין די ווײַטערדיקע זאַצן.

1) אַלע טאָג אינדערפֿרי זע איך בלאָנדזשען א פֿרוי. 2) פֿראַנטן האָב איך איצט געזען אַרומשפּאַצירן אין די גאַסן. 3) זי הערט איר ברודערס שטים אַרויסזינגען. 4) ראָכל־לייע הערט איר אייגן האַרץ קלאַפּן. 5) ער האָט זי קיינמאָל ניט געהערט ריידן.

9. שרײַבט אָן ריכטיק די ווײַטערדיקע „צו, צע" און „צי".

עס איז שווער צ.. זאָגן: צ.. ווײַל דער וועג איז געווען א לאַנגער,

א שווערער אונ מע איז געווענ צ..בראָכנ אפ שטיק-שטיקלעכ, אָדער עפּ-שער דערפאר, וואָס די באגעגעניש איז געווענ עפּעס נישט איבעריק פרײַנטלעכ אונ די אופנאמע קאפּצאָנעסדיק—נאָר די נײַע היים, וואָס כעוורע האָבנ וועגנ איר אזויפיל געכאָלעמט, האָט נישט געפונענ בא זיי אינ די אויגנ יענעמ כיינ, וואָס זיי האָבנ געמיינט אונ געוואָלט. צ..פיל האָבנ זיי אפּאָנעמ געוואַרט פונ דעמ—דעריבער האָבנ זיי זיכ געפילט ווי אָפּגעשמיסענע אונ זײַנענ געווענ צ..פרידנ, אז מע האָט זיי געהייסנ גיינ שלאָפנ (שאָלעמ-אלייכעמ).

10. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די ווײַטערדיקע אינפיניטיוונ.

צוקלאפנ	צוגיינ	צונעמענ	צוגעבנ	צוטראָגנ
צעקלאפנ	צעגיינ	צענעמענ	צעגעבנ	צעטראָגנ
צו קלאפנ	צו גיינ	צו נעמענ	צו געבנ	צו טראָגנ

11. שטעלט צונויפ צוואנציק זאצנ, ווו עס זאָלנ וואָס מער זײַנ פאָרגעשטעלט די ווײַטערדיקע „צו, צע, צי".

1) „צו"—א *צוגאָב*: ער וועט באלד צוגיינ אהער, ער גייט באלד צו אהער.
2) „צע"—א *פּרעפיקס*: דער שניי וועט באלד צעגיינ, דער שניי צעגייט שוינ.
3) „צו"—בא אנ *אינפיניטיוו*: ער הייבט אָנ צו גיינ, ער הייבט אָנ ארויסצוגיינ.
4) „צו"—א *פּרעפּאָזיציע*: ער וועט באלד צו אײַכ קומענ, ער גייט צו דעמ ברודער.
5) „צו"—א *פּרעפּאָזיציע א פּרעפיקס*: ער קומט צוגאסט, ער איז צופרידנ...
6) „צו"—בא א *צאָל, וואָג אָדער מאָס*: צו צענ רובל, צו פינפ קילאָ, צו דרײַ מעטער. אָבער: צוביסלעכ.
7) „צו"—מיטנ באטײַט פונ „*איבערגעכאפּט די מאָס*": צו שטארק, צו קאלט. אָבער: צופיל.
8) „צי"—א *פרעגוואָרט אָדער א קעגנשטעלונג*: צי איז דאָס מעגלעכ? ער ווייסט נית, צי ס'איז עמעס צי נײנ.
9) „צי"—א *ווערב*: איכ צי די לייצעס. איכ צי אָפּ פונדאנעצ.

12. לייענט דורכ דעמ ווײַטערדיקנ פראגמענט אונ שרײַבט דערנאָכ פונ דאָרט ארויס אלע *אינפיניטיוונ*, אײַנטיילנדיק זיי אינ דרײַ גרופּעס: 1) מיט פּרעפיקסנ; 2) מיט צוגאָבנ; 3) אָנ פּרעפיקסנ אונ אָנ צוגאָבנ.

אריבערפירנ דאָס לאנד פונ די רעלסנ פונ דער אָפּגעשטאנענער טעכניק אפ רעלסנ פונ דער מאָדערנער טעכניק; פארוואנדלענ אונדזער לאנד פונ אנ אגראר לאנד אינ א לאנד אנ אינדוסטריעלס, א זעלבשטענדיקס, אנ

אומאָפּהענגיקס; ארויסשטויסן ביזן סאָף די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, אונטערפירן אַן עקאָנאָמישע באַזע אונטער דער פּאָליטיק פון ליקווידירן די קלאַסן; שאַפן אַן אינדוסטריע אַלס באַזע פאַר דער רעקאָנסטרוקציע פון דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט; קאָלעקטיוויזירן די לאַנדווירטשאַפט און אַף אַזאַ אויפן באַזייטיקן די געפאַר פון אופשטעלן דעם קאַפּיטאַליזם אין אונדזער לאַנד, באַוואָפנענע אונדזער רעוואָליוציע קעגן דער אינטערווענץ — דאָס איז געווען די אופגאַבע פונעם פינפיאָר (קאַהאַנאָוויטש).

13. בילדעט קעגנוואַרט (פּערזאָניקע ווערבן) אין דער דריטער פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל (מיט אָדער אָן סוביעקטן) פון די פּאָריקע דריי גרופּעס אינפיניטיוון.

14. לייענט דורך דעם ווייטערדיקן פראַגמענט אַ פּאָר מאָל און שרייבט דערנאָך פון אים אַרויס באַזונדער די אינפיניטיוון און באַזונדער די פּערזאָניקע ווערבן (די לעצטע צוויי ווערבן און דעם ווערב „שטעלט (אייך פאָר" — לאָזט דורך).

לויט זיין פּלאַן[1] קומט אויס, אַז די קומענדיקע שטאָט וועט דאָ מוזן וואַקסן ניט אַזוי אַפן לינקן ברעג בירע, ווו עס געפינט זיך איצט טיכאָנקע, נאָר דעריקער אַפן רעכטן ברעג אַרום און אַרום דער סאָפּקע. די בירע מיט אירע קאַנאַלן וועט דאָ דורכשניידן די קומענדיקע שטאָט, ווי די שפּרע שניידט דורך בערלין, ווי די סענע — פּאַריזש. די סאָפּקע וועט דאַן בלייבן אין סאַמע מיטן שטאָטצענטער. אַהין וועט, ווי אין די שווייצאַרישע בערג, פירן אַ פוניקולאַרע (אַ צאָנרעדער-באַן). היינט שטעלט אייך פאָר אַ גרויסע ראַשיקע שטאָט מיט אַ סאַך פאַבריקן אין די עקן, אַ דורכויס סאָציאַליסטישע שטאָט אין אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט און אין איר סאַמע צענטער — די הויך-הויכע גרינע סאָפּקע. אַפן שפּיץ פון דער סאָפּקע, אַרט ניט דעם אינזשעניער, זאָל שטיין אַ גרויסע אַרבעטער-סאַנאַטאָריע...

דער שווינדלדיקער אָרגאַנאָם שטיין כאַפּט זיך דאָ צוצוגעבן:

— און נאָך העכער פון דער סאַנאַטאָריע, — זאָגט ער, — וועט שטיין אַף אַ ריזיק-הויכן פּיעדעסטאַל לענינס אַ דענקמאָל: לענין מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט... באַנאַכט וועט דער דענקמאָל זיין אַזוי שטאַרק באַלויכטן, אַז מע וועט אים אַרויסזען אַף יענער זייט גרענעץ. איז מאָנעפּשעכ: אויב אַף יענער זייט גרענעץ וועט שוין זיין נאָך דער סאָציאַלער רעוואָליוציע, וועט לענינס האַנט דאָרט אָנווייזן דעם ווייטערדיקן וועג, אויב דאָרט וועט נאָך אַלץ זיין אימפּעריאַליזם, וועט לענינס אויסגעשטרעקטע האַנט אַהין וואָרענען:

— קריכט ניט...

— היט די ביינער! (בערגעלסאָן).

---

[1] לויטן אינזשעניערס פּלאַן.

958—17

31. פּאַרטיציפּ

1. שטעלט צונויף פּופצן זאַצן מיט די ווערטער „באַקומען, באַשאַפן, דערשלאָגן, פאַרגעסן, פאַרבאַטן". אין פינף זאַצן זאָלן די דאָזיקע ווערטער זײַן פּערזאָניקע ווערבן, אין פינף זאַצן זאָלן זיי זײַן פּאַרטיציפּן און אין פינף — אינפיניטיוון.

2. טיילט אײַן די ווײַטערדיקע ווערטער אין אזעלכע גרופּעס: 1) פּערזאָניקע ווערבן; 2) אינפיניטיוון; 3) פּאַרטיציפּן; 4) אי פּערזאָניקע ווערבן אי אינפיניטיוון; 5) אי אינפיניטיוון אי פּאַרטיציפּן; 6) אי פּערזאָניקע ווערבן, אי אינפיניטיוון, אי פּאַרטיציפּן.

געשריִען, באַהאַלטן, אַרויסגענומען, לויפן, באַקומען, אַראָפּנעמען, פאַרגעסן, צוהאַלטן, דערהאַלטן, אַראָפּשפּרינגען, אָנהייבן, אופגעהויבן, שמועסן, אויסגעבן, פאַרגעבן, צעטראָגן, שטייען, דערגיין, פאַרנומען, צענעמען, צעגיבן, פאַרשטיין, לייענען, אָפּהאַלטן, דערגעבן, צונויפנעמען, אַרויסבדרענגען, פאַנאַנדערנעמען, צונויפגעוויקלט, פאַרשטייען, אויסגיין, צעגעבן, אַרײַנגיין, אָפּגעבן, אַנטוואָפּענען.

3. שרײַבט אָן ריכטיק (מיט „י, ו, ע" אָדער „וי") די ווײַטערדיקע אויסגעטיילטע פּאַרטיציפּן.

באַ באָרעכן זײַנען די פינגער פון איינעם אַ באָרוועסן פוס פאַרב..נדן מיט אַ שטיקל שמאַטע. ער האָט אונטערגעה..נקען, באַם אַרײַנקומען גלײַך אַ שמאָרע געטאָן:

— נאָך ניט געק..מען דײַן מאַמע?

און מיט אַ צווייטן שמאָר אַ זאָג געג..בן צום הימל:

— דער טאַטע האָט מיך געש..קט פרעגן.

פּענעק האָט געוו..סט: צווישן נאַכמענען און מוישע דעם קאַסיר — אַ סיכסעך; מוישע דער קאַסיר זאָגט: „נאַכמען האָט שוין איבערגעגנ..מען אַריבער אַ דרײַערל"; נאַכמען אָבער טײַנעט: „פאַר דער אַרבעט קומט מיר נאָך אַרויס צוויי רובל מיט זעכציק". פּענעק האָט זיך אָנגעב..גן צו דער שמאַטע אַפ באָרעכס הינקעדיקן פוס:

— וואָס איז-דיר? — האָט ער ג..פרעגט.

באָרעך האָט ג..ענטפערט קאַלט:

— אַ וווּנד. כ'בין אַרופג..טראָטן אַפ אַ צעבראָכענער פלאַש (בערגעלסאָן).

4. שרײַבט אָן ריכטיק (מיט „י" אָדער „ו") די ווײַטערדיקע פּערזאָניקע ווערבן, אינפיניטיוון און פּאַרטיציפּן.

1) זיי ווילן ניט פאַרד..נגען די דירע. 2) מיר האָבן זיך פאַרב..נדן מיט אַלע ראַיאָנען. 3) זיי טאָר מען ניט פאַרד..נגען אַזאַ דירע. 4) זיי זײַנען זייער ווײַט פאַרשוו..מען. 5) מיר הייבן זיך ערשט

אָן צו פארב..נדנ מיט די ראיאָנען. 6) מיט זייערע קוילעס פארקל..נגענ זיי די גאנצע שטוב. 7) זיי געוו..נענ די סימפאטיעס פונ דער ארומיקער באפעלקערונג. 8) מע טאָר אזוי ווײַט ניט פארשפר..נגענ. 9) זיי זײַנענ שיר ניט דערטר..נקענ געוואָרנ. 10) זיי האלטנ אינ דערפ..נדנ אנ אינטע-רעסאנטנ אינסטרומענט. 11) זיי האָבנ געקאָנט געפ..נענ אינטערעסאנטע מא-טעריאלנ. 12) זיי האָבנ זיכ זייער שטארק צעז..נגענ. 13) ער איז אומגע-ריכט פארשוו..נדנ געוואָרנ. 14) ער האָט נאָכ געקאָנט דערטר..נקענ ווערנ. 15) דעמ פאשיזמ איז ניט געל..נגענ אונ עס וועט אימ קיינמאָל ניט געל..נגענ צו צעשטערנ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־באוועגונג.

5. בילדעט פארטיציפנ פונ די ווײַטערדיקע אינפיניטיוונ.

1) לויפנ, אנטלויפנ, צולויפנ, אָפּלויפנ, פארלויפנ, ארײַנלויפנ, דער־לויפנ;

2) גיינ, צעגיינ, אויסגיינ, צוגיינ, פארגיינ, דורכגיינ, דערגיינ, נאָכגיינ;

3) נעמענ, אָפּנעמענ, פארנעמענ, צונעמענ, צענעמענ, צונויפנעמענ;

4) געבנ, אויסגעבנ, פארגעבנ, צעגעבנ, צוגעבנ, ארויסגעבנ, דערגעבנ;

5) הייבנ, אָנהייבנ, אופהייבנ, דערהייבנ.

6. שטעלט צונויפ צוואנציק זאצנ מיט פרעדיקאטנ, וואָס זאָלנ אנטהאלטנ פארטיציפנ, אויסגעבילדעטע פונ די ווײַטערדיקע אינפיניטיוונ.

קומענ, דרוקנ (ביכער), דריקנ (די האנט), זופנ (טיי), זיפּנ (מעל), שטימענ, רינענ, פוצנ, שפרינגענ, שלינגענ, זינקענ, צינדנ, שינדנ, הינ־קענ (געהינקט, געהונקענ), דערפינדנ, פארדינגענ, געווינענ, צענעמענ, פארבינדנ, פארגינענ.

7. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די פארטיציפנ „פארבלענדט, פארשמידט, גע־רעדט, צעשיידט זיכ, געווענדט, פארפרעמדט (געוואָרנ)".

8. שטרײַכט אונטער אלע ווײַטערדיקע פארטיציפנ. נעמט נאָר ניט אָנ פאר קיינ פארטיציפנ ווערטער, וואָס זײַנענ פונ פארטיציפנ געבילדעט אונ וואָס קומענ דאָ אלס כאראקטעריזיר-ווערטער.

א ווארעמע יול-בלויקײַט האָט געטריפט איבער די אלטע געדיכטע ביי-מער אונ געוויגט די נידעריקע שווערע עפּלצווײַגנ אנטקעגנ דער גרינער לעוואָנע, געבויגנ די באשאָטענע צווײַגנ נידעריק צו דער ערד, געשמעקט מיט די גרינ־געלבלעכע אבריקאָסנ, מיט אגרעסנ אונ שווארצע אָנגעקוואָלע-נע מולבערנ. די אבריקאָסנ אונ ווײַס-רויטלעכע עפּל האָבנ אנטקעגנ דער לעוואָנע קײַלעכדיק אָפּגעגלאנצט אונ געוויגט זיכ מיט אָנגעגאָסענעמ זאפט, מיט פרישנ טוי אונ געאָטעמט מיט פאנאנדערגעבליטנ פארנאכטיקנ זאפט (נאָטע לוריע).

9. לייענט דורכ אופמערקזאמ דעמ ווײַטערדיקנ טעקסט אונ שטרײַכט אונ־טער די פערוּאָניקע ווערבנ מיט איינ ליניע, די אינפיניטיוונ מיט צוויי אונ די פארטיציפנ מיט דרײַ.

צו אונדז אין סאָד זאָל קיינער ניט אריינגיין,
ווער עס בענקט נאָך שטילקייט און נאָך רו,
ווער עס דארף זיך אויסרוען א שוויַגן!..
בא אונדז אין סאָד רוט שטורעם אף די צווייַגן,
און צווייַגן בייגן זיך באלאָדענע מיט פרוכט.

דאָ רוישט די לופט, און ס׳רוישן פעטע זאפטן,
און ביימער רוישן דאָ אין רויער פרייד...
יעדער בוים פארמאָגט שוין הויכע קלאפטער,
און ווער עס קוקט, מוז הויך דעם קאָפ פארווארפן
און די אויגן דאָ פאנאנדערנעמען ברייט.

אין ווילדן וווּקס, אין וווּנדערלעכן וואקסן
האָבן צווייַגן דאָ קיין מעסער ניט פארזוכט...
דאָ שמעקט מיט פעך און פרילינגדיקע שלאקסן,
און קאָרע פלאצט מיט אויסגעשריי פון וואקסן,
און ביימער וויגן זיך אין צייַטיקייַט פון פרוכט... (כאריק).

10. שרייַבט ארויס פון כאריקס פריערדיקע שורעס (אויסער דער 9-טער, 10-טער און 13-טער) אלע סוביעקטן און ברענגט יעדן סוביעקט מיט זייַן פרעדיקאט. אַ ש ט ײ י ג ע ר: קיינער זאָל ניט אריינגיין.

11. פאָרמולירט שריפטלעך, וואָס איז אזוינס א פערזאָניקער ווערב, אן אינפיניטיוו און א פארטיציפ. זעט, אז אייַערע פאָרמולירונגען זאָלן ניט זייַן איינזייַטיק. זאָגט ניט אשטייגער, אז א פערזאָניקער ווערב איז א וואָרט, וואָס ווייַזט די טוּונג, אָדער אז אן אינפיניטיוו איז א וואָרט, וואָס קומט מיט א סופיקס „ן" און גאָר. זעט, די פאָרמולירונגען זאָלן זייַן וואָס פולער, וואָס פינקטלעכער און וואָס געפרעסטער.

32. פאָרמעס פון פאקטישע און פון ניט קיין פאקטישע טוּונגען (מאָדוסן)

1. שטעלט אריין אין די ווייַטערדיקע זאצן פאסיקע פערזאָניקע הילפ-ווערבן.

1) מאָרגן ... אין אלע ראיאָנען פאָרקומען פארטיי־קאָנפערענצן. 2) די אָרטיקע באפעלקערונג... געשטיצט די פאָרשלאָגן פונעם קאָמיוג. 3) אף דער פארזאמלונג ... מען אָנגענומען א געניע רעזאָליוציע. 4) די רעזאָליוציע ... צוגעגרייט עטלעכע אקטיוויסטן. 5) באלד ... מיר זי אָפּשטימען.

2. שרײַבט ארויס די ווערבנ פונ די ווײַטערדיקע פראגמענטנ, גרופירנדיק זײ לויט די מאָדוכנ.

1) לאָז ער זאָגנ, אויב עס לייגט זיכ אים דאָס מויל (מענדעלע).

2) לאָזנ די קינדסקינדער וויסנ, אז אפ מעבל האָבנ די זיידעס זיכ שטארק נישט אויסגעבראכט (מענדעלע).

3) די מאמע האָט מיר אָנגעזאָגט א בסורע, אז איכ האָב שוינ א שטעלע. נישט כאָלילע בא א באלמעלאָכע — אירע סאָנים, זאָגט זי, וועלנ דאָס ניט דערלעבנ, אז פייסי דעמ כאזנס זונ זאָל זײַנ א באלמעלאָכע (שאָלעמ-אלייכעמ).

4) מירביידע, איכ אונ מײַנ ברודער עליע, האָבנ זיכ געמאכט שווארצ ווי די שיידימ. דאָס ערשטע מאָל זע איכ, מײַנ מאמע זאָל לאכנ. פונ מײַנ שווערנ בראָכע שמועסט מענ ניט: יענע איז שיר צעזעצט געוואָרנ פאר געלעכטער. מײַנ ברודער עליע האָט פײַנט, אז מע לאכט פונ אימ, בייזערט ער זיכ אפ מײַנ שווער‌ערנ בראָכע אונ פרעגט זי, וואָס זי לאכט. לאכט זי נאָכ שטארקער. ווערט ער נאָכ מער אינ קאס, לאכט זי נאָכ מער. אלע מינוט כאפט זי אָנ א ספאזמע. מאמעש זי נעמט אײַנ א מיסע-מעשונע! ביז די מאמע הייבט זיכ אָנ בעטנ, עס זאָל האָבנ א סאָפ, אונ אונדז זאָגט זי, מיר זאָלנ זיכ אײַנוואשנ (שאָלעמ-אלייכעמ).

5) די קאלטע ווינטער-נאכט האָט אימ דורכגענומענ. ער האָט זיכ יעדע ווײַלע אָפגעטרייסלט, ווי ער וואָלט זיכ געוואָלט באפרײַענ פונ פראָסט (אָפאטאָשו).

6) די קינדער זײַנענ ארומגעגאנגענ אינ די צימערנ אפ די שפיצ פינגער, קיינ הויכ וואָרט ניט ארויסגערעדט, קיינ קלאפ געטאָנ, ווי זײ וואָלטנ געווענ אינ א שפיטאָל, טאָמיד אינ זינענ געהאט, אז דער טאטעשי איז נישט געזונט (אָפאטאָשו).

7) עס איז געוואָרנ מיטאמאָל אזוי שטיל, ווי אלצ וואָלט אויסגעשטאָרבנ, ווי דער קלענסטער קלאנג וואָלט צעשווומענ אינ דער פײַכטער לופט. אנ אומעט איז געלעגנ איבער די ברייטע, צעפארעטע פעלדער, אפערגעקוקט פונ אונטער דעמ איינציקנ, צעקרימטנ בוימ, ווי ער וואָלט א געליימטער געבליבנ שטעקנ אינ די זומפנ (אָפאטאָשו).

8) פענעקס געפיל: די גאנצע מײַסע מיטנ דאָנערשטיק-פארנאכט וואָלט ער באדארפט באהאלטנ בא זיכ אינ דער היימ, ערגעצ דאָרט, ווו ער באהאלט אלע אנדערע גוטע זוכענישנ (בערגעלסאָנ).

9) אפנ וועג פונעמ גוראלניקס שטיבל צו דער שלאָסערײַ וואָלט פענעק עפשער שוינ גאָר אינגאנצנ פארגעסנ אָנ באָרעכנ, ווענ ניט דאָס, וואָס באָרעכ איז מאָלע-געדולע אונ טענצלט אונטער מיט זײַנע ברודיקע פיס.

— איך אויך — בארימט ער זיך — לאָמיך אזוי לעבן — מײַן טאטע האָט געזאָגט: ער וועט מיך אָפּגעבן צו א בלעכער (בערגעלסאָן).

10) איר סאמעטענע קאָל פאסט זיך צו צו אָט דעם פּאָנעם און הייבט אָן קלינגען זייער גלאַט, מיט איבערגעגעבנקײַט, א קאָל פון א מענטשן, וואָס גייט ארײַן אין יענעמס „פּאַלאָזשעניע":

— איר וואָלט אוודע געקאָנט זײַן זייער א גוטער פּארבער, איר זאָלט געווען אויסוואקסן ערגעץ אין א גרויסער שטאָט (בערגעלסאָן).

11) דאָס דאָרף — ווי עס וואָלט לעבן דעם קיין שטאָט ניט געווען... די שטאָט — ווי עס וואָלט לעבן איר קיין דאָרף ניט געווען... אַף א יאריד און אַף א מארקטאָג קומט מען זיך צונויף האנדלען, מע האָרעוועט גוט אָפּ איינע לעבן די אנדערע — אוקראַינער לעבן יידן, יידן לעבן אוק-ראַינער — מע שוויצט, מע ווערט הייזעריק. דערנאָך גייט מען זיך פאנאנ-דער און מע וויל ווידער א גאנצע וואָך ניט וויסן איינע פון די אנדערע (בערגעלסאָן).

3. לייענט דורך די ווײַטערדיקע באגריסונג, שרײַבט זי דערנאָך אראָפּ און שטרײַכט אונטער די באפעל-מאָדוסן צווייטע פּערזאָן.

א גרוס די קעמפער פון לענינשן קאָמיוג, די דעלעגאטן און דעלע-גאטקעס פון דער זיבעטער אלפארבאנדישער! איך ווינטש אײַך דערפאָלג אינעם קאָמוניסטישן בילדן און אָרגאניזירן מיליאָנען מאסן פון דער אר-בעטערשער און פויערשער יוגנט.

האלט הויך די פאָן פון לענינשן אינטערנאציאָנאליזם, קעמפט פארן שאָלעם און פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער, פעסטיקט די שוץ פון לאנד קעגן דעם קאפיטאליסטישן אָנגריף, רײַסט אוף די אלטע וועלט פון שקלא-פערײַ, עקספּלואטאציע, בויט און פארפעסטיקט די נײַע וועלט פון באפרײַ-טער ארבעט, פון קאָמוניזם, לערנט זיך פאררייניקן אין אײַער גאנצער אר-בעט דעם מעכטיקן רעוואָליוציאָנערן אימפעט מיט דער אײַנגעשפארטער זאכלעכקײַט פון די באָלשעוויסטישע בויער. זײַט ווירדיקע זין און טעכ-טער פון אונדזער מוטער — דער אלפארבאנדישער קאָמוניסטישער פארטיי.

זאָל לעבן דער קאָמוניסטישער שיווועס! (סטאלין).

4. שרײַבט אָן די פריערדיקע באפעל-מאָדוסן אין איינצאָל.

5. דערקלערט, פארוואָס ווענדט דאָ כאווער סטאלין אָן דאפקע דעם באַ-פעל-מאָדוס צווייטע פערזאָן. פארוואָס זאָל דאָ אשטייגער ניט זײַן „זאָלן זיי האלטן, לאָמיר האלטן" אָדער „האלטן"?

6. שטעלט צונויף צען לאָזונגען — פינף פון זיי זאָלן אנטהאלטן באַ-פעל-מאָדוסן צווייטע פערזאָן, דרײַ — דירעקטיווישע אינפיניטיוון, און אין צוויי זאָל אײַער פארלאנג, רוף אָדער באפעל אויסגעדריקט ווערן ניט מיט קיין באפעל-מאָדוס און ניט מיט קיין דירעקטיווישן אינפיניטיוו.

33. אקטיווע, פּאַסיווע און רעפלעקסיווע ווערבן

1. שטרײַכט אונטער אין די ווײַטערדיקע זאַצן די סוביעקטן מיט איין ליניע און די פּרעדיקאַטן מיט צוויי.

1) די וואַרעמע אָוונטן פלעגן צונויפזאַמלען מענטשן אַף די גאַסן.
2) אין די וואַרעמע אָוונטן פלעגן זיך צונויפזאַמלען מענטשן אַף די גאַסן.

2. פאַרוואַנדלט די ווײַטערדיקע ווערבן אין פּאַסיווע, ניט בײַטנדיק די צײַט און דעם מאָדוס.

איך פאַרשרײַב	דו האָסט פאַרנומען
ער וועט פאַרשרײַבן	זיי וואָלטן פאַרנומען
מיר וואָלטן פאַרשריבן	איך וועל פאַרנעמען

3. פאַרוואַנדלט די ווײַטערדיקע ווערבן אין פּאַסיווע און אין צוקונפט.

ער פאַרוואַרפט	זי פאַרנעמט
מיר קאָנטראָלירן	זיי צעגיבן
זיי האָבן עלעקטריפיצירט	איר האָט פאַרהילכט

4. פאַרוואַנדלט די ווײַטערדיקע פּ א ס י ו ו ע ווערבן אין א ק ט י ו ו ע, ניט בײַטנדיק די צײַט. מאַכט דערבײַ אַלע איבעריקע נייטיקע ענדערונגען.

1) דער אופשטאַנד פון די עסטרײַכישע אַרבעטער איז דערשטיקט געוואָרן. 2) מאַסן אַרבעטער זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן. 3) גרויסע מאַסן פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג ווערן דאָרט קעסיידער פאַרפאָלגט. 4) עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ פאַשיסטישער רעזשים. 5) דער דאָזיקער רעזשים וועט אונטערגעגראָבן ווערן אונטער דער אָנפירונג פון דער עסטרײַכישער קאָמפּאַרטיי.

א ש ט ײ ג ע ר: דעם אופשטאַנד פון די עסטרײַכישע אַרבעטער האָט מען דערשטיקט.

5. פאַרוואַנדלט די ווײַטערדיקע א ק ט י ו ו ע ווערבן אין פּ א ס י ו ו ע, ניט בײַטנדיק די צײַט. מאַכט דערבײַ אַלע איבעריקע נייטיקע ענדערונגען.

1) אינעם ראַטנלאַנד האָט מען די בורזשואַזיע צעשמעטערט. 2) מע האָט אײַנגעשטעלט די מאַכט פונעם אַרבעטער-קלאַס. 3) מע האָט געשאַפן אַ מעכטיקע אַרבעטער-פּויערשע אַרמיי. 4) די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט אַנטוויקלט מען אַלץ מער און מער. 5) די אַרבעטלאָזיקייט האָט מען אינגאַנצן פאַרניכטעט.

א ש ט ײ ג ע ר: אינעם ראַטנלאַנד איז די בורזשואַזיע צעשמעטערט געוואָרן.

6. שטעלט צונויף זאַצן מיט די ווײַטערדיקע ווערבן.

וואַרפט אַרויס, וואַרפט זיך אַרויס, ווערט אַרויסגעוואָרפן; הייבט אָן, הייבט זיך אָן, ווערט אָנגעהויבן; בינדט צו, בינדט זיך צו, ווערט צוגעבונדן; צינדט אָן, צינדט זיך אָן, ווערט אָנגעצונדן; דערטרינקט, דערטרינקט זיך, ווערט דערטרונקען.

7. וועצט איבער אין ייִדיש די ווײַטערדיקע זאצן.

1). Он быстро берется за работу. 2) Резолюция принимается единогласно. 3) Сегодня открывается районная конференция учителей. 4) На конференцию приглашаются все работники отдела народного образования. 5) Делегаты регистрируются при входе.

8. פֿאָרמולירט דעם סטרוקטוריש־באַטײַטיקן אונטערשייד פֿון די ווײַטערדיקע זאצן.

1) דעלעגאַטן רעגיסטרירן זיך באַם אַרײַנגאַנג.

2) דעלעגאַטן ווערן רעגיסטרירט באַם אַרײַנגאַנג.

9. ווײַזט אָן, מיט וואָס זײַנען גרײַזיק די ווײַטערדיקע זאצן.

1) דער ארבעטער איז ראַטנפאַרבאַנד עקספּלואַטירט זיך ניט.

2) אונדזערע קאָלעקטיווירטע ווירטשאַפטן באַארבעטן זיך מיט דער העכסטער לאַנדווירטשאַפטלעכער טעכניק.

3) אַפ דער זיצונג לאַדן זיך אײַן פֿאָרשטייער פֿון אַלע קרײַזן און פֿאַרוואַלטונג־מיטגלידער.

10. זעצט איבער דעם כאַוער סטאַלינס ווײַטערדיקן פראַגמענט.

Ленин никогда не говорил, что национальные различия должны исчезнуть, а национальные языки должны слиться в один общий язык в пределах одного государства, до победы социализма во всемирном масштабе. Ленин, наоборот, говорил нечто прямо противоположное, а именно, что „национальные и государственные различия между народами и странами... будут держаться еще очень и очень долго даже после осуществления диктатуры пролетариата во всемирном масштабе“.

11. בייגט אין אַלע צײַטן, מאָדוסן, פערזאָנען און צאָלן די ווערבן „פֿאַרנעמען, אָפּנעמען, צעגעבן, צוגעבן, אופהייבן, פאַרנומען זײַן, אָפּגענומען ווערן, פאַרדונגען זײַן“.

34. באַשרײַביקע ווערבן

1. לייענט דורך די ווײַטערדיקע זאצן, פאַרגלײַכט די סטרוקטור פֿון די אויסגעטיילטע ווערבן און טראַכט זיך אַרײַן אין זייער באַטײַט.

1) דאָ קאָן מען מיטאַמאָל טאָן אַ געווינען עטלעכע טויזנט קערבלעך, און דער קאָלעקטיוו שטעלט זיך אַפ די פיס (אַלבערטאָן).

1) דאָ קאָן מען מיטאַמאָל געווינען עטלעכע טויזנט קערבלעך, און דער קאָלעקטיוו שטעלט זיך אַפ די פיס.

2) צוויי שטיקלעך אויסגעטריקנטע שפענדלעך טוען זיך אַ צינד אָן פאר אירע אויגן (אלבערטאָן).

2) צוויי שטיקלעך אויסגעטריקנטע שפענדלעך צינדן זיך אָן פאר אירע אויגן.

2. שטרײַכט אונטער די ווײַטערדיקע פרעדיקאַטן און קלײַבט פאַנאַנדער זייערע באַטײַטן און סטרוקטורן.

1) אין מאַרק טוט מען אין גרויס כאַפעניש אַ שליס צו אַלע קראָמען. 2) נאָר מיטאַמאָל האָט עפּעס אַ פלאַם אויף געגעבן. 3) און זי גיט אַ שיט אַרײַן די אָפּגעמאָלענע קאַווע אין אַ זודיקן טאָפּ. 4) דרײַ טיפע רינגען האָבן זיך געגעבן אַ שנײַד אַרײַן אין איר הויכן שטאָלצן האַלדז. 5) האָט אַ מיטלייעריקע פויערטע זיך ווײלעריש אַ שטעל אויף געטאָן.

3. שרײַבט אָן צען זאַצן מיט פרעדיקאַטן אָפּגעכאַפּטע ווערבן, פינף ווערבן זאָלן ווײַזן פאַרגאַנגענהײַט און פינף — צוקונפט. די אָפּגעכאַפּטע ווערבן בילדעט פון פאָלגנדיקע: נעמען, פליען, גיין, זעצן, וואַשן, זינגען (אַ זונג טאָן, אַ זונג געבן), קלינגען, שלינגען, טרינקען, ווינקען.

4. ברענגט די ווײַטערדיקע ווערבן אין קעגנוואַרט, צוקונפט און געווינטלעכער פאַרגאַנגענהײַט אין דריטער פערזאָן איינצאָל און מערצאָל.

ברענגען צו טראָגן ווערן צעגאַנגען געבן צו וויסן
קומען צו גיין ווערן צעריסן געבן צו פאַרשטיין

5. שטרײַכט אונטער אין די ווײַטערדיקע זאַצן די סוביעקטן מיט איין ליניע און די פרעדיקאַטן מיט צוויי. פריער לייענט דורך דעם גאַנצן טעקסט. פאַרגעסט ניט צו פאַרעכענען אין די פרעדיקאַטן די הילפווערבן, די צוגאָבן און דעם „זיך". און ווען אַ פרעדיקאַט קומט מיט אַ „ניט", דאַרף מען אויך דעם „ניט" פאַרעכענען פאַר אַ טייל פונעם פרעדיקאַט.

דורך אַ ברייטן גרויסן פענצטער האָט פון לינקס צום לעצטן מאָל אַ בלענד געטאָן דער טונקעלער דרויסן. פון רעכטס האָט זיך געלאָזט הערן אַ געמורמל פון ריידעוודיקע מײַלער. עס האָט אַ שווינדל געטאָן דער טונקעלער אַרײַנגאַנג פון דער גרויסער איבערגעפולטער אַלגעמיינער קאַמערע. די אַרעסטירטע האָבן געשלעפּט זייערע זעק מיט שטרוי, הינטערן קליינעם נאַרוואָס אָנגעצונדענעם פאַרייכערטן לעמפל האָבן עטלעכע אַרויסקוקנדיקע פּענעמער אופגעהערט זיך סוידען. עמעצנס אַן אויג האָט דעם דאָקטער אויסגעזוכן קענטלעך. אין טונקעלן ווינקל בײַ פּיליפּאָוון קלאַפּט אַ בײַיקער וועקזייגער. ווי קאַלטע טראָפּנס טריפן זײַנע קלעפּ אין דער שטילקײַט. די שטילקײַט איז האַרט ווי שטיין. אינמיטן צימער אַף אַ ברייט בעט ליגט דער קראַנקער פּיליפּאָוו אַפן רוקן. דער דאָקטער טרעט אַרײַן מיט ווייכע פיס. זײַנע אויגן כאַפּן אַ קוק פון אונטערן שטערן. דעם דאָקטערס אָפּשאַצנדיקער בליק האָט זיך פאַרקנייטשט. פּיליפּאָוו האָט געדרעמלט. איין האַנט וואַלגערט זיך לעבן אים ווי אַ געליימטע און אַ פרעמדע. די צוויי-

טע איז אײַנגעבראָכנ אינ עלנבויגנ אונ איז פארוואָרפנ איבערנ קאָפּ. זי פארדעקט די אויגנ אונ דעמ שטערנ. דער לאָמפּ האָט פונ אונטערנ גרינעמ אבאזשור שטארק באלויכטנ דעמ ציקאָפּנס. דער וועקזייגער האָט אומגע־קערט דעמ דאָקטער זײַנ רויִקײַט. מיט קאלטע שפּיצ פינגער האָט ער א קוועטש געגעבנ דעמ דויפעק פונ דער האנט. די האנט האָט ווי ניט גע־פילט. דער דאָקטער האָט זיכ צוגערוקט נעענטער מיט זײַנ שטול, צוגעלייגט זײַנ אויער מיטנ רערל צו דער ברוסט אונ האָט זיכ אײַנגעהערט (לויט בערגעלסאָנענ).

6. שרײַבט אראָפּ פונעמ פּאָריקנ טעקסט אינ דרײַ באזונדערע גרופּעס די פּערזאָניקע ווערבנ, אינפיניטיווג אונ פּארטיציפּנ.

7. לייענט דורכ אופמערקזאמ דעמ ווײַטערדיקנ פראגמענט אונ לייגט אכט אפ די ווערבפאָרמעס.

ס'א פולע קראָמ מיט פויערנ, מיט היצ
פונ ווײַטנ זומערדיקנ טאָג,
די זונ גיט אלעמאָל אפ שנײַדמעסער א בליצ,
אונ אנשל זיצט ניט אײַנ — סע טראָגט!
עס מישנ זיכ פּאטשיילעס פארביקע מיט בערד,
מע קלינגט מיט פינגער הארטע איבער שטאָל,
אונ אפ א האלבנ מארק דער ווייכער קלאנג זיכ הערט.
מע דינגט זיכ, אונ מע גלײַכט זיכ, אונ מע צאָלט!
עס גיסט זיכ גאָלד פונ פעלד אינ אנשלס קראָמ!
ס'איז אנשלס פעלד! ס'איז אנשלס גאָט!
אונ נײַע קוינימ גיבנ זיכ א שטראָמ.
אָט ווארפט ער דאָרט אראָפּ פונ זיכ שוינ די קאפּאָטע
אונ גיט אינ ווײַסע ארבל זיכ א לאָז,
עס גיט די באָרד בא איִמ א שאָרכ זיכ,
עס גיט דאָס העמד זיכ א צעבלאָז,
אונ ער דערלאנגט א מאָרדעווע מיט די מעשאָרסימ:
„וואָס שטייט איר ווי די בעק?
מע קאָנ מיר דאָ ארויסטראָגנ א האלבע קלייט!" (מארקיש).

8. שרײַבט ארײַנ די ווערבנ פונעמ פּאָריקנ פראגמענט אינ דער ווײַטערדי־קער טאבעלע.

אָפּגעכאפּטע		ניט קיינ אָפּגעכאפּטע	
אקטיווע	רעפלעקסיווע	אקטיווע	רעפלעקסיווע

9. ברענגט די ווערבן פונעם פֿאַריקן פראַגמענט אין דער געוויינטלעכער פאַרגאַנגענהייט. אשטייגער: גיט א בליץ — האָט געגעבן א בליץ. געדענקט: דער פּאַרטיציפּ פון „געבן, קלינגען" און „דינגען" איז — „געגעבן, געקלונגען, געדונגען".

35. גערונדיוו

1. שרייבט אַראָפּ דעם ווייטערדיקן אויסצוג און שטרייכט אונטער די גערונדיוון.

קעדיי אָנצופירן, ווי עס באַדאַרף צו זיין, דאַרף מען קענען די זאַך, מע דאַרף שטודירן די זאַך געוויסנהאַפט, מיט געדולד, מיט איינגעשפּאַרטקייט. מע קאָן ניט אָנפירן אין דאָרף, ניט קענענדיק די לאַנדווירטשאַפט, ניט קענענדיק די קאָאָפּעראַציע, ניט זייענדיק באַקאַנט מיט דער פּרייז-פּאָליטיק, ניט שטודירנדיק די געזעצן, וועלכע האָבן א דירעקטע שייכעס צום דאָרף. מע קאָן ניט אָנפירן אין שטאָט, ניט קענענדיק די אינדוסטריע, ניט שטודירנדיק דעם שטייגער פון די אַרבעטער, ניט צוהערנדיק זיך צו די אָנפראַגעס און נויטן פון די אַרבעטער, ניט קענענדיק די קאָאָפּעראַציע, די פּראָפּאַריינען, די קלובאַרבעט (סטאַלין).

2. טיילט איין די ווייטערדיקע ווערטער אין צוויי גרופּעס: 1) גערונדיוון; 2) ניט קיין גערונדיוון.

זיצנדיק, לויפנדיק, ענדיק, שמועסנדיק, לייענענדיק, ענדיקנדיק, זינדיק, הייבנדיק, שטענדיק, קלייענדיק, זינדיקנדיק, בייגנדיק, וואָלקנדיק, רעגיסטרירנדיק, מיינענדיק, בייגעוודיק, בינדנדיק, רירעוודיק, שטודירנדיק, כייגעוודיק.

3. בילדעט גערונדיוון פון די ווייטערדיקע אינפיניטיוון.

נעמען, צולויפן, זינגען, פאַרשטיין, ברענגען, אָפּגעבן, אויסגיין, פאַרהענגען, שווענקען, אָנשטרענגען, אָפּטרייסלען, פאַנאַנדערוואַרפן.

4. בילדעט גערונדיוון פון די ווייטערדיקע פּאַרטיציפּן.

גענומען, געבראַכט, דערקלערט, אויסגעלייענט, אויסגעטרונקען, פאַרבונדן, אָנגעהויבן, צוגעשמידט, פאַנאַנדערגעטריבן, צונויפגעבונדן, פאַנאַנדערגענומען, צונויפגעקליבן.

5. בילדעט פּאַרטיציפּן פון די ווייטערדיקע גערונדיוון.

שניידנדיק, גייענדיק, אָפּטרינקענדיק, אויסגעבנדיק, שמועסנדיק, פאַרבלענדנדיק, הייבנדיק, קאָאָפּערירנדיק, געפינענדיק, אויסשווענקענדיק, לייענענדיק, פאַנאַנדערבינדנדיק.

6. שטעלט צונויף פינף זאַצן מיט גערונדיוון.

7. שרייבט אָן דעם אינהאַלט פונעם ווייטערדיקן פראַגמענט, פאַרבייטנדיק די גערונדיוון מיט אַנדערע פּאַסיקע ווערבפאָרמעס, און פּרובירט פאַר־

מוליִרן די ענדערונגען, וואָס קומען אינעם אינהאַלט פּאָר פון אזא פּאַרבײַט.

דער פּראָלעטאַריאַט פונעם ראַטנפאַרבאַנד, גייענדיק בעראָש פון די ברייטע מאַסן אָרעמע און מיטעלע פּויערים, אָפּשלאָגנדיק דעם פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד פונעם קלאַסנפײַנט, אָפּראַמענדיק דאָס לאַנד פון דעם גאַנצן ברוכוואַרג פון פאַרגאַנגענהײַט, האָט קעסיידער געבויט און פאַרפעסטיקט זײַן סאָציאַליסטישע אַרבעטער-מעלוכע („דער עמעס").

8. שרײַבט אַרויס פונעם ווײַטערדיקן טעקסט אין באַזונדערע גרופּעס די פּערזאָניקע ווערבן, אינפיניטיוון, פּאַרטיציפּן און גערונדיוון.

נאָכמענס לאַנגע דאַרע פינגער האָבן מיט אַ ציטער געשווינד אַ זוך געגעבן די קנעפּלעך, געשווינד זיי געפּאַקט, אַרײַנגעטאָן זיי אין כאַפּעניש אין די בוטעלקעס. די לאַנגע פּיס האָבן אַליין געמאַכט אַ פּאָר טריט צו דער טיר, צו פּענעקן, נאָר באַלד האָט זיי נאָכמען אָפּגעשטעלט, זיך אומגעקערט צוריק, אָפּגעשפּיליעט צוריק בא דער קאַפּאָטע די קנעפּלעך, שטיין געבליבן באַם פענצטער מיטן פּאָנעם האַרט בא די געשטוקעוועטע שויבן, זיך אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן, זיך פאַרטראַכט. אַפן פענצטער האָבן זיך געטריקנט שטינקענדיקע שטיקלעך פון ניט-דערייכערטע צ׳גאַר־טיטונס. נאָכמען האָט עטלעכע אַזעלכע שטיקלעך פאַנאַנדערגענומען, זיי אויסגעלייגט אַפּ ןייער אַ שמאָל פּאַפּיראָסל, געדרייט פון זיי אַ ציגאַר, און אויסדרייענדיק זיך בא אַט דער אַרבעט מיטן פּאָנעם צום ווײַב, פאַרקלעפּנדיק דאָס פּאַפּיראָסל מיט דער ציטעריקער צונג, האָט ער אַ זאָג געגעבן:

— זאָלן מיר טאַקע אַזוי גליקלעך זײַן, ווי נאָך הײַנט גאַנצפרי... איך האָב זיך נאָר געהאַט אופגעכאַפּט פון שלאָף, האָב איך באַלד אַ טראַכט געטאָן: „מירן הײַנט קאָכן אָנבײַסן"... (בערגעלסאָן).

9. שרײַבט אַרויס פונעם פּאָריקן טעקסט די פאַרגאַנגענהײַטן, אײַנטיילנדיק זיי אין אַקטיווע און רעפלעקסיווע.

36. ווערב און פּרעדיקאַט

1. שרײַבט אַראָפּ די ווײַטערדיקע ווערטער אין צוויי גרופּעס: 1) ווערבן, 2) ניט קיין ווערבן.

שרײַבן. ליקווידירסט. שרײַבערײַ. ליקווידירנדיק. רעמאָנט. אָנגעשריבענע. אָפּגערעמאָנטירט. ליקווידאַטאָר. אָפּגאַנג. ליקווידירונג. מאָביליזאַציע. רעמאָנטירן. מאָביליזיר. באַלשעוויזירונג. צעטיילטע. צוווּקס. פּאַרטייל. באַלשעוויזיר. אויסגעוואַקסן. צעטיילן. אָפּפאַל. מיטיילונג. אָפּגערעמאָנטירטע. עקספּראָפּריִרונג. באַשרײַבנדיק.

2. קלײַבט צו סינאָנימען צו די ווײַטערדיקע ווערבן (די סינאָנימען זאָלן האָבן די זעלבע ווערבפאָרמעס).

דורכגעקאָנטראָלירט, אָפּשפּיגלען, עקספּאָרטירן, אָנגעפּאנגען, אנטפּלעקסט, שטאמט, באַלאנגען, אנטשטאנען, דערלאנג, באשעפּטיקט, אָנגעלאָדן, אָנציי־כענענדיק, פארגעזועלשאַפטלעכט, פארנאכלעסיקסט, צעשלאָגנדיק.

3. שרײַבט ארויס די פּרעדיקאטן פון די ווײַטערדיקע זאצן אין צוויי גרופּעס: 1) ווערבאַלע; 2) נאָמינאַלע.

1) ער האָט געענדיקט די ארבעט. 2) מיר וועלן באַלד גיין אהיים. 3) דער אָוונט איז הײַנט זייער א שיינער. 4) די גאסן זײַנען פול מיט מענטשן. 5) הונדערטער אווטאָמאָבילן לויפן פארבײַ. 6) דער טורקמענישער צוזאמענפאָר פונעם קאָמיוג איז געווען א יאָנטעוו פארן גאנצן פאָלק. 7) די באשטימונג פונעם צוזאמענפאָר איז א פּראָגראם. 8) די פּראָגראם וועט מען אויספילן מיט גרויס ענטוזיאזם. 9) זי איז זייער אינטערעסאַנט. 10) זי וועט נאָך מער מאָביליזירן צו גרויסע און וויכטיקע אקציעס.

4. שטעלט צונויף פינף זאצן מיט ווערבאַלע פּרעדיקאטן און פינף מיט נאָמינאַלע.

5. לייענט דורך דעם ווײַטערדיקן פראגמענט א פּאָר מאָל און שרײַבט דערנאָך פון אים ארויס די ווערבן פון פאקטישן מאָדוס אין קעגנווארט. די צוגאָבן און די „זיך“ן, וואָס געהערן צו די קעגנווארטן, שרײַבט אויך ארויס.

שימקע נעמט זײַן מיטגעבראכטע האק, שארט זיך מיט איר אוועק פֿאַר־נעם בײַדל, דרייט זיך א ווײַלע צווישן דיביימער, באקוקט איטלעכן גרע־בערן בוים פון אויבן אראָפּ און פון אינטן ארויף, פארמויעכט זיך, פײַפט דערבײַ צו מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט צום בוים זאָגן:

— אײַ, גוטערברודער, וועט פון דיר זײַן גוטער מאטעריאַל — דאָ אפּנ אָרט קוילעט מען דיך און דאָ אפּנ אָרט וועט מען פון דיר בויען א הויז, ווײַט וועט מען דיך ניט דארפן שלעפּן.

לעבן איינעם א נישקאָשעדיק־גראָבן בוים בלײַבט ער שטיין און בא־קומט א גוואַלדיקן „יעיצערהאָרע“ א האק צו טאָן אין אים מיט דער האק. ער קוקט זיך ארום אין אַלע זײַטן — דאָס וווּנדערט ער זיך אפּ זיך אַליינ: „פארוואָס הייבט ער ניט אָן?“, „פאר וועמען האָט ער מוירע“... אז די סאָוועטסקע וולאסט אַליינ זאָגט:

— האק, גוטערברודער!

— האק און בוי!

איז מאָנעפּשעכ — אויב דאָ־אָ וועט אמאָל זײַן א גרויסער קאָלווירט — א דאָרף, איז דאָך דער ערשטער האק עפּעס חערט — אנו, וואָס פאר א טאַם האָט ער? —

— טפו! טפו...

שימקע טוט א לײַכטן שפּײַ אין איינ האנט, אין דער צווייטער פאר־וואַרפּט ער די האק ווײַט ארונטער און לאָזט ארײַן איר שארף נידעריק

אין בוימס שטאם אריין. נאָכאמאָל און נאָכאמאָל, און פונעם בוימס שטאם, נידעריק בא דער ערד, הייבן אָן פליען די ערשטע שפענדלעך — האלב קאָרע, האלב האָלץ. עס הייבט זיך אָן צו באוויַיזן א זאפטיק־פרישער העלער קארב. מיט טויזנטער נאָענטע און וויַיטע ווידערקוילעס ענטפערט אפ איטלעכן האק די טיַיגע, יאָכצט, און ברומט, און שריַיט. אזוינס האָט די טיַיגע עפשער נאָך קיינמאָל ניט געהערט. זי שריַיט, נאָך איידער זי ווייכט, וואָס מע טוט איר, גרוילט און שרעקט זיך אינייגעם מיט אלע ווילדע באשעפענישן, וואָס לעבן אין אירע טיפענישן. אונטער דער בייַסיקער שארפ פון האק ווערט דער זאפטיק־פרישער קארב אין בוים אלץ טיפער. ער פארשיקערט שימקעס בליק, רופט בא אים ארויס אלץ מער און מער אימפעט. א זיס שיקרעס גיסט זיך אריין שימקען אין קאָפּ, אין אלע איווורים איטלעכס מאָל, וואָס ער טוט א טראכט:

— דער ערשטער בוים, א?..

ער באמערקט ניט, וואָס ארום אים טוט זיך, זעט ניט, אז אהער איז שוין א פּאָר מאָל צוגעגאנגען זאקס, שוין אוועק צוריק צום בייַדל, זיך שוין אומגעקערט פון דאָרט מיט דער זעג אין האנט. ער דערהערט פּלוצעם, ווי זאקס זאָגט צו אים:

— שוין א גענוגער קארב — מע דארף שוין זעגן...

— א?

אָנגעבויגענערהייט, אופהערנדיק צו האקן, אָטעמענדיק מיט א צעוויגטער ברוסט, דרייט ער זיך אויס מיט א פריילעכן בליק צו זאקסן, באקוקט אים פון קאָפּ ביז די פיס, ער איז דיר קיין נאר ניט, אָט דער זאקס: א שטילער, א שטילער, און אין אומוואלגערן דאָ דעם ערשטן בוים וויל ער דאָך האָבן א כיילעק. ער שנייט שוין לעבן בוים אפ איין קני, אפן שטאם, אין דער אנדערער זיַיט פון קארב האָט ער שוין געמאכט א קריץ מיטן נאָגל, שוין צוגעשטעלט צום קריץ די שכאָל־שארפע זעגציינדלעך און ווארט, שימקע זאָל אָנעמען פארן אנדערן זעגהענטל.

— אויב אזוי, איז — טפו...

שימקע טוט ווידער א שפּיַי אין האנט, בייגט זיך אָן, נעמט אָן דאָס הענטל, און די זעג לויפט שוין מיט א שטאָלענעם קלאנג אהין און צוריק און שיט פיַיכטע שטראָמעלעך זעגעכץ אין ביידע זיַיטן. אלע קרעפטן פון קערפּער גיסן זיך אריַין אין יאָדערדיקן האנטמוסקול און עס גייט א גאנג. די שטאָלענע זעגציינדלעך פארקריצן אלץ טיפער און טיפער אין שפאלט, דער שטאם איז געווען גראָב. עס דויערט היפש, ביז מע דערפילט אין דער האנט, אז דער זעג איז גראם געוואָרן אין שפאלט. עפּעס אין דער לופט האָט ווי א ציטער געטאָן — דאָס האָט דער בוים מיט זיַין גאנצער הויכבאצוויַיגטער מאכינע זיך געגעבן א ליַיכטן בייג אין יענער זיַיט, ווו שימקע האָט אויסגעהאקט דעם טיפן קארב. נאָך עטלעכע פיר מיט דער זעג, און

עס דערהערט זיך א האסטיקער ברעך.ביידע שפּרינגען אָפּ מיט דער זעג אָן א זײַט, קוקן ווי דער בוים האָט צײַט — ווי א קאָפּ פּאַרטשאַדעט, ווי צוגעווינט בלויז צו שטיין און ניט צו ליגן, ווי ניט ווילנדיק, וואָס אום־פאַלן הייסט, האָט די גרויסע און גראָבע בוים־מאַכינע גענומען ניט פאַלן, נאָר פּאַמעלעך־פּאַמעלעך זיך לייגן מיט אייגענער שווערקייט, אָפּברעכן איר לעצטע צוגעבונדנקייט צום וואָרצל, זיך בייגן, בייגן און פּלוצלינג, ווי איבערצײַגנדיק זיך, אז די שפּיל איז א פאַרפאַלענע, פאַרטשעפּענדיק און ברעכנדיק מיט איר שווערקייט צווײַגן און יונגע ביימער, מיטאמאָל זיך געגעבן א מאָרדעווע אף דער ערד. די טײַגע ארום און ארום — ווי אין איר וואָלט אויסגעשאָסן אָן א שיר הארמאטן. ערשט איצט האָבן דערהערט אַלע ווילדע באַשעפענישן אין די נאָענטע און ווײַטע טײַגע־טיפענישן:

— דער ערשטער בוים־געוואַלגער.

— ס'איז געשען... (בערגעלסאָן).

37. פּרעדיקאַטיווע מיטשטימונג

1. שרײַבט אָן ריכטיק די ווײַטערדיקע זאצן. זעט, אז די פּרעדיקאַטן (די פּערזאָניקע ווערבן) זאָלן שטימען מיט די סוביעקטן.

1) דער לימעד אין אַלע גרופּעס קומ... פאַר אין דער מוטערשפּראַך. 2) היינט ווע . . . אין אַלע צעכן פאָרקומען אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען. 3) די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן פון א קלאַס פאָרמיר . . אויס זײַנע שטימונגען און מיינונגען. 4) די טעמפּן פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג רופ . . ארויס א פאַרווונדערונג אפילע בא אונדזערע קלאַסן־סאָנים. 5) די די־עקטיווון פון דער פאַבריקער פאַרטיי־פאַרזאַמלונג האָ . . געווירקט אף דער ארבעט פון אַלע צעכן. 6) אַלע ארבעטער פון דער פּערטער שנײַדער־פאַבריק האָ . . באַשלאָסן ארײַנצוטרעטן אין דער מאָפּר־אָרגאַניזאַציע. 7) די פאַריינ־אָרגאַניזאַציעס פון אוקראַינע אנטוויקל . . א גרויסע ארבעט. 8) די פאַרבעסערונג פון דער לאַגע אין די צענטראַל־קאָמיטעטן מוז . . ווירקן אף דער לאַגע אין די פאַבריק־קאָמיטעטן. 9) די דירעקטיוו פון צעקא וועגן ליקווידירן די אומגראַמעטנעקײַט און וועגן פאַרוואַנדלען די שטעט צום יאָרטאָג פונעם אָקטיאַבער־יאָנטעוו אין דורכויס גראַמעטנע האָ . . שטאַרק סטימולירט די ארבעט. 10) די נײַע הײַזער ארום און ארום און די פּראַכט־פולע קוויטן אין שטאָט און אף דער פאַבריק־טעריטאָריע האָ . . די אויס־לענדישע געסט שטאַרק פאַרוווּנדערט.

2. שטרײַכט אונטער אין די פאָריקע זאצן די סוביעקטן צוזאַמען מיט די ווערטער, וואָס ציִען צו זיי.

3. שטרײַכט אונטער אין די ווײַטערדיקע זאצן די סוביעקטן מיט איינ־ליניע און די פּרעדיקאַטן מיט צוויי.

די ראטנמאכט האָט געעפנט די טירן פון אַלע הויכשולן פאר מענטשן פונעם ארבעטער־קלאס. צענדליקער טויזנטער ארבעטער-פויערשע יוגנטלעכע לערנען זיך איצט אין די הויכשולן. באם קאפיטאליזם זיינען די הויכשולן א מאָנאָפּאָל פון פריצישע און בורזשואזע קינדער. בא דער ראטנמאכט זיינען די הויכשולן אָפן פאר דער ארבעטער-פויערשער יוגנט. מיר באקומען פון אונדזערע הויכשולן טויזנטער נייע טעכניקער און אינזשעניערן.

4. ענטפערט שריפטלעך אפ די ווייטערדיקע פראגעס:

1) וואָס האָט די ראטנמאכט געעפנט?

2) פאר וועמען האָט די ראטנמאכט געעפנט די טירן פון די הויכשולן?

3) פאר וועמען זיינען די הויכשולן באם קאפיטאליזם?

4) וואָס און פונוואנען באקומען מיר?

5. שרייבט אראָפּ דעם ווייטערדיקן טעקסט, איינטיילנדיק אים אין זאצן און דערשרייבנדיק די פערזאָניקע ווערבן. פריער לייענט דורך א פאָר מאָל.

טאָגטעגלעך ווער . . פארשארפט די ווידערשפרוכן צווישן די אימפעריאליסטישע מעלוכעס עס וואקס . . די ווידערשפרוכן צווישן די קאפיטאליסטישע לענדער און די אונטערגעדריקטע קאָלאָניעס עס וואקס . . די נאציאָנאליסטישע און שאָוויניסטישע שטימונגען די באוואָפענונגען פון די אימפעריאליסטישע ארמייען וואקס . . אלץ מער און מער אין שרעק פאר דער שטייגנדיקער באוועגונג פון די מאסן פארניכט . . די בורזשואזיע די לעצטע רעשטן פון די דעמאָקראטישע פרייהייטן זי שטעל . . איין דעם רעזשים פון פאשיסטישן טעראָר דורך פאשיזם און מילכאָמע פרווו . . דער קאפיטאל זיך ראטעווען פון דעם צאָרן פון די מאסן אָבער דער פאשיזם און די צוגרייטונג צו א מילכאָמע פארשטארק . . די אומצופרידנקייט פון די מאסן אין די טיפענישן פון די מאסן האָ . . זיך שוין אָנגעזאמלט א ריזיקע רעוואָליוציאָנערע ענערגיע די דאָזיקע ענערגיע רייס . . זיך אלץ אָפטער ארויס און ווארפ . . זיך אפ דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג (לויט „דעם עמעס").

6. שרייבט אָן דעם אינהאלט פונעם פאָריקן טעקסט, ניט קוקנדיק אין ביכל.

7. ענטפערט שריפטלעך אפ פאָלגנדיקע פראגעס:

1) וועלכע פּרעפיקסעס האָט א פערזאָניקער ווערב?

2) וועלכע סופיקסן האָט אן אינפיניטיוו, א פארטיציפּ און א גערונדיוו?

3) ווען איז בא א פארטיציפּ ניט פאראן קיין פרעפיקס „גע"?

4) בא וועלכע ווערבפאָרמעס איז דער צוגאָב נאָכן וואָרצל און באזונדער, און בא וועלכע איז ער פארן וואָרצל און אינגאנעם?

5) ווען שרײַבט מען בא א פּערזאָניקן ווערב אין דער צווייטער פּער־זאָן איינצאָל ניט קיין פלעקסיע „סט", נאָר „ט"?

6) ווען דארף זײַן „געפינען" און „דערהייבן" און ווען „געפונען" און „דערהויבן"? ווען דארף זײַן „גיין" און „געבן" און ווען „גייען" און „גיבן"?

7) מיט וועלכע הילפווערבן קומט א פּאסיווער ווערב אין פאקטישן מאָדוס?

8) מיט וועלכע הילפווערבן קומט א נאָמינאלער פּרעדיקאט?

9) וועלכע ווערבפאָרמעס זײַנען אלעמאָל פּרעדיקאטן אָדער טיילן פון פּרעדיקאטן, און וועלכע קאָנען זײַן ניט קיין פּרעדיקאטן אויך?

10) ווען קומט א ווערב אין קעגנווארט אָנשטאָט פארגאנגענהייט און ווען אָנשטאָט צוקונפט?

38. סובסטאנטיוו

1. שטרײַכט אונטער אין די ווײַטערדיקע זאצן די סובסטאנטיוון.

1) די דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט איז דער העכסטער טיפּ דעמאָ־קראטיע בא א קלאַסנווער געזעלשאפט. 2) די פּראָלעטארישע דיקטאטור פירט צו א קלאסנלאָזער געזעלשאפט. 3) אזא געזעלשאפט ווערט שוין אינעם ראטנ־פארבאנד געשאפן. 4) די קאָמפּארטיי פארטיידיקט די אינ־טערעסן פון די עקספּלואטירטע קלאסן און אונטערגעדריקטע פעלקער. 5) די אונטערגעדריקטע פעלקער פון די קאָלאָניעס הערן זיך אלץ מער און מער צו צו דער שטים פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי.

2. שטרײַכט אונטער אין די ווײַטערדיקע זאצן די סובסטאנטיוון מיט איינ ליניע און די ווערבן מיט צוויי.

1) איך קויף א זעג. 2) איך זעג א גאנצן טאָג. 3) איך נעם מײַן זעג און גיי זעגן. 4) איך טייל די ארבעט אפ צוויי טיילן. 5) איך דאנק אײַך פאר אײַער טירכע. 6) אײַך קומט פון מיר א דאנק. 7) זי ארבעט אינאיינעם מיטן ברודער. 8) די ארבעט וועלן מיר מאכן גאנץ גוט. 9) זיי פּײַלן מיט פּײַלן. 10) שטראָמען וועלן דאָרט שטראָמען.

3. טיילט אײַן די ווײַטערדיקע ווערטער אין צוויי גרופּעס: 1) ווערבן; 2) סובסטאנטיוון.

הימל, לופט, לייענסט, אופגעהאנגען, שמועסט, האָלץ, העלפן, צוגע־האלטן, געלעכטער, דארף, דרוקערײַ, האָריזאָנט, זיצונג, עלעקטריפיקאציע, האָרעוואניע, מענטשהײַט, טווּנג, קלאסיפיצירט, האָדעווענדיק, הארמאָניע.

4. טיילט אײַן די ווײַטערדיקע ווערטער אין פיר גרופּעס: 1) ווערבן; 2) סובסטאנטיוון; 3) אי ווערבן אי סובסטאנטיוון; 4) ניט קיין ווערבן און ניט קיין סובסטאנטיוון.

אוניווערסיטעט, רעוואָליוציע, ווירקונג, רעאליזירט, שטראָמען, ליקווי־

דאטאָר, עקזיסטירן, באַוווּסטזיַין, קאָלעקטיוויזירונג, באַגרענעצטע, ווירקלעכקיַיט, אָפּהענגיקע, עקספּראָפּריִירנדיק, פּיַילן, אָרעמקיַיט, אינדוסטריִאַליזאַציע, זעלבסטהערשונג, אָנגעשטרענגטע, אַרבעט, וואַקלונג, באַוווּסטזיניקע, פֿולקום, געזעלשאַפֿט, העגעמאָניע, מיַיסטערהאַפֿט, קאָאָפּעראַציע, דעלעגירסט, עקזיסטענץ, האַנדל, זאָרגעוודיק, דאַנק, מוסטערהאַפֿט, שעמעוודיק, גליַיכהיַיט, פּרוכטבאַר.

5. שטעלט צונויף אַכט זאַצן מיט די ווערטער „בויגן — בייגן, גלויבן — גלייבן, נויט — נייט, טויט — טייט".

6. שטעלט צונויף צען זאַצן מיט די ווערטער „קלונג—קלינג, שפּרונג — שפּרינג, טרונק — טרינק, ווונק — ווינק, שלוס — שליס".

7. שריַיבט אַראָפּ פֿון דער סופֿיקסן־טאַבעלע, וואָס אָפֿ זיַיט 58—61, אַלע סופֿיקסן, מיט וועלכע עס קאָן זיך ענדיקן אַ סובסטאַנטיוו.

8. בילדעט סובסטאַנטיוון פֿון די וויַיטערדיקע ווערבן, צוגעבנדיק צו זיי סובסטאַנטיווישע סופֿיקסן אָדער אַראָפּנעמענדיק בײַ זיי די ווערבאַלע סופֿיקסן.

רעמאָנטירן, פּראָטאָקאָלירן, מעלדן, דערקלערן, אָרגאַניזירן, שטרעבן, עקספּלואַטירן, אַנטוויקלען, ליקווידירן, אָנשטרענגען, רעקלאַמירן, רעגלאַמענטירן, דעקלאַרירן, קאָאָפּערירן, עקזיסטירן.

9. שטעלט צונויף זאַצן, וווּ די פּרעדיקאַטיווע אויסגעבילדעטע סובסטאַנטיוון זאָלן זיַין סוביעקטן.

10. שטעלט צונויף זאַצן, וווּ די פּרעדיקאַטיווע אויסגעבילדעטע סובסטאַנטיוון זאָלן זיַין אָביעקטן.

11. פֿאַרוואַנדלט די ווערבאַלע פּרעדיקאַטן פֿון די וויַיטערדיקע זאַצן אין נאָמינאַלע — אין אַ סובסטאַנטיוו מיט אַ הילפֿווערב.

1) דער כאַווער פֿאַרבעט. 2) דעם שאָכנס באָכער באַקט. 3) דער עלטערער ברודער אינסטרוקטירט. 4) דעם ברודערס טאָכטער דערציט. 5) אונדזער באַקאַנטע כאַווערטע פּראָפּאַגאַנדירט.

א ש ט י י ג ע ר: דער כאַווער איז אַ פֿאַרבער.

12. פֿאַרוואַנדלט די נאָמינאַלע פּרעדיקאַטן פֿון די וויַיטערדיקע זאַצן אין ווערבאַלע, וואָס זאָלן וויַיזן צוקונפֿט.

1) דער כאַווער איז אַן אַגיטאַטאָר. 2) דעם פֿאָרזיצערס זון איז אַ קאָנטראָליאָר. 3) דער ייִנגערער ברודער איז אַן אינספּעקטאָר. 4) אונדזער שאָכן איז אַ באַלעבאָס. 5) אַלע מיטגלידער פֿון קריַיז זיַינען דעקלאַמאַטאָרס (פֿאָרלייענער).

13. שריַיבט אַראָפּ דעם וויַיטערדיקן טעקסט און שטעלט צו פּאַסיקע אַרטיקלען.

.. וווּקס פֿון .. טעכניק אין .. קאַפּיטאַליסטישע לענדער .. וווּקס פֿון .. פּראָדוקטיווע קויכעס און פֿון .. קאַפּיטאַליסטישער ראַציאָנאַליזאַציע מוזן

בא . . באגרענעצטע ראמענ פונעמ לעבנס־ניוואָ פונ . . מיליאָניקע מאסנ ארבעטער אונ פויערימ אומבאדינגט ברענגענ צו . . גרויזאמענ עקאָנאָ־מישנ קריזיס . . איצטיקער עקאָנאָמישער קריזיס איז . . קריזיס פונ איבער־פּראָדוקציע . . איצטיקער קריזיס איז . . ערשטער אלוועלטלעכער קריזיס נאָכ . . מילכאָמע ער איז . . וועלט-קריזיס אויכ אינ . . זינענ, וואָס . . אינדוסטריעלער קריזיס איז אויסגעפאלנ אינ אײנ צײַט מיט . . לאנדווירט־שאפטלעכנ קריזיס, וועלכער כאפּט ארומ . . פּראָדוקציע פונ אלע מינימ רויוואַרג אינ . . אגראַרישע גרונטלענדער פונ . . וועלט.

14. לײענט דורכ דעמ ווײַטערדיקנ אויסצוג פונ סטאלינס רעדע „וועגנ דער ארבעט אינ דאָרפ“ אונ שרײַבט דערנאָכ ארויס די סובסטאנטיוונ.

דער קאָלווירט איז א סאָציאַליסטישע פאָרמע פונ ווירטשאפטלע־כער אָרגאניזאציע, פונקט ווי די ראטנ זײַנענ א סאָציאַליסטישע פאָרמע פונ פּאָליטישער אָרגאניזאציע. סײַ די קאָלווירטנ סײַ די ראטנ זײַנענ די גרעסטע דעראָבערונג פונ אונדזער רעוואָליוציע, די גרעסטע דעראָבע־רונג פונעמ ארבעטער-קלאס. אָבער די קאָלווירטנ אונ די ראטנ זײַנענ בלויז א פאָרמע פונ אָרגאניזאציע, עמעס, א סאָציאַליסטישע, אָבער דאָכ א פאָרמע פונ אָרגאניזאציע. אלצ איז אָפּהענגיק דערפונ, וואָס פאר אנ אינהאלט עס וועט ארײַנגעגאָסנ ווערנ אינ דער דאָזיקער פאָרמע. מיר ווייסנ פאלנ, ווענ די ראטנ פונ די ארבעטער- אונ סאָלדאטנ-דעפּוטאטנ האָבנ געשטיצט אפ א געוויסנ פּעריאָד די קאָנטער־רעוואָליוציע קעגנ דער רעוואָ־ליוציע. אזוי איז געווענ בא אונדז, אינ פסר, אשטייגער אינ יול 1917-טנ יאָר, ווענ מיט די ראטנ האָבנ אָנגעפירט די מענשעוויקעס אונ עסערנ אונ די ראטנ האָבנ פּארדעקט די קאָנטער-רעוואָליוציע קעגנ דער רעוואָליוציע. אזוי איז געווענ אינ דײַטשלאנד סאָפ 1918־טנ יאָר, ווענ מיט די ראטנ האָבנ אָנגע־פירט די סאָציאַל-דעמאָקראטנ אונ ווענ זיי האָבנ פּארדעקט די קאָנטער־רעוואָ־ליוציע קעגנ דער רעוואָליוציע. הייסט עס, אז די זאכ איז ניט בלויז אינ די ראטנ אלס פאָרמע פונ אָרגאניזאציע, כאָטש די דאָזיקע פאָרמע גופע שטעלט מיט זיכ פאָר א קאָלאָסאלע רעוואָליוציאָנערע דעראָבערונג. די זאכ באשטייט, פריער פאר אלצ, אינ דעמ אינהאלט פונ דער ארבעט פונ די ראטנ, די זאכ באשטייט אינ דעמ כאראקטער פונ דער ארבעט פונ די ראטנ, די זאכ באשטייט אינ דעמ, ווער נעמלעכ פירט אָנ מיט די ראטנ—רעוואָליוציאָנערנ אָדער קאָנטער-רעוואָליוציאָנערנ. דערמיט, אייגנטלעכ, דערקלערט זיכ טאקע דער פאקט, וואָס די קאָנטער-רעוואָליוציאָנערנ זאָגנ זיכ ניט שטענדיק ארויס קעגנ ראטנ. עס איז אשטייגער באוווסט, אז דער הויפּט פונ דער רוסישער קאָנטער-רעוואָליוציע מיליוקאָוו האָט בײַסנ קראָנשטאטער אופשטאנד זיכ ארויסגעזאָגט פאר ראטנ, נאָר אָנ קאָמוניסטנ. „ראטנ אָנ קאָמוניסטנ“—אָט אזא לאָזונג איז דעמלט געווענ פונעמ הויפּט פונ דער רוסישער קאָנטער-רעוואָליוציע מיליוקאָוו. די קאָנטער-רעוואָליוציאָנערנ האָבנ פארשטאנענ, אז די זאכ איז ניט בלויז

אינ די ראטנ גופע, נאָר פריִער פאר אלצ דערינ, ווער וועט מיט זיי אָנפירנ.

דאָס זעלבע דארפ מענ זאָגנ וועגנ די קאָלווירטנ. די קאָלווירטנ, אלס סאָציִאליסטישע פאָרמע פונ אָרגאניזירנ די ווירטשאפט, קאָנענ באוויַיזנ וווּנדער פונ ווירטשאפטלעכער בויונג, אויב בעראָש פונ זיי שטייענווירקלעכע רעוואָליוציִאָנערנ, באָלשעוויקעס, קאָמוניסטנ. אונ פארקערט — די קאָלווירטנ קאָנענ פארוואנדלט ווערנ אפ א געוויסנ פעריִאָד אינ א צודעק פאר אלערליי קאָנטער־רעוואָליוציִאָנערע אופטוענ, אויב אינ די קאָלווירטנ וועלנ די רעדלפירער זיַינ עסערנ אונ מענשעוויקס, פעטליורישע אָפיצערנ אונ אנדערע וויַיס־גווארדייער, געוועזענע דעניקינצעס אונ קאָלטשאקאָווצעס. דערביַי דארפ מענ האָבנ אינ זינענ, אז די קאָלווירטנ, אלס פאָרמע פונ אָרגאניזאציע, זיַינענ ניט בלויז ניט גאראנטירט דערפונ, אז אינ זיי וועלנ ניט אריַינדרינגענ קיינ אנטי־סאָוועטישע עלעמענטנ, נאָר זיי שטעלנ אפילע פאָר די ערשטע ציַיט געוויסע באקוועמלעכקיַיטנ פאר דעמ, אז די קאָנטער־רעוואָליוציִאָנערנ זאָלנ זיי ציַיטוויַיליק אויסניצנ. קאָלזמאנ די פויערימ האָבנ געפירט אנ אינדיווידועלע ווירטשאפט, זיַינענ זיי געווענ צעשפליטערט אונ אָפגעטיילט איינער פונ אנדערנ, אונ דעריבער האָבנ די קאָנטער־רעוואָליוציִאָנערע פלענער פונ די אנטיסאָוועטישע עלעמענטנ אינ דער פויערשער סוויווע ניט געקאָנט געבנ קיינ גרויסנ עפעקט. גאָר אנ אנדער בילד באקומט זיך, ווענ די פויערימ גייענ אריבער צו דער קאָלווירטישער ווירטשאפט. דאָ האָבנ שוינ די פויערימ אינ געשטאלט פונ די קאָלווירטנ א פארטיקע פאָרמע פונ א מאסנ־אָרגאניזאציע. דעריבער קאָנ דאָס אריַינדרינגענ פונ די אנטיסאָוועטישע עלעמענטנ אינ די קאָלווירטנ אונ זייער אנטיסאָוועטישע טעטיקיַיט געבנ א סאך א גרעסערנ עפעקט. מע דארפ רעכענענ, אז דאָס אלצ נעמענ אינ אכט די אנטיסאָוועטישע עלעמענטנ. עס איז באוווּסט, אז איינ טייל קאָנטער־רעוואָליוציִאָנערנ, אשטייגער אפ צאָפנ־קאווקאז, באמיט זיך אליינ צו שאפנ עפעס ווי א מינ קאָלווירטנ, אויסניצנדיק זיי אלס לעגאלנ צודעק פאר זייערע אונטערערדישע אָרגאניזאציעס. עס איז אויך באוווּסט, אז די אנטיסאָוועטישע עלעמענטנ אינ א ריי ראיאָנענ, ווו זיי זיַינענ נאָך ניט דעמאסקירט אונ ניט צעגראָמירט, — גייענ גערנ אינ די קאָלווירטנ, זיי לויבנ אפילע די קאָלווירטנ, קעדיי צו שאפנ אינווייניק אינ די קאָלווירטנ נעסטנ פונ קאָנטער־רעוואָליוציִאָנערער ארבעט. עס איז אויך באוווּסט, אז איינ טייל אנטיסאָוועטישע עלעמענטנ זאָגט זיך איצט אליינ ארויס פאר קאָלווירטנ, נאָר ביטנַיי, אז אינ די קאָלווירטנ זאָלנ ניט זיַינ קיינ קאָמוניסטנ. „קאָלווירטנ אָנ קאָמוניסטנ“ — אָט וואָס פאר א לאָזונג עס ווערט איצט אויסגעטראָגנ צווישנ די אנטיסאָוועטישע עלעמענטנ. הייסט עס, די זאך באשטייט ניט בלויז אינ די קאָלווירטנ גופע, אלס סאָציִאליסטישע פאָרמע פונ אָרגאניזאציע, נאָר פריִער פאר אלצ דערינ, וואָס פאר אנ אינהאלט ווערט אריַינגעגאָסנ אינ דער דאָזיקער פאָרמע, — די זאך

באשטייט פריער פאר אלץ דערינ, ווער עס שטייט בעראָש פונ די קאָל־ווירטנ אונ ווער עס פירט מיט זיי אָנ (סטאַלינ).

15. ענטפערט שריפטלעכ אפ די וויַטערדיקע פראגעס.

1) וואָס פאר א געמיינזאמקייַט וויַזט סטאַלינ אָנ בא די קאָלווירטנ אונ ראטנ?

2) וואָס פאר א פארשיידנקייַט וויַזט ער אָנ בא זיי?

3) ווענ אונ ווו האָבנ ראטנ געשטיצט די קאָנטער־רעוואָליוציע קעגנ דער רעוואָליוציע?

4) ווענ אונ ווו האָבנ קאָנטער-רעוואָליוציאָנערנ זיכ ארויסגעזאָגט פאר ראטנ?

5) ווענ אונ ווו האָבנ קאָנטער-רעוואָליוציאָנערנ אונ אנטיסאָוועטישע עלעמענטנ זיכ באמיט צו שאפנ „קאָלווירטנ”? פארוואָס?

6) וואָס פאר א מינ ראטנ אונ וואָס פאר א מינ קאָלווירטנ שטעלנ זיכ די קאָנטער־רעוואָליוציאָנערנ פאָר?

7) וואָס איז דער איקער אינ די ראטנ אונ אינ די קאָלווירטנ?

16. לייענט נאָכאמאָל דורכ דעם פאָריקנ ארויסצוג אונ שרייַבט אָנ זייַנ גרונט-אינהאלט אינ אכט—צענ זאצנ.

39. איינצאָל אונ מערצאָל

1. שטעלט צונויפ זאצנ, ווו די וויַטערדיקע סובסטאנטיוונ זאָלנ קומענ אינ מערצאָל אונ זאָלנ זייַנ סוביעקטנ.

א בוכ, גרוב, הונ, הונט, טוכ, נוס, פוס, קו, רוט, שוכ; געדאנק, גע־זאנג, מיינונג, פארזאמלונג, שטימונג.

2. שטעלט צונויפ זאצנ, ווו די וויַטערדיקע סובסטאנטיוונ זאָלנ קומענ אינ א פארקלענער-פאָרמע אונ זאָלנ זייַנ אָביעקטנ.

ברודער, זונ, יונג, צונג, פוס, פוקס, בוימ, אויג, בלומ, פויגל, שטוב, הונט, גרוב, שוכ, רעגע.

3. ברענגט אינ א פארקלענער-פאָרמע די וויַטערדיקע סובסטאנטיוונ.

באנק, ביינ, שטיינ, צאָנ, פאנ, וואָגנ, קאָמבייַנ, מיל, פעל, שפיל, קאָל, וואָקזאל.

4. שרייַבט ארויס פונעם וויַטערדיקנ טעקסט די סובסטאנטיוונ, אייַנ־טיילנדיק זיי אינ 1) איינצאָל; 2) מערצאָל.

אויב געבנ אינקורצנ די אנאטאָמיע פונ דער קאָמוניסטישער געזעל־שאפט, וועט עס זייַנ אזא געזעלשאפט: א) ווו ס'וועט ניט זייַנ קיינ פריוואט־אייגנטומ אפ די פראָדוציר־געצייַג אונ פראָדוציר-מיטלענ, נאָר ס'וועט זייַנ אנ אייגנטומ א געזעלשאפטלעכס, א קאָלעקטיווס; ב) ווו ס'וועלנ ניט זייַנ קיינ קלאסנ אונ קיינ מעלוכע-מאכט, נאָר ס'וועלנ זייַנ ארבעטלייַט פונ דער

אינדוסטריע און פונ דער לאנדווירטשאפט, וואָס פירנ מיט זיכ אָנ עקאָנאָמישווי א פרײַע אסאָציִאציע פונ ארבעטנדיקע; ג) ווו די פאָלקסווירטשאפט, אנ אָר־גאניזירטע לויט א פּלאנ, וועט זיכ באזיכנ אפ דער העכסטער טעכניק, סײַ אינ געביט פונ דער אינדוסטריע סײַ אינ געביט פונ דער לאנדווירטשאפט; ד) ווו ס׳וועט ניט זײַנ קיינ קעגנזאצ צווישנ שטאָט און דאָרפ, צווישנ דער אינדוסטריע און דער לאנדווירטשאפט; ה) ווו די פּראָדוקטנ וועלנ פאנאנדערגע־טיילט ווערנ לויטנ פּרינציפּ פונ די אלטע פראנצויזישע קאָמוניסטנ: „פונ יעדערנ לויט די פײיִקײַטנ, יעדערנ לויט די באדערפענישנ”; ו) ווו די וויסנ־שאפט און די קונסט וועלנ האָבנ באדינגונגענ גענוג גינסטיקע אפ צו דערשלאָגנ זיכ א פולקומענ פאנאנדערבלי; ז) ווו די פּערזענלעכקײַט, א פרײַע פונ זאָרגנ וועגנ שטיקל ברויט און פונ דער נויטווענדיקײַט אונטער־צוכאנפּענענ זיכ צו די „שטארקע פונ דער וועלט”, וועט ווערנ ווירקלעכ פרײַ. אאוו. אדג. (סטאלינ).

5. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די ווײַטערדיקע ווערטער.

אנאטאָמיע	אינדוסטריע	געביט	קונסט
געזעלשאפט	לאנדווירטשאפט	קעגנזאצ	גינסטיקע
פּריוואט־אייגנטומ	אסאָציִאציע	פײיִקײַטנ	פּערזענלעכקײַט
פּראָדוציר־געצײַג	זיכ באזירנ	באדערפענישנ	נויטווענדיקײַט

6. זאָגט איבער מינדלעכ, ניט קוקנדיק אינ ביכל, די כאראקטעריסטיק פונ דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט. דערנאָכ שרײַבט עס אָנ.

7. שרײַבט ארויס פונ בערגעלסאָנס טעקסט, וואָס אפ זײַט 269—271, אלע סובסטאנטיוונ איינצאָל.

40. מינ

1. שרײַבט אָנ ריכטיק די באשטימיקע ארטיקלענ בא די ווײַטערדיקע סובסטאנט־יוונ סוביעקטנ.

1) ד.. פארזאמלונג האָט זיכ אָנגעהויבנ. 2) ד... פּויערטומ פונעם קאָל־ווירט האָט געשטימט פאר דער רעוואָליוציע. 3) ד.. מאָסקווער אָרגאניזאציע איז איינע פונ די שטארקסטע פּארטיי־אָרגאניזאציעס. 4) ד.. פּארטיי־אקטיוו פונ אונדזער ראיאָנ וועט זיכ די טעג צונויפקלײַבנ. 5) ד.. דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט פארטיידיקט די אינטערעסנ פונ די ארבעטער און פּויערים. 6) ד.. פּאָדערונגענ פונ דער באפעלקערונג וואקסנ. 7) ד.. ראטנ־ווירטשאפט שטײַגט פונ יאָר צו יאָר. 8) ד.. שטעטל ווערט אלצ מער ארײַנגעצויגנ אינעם סאָוועטישנ און פּארטײיִשנ לעבנ. 9) ד.. שטעטל־יוגנט אָרדנט זיכ אײַנ אינ די ארומיקע און אויכ אינ די ווײַטערע פּונקטנ. 10) ד.. מעג־לעכקײַט זיכ אײַנצואָרדענענ אקטיוויזירט ד.. גאנצע באפעלקערונג.

2. שרײַבט אָנ די ווײַטערדיקע סובסטאנטיוונ אינ אײנצאָל.

טישנ, די ווענט, די געבײַדעס, די טישלעכ, די ווענטלעכ, ײנגלעכ, די מײדלעכ, די גאסנ, לאָמפּנ, רעגנס, די מענטשנ, פּרויענ, די בענקלעכ, די שטעט, דערפער, די קאָלווירטנ, די פּערספּעקטיוונ, האָריזאָנטנ, די פּײַקײַטנ, מאשינעס, די דעלעגאציעס, דעמאָנסטראציעס, די פּיאָנער-צײַטונ-גענ, די רײַכטימער, די ווירטשאפטנ, די פּערזענלעכקײַטנ, הײַזער, ביימער, די ברידער, די מעלדונגענ.

א ש ט י י ג ע ר: טישנ—א טיש; די ווענט—די וואנט.

3. טײלט אײַנ די סובסטאנטיוונ פונ סטאלינס טעקסט, וואָס אפ זײַט 277—278, אינ דרײַ גרופּעס: 1) ערשטער מינ; 2) צווייטער מינ; 3) דריטער מינ. די סובסטאנטיוונ „געצײַג, מיטל, דאָרפ, ברויט" געהערנ אינ דער ליטעראטור צום דריטנ מינ. דער מינ פונעם סובסטאנטיוו „געביט" איז ניט רעגלאמענטירט—„געביט" געהערט אי צום ערשטנ אי צום דריטנ מינ. סובסטאנטיוונ מערצאָל פארעכנט מענ צו דעם מינ, צו וועלכנ זיי געהערנ אינ אײנצאָל. אשטייגער: די טישנ, דער טיש—ערשטער מינ; די ווענט, די וואנט—צווייטער מינ; די טישלעכ, דאָס טישל; די ווענטלעכ, דאָס ווענטל—דריטער מינ.

4. זעצט איבער דעם ווײַטערדיקנ אויסצוג. לייגט באזונדערס אכט אפנ מינ אונ צאָל פונ די סובסטאנטיוונ.

Нужно помнить, что в первобытном обществе очень рано возникает разделение труда между мужчинами и женщинами, чем порождается антагонизм полов, сказывающийся и в пище, и в нравах, и в развлечениях, и в искусстве, и даже в языке. (Плеханов).

41. סובסטאנטיוונ אלס סוביעקטנ אונ אָביעקטנ אונ זייערע פאָרמעס

1. שטרײַכט אונטער די ד י ר ע ק ט ע אָביעקטנ אינ די ווײַטערדיקע זאצנ.

1) מיר בויענ דעם סאָציאליזם לויט א פּלאנ. 2) מיר פארווירקלעכנ דעם פּלאנ פונ סאָציאליזם. 3) מע האָט זיי גערופנ אפ דער פארזאמלונג. 4) אונדז האָט מענ אפ דער פארזאמלונג ניט גערופנ. 5) דעם באריכט וועגנ דער ארבעט וועלנ מיר ניט הערנ.

2. שטרײַכט אונטער אינ די ווײַטערדיקע זאצנ די סוביעקטנ מיט אײנ ליניע, די דירעקטע אָביעקטנ מיט צוויי ליניעס אונ די אומדירעקטע אָביעקטנ מיט דרײַ.

1) די קאפּיטאליסטנ זעצנ אראָפּ בא די ארבעטער דעם ארבעטלוינ. 2) די קאפּיטאליסטנ ווילנ ניט אראָפּזעצנ די פּרײַזנ אפ די סכוירעס. 3) דער

ראטן־פאַרבאַנד פירט א קאמפאניע קעגן מילכאָמע. 4) די פארטיי מאָביליזירט פאר דער אינדוסטריאַליזאציע די געלט־רעסורסן. 5) די זאווּאָדן וועלן באַזאָרגן די לאַנדווירטשאַפט מיט מאשינעס.

3. קלײַבט צו פּאסיקע דירעקטע אָביעקטן צו די ווײַטערדיקע זאצן.

1) די קאַפּיטאַליסטן עקספּלואַטירן... 2) די רויטע ארמיי פארטיידיקט... 3) די ענגלישע ארבעטער האָבן געשיקט... אין ראטן־פאַרבאַנד. 4) די ארבעטער פון ראטן־פאַרבאַנד בויען... 5) די פאבריקן פארווירקלעכן...

4. שרײַבט אָן ריכטיק די ארטיקלען בא די ווײַטערדיקע סובסטאנטיוון (פון צווייטן מין).

1) דער פּאָרזיצער האָט געעפנט ד... פאַרזאַמלונג. 2) ער האָט ד... דעלעגאטקע געגעבן א וואָרט. 3) אף ד... פאַרזאַמלונג איז ארויסגעטראָטן אן ענגלישער דעלעגאַט. 4) מיר אַנטוויקלען ד... סאָציאַליסטישע אינדוסטריע. 5) לעניג האָט שארף געשטעלט ד... פראגע וועגן ליקווידירן אונדזער טעכניש־עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקייט.

5. שרײַבט אָן ריכטיק די ארטיקלען בא די ווײַטערדיקע סובסטאנטיוון (דירעקטע אָביעקטן).

1) ער רופט צו זיך ד... יינגל. 2) ער רופט ד... שוועסטער. 3) איך זע ד... לערערקע. 4) איך געפין ניט ד... מאַנטל. 5) איך פיל אויס ד... אופגאבע.

6. שרײַבט אָן ריכטיק די ארטיקלען בא די ווײַטערדיקע סובסטאנטיוון.

1) זיי האָבן ד... פרײַהײַט אויסגעקעמפט. 2) זיי האָבן ד... קינד געקויפט א ביכל. 3) ער האָט ד... אופגאבע ניט אויסגעפירט. 4) אונדזער שול האָט שלאָגלעריש פארענדיקט ד... ארבעט. 5) ער איז געגאנגען מיט ד... מאמען אהיים.

7. שטעלט צונויף זאצן, ווו די ווײַטערדיקע סובסטאנטיוון זאָלן זײַן דירעקטע אָביעקטן.

. דאָס טישל, דאָס ווינטל, דאָס הינטל, דאָס בענקל; די פרײַהײַט, די עקספּלואטאציע, די געזעלשאפט, די פּראָפּאגאנדע; דזערזשינסקי, בודיאָני.

8. שטעלט צונויף זאצן, ווו די פּאָריקע סובסטאנטיוון זאָלן זײַן ניט קיין סוביעקטן און ניט קיין **דירעקטע** אָביעקטן, נאָר **אומדירעקטע** אָביעקטן אָדער אנדערע בײַגלידער.

9. שטעלט צונויף דרײַ זאצן, וואָס זאָלן באשטיין פון סוביעקטן, פּרעדיקאטן, דירעקטע אָביעקטן, אָרט־באשטימונגען און צײַט־באשטימונגען.

10. שטעלט צונויף הרײַ זאצן, וואָס זאָלן באשטיין פון סוביעקטן, פּרעדיקאטן, אומדירעקטע אָביעקטן, אָרט־באשטימונגען און צײַט־באשטימונגען.

42. אָביעקט און פּרעפּאָזיציע

1. טיילט איין די פּרעפּאָזיציעס, וואָס זײַנען אָנגעוויזן אויף זײַט 47, אין אזעלכע, וואָס ווײַזן: 1) אָרט; 2) צײַט; 3) אי אָרט אי צײַט; 4) אַנדערע פאַרהעלטענישן.

2. שטעלט צונויף צען זאצן, וווּ „בא, אָן, איבער, פאַר, דורך, אונטער, צו, הינטער, מיט, ארום" זאָלן אין זיי זײַן אי פּרעפּאָזיציעס אי פּרעפּיקסן אָדער צוגאָבן. אַשטייגער: איך וויל ב א אײַך ב אקומען דאָס ביכל.

3. לייענט דורך דעם ווײַטערדיקן טעקסט און לייגט אכט אויף די סוב־יעקטן, פּרעדיקאַטן און אלע איבעריקע זאצגלידער. קאָנטראָלירט זיך דערבײַ, צי ווייסט איר גענוי דעם באַטײַט פון די ווערטער „פּרימיטיווע, ווילשטאַנד, אָנגריפ" און אַנדערע.

אינעם ראַטן־פאַרבאַנד איז ניטאָ קיין ארבעטלאָזיקײַט. האיאָר וועלן אין דער פּראָדוקציע ארײַן צוויי מיליאָן נײַע ארבעטער. אויף די נאָך נעכטן וויסטע ערטער וואַקסן אויס נײַע שטעט. אין די סאַמע אָפּגעשטאַנענע טיילן פונעם ראַטן־פאַרבאַנד ווערן אויסגעבויט פּאַלאַצן פון ארבעט און קולטור. עס וואַקסן אויס סאָציאַליסטישע גיגאַנטן פון דער לאַנדווירטשאַפט. די דערגרייכונגען פון דער טעכניק און די סאָציאַליסטישע ארבעט־אָרגאַניזירונג קומען פאַרבײַטן דעם פריערס פּרימיטיווע קאַטאָרזשנע מי און פירן ארויס מיליאָנען קאָלווירטניקעס אויפן ברייטן וועג פון ווילשטאַנד און קולטור. פון יאָר צו יאָר וואַקסן די פאָנדן פון סאָציאַלער סטראַכירונג. די גאַנצע אינ־דוסטריע גייט אריבער אויף א 7־שעהיקן ארבעטסטאָג. אונטערן דראַנג פונעם סאָציאַליסטישן אָנגריף ווערן אויסגעקאָרטשעוועט די לעצטע וואָרצלען פונעם קאַפּיטאַליזם. עס ווערן פאַרשוווּנדן די לעצטע עקספּלואַטאַטאָרס. דאָס בא־לעגופנטום אלס קלאַס ווערט ליקווידירט אויף דער באַזע פון דער דורכוי־סיקער קאָלעקטיוויזאַציע („דער עמעס").

4. שרײַבט ארויס פונעם פאָריקן טעקסט אין דרײַ באַזונדערע גרופּעס 1) די פּרעפּאָזיציעס, 2) די ארטיקלען, 3) די פּרעפּאָזיציעס, וואָס זײַנען צונויפגעגאָסן מיט ארטיקלען. נעמט נאָר ניט אָן פאַר קיין פּרעפּאָזיציעס אַנדערע הילפווערטער.

5. שרײַבט ארויס פונעם פאָריקן טעקסט אין צוויי באַזונדערע גרופּעס אלע ווערבן און אלע סובסטאַנטיוון. די צוגאָבן זאָלט איר אויך ארויסשרײַבן (מיט די ווערבן).

6. שטרײַכט אונטער אלע סוביעקטן פונעם פאָריקן טעקסט מיט איין ליניע און אלע פּרעדיקאַטן מיט צוויי.

7. שטעלט צונויף א צעטל פון צען—צוועלף פראַגעס, וואָס מע קאָן לויטן פריערדיקן טעקסט געבן אויף זיי אַן ענטפער. אַשטייגער:

1) וווּ איז ניטאָ קיין ארבעטלאָזיקײַט?

2) וויפל נײַע ארבעטער וועלן האיאָר ארײַן אין דער פּראָדוקציע?
8. שרײַבט אָן אן ארבעט אפ דער טעמע „אונדזערע דערגרייכונגען”. אלס גרונט פאר דער ארבעט נעמט דעם מאטעריאל פונעם לעצטן „עמעס”-טעקסט.

43. סובסטאנטיווישע בייגפאָרמעס און זייערע פונקציעס

1. שטרײַכט אונטער אין די ווײַטערדיקע זאצן אלע סוביעקטן.

1) שלוימע מיט אוראָמען זײַנען גאָרניט געווען צופרידן מיט זייער ארבעט. 2) דער טאטע מיט דער מאמען האָבן שטענדיק דערמאָנט די אמאָליקע צײַטן מיט טרערן אין די אויגן. 3) די שוועסטער מיטן קינד זיצן אפן ווייכן דיוואן. 4) נאָר שמועל וואָלציס מיט זײַן ווײַב זײַנען געווען מיד פונעם טאָג. 5) אָבער די נײַע סוויווע מיט אירע קייכעס זײַנען נאָך פאר־נעפּלט פאר זײַנע אויגן.

2. שרײַבט ארויס די סובסטאנטיוון פון די פּאָריקע זאצן אין דרײַ באזונדערע גרופּעס לויט די בייגפאָרמעס.

3. שרײַבט ארויס פונעם „עמעס”-טעקסט, וואָס אפ זײַט 281, אלע דאטיוון מיט די פּרעפּאָזיציעס און ארטיקלען און טיילט זיי דערנאָך אײַן לויט זייערע פונקציעס אין אזעלכע גרופּעס: 1) דאטיוון אומדירעקטע אָביעקטן; 2) דאטיוון אָרט־באשטימונגען; 3) דאטיוון צײַט־באשטימונגען; 4) דאטיוון מיט אנדערע פונקציעס.

4. שרײַבט אָן ריכטיק די ארטיקלען בא די ווײַטערדיקע דאטיוון.

1) אין ד.. לענדער פון ד.. קאפּיטאליזם פירן אָן ד.. בורזשואזע פּארטייען מיט ד.. מעלוכע אין ד.. אינטערעסן פון ד.. בורזשואזיע און קעגן ד.. פּראָלעטאריאט. 2) אין ד.. ראטן־רעפּובליק פירט אָן די קאָמפּארטיי מיט ד.. מעלוכע אין ד.. אינטערעסן פון ד.. פּראָלעטאריאט און קעגן ד.. בורזשואזיע. 3) אפ ד.. גרונטפּאָסטנס פון ד.. מעלוכע־ארבעט אין אונדזער לאנד באמיט זיך די קאָמפּארטיי צו דורכפירן דורך ד.. ראטן און זייערע צוזאמענפאָרן אירע בעסטע קאנדידאטן. 4) די פּארטיי גיט ד.. מעלוכע־אָרגאנען אלע נייטיקע אָנווײַזונגען וועגן ד.. ריכטונג פון ד.. ארבעט אין זייערע געביטן. 5) די פּארטיי האָט בא אונדז דעם פולסטן צוטרוי פון ד.. גרעסטער מערהײַט ארבעטער און ארבעטנדיקע אפ אָנצופירן מיט ד.. אָרגאנען פון ד.. מעלוכע אין נאָמען פון ד.. דאָזיקער מערהײַט.

5. שרײַבט ארויס פון די פּאָריקע זאצן די הויפּטגלידער.

6. שרײַבט אָן ריכטיק די ארטיקלען בא די ווײַטערדיקע סובסטאנטיוון.

1) די קאָמיוגיסטן פירן אן ארבעט אין אלע געביטן פון ד.. בויונג. 2) יעדער קאָמיוגיסט דארף פארבינדן זײַן טאָגטעגלעכע ארבעט אין אלע

געביטנ מיט ד.. בויונג פונ ד.. סאָציאַליסטישער געזעלשאפט. 3) ער דארפ פירנ זײַנ טאָגטעגלעכע ארבעט אינ ד.. ריכטונג פונ פארווירקלעכנ ד.. דאָזיקע פערספעקטיוו. 4) אָנ ד.. אָנפירונג פונ ד.. קאָמפארטיי קאָנ ד.. קאָמיוג ניט אויספילנ זײַנ גרונט-אופגאבע צו דערציִענ ד.. ארבעטער־פויערשע יוגנט אינ ד.. גײַסט פונ קאָמוניזם.

7. שטעלט צונויפ דרײַ זאצנ מיט סוביעקטנ, פרעדיקאטנ, דירעקטע אָביעקטנ, אומדירעקטע אָביעקטנ אונ אָרט־באשטימונגענ (דאטיוונ). די סוביעקטנ זאָלנ זײַנ סובסטאנטיוונ פונ ערשטנ מינ, די דירעקטע אָביעקטנ—סובסטאנטיוונ פונ דריטנ מינ, אונ די אומדירעקטע אָביעקטנ—סובסטאנטיוונ פונ צווייטנ מינ. די סובסטאנטיוונ זאָלנ זײַנ מיט באשטימיקע ארטיקלענ. אשטייגער: דער כאווער גיט דער שוועסטער דאָס ביכל אינ (דעמ) צימער.

8. שטעלט צונויפ דרײַ זאצנ מיט סוביעקטנ, פרעדיקאטנ, דירעקטע אָביעקטנ אונ צײַט-באשטימונגענ (אקוזאטיוונ). אשטייגער: דער כאווער לייענט א פאָרטראָג די וואָכ (דעמ כוירעש).

44. סוביעקט אונ אָביעקט אינ אקטיווע אונ פאסיווע סטרוקטורנ

1. שטרײַכט אונטער אינ די ווײַטערדיקע זאצנ די סוביעקטנ מיט איינ ליניע אונ די פרעדיקאטנ מיט צוויי.

1) דער טיש ווערט פאריכט דורכנ ברודער. 2) דאָס קינד ווערט געבאָדנ דורכ דער מאמענ. 3) די רעזאָליוציע ווערט אָנגענומענ דורכ דער פארזאמלונג. 4) די קאנדידאטורנ ווערנ באטראכט דורכ דער פארטייארגאניזאציע. 5) דער ארבעטער-קלאס ווערט אָרגאניזירט דורכ דער פארטיי.

2. שרײַבט ארויס פונ די פאָריקע זאצנ באזונדער די נאָמינאטיוונ אונ באזונדער די דאטיוונ.

3. שטעלט ארײַנ אינ יעדנ פונ די פאָריקע פינפ זאצנ א דאטיוו, וואָס זאָל ווײַזנ אָרט אָדער צײַט, אונ פארוואנדלט דערנאָכ די דאָזיקע פאסיווע סטרוקטורנ אינ אקטיווע. אשטייגער: דער טיש ווערט פאריכט דורכנ ברודער אינ צימער — דער ברודער פאריכט דעמ טיש אינ צימער (אָדער: דעמ טיש פאריכט דער ברודער אינ צימער).

4. שטרײַכט אונטער די סוביעקטנ אינ די ווײַטערדיקע זאצנ מיט איינ ליניע אונ די פרעדיקאטנ מיט צוויי.

1) אפ אלגעמיינע פארזאמלונגענ פונ ארבעטער אינ פוילנ ווערנ אָנגע־

נומען פראָטעסט־רעזאָליוציעס קעגן דער רעגירונג. 2) אין דעם אַלפאַרבאַנדישן טעכניקטאָג וועלן אין אַלע פאַבריקן און זאַוואָדן דורכגעפירט ווערן פאַרזאַמלונגען וועגן דעם דורכקוק פון דער טעכניק. 3) די לעצטע בלוטיקע געשעענישן אין פאַלעסטינע זײַנען פּראָוואָצירט געוואָרן דורך דער ענגלישער רעגירונג. 4) קערענסקי איז דורך די פאַרזאַמלטע אַרבעטער באַגעגנט געוואָרן מיט צעפוילטע עפּל און קאַרטאָפל־שאָלעכצן. 5) דורך דעם מעכטיקן רעוואָליוציאָנערן דראַנג פון דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט ווערט די פּוילישע רעאַקציע אונטערגעגראָבן.

5. שרײַבט אַראָפּ פון די פּאַריקע זאַצן אין באַזונדערע גרופּעס די נאָמינאַציע און די דאַטיוו.

6. פאַרוואַנדלט די פּאַריקע זאַצן אין אַקטיווע.

ווער וועט בא אײַך אין דעם פינפטן זאַץ ווערן דער סוביעקט — דער „דראַנג" צי דער „פּראָלעטאַריאַט"? פאַרוואָס?

7. פאַרוואַנדלט די זאַצן פונעם ווײַטערדיקן טעקסט אין אַקטיווע.

דער אָוונט איז געעפנט געוואָרן מיט אַן אויספירלעכן פאָרטראָג וועגן דער אויסערלעכער און אינערלעכער לאַגע פונעם ראַטן־פאַרבאַנד. דער פאָרטראָג איז דורך דער פאַרזאַמלונג אויסגעהערט געוואָרן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס. דעם פאָרטרעגער זײַנען פאַרגעבן געוואָרן זייער פיל פראַגעס.

8. שטעלט צונויף פינף פּאַסיווע זאַצן אין קעגנוואַרט און פאַרוואַנדלט זיי דערנאָך אין אַקטיווע.

9. שטעלט צונויף פינף אַקטיווע זאַצן אין צוקונפט און פאַרוואַנדלט זיי דערנאָך אין פּאַסיווע.

10. פאָרמולירט דעם באַטײַט־אונטערשייד פון די ווײַטערדיקע זאַצן.

1) אַף אָנצופירן מיטן קאָנקורס איז פון דער רעדאַקציע אויסגעטיילט אַ קאָמיסיע פון פינף מענטשן.

2) אַף אָנצופירן מיטן קאָנקורס איז דורך דער רעדאַקציע אויסגעטיילט אַ קאָמיסיע פון פינף מענטשן.

11. שרײַבט אַרויס פונעם ווײַטערדיקן פראַגמענט די נאָמינאַטיוון, וואָס זײַנען פאַקטישע אָביעקטן.

וואָס איז אַזוינס די סאָוועטישע ווירטשאַפט־סיסטעם?

די סאָוועטישע ווירטשאַפט־סיסטעם באַטײַט, אַז:

1) די מאַכט פונעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן איז אַראָפּגעוואָרפן און פאַרביטן דורך דער מאַכט פונעם אַרבעטער־קלאַס;

2) די פּראָדוציר־געצײַג און די פּראָדוציר־מיטלען, די ערד, די פאַבריקן, די זאַוואָדן אאַזוו. זײַנען אָפּגענומען בא די קאַפּיטאַליסטן און איבערגעגעבן אין אײגנטום דעם אַרבעטער־קלאַס און די אַרבעטנדיקע מאַסן פונעם פאָלק;

3) די אנטוויקלונג פונ דער פּראָדוקציע איז אונטערגעוואָרפנ ניט דעם פּרינציפּ פונ קאָנקורענצ און פונ זיכערנ דעם קאַפּיטאַליסטישנ רעוועכ, נאָר דעם פּרינציפּ פונ פּלאַנעווער אָנפירונג און פונ סיסטעמאַטישנ אופהייבנ דעם מאַטעריעלנ און קולטורעלנ ניוואָ פונ די ארבעטנדיקע;

4) די פארטיילונג פונ דער פאָלקס-האַכנאָסע קומט פאָר ניט אינ די אינטערעסנ פונ בארייכערנ די עקספּלואַטאַטאָרשע קלאַסנ און זייער פּיל-צאָליק פּאַראַזיטיש געזינדל, נאָר אינ די אינטערעסנ פונעם סיסטעמאַטישנ העכערנ די מאַטעריעלע לאַגע פונ די ארבעטער און פויערים און פונ פארברייטערנ די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע אינ שטאָט און אינ דאָרפ;

5) די סיסטעמאַטישע פארבעסערונג פונ דער מאַטעריעלער לאַגע פונ די ארבעטנדיקע און דער קעסיידערדיקער וווּקס פונ זייערע באַדערפענישנ (פונ דער קויפּ-פייִקייט), זייענדיק א שטענדיק-וואַקסנדיקער קוואַל פאַר דער פאַרברייטערונג פונ דער פּראָדוקציע, גאַראַנטירט דעם ארבעטער-קלאַס פונ קריזיסנ פונ איבערפּראָדוקציע, פונ וווּקס פונ דער ארבעטלאָזיקייט אאַוו.;

6) דער ארבעטער-קלאַס איז דער באַלעבאָס פונ לאַנד, וועלכער ארבעט ניט פאַר די קאַפּיטאַליסטנ, נאָר פאַר זיינ אייגענעם קלאַס (סטאַלינ).

12. זעצט איבער דעם כאַווער סטאַלינס ווייטערדיקנ פראַגמענט.

Что такое капиталистическая система хозяйства?

Капиталистическая система хозяйства означает, что:

1) власть в стране принадлежит капиталистам;

2) орудия и средства производства сосредоточены в руках эксплоататоров;

3) производство подчинено не принципу улучшения материального положения трудящихся масс, а принципу обеспечения высокой капиталистической прибыли;

4) распределение народного дохода происходит не в интересах улучшения материального положения трудящихся, а в интересах обеспечения максимума прибылей эксплоататоров;

5) капиталистическая рационализация и быстрый р о с т производства, имеющие своей целью обеспечение высоких прибылей капиталистов, наталкиваются, как на преграду, на нищенское положение и с н и ж е н и е материальной обеспеченности миллионных масс трудящихся, не всегда имеющих возможность удовлетворить свои потребности даже в пределах крайнего минимума, что неизбежно создает почву для неминуемых кризисов перепроизводства, роста безработицы и т. д.;

6) рабочий класс является классом эксплоатируемым, работающим не на себя, а на чужой класс, на класс эксплоататоров.

13. ליִיענט דורכ נאָכאמאָל דעמ כאווער סטאַלינס פּאָריקע פראגמענטנ אונ שרײַבט אָנ דערנאָכ ניט קײנ גרויסע ארבעט אפ דער טעמע „די קאפּי־טאַליסטישע אונ די סאָוועטישע ווירטשאפט־סיסטעמענ".

45. סובסטאנטיוּוירטער אינפיניטיוו

1. שטרײַכט אונטער אינ די וויַטערדיקע זאצנ די סוביעקטנ מיט אײנ ליניע אונ די פּרעדיקאטנ מיט צוויי.

1) דאָס פארבעסערנ די ארבעט-באַדינגונגענ וועט הייבנ די פּראָדוק־טיוּוקײַט פונ דער ארבעט. 2) די פארבעסערונג פונ די שפּײַז־פּראָ־דוקטנ וועט גוט ווירקנ אפ דער שטימונג פונ די ארבעטער. 3) דאָס אײַנאָרדענענ דעמ יאָנטעוו האָט בא דער יוגנט צוגענומענ זײער פיל צײַט. 4) דאָס שלעכט גרייטנ זיכ צו דער ארויסטרעטונג וועט זיכער ברענגענ צו גרויסע דורכפאלנ. 5) די דורכפאַלנ וועלנ אפ דער יוגנט שטארק ווירקנ.

2. שרײַבט אראָפּ פונ די פּאָריקע זאצנ אינ דרײַ באזונדערע גרופּעס 1) די סובסטאנטיוונ; 2) די אינפיניטיוונ (ווערבנ); 3) די סובסטאנטיוּוירטע אינפיניטיוונ.

3. ברענגט די אויסגעטײלטע סובסטאנטיוונ פונ די וויַטערדיקע זאצנ אינ דער פאָרמע פונ סובסטאנטיוּוירטע אינפיניטיוונ. מאכט אויכ אלע נייטיקע ענדערונגענ אינ זאצ, וועלכע דארפנ דערבײַ פּאָרקומענ.

1) די רעאַליזירונג פונ דער האלוואָע האָט מאָביליזירט די גאנ־צע באפעלקערונג. 2) די טעלעפאָניזירונג פונעמ ראיאָנ וועט נאָכ מער פארבעסערנ די ארבעט פונ אלע אנשטאלטנ אונ אָרגאניזאציעס. 3) די צונויפפאסונג פונ דער פראקטישער ארבעט מיט דער טעאָרע־טישער וועט געבנ קאָלאָסאלע רעזולטאטנ. 4) די פארא̈לגעמײנערונג פונ דער דערפארונג פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג האָט לעגינענ מיט־געהאָלפנ אינ זײַנ טעאָרעטישער אונ פראקטישער ארבעט. 5) דער קאמפ פאר דער פארניכטונג פונ דער ראטנמאכט אונ פונ דער כינעזישער רעוואָליוציע איז א פראגע וועגנ טויט אונ לעבנ פארנ אינטערנאציאָנאלנ קאפּיטאַל.

4. שטרײַכט אונטער אינ די זאצנ, וואָס האָבנ זיכ בא אײַכ באקומענ, די דירעקטע אָביעקטנ.

5. מאכט א סכעמע פונעמ זאצ „דאָס פארבנ די דילנ אינ דער גע־בײַדע פונעמ נײַעמ קלוב האָט בא זיי געדויערט דרײַ וואָכנ".

6. שטעלט צונויפ דרײַ זאצנ, וואָס זאָלנ זײַנ געבויט אפ אזא אויפנ:

סוביעקט
(נאָמינאטיוו) .... פרעדיקאט
(ווערב)
דירעקטער אָביעקט .... דירעקטער אָרט-באשטימונג
(אקוזאטיוו) .... אָביעקט (דאטיוו).
(אקוזאטיוו)

7. שטעלט צונויפ דרײַ זאצנ, וואָס זאָלנ זײַנ געבויט אפ אזא אויפנ:

סוביעקט ———————— פרעדיקאט
(נאָמינאטיוו) .... (ווערב)
אומדירעקטער אָביעקט .... דירעקטער צײַט-באשטימונג
(דאטיוו) .... אָביעקט (אקוזאטיוו
(אקוזאטיוו) אָדער דאטיוו)

8. שרײַבט אָנ ריכטיק די ארטיקלענ בא די ווײַטערדיקע סובסטאנטיוונ אונ סובסטאנטיווירטע אינפיניטיוונ.

1) ד.. אנטוויקלונג־באדינגונגענ פונ ד.. אינדוסטריע האָבנ זיכ בא אונדז ראדיקאל געענדערט. 2) ד.. ענדערנ ד.. מעטאָדנ פונ ד.. ארבעט גיט קאָלאָסאלע רעזולטאטנ. 3) ד.. פריערדיקע פליסעוודיקײַט פונ ד.. ארבעטקראפט האָט געשטאמט פונ ד.. ניט ריכטיקנ אָרגאניזירנ ד.. ארבעטלוינ. 4) ד.. ניוועלירונג פונ ד.. ארבעטלוינ האָט ניט סטימולירט ד.. ארבעטער־מאסנ צו ווערנ קוואליפיצירט. 5) ד.. אָפשאפנ ד.. ניוועלירונג אונ ד.. צעברעכנ ד.. אלטע טאריפ־סיסטעמ האָבנ שטארק מיטגעהאָלפנ צו פארבעסערנ ד.. עקזיסטענצ־באדינגונגענ פונ ד.. ארבעטער־מאסנ.

9. בעסערט אויס די ווײַטערדיקע גרײַזיקע זאצנ.

1) ער פירט אָנ מיט דער אָרגאניזירונג די מאכט. 2) זיי זײַנענ געווענ קעגנ דער דערשטיקונג דעמ קלײַנ־פראָדוצירער. 3) מע האָט אונטערגעפירט סאכאקלענ פונ דער באהאנדלונג די באריכטנ אינ די קרײַזנ.

10. זעצט איבער דעמ ווײַטערדיקנ אויסצוג פונ דער פראָגראמ פונ אלקפ(ב).

В национальном вопросе ВКП руководствуется следующими положениями:

1) Во главу угла ставится политика сближения пролетариев и полупролетариев разных национальностей для совместной революционной борьбы за свержение помещиков и буржуазии.

2) В целях преодоления недоверия со стороны трудящихся масс угнетенных стран к пролетариату государств, угнетавших эти страны, необходимо уничтожение всех и

всяких привилегий какой бы то ни было национальной группы, полное равноправие наций, признание за колониями и неравноправными нациями права на государственное отделение.

3) В тех же целях, как одну из переходных форм на пути к полному единству, партия выставляет федеративное об'единение государств, организованных по Советскому типу.

46. פּאָסעסיװ

1. דערשרײַבט ריכטיק די אַרטיקלען בא די פּאָסעסיװן אין די װײַטערדיקע פֿאלן.

1) דע... כאװערס ביכער האָב איך ניט באקומען. 2) דע... כאװערטעס ברודער װעט דאָ באלד זײַן. 3) דע... מײדלס פֿאָטער איז געװױנט געװאָרן. 4) דע... ייִנגלס עלטערן פֿאָרן אָפּ פֿונדאנען. 5) דע... שכײנעס קינדער גײען שױן אין שול.

2. פֿארװאנדלט די װײַטערדיקע סוביעקטן (נאָמינאטיװן) אין פּאָסעסיװן און שרײַבט צו פּאסיקע סוביעקטן, װאָס זאָלן ציִען צו זיך די געבילדעטע פּאָסעסיװן.

1) די כאװערטע װעט גײן אין טעאטער. 2) דאָס מײדל װעט אָנגעבן א מעלדונג. 3) דער פֿאָרזיצער האָט געמאכט א גוטן אײַנדרוק. 4) דאָס ייִנגל האָט אָנגעשטרענגט אלע קױכעס. 5) די פּיִאָנערן האָבן אלץ פֿארשטאנען.

3. שרײַבט אָן צען זאצן מיט פּאָסעסיװן. די פּאָסעסיװן זאָלן זײַן געבילדעט פֿון די װײַטערדיקע װערטער.

די כאװערטע, די לערערקע, דער ייִד, דער מענטש, דאָס מײדל, די פּארטײ, דער פּראָלעטאריאט, קאלינין, ענגעלס, דזערזשינסקי, זאק, זאקס, מארק, מארקס, בארביס.

4. שרײַבט אָן דרײַ זאצן מיט פּאָסעסיװן אלס אטריבוטן און דרײַ זאצן מיט פּאָסעסיװן אלס פּרעדיקאטן (מיט די הילפֿװערבן „זײַן" אָדער „װערן").

5. שרײַבט ארױס פֿונעם „עמעס"-טעקסט, װאָס אױף זײַט 281, אלע סובסטאנטיװן, אײַנטײלנדיק זײ אין פֿיר גרופּעס — אין נאָמינאטיװן, אקוזאטיװן, דאטיװן, פּאָסעסיװן. די אַרטיקלען זאָלט איר דערבײַ אױך ארױסשרײַבן.

47. פּאראלעלע סובסטאנטיװן

1. פֿארגלײַכט די װײַטערדיקע אױסגעטײלטע װערטער און פֿאָרמולירט זײער אונטערשײד.

פּענעק איז א געשטאלט פֿון א „הױז"-קינד, װאָס רײַסט זיך אָפּ פֿונעם הױז און באהעפֿט זיך דורך דער קיך צו דער װעלט פֿון די הינ-

טערגעסלעכ, אונ ניט פונ די הינטערגעסלעכ סטאמ, נאָר צו דער וועלט פונ די ארבעטער־קינדער אונ קינדער ארבעטער אינ די הינטער־געסלעכ (ליטוואקאָוו).

2. זעצט איבער די ווײַטערדיקע זאצנ.

1) Они выступили против министров-капиталистов. 2) В районе растут города-сады. 3) Завтра состоится собрание колонистов-писателей.

3. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די ווערטער „א ווינקל-טיש, ארבעטער-שרײַבער, מאסנ-ארבעטער — א ווינקל טיש, ארבעטער שרײַבער, מאסנ ארבעטער".

4. שטרײַכט אונטער אינ די ווײַטערדיקע זאצנ די פאראלעלע סובסטאנטיוונ.

1) דער גאנצער אוילעמ האָט גענומענ צו גלעזלעכ קוואס. 2) א כוואליע וואסער האָט זיכ ארײַנגעריסנ אינ *קעלער-שטיבל. 3) ער האָט אנטפלעקט זײַנע נעשאָמע־שטימונגענ פארנ גאנצנ זאל מענטשנ. 4) איכ האָב צוויי סאָרטנ פלוימענ בא מענאשע דעמ רויפע אינ גאָרטנ. 5) די שוועגערנ בראָכע מיט מײַנ מאמענ האָבנ מיכ שטארק געלויבט.

5. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די ווײַטערדיקע פאראלעלע סובסטאנטיוונ.

א גאס קינדער, אנ אלמער ביכער, א קראָמ עפל, א פלאצ אווטאָמאָבילנ, א פאבריק זייגערס, אנ אוילעמ מענטשנ, א שטאָט יידנ, א קעשענע ניס, א וואלדביימער, א גרופע קאָמיוגיסטנ.

6. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די ווײַטערדיקע צונויפזאצנ.

א קינדערגאס, א ביכער-אלמער, אנ עפלקראָמ, אנ אווטאָמאָבילנ־פלאצ, א פאבריק־זייגער, א שטאָט־ייד, א בוזעמ־קעשענע, וואלדביימער, א קאָמיוגיסטנ-גרופע, פארטיי־אָרגאנענ.

7. שטעלט צונויפ זאצנ, ווו די ווײַטערדיקע פאראלעלע סובסטאנטיוונ זאָלנ זײַנ פאָסעסיוונ.

דער ברודער עליע, די כאווערטע דווירע, דער קאָמיסאר ראשאל, אבראמאָוויטש דער אינזשעניער, פערעצ מארקיש דער דיכטער.

8. שרײַבט ארײַנ אינ דער ווײַטערדיקער טאבעלע די סובסטאנטיוונ פונ די ערשטע צוועלפ שורעס פונ ניקאָלסקיס טעקסט, וואָס אפ זײַט 204—205.

№№	סובסטאנטיוו	צאָל	מינ	פאָרמע	פונקציע
1.	(די) ראסע	איינצ.	II	נאָמינאטיוו	סוביעקט

9. ענטפערט שריפטלעכ אפ פאָלגנדיקע פראגעס:

1) וואָס איז אזוינס א סובסטאנטיוו?

2) צו וועלכע מין געהערן די סובסטאנטיוון „פריערטום, פרייהייט, וויסנ־שאפט, מיידל, פארזאמלונג״?
3) וועג דארף זיין „גלויבן, בויגן, קלונג״ און וועג „גלייבן, בייגן, קלינג״?
4) וועג דארף זיין „הונט, פוס, שוכ״ און וועג „הינט, פיס, שיכ״?
5) מיט וועלכע סופיקסן קאָן זיך ענדיקן א סובסטאנטיוו?
6) וועלכע מערצאָל־סופיקסן האָט א סובסטאנטיוו?
7) צי קאָן א סובסטאנטיוו אין מערצאָל זיין אָן מערצאָל־סופיקסן? אשטייגער?
8) צי קאָן א סובסטאנטיוו אנטהאלטן פרעפיקסן, צוגאָבן און פלעק־סיעס? אשטייגער?
9) צי קאָן א נאָמינאטיוו זיין ניט קיין סוביעקט?
10) וועג איז א פאקטישער טוער ניט קיין נאָמינאטיוו?
11) צי קאָן א נאָמינאטיוו זיין א פאקטישער אָביעקט? אשטייגער?
12) וועלכע פונקציעס האָט אן אקוזאטיוו?
13) וועלכע פונקציעס האָט א דאטיוו?
14) וועלכע פונקציעס האָט א פאָסעסיוו?
15) וועלכע סובסטאנטיווישע פאָרמע קאָן זיין א צייט־באשטימונג? אשטייגער?
16) וועלכע סובסטאנטיווישע פאָרמע ווייזט אָנגעהעריקייט?
17) וועלכע סובסטאנטיווישע פאָרמע קומט געוויינטלעך מיט פרעפאָ־זיציעס?

48. אטריבוט און אדיעקטיוו

1. שטרייכט אונטער אין די ווייטערדיקע זאצן די אטריבוטן.

1) די סאָוועטישע אינדוסטריע האָט אין איר אנטוויקלונג געהאט ערנ־סטע שוועריקייטן. 2) מע דארף צוציען די איבערגעגעבע אלטע קאדרען צו פאראנטוואָרטלעכער ארבעט. 3) דער דריטער אינטערנאציאָנאל מאָביליזירט דעם אלוועלטלעכן ארבעטער־קלאס קעגן דער בורזשואזער הערשאפט. 4) דער סאָוועטישער ארבעטער־קלאס איז שטענדיק מאָביליזירט פאר דער אלוועלט־לעכער רעוואָלוציע.

2. קלייבט צו פאסיקע אטריבוטן אי פאר די סוביעקטן אי פאר די אָביעקטן פון די ווייטערדיקע זאצן.

1) דער פראָלעטאריאט פארווירקלעכט די פלענער. 2) די עלעמענטן גלייבן ניט אין דער בויונג. 3) די קאָלעקטיוויזאציע שאפט אָפּ די גרענעצן צווישן די יישובים. 4) די מעלוכע האָדעוועט קאדרען פאר דער אינדוס־טריע. 5) די פארטיי מאָביליזירט די מאסן צום קאמף.

3. דריקט אויס דעם אינהאַלט פון די ווײַטערדיקע אויסגעטײַלטע דאַ־טיוונ (אַטריבוטנ) אינ אנ אדיעקטיוו־פאָרמע.

1) די פויערשע מאַסנ האָבנ דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַ־ריאַט געהאָלפנ צו פאַרפעסטיקנ זיכ. 2) אָנ דער העגעמאָניע פונעם פּראָ־לעטאַריאַט איז ניט מעגלעכ צו פאַרווירקלעכנ די בויונג פונעם סאָ־ציאַליזם. 3) דער פּראָלעטאַריאַט דאַרפ אָנפירנ מיט די מאַסנ פונ שטאָט אונ דאָרפ. 4) ער דאַרפ אויכ אָנפירנ מיט די אונטערגע־דריקטע פעלקער פונ די קאָלאָניעס. 5) די דיקטאַטור פונעם פּראָ־לעטאַריאַט איז פייִק צו צעברעכנ דעם ווידערשטאַנד פונ די קאַ־פּיטאַליסטנ.

אַשטייגער: די פויערשע מאַסנ האָבנ דער פּראָלעטאַרישער דיק־טאַטור געהאָלפנ צו פאַרפעסטיקנ זיכ.

4. שרײַבט אָנ פינפ זאַצנ, וואָס זאָלנ באַשטײנ פונ סוביעקטנ, פּרעדיקאַטנ, דירעקטע אָביעקטנ, אומדירעקטע אָביעקטנ (מיט פּרעפּאָ־זיציעס) אונ אַטריבוטנ. די טעמעס פונ די זאַצנ זאָלנ זײַנ אַזעלכע: 1) ראַטנלאַנד; 2) אימפּעריאַליזם; 3) פּראָלעטאַריאַט; 4) פאַשיזם; 5) קאָ־מינטערנ.

5. שרײַבט אָנ דרײַ זאַצנ מיט אַטריבוטנ בײַ די סוביעקטנ. די אַטרי־בוטנ זאָלנ זײַנ אַדיעקטיוונ, די פּרעדיקאַטנ זאָלנ זײַנ פּאַסעסיוונ (מיט הילפּ־ווערבנ).

6. שרײַבט אַראָפּ דעם ווײַטערדיקנ פראַגמענט אונ שטרײַכט אונטער די סוביעקטנ מיט אײנ ליניע, די פּרעדיקאַטנ מיט צוויי אונ די אַטריבוטנ אַדיעקטיוונ מיט דרײַ.

מיט 16 יאָר צוריק האָט דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט פונ געוועזענעם רוסלאַנד אונטער דער אָנפירונג פונ לענינעז אונ זײַנ פּאַרטיי אַראָפּגעוואָרפנ די הערשאַפט פונ דער בורזשואַזיע אונ אײַנגעשטעלט די ראַטנמאַכט אויפ א זעקסטנ טייל פונ דער ערד. דער פּראָלעטאַריאַט פונ אַלע לענדער האָט אופגענומענ די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע אַלס אנ אָנהייב פונ דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציע. מיט א ריי העלדישע מאַסנ־אַרויס־טרעטונגענ, שטרײַקנ אונ אופשטאַנדנ אינ די מײַרעוולענדער האָט דער פּראָלעטאַריאַט געענטפערט אויפנ אָקטיאַבער. דער עכאָ פונ אָקטיאַבער איז דערגאַנגענ ביז די סאַמע ווײַטע לענדער פונ דער וועלט אונ האָט אַרויס־גערופנ א מעכטיקנ אופשטײַג פונ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ פונ די אונטער־געדריקטע פעלקער אינ די קאָלאָניעס („דער עמעס").

7. שרײַבט אָנ דעם אינהאַלט פונעם פאָריקנ פראַגמענט, ניט קוקנדיק אינ ביכל.

49. אדיעקטיװ

1. שטרײַכט אונטער אינ די װײַטערדיקע זאצנ די אדיעקטיװנ פרעדיקאטנ (מיט די הילפװערבנ).

1) דער אינזשעניער איז א יונגער. 2) דער ע̃לטערער ברודער איז א געזונטער. 3) די נײַע געזעלשאפט איז צוגעטראָטנ צו דער ארבעט. 4) די סטאכאנאָװישע באװעגונג איז אנ אומבאזיגבארע. 5) נאָר אינעמ ראטנ-פארבאנד איז דער ארבעטער-קלאס ניט קײנ אונטערגעדריקטער.

2. שרײַבט אראָפ פונ די פאָריקע זאצנ אינ דרײַ באזונדערע גרופעס די סובסטאנטיװנ, די װערבנ אונ די אדיעקטיװנ.

3. קלײַבט צו צענ אדיעקטיװנ צומ סובסטאנטיװ „טיש" אונ צענ סובסטאנטיװנ צומ אדיעקטיװ „שװארצער".

4. פאריכט די גרײַזנ אינ די װײַטערדיקע זאצנ.

1) באמ מינסקנ יידפעדטעכניקומ איז אָרגאניזירט געװאָרנ א קאָנסולטיר-ביוראָ. 2) עס איז געמאָלדנ אנ אופנעמ אינ קאמענעצער ייִדישער מעכאנישער װעגבוי-טעכניקומ.

5. שטעלט צונויפ דרײַ זאצנ, װו עס זאָלנ זײַנ אדיעקטיװנ בא סובסטאנטיװנ סוביעקטנ פונ צװײטנ מינ.

6. שטעלט צונויפ דרײַ זאצנ, װו עס זאָלנ זײַנ אדיעקטיװנ בא סובסטאנטיװנ דירעקטע אָביעקטנ פונ ערשטנ מינ.

7. שטעלט צונויפ דרײַ זאצנ, װו עס זאָלנ זײַנ אדיעקטיװנ בא סובסטאנטיװנ דירעקטע אָביעקטנ מערצאָל.

8. שטעלט צונויפ דרײַ זאצנ, װו די פרעדיקאטנ זאָלנ זײַנ נאָמינאלע — אדיעקטיװנ מיט הילפװערבנ.

9. שטעלט צונויפ דרײַ זאצנ, װו די פרעדיקאטנ זאָלנ זײַנ נאָמינאלע — סובסטאנטיװנ מיט הילפװערבנ.

10. שטעלט צונויפ דרײַ זאצנ מיט אטריבוטנ בא די סוביעקטנ. די אטריבוטנ זאָלנ זײַנ פאָסעסיװנ, די פרעדיקאטנ זאָלנ זײַנ אדיעקטיװנ (מיט הילפװערבנ).

11. שטעלט צונויפ דרײַ זאצנ מיט אטריבוטנ בא די סוביעקטנ. די אטריבוטנ זאָלנ זײַנ אדיעקטיװנ, די פרעדיקאטנ זאָלנ זײַנ פאָסעסיװנ (מיט הילפװערבנ).

12. שטרײַכט אונטער די אדיעקטיװנ אינ די װײַטערדיקע זאצנ.

1) פונ די אופגעפראלטע פענצטער איז אינ ראט ארײַנ קעלט (דאניעל).
2) איצט זיצט אפ זײַנ ייִנגלש פאָנעמ א פארגליװערטע רויִקײַט (דאניעל).
3) אזוי רײַסט איבער א דאָרפיש ייִנגל א שװינדלענדיק געלויפ פונ א פרײלעכער הארמאָשקע אינ היציקע פינגער (דאניעל).

4) האָט ער אזוי געקוקט אין די פּערדישע אומעטיקע אויגן, און ס'איז אים אַליין אומעטיק געוואָרן (מארקיש).

5) ארום און ארום פּוסטעוועט די בעסאראַבער האַלב-ברוקירטע, האַלב-דאָרפישע שטאָט (בערגעלסאָן).

6) צווישן די פארפלאָנטערטע קאָרפּוס־געדערים האָבן בריַענדיקע טראָפּנס געטריפט פון די ווענט, פון אַלע לעכערדיקע פילגאָרנדיקע באַלקנס, פון אַלע הויך-איבערגעלייגטע ברעטער, וואָס באָרוועסע פיס באטרעטן (בערגעלסאָן).

7) איינמאָל, אין א געוויינלעכן נעפּלדיקן טאָג, איז פון ערגעץ א נאָענט שטעטל צו זיי אין שטוב געקומען עפּעס א פרומער, לאָמדאָנישער און שטארק טאַמעוואַטער יונגערמאַן (בערגעלסאָן).

8) בא פענעקן: א שטענדיקע מעסוקענע האַנאָע פון אַלערליי זאכן, וואָס צעשטערן דעם געוויינלעכן סיידער אין לעבן (בערגעלסאָן).

9) דער עלטסטער אין „הויז" האָט א וואָכעדיקע באָרד, א היפּשע, א טונקל-גראָע — קימאַט א קאַפּצאָנישע באָרד — און א פּאָנעם איז בא אים א יאָנטעוודיקס (בערגעלסאָן).

10) געפלאָנטערט האָבן זיך אַלץ מער און מער רעב געדאַליעס הור-וויצעס געשעפטן, און א באהאַלטענע אומרויקייט איז שוין געפאלן אַף אים, דעם צעטראָגענעם בענטוירע, און אַף זיין גאנצער יִכעסדיק-שטילער, נע-גידישער שטוב (בערגעלסאָן).

13. פארבייט, ווו ס'איז מעגלעך, די אדיעקטיוון פון די פּאָריקע זאצן מיט סינאָנימישע אדיעקטיוון.

14. קלייבט צו פּאסיקע סובסטאנטיוון צו די וויטערדיקע אדיעקטיוון.

עלעמענטארע, פערזענלעכע, פּריוואטע, קורצזיכטיקע, באוווסטזיניקע, אַלוועלטלעכע, אַלטוועלטלעכע, לאַנגווייליקע, עלעגאנטע, פאראנטוואָרטלעכע, לייכטזיניקע, לאָיאַלע.

15. קלייבט צו צו דריי פּאסיקע אדיעקטיוון (כאראקטעריסטיקעס) צו די וויטערדיקע סובסטאנטיוון.

זומער, שניי, וואָלקן, טויער, באראטונג, שטימונג, רויִקייט, רעדנער, רעוואָליוציאָנער, איניציאַטיוו, פראגמענט, הימל, ערד, פרילינג, וועכטער, אויגן, אויסדרוק, זאצ, רעדע, רעגירונג, מאכט, וועלט, אָרדענונג, קאפּי-טאַליזם, אטמאָספער.

50. אדיעקטיוו, פאראלעלע סובסטאנטיוון און צונויפגעזעצטער סובסטאנטיוו

1. פּאָרמולירט דעם אונטערשייד אין דער סטרוקטור און אינעם באַטייט פון די אויסגעטיילטע ווערטער אין די וויטערדיקע רעכטע און לינקע זאצן.

1) א שטיק גאָלעס איז געווען פאר די קינדער אָט די פ ר ו-מ ע ד י מ ו י ד.
2) ער האָט אָנגענומען ביידע ע מ ע ר מ י ט א ש און איז ארויס אין דרויסן.
3) מיט אלע קויכעס האָבן זיי גע-שטרעבט צו פארטיידיקן דעם פ אָ ל ק ס א י נ ט ע ר ע ס נ.

1) א שטיק גאָלעס איז געווען פאר די קינדער אָט די פ ר ו-מ ע מ ו י ד.
2) ער האָט אָנגענומען ביידע ע מ ע ר א ש און איז ארויס אין דרויסן.
3) מיט אלע קויכעס-האָבן זיי געשטרעבט צו פארטיידיקן די פ אָ ל ק ס-א י נ ט ע ר ע ס נ.

2. שרייבט אָן ריכטיק די וויַיטערדיקע צונויפזאצן (סובסטאנטיוון) — איינינעם אָדער מיט א בינדצייכן. פלאָנטערט זיי ניט מיט פאראלעלע סוב-סטאנטיוון און מיט אדיעקטיוון מיט סובסטאנטיוון.

1) א גרויסע גרופע סטודענטן האָט זיך צונויפגעקליבן אין שטאָט גאָרטן. 2) די סטודענטן גרופע האָט זיך געקליבן אייַנצואָרדענען א פראָטעסט מיטינג קעגן די אינסטרוקציעס פונעם בילדונג מיניסטעריום. 3) לויט די אינסטרוקציעס פונעם בילדונג מיניסטעריום האָבן זיך די סטודענטן ניט גע-טאָרט באשעפטיקן מיט פאָליטישע טעמעס. 4) אין שטאָטישן גאָרטן איז דאן פאָרגעקומען א מאסן פארזאמלונג פון טעקסטיל ארבעטער. 5) די סטודענטן גרופע האָט זיך פאראייניקט מיט די טעקסטיל ארבעטער. 6) מיט די טעקסטיל ארבעטער האָבן זיך פאראייניקט אויך אייניקע קרייַזן ארבעטלאָזע.

3. שרייַבט אראָפּ פון די פאָריקע זאצן אין דרייַ באזונדערע גרופעס:
1) די אדיעקטיוון; 2) די פאראלעלע סובסטאנטיוון; 3) די צונויפגע-זעצטע סובסטאנטיוון.

4. קלייַבט צו אדיעקטיוון צו יעדן פון די וויַיטערדיקע פאראלעלע סובסטאנטיוון.

א גרופע סטודענטן, א קרייַז ליטעראטן, א שטאָט מענטשן, א קופּע ערד, א פאבריק זייגערס, א מאסע צייַטונגען, אן אָרגאניזאציע אקטיאָרן, פאָלקן רויטארמייער.

5. קלייַבט צו אדיעקטיוון צו די וויַיטערדיקע צונויפגעזעצטע סוב-סטאנטיוון.

שטאָטגאָרטן, ראיאָן-צוזאמענפאָר, פיאָנער-צייַטונג, סטודענטן-גרופע, קול-טור-אָרגאניזאציעס, פארטיי-באשלוסן, קאָמיוג-מיטגלידער, ארבעטער-יוגנט, פויערים-דעפּוטאטן, מייַרעוו-מעלוכעס.

6. שרייַבט אָן די פאָריקע ווערטער אזוי, אז דער באשטימטייל פו-נעם סובסטאנטיוו זאָל פארוואנדלט ווערן אין אן אדיעקטיוו. לייגט אויך אכט אף דער ענדערונג אינעם באטייַט, וואָס קומט דאָ בא אייניקע דער-בייַ פאָר.

7. שרייַבט אָן די וויַיטערדיקע ווערטער אזוי, אז דער אדיעקטיוו זאָל,

צונויפזעצנדיק זיך מיטן סובסטאנטיוו, פארוואנדלט ווערן אין דעם דאָזיקנס באשטימטייל.

אינדוסטריעלע אנטוויקלונג, מעלוכישע אנשטאלטן, ווירטשאפטלעכע אינטערעסן, פארטייִשע פראקטיק, רעפובליקאנישע קאָמיטעטן, רעגירנדיקע אָרגאנען, קאָמוניסטישע פראקציעס, באשטייערנדיקע קאָמיסיעס, רעוואָליוציאָנערע אינטערעסן, וויסנשאפטלעכע אינסטיטוטן.

8. פארוואנדלט די באשטימטיילן פון די וויטערדיקע סובסטאנטיוון אין אנדערע אטריבוט־פאָרמעס — אין אדיעקטיוון, פאָסעסיוון אָדער דאטיוון מיט פרעפאָזיציעס.

1) די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צייט פון דער אימפעריאליסטן־מילכאָמע. 2) די מעכטיקע ארבעטער־באוועגונג אין אייראָפּע האָט מיטגעהאָלפן דעם ראטנלאנד זיך צו פארפעסטיקן. 3) צווישן צוויי אימפעריאליסטן־גרופּעס האָט זיך דאן געפירט א קאָלאָסאלער קאמף. 4) א ריי פויערים־רעזערוון זיינען געגאנגען אונטער דער אָנפירונג פונעם ארבעטער־קלאס. 5) נאָר דער פאבריק־פּראָלעטאריאט איז אימשטאנד אָנצופירן מיט דער גאנצער מאסע ארבעטנדיקע און עקספּלואטירטע אינעם קאמף פאר אראָפּווארפן דעם קאפּיטאל־יאָך.

9. שטעלט צונויף צען זאצן מיט סובסטאנטיוון סוביעקטן און אָביעקטן, וואָס זאָלן קומען מיט אטריבוטן. די אטריבוטן קאָנען זיין אויסגעדריקט מיט דער הילף פון: 1) אן אדיעקטיוו; 2) פּאָסעסיוו; 3) דאטיוו מיט א פּרעפּאָזיציע; 4) באשטימטייל פון א צונויפזאץ; 5) פּאראלעלן סובסטאנטיוו.

10. שרייבט ארויס פונעם וויטערדיקן פראגמענט די אדיעקטיוון.

די ערשטע פופצן יאָר פונעם מאָסקווער מעלוכישן יידישן טעאטער האָבן זיך פארענדיקט מיט א גלענצנדיקן קינסטלערישן ניצאָכן. דער טעאטער האָט נאָכאמאָל געמאָלדן אפן גאנצן קאָל וועגן שטארקע לעבנזאפטן, וועגן הויכער טעאטראלער קולטור און וועגן א קרעפטיק־אָרגאניזירטן קאָלעקטיוו.

און דאָס וויכטיקסטע: דער טעאטער האָט אפן שלוס־ספּעקטאקל פון זיינע ערשטע פופצן יאָר, אפן „קעניג ליר", ווי אפן א גרויסער שיף, באוויזן א מוסטער פון גרויסן מייסטערהאפטן שווימען.

מע מוז מודיע זיין, אז צו אָט דעם גרויסן שעפערישן רייס האָט זיך דער טעאטער געגרייט לאנג. דער טעאטער האָט מאקסימאל קלאָר און פּינקטלעך אויסגערעכנט זיינע אייגענע קויכעס און די קראפט פונעם מאטעריאל. ער האָט זיך אָנגעגורט, דער טעאטער, מיט דער בעסטער דערפארונג פון אונדזער נייער אויסגעוואקסענער ליטעראטור, ער האָט זיך אָנגעטאָן אינעם וואָרט פון אונדזער דיכטונג, ווי אין א גוטן אויסגעפּרווטן פאנצער, קעדיי ביישטיין דעם שטורעם פון שעקספּירס פלאמיקע ליידנשאפטלעכע טעקסטן, וואָס האָט אפ אים געווארט אין אָט דעם גרויסן קינסטלערישן רייס.

און דער טעאַטער האָט מיט ערן געבראַכט דעם דאָזיקן ניצחון און־דזער נייער סאָוועטישער קולטור.

צוזאַמען מיט אַ גאַנצער ריי ניצחונות פון אַנדערע קונסט־באַצירקן האָט אונדזער וואַקסנדיקע סאָוועטישע קולטור געקאָנט פאַרצייכענען דעם דאָזיקן לעצטן זיג אויף דער סצענע פונעם מעלוכישן ייִדישן טעאַטער, ווי אַ צייגער פון עכטן וווּקס און פאַנאַנדערבלי פון נאַציאָנאַלע קולטורן אין אונדזער פילפעלקערדיקן סאָציאַליסטישן לאַנד (מאַרקיש).

11. שרייבט עפּעס אָן וועגן מאָסקווער ייִדישן טעאַטער (אויב איר האָט געזען זיינע פאָרשטעלונגען).

51. אַדיעקטיווישע פאָרמעס

1. שרייבט אָן ריכטיק די אַרטיקלען און די אַדיעקטיוון בײַ די ווײַטערדיקע סובסטאַנטיוון.

1) ד . . גאַנצ . . געסל איז געפּאַקט. 2) ער שיקט ד . . עלטער . . ייִנגל ד . . רוסיש . . ביכל. 3) זי קויפט ד . . יונג . . מיידל אַ שוואַרצ . . טיכל. 4) ער ברענגט פון ד . . נאָענט . . קאָאָפּעראַטיוו אַ געטריקנט . . פישל. 5) אַ ניי . . טינטערל שטייט אויף ד . . קליינ . . טישל. 6) דער פאָר־זיצער רופט ד . . יונג . . פאָרשטייערן אין פּרעזידיום. 7) די לאָזונגען צינדן אָן ד . . גאַנצ . . מאַסע. 8) ער באַטראַכט ד . . דאָזיק . . לאַגע פון ד . . עקאָנאָמיש . . שטאַנדפּונקט. 9) זיי האָבן אָנגעפירט מיט ד . . אויסערלעכ . . און אינערלעכ . . פּאָליטיק. 10) זיי האָבן אָנגעמערקט ד . . ערשט . . פּראָ־יעקט פון ד . .ווירטשאַפטלעכ . . אָרגאַניזאַציע.

2. שרייבט אָן צוועלף זאַצן מיט סוביעקטן, פּרעדיקאַטן און דירעקטע אָביעקטן. די דירעקטע אָביעקטן זאָלן זיין סובסטאַנטיוון פון ערשטן מין און זאָלן קומען מיט איינעם פון די ווייטערדיקע אַדיעקטיוון.

אָרעם, וואַרעם, קרום, שטום, ענג, יונג, שטרענג, פלינק, פריי, פריי, גענוי, פיין.

3. שרייבט אָן די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון און אַדיעקטיוון אין איינצאָל.

אַלטע מענער, די יונגע פרויען, הויכע טישן, די נידעריקע טישלעך, ליידנשאַפטלעכע רעדעס, די קינסטלערישע זיגן, קאַפּיטאַליסטישע לענדער, די פאַרעלטערטע לאָזונגען, די שאָוויניסטישע האַנדלונגען, די איינגעפאַלענע הייזלעך, קרעפטיקע קאָלעקטיוון, נאָענטע לענדער.

4. שרייבט אָן ריכטיק די אַרטיקלען און די אַדיעקטיוון אין די ווייטערדיקע פאַלן.

פון דענסטמאָל אָן בין איך שטאַרק באַשעפטיקט געווען מיט ד . . קליינ . . מענטשעלע. אין שלאָף אַפילע האָב איך ניט פאַרגעסן ד . . קליינ . . בענטשע-

לע. עס האָט זיך מיר געכאָלעמט, איך האלט ד.. קלײנ.. מענטשעלע, איך שפּיל זיך מיט ד.. קלײנ.. מענטשעלע, איך בינ גאָר אלײנ א קלײנ.. מענטשעלע, שפּרינג אינ די אויגנ ווי א קלײנ.. מענטשעלע. ד.. קלײנ.. מענטשעלע איז מיר ניט ארויס פונעם זינענ (לויט מענדעלענ).

5. שטעלט צונויפ פינפ זאצנ, וווּ די ווערטער „קרומער, באקאנטער, אײבערשטע, פלײשיקס, געזאלצנס"—זאָלנ קומענ אלס סוביעקטנ.

6. שטעלט צונויפ פינפ זאצנ, וווּ די פּאָריקע פינפ אײַנגעפּיסלטע ווערטער זאָלנ קומענ אלס אטריבוטנ.

7. שרײַבט אראָפּ דעמ ווײַטערדיקנ פראגמענט, צושטעלנדיק צו די אדיעקטיווּנ די נײטיקע פלעקסיעס.

דאָס אוראלט.. גריכנלאנד איז דאָס הײמלאנד פונעמ מאָדערנ.. טעאטער. „טעאטער" איז א גריכיש וואָרט אונ באטײַט אנ „אָרט פאר שוישפּיל, פאר פאָרשטעלונגענ". שוינ אינ דער צווײט.. העלפט פונעמ זעקסט.. יאָרהונדערט (ביז אונדזער ערע) פלעגנ אינ גאנצ גריכנלאנד אײַנגעאָרדנט ווערנ דראמאטיש.. פאָרשטעלונגענ. אינ זעקסט.. יאָרהונדערט זײַנענ שוינ אינ א רײ גריכיש.. שטעט פאר די צושויער געווענ אײַנגעאָרדנט ספּעציעל.. ערטער צומ זיצנ. די ערטער פלעגנ געמאכט ווערנ רײענווײַז, אינ א האלב.. קרײַז אפ א זײַט פונ א בערגל, אזוי אז אײנ רײ איז געווענ העכער פונ דער צווײט.. אנטקעגנ דעמ דאָזיק.. האלבקײַלעכדיק.. טעאטער פלעגט פאר די שוישפּילער, טענצער אונ כאָר אײַנגעאָרדנט ווערנ א גלײַכ.. בריקל — אנ „אָרכעסטרע". אינ פינפט.. יאָרהונדערט האָט מענ צו דער אָרכעסטרע צוגעגעבנ א פארמאכט.. בײַדל — א „סקענע". אינעמ דאָזיקנ בײַדל פלעגנ זיך די אקטיאָרנ איבערטאָנ. שפּעטער האָט מענ צו דער סקענע צוגעגעבנ אנ אָנגעדעקט.. פאָדערשט.. בריקל, אפ וועלכנ עס האָבנ אָנגעהויבנ פאָרקומענ די פאָרשטעלונגענ. אפ דער אָרכעסטרע איז נאָר פארבליבנ דער כאָר. אָט אזוי איז געשאפנ געוואָרנ דער גריכיש.. טעאטער (לויט נ. מ. ניקאָלסקינ).

8. לײענט דורכ נאָכ א פּאָר מאָל דעמ פּאָריקנ פראגמענט אונ באמיט זיך אימ צו געדענקענ. נאָכדעמ שרײַבט אימ אָנ, ניט קוקנדיק אינ ביכל.

9. שרײַבט אָנ די ווײַטערדיקע סובסטאנטיווּנ אונ אדיעקטיווּנ מיט באשטימיקע ארטיקלענ.

א גרויסע נאָז, א שארפע צונג, א דיקער האלדז, א גרויס מויל, א גוט אויג, א מיעס פּאָנעמ, א יונג קינד, א הויכ טישל, אנ אלט פאָלק, אנ אלגעמײנע שפּראכ, א סאָציאליסטיש דאָרפ, א קאָלאָסאלער מאסשטאב, א פּרעכטיק לאנד, א פעסטע אָרדענונג, א נײַ לעבנ.

10. שטעלט צו צו די ווײַטערדיקע אדיעקטיווּנ די נײטיקע פלעקסיעס.

1) דער בריגאדיר איז אנ ענערגיש... 2) די כאווערטע איז אנ אלטוועלטלעכ... מענטש. 3) די געזעלשאפט איז דאָרט א פּראָלעטאריש...

4) דאָס קעמערל איז זייער א טעטיק ... 5) דאָס ערשט געקומענ ... מיידל איז אנ אינטערעסאנט ...

11. שטעלט צונויפ זאצנ, ווו די ווײַטערדיקע סובסטאנטיוונ צוזאמענ מיט די אדיעקטיוונ זאָלנ קומענ: 1) אלס סוביעקטנ (נאָמינאטיוונ); 2) אלס דירעקטע אָביעקטנ (אקוזאטיוונ); 3) אלס אומדירעקטע אָביעקטנ (דאטיוונ).

די פראָלעטארישע רעוואָליוציע	דאָס פראָלעטארישע קעמערל
די סאָציאליסטישע אָרדענונג	דאָס סאָציאליסטישע שטעטל
די אלוועלטלעכע בורזשואזיע	דאָס אלוועלטלעכע פויערטומ
די אימפעריאליסטישע פּאָליטיק	דאָס אימפעריאליסטישע ענגלאנד

12. פארגלײַכט די פאָרמעס פונ א סובסטאנטיוו אונ אנ אדיעקטיוו אינ יידיש מיט זייערע פאָרמעס אינ אנ אנדער שפּראכ, וואָס איז אײַכ באַקאנט (רוסיש, אוקראיניש, ווײַסרוסיש, פּויליש אאוו.), אונ שטעלט פעסט די געמיינזאמקײַט אונ די פארשיידנקײַט פונ די דאָזיקע פאָרמעס.

13. ווי מיינט איר, צי איז ריכטיק צו זאָגנ, אז אשטייגער אינ דעמ זאצ „די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט ארויסגערופנ א רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג אינ די קאָלאָניעס“—איז דאָס וואָרט „רעוואָליוציאָנערנ“ אנ אדיעקטיוו אונ ניט קיינ אטריבוט אונ אז „אָקטיאבער־רעוואָליוציע“ איז א צונויפזאצ אונ ניט קיינ סוביעקט? פארוואָס?

14. שטעלט צונויפ א זאצ, ווו דער סוביעקט זאָל זײַנ א סובסטאנטיוו פונ ערשטנ מינ; דער פּרעדיקאט (א ווערבאלער) זאָל ווײַזנ אינצאָל, דריטע פּערזאָנ, צוקונפט, פאקטישקײַט אונ אקטיווקײַט; דער דירעקטער אָביעקט זאָל זײַנ א סובסטאנטיוו פונ דריטנ מינ מיט אנ אטריבוט אינ א פאָרמע פונ א פּאָסעסיוו; אונ דער אומדירעקטער אָביעקט זאָל זײַנ א סובסטאנטיוו פונ צווייטנ מינ מיט אנ אטריבוט אינ א פאָרמע פונ אנ אדיעקטיוו.

15. שטעלט צונויפ פונ די ווײַטערדיקע ווערטער דרײַ קלאָרע זאצנ. אינ יעדנ זאצ זאָל זײַנ איינ סוביעקט, איינ פּרעדיקאט, איינ דירעקטער אָביעקט, איינ אומדירעקטער אָביעקט אונ צוויי אטריבוטנ. די אטריבוטנ קאָנענ זײַנ סײַ בא די סוביעקטנ אונ סײַ בא די אָביעקטנ. די ארטיקלענ אונ די פּרעפּאָזיציעס קאָנט איר פונ די סובסטאנטיוונ אָפּרוקנ. איר זאָלט אָבער די ווערטער ניט ענדערנ, קיינ נײַע ווערטער ניט צוגעבנ, אלע ווערטער אומבאדינגט אויסניצנ, יעדעס וואָרט ברענגענ נאָר איינ מאָל.

האָט	די פארזאמלונג	צענטראלנ	דער אקטיוו

דעמ קאָמיטעט	נעכטיקע	א באריכט	שיקט	האָבנ

א גרעם	צוגעצויגנ	צום באריכט	בײַשפּילנ
פלאמיקנ	פאָרזיצערס	אויסגעהערט	פונעם סעקרעטאר
די גלענצנדיקע	די אופמערקזאמקײַט	פײַנעם	

52. אדיעקטיווישע אויסבילדונג

1. שרײַבט אראָפּ פונ דער סופיקסנ-טאבעלע, וואָס אפּ זײַט 58 — 61, אלע סופיקסנ, מיט וועלכע עס קאָנ זיכ ענדיקנ אנ אדיעקטיוו (מיט אָדער אָנ פלעקסיעס).

2. בילדעט אדיעקטיוונ פונ די ווײַטערדיקע סובסטאנטיוונ אונ ברענגט די אויסגעבילדעטע אדיעקטיוונ אלס אטריבוטנ בא סובסטאנטיוונ סוביעקטנ איינצאָל.

זאמד, זומער, שניי, פּויער, כאוער, יינגל, מיידל, רעגנ, מאסנ, קאפּיטאל, בירגער, געזעלשאפט, מאכט, קראפט, סיסטעם.

אשטײגער: דער זאמדיקער בארג (דאָס זאמדיקע בערגל) געפעלט מיר.

3. שרײַבט אָנ די ווײַטערדיקע סובסטאנטיוונ אינ א פארקלענער-פאָרמע אונ זייערע אדיעקטיוונ — אינ דער נולפאָרמע.

אינמיטנ צימער — אנ אָפּגעבליאקעוועטער טיש אָנ א שום טישטעכ, א מעשענער לאָמפּ מיט א פארברודיקטער גלאָז. די גלאָז איז פארקלעפּט מיט א פאפיר, וואָס איז שויג צוגעטריקנט אונ פארגעלט ווי אנ אראָפּגעפאלענער בלאט פונ א בוימ.

4. בילדעט אדיעקטיוונ פונ די סובסטאנטיוונ (שטאָפנ) „זילבער, גאָלד, אײַזנ, בלעכ, האָלצ, וואָל, סאמעט, זײַד, באטיכט, לײַנ“ אונ ברענגט די אויסגעבילדעטע אדיעקטיוונ אלס אטריבוטנ בא סובסטאנטיוונ דירעקטע אָביעקטנ איינצאָל פונ דריטנ מינ מיטנ אומבאשטימיקנ ארטיקל.

5. בילדעט צוריק סובסטאנטיוונ אָדער ווערבנ פונ די ווײַטערדיקע אדיעקטיוונ, מאכנדיק די נייטיקע ענדערונגענ אינ די געגעבענע ווערטער.

ווינטערדיקע, מוזיקאלע, עקספּלואטירטע, פּראָלעטארישע, ארבעטנדיקע, אנטוויקלטע, דיסציפּלינירטע, קאָמונאלע, קאָמוניסטישע, כאראקטעריסטישע, אָרגאניזירטע, היסטאָרישע, בורזשואזע, דערציערשע, פּראָפּאגאנדיסטישע.

6. שטעלט צונויפ זאצנ, ווו די צוריקגעבילדעטע סובסטאנטיוונ זאָלנ קומענ אלס דירעקטע אָביעקטנ אונ זאָלנ ציענ צו זיכ אטריבוטנ

אינ אנ אדיעקטיוו־פאָרמע. אשטייגער: איכ האָב ליב א (דעם) קאלטנ ווינטער.

7. שטרײַכט אונטער אינעם ווײַטערדיקנ פראגמענט די אדיעקטיוונ, וואָס זײַנענ געבילדעט פונ פארטיציפנ.

אָנ ביימער, אָנ אָפּצאמענ, נאקעטע, אײַנגעהויקערטע זײַנענ געשטאנענ הײַזער מיט ארומגעריסענע דעכער מיט אויסגעשלאָגענע שויבנ. די גערטנער פארבלאָטיקטע, די הויפנ פארמיסטיקטע. בינדערנ האָט עס פונקט אזוי אופגעבראכט ווי דאָס צעשאָטענע ברויט, ווי די אויסגעמאַטערטע פערד. ער האָט אפ דער ערשטער פארזאמלונג, וואָס ער האָט צונויפגערופנ, א רעד געגעבנ וועגנ דער שרעקלעכער אָפּגעלאָזנקײַט, וועגנ די פארווילדעוועטע גערטנער, וועגנ די אײַנגעפאלענע שטיבער (ע. גאָרדאָנ).

8. בילדעט אדיעקטיוונ פונ די ווײַטערדיקע ווערבנ (פארטיציפנ און גערונדיוונ) און שטעלט מיט די אויסגעבילדעטע אדיעקטיוונ צונויפ זאצנ, וואָס זאָלנ באשטײנ פונ הויפטגלידער און בײַגלידער.

אָפּגעגאנגענ, אָפּגייענדיק, אָפּגעפאָרנ, אָפּפאָרנדיק, אָפּגעטריבנ, אָפּטרײַבנדיק, איבערצײַגט, איבערצײַגנדיק, באפרידיקט, באפרידיקנדיק, באגײַסטערט, באגײַסטערנדיק, פארשקלאפט, פארשקלאפנדיק, עקספלואטירט, עקספלואטירנדיק, פארפרעמדט, פארשמידט, דערפרייט, פארבלענדט, אָנגעשטרענגט, אויסגעשווענקט, עלעקטריפיצירט, פאנאנדערגעוויקלט, פאנאנדערגעטרייסלט.

9. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די אדיעקטיוונ „דערטרונקענ ווערנדיקע, דערטרונקענע געוואָרענע, זיכ טרינקענדיקע“.

10. זעצט איבער לעבינס ווײַטערדיקנ פראגמענט.

Есть две нации в каждой современной нации — скажем мы всем национал-социалам. Есть две национальные культуры в каждой национальной культуре. Есть великорусская культура Пуришкевичей, Гучковых и Струве, — но есть также великорусская культура, характеризуемая именами Чернышевского и Плеханова. Есть *такие* же *две* культуры в украинстве, как и в Германии, Франции, Англии, у евреев и т. д. Если большинство украинских рабочих находится под влиянием великорусской культуры, то мы знаем твердо, что на ряду с идеями великорусской поповской и буржуазной культуры действуют тут и идеи великорусской демократии и социал-демократии. Борясь с первого рода «культурой», украинский *марксист* всегда выделит вторую культуру и скажет своим рабочим: «Всякую возможность общения с великорусским сознательным рабочим, с его литературой, с его кругом идей обязательно всеми силами ловить, использовать, закреплять, этого

требуют коренные интересы *и* украинского *и* великорусского рабочего движения».

Если украинский марксист даст себя увлечь *вполне законной и естественной* ненавистью к великороссам-угнетателям *до того*, что он перенесет хотя бы частичку этой ненависти, хотя бы только отчуждение, на пролетарскую культуру и пролетарское дело великорусских рабочих, то этот марксист скатится тем самым в болото буржуазного национализма. Точно также и великорусский марксист скатится в болото национализма, не только буржуазного, но и черносотенного, если он забудет хоть на минуту требование полного равноправия украинцев или их *право* на образование самостоятельного государства.

11. ענטפערט שריפטלעכ אפ פאָלגנדיקע פראגעס:

1) וואָס איז אזוינס אטריבוט?
2) וואָס איז אזוינס אדיעקטיוו?
3) צי קאָנ אנ אטריבוט זײַנ ניט קײנ אדיעקטיוו?
4) וועלכע פאָרמעס האָט אנ אטריבוט?
5) וועלכע פאָרמעס (אונ פלעקסיעס) האָט אנ אדיעקטיוו?
6) וועלכע פונקציעס פילט אויס אנ אדיעקטיוו?
7) וועג ווערט אנ אדיעקטיוו סובסטאנטיווירט?
8) וועג קומט אנ אדיעקטיוו אָנ פלעקסיעס?
9) מיט וועלכג טײל וואָרט שטימט אנ אדיעקטיוו בא א סובסטאנ-טיוו א צונויפזאצ?
10) וועג שרײַבט מעג „יונגעג" אונ וועג „יונגג"?

53. צאָלוואָרט אונ אדיעקטיוו

1. לערנט אויס, ווי מע דארפ זאָגנ אונ שרײַבנ די ווײַטערדיקע צאָל-ווערטער.

אײנ, אײנס	זיבנ	דרײַצנ	דרײַסיק	אכציק
צוויי	נײַנ	פערצנ	פערציק	נײַנציק
דרײַ	צעג	פופצנ	פופציק	הונדערט
פיר	עלפ	נײַנצנ	זעכציק	טויזנט
פינפ	צוועלפ	צוואנציק	זיבעציק	

2. שרײַבט אָנ מיט ווערטער די ווײַטערדיקע צאָלנ.

509	1719	12985	9719	205
911	5970	90777	4560	847
710	9799	89999	6781	999

3. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די ווײַטערדיקע אדיעקטיװנ (די פּאָרמעס פונ די אדיעקטיװנ זאָלנ בלײַבנ ניט געענדערט).

נײַנטער, צוואנציקסטנ, פערטע, אכציקסטער, צוועלפטנ, זעכציקסטער, דריט, פערט, דריטס, פערציקסט.

4. שטעלט צו צום וואָרט „איינ" אינ די ווײַטערדיקע פאלנ די נייטיקע פלעקסיעס.

1) די צײַטונג איז איינ . . פונ זײַנע ערשטע אופטועג. 2) דער ראָמאנ איז איינ . . פונ די אינטערעסאנטסטע אויסגאבעס פאר דער לעצטער צײַט. 3) די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט מוז ווערנ איינ . . פונ די הויפּטצענטרענ פונ דער ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור. 4) די דאָזיקע שטאָט איז איינ . . פונ די גרעסטע ייִשוּוּים דאָ אינ ראיאָנ. 5) א קאָמבײַנ איז איינ . . פונ די אינטערעסאנטסטע מאשינעס. 6) די באראטונג איז איינ.. פונ די באווײַזנ פונ אונדזערע גרויסע דערפאָלגנ. 7) פונ א גרופּע קינדער טיילט זיכ אויס איינ.. מיט שווערע שיכ אפ די פיס. 8) די ייִדישע ליטעראטור איז איינ.. פונ די אָטריאדנ פונ דער גרויסער סאָוועטישער ליטעראטור. 9) דער פילמ איז איינ.. פונ די בעסטע ווערק פונ דער קינאָ-פּראָדוקציע. 10) דער פאָרשלאָג איז געווענ איינ.. פונ די בוילעטע אנטפּלעקונגענ פונ דער פרידלעכקײַט פונ דער ראטנ-רעגירונג אונ איינ . . פונ די מיטלענ אפ פארפעסטיקנ דעמ שאָלעמ.

5. לערנט אויס אפ אויסווייניק די ווײַטערדיקע שורעלעכ.

דו, קליינינק שפּענדעלע, דו איינס,
דו קומ מיט מיר, איכ דארפ אזוינס,
דו ביסט מיר הארציק טײַער!
איכ דארפ קיינ סאכ, איכ דארפ נאָר איינס—
א קלייניק שפּענדעלע א ריינס
צו בלאָזנ פײַער! (האָפשטיינ).

6. דערקלערט דעמ באטײַט פונ די ווערטער „מאָנאָלאָג, מאָנאָליט, מאָנאָטאָנ, מאָניזמ, מאָנאָטעיִזמ, מאָנארכיע, מאָנאָפּאָליע; דועט, דועל, דואליזמ, דובלעט, דובליקאט, דובלירנ; טריאָ, טרילאָגיע, טרימעסטער; קווארטל, קווארטעט".

7. זעצט איבער דעמ ווײַטערדיקנ טעקסט. די צאָלנ שרײַבט אָנ ניט מיט ציפער, נאָר מיט ווערטער.

Как показывают статистические данные, в 1934 году во всем мире умерло от голода **2.400.000** человек. Около 1.200.000 человек покончило с собой из-за нужды. С другой стороны, статистические данные показывают, что в том же 1934 году в капиталистических странах было уничтожено огромное количество продуктов, не нашедших сбыта. Всего уничтожено:

больше миллиона вагонов зерна,
267.000 вагонов кофе,
258.000.000 кило сахару,
26.000.000 кило рису,
25.000.000 кило мяса.

(«Известия»).

54. קוואַליפיצירקער אַדווערב און אַדיעקטיוו

1. פאָרמולירט, מיט וואָס זײַנען גרײַזיק די ווײַטערדיקע זאצנ.

1) דאָס דאַרפ טראָגנ א רײנ אגיטאציע־כאַראַקטער.

2) איינע פונ די סאמע הויפּט-אופגאבעס באשטייט אינ אויספילנ די אָנווײַזונגענ.

2. שטרײַכט אונטער אינ די ווײַטערדיקע טעקסטנ די אַדיעקטיוונ מיט איינ ליניע און די קוואליפיצירקע אַדווערבנ מיט צוויי.

1) עס איז א קליינ, בלאָטיק, אומעטיק, דערשראָקנ, אָפּגעלאָזנ און האַרציק שטעטעלע (מ. נאַדיר).

2) שוואַרצ זײַנענ פעלדער באַנאַכט אונטער קיִעוו, ווײַט זײַנענ הימלענ און פינצטער און טיפ (זעפער).

3) אינ שוואַרצ-געעפנטנ שפּאַלט האָט פינקע אָנשטאָט א מאַשינ דערזענ א קליינוווּקסיק און יונג ייִדיש מיידל אינ א רויט טשיפּעקל. דעמ מיידלס אויגנ האָבנ געקוקט אפ אימ פאַרוווּנדערט־פרײַנטלעכ — מאָדנע קײַלעכדיקע אויגנ, שוואַרצע ווי אָנ ווײַסלעכ; דאָס נעזל באַמ מיידל איז געווענ א קליינס, נאָר זייער א קלוגס (בערגעלסאָנ).

4) געשלאָפנ איז מיכל געשמאַק און רויִק, ווי ער וואָלט זיכער זײַנ, אַז ער מעג שוינ די נאַכט שלאָפנ רויִק, אַז דער רעגנ וועט אויספּאַלנ און ס'וועט אופלעבנ דאָס פעלד. א גרינס וועט ער דאָרט טרעפנ דאָס פעלד. א באַפּרישטס און אופגעלעבטס, א פולס מיט האָפענונג אפ וואַקסנ און אופוואַקסנ, א געראָטנס, א באַגליקטס מיט א סאַכ פּרוכט (ע. גאָרדאָנ).

5) אינ דרויסנ איז שוינ געווענ גוט טונקל. דורכ דער דרויסנדיקער טונקלקײַט האָט מעדוועדיעוו בוילעט דערזענ די דרײַ קליינע פענצטערלעכ, וועלכע האָבנ אומעטיק ארײַנגעקוקט אינ הויפישנ מיסטקאַסטנ; א לאַנגנ הילצערנעמ טיש מיט שוואַרצע אויסגעברענטע פלעקנ, צוויי אַלטע זינגערס מאַשינעס, וועלכע האָבנ טרוקנ געסקריפּעט ווי איבערגעפירטע קאַטערינקעס, און א דיקע פליישיקע באַלעבאָסטע, וואָס פלעגט שפּעט באַנאַכט זיכ ארײַנגאַנווענענ אינ וואַרשטאַט, שטיל און מיט ציטערדיקע הענט אָפּמעקנ עטלעכע צייכנס פונ דעמ טאַטנס פאַרדינסט (דאַניעל).

3. שטרײַכט אונטער אינ די ווײַטערדיקע זאַצנ די קוואַליפיצירקע אַדווערבנ.

1) ער איז געווען שטארק אומעטיק און דערשראָקן. 2) דער אוילעם אפן פארשנייטן פלאַץ האָט בייז און פארשטיקט געברומט. 3) אירע גרינע אויגן האָבן אָפּגעפינקלט בייז און פאראקשנט. 4) די שקאַפּע איז שווינ־צײַט עטלעכע טעג שטארק אויסגעמאָגערט געשטאנען בא אים אין דער נידעריקער שטאַל פארשפארט. 5) ברייט און צעשפרייט איז דאָס לאנד און צעוואָרפן אפּ ענדלאָזע ווײַטן.

4. שרײַבט אראָפּ פון די פאָריקע פינף זאצן די פארטיציפּן — אי די ווערבן אי די אדווערבן.

5. שרײַבט אראָפּ פון די פאָריקע פינף זאצן די סוביעקטן און די פּרעדיקאטן.

6. שטעלט צונויף זעקס זאצן מיט פּרעדיקאטן פון די פאָריקע פּאר־טיציפּן (מיט הילפווערבן).

7. שרײַבט אָן די פאָריקע פינף זאצן אזוי, אז אָנשטאָט די אדווערבן זאָלן דאָרט, ווו עס לאָזט זיך נאָר, זײַן אדיעקטיוון.

טראכט זיך ארײַן, פארוואָס לאָזן זיך דאָ ניט אלע אדווערבן פארבײַטן מיט אדיעקטיוון.

8. שרײַבט אָן זעקס זאצן מיט נאָמינאַלע פּרעדיקאטן. אין צוויי זאצן זאָלן די פּרעדיקאטן זײַן סובסטאנטיוון מיט הילפווערבן, אין צוויי — אדיעקטיוון מיט הילפווערבן און אין צוויי — קוואליפיצירנדיקע אדווערבן מיט הילפווערבן.

9. שרײַבט אָן פיר זאצן מיט קוואליפיצירנדיקע אדווערבן. אין צוויי זאצן זאָלן די אדווערבן (מיט הילפווערבן) זײַן פּרעדיקאטן, אין צוויי — אויפן-באשטימונגען.

10. שטעלט צונויף נײַן זאצן מיט די ווערטער „אקטיוו, יונג, קאָלעק־טיוו". אין דרײַ זאצן זאָלן די דאָזיקע ווערטער זײַן סובסטאנטיוון, אין דרײַ — אדיעקטיוון און אין דרײַ — אדווערבן.

11. שטעלט צונויף זאצן מיט די סובסטאנטיוון „הייך, גרייס, קרימ, שטרענגקײַט, אָנגעשטרענגטקײַט, בלינדקײַט, פארבלענדטקײַט, פרעמדקײַט, פאר־פרעמדטקײַט, שוואכקײַט, אָפּגעשוואכטקייט, ביטערקײַט, פארביטערטקײַט, מאָ־גערקײַט, אויסגעמאָגערטקײַט, באגרענעצטקײַט".

12. בילדעט סובסטאנטיוון פון די ווײַטערדיקע אדווערבן.

גרינג, ווארעם, שטארק, הייליק, מעכטיק, הינטערשטעליק, הייזעריק, הײַנטצײַטיק, לאנגווײַליק, פײַכט, טרוקן, פערזענלעך, איינארטיק, אייגנאר־טיק, באוווּסטזיניק, פארברייטערט, בלינד, ביטער, פארפרעמדט, שוואכ, פרעמד, אָפּגעשוואכט, באגרענעצט, פארליבט, אָנגעשטרענגט.

13. שרײַבט אָן ריכטיק די אדיעקטיוון אין די ווײַטערדיקע זאצן.

1) דאָרט האָט אונדז באגעגנט עפּעס א פרעמד . . מאנ. 2) אינ טשי-קאגאָ האָט א טאטע א לאנג ניט געזעענער, א ביסל א פארפרעמד . . די מאמע באגעגנט. 3) ער האָט זיכ צו אונדז געװענדט מיט זײער א שטרענג . . טאָנ. 4) מיר האָבנ מיט אָנגעשטרענג . . קויכעס זיכ באמיט ארופצושלעפּנ די מאסע. 5) מיר האָבנ דאָרט דערזענ א גרויסע גרופּע מענטשנ גע-שמיד . . אינ קײטנ.

14. שטעלט צונויפ זאצנ מיט די װערטער „איבערצײַגט, איבערצײַגנ-דיק; באפרידיקט, באפרידיקנדיק; באגײַסטערט, באגײַסטערנדיק".

15. שרײַבט ארויס פונעם װײַטערדיקנ פראגמענט אינ צװײ באזונדערע גרופּעס די אדיעקטיװנ אונ די אדװערבנ.

ס'איז געװענ קיל אונ װינטיק, װענ ארקע האָט געענדיקט זײַנ ארבעט ארום דאָרפ אונ זיכ אװעקגעלאָזט צוריק קײנ בירעפעלד. אינײנעם מיט ארקענ איז אפנ טראקטאָר געזעסנ װאסעק—א פרײלעכ-צעדרעכעטער, א באָר-װעסער, אָנ א היטל אונ פול אונ פול מיט נײַע האָפענונגענ. ער האָט אָנגע-װיזנ דעם קירצסטנ װעג, אויסגעזוענ דערבײַ זײער יאָנטעװדיק, אונ געדאכט האָט זיכ: ער שמעקט מיט אלע רײכעס פונ דער טײַגע. דער װעג איז גע-גאנגענ פארבײַ א שטארק צעשאָקלטנ װאלד. דער װינט האָט געבלאָזנ אנטקעגנ, צעשויבערט װאסעקס פלאקסענע האָר, געפאָכעט מיט זײ איבער זײַנ פּאָנעם. דעם טראקטאָרס הירזשערײַ האָט זיכ אײַנגעשניטנ אלצ טיפער אונ טיפער אינעם רויש אונ אינעם געבריל פונ דער טײַגע. ארקע האָט אים געלאָזט קריכנ אפ זײַנ גרעסטער שנעלקײַט—אָט-אָט װערט דאָ ער מיטנ טראקטאָר ארײַנגעפלאָכטנ אינ דער גרויסער אופגעפלאקערטער סאָצבויונג, א טײלכל פונעם שטורעמ, װאָס טראָגט זיכ פונ פּארטײישנ הויפטצענטער אינ אלע זײַטנ פונ גרויסנ לאנד (בערגעלסאָנ).

16. שרײַבט ארײַנ אינ דער װײַטערדיקער טאבעלע די װײַטערדיקע צו-נויפזאצנ.

פעסטשטעלנ, װאנטצײַטונג, שטאנדפּונקט. גלײַכצײַטיק, אײנארטיק, זויער-מילכ, קאָכלעפל, אימפּעטפול, גרינגשעצנ, װילדפלײש, נאָזטיכל, בלוטדאָר-שטיק, װײַסרוסלאנד, דײַטשלאנד, הויכשול, פרײַדאָרפ, קאלטבלוטיק, הויפט-זאכלעכ, פינפיאָר, פיצוכט, דרײַעק, ארבעטלויג, צװײפּונקט, קויפ-פײַק, פּארטײ-ארבעט.

№№	צונויפזאצ	װאָרטקלאס (פונעם צונויפ-זאצ)	באשטימטײל	װאָרטקלאס (פונעם באשטימ-טײל)
.1	פעסטשטעלנ	װערב	פעסט	אדװערב
.2	װאנטצײַטונג	סובסטאנטיװ	װאנט	סובסטאנטיװ

55. פארגלײַכ־שטופעס

1. בילדעט אדיעקטיװישע און אדװערבישע פארגלײַכ־שטופעס פונ די װײַטערדיקע אדװערבנ (און אדיעקטיװנ).

הויכ, װײַט, גיכ, פײַנ, הארט, פײַכט, אלט, קאלט, געזונט, טונקל, טרוקנ, יונג, פרום, קורצ, קלוג.

2. שרײַבט אָנ זאצנ, װו עס זאָלנ זײַנ פאָלגנדיקע אדיעקטיװנ (אטריבוטנ): ערשטער, הינטערשטער (ניט קײנ פאָדערשטער), אונטערשטער (ניט קײנ אײבערשטער), עלטסטער, מינדסטער (קלענסטער), ערנסטער, פײַכטסטער, לײַטישסטער, באװוסטער, לעצטער, באליבטסטער, בארימטסטער, קװאליפיצירטסטער, אינטערעסאנטסטער, באװוסטסטער.

3. שרײַבט ארויס פונ דער סופיקסנ־טאבעלע, װאָס אפ זײַט 58—61, אלע סופיקסנ, מיט װעלכע עס קאָנ זיכ ענדיקנ א קװאליפיצירי̇קער אדװערב.

4. בילדעט מיט דער הילפ פונ סופיקסנ צענ קװאליפיצירי̇קע אדװערבנ פונ סובסטאנטיװנ און צענ סובסטאנטיװנ פונ קװאליפיצירי̇קע אדװערבנ.

5. טײלט אײַנ די װערטער פונ דעמ װײַטערדיקנ טעקסט אינ אזעלכע גרופעס: 1) סובסטאנטיװנ; 2) אדיעקטיװנ; 3) װערבנ; 4) אדװערבנ; 5) פרעפּאָזיציעס; 6) ארטיקלענ; 7) אנדערע.

דער שטורמישער װוקס פונ דער אקטיװקײַט בא די ארבעטער־מאסנ און בא דער דאָרפישער אָרעמשאפט, דער ברײט פאנאנדערגעװיקלטער סאָציאליסטישער געװעט, די אנטװיקלונג פונ דער פראָלעטארישער זעלבסטקריטיק, דער דראנג פונ די מיטלפויערשע מאסנ צו נײַע קאָלעקטיװע לאנדװירטשאפטלעכע פאָרמעס—באװײַזנ מיט דער גאנצער קלאָרקײַט, אז די ארבעטנדיקע מאסנ שטיצנ אונטער אקטיװ די פאָליטיק פונ פאנאנדערגעװיקלטנ אָנגריפ אפנ נעפמאנ און באלעגופ („דער עמעס“).

6. װײַזט אָנ אינעמ פאָריקנ טעקסט די צונויפזאצנ — סײַ די סובסטאנטיװנ און סײַ די אדיעקטיװנ.

7. װײַזט אָנ, װעלכע **סובסטאנטיװנ** פונ פאָריקנ טעקסט זײַנענ געבילדעט פונ אדװערבנ. װײַזט אויכ אָנ, װעלכע **אדיעקטיװנ** זײַנענ דאָרט געבילדעט פונ װערבנ און װעלכע פונ סובסטאנטיװנ.

8. שרײַבט אָנ די װײַטערדיקע זאצנ אזוי, אז די אויסגעטײלטע אדיעקטיװנ זאָלנ פארװאנדלט װערנ אינ סובסטאנטיװנ און די אויסגעטײלטע סובסטאנטיװנ זאָלנ פארװאנדלט װערנ אינ אדיעקטיװנ, װאָס זאָלנ כאראקטעריזירנ די אויסגעבילדעטע סובסטאנטיװנ.

1) א **פוסטע** **שװארצקײַט** זעט זיכ ערגעצ אינ יענע װינקלענ. 2) א **מידע** **אײַנגענעמקײַט** האָט זיכ פאנאנדערגעגאָסנ אינ אלע גלידער. 3) דער **טונקעלער** **ארומ** האָט זײ עפעס געשראָקנ. 4) א **גלײַכ**־

גילטיקע קאלטקייט ליגט צעשפּרייט איבער זייערע וועגן. 5) א ווילדע פּאראקשנטקייט פּילט זיך אין זייערע פּענעמער.

9. שטעלט צונויף זאצן מיט די וויטערדיקע אדיעקטיוון (די פֿאָרמעס פֿון די אדיעקטיוון זאָלן בלייבן ניט געענדערט).

אומגעהייער, איינשטימיק, אײַנשטימיק, האסטיקע, הינטערשטעליקע, היפּשע, היציקער, הייזעריק, היימישן, היימלעכ, הייסע, הײַנטצײַטיקע, העס־לעכסטער, הערשערישן, כיינעוודיק, לאקייִשער, לאָיאלע, לײַכטזיניק, מונטערע, מינדלעכע, מיִעסער, מעגלעכע, נאטירלעכסטן, נויטווענדיקע, נידערטרעכטיקע, נייטיקער, סטיכייִשע, סימעטריש, ענגסטן, ענדגילטיקע, עפנטלעכער, פֿאר־אנטוואָרטלעכסטע, פֿארדעכטיקע, פּײַיִק, פּײַכט, פּולקומע, פּולשטענדיקער, פּרײַוויליק, קעגנזײַטיקע, קעגנזעצלעכע, ראיעלע, רײַפּ, רעגלמעסיקע.

10. קלײַבט צו סינאָנימען צו די וויטערדיקע אדווערבן (די סינאָנימען קאָנען זײַן אדווערבן, דאטיוון מיט פּרעפּאָזיציעס און אנדערע).

גראנדיִעז, גראציִעז, העפלעכ, הערלעכ, וואכזאם, ווירקלעכ, טעטיק, לאנגווײַליק, לאקאָניש, לעבלעכ, לעבעדיק, מאָנאָטאָניש, מעגושעמדיק, מעיור־שעוודיק, נאכלעסיק, נידערטרעכטיק, נײַגעריק, עלאסטיש, עלעגאנט, קאָלאָ־סאל.

11. קלײַבט צו אנטאָנימען צו די וויטערדיקע אדווערבן.

העפלעכ, לאקאָנישער, מעגושעמדיק, סיסטעמאטישער, עלעמענטאר, פּע־סימיסטיש, פּערזענלעכ, פּראכטפול, פּרימיטיוו, פארדעכטיק, קאָנסעקווענט, קורצזיכטיקער, קלעריקאל, אמראדיקאלסטן, מאָדערנע.

12. שטעלט צונויף זאצן מיט די וויטערדיקע ווערטער (אכט סובסטאנ־טיוון און פיר אדווערבן).

אינטעליגענץ, אינטעליגענט, קאָנקורענץ, קאָנקורענט, מאטעריאל, מא־טעריעל, קאָמפּעטענץ, קאָמפּעטענט, אינדיפערענץ, אינדיפערענט, קאָנסעקווענץ, קאָנסעקווענט.

13. זעצט איבער לאפארגס [1] וויטערדיקן פראגמענט.

Когда дикарь хочет сказать «длинный», «твердый», «круглый», «теплый», он говорит: «как нога», «как камень», «как луна», «как солнце». Но ноги бывают разной длины, камни — более или менее тверды, луна не всегда кругла, солнце греет летом сильнее, чем зимой. Поэтому, когда человек ощутил необходимость более точных определений, он понял, насколько неудовлетворительны были мерила сравнения, которыми он раньше пользовался, и он

[1] לאפארג (1842 — 1911) — אן אָנגעזעענער פראנצויזישער סאָציאַליסט, עקאָנאָמיסט און קולטור־היסטאָריקער.

придумал тогда определенные образцы длины, твердости, округлости, теплоты, чтобы употреблять их как мерила сравнения.

14. שרײַבט ארײַנ אינ דער ווײַטערדיקער טאבעלע די אדיעקטיוונ פונ מארקישעס טעקסט, וואָס אפ זײַט 295—296.

№№	אדיעקטיוו	פארגלײַכ-שטופע	פונקציע	צאָל	מינ	בײַגפאָרמע
1.	ערשטע	גרונטשטופע (א געווע-זענע איבערשטײַגיקע)	אטריבוט	מערצאָל	III	נאָמינאטיוו

15. שרײַבט ארײַנ אינ דער ווײַטערדיקער טאבעלע די ווײַטערדיקע אדיעקטיוונ אונ אדווערבנ.

זומפיק, הייסלעכ, מײַסטערהאפט, קעמפעריש, זומערדיק, גליקלעכ, לײַב-לעכ, מעלוכיש, קינסטלעריש, אויספירלעכ, דערלאָזבאר, לײַדנשאפטלעכ, פרעכטיק, סאָציאַליסטיש, כיינעוודיק, בלוילעכ, טאמעוואטע, אידעאללאָז, מעג-לעכ, כוילעוואטע, באזיגבאר, מוסטערהאפט, פרוכטבאר, בעריש, ייִנגלש.

№№	אדיעקטיוו אונ אדווערב	איז געבילדעט פונ	מיט דער הילפ פונ דעמ סופיקס	באטײַט
1.	זומפיק	א סובסטאנטיוו	— יק	באזיצט (פארמאָגט) זומפ
2.	הייסלעכ	אנ אדיעקטיוו (אדווערב)	— לעכ	ניט גאָר הייס

16. שרײַבט ארויס די קוואליפיצירִיקע אדווערבנ פונעמ ווײַטערדיקנ פראגמענט אינ צוויי גרופעס: 1) גרונטשטופע; 2) פארגלײַכיקע שטופע.

ווײַטער. בא אונדז זאָגנ איצט אלע, אז די מאטעריעלע לאגע פונ די אר-בעטנדיקע האָט זיכ באדײַטנדיק פארבעסערט, אז לעבנ איז געוואָרנ בעסער, פריילעכער. דאָס איז, פארשטייט זיכ, ריכטיק. אָבער דאָס פירט דערצו, אז די באפעלקערונג האָט זיכ אָנגעהויבנ פארמערנ א סאכ שנעלער ווי אינ דער אלטער צײַט. די שטערבלעכקײַט איז קלענער געוואָרנ, די געבורטלעכקײַט גרע-סער. אונ דער ריינער צוּוואוּקס באקומט זיכ אָנ אנ ערעכ גרעסער. דאָס איז, פאר-שטייט זיכ, גוט, אונ מיר באגריסנ דאָס. איצט באקומט זיכ בא אונדז יעדעס יאָר ריינער צוּוואוּקס פונ דער באפעלקערונג בא דרײַ מיליאָנ נעפאשעס. דאָס באטײַט, אז יעדעס יאָר באקומענ מיר צוּוואוּקס אפ א גאנצ פינלאנד. נו, דאָס וויִדער פירט דערצו, אז מע דארפ שפײַזנ אלצ מער אונ מער מענטשנ (סטאלינ).

56. ניטקוואַליפיצירטע אדווערב

1. שטרײַכט אונטער אין די ווײַטערדיקע זאצן די ניטקוואַליפיצירטע אדווערבן.

1) מאָרגן וועט זײַן א שיינער פארטאָג. 2) הײַנט האָט שטארק גע־דונערט און געבליצט. 3) די דעמאָנסטראציע וועט פאָרקומען פארנאכט. 4) ער וועט אינגיכן קומען צו פאָרן. 5) אמאָל האָט ער געארבעט אין א טעקסטיל-פאבריק. 6) זיי גייען באלד אוועק אהיים. 7) זיי וועלן איניינעם שפאצירן א גאנצן טאָג. 8) מיר וועלן שטיין אונטן. 9) עס וועט אינגיכן ווידערווארעם זײַן. 10) מיר וועלן די ארבעט מאכן דערווײַל אליין.

2. שטעלט צונויף זאצן מיט די ווערטער „אהיים, אשטייגער, אמאָל, דעריקער, אפאָנעם — א היים, א שטייגער, א מאָל, דער איקער, א פּאָנעם“.

3. שטעלט צונויף זאצן מיט די ווערטער „אינקורצן, אינגיכן, איניינעם, אינגאנצן, צומבעסטן, צומווייניקסטן, צומגיכסטן — אין קורצן, אין גיכן, אין איינעם, אין גאנצן, צום בעסטן, צום גיכסטן“.

4. שטעלט צונויף זאצן מיט די אדווערבן „אינצווייען, אינדרײַען, אינפירען, אינפינפען, אינזעקסען; זאלבעראנד, זאלבעצווייט, זאלבעדריט, זאלבעפערט, זאלבעפינפט“.

5. שטעלט צונויף זאצן מיט די ווײַטערדיקע אדווערבן.

אגעוו	איינמאָל	בעקיצער	סײַוויסײַ
אגעווורכע	איינציקווײַז	בעראָש	פלוצעם (פלוצלינג)
אדײַעם (אדאיאָם)	אייערנעכטן (איי-	בעשאָלעם	פאראיאָרן
אונטן (ניט אויבן)	נעכטן)	בעשומויפן	פארטאָג
אונטערוועגס	אלציינס	האיאָר	פארײַנס
אויסווייניק	אנטקעגן	הינטן (ניט	פארנאכט
איבעראיאָר [1]	אָפּטמאָל	פאָרנט)	פארפרי
איבעראכטאָג	באטאָג	ווידעראמאָל	פארצײַטנס
איבעראנײַס (אפסנײַ,	באנאכט	זייער	פאָרויס
פונדאָסנײַ)	באנאנד	לאכלוטן	פונדערווײַטנס
איבערהויפּט	באצײַטנס	לעכאטכילע	צוביסלעך
אינדערוואָכן	ביכלאל	לעסאטע	צומאָרגנס
אינווייניק	בעיערושע	מיטאמאָל	צוערשט
איניינוועגס	בעכוש	נאָכאנאנד	צוריקוועגס
אינמיטן	בעעמעס	נאָכדעם	
אינמיטנדערינען	בעפיירעש	אָרוואָס:	

1 אין א יאָר ארום. אָבער: ער האָט דאָרט פארבראכט איבער א יאָר (מער פון א יאָר).

6. ווײַזט אָנ, וואָס וואָלטנ די ווײַטערדיקע זאצנ באטײַט אָנ דעמ „ארײַנ“ אונ וואָס באטײַטנ זיי מיט אימ.

1) מיר וועלנ אימ נעמענ אינ שטוב ארײַנ.

2) אונ זלאטע האָט אינ וועג ארײַנ צונויפגעלייגט דאָס גרעט (מארקיש).

3) ער האָט נאָכדעמ אנ עפנ געטאָנ די טיר אינ דער באלויכטענער קיכ ארײַנ (בערגעלסאָנ).

7. שרײַבט ארײַנ אינ דער ווײַטערדיקער טאבעלע די ווײַטערדיקע ניט-קוואליפיצירקע אדווערבנ.

איבערמאָרגנ, רעכטס, ווידעראמאָל, אינדערוואָכנ, אינײַנוועגס, איבעריאָר, לינקס, באנאכט, בעעמעס, מיטאמאָל, פארײַנס, אהײמ, דעריקער, בעקיצער, צוביסלעכ.

№№	ניטקוואליפיצירקער אדווערב	באשטייט (איז געבילדעט) פונ
1.	איבערמאָרגנ	א פרעפאָזיציע „איבער“, א צאָלוואָרט „אכט“, א סובסטאנטיוו „טאָג“.
2.	רעכטס	אנ אדיעקטיוו „רעכט“ מיט א געוועזענער פלעקסיע „ס“.

8. ענטפערט שריפטלעכ אפ פאָלגנדיקע פראגעס:

1) וואָס איז אזוינס אדווערב?

2) וועלכע טיפנ אדווערבנ זײַנענ פאראנ?

3) וועלכע געמיינזאמע אונ פארשיידענע אייגנשאפטנ האָבנ די אדווערב-טיפנ?

4) וועלכע פונקציעס פילט אויס אנ אדווערב?

5) וועלכע אנדערע פאָרמעס קאָנענ אויספילנ דעמ אדווערבס פונקציעס?

6) וואָס פאר א געמיינזאמקײַט איז פאראנ צווישנ אנ אדיעקטיוו אונ אנ אדווערב?

7) וועלכע פארגלײַכ-שטופעס זײַנענ פאראנ, אונ ווי ווערנ זיי אויסגעפאָרמירט?

8) וויאזוי בילדעט מענ א סובסטאנטיוו מיט „קײַט“?

9) ווענ איז בא א סובסטאנטיוו פארנ סופיקס „קײַט“ פאראנ אויכ א סופיקס „ט“?

10) ווענ שרײַבט מענ „אינײנעמ, צומבעסטנ“ אונ ווענ „אינ איינעמ, צומ בעסטנ“?

57. פראָנאָמ אונ אנדערע וואָרטקלאסנ

1. טיילט איינ די ווערטער פונעמ ווײַטערדיקנ פראגמענט אינ אזעלכע גרופעס: 1) סובסטאנטיונ; 2) ווערבנ; 3) אדיעקטיונ; 4) אדווערבנ; 5) צאָלווערטער; 6) פראָנאָמענ; 7) פרעפאָזיציעס; 8) ארטיקלענ; 9) אנדערע.

קײן אײנ קאָמונאר שטײט ניט לײדיק. דער האקט האָלץ, דער פאָרט אין װאלד נאָך בײמער, יענער לאָזט זיך אפ דער גאנצ װײַטער לאָנקע נאָך הײ פאר די פערד, און אנ אנדערער שפאנט א װאָגנ און פאָרט צו דער סטאנציע צו דערלײדיקנ אנ איניענ („דער עמעס”).

2. שטרײַכט אונטער אינעם װײַטערדיקנ פראגמענט די פראָנאָמענ.

מע זאָגט, אז אונדזער לאַנד איז די שלאָג-בריגאדע פונעם פראָלעטאַריאט פונ אלע לענדער. דאָס איז גוט געזאָגט. אָבער דאָס לײגט ארופ אפ אונדז ביז גאָר ערנסטע פארפליכטונגענ. צוליב װאָס שטיצט אונדז אונטער דער אינטערנאציאָנאלער פראָלעטאריאט, מיט װאָס האָבנ מיר פארדינט אזא אונטערשטיצונג? דערמיט, װאָס מיר האָבנ די ערשטע זיך געװאָרפנ אינ שלאכט קעגנ קאפיטאליזם, װאָס מיר האָבנ די ערשטע אײַנגעשטעלט אנ ארבעטער־מאכט, װאָס מיר האָבנ די ערשטע אָנגעהויבנ בויענ דעמ סאָציאליזמ. דערמיט, װאָס מיר טוענ א זאך, װאָס װעט אינ פאל פונ דערפאָלג איבערקערנ די גאנצע װעלט און באפרײַענ דעמ גאנצנ ארבעטער־קלאס. און װאָס פאָדערט זיך אָבער פארנ דערפאָלג? ליקװידירנ אונדזער אָפגעשטאנענקײַט, אנטװיקלענ הויכע באָלשעװיסטישע טעמפנ פונ דער בויונג. מיר דארפנ זיך באװעגנ פאָרויס אזוי, אז דער ארבעטער־קלאס פונ דער גאנצער װעלט זאָל, קוקנדיק אפ אונדז, קאָנענ זאָגנ: אָט איז ער, מײַנ פאָרגעשריטענער אָטריאד, אָט איז זי, מײַנ שלאָג-בריגאדע, אָט איז זי, מײַנ ארבעטער-מאכט, אָט איז עס, מײַנ פאָטערלאנד, — זײ טוענ זײער זאך, אונדזער זאך—גוט,—איז לאָמיר זײ אונטערשטיצנ קעגנ די קאפיטאליסטנ און לאָמיר פאנאנדערבלאָזנ די אלװעלטלעכע רעװאָליוציע (סטאלינ).

3. װײַזט אָנ, אינ װעלכע װײַטערדיקע זאצנ זײַנענ די פראָנאָמענ ריכטיק אָנגעװענדט און אינ װעלכע ניט. די גרײַזיקע זאצנ (די צװײדײַטיקע) פרובירט מיט פארשײדענע מיטלענ אויסבעסערנ.

1) זײַנ פאָטער איז געשטאָרבנ, װענ ער איז אלט געװענ פינפ און דרײַסיק יאָר.

2) פריער פלעגט ער ארײַנקומענ צומ אפטײקער, נאָר דער האָט אים ניט לאנג געגעבנ אָנצוהערנ, אז ער מאכט אים שאָדנ אינ לײזונג.

3) די קאפיטאליסטנ האָבנ צונויפגענומענ מיליאָנענ ארבעטער און ארבעטנדיקע פונ צענדליקער פעלקער צו שלאָגנ זיך פאר זײערע אינטערעסנ.

4) די רעװאָליוציע האָט פאָליטיש צעשטערט די אלטע װעלט. דאָס האָט אָבער ניט געהײסנ, אז זי איז אויך אידעאָלאָגיש אויסגעריסנ געװאָרנ מיטנ װאָרצל.

5) דעמ סטראזשניק, װאָס האָט אים געפרװט אינ הויז צו פארכאפנ, האָט ער געגעבנ א פלאָמ אינ פיסק ארײַנ מיט דער פויסט, אז ער האָט זיך באלד איבערגעקײלערט.

4. שרײַבט אָנ װאָס גענויער דעמ אינהאלט פונ סטאלינס לעצטנ פראגמענט, ניט קוקנדיק אינ ביכל.

58. פּראָנאָמ־פּאָרמעס אונ אויסלייג

1. שטרײַכט אונטער אינ די ווײַטערדיקע זאצנ דעמ דירעקטנ אָביעקט מיט איינ ליניע אונ דעמ אומדירעקטנ מיט צוויי.

1) איכ וועל דיכ פאָרשטעלנ מײַנע כאַווײרימ.

2) איכ וועל דיר פאָרשטעלנ מײַנע כאַווײרימ.

2. טראַכט זיכ ארײַנ, פארוואָס האָבנ מיר אינעמ ווײַטערדיקנ טעקסט א „דיר”, צוויי „דיכ” אונ א „מיכ”.

האָב קיינ מוירע ניט. איכ וועל ד י ר געבנ ניט מער ווי איינ שפּײַ... אָט!.. שלאָגנ וועל איכ ד י כ ניט. זאָל ד י כ מיט דײַנ מאַנ דערשלאָגנ א דונער, פּונקט ווי איר האָט מ י כ דערשלאָגנ (בערגעלסאָנ).

3. שרײַבט אָנ אינ דעמ ווײַטערדיקנ פראַגמענט אָנשטאָט דעמ סובסטאַנטיוו „ברודער”—דעמ סובסטאַנטיוו „שוועגערנ” אונ אָנשטאָט די פּראָנאָמענ „ער” אָדער „אימ”—די פּראָנאָמענ „זי” אָדער „איר”.

מײַנ ברודער זאָגט אליינ אפ זיכ, אז ער איז א שוועבעלע. אימ אז עס קומט אָנ די שלעכטע מינוט, ווערט ער אײַכ מאַכנ מיט דער בלאָטע. אינ א ווײַלע ארומ ווערט ער ווייכ, כאָטש לייגט אימ צו צו א מאַקע. מיט מיר וויעוועט ער פונ דער ערשטער מינוט נאָכ דער כאַסענע. ער ווייסט, אז איכ האָב אימ נישט ליב. ערגער פונ אלצדינג איז בא אימ, לעמײַ איכ לאַכ פונ אימ. עס ווײַזט זיכ אימ ראַק, אז איכ לאַכ אימ אויס. אז איכ קוק אפ אימ, הייסט בא אימ, אז איכ לאַכ.

4. שרײַבט אָנ ריכטיק די ווײַטערדיקע טעקסטנ. אָנשטאָט „מי...” שרײַבט אָנ „מיכ” אָדער „מיר”.

1) מי.. איז אלציינס, וואָס זי וועט מי.. געבנ, וועל איכ טרינקענ. מײַנ מאַמע גיסט מי.. אָנ טיי אונ דערלאַנגט מי.. מיט אירע שיינע ווײַסע הענט. קיינער פאַרמאָגט ניט אזעלכע שיינע ווײַסע הענט ווי מײַנ מאַמע. זי זעצט זיכ אוועק קעגנ מי.. אונ רעדט מיט מי.. שטיל, דער טאַטע זאָל ניט הערנ. טאַקע פונעמ טאַטנ רעדט זי מיט מי.. (שאָלעמ-אלייכעמ).

2) פרעגנ זי—קאָנ מענ ניט. ריידנ מיט איר—איז ניטאָ ווו. עס לאָזט מי.. ניט דער טאַטע. עס לאָזט מי.. ניט די מאַמע. עס לאָזנ מי.. ניט די קרויווימ, די מישפּאָכע, די שכייניכ, וואָס קומענ ארײַנ מי.. מעקאַבל-פּאָנעמ זײַנ. דער ארײַנ, דער ארויס. אלע שטייענ ארומ מי.., אלע באַטראַכטנ מי.. ווי א בער, ווי א מאָדנע באַשעפעניש פונ אנ אנדער וועלט. אלע ווילנ מי.. זענ אונ הערנ, וואָס איכ מאַכ (שאָלעמ־אלייכעמ).

3) מע דרייט זיכ ארומ מי.., מע קוקט אפ מי... יעדער גייט צו אונ טוט מי.. א טאַפּ באַמ קאָפּ. מע לעקט מי.. דעמ שטערנ אונ מע שפּײַט אויס אונ מע פּילנעוועט מי.. מע גיסט מי.. אינ מויל ארײַנ זודיקע יויכ אונ מע שטופּט מי.. לעפּעלעכ אײַנגעמאַכטס — אלע דרייענ זיכ ארומ מי..

מע היט מי.. אָפּ ווי דאָס שווארצאפל פונעם אויג, מע האָדעוועט מי.. מיט ייַכלעך און מיט קאטשקעלעך ווי א פיצעלע קינד און מע לאָזט מי.. נישט אליין; עס זיצט טאָמיד לעבן מי... די מאמע און דערציילט מי.. איבער אלעמאָל איבעראנײַס די גאנצע געשיכטע, וויאזוי מע האָט מי.. אופגעהויבן פון דער ערד קימאט א טויטן (שאָלעם-אלייכעם).

5. שרײַבט אָן צען זאצן, וווּ די דירעקטע אָדער די אומדירעקטע אָביעקטן זאָלן דאָרט זײַן „דיך, דיר; מיך, מיר; זיי, איר". אשטייגער: איך האָב דיך באגעגנט; איך האָב דיר דערציילט.

6. ווײַזט אָן, וועלכע פון די ווײַטערדיקע ווערטער קאָנען קומען ניט געענדערטערהייט:

1) אויסשליסלעך אלס סוביעקטן;
2) " " אָביעקטן (דירעקטע אָדער אומדירעקטע);
3) אי אלס סוביעקטן אי אלס אָביעקטן (דירעקטע אָדער אומ-דירעקטע).

ער, איך, מיר, זיי, אונדז, דיר, זי, אים, אײַך, קיינער, עמעצן, וועמען.

7. שטעלט צונויף זאצן, וווּ די פאָריקע ווערטער זאָלן קומען אלס סוביעקטן אָדער אָביעקטן.

8. שטעלט ארײַן אין די ווײַטערדיקע זאצן אָנשטאָט די פינטעלעך א פאסיקן פאָסעסיווישן פראָנאָם — „זײַן" אָדער „איר" (מיט אָדער אָן פלעקסיעס).

1) דאָס לאנד דארף האָבן... אייגענע אינטעליגענץ. 2) דער זאוואָד איז געגאנגען מיט... פּאָנען. 3) די גרופּע וועט אויספילן אלע... אופגאבעס. 4) דאָס דאָזיקע געסל האָט אינגאנצן געביטן... אויסזען. 5) זיי האָבן דערציילט וועגן דעם שטעטל און... באפעלקערונג. 6) די בורזשואזע ליטעראטור איז ניט פאראינטערעסירט צו שילדערן דאָס לעבן מיט אלע... אנטפלעקונגען.

9. זעצט איבער כאווער סטאלינס ווײַטערדיקע אויסצוגן.

1) Победа революции никогда не приходит сама. Ее надо подготовить и завоевать.

2) Вопрос стоял так: либо мы эту задачу разрешим в кратчайший срок и укрепим в нашей стране социализм, либо мы ее не разрешим и тогда наша страна — слабая технически и темная в культурном отношении — растеряет свою независимость и превратится в об'ект игры империалистических держав.

59. פונקציעס, פאָרמעס, אָפּהענגיקײַט

1.* שטעלט צונויפ א טאבעלע פונ פונקציעס אונ פאָרמעס (ווי די, וואָס אפ זײַט 198) אונ ברענגט בײַשפּילנ (אייגענע), וואָס זאָלנ איליוסטרירנ די פארשיידענע פונקציעס פונ א פאָרמע אונ די פארשיידענע פאָרמעס פונ א פונקציע.

2. ווײַזט אָנ, וועלכע פונ די פאָרמעס האָבנ פלעקסיעס.

3. שטעלט צונויפ דרײַ זאצנ, ווו דאָס וואָרט „אקטיוו" זאָל זײַנ א סובסטאנטיוו, אנ אדיעקטיוו, אנ אדווערב.

4. שטעלט צונויפ פיר זאצנ, ווו דאָס וואָרט „ארום" זאָל זײַנ א סובסטאנטיוו, אנ אדווערב, א צוגאָב, א פרעפּאָזיציע.

5. שטעלט צונויפ דרײַ זאצנ, ווו דאָס וואָרט „פארשעמט" זאָל זײַנ א פרעדיקאט, אנ אטריבוט, אנ אויפנ-באשטימונג.

6. טיילט אײַנ די ווײַטערדיקע ווערטער אינ צוויי גרופּעס: 1) ריכטיקע; 2) גרײַזיקע. די גרײַזיקע ווערטער בעסערט דערנאָכ אויס אונ מאָטיווירט די אויסבעסערונגענ.

זיכערקײַט, קוואליפיצירסטער, פארבינדנקײַט, איבערגעבנקײַט, עלצטער, באגרענעצקײַט, פארבינדעטע, אָנשטרענגונג, אָנגעקומענדיקע, אלטערהײַט, אָפּגעשוואכטקײַט, דורכגעקאָנטראָלירונג, געשמידע, דריינונג, פארפרעמדקײַט.

7. שרײַבט ארײַנ אינ דער ווײַטערדיקער טאבעלע די ווײַטערדיקע ווערטער.

וואנט, אָפּשטארבנדיקנ, פארענדיקט, געהאָלפנ, ארויסטרעטונגענ, צעגיבנ, באשטייט, ווײַטערדיקע, הערשנדיקער, גרויסרוסישער, דערגרייכונגענ, ענגעלסעס, פינפ, יונגער, יונג, כאַימענ, הייכ, גרויס, כווידעשדיקנ, פלוצעמ.

№№	וואָרט	וואָרטקלאס אונ פאָרמע	א גרונטיקס צי אנ אויסגעבילדעטס	אפ וואָסער באזע געבילדעט	צאָל באטײַטיקע טיילנ	וועלכע באטײַטיקע טיילנ
1.	וואנט	סובסטאנטיוו — נאָמינאטיוו, אקוזאטיוו אונ דאטיוו	א גרונטיקס	—	1	וואָרצל
2.	אָפּשטארבנדיקנ	אדיעקטיוו — אקוזאטיוו אונ דאטיוו	אנ אויסגעבילדעטס	געראונדיוו „אָפּשטארבנדיק"	4	1) צוגאָב „אָפּ"; 2) וואָרצל „שטארב"; 3) סופיקס „נדיק"; 4) פלעקסיע „נ"

8. שרײַבט ארײַנ אינ דער װײַטערדיקער טאבעלע די װײַטערדיקע װערטער.

אױסטױיש, געפאלנ, דײַטשישנ, הונדערטער, ארױסשטױסנ, שטובקנעכט, אר־בעטלאָזיקײַט, רעכטלעכע, אומפּראָדוקטיװער, פארװירקלעכונג, פרוּיענ, פרײַענ, פארשקלאפטע, ארבעטנדיקע, קאָמוניסטישנ, װירטשאפט, מאסנ, אומגלײַכהײַט, באהאנדלענ, מײנונג, ראטנ-פארבאנד, שמועס, קאָלאָסאלער, ענגער, אונטער־נעמונגענ, רעכטצײַטיק, אָנגעצונדנ, צװישנפעלקערלעכער, דעלעגאציע, פרײ־לעכקײַט.

№ №	װאָרט	צאָל באטײ־ טיקע טײלנ	צאָל טראפנ	צאָל קלאנגענ			
				װאָקאלנ	דיפטאָנגענ	קאָנסאָ־ נאנטנ	סאכאקל
1.	אױסטױיש	2	2		2	3	5

9. רעכנט אױס אלע װאָרטקלאסנ אונ פאָרמעס, װאָס יעדעס פונ די װײַטערדיקע װערטער קאָנ צו זײ געהערנ.

ארבעט, בריװ, היט, באקומענ, יונג, זעג, װײַס, עלטער, שטארקער, העכער, דערשלאָגנ, ליבע, קאמפ, פרײד, פרײט (זיכ), פארגעסנ, גוטע, שטױס, אלטער, אָנגעבױגנ.

אשטײגער: ארבעט — 1) א װערב א בײגיקער, אנ אקטיװער, פאקטישער מאָדוס, קעגנװארט, ערשטע פערזאָנ אײנצאָל, אָדער דריטע פערזאָנ אײנצאָל, אָדער צװײטע פערזאָנ מערצאָל;

2) א װערב א בײגיקער, אנ אקטיװער, באפעל־מאָדוס, צװײטע פערזאָנ אײנ־צאָל אָדער מערצאָל;

3) א סובסטאנטיװ א נאָמינאטיװ, אנ אקוזאטיװ אָדער א דאטיװ; אײנצאָל.

10. פאָרמולירט שריפטלעכ די װיכטיקסטע אײגנשאפטנ אונ סימאָנימ פונ די װאָרטקלאסנ אונ די פאָרמעס. געדענקט, אז באמ באשטימענ די אָנגעהעריקײַט פונ א װאָרט צו אזא אָדער אנ אנדער קלאס, צו אזא אָדער אנ אנדער פאָרמע — דארפ מענ זיכ רעכענענ מיטנ באטײַט פונעמ װאָרט אונ מיט זײַנ „אױפירונג“: װעלכע פונקציעס פילט עס אױס אָדער קאָנ אױספילנ אינ זאצ אונ מיט װעלכע װערטער עס באהעפט זיכ (פארבינדט זיכ) אָדער קאָנ זיכ באהעפטנ.

בײַלאגעס

דאָ ווערנ בײַגעלייגט אייניקע אָרטאָגראפישע צעטלענ — צעטלענ מיט מער גאנגבארע ווערטער, וואָס ווערנ אינ די אָדער אינ יענע קאנטנ ארויסגערעדט ניט אזוי, ווי ס'איז אָנגענומענ ארויסצוברענגענ זיי אינ דער ליטעראַרישער שפּראכ. באמ צונויפשטעלנ זאצנ (צוליב די אָדער יענע אופגאבעס) דארפנ די שילער נעמענ ווערטער דעריקער פונ די דאָזיקע צעטלענ.

1. ווערטער מיט „אָ"

אוראָמ	בראָכע	זאָטל	נאָגיד
אמאָל	גאָלנ	טאָג	נאָגל
אמאָרעצ	גאָפל	טאָוול	נאָדל
אנטוואָפענונג	גאָר	טאָטער	נאָז
אקשאָנעס	גאָרטנ	טאָעס	נאָזטיכל
אראָפּ	גאָרניט	טנאָימ	נאָט
אראָפּפאָרנ	גאָרקיכ	יאבאָשע	נאָכ
אָגער	גלאָז	יאָרצײַט	נאָכאנאנד
אָדלער	געבאָרנ	כאכאָמע	נאָכגײנ
אָדערנ	גראָבנ	כאלאָשעס	נאָכגעבנ
אָוונט	גראָז	כאראָטע	נאָמענ
אָטעמענ	דאָס	כאָלילע	נאָענט
אָנטראָגנ	האנאָכע	כאָלעמ	ניצאָכנ
אָנשטאָט	האנאָע	כאָסנ	נישקאָשע
אָפּאטערנ	האסאָגע	לאאכאָדעמ	נעדאָווע
אָפּגעבנ	האסקאָלע	לאָשנ	סוואָרע
אָפּרײַסנ	האסקאָמע	מאפּאָלע	פּארנאָסע
באלעבאָס	האָבנ	מאשמאָעס	פּאָר
באלעגאָלע	האָבער (פּאר א	מאָגנ	פּאָרעצ
באקאָשע	פּערד)	מאָגער	פּאָשעט
באָבע	האָגל	מאָלנ	פּשאָרע
באָד	האָנ (אנ „ער")	מאָנ	פּארוואָס
באָכער	האָר	מאָנטיק	פּארטאָג
באָרד	הויצאָע	מאָנענ	פּאָדעמ
בעניאָכיד	וואָג	מאָסמיטל	פּאָטער
בעשאָלעמ	וואָגנ	מאָשל	פּאָטערלאנד
בראָטנ•	וואָס	מילפּאָמע	פינפיאָר

צאָל
צדאָקע
קאוואָנע
קאטאָוועס
קאפּאָרע
קאָוועד
ראָוו
ראָשע
שוואָגער
שטאָט
שלאָגנ
שלאָפנ
שמאָל

2. ווערטער מיט „ו“

אדערופ
אהינצו
אהינקומענ
אהערצו
אוגערקע
אומ
אומבאדינגט
אומעטומ
אונגאריש
אונגארנ
אונדז
אופגאבע
אופגאָב
אופשטאנד
אורייניקל
אויבנופ
אויסגעדונגענ
אויסגעזונגענ
אויסגעלונקענ
אויסגערונענ
אויסקומעניש
איבערקוק
אײַנדרוק
אײַנטוליענ
אײַנשנורעווענ
ארומ
ארומרינגלונג
ארופאָרנ
ארופווארפנ
אָנגעבונדנ
אָנגעגורט
אָנגעווונטשנ
אָנגעצונדנ
אָנהוליענ זיכ
אָפרופ
באפרוכפערנ
באשולדיקונג
בוזעמ
בוכ
בוכהאלטער
בולקע
בוקנ זיכ
גוטבאזיצער
גווורע
געבורט
געזונקענ
גענוג
דורכ
דורכגיינ
דורכקומענ
הובל
הובלעווענ
הוטע
הונגער
הונדערט
הוסטנ
הורט
וווהינ
ווונד
ווונדער
זומער
טוונג
טולופ
טונקל
טוץ
טורמע
טורעמ
טשוווע
טשופרינע
יונג
כוצפע
כלוקעדייעס
לונג
לונג-און-לעבער
מוזנ
מוטנע
מוטער
מולטער
מומע
מוסער
מעכוטנ
מעכויעוו
מעשוגאס
מעשוגע
מעשונע
נודענ
סגולע
סודע
סוקעס
פודעלע
פוטער
פונקט
פוסט
פוצנ
פורעמשפיל
פרווונ
פרוטע
פולמאכט
פולשטענדיק
פונק
פרונ
צוקער
צורע
צנוע
קוגל
קומענ
קונצ
קופע
רוענ
שוואקס
שוטעפ
שוטפעס
שוכווארג
שול
שוסטער
שופלאָד
שווע
שטוביק
שטוקעווענ
שנורעווענ[1]

[1] נאָכ ווערטער — אפ זײַט 216—220.

3. ווערטער מיט „ע"

אדעראבע	באהעלטעניש	דאָקטער	וועטעראנ
אדערופ	באהעלפער	דווירע	וועמענ
אדרעס	באהענגענ	דינגענ	ווענטקע
אוגערקע	באזינגענ	דניעסטער	וועקזייגער
אופגעקלערט	באלעבאָס	דעקאבער	ווערטלזאָגער
אופגערעגט	באלעגאָלע	דעקרעט	זאמדזוקער
אופקלערנ	באנדע	דערוואקסענע	זידלענ
אופרעגנ	באנדעראָל	דריבער	זייגער
אוילעמ	באקאָשע	דרינגענ	זײַערנ
אינזשעניער	באקומענ	האכנאָסע	זילבער
אינסצענירנ	באָבעמײַסע	האלוואָע	זינגענ
איידעמ	באָרוועס	האמער	זינענ
איידעס	ביגנייווע	האנאָכע	זינקענ
איידער	ביזויענ	האנטעכ	זעט אויס
אנטקעגנ	בײַזיצער	האסאָגע	זעלנער
ארומקלעפנ	בלאָטער	האסקאָמע	זשאבע
אָבער [1]	בלוטצאפער	האקדאָמע	טאטע
אָגער	בלײַפעדער	הארגענענ	טאכלעס
אָדלער	בעהאָלע	האָבער [1]	טאָנדעט
אָטעמענ	בעזעמ	הויסאָפע	טאקסע
אָנווארעמענ	בעטגעוואנט	הויצאָע	טאקע
אָנטרינקענ	בעטנ [3]	הינטערטיר	טאָכטער
אָנרייכערנ	בעסמעדרעש	הינקעדיק	טאָנעס
אָפאטערנ	בעפיירעש	הירזשענ	טאָרבע
אָפגרענעצנ	בעקיצער	העזעק	טורמע
אָפדינגענ	בעשאָלעמ	הענקער	טייגעכצ
אָפפרעגנ	ברויטגעבער	העסלעכ	טעאטער
אָפצייכענענ	גאנוועגענ	העפקיירעס	טראנטע
אָרדענ	גופע	העפקער	טריקעניש
אָרדער [2]	גסיסע	הערנער	יארשענענ
אָרעמ	גרענעצ	וואסער	יאָנטעוו
באגרענעצנ	דאלעס	ווידער	יאָנקיפער
באדאנקענ	דאפקע	ווײַנגערטנער	יוישער

1 א פערד עסט האָבער; איכ האָב גערופנ, אָבער ער איז ניט געגאנגענ.

2 אנ אָרדענ פונ דער רויטער פאָנ; אנ אָרדער אפ קאלאָשנ.

3 בעטנ א ביקאָשע אונ בעטנ (אויסבעטנ, פארבעטנ) א געלעגער. אָבער: בייטנ מיט קארטאָפל, מיט אוגערקעס.

ייִכעס
יענטע
כאווער (כאוויירימ)
כאוזאָקע
כאזער (כאזיירימ)
כאזערנ
כאכאָמע
כאלֿאָשעס
כאראָטע
כארפע
כאָכמע
כאָלֿילֿע
כאָלעמ
כאָשעוו
כוצפע
כוידעש
כויזעק
כוילֿע
כידעש
כיידער
כיילעק
כיירעמ
כיישעק
כסימע
כעוורע
כקירענ
כראָפענ
כריפענ
לאמעד
לֿאָפעטע
לֿויטער
לֿיארעמ
לֿיבהאָבער
לֿימעד (לֿימודימ)
לֿיידיקגייער
לֿייענענ

לֿעבנ [1]
לֿעבער
לֿעוואָנע
לֿערער
מאדרייגע
מאטאָנע
מאכמעס (ווייַל)
מאכשאָווע
מאלֿבעש
מאסע
מאפאָלֿע
מאצייווע
מאקע
מאָדנע
מאָדע
מאָסער
מאָרדע
מוטנע
מוטער
מומע
מוסער
מוידע
מילֿכאָמע
מינהעג
מיסכער
מיִעס
מישפאָכע
מישפעט
מעגילֿע
מעגלֿעכ
מעגנ
מעדינע
מעווינעס
מעטער
מעטריקע
מעכאבער

מעכילֿע
מעלֿאָכע
מעלֿוכע
מענגע
מעקאנע
נאכעס
נאקעט
נאָכעמ
נאָמענ
נאָענט
נאָרמע
נודנע
ניכטער
נימעס
ניצעווענ
נישטערנ
נישקאָשע
נײַנציקער
נעגידעס
נעגידעסטע
נעקאָמע
סאקאָנע
סאָפעק
סויכער
סוינע
סטארענ זיכ
סטענגע
סטרונע
סידער
סימכע
סייפער
סמאָלֿע
סעקונדע
עמעס
עמעצער
עמער

ענדלֿעכ
ענדע
ענטפער
ענלֿעכ
עפעס
עפשער
עקזאמענ
ערגסטער
ערגעצ
ערד
ערלֿעכ
ערשטער
פאדלֿע
פאסטעכ
פארנאָסע
פאָדלֿאָגע
פאָדעשווע
פאָווידלֿע
פאָטער
פאָנעמ
פאָרעצ
פוטער
פויעלֿנ [1]
פעגירע
פרעגלֿענ
פשאָרע
פארדײַגעט
פארטעכ
פאָטער
פאָרעדע
פונדאמענט
פונדאנענ
פונוואנענ
פינגער
פינצטער
פליִענ

---

1 זיי לֿ ע ב נ גוט; ער זיצט לֿ ע ב נ מיר; אָבער; ליב האָבנ—לֿ י ב נ.

1 פ ו י ע לֿ נ בא עמעצנ, אָבער וווינענ אינ פ ו י לֿ נ.

פלעגן [1]
פעפער
פערטער
פרעגן
צערטלעך
קאדאָכעס
קאטאָוועס
קאנאפּע
קאשע
קאָטער
קאָלדרע
קאָמאנדע

קאָמעצ
קופּע
קוינע
קויעך
קינדערהיים
קיילע
קעגן
קעז
קעמען
קעמערל
קענטעניש
קערן

ראכמאָנעס
רימען
רעגן
רעדלפירער
רעווער
רעזינע
רעטעניש
רעמל
שאבעס
שאמעס
שאָלעם
שאָלעם־אלייכעם

שאָקלען
שויטע
שוואָגער
שטורעם
שטעטל
שידעך
שיקער
שכיינע
שמועס
שפינערײַ
שפּעט

4. ווערטער מיט „וי"

אורלויב
אויב
אויבן[2]
אויבס
אויג
אויוון [3]
אויך
אוילעם
אויסעק זײַן זיך [4]
אויפן
אויצער
אזוי
איבערהויפּט
אפּיקוירעס
ארבעטלויז
בוידעם
בוימל
בעקויעך
ברויט
גוידער

גרויסע
דאָקטוירים
דוירעס (דאָר)
דווירע
הויזן
הויף
הויצאָע
הייבן (געהויבן)
זיכרוינעס
טויווע
טוירע
יויוול
יוינע
יויסעף
יויצע זײַן
יוישער
כאלוימעס
כוידעש
כויוו
כויזעק

כוילע
כוישעד זײַן
לוינען
לויפן
לעטויוועס
לעשוינעס (לאָשן)
מאָרעשכוירע
מוידיע זײַן
מוידע
מויכל
מויכערספאָרים
מויעך
מוירע
מוישע
מוישעוו־זקיינים
מעקויעך
נויהעג זײַן זיך
נויעך
נייגן (און ניט
נויגן)

סוידעס
סויכער
סוינע
סכוירע
פארשויץ
פוילִיש
פוילן
פויעלן
פלוינעסטע
פסוילעס
קוידעמקאָל
קויהען
קויטיק
קוילעטש
קוילען [5]
קוילעס
קוימען
קויסע
קויעך
קויפן

1 פלעגן שרײַבן. אָבער: בייזע פליגן.
2 ער וווינט אויבן (ניט אונטן).
3 אין אויוון קאָכט מען.
4 אָבער: אייסעקן זיך.
5 קוילען (קוילענען) אַן אָפּ; חייצן מיט קויל ן.

קײפּלענ (אונ ניט	רויוואַרג	רויצײעכ	שוירעש
קײפּלענ)	רויט (רײטלענ זיכ)	רוישטאָפּ	שטויב
קלוימערשט	רויכ (רײכערנ,	שויטע	שטויסנ
קרויוים	רויכענענ)	שויכעט	שטרוי
רוידעפנ	רויפּע	שוימער	שלוימע

און אויכ די ווערטער:

בויכ	פּרוי	טרויענ	מויער
גרויל	אויער	טרויער	קרויט [1]
מויל	זויער	טויב	
פּויל	טויער	מויז	

5. ווערטער מיט „ײַ"

אײַזנ	הויכקײַט	טײַסטער	מײַסעס
אײַלנ	הײַזל	טרײַבנ	מײַרעוו
אײַלעניש	וואַרשײַנלעכ	לײַב [3]	נײַ-יאָר
אײַנאָרדענענ	ווײַב	לײַבל [4]	נײַנ
אײַנהיטנ	ווײַזט אויס	לײַדנ [5]	נײַנטל
אײַנפּאַל	ווײַט	לײַוונט	נײַנציק
אַדרײַנגאַנג	ווײַל	לײַט	נײַנצנ
אַרײַנלאָזנ	ווײַמפּערלעכ	לײַטיש	עסטרײַכ
באַוווסטזײַנ	ווײַנגאָרטנ	לײַטערנ	ערטערווײַז
באַווײַזנ	ווײַנטרויבנ	לײַכט	פּײַניקנ
באַטײַט	ווײַנקעלער	לײַכטזיניק	פאַרגרײַזט
באַלײַכטנ	ווײַנשל	לײַכטנ	פײַגנ
באַפרײַנדעט	ווײַס	לײַלעכ	פײַל
באַצײַטנ (ס)	ווײַסצײַג	מײַטקעס	פײַנט
באָכערווײַז	ווערקצײַג	מײַכל	פײַנקאָכנ [7]
בײַטנ [2]	זײַד	מײַל	פײַנקוכנ [7]
בלײַבנ	טײַטלענ	מײַלכל	פּעטקײַט
גלײַכהײַט	טײַטנ	מײַלע	פראַנקרײַכ
געצײַג	טײַטש	מײַנ [6]	פריצײַטיק
גרײַזנ	טײַכ	מײַסימ	פרײַטיק
דערווײַל	טײַנע	מײַסע	פרײַנט

1 נאָכ ווערטער — אַפּ זײַט.
2 בײַטנ — אַפּ אַנ אַנדער זאַכ. אָבער: בייטנ מיט קאַרטאָפל מיט אוגערקעס.
3 אַראָפּ פונ לײַב. אָבער א לייב — א כײַע.
4 אָנטאָנ א לײַבל, אָבער לייבל — א נאָמענ אונ א יונגער לייב.
5 מיר לײַדנ, זיי לײַדנ. אָבער פּילנ לײדנ; אינ פרײדנ אונ אינ לײדנ.
6 מײַנ ביכל, מײַנ אַרבעט, אָבער: איכ מיינ אַנדערש.
7 א פײַנקאָכנ איז פונ אײער, א פײַנקוכנ איז געבעקס.

פֿרײַנטלעך
צובײַסן
צוײַלן זיך
צײַט
קינדווײַז
קיניגרײַך
קײַלעכדיק
קלײַזל
קנײַפּן
קרײַז
ריבײַזן
רײַטוואָגן
רײַטן
רײַכטום
רײַכקײַט
רײַסן
שנײַדן
שנײַדער
שנײַצן
שפּילצײַג
שפּײַכלער

6. ווערטער מיט „ה"

אהין
אהער
אומגעהייער
באהאוונט
בעהאדראָגע
בעהאָלע
בעהיימע
האגאמ (כאָטש)
האווען
האווקען
האיאָר
האכנאָסע
האלב
האלדז
האלוואָע
האלעווײַ
האמאק
האמוין
האמעטנע
האמער
האמצאָע
האנאָכע
האנאָע
האנדל
האנדלען
האנט
האנטעך
האס
האסאָגע
האסטיק
האסקאָלע
האסקאָמע
האפּט
האפּטאָכע
האפּן
האפּסאָקע
האק
האקדאָמע
האר
הארב
הארבסט
הארגענען
הארטקײַט
הארמאט
הארץ
האשאָרע
האָב
האָגל
האָדעווען
האָז
האָזע
האָלאָבליע
האָלט האָבן
האָלץ
האָניק
האָפּענונג
האָפּערדיק
האָר
האָרב
האָרכן
האָרן
האָרעווען
האָרעפּאשניק
הובל
הוט (היטל, היט)
הולטײַ
הוליען
הונגער
הונדערט
הונט (הינטל, הינט)
הוסט (געהוסט)
הורא
הורט
הוידלקע
הויז
הויזן
הויט
הוילעכן
הויסאָפּע
הויפּטזאצ
הויצאָע
הויקער
היגער
הילכיק
הילן (געהילט)
הילע
הילף
הימל
הימן
הין און צוריק
הינער
הינקען
היסכײַוועס
היספּײַלעס
היפּן (געהיפּט)
היפּש
היץ
היצעל
הירזש
הירש
הייבן
הייוון
הייזעריק
היילִיקײַט
הייפֿן
היים
הייס
הייסן
הייפּעך
הייצן
הייראט
הײשעריק
הײַזל
הײַנט
הנידע
העברייִש
העזעק (העזייקעס)
העיויס
העכסט
העכערן

העל
העלד
העלדזל
העלפאנד
העלפט
העמד
הענגלאמפ
הענדלער
הענטשקע
העניע
הענקער
העסלעכ
העספעד
העסקעמ
העפט
העפלעכ
העפקיירעס
העפקער
העצנ (געהעצט)
העקלענ
הער
הערב
הערוי
הערוייש
הערינג
הערנער
הערש
הערשאפט
הרובע
הרודע
הרעבליע
וועהארייע
טהאמ
להאטע
לעהייפעכ
מינהעג
מעהאלעכ
מעהומע
מעהוס
גאהייקע
סמאהע
פארהאנאכע
פארהאנג
קאהאל
קויהענ
קעהילע

7. ווערטער מיט „ז—זש; ס—ש; צ—טש"

אומנישט
אונטערשלאק
אוניווערסיטעט
אינדוסטריע
אינזשעניער
אינטערעס
אינסטאנצ
אינסטיטוט
אינסטינקט
אינסטרומענט
אינסטרוקציע
אינספעקטאר
איינציקווייז
אייסעק (איסאקימ)
אכסאניע
אכציק
אנשטאלט
אקשנ
אטשערעד
אנגעשטעלטער
אנשאבנ
אנשטאט
אנשטעקנ
באגאזש
באגריסנ
באסיע
באסיעכידע
באשטאנד
באשלוס
באשליק
באבעמייסע
באסיאק
באקסער
בארוועס
בארשטש
בורזשעט
בוכשטאב
בורזשוי
בינשטאק
ביסלעכווייז
בירזשע
בירעבידזשאנ
בייס
בייטש
בלישטשענ
בליישטיפט
בענטשנ
בעפיירעש
בעריישקייט
בראנזשע
גליטש
געגנשטאנד
דארשענענ
דאנערשטיק
דארשט
דינוועכעזשבנ
דעזינפעקציע
דעזשורענ
דרייסיק
דרעשנ
האזשגאכע
הארעפאשנע
הינטערשטעליק
היפש
הירזשענ
הירש
היישעריק
העגדעש
הענטשקע
הערשנ
וואזשנע
ווארשטאט
ווינטש
וויסנשאפט
ווירטשאפט
זיבעציק
זעכציק
זעלבשטענדיק
זשאווער
זשאלעווענ
זשאקט
זשורנאל
טויבנשלאק
טישטעכ
טייטשנ
טרייסטנ
טשאד
טשאכאטקע
טשוהונ
טשוווע
טשיקאוועס
טשייניק
טשעכאל
טשעמאדאנ
טשעפענ
טשערעדע
יארשענענ
יונגאטש
יישוווניק
יעסוימע

כאדאָשימ
כאלאָשעס
כאלעשנ
כאָטש
כאָטשבי
כוידעש
כעזשבנ
לאָקשנ
לאָשנ
מאזשגיִעכ
מאכטייסע
מאכשייפע
מאלבעש
מאסשטאב
מאקסימומ
מאשמאָעס
מאָנעשעכ
מאָרעשכוירע
מאָשל
מיספארשטייעניש
מיִעסקײַט
מישפּאָכע
מײַסטער
מײַסע
מעיאשעוו זײַנ זיכ
מענטש
ניספּאָעל ווערנ
נישט
נישקאָשע
נעפעש
סאבאָטאזש
סאושלקע
סטאנציע
סטודענט
סטײַטש
ספּעקוליאנט
עטאזשערקע
עפּשער
ערשט
ערשטער
פּאטש
פּאשענ
פּאָדעשווע
פּאָטשט
פּלאטשיק
פּרוזשינע
פּאטשיילע
פּאלש
פּארשטאנד
פּאָרשטייער
פּאָרשטעלונג
פּאָרשלאָגנ
פּופּציק
פּישער
פּלייש
פּעלדשער
פּענצטער
פּערציק
פּריש
קאלאָש
קאמאש
קאפּעליוש
קאשע
קאשערנ
קאָטשערע
קוטשמע
קושנ
קינזשאל
קירזשנער
קישנ
קישעפּ
קנייטשנ
קעלישעק
קעשענע
קרישטאָל
קרעטשמע
ראָגזשע
שאבעס
שאדכנ
שאמעס
שארפנ
שאָבנ
שאָכנ
שאָס
שוטעפּ
שוכ — שיכ
שולד
שוסטער
שורעסווײַז
שויכעט
שוינ
שוואכ
שווארצ
שוואָגער
שוויצנ
שווייס
שוועבל
שוועסטער
שטאט
שטאל
שטאנדפּונקט
שטארקײַט
שטאָט
שטוב
שטול
שטופּנ
שטורעמ
שטיפנ
שטיקנ
שטיינ
שטײַער
שטעכנ
שטעלנ
שטענדיק
שטעקל
שטערנ
שטרײַק
שילטנ
שיקער
שײַטל
שלאפּ
שלאָגנ
שלאָפנ
שליטנ
שליסל
שלײַענ
שלעכט
שמאלצ
שמועס
שניי
שנײַדנ
שעמענ
שפּאצירנ
שפּאקולנ
שפּיליענ
שפּילנ
שפּײַכלער
שפּײַעכצ
שרײַענ
שרעקנ

איינהאלט

זײַט

פאָרוואָרט 5

I. זאץ 7

1. זאץ . . . . 7 (203)*
2. זאצטיפּנ 8 (206)

II. רייד און שריפט 10

3. קלאנגענ און אויסיעס (אלעפבייז) 10 (211)
4. דיאלעקט און ליטעראַרישע שפראַכ 12 (215)
5 די באצייכענונג פונ די קלאנגענ 16 (221)
6. קלאנגענ־אסימיליאציע 20 (222)
7. טראַפּ. טראַפיקע „ל, נ“, אקצענט 22 (223)

III. וואָרטסטרוקטור, וואָרטבילדונג און אָרטאָגראַפיע 25

8. זעלבשטענדיקע און באהילפיקע ווערטער 25 (225)
9. וואָרט־טיילנ. וואָרצל און אפיקסנ 28 (227)
10. וואָרטסטרוקטור און וואָרטבילדונג 31 (229)
11. וואָרצל, אפיקס און אויסלייג 36 (232)
12. פרעפיקס און צוגאָב 38 (233)
13. אויסלייג פונ פרעפיקסנ און צוגאָבנ 41 (235)
14. פרעפיקס, צוגאָב און פרעפאָזיציע 44 (235)
15. פרעפאָזיציע און אויסלייג 47 (237)
16. פרעפאָזיציע און ארטיקל 50 (237)
17. כופיקס און פלעקסיע 54 (239)
18. אויסלייג פונ סופיקסנ, פלעקסיעס און ענדונגענ . . . 58 (240)
19. צונויפזאצ 63 (241)
20. אויסלייג און סימאָנימ פונ צונויפזאצנ 67 (242)
21. צונויפזאצ־טיפּנ 69 (243)

* אינ די קלאמערנ איז אָנגעוויזנ דאָס זײַטל פונ דער געגעבענער אופגאבע.

IV. זאצסטרוקטור, וואָרטקלאסן און אָרטאָגראַפּיע · 73

1. זאצגלידער און וואָרטקלאסן 73

22. סוביעקט, פּרעדיקאַט, אָביעקט 73 (246)
23. הויפּטגלידער און בײַגלידער 76 (247)
24. זאצגלידער און וואָרטקלאסן. ווערב און סובסטאַנטיוו 81 (249)

2. ווערב 83

25. ווערבפאָרמעס. פּרעזאַניקער ווערב, פּאַרטיציפּ און אינפיניטיוו . 83 (250)
26. פאָרמעס פון צאָל, פּערזאָן און צײַט 85 (250)
27. זעלטענערע צײַטפאָרמעס — פּריִערדיקע טווּנגען 90 (251)
28. זעלבשטענדיקע און באַהילפיקע ווערבן 92 (253)
29. פּעריזאַניקער ווערב 93 (254)
30. אינפיניטיוו 96 (254)
31. פּאַרטיציפּ 100 (258)
32. פאָרמעס פון פּאַקטישע און פון ניט קיין פּאַקטישע טווּנגען (מאָדוסן) 101 (260)
33. אקטיווע, פּאַסיווע און רעפלעקסיווע ווערבן 109 (253)
34. באַשרײַביקע ווערבן 114 (264)
35. גערונדיוו 116 (267)
36. ווערב און פּרעדיקאַט 118 (268)
37. פּרעדיקאַטיווע מיטשטימונג 121 (271)

3. סובסטאַנטיוו 124

38. סובסטאַנטיוו 124 (273)
39. איינצאָל און מערצאָל 127 (277)
40. מין 130 (278)
41. סובסטאַנטיוון אלס סוביעקטן און אָביעקטן און זייערע פאָרמעס · 133 (279)
42. אָביעקט און פּרעפּאָזיציע 135 (281)
43. סובסטאַנטיווישע בייגפאָרמעס און זייערע פונקציעס . . . 138 (282)
44. סוביעקט און אָביעקט אין אקטיווע און פּאַסיווע סטרוקטורן . 142 (283)
45. סובסטאַנטיווירטער אינפיניטיוו 147 (286)
46. פּאַסעסיוו 149 (288)
47. פּאַראַלעלע סובסטאַנטיוון 151 (288)

4. אדיעקטיוו 154

48. אטריבוט און אדיעקטיוו 154 (290)
49. אדיעקטיוו 156 (292)
50. אדיעקטיוו, פּאַראַלעלע סובסטאַנטיוון און צונויפגעזעצטער סובסטאַנטיוו 160 (293)

51. אדיעקטיווישע פאָרמעס 164 (296)
52. אדיעקטיווישע אויסבילדונג 167 (299)

5. צאָלוואָרט 170
53. צאָלוואָרט אונ אדיעקטיוו 170 (301)

6. אדווערב 173
54. קוואליפיציריקער אדוועדב אונ אדיעקטיוו 173 (303)
55. פארגלייב־שטופעס 178 (306)
56. ניטקוואליפיציריקער אדוועדב 182 (309)

7. פראָנאָם 186
57. פראָנאָם אונ אנדערע וואָרטקלאסנ 186 (310)
58. פראָנאָם־פאָרמעס אונ אויסלייג 190 (312)

8. זאצסטרוקטור 194
59. פונקציעס, פאָרמעס, אָפהענגיקייט 194 (314)

אופגאבעס . . . . 203 — 315
ביילאגעס 316

Редактор—М. Гуревич.
Техред—М. Погостер.
Корректор—М. Иткин.
Сдано в набор—16/IX — 35 г.
Подписано к печати 7/X-36 г.
Ф. б. 62X94$^1/_{16}$. 20$^1/_2$ п. л.
„Эмес“ № 167. Уп. Главлита Б—24162
Тираж 3.000.

Тип. „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9.
Зак. № 958.